STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08116

# DI FILOSOFYE FUN IDNTUM

Zvi Cahn

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# די פילאָזאָפיע פון אידנטום

צווייטער באַנד

# THE PHILOSOPHY OF JUDAISM

The development of Jewish thought throughout the ages,
from the Bible, Talmud, Jewish Philosophers,
Cabbalah, etc., till nowadays

by

ZVI CAHN

Ordained Rabbi, (Rabbinical College, Sochatchev);
Ph.D. in Philosophy and Psychology, (Berlin University);
Ph.D. in Semitics, (Dropsie College, Philadelphia, Pa.)

VOLUME II

FARBAND BOOK PUBLISHING ASSOCIATION, INC.
New York
1958

# די פילאָזאָפיע פון אידנטום

## די אַנטוויקלונג פון אידישן געדאַנק דורך אַלע צייטן
## אָנהויבנדיק פון תנ״ך, תלמוד, די אידישע פילאָזאָפן
## און קבלה ביז צו דער הייַנטיקער צייט

פון

**דר. צבי כהן**

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון

**פאַרבאַנד ביכער־פאַרלאַג**

ביים אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

**ניו־יאָרק — 1958**

*Copyright* 1958 *by*
DR. ZVI CAHN

*All Rights Reserved*

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

*Printed in the U.S.A. by*
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street, New York 3, N. Y.

253

# די תלמודישע עפּאָכע

# II

(די צייט פון די אמוראים)

.1

# די עפּאָכע פון די אמוראים

## דער ערשטער — רב

**רב קומט פון ארץ־ישראל קיין בבל און דער ראש הגולה מאַכט אים פאַר אַן אינספּעקטאָר פון מאָס און וואָג. — ער האָט אָבער רחמנות אויף די אידן און באַשטראָפט זיי ניט. — דער ראש הגולה אַרעסטירט אים דערפאַר. — רב ווערט דערנאָך ראש־ישיבה פון סורא. — ער באַפריינדעט זיך מיטן קעניג און ווערט רייך. — זיין פריינט, שמואל, מיט וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געאַמפּערט אין לערנען.**

מיר קומען איצט צו דער צייט פון די אמוראים, די שעפער פון תלמוד בבלי. כדי צו האָבן אַ באַגריף פון דעם וואָס דער תלמוד שטעלט מיט זיך פאָר, וועלן מיר דאָ אַרויספירן די הויפּט־פיגורן פון די שעפער פון תלמוד אין יענער עפּאָכע, פון 219 ביזן יאָר 500, אַ זייער אינטערעסאַנטע תקופה אין אידישן לעבן. אין דער שאַפונג פון תלמוד האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל פון 1,800 געלערנטע (די אמוראים) אויף ביידע געביטן, סיי אויפן געביט פון הלכה און סיי אויפן געביט פון אגדה.

מיר וועלן דאָ פּרובירן געבן צום ערשטן צוויי פון די הויפּט־געשטאַלטן פון די שעפער פון תלמוד, גלייך אין אָנהויב, ד. ה. אין ערשטן דור פון די אמוראים. עס איז געווען די צייט, וואָס הויבט זיך אָן מיטן יאָר 219 (לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג) ביזן יאָר 259 — אַ משך פון 40 יאָר. די דאָזיקע הויפּט־פיגורן זיינען געווען צוויי באַרימטע נעמען אין תלמוד: רב (ראַוו) און שמואל, צוויי חברים, צוויי פריינט, וועלכע האָבן צוזאַמען שטודירט די משנה און זיינען כמעט שטענדיק ניט געווען איינשטימיק סיי בנוגע דעם טייטש און סיי בנוגע די דינים, וואָס זיינען פאַרבונדן דערמיט. אָבער איידער מיר גיין ווייטער ווילן מיר דאָ געבן אַ שילדערונג פון יענער צייט אין בבל, וואו עס איז געווען קאָנצענטרירט דער גרעסטער טייל פון אידישן פאָלק און וואו די אידן האָבן געהאַט אַ מין רעליגיעזע אויטאָנאָמיע, צו קאָנען אָנגיין זעלבסטשטענדיק מיט זייערע רעליגיעזע ענינים און זיי האָבן דאָס טאַקע אויסגענוצט צו שאַפן גרויסע ישיבות און אויך אַנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

* * *

אין ארץ־ישראל איז דעמאָלט געווען נאָכן חורבן פון צווייטן בית־המקדש און אויך פון גאַנצן לאַנד. די רוימישע מאַכט האָט טאַקע ניט אַרויסגעטריבן די אידן פון לאַנד און אין אַ געוויסן זין איז אויך דאָרטן געווען אַ מין אויטאָנאָמיע, מיט אידישע פּרעזידענטן און פירער, אָבער די אידישע מאַסן און אויך די פירער האָבן ניט געוואָלט און ניט געקאָנט אין זייער אייגן לאַנד זיין פאַרשקלאַפט צו אַן אַנדערער מאַכט, צו רוים, וועלכע האָט געהערשט מיט איר גאַנצער ברוטאַלער מאַכט. עס איז געווען אַ שרעקלעך געפיל צו פילן זיך אין דער אייגענער היים ווי אַ קנעכט צו אַנדערן; צו דינען צו אַ האַר, וואָס הערשט איבער דיר און דאָס אין דיין אייגן הויז. דעריבער האָבן סיי די מאַסן און סיי די פירער שוין בעסער געוואָלט לעבן אין דער פרעמד, אין אַן אַנדער לאַנד, אונטער אַ פרעמדער מאַכט, איידער אין ארץ־ישראל אונטער רוים.

בבל איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע מאַכט, וואָס האָט אַריינגעלאָזט די אידישע אויסוואַנדערער פון ארץ־ישראל און האָט זיי אויפגענומען בכבוד גדול. די אידן האָבן געקאָנט דאָרטן זיך אויסלעבן אַלס אידן, פיל בעסער ווי אין ארץ־ישראל און אויך געקאָנט דאָרטן זיך אַ סך בעסער איינאָרדענען זייער עקאָנאָמיש לעבן. דעריבער זעען מיר ווי אַ גרויסער שטראָם פון אידישע מאַסן ציט זיך כסדר קיין בבל אין פאַרלויף פון גאַנצן דריטן יאָרהונדערט און מיט זיי גייט אויך אַהין די אינטעליגענץ, די רבנים און געלערנטע, די פירער פון די מאַסן. אין בבל איז אייגנטלעך דעמאָלט ניט געווען ערשט אַן אָנהויב פון אַ אידישן לעבן, ניין, עס זיינען דאָרטן געווען גרויסע אידישע קהילות נאָך פון די צייטן פון ערשטן גלות און עס האָבן געלעבט דאָרטן טויזנטער אידן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געהאַט איינגעבירגערט און וועלכע זיינען ניט צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט עזרא׳ן און נחמיה׳ן.

די דאָזיקע אידישע קהילות פון בבל האָבן אין דער גאַנצער צייט, וואָס דאָס צווייטע בית־המקדש איז געשטאַנען (אין די מער פון פיר הונדערט יאָר פון אידישער זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל), געפירט אַ שטיל אידיש לעבן און זיינען דאָרטן אויסגעוואָקסן שטאַרק, סיי אין עקאָנאָמישן און סיי אין גייסטיקן זין, כאָטש זיי האָבן די גאַנצע צייט געקראָגן זייער השפעה אין יעדער הינזיכט פון דער אידישער מדינה. אָט צוליב דעם איז די עמיגראַציע פון אידישע מאַסן ניט געווען אין אַ לאַנד, וואו עס איז נאָך קיין אידישער ישוב ניטאָ, נאָר פאַרקערט, עס איז געווען אַן עמיגראַציע אין אַ לאַנד, וואוהין עס איז אין דער גאַנצער צייט פון דער צווייטער מלוכה געווען גרויסע אידישע קהילות און אויך פון וואַנען עס האָט זיך געצויגן אַ שטראָם פון צוריקקומער פון בבל קיין ארץ־ישראל.

בבל איז פריער געווען אַ ברייטער באַגריף פאַר פיל לענדער אונטער איין הערשאַפט. אָבער אין דער צייט פון תלמוד איז די געגנט, וואו די אידן זיינען געווען אַממערסטנס קאָנצענטרירט, באַשטאַנען פון אַ קליין שטיק לאַנד מיט אַ קליינער צאָל פון שטעט. דאָס איז געווען די געגנט אויף מזרח־זייט פון טייך פרת (פראָס) מיט אַ הויפּט־שטאָט אין פומבדיתא (פּומבעדיסע). אַט די שטרעקע לאַנד האָט געהאַט די שטאָט נהרדעא (נעהאַרדאָע) אויף צפון־זייט און די שטאָט סורא (זי האָט זיך אויך גערופן מתא מחסיא — מאָסאָ מעכאַסיע) אויף דרום־זייט, און ניט ווייט פון מחסיא איז אויך געווען די שטאָט מחוזא (מעכוזאָ). פון אַלע שטעט איז די שטאָט נהרדעא געווען די סאַמע שענסטע און אויך די סאַמע אידישסטע. ניט ווייט פון נהרדעא איז געווען אַ שטאָט פירוז־שבור (פּירוזש־שעוואור), וועלכע איז געווען אַ פעסטונג. אויך איז ניט ווייט פון נהרדעא געווען די הויפּט־שטאָט פּומבדיתא לעבן אַ טייכל וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון טייך פרת. פּומבדיתא איז אויך געווען אַ שיינע שטאָט און באַוואוינט פון פיל אידן, אָבער ניט אַזוי ווי נהרדעא. די שטאָט מתא מחסיא איז געווען, ווי געזאָגט, אויף דער אַנדע־רער זייט מדינה. דאָס איז אומגעפער אַן ערך פון צוויי און צוואַנציק ענגלישע מייל, פון פּומבדיתא. היות די שטאָט איז געווען לעבן אַ קליין טייכל, וואָס האָט זיך גערופן סוריא. האָט מען דערפאַר שוין אויך גערופן די שטאָט מיטן נאָמען „סורא״. אַ פיל אינגערע שטאָט אין יענער צייט איז געווען מחוזא, ביים טייך חידקל, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרן זייער שיין און האָט אין אַ געוויסן זין גענומען קאָנקורירן מיט די אַלטע שטעט — פּומבדיתא און נהרדעא.

* * *

צווישן די אידישע געלערנטע, וועלכע זיינען מיטגעגאַנגען מיטן שטראָם פון די אידישע מאַסן קיין בבל, איז געווען איינער וואָס איז געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן (ר׳ יהודה הנשיא אין ארץ־ישראל). זיין נאָמען איז געווען אבא, אָבער מען האָט אים גערופן „אבא אריכא״, וואָס עס מיינט אויף אַראַמעאיש דער הויכער אבא. שפּעטער אין בבל האָט אבא אריכא געקראָגן אַן אַנדערן נאָמען, מיט וועלכן ער איז באַקאַנט צו אַלע די וועלכע שטודירן דעם תלמוד. דער נאָמען איז „רב״ (ראַוו), אַזאַ טיטל, ווי למשל, „רבי״ אין ארץ־ישראל. אבא אריכא איז געקומען קיין ארץ־ישראל נאָך זיין יוגנט־פריינט שמואל, אָבער וועגן שמואל׳ן וועלן מיר רעדן שפּעטער.

„רב״ איז געקומען קיין בבל אין יאָר 219 (לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג). ער איז געקומען פון ירושלים, ארץ־ישראל, וואו ער איז געווען, ווי געזאָגט, אַ תלמיד פון ר׳ יהודה הנשיא („רבי״). רב׳ס פאָטער האָט געהייסן „אייבו״. דער פאָטער האָט געהאַט אַ ברודער מיטן נאָמען „חייא״ (כיאַ — אַזוי ווי חיים איצט), וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער לערנער און איז אויך געווען אַ תלמיד פון רבי׳ן. ווען ר׳ חייא האָט זיך דערוואוסט,

אַז זיין פּלימעניק אבא וויל פאָרן קיין בבל, האָט ער אים געראָטן, אַז איידער ער וועט אַוועקפאָרן, זאָל ער קריגן פון רבי׳ן סמיכה אויף רבנות. רבי האָט אים געגעבן בלויז אַ טיילווייזע סמיכה, בלויז צו קאָנען פּסק׳ענען שאלות און צו פירן דין־תורה׳ס, אָבער ניט בנוגע אַנדערע זאַכן.

די ידיעה, אַז אבא אריכא (רב) קומט קיין בבל פון ארץ־ישראל און וועט זיך דאָרטן באַזעצן, האָט אַרויסגערופן דאָרטן אַ גרויסע פרייד, ווייל אַלע האָבן געפילט, אַז דאָס וועט נאָר צוגעבן חשיבות צו דעם אידישן ישוב פון בבל. די רבנים זיינען דעריבער אים אַנטקעגנגעפאָרן און אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

כדי זיך צו באַקענען מיטן אידישן לעבן אין בבל, האָט רב געמאַכט אַ רייזע איבערן לאַנד. אין יענער צייט איז שוין געווען אַ ישיבה אין נהרדעא און דער ראש־ישיבה איז געווען ר׳ שילא. ווען רב איז געקומען קיין נהרדעא, האָט ר׳ שילא געזאָגט, אַז ער, רב, זאָל ווערן דער ראש־ישיבה, אָבער רב האָט עס ניט געוואָלט און אַפילו נאָכן טויט פון ר׳ שילא האָט רב געזאָגט, אַז די שטעלע אַלס ראש־ישיבה קומט גיכער זיין פריינט שמואל, וועלכער איז געקומען פאַר אים און האָט געוואוינט די גאַנצע צייט אין נהרדעא. רב אַליין איז דעמאָלט אַוועק קיין סורא און האָט גע־גרינדעט דאָרטן אַ ישיבה.

ווי געזאָגט, איז אין יענער צייט דאָס אידישע לעבן אין בבל געווען איינגעאָרדענט לויט אַן אויטאָנאָמיע אין רעליגיעזע ענינים. אין דער שפּיץ פון די אידישע קהילות איז געשטאַנען איינער, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן צו זיין דער „ריש גלותא״, דער ראש פון גלות, דער עקזילאַרך. אין דער צייט פון רב׳ן איז דער עקזילאַרך געווען אַן אַנגעזעענער איד, אַ גרויסער עושר מיטן נאָמען ר׳ ענן. אַזוי ווי רב האָט פון דער ישיבה ניט געהאַט גענוג פּרנסה, האָט מען זיך געווענדעט צום ראש־הגולה, אַז ער זאָל געבן רב׳ן אַן אַמט פון וואָגען צו האָבן חיונה. ר׳ ענן האָט אים געמאַכט פאַר אַן אינספּעקטאָר און אויפזעער איבער די מאַרק־פּלעצער פון שטאָט, צו זען, אַז מען זאָל ניט אָפּנאַרן קיינעם מיט דער וואָג און מאָס. רב האָט אָבער געהאַט מיטלייד מיט די זינדיקע מענטשן און האָט זיי ניט פאַרפאָלגט. דאָס האָט פאַר־דראָסן דעם ראש הגולה און ער האָט דאָס רב׳ן אויסגערעדט. רב האָט אים דערויף געענטפערט, אַז ער וועט שטענדיק האַנדלען לויט זיין געוויסן און ניט לויט די באַפעלן פון אַ העכערן באַאַמטן. דער ראש־הגולה האָט דערפאַר געהייסן אַרעסטירן רב׳ן און אים אַריינזעצן אין געפענגעניש. ער האָט אים ערשט באַפרייט נאָכדעם ווי אַ ריכטער, קרנא, האָט אים אויפגע־וויזן, אַז עס וועט זיין אַ שאַנדע פאַר בבל, אויב מען וועט זיך דערוויסן אין ארץ־ישראל אַז מען האָט רב׳ן אַרעסטירט און פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט. רב איז ווידער געבליבן ביי זיין אַמט אַלס אויפזעער איבער וואָגן און מאָסן און עס איז נאָך אויסגעברייטערט געוואָרן זיין אַמט, אַזוי אַז ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו אונטערזוכן די וואָגן און מאָסן פון גאַנצן לאַנד.

אין יענער צייט האָט רב אויף אַ רייזע זיך באַקענט אין פומבדיתא מיטן קעניג פון בבל, אַרטאַבאַן דער דריטער. דער קעניג האָט זיך אינטע־רעסירט מיט רב׳ס קענטעניש און אים שטאַרק מקרב געווען. עס האָט גאָרניט לאַנג געדויערט און עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע פריינט־שאַפט צווישן דעם קעניג און דעם אידישן געלערנטן. אַלס אויסדרוק פון פריינטשאַפט האָט דער קעניג געשיקט אַ בינטל פון טייערע פערל צו רב׳ן.

אויף דער דאָזיקער רייזע איבערן לאַנד האָט רב געזען, אַז די אידן זיינען שטאַרק פאַרגרעבט, היטן ניט אָפּ די תורה, און זייער מאָראַלישער צושטאַנד איז אויך זייער נידעריק. מען האָט ניט אָפּגעהיט כשרות און ניט שבת און עס איז אויך געווען אַ גרויסע דעמאָראַליזאַציע אין ענין פון חתונות. איינמאָל האָט רב אונטערגעהערט ווי צוויי אידישע פרויען רעדן צווישן זיך און איינע זאָגט צו דער אַנדערער: אפשר קאָנסטו מיר זאָגן וויפיל מילך מען דאַרף אַריינגיסן אין טאָפּ ווען מען קאָכט אין גאַנצן איין פערטל פונט פלייש? אין אַן אַנדער אָרט, ווידער, האָט ער געזען ווי די הפקרות בנוגע פרויען איז זייער גרויס; ווי אַזוי אַ מאַן איז מקדש פלוצלונג אין דער גאַס אַ פרוי, גייט מיט איר שלאָפן און דערנאָך טרייבט ער זי אַרויס, ווי זי וואָלט גאָרניט אָנגעהערט צו אים. אָט־דאָס און נאָך אַנדערע ענלעכע סצענעס האָבן אים שטאַרק פאַרביטערט און ער האָט באַשלאָסן איינצופירן מער אָרדענונג אין אידישן לעבן.

רב איז דאַן אַוועק צוריק קיין סורא און האָט אַוועקגעשטעלט די ישיבה אויף אַ הויכער מדרגה פון לערנען. באַלד זיינען געקומען צו אים תלמידים פון נאָענט און ווייט. עס האָט גאָרניט לאַנג געדויערט און די צאָל פון די תלמידים אין זיין ישיבה האָט דערגרייכט דעם ציפער פון 1,200 און מער ווי הונדערט תלמידים האָבן זיך גאָר שטאַרק אויסגעצייכנט אין לערנען.

מיט דער צייט איז זיין ישיבה געוואָקסן וואָס אַ מאָל מער און איז אָנערקענט געוואָרן אַלס די גרעסטע אַקאַדעמיע פאַר אידישן וויסן אין בבל. אין יענער צייט האָט פּאַסירט, אַז איינער וואָס האָט זיך מגייר געווען איז געשטאָרבן און האָט ניט געלאָזן קיין יורשים. רב האָט דעמאָלט גע־קראָגן זיין הויז און עס געמאַכט פאַר אַן אַנעקס צו זיין ישיבה. דאָס הויז האָט דאַן געקראָגן דעם נאָמען „גינתא דבי רב" (דער גאָרטן פון די תלמידים פון רב).

רב׳ס נאָמען איז איצט שטאַרק געוואָקסן און אַזוי ווי דער קעניג האָט אים געשטיצט אין אַלץ וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון אים, האָט ער געקראָגן די רעכט צו באַשטראָפן די, וועלכע פאָלגן אים ניט. די שטראָף איז באַ־שטאַנען אין צוויי פאָרמען: אין אַריינלייגן איינעם אין חרם און אין געבן שמיץ דעם וואָס פאַרזינדיקט זיך. רב האָט דעריבער איינגעפירט אויף אַ שטרענגן אופן כשרות אין לאַנד און האָט אַרויסגעגעבן וועגן דעם שטרענגע

געזעצן. ער האָט אויך פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט אַ פרוי וואָס מען טרעפט צופעליק. ער האָט איינגעפירט, אַז חתן־כלה מוזן זיך פריער זען און אָפּריידן צווישן זיך וועגן אַ חתונה. די חתונה זאָל זיין דורך אַ צערעמאָניע. אויך טאָר מען ניט לייכטזיניק אָפּ׳גט׳ן אַ פרוי, און נאָכן גט טאָר מען ניט זאָגן אַז דער גט איז קיין גט ניט, ווי עס האָבן דעמאָלט אַ טייל געטאָן, און צוליב דעם זיינען פיל אידישע פרויען געבליבן עגונות. ער האָט אויך איינגעפירט, אַז אַ פאָטער זאָל ניט טאָרן פאַר׳קנס׳ן זיין טאָכטער ווי לאַנג זי איז נאָך ניט רייף. ער מוז וואַרטן ביז זי ווערט אַ בוגרת און וועט קאָנען זאָגן צי זי וויל חתונה האָבן מיט דעם מאַן וואָס מען שלאָגט איר פאָר אָדער ניט. פאַר ניט פאָלגן די אַלע תקנות, האָט רב געהייסן געבן שמיץ. רב האָט אויך איינגעפירט, אַז ווען אַ רב שיקט נאָך עמעצן צו קומען צו אים און יענער וויל ניט קומען, זאָל מען אים לייגן אין חרם אַריין אויף דרייסיק טעג; אויב נאָך די דרייסיק טעג וויל ער אַלץ ווייטער ניט קומען, זאָל ער קריגן שמיץ. דאָס אַלץ איז געווען נויטיק כדי צו צוימען די הפקרות און ווילדקייט פון די אידן אין יענער צייט און צווינגען זיי צו פירן זיך אויף אַן אָרענטלעכן אידישן אופן.

רב איז געוואָרן זייער רייך און האָט זיך געקויפט פיל הייזער און לאַנד, אָבער ער האָט אַליין געאַרבעט אין פעלד. ער האָט אויך געהאַלטן פון לאַנד־אַרבעט פאַר יונגע מענטשן און האָט איינגעפירט אַז די תלמידים זאָלן קומען אין זיין ישיבה בלויז צוויי מאָל אַ יאָר, אין חודש אדר, פאַר פסח, און אין חודש אלול, פאַר די ימים נוראים, אין דער צייט ווען זיי זיינען פריי פון פעלד־אַרבעט. אָט די חדשים זיינען גערופן געוואָרן „ירחי דכלה“ (יאַרכעי דכאַלע), ווען מען האָט אָפּגעגעבן די גאַנצע צייט פאַר תורה און מען האָט דעריבער די תלמידים גערופן „בני כלה“. רב האָט אויך גע׳דרשנ׳ט פאַרן עולם אין אַ שבת פאַר אַ יום־טוב. אַזאַ שבת האָט מען גערופן „שבתא דריגלא“ (דער שבת פאַרן רגל, פאַרן יום־טוב) און די צוהערער האָט מען גערופן „בני ריגלא“.

מיט רב׳ס דערקלערונגען פון דער משנה איז פול דער גאַנצער תלמוד בבלי. זיינע דערקלערונגען גייען אונטער „מימרא“. מיר געפינען אויך טייל־מאָל אַן אויסדרוק ביי רב׳ס דערקלערונגען וואָס הויבן זיך אָן מיטן וואָרט „איתמר“ (מיר האָבן געלערנט). ער האָט אָפט געהאַט חילוקי־דעות מיט זיין בעסטן פריינט שמואל און, ווי שוין געזאָגט, איז דער כלל געווען, אַז עס איז אַזוי ווי רב, ווען עס האַנדלט זיך וועגן כשר און טריפה אָדער אסור און מותר, ווי בכלל אין רעליגיעזע ענינים, אָבער ווען עס קומט צו ריין־מענטשלעכע ענינים, צו פראַגן וועגן געלט־שאָדנס א. ד. גל. בלייבט דער דין אַזוי ווי שמואל.

אבא אריכא (רב) איז געבליבן איינער פון די הויפט־פיגורן און פון די סאַמע ערשטע פון תלמוד בבלי. זיין נאָמען באַגעגנט מען כסדר, כמעט

אויף יעדן בלאַט, ווייל ער האָט געגעבן זיינע דערקלערונגען און טייטשן צו כמעט יעדער משנה. רב איז אָבער ניט געווען בלויז דער ערשטער אמורא (אָדער פון די ערשטע אמוראים), ער האָט געהאַט נאָך אַ באַזונדערן זכות — מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ שטיקל תנא. אין געוויסע פאַלן אין דער גמרא, ווען עס קומט אויס, אַז רב טרעט אַרויס קעגן דער משנה אָדער קעגן אַ תנא, פאַרענטפערט מען דאָס מיט די ווערטער „רב תנא הוא ופליג" (רב איז אַ תנא און ער מעג ניט זיין איינשטימיק מיט די תנאים פון דער משנה).

אָבער כאָטש מיר האָבן דאָ דערקלערט, אַז רב איז געווען אויף די עלטערע יאָרן רייך און האָט שטרענג באַשטראָפט די וועלכע האָבן ניט אויסגעפאָלגט זיינע פאַראָרדענונגען, דאַרף מען ניט מיינען, אַז ער איז געווען אַ בייזער מענטש אָדער אַ מענטש וואָס האָט שטאַרק געבלאָזן פון זיך. ניין, רב איז געווען זייער אַ שטילער און באַשיידענער מענטש. עס איז געווען אַמאָל אַ מעשה, אַז אַ קצב האָט אים באַליידיקט אין דער גאַס, פאַר אַלע מענטשן אין די אויגן, האָט פונדעסטוועגן רב ניט דערלאָזט, אַז מען זאָל אים דערפאַר באַשטראָפן און דערצו געוואַרט ביז ערב יום־כפור, אַז דער קצב זאָל קומען צו אים און אים בעטן אַז ער זאָל אים מוחל זיין. ערב יום־כפור, ווען עס איז שוין געוואָרן באַלד נאַכט, און דער קצב איז ניט געקומען, איז ער אַליין אַוועק צום קצב און אים געזאָגט, אַז ער האָט אים מוחל געווען.

אָבער אַט־דער גרויסער מענטש, וואָס איז געווען באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד, האָט געהאַט אַ ווייב וואָס האָט זיך מיט אים כסדר געקריגט און אים געטאָן להכעיס. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז יעדן טאָג אין דער פרי, איידער רב איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, האָט זי אים בכיוון געפרעגט וואָס ער וויל עסן צו סאַפּער, כדי צו קאָכן עפּעס פונקט פאַרקערט. ווען רב האָט איר געזאָגט אַז זי זאָל קאָכן לאָקשן, האָט זי געקאָכט אַרבעסן און ווען ער האָט איר געהייסן קאָכן אַרבעסן, האָט זי אים געקאָכט לאָקשן. ווען רב׳ס זון, חייא, איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער איבערגענומען פון פאָטער צו זאָגן דער מאַמען וואָס צו קאָכן פאַרן טאַטן פאַר סאַפּער. האָט ער איר געזאָגט פונקט פאַרקערט. ווען דער טאַטע האָט אים געהייסן זאָגן לאָקשן, האָט ער דער מאַמען געזאָגט אַרבעסן — האָט זי געקאָכט לאָקשן, איז אַרויסגעקומען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. האָט זיך רב אָנגעהויבן צו וואונדערן וואָס זיין ווייב איז עפּעס פּלוצלונג גוט געוואָרן צו אים. איינמאָל האָט ער די באַוואונדערונג אויסגעדריקט צו זיין זון, חייא׳ן. האָט אים חייא אויסגעזאָגט, אַז דאָס איז זיין אַרבעט. ער זאָגט דער מוטער פאַרקערט פון דעם וואָס דער פאָטער זאָגט אים, קומט דעריבער ממילא אַרויס דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. האָט אים רב געזאָגט, אַז כאָטש זיין כוונה איז צום גוטן, זאָל ער עס מער ניט טאָן, כדי ניט איינגעוואוינען זיך צו זאָגן ליגן.

.2

# דער אמורא שמואל

## (דאָקטאָר, יוריסט און אַסטראָנאָם)

**שמואל, אַ הויכער אינטעליגענט און ליבעראַל. — שמואל'ס יורידישע כללים וועלכע זיינען פון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן. — פאַרוואָס שמואל האָט ניט גע־האַט קיין סמיכה אויף רבנות. — ער האָט געלעבט 97 יאָר און איבערגעלאָזט אַ גרויסע גייסטיקע ירושה.**

רב'ס בעסטער פריינט און חבר אין לעבן איז געווען שמואל בן אבא, וועלכן מען האָט אויך גערופן „שמואל ירחינאה" (פון דעם וואָרט „ירח", אַ חודש, ווייל ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן דעם קאַלענדאַר). שמואל איז געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ מענטש. רב איז געווען מער אַריינגעטאָן אין פרומער אידישקייט און האָט פון קיין שום אַנדערע זאַכן ניט געוואָלט וויסן; ער איז רק געווען אינטערעסירט אין לערנען און געזוכט נאָר צו שטאַרקן אידישקייט. שמואל אָבער איז געווען אַ חוץ גרויס אין לערנען אויך אַ געלערנטער, אַ וויסנשאַפטסמאַן און האָט זיך אינטערעסירט אין פיל צווייגן פון דער וויסנשאַפט, אויף ווי ווייט זי איז געווען אַנטוויקלט אין יענער צייט. אַזוי האָט ער זיך אינטערעסירט שטאַרק אין אַסטראָנאָמיע. ער איז אויך געווען אַ דאָקטאָר פון מעדיצין און אויך אַ גרויסער יוריסט.

שמואל ירחינאה איז געקומען קיין בבל פריער פאַר רב'ן. ווען שמואל איז געקומען, איז אין נהרדעא געווען דער ראש־ישיבה (עס האָט דעמאָלט דאָרטן געהייסן „ריש סידרא") רבי שילא, איינער פון די באַרימטע אמוראים פון תלמוד. ווען רבי שילא איז געשטאָרבן, האָט מען געמאַכט שמואל'ן פאַרן ראש־ישיבה אויף זיין אָרט.

שמואל אַלס הויכער אינטעליגענט האָט ניט געהאַלטן פון פאַרשידענע אָבערגלויבנס, וואָס האָבן זיך געהאַט אַריינגעכאַפּט דעמאָלט אין אידנטום און אַזוי אויך ניט פון די איבערגעטריבענע פאַנטאַזיעס וועגן קומען פון משיח. ער האָט כסדר דערקלערט, אַז מען זאָל זיך ניט איינרעדן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן געשעען וואונדער. דאָס איז פאַנטאַזיע. ער האָט געזאָגט: „אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכות בלבד" (עס איז ניטאָ קיין אונטערשיד צווישן דער איצטיקער צייט און דער צייט ווען משיח וועט קומען, זוי בלויז דאָס וואָס די אידן וועלן מער ניט זיין אונטערגעוואָרפן אונטער פרעמדע הערשער).

אַלס יוריסט האָט שמואל פעסטגעשטעלט געוויסע גרונטזעצלעכע כללים, וועלכע זיינען אָנערקענט געוואָרן פון אַלע. אַזוי האָט ער דערקלערט, אַז דער געזעץ פון לאַנד איז דער געזעץ וואָס איז גילטיק, און מען דאַרף עס אָפּהיטן („דינא דמלכותא דינא"). דערמיט האָט ער געוואָלט באַצוועקן צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז די אידן זאָלן זיך אונטערוואַרפן אונטער דעם געזעץ פון לאַנד און ניט קעמפן קעגן דעם און ממילא פאַרמיידן פיל צרות; און צווייטנס, וועלן די הערשער וויסן, אַז דער אידישער געזעץ הייסט די אידן אָנערקענען דעם געזעץ פון דעם לאַנד וואו זיי וואוינען. דערמיט האָט שמואל נאָכגעפאָלגט די עצה פון ירמיה הנביא, וועלכער האָט נאָך אין זיין צייט געזאָגט: „ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה׳ כי בשלומה יהיה לכם שלום" (און איר זאָלט זוכן דעם פרידן פון דער שטאָט, וואו איך פאַרטרייב אייך אַהין און איר זאָלט בעטן פאַר איר צו גאָט, וואָרים אין איר פרידן וועט אויך זיין פרידן צו אייך).

שמואל איז מיט זיין קלוגשאַפט און געלערנטקייט געוואָרן באַליבט אין די פּערסישע קרייזן. ער האָט זיך געחבר׳ט מיט די ניט־אידישע געלערנטע און גייסטלעכע פון זיין צייט, און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. אַזוי זעען מיר, אַז שמואל זאָגט אַז די וועגן פון הימל און דער גאַנג פון די שטערן, איז אים אַזוי קלאָר ווי די גאַסן פון נהרדעא, אַ חוץ פון איין זאַך וואָס ער ווייסט ניט און דאָס איז וועגן גאַנג פון די קאָמעטן („נהירין לי שבילי דרקיעא כשבילי דנהרדעא לבר מכוכבא דשביט דלא ידענא מאי ניהו" — ברכות נ״ח). אַ דאַנק זיין אינטערעס אין אַסטראָנאָמיע האָט שמואל געוואוסט ווי אַזוי איינצואָרדענען אַ לוח וועגן די ימים טובים אַזוי, אַז מען זאָל ניט דאַרפן אָנקומען וועגן דעם צו די פירער פון ארץ־ישראל, ווי עס איז דעמאָלט געווען איינגעפירט.

אַלס דאָקטאָר פון מעדיצין הערן מיר אָפט שמואל׳ס מיינונגען וועגן פאַרשידענע קראַנקייטן. אַזוי, למשל, האַלט ער, אַז די סיבה פון אַלע קראַנקייטן איז פון פאַרדאָרבענער לופט („הכל ברוח" — בבא מציעא, קי״ז). ער האָט אויך געשאַפן געוויסע זאַלבן צו קורירן קראַנקייטן.

* * *

שמואל איז בטבע געווען אַ „מקיל", דאָס הייסט, איינער וואָס זוכט צו פאַרלייכטערן די דינים, ניט צו מאַכן זיי צו שווער. אין דער צייט ווען זיין פריינט און קאָלעגע, רב, איז געווען, פאַרקערט, אַ „מחמיר", איינער וואָס זוכט נאָר צו פאַרשטאַרקן דעם געזעץ און צו מאַכן אים וואָס שטרענגער. שמואל האָט דעריבער געשאַפן אַ כלל, אַז שטענדיק ווען אַן אמורא זוכט צו פאַרלייכטערן אַ דין (לקולא) בלייבט עס אַזוי. אַזוי איז, למשל, זיין דין, אַז „הלכה כדברי המקיל באבל" (די הלכה איז אַזוי ווי עס האָט געזאָגט דער וואָס האָט פאַרלייכטערט די דינים ביי אַן אבל — עירובין מ״ו). שמואל האָט מתיר געווען אויסצולעשן אום שבת ברענענדיקע קוילן, וואָס עמעצער

האָט אַרויסגעוואָרפן, כדי מענטשן זאָלן זיך ניט אָפּבריען (שבת מ״ב). ער האָט אויך גע׳פּסקנ׳ט קעגן רב׳ן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז פּסח דאַרף מען צעברעכן דאָס גאַנצע חמצ׳דיקע געפעס. שמואל האָט געזאָגט, אַז ניין, מען דאַרף עס ניט צעברעכן, מען קאָן עס כשר׳ן (פּסחים, ב״ד). עס געפינט זיך אויך אַ שטעלע אין דער גמרא, וואו עס ווערט דערציילט, אַז אין אָנהויב האָט שמואל געמיינט, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ תנא וואָס זאָל זיין אַזאַ מקיל ווי ר׳ מאיר, דערפאַר האָט ער גע׳פּסק׳נט אַזוי ווי ר׳ מאיר, אָבער ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ר׳ שמעון בן גמליאל איז נאָך מער מקיל ווי ר׳ מאיר, האָט ער געזאָגט, אַז די הלכה בלייבט ווי ר׳ שמעון בן גמליאל (תענית י״ח). שמואל איז געגאַנגען אַפילו אַזוי ווייט ווי צו זאָגן, אַז אָפּגעזען פון יום כפּור, איז ניטאָ קיין תענית ציבור אין בבל אויסער תשעה באב (פּסחים נ״ד).

אין „דיני ממונות״, אין געלט־לאַדענישן, האָט ער אַלס יוריסט פעסט־געשטעלט עטלעכע יורידישע כללים, ווי למשל, „המוציא מחבירו עליו הראיה״ (בבא קמא, מ״ז) — אַז דער מאָנער דאַרף ברענגען באַווייזן אַז יענער איז אים שולדיק און אַז ניט דער, ביי וועמען מען מאָנט זאָל באַווייזן, אַז ער איז ניט שולדיק. ער האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז אין געלט־ענינים גייט מען ניט לויט דער מערהייט, נאָר לויט דעם ווער עס האָט אַ מער גערעכטע טענה. שמואל האָט אויך גע׳פּסקנ׳ט פיל דינים לטובת אָרעמע און עלנדע. אַזוי, למשל, דעם דין, אַז ביי אַ שוועסטער וואָס די ברידער האַלטן איר אויס, דאַרף דאָך דאָס געלט וואָס זי פאַרדינט, געהערן צו איר (כתובות, מ״ג). געלט פון יתומים מעג מען געבן אויף פּראָצענט (וואָס געוויינטלעך טאָר מען ניט טאָן), כדי די יתומים זאָלן האָבן וואָס מער (בבא מציעא, ע׳). ער האָט אויך געשאַפן פיל הלכות אין די ענינים פון חתונות און גטין, צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון דער פרוי און צו געבן איר מער רעכט. אין דער הינזיכט האָט ער געקעמפט קעגן זיין חבר, רב, וועלכער האָט געוואָלט געבן מער רעכט דעם מאַן און מאַכן דער פרוי וואָס מער אָפּהענגיק פון אים.

* * *

אַזוי לאַנג ווי בבל איז געווען זעלבסטשטענדיק און אין איר הויפּט־שטאָט פּומבדיתא האָט געהערשט דער קעניג פון בבל, איז רב געווען זייער אָנגעזען אין קעניגלעכן הויף און דער קעניג האָט אַלע מאָל אַרויסגערופן רב׳ן צו זיך און מיט אים זיך באַראַטן וועגן פאַרשידענע ענינים, אָבער עס האָט גאָרניט לאַנג געדויערט און בבל איז אין אַ מלחמה, וואָס די פּערסישע רעגירונג האָט געפירט קעגן איר, באַזיגט געוואָרן פון דער פּערסישער מאַכט און די פּערסיער האָבן גענומען הערשן איבער בבל. אין יענער צייט איז רב׳ס מאַכט קלענער געוואָרן, דערפאַר אָבער האָט שמואל שטאַרק אויסגענומען מיט זיין חכמה אין הויף פון פּערסישן קעניג סאַפּאָר דער ערשטער (אויף אַראַמעאיש הייסט ער „שבור מלכא״) און איז געוואָרן

דאָרטן אַן אָפּטער אַריינגייער. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אים, שמואל׳ן, שוין גערופן אויפן נאָמען פון קעניג — „שבור מלכא״ (בבא בתרא, קט״ו).

אָבער די דאָזיקע פריינטשאַפט האָט געפירט אויך צו אַ געוויסער האַנדלונג פון שמואל׳ן וואָס האָט אַרויסגערופן אַ פּראָטעסט פון פאָלק קעגן אים. דאָס איז געווען ווען דער פּערסישער קעניג סאַפּאָר, וועלכער איז געווען אַ קריגס־העלד און געזוכט נאָר איינצונעמען פרעמדע לענדער, האָט אונטערגענומען אַ מאַרש אויף מערב־אַזיע און האָט באַלאַגערט און שפּעטער אויך איינגענומען די הויפּט־שטאָט פון קאַפּאַדאָריע, וועלכע האָט געהייסן מאַזאַקאַ קאַעסאַרעאַ, אַ גרויסע שטאָט מיט פיל טויזנטער איינוואוינער, וואָס אין איר האָבן זיך געפונען אויך פיל טויזנטער אידן. אין יענער מלחמה האָבן די אידן זיך באַטייליקט צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג און געקעמפט צוזאַמען מיט זיי. ווען דער פּערסישער קעניג האָט איינגענומען די שטאָט, האָט ער, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, אויס־גע׳הרג׳עט אַלע מאַנסלייט פון דער שטאָט, כאָטש זיי האָבן זיך אַלע שוין געהאַט אונטערגעגעבן און זיינען געווען אין קלאַס פון קריגס־געפאַנגענע. צווישן זיי האָט ער אויך אומגעבראַכט אַלע אידן, אין דער צאָל פון 12,000. ווען די נייעס איז באַקאַנט געוואָרן אין בבל, האָט עס אַרויסגערופן גרויס צער ביי די אידן און זיי האָבן געוואָלט רופן פּראָטעסט־מיטינגען, וואו די אידן זאָלן זיך רייסן קריעה און אויסדריקן זייער צער און טרויער אויף דער האַנדלונג פון דער פּערסישער מאַכט. שמואל אָבער האָט דאָס ניט דערלאָזט, צוליב זיין פריינטשאַפט מיטן פּערסישן קעניג און האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף ניט טרויערן אויפן טויט פון די אידן, ווייל זיי זיינען געווען שולדיק דערמיט וואָס זיי האָבן געקעמפט קעגן דעם פּערסישן קעניג „שבור מלכא״. די דאָזיקע רייד האָבן אַרויסגערופן פיל פאַרביטערונג קעגן אים און די אידן האָבן געזאָגט, אַז די פריינטשאַפט פון שמואל צום קעניג האָט אים פאַרבלענדט די אויגן ניט צו זען דעם גרויסן פאַרברעכן פון קעניג, אומצוברענגען אַזאַ ריזיקע צאָל פון געפאַנגענע אידן, שוין נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך געהאַט אונטערגעגעבן.

* * *

אָבער כאָטש שמואל איז געווען זייער אָנגעזען אין בבל ביי די אידן און אויך ביי ניט־אידן און איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער גרעסטער ישיבה אין בבל, האָט ער דאָך געטראָגן אין האַרצן אַ טיפן צער, דערפאַר וואָס רבי (ר׳ יהודה הנשיא), ביי וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען מיט ר׳ אבא׳ן (רב׳ן), האָט רב׳ן געגעבן סמיכה אויף רבנות און אים, שמואל׳ן, האָט ער קיין סמיכה ניט געוואָלט געבן. שמואל האָט אַ גאַנץ לעבן לאַנג געזוכט צו קריגן סמיכה אויף רבנות פון ארץ־ישראל און עס ניט געקראָגן.

דערפאַר איז זיין נאָמען געבליבן בלויז שמואל, כאָטש ער האָט געהאַט פיל אַנדערע טיטלען.

רב האָט זוכה געווען אויפצוציען אַ זון וואָס איז געווען גרויס אין לערנען מיטן נאָמען חייא (כיע) און אויך אַ טאָכטער וועלכער ער האָט חתונה געמאַכט מיט אַ זון פון „ריש גלותא" (עקסילאַרך). זיינע אייניקלעך זיינען געווען די עקסילאַרכן רבנא עוקבא און רבנא נחמיה. רב איז געווען 28 יאָר ראש־ישיבה פון סורא און איז געשטאָרבן אין עלטער פון 72 יאָר, אין יאָר 291 (לויט קריסטלעכער צייט־רעכענונג). זיין טויט איז באַוויינט געוואָרן אין גאַנץ בבל.

שמואל האָט געלעבט 97 יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן מיט 15 יאָר פריער פאַר רב׳ן און געלעבט אויך צען יאָר נאָך זיין טויט. שמואל האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זין, נאָר בלויז טעכטער, אָבער ער האָט איבער־געלאָזט פיל תלמידים, וועלכע האָבן געשאַפן ווייטער, אין זיין ליבעראַלן גייסט.

3.

# די אמוראים פון צווייטן דור

**דער רוב האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן, אָבער זיי זיינען שפּעטער געוואָרן רייך. — רב הונא, וועלכער האָט געשאָטן מיט גאָלד, כדי צו פאַרשפּרייטן תורה און וויסן. — רב יהודה, וואָס האָט געשאַפן דעם וועג פון פּלפּול. — רב ששת, אַ בלינדער, וואָס האָט געקאָנט אַלץ פון אויסנווייניק. — רב נחמן, אַן אַריסטאָקראַט, וואָס האָט געבלאָזן פון זיך, אָבער אַ גרויסער קענער פון געזעץ.**

די לאַגע פון די אידן אין בבל איז צום סוף פון ערשטן דור פון די אמוראים (אַרום 300 לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) ניט געווען צו־גוט. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס אַלע הערשער אין יענער צייט האָבן ניט געטראַכט פון עפּעס אַנדערש, ווי נאָר פון איין זאַך — צו פירן מלחמות אויף צו דעראָבערן נייע לענדער און צו פאַרשקלאַפן זיי. דערצו אויך האָבן די פּערסיער פון יענער צייט געדינט צו צוויי געטער, זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דער לערע פון זייער פירער זאַראַאַסטער, אַז עס זיינען דאָ צוויי געטער, וואָס פירן־אָן מיט דער וועלט: דער גאָט פון ליכט און דער גאָט פון פינסטערניש. דעריבער פלעגן זיי אָנצינדן פייערן אין זייערע געבעט־הייזער, אין זייערע רו־טעג און ימים טובים, און טאַנצן אַרום זיי מיט תפילות און געזאַנגען, ווייל פייער איז געווען פאַר זיי דער צייכן פון גאָט פון ליכט. צוליב דעם דאָזיקן גלויבן האָבן זיי גע׳רודפ׳ט די קריסטן, וואָס האָבן געוואוינט אין יענע געגנטן און אויך די אידן, און ניט געלאָזט זיי אָנצינדן קיין שום פייערן אין די נעכט פון זייערע ימים־טובים. די גלחים און הייליקע פון דעם פּערסישן גלויבן, וועלכע ווערן אָנגערופן אין תלמוד „חברים״, פלעגן אַרומגיין איבער די אידישע הייזער אין אַזעלכע טעג און אויסלעשן אַלע פייערן.

אין יענער צייט האָט אַ רייכער מאַן פון געגנט פּאַלמירע, מיטן נאָמען פּפּא בר נצר, געזאַמלט אַרום זיך אַ גרויסע אַרמיי און האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רוימישער מאַכט, וועלכע איז שוין דאַן געווען אָפּגעשוואַכט, און האָט ניט געקאָנט האַלטן אָרדענונג אין אַלע לענדער, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו איר. פּפּא בר נצר׳ס ציל איז געווען צו העלפן דער רוימישער מאַכט איינצונעמען די טיילן פון פּערסיע און בבל, וועלכע האָבן פריער געהערט צו איר. ער האָט געקראָגן דערויף הילף פון רוים אין דער פאָרם פון אַ גרויסער

אָפּטיילונג פון מיליטער און איז באַפאַלן די שטאָט נהרדעא און זי אינגאַנצן חרוב געמאַכט. צוליב דעם האָבן די תּלמידים פון שמואל׳ן, אין דער ישיבה פון נהרדעא, געמוזט אויסוואַנדערן אין אַנדערע שטעט, ווי למשל, אין די שטעט סורא, שכנציב (שכאַנציוו) און אויך פומבדיתא (פּומבעדיסע), די הויפּט־שטאָט.

* * *

די אַרבעט פון רב׳ן און שמואל׳ן, איינצואָרדענען דאָס אידישע לעבן אין בבל, האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אידישקייט איז טאַקע פאַרשטאַרקט געוואָרן און די שטרעבונג צו אידישער בילדונג און וויסן איז געשטיגן וואָס אַמאָל אַלץ מער.

איצט, נאָכן טויט פון רב׳ן און שמואל׳ן, זיינען אויפגעקומען נייע געלערנטע און פירער פון די ישיבות. זיי זיינען געווען זייערע תלמידים: רב הונא אין דער ישיבה פון סורא, אויף רב׳ס אָרט, און רב יהודה בן יחזקאל, דער ראש־ישיבה פון פומבדיתא. עס איז אויך געווען פּאָפּולער אין יענער צייט רב נחמן בן יעקב, וועלכער האָט זיך באַזעצט נאָכן חורבן פון דער שטאָט נהרדעא, אין דער שטאָט שכנציב און געשאַפן דאָרטן אַ שטיקל ישיבה. עס זיינען אויך געווען באַרימט אין יענער צייט די צוויי אמוראים רב ששת און ר׳ זירא (זעירא).

רב הונא האָט געפירט זיין ממשלה אין דער ישיבה פון סורא מיט אַ פעסטער מאַכט. ער איז געווען אַ קינד פון אָרעמע עלטערן, און כאָטש ער איז געווען אַ נאָענטער קרוב פון „ריש גלותא״, איז ער דאָך אין די יונגע יאָרן ניט געווען רייך. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט איז געווען אַ שטיקל פעלד וואָס ער האָט עס אַליין באַאַרבעט, אָבער מיט דער צייט איז ער רייך געוואָרן און האָט שוין געהאַט פיל פעלדער און גערטנער. דעמאָלט האָט ער אַליין שוין ניט געאַרבעט אין פעלד, און האָט איבערגעגעבן די אַרבעט צו אונטערנעמער, וועלכע האָבן געדונגען אַרבעטער און האָבן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער גרויסערווירטשאַפט.

רב הונא האָט אָבער ניט געבלאָזן פון זיך ווען ער איז געוואָרן רייך, נאָר האָט פיל געטאָן צו העלפן אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געזעצט עסן, האָט מען געעפנט ביי אים אַלע טירן פון זיין הויז און איינער פון זיינע באַדינער האָט אויסגערופן: „ווער עס איז הונגעריק, זאָל קומען עסן!״ ער האָט אויך אויסגעהאַלטן פון זיין קעשענע אַן ערך פון 800 תלמידים, וואָס זיינען געקומען צו אים אין די חדשים פון „כלה״, וואו דרייצן דאָלמעטשער („מתורגמנים״) האָבן פאַרטייטשט זיינע ווערטער צו דער גרויסער צאָל פון די תלמידים.

אין רב הונא׳ס צייטן איז דאָס אידישע לעבן אין בבל נאָך מער אויסגעבעסערט געוואָרן אין זין פון אָפּהיטן אידישקייט און אויך אין דער הינזיכט פון מאָראַל און צניעות.

40 יאָר איז רב הונא געשטאַנען אויף זיין פאָסטן אַלס ראש־ישיבה

(אָדער רעקטאָר) פון דער מתיבתא (מסיוועטע — אַזוי האָט זיך גערופן די ישיבה אויף אַראַמעאיש), און האָט אַרויסגעגעבן זייער פיל תלמידים. רב הונא איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 80 יאָר.

אויך דער נייער ראש־ישיבה פון פומבדיתא, רב יהודה בן יחזקאל, איז געווען אַ תלמיד פון רב׳ן, אָבער ער איז געגאַנגען אין וועג פון שמואל׳ן צו זיין אַ מקיל. ער האָט איבערגעבויט די ישיבה פון פומבדיתא אַלס די גרעסטע פון בבל און איר אַ נאָמען געגעבן „מתיבתא רבתי״ (די גרעסטע ישיבה). אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז כאָטש אין אָנהויב פון זיין ראָלע אַלס ראש־ישיבה, איז די ישיבה פון סורא געשטאַנען העכער ווי די פון פומבדיתא, האָט ניט לאַנג געדויערט און די ישיבה פון פומבדיתא האָט איבערגעשטיגן די לעצטע מיט דער צאָל פון תלמידים און אויך אין פרעסטיזש.

רב יהודה איז געווען באַרימט מיט זיין שאַרפן שכל. ער האָט געהאַלטן נאָר פון לערנען און ניט פון דאַוונען. ער פלעגט דעריבער דאַוונען איין מאָל אין דרייסיק טעג (קדושין, ע׳). צוליב זיין שאַרפן קאָפּ האָט מען אים גערופן „שיננא״, וואָס עס מיינט — שאַרפער מוח. ער האָט דער ערשטער איינגעפירט דעם וועג פון פלפול ביים פאַרטייטשן די משנה. באַזונדערס האָט ער אַרויסגעוויזן זיינע שאַרפע אַרגומענטן אין געלט־ענינים (דיני ממונות). ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ פּראַקטישן שכל און זיך ניט געוואָלט פאַרנעמען מיט אַזעלכע דינים און הלכות וואָס זיינען בטל געוואָרן צוליבן חורבן פון בית־המקדש. רב יהודה איז געווען פאַרזיכטיק צו דערמאָנען יעדע הלכה פון וועמען ער האָט זי געהערט, און אויב ער האָט ניט געוואוסט, האָט ער עס אָפן געזאָגט צו זיינע תלמידים.

רב יהודה האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס און האָט דעריבער שטאַרק מקפיד געווען צו טאָן אַ שידוך נאָר מיט חשוב׳ע פאַמיליעס. צוליב דעם האָט ער ניט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל חתונה האָבן מיט אַ מיידל, וועלכע ער האָט ליב באַקומען, ווייל ער האָט ניט געוואוסט גענוי ווער זי איז. ערשט ווען דער אמורא עולא, וועלכער פלעגט זייער אָפט פאָרן פון ארץ־ישראל קיין בבל און פון בבל קיין ארץ־ישראל, האָט אים אויפגעקלערט, אַז מען טאָר ניט אַזוי מדקדק זיין, ווייל קיינער קאָן ניט זאָגן אויף זיכער, אַפילו וועגן אונז, ווער מיר זיינען — ערשט דעמאָלט איז ער אַביסל אַנדערש געוואָרן און האָט דערלויבט דעם זון זיינעם חתונה צו האָבן מיט זיין כלה.

רב יהודה איז מיט זיין ערלעכקייט און קלוגשאַפט געוואָרן באַליבט אין גאַנץ בבל און דעריבער איז ער נאָכן טויט פון רב הונא׳ן אין סורא גערופן געוואָרן צו זיין דער ראש פון דער ישיבה, אָבער ער האָט דעם אַמט ניט געוואָלט אָננעמען. אַנשטאָט אים האָט מען דאָרט אויסגעקליבן אַן אַלטן תלמיד־חכם, דעם אמורא רב חסדא הכפרי (האַקאַפרי), אַ תלמיד פון רב׳ן. רב חסדא, כאָטש ער איז געווען פון רב הונא׳ס חברים, האָט ער זיך

געהאַלטן מער ביים אופן פון לערנען פון רב יהודה׳ן. אויך ער האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח און האָט זיך פאַרנומען מיט פלפול ביים אויסטייטשן די משנה. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 92 יאָר און האָט זוכה געווען צו זען אור־אור־אייניקלעך. אויך רב חסדא איז געווען אָרעם אין זיין יוגנט, אָבער ווען ער איז געגאַנגען פון דער וועלט, האָט ער איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן. ער האָט זיך אויך באַרימט פאַר זיין טויט, אַז אין זיין הויז האָט מען געפראַוועט 60 חתונות פון קינדער און קינדס־קינדער, און אין זיין גאַנץ לאַנגן לעבן האָט ער ניט געוואוסט פון צער, אַז עס זאָל, חלילה, עמעצער פון זיינע קינדער און קינדס־קינדער גיין פון דער וועלט.

אַזוי ווי עס זיינען געווען פאַרלעך פון תלמידי־חכמים, וועלכע פלעגן זיך שפּאַרן כסדר אין לערנען אין ערשטן דור, איז אַזוי אויך געווען אין צווייטן דור. דער „בר־פלוגתא" (קעגנער) פון רב חסדא׳ן איז געווען דער אמורא רב ששת, אָדער מר ששת (שעישעס).

רב ששת איז אויך געווען אַ תלמיד פון רב׳ן און אַ תלמיד און חבר פון רב הונא׳ן. ער איז געווען בלינד, אָבער דאָך האָט אים דער פעלער ניט געשטערט צו ווערן באַרימט ווי איינער פון די גרויסע אַמוראים פון זיין צייט, ווייל ער האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון און האָט געקאָנט זאָגן פון אויסנ־ווייניק ניט נאָר אַלע משנה׳ס, נאָר אויך די ברייתא׳ס (בראַיסעס) און תוספתא׳ס (טויסעפטעס), („ברייתא׳ס" און „תוספתא׳ס" זיינען געווען אַזעלכע טיילן פון דער משנה, וואָס „רבי" האָט אויסגעלאָזט ווען ער האָט רעדאַגירט און צוזאַמענגעשטעלט די „משניות". די אמוראים האָבן זיי אָבער געהאַט און אין זיי געלערנט, און אָפטמאָל האָבן זיי געפרעגט קשיות פאַרוואָס רבי האָט דעם טייל אויסגעלאָזן און אַן אַנדערן טייל אַריינגעגעבן). עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען רב חסדא האָט זיך באַגעגנט מיט רב ששת׳ן, האָט דער ערשטער מורא געהאַט פאַר דער בקיאות פון דעם לעצטן.

רב ששת האָט פיינט געהאַט פלפול און דאָס אויסטייטשן די משנה דורך פאַרשידענע קונצן און דריידלעך. ווען איינער האָט אים אַמאָל געזאָגט עפּעס אויפן שטייגער פון פלפול, האָט ער אים גלייך געענטפערט: „איך זען שוין אַז דו ביזט פון די פומבדיתא׳ער חברה־לייט, וועלכע האָבן ליב דורכצופירן אַ העלפאַנט דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל. איך האַלט ניט דערפון".

וועגן רב ששת׳עס לעבן ווייסט מען ניט פיל. מען ווייסט נאָר, אַז נאָכן חורבן פון נהרדעא, איז ער אַוועק קיין שילה און דאָרטן זיך אויס־געלעבט זיינע יאָרן. אויך ער האָט זוכה געווען צו אַ טיפער עלטער, וועגן יאָר פון זיין טויט און ווי לאַנג ער האָט געלעבט, געפינט זיך גאָרניט אין תלמוד.

* * *

רב נחמן בן יעקב, דער דריטער פון יענעם דור, איז געווען פון די סאַמע אינגסטע פון צווייטן דור. ער איז געווען אַן איידים פון ראש־הגולה,

ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער ילתא (יאַלטאַ), וועלכע איז געווען אַן אלמנה. ער האָט זיך געפירט אויף אַן אַריסטאָקראַטישן שטייגער, אַזוי ווי מען האָט זיך געפירט אין הויז פון עקסילאַרך. פאַר זיין הויז איז געשטאַנען אַ רייע פון דינערס, וועלכע האָבן ניט געלאָזן צוקומען צו אים. דער ראש הגולה, זיין שווער, האָט אים באַשטימט פאַרן ראש פון אַלע רבנים אין בבל. אָבער דאָס וואָס רב נחמן איז געווען אַן איידים פון ראש־הגולה האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף אים, אַז ער זאָל זיך אויפפירן מיט צופיל שטאָלץ און גאַנץ ווייניק איידלקייט בנוגע די וואָס זיינען געווען אונטערוואָרפן אונטער אים. אין תלמוד ווערן דערציילט עטלעכע פאַקטן, וואָס וואַרפן אויף אים ניט קיין צו שיינע ליכט. אַזוי ווערט דערציילט, אַז ער פלעגט זאָגן צו די רבנים, וואָס זיינען געקומען צו אים, אַז זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן צו פירן מיט אים אַ דיסקוסיע, ווייל ער איז דער ראש פון די רבנים און ער ווייסט בעסער. עס ווערט אויך דערציילט, אַז איינמאָל איז געקומען צו אים אַן עלטערע פרוי מיט אַ טענה, אַז די דינער פון דעם ראש־הגולה האָבן ביי איר צוגענומען מיט געוואַלד דאָס געהילץ וואָס עס איז געווען אויף איר הויף און אויפגעבויט דערפון אַ סוכה פאַרן ראש־הגולה. זי האָט אָנגעוויזן אויף דער סוכה, אין וועלכער רב נחמן איז געזעסן צוזאַמען מיטן ראש־הגולה און אַנדערע תלמידי־חכמים, און זיי געזאָגט, אַז זי איז אַ פסול׳ע, ווייל זי איז גזילה. רב נחמן האָט איר אָבער גאָרניט געענטפערט. די אַלטע פרוי האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן און ווייטער גע׳טענה׳ט צו זיי און זיי געזאָגט, אַז זי שטאַמט אויך פון גרויסן יחוס און אַז איר עלטער־עלטער־זיידע האָט געהאַט 318 דינער און דינסטן (דאָס האָט זי געמיינט אברהם אבינו, ביי וועלכן עס שטייט אין דער תורה, אַז ער האָט געהאַט 318 דינער און דינסטן) און גע׳טענה׳ט צו זיי, אַז אין זייער גאווה ווילן זיי אַפילו זיך ניט צוהערן צו אירע רייד. דעמאָלט האָט זיך רב נחמן איבער איר צעשריען און איר געזאָגט, אַז זי איז אַ מאַרק־אידענע און אַז מען דאַרף איר געבן פאַר די האָלץ עפּעס אַ קלייניקייט און ניט מער.

רב נחמן האָט זיך אויך זייער ניט פיין אויפגעפירט מיט זיינע משרתים, וועלכע ער פלעגט אָפט זידלען און באַליידיקן, און האָט זיי אַפילו ניט געלאָזט חתונה האָבן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז רב נחמן האָט אַפילו באַ־ליידיקט תלמידי־חכמים און אַפילו גרעסערע פון אים. זיין פרוי ילתא איז גאָר געווען אַ פּוסטע אַריסטאָקראַטקע און האָט נאָר געוואָלט, אַז אַלע זאָלן איר צוטיילן כבוד.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ מעשה: עס איז געווען ביי רב נחמנ׳ען אין הויז דער אמורא עולא, וועלכער פלעגט פאַרן אָפט פון ארץ־ישראל קיין בבל און צוריק. האָט זי געוואָלט, אַז ער זאָל זאָגן אַ טאָאַסט צו איר ביים טרינקען וויין. עולא האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָט זי געמאַכט אַ סקאַנדאַל, צעבראָכן דאָס געפעס און האָט עולא׳ן אַרויסגעטריבן פון הויז.

רב נחמן איז אָבער דאָך איינער פון די בויער פון תלמוד, ווייל ניט קוקנדיק אויף די שלעכטע מידות, איז ער געווען אַ גרויסער יוריסט און האָט פעסטגעשטעלט פיל געזעצן אין די הלכות וואָס זיינען שייך צו געלט־ענינים, וועלכע זיינען פון אַלע אָנערקענט געוואָרן. רב נחמן האָט אויך זוכה געווען צו אַ טיפער עלטער פון 89 יאָר.

צו די פירנדע גייסטער פון דעם צווייטן דור דאַרף מען אויך צורעכענען דעם אמורא ר׳ זירא (פון וואָרט „זעירא״ — דער קלענסטער), וועלכער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַוועק קיין ארץ־ישראל און איז דאָרטן שטאַרק באַרימט געוואָרן. אויך ער האָט פיינט געהאַט פלפול און נאָכדעם ווי ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט ער געבעטן גאָט, אַז ער זאָל פאַרגעסן דעם וועג פון פלפול, וואָס איז געווען אַ מאָדע אין בבל. דערמיט קומען מיר צו צום סוף פון צווייטן דור.

.4

# די אמוראים אביי און רבא

**אין תלמוד ווערט דערציילט וועגן זייערע גרויסע מעלות און אויך וועגן זייערע חסרונות. — צוויי אמוראים, וועלכע זיינען ביידע געווען שוסטערס. — פאַרוואָס אַ ראש־ישיבה, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט איינמאָ־נען שטייערן פאַר דער רעגירונג, האָט געמוזט אויפגעבן דעם אַמט.**

בבל, וועלכע האָט אין די יאָרן נאָכן חורבן פון בית־המקדש אָנגעהויבן וואָס אַמאָל אַלץ מער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון ארץ־ישראל, איז ביס־לעכוויז געוואָרן אַ אידישער צענטער סיי פאַרן עקאָנאָמישן און סיי פאַרן גייס־טיקן לעבן. עקאָנאָמיש איז בבל געווען אין סאַמע מיטן פון מיטל־אַזיע און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער הינזיכט פון האַנדל און פּראָדוקציע, וואָרים כאָטש בבל איז דעמאָלט שוין געווען פאַרשקלאַפּט צו פּערסיע, האָט אָבער פּערסיע ניט געהערשט צו־שטאַרק איבער איר און האָט איר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך. דאָס האָט געווירקט, אַז גרויסע צאָלן פון די אידישע מאַסן האָבן זיך ווייטער אַראָפּגעלאָזן (ווי מען האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט) קיין בבל. אַזוי אַרום איז אין בבל געשאַפן געוואָרן אַ גרויסער אידישער צענטער און דאָס האָט אויך געווירקט אויפן גייסטיקן לעבן.

מיר זעען דעריבער, אַז אין דריטן דור פון די אמוראים שפּילט שוין בבל אַ גאָר גרויסע ראָלע, נאָך אַ גרעסערע אַפילו ווי ארץ־ישראל אין דער הינזיכט פון תורה. די צוויי ישיבות, די פון פומבדיתא און די פון סורא, וואַקסן אויס וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און די צאָל פון זייערע תלמידים פאַרגרעסערט זיך כסדר. דערביי שיילט זיך אויס דער באַזונדערער כאַראַק־טער פון יעדער פון די צוויי ישיבות: סורא איז קאָנסערוואַטיוו, אַלט־מאָדיש, און האַלט זיך ביי די אַלטע פאָרמען פון לערנען. דערפאַר איז פומבדיתא מער שטורמיש, איינגער, און דער עיקר — שאַרף. פומבדיתא ציט־צו צו זיך די שאַרפע קעפּ און עס געדויערט ניט לאַנג און אָט־די ישיבה קריגט אַ נאָמען דערפאַר. מען רופט אירע תלמידים ניט אַנדערש ווי „חריפי דפומבדיתא" (די שאַרפע קעפּ פון פומבדיתא) און איבערהויפּט צייכענען זיך אויס באַזונדערס דערמיט די תלמידים פון רב יהודה, וועלכער האָט איינגעפירט אָט־דעם סדר פון לערנען. צוזאַמען מיט אים זיינען געווען נאָך דריי שטאַרקע ריזן, וועלכע האָבן געלייגט זייער פעסטן שטעמפּל אויפן תלמוד. זיי זיינען געווען די דריי תלמידים (אָבער אויך חברים): רבה בר נחמני,

אביי און רבא. די לעצטע דריי אמוראים האָבן ווירקלעך אויסגעבויט דעם גאַנצן בנין פון תלמוד אויף אַ הויכן אופן. זייער שאַרפזין זעט זיך כמעט אויף יעדן דף פון דעם תלמוד.

לאָמיר זען ווער זיי זיינען געווען:

רבה בר נחמני האָט געשטאַמט פון ארץ־ישראל, פון אַ שטאָט וואָס האָט געהייסן „ממל״ (מאַמאַל) אָדער „ממלא״ (מאַמאַלאַ). דאָס איז געווען אַ שטאָט אין גליל, וואָס אַלע אירע איינוואוינער זיינען געווען כהנים און לויט זייערע יחוס־בריוו האָבן זיי אַלע געשטאַמט פון עלי הכהן, אָבער אויף דער משפחה איז געלעגן אַ קללה, אַז זיי זאָלן אַלע שטאַרבן יונגערהייט. אין דער שטאָט ממלא האָט מען דעריבער ניט געזען קיין אַלטן מאַן, נאָר לויטער יונגע מענטשן. דערצו האָבן אַלע דאָרטן געליטן נויט. רבה בר נחמני האָט געהאַט אין בבל דריי ברידער: כיילי, ר׳ חנינא און ר׳ אושעיא. אַזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַט קיין פרנסה, האָבן צוויי פון די ברידער, ר׳ חנינא און ר׳ אושעיא, פאַרלאָזט בבל און זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, וואו זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט שוסטעריי. זיי זיינען געווען גוטע שוסטער און אויך זייער ערלעך אין זייער אַרבעט, אָבער אין ארץ־ישראל איז ניט געווען דעמאָלט קיין סך אַרבעט, האָט מען זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן גיין אין דער גאַס וואו די פראָסטיטוטקעס האַלטן זיך אויף, ווייל דאָרטן דאַרף מען האָבן שוסטערס, וועלן זיי קענען פאַרדינען אויף אַ לעבן. זיינען זיי אַוועק און זיך באַזעצט אין דער גאַס פון די פראָסטי־טוטקעס און זיי האָבן דאָרטן פאַרריכט שיך. ערשט דעמאָלט האָבן זיי פאַרדינט גענוג. אָבער זיי זיינען געווען אַזוי פרום, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט אָנגעקוקט זייערע קונים, די אויסגעלאַסענע פרויען, וועלכע זיינען געקומען צו זיי מיט זייערע שיך. דערפאַר האָט מען זיי גערופן „רבנן קדישי דבארעא ישראל״ (די הייליקע רבנים פון ארץ־ישראל).

אָט זיי אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן אויך מיט דרוש און מיט אגדה. ר׳ יוחנן, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ארץ־ישראל, האָט זיי געוואָלט געבן סמיכה, אָבער עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז זיי האָבן קיין סמיכה ניט געקראָגן און זיי האָבן דאָס אויך צוגעשריבן צו דעם טרויעריקן גורל פון זייער משפחה.

אָבער דער פערטער ברודער, רבה, איז געבליבן אין בבל און האָט אָנ־געפירט מיט פלפול אין דער ישיבה פון פומבדיתא. רבה איז אויך ניט געווען קיין גליקלעכער מענטש אין זיין לעבן. ער איז געווען אַ קראַנקער און דערצו קיינמאָל ניט געהאַט אויף קיין ברויט פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער, אָבער זיין קאָפּ איז געווען זייער שאַרף און דערפאַר האָט מען אים, נאָכן טויט פון רב יהודה׳ן, געוואָלט מאַכן פאַרן ראש־ישיבה. ער איז אָבער געווען אַ גרויסע עניו און עס נישט געוואָלט, האָט מען דעריבער באַשטימט אַלס ראש־ישיבה רב הונא בר חייא, וועלכער איז געווען אַ

רייכער מאַן. וועגן אים ווערט דערציילט, אַז ער האָט איינגעפירט אַז די בענקלעך וואָס זיינען באַשטימט אין דער ישיבה פאַר די תלמידים זאָלן זיין באַדעקט מיט גאָלד, אָבער די אמת׳ע אָנפירער פון דער ישיבה זיינען געווען צוויי, טאַקע רבה בר נחמני און זיין חבר רב יוסף. רבה האָט געהאַט אַ צונאָמען „עוקר הרים״ (ער רייסט־אויף בערג) צוליב זיין שאַרפקייט פון געדאַנק. זיין חבר רב יוסף האָט מען גערופן מיטן צונאָמען „סיני״ (באַרג סיני), ווייל אַלץ וואָס ער האָט געלערנט איז געווען איינגעאָרדענט זאַכלעך און קלאָר. ער האָט אויך געקאָנט לערנען אַלץ פון אויסנווייניק.

אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז רב הונא בר חייא׳ס עשירות נעמט זיך דערפון וואָס ער האָט אָפּגעדונגען ביי דער רעגירונג דאָס איינצאַלן פון פּאָדאַטקעס און מען האָט זיך באַקלאָגט אויף אים, אַז ער רייסט גרויסע שטייערן פון אַלעמען, אַזוי ווייט, אַז אויב מען האָט ניט צו באַצאָלן פּאַרקויפט ער דאָס מעבל פון הויז און ער מאַכט דעריבער מענטשן בדיל הדל. דאָס האָט אַרויסגערופן קעגן אים אַ גרויסן שטורעם און מען האָט ניט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין ראש־ישיבה. די גרויסע לערנער פון יענער צייט האָבן דעריבער צו אים געשיקט אַ דעלעגאַציע, וועלכע האָט מיט אים איבערגערעדט די גאַנצע זאַך און זיי האָבן צו אים געזאָגט: „קלייב זיך אויס איינס פון די צוויי: אָדער זיי אַ קאָלעקטאָר פון פּאָדאַטקעס און גיב אויף דעם אַמט פון ראש־ישיבה, אָדער אויב דו ווילסט בלייבן ביים אַמט פון ראש־ישיבה, גיב אויף דעם אַמט פון קאָלעקטן פּאָדאַטקעס, ווייל דאָס וואָס דו טוסט פּאַסט ניט פאַר אַ ראש־ישיבה״. דעמאָלט האָט זיך רב הונא אָפּגעזאָגט פון איינמאָנען פּאָדאַטקעס און איז געבליבן בלויז ראש־ישיבה. פאַר דער האַנדלונג האָבן אים אַלע געלויבט און אים אָפּגעגעבן פיל כבוד. אָבער רב יוסף, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקפּיד בנוגע עטישע האַנדלונגען, האָט דאָך דערקלערט, אַז איינער וואָס הערט אויף צו זיין אַ קאָלעקטאָר פון פּאָדאַטקעס, איז נאָך אַלץ ניט ראוי צו זיין אַ ראש־ישיבה און ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער ישיבה אַזוי לאַנג ווי רב הונא איז געווען דער ראש. דאָס האָט געמאַכט אַז די ישיבה פון פומבדיתא האָט געליטן אין פּרעסטיזש. ערשט ווען רב הונא איז גע־שטאָרבן, האָט מען אויסגעקליבן אַלס די פירער פון דער ישיבה די צוויי גדולים: רבה און רב יוסף. אָבער אַזוי ווי צוויי פירער פאַר אַ ישיבה האָט ניט געטויגט, האָט מען אָנגעפרעגט ביי די ארץ־ישראל׳דיקע גדולים וועמען מען זאָל מאַכן פאַר אַ ראש־ישיבה. האָבן זיי געענטפערט, אַז רב יוסף׳ן. אָבער רב יוסף איז אויך געווען אַ גרויסער עניו און ניט געוואָלט אָננעמען דעם אַמט. מען דערציילט אויך, אַז עס איז געווען נאָך אַן אורזאַך פאַרוואָס רב יוסף האָט ניט געוואָלט ווערן ראש־ישיבה, ווייל אַ קאָרטן־וואַרפערין האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט אָננעמען די שטעלע, וועט ער ניט זיין אויף זיין אַמט מער ווי צוויי און אַ האַלב יאָר. (כאָטש לויטן אידישן דין

טאָר מען ניט פרעגן וועגן אַזעלכע זאַכן ביי אַ קאָרטן־לייגערין און ווער עס טוט דאָס איז עובר אויפן געבאָט פון „תמים תהיה עם ה׳ אלקיך״ (דו זאָלסט ערלעך זיין מיט דיין גאָט), וואָס עס מיינט, ניט צו פרעגן קיין פראַגן ביי כישוף־מאַכערס א. ד. גל.— דאָך איז עס דעמאָלט געווען איינגעפירט אין בבל און פיל פון די תלמידי־חכמים האָבן עס געטאָן). ווען רב יוסף האָט זיך בפירוש אָפּגעזאָגט פון צו זיין דער ראש־ישיבה פון דער ישיבה אין פומבדיתא, איז אויף זיין אָרט געוואָרן רבה.

און עס איז געווען רבה, דער שאַרפער קאָפּ וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל חריפות אין לערנען, וועלכער האָט צוריק אויפגעהויבן דעם פרעסטיזש פון דער פומבדיתא׳ער ישיבה און די צאָל פון די תלמידים האָט זיך געגומען פאַרגרעסערן, ביז זי איז געשטיגן צו דער צאָל פון 1,200. רבה פלעגט זיך פירן, אַז ער האָט געעפנט דעם שיעור אין דער ישיבה מיט אַ הומאָריסטישער איינלייטונג („מילתא דבדיחותא״), כדי די תלמידים זאָלן אַריינקומען אין אַ גוטער שטימונג.

אָבער צוליב די פּאָליטישע אומרוען וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין בבל, האָט מען רבה׳ן גע׳מסר׳ט, אַז ער איז קעגן דער רעגירונג און ס׳איז אַרויס אַ באַפעל אים צו אַרעסטירן, איז ער אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין דער אומגעגנט פון פומבדיתא. איינמאָל האָט ער געבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד ניט ווייט פון דער שטאָט, פּלוצים האָט ער געהערט טריט פון אַ מענטש וואָס גייט אים נאָך, האָט ער געמיינט, אַז דאָס גייט מען אים אַרעסטירן, איז ער פאַר שרעק אַוועקגעפאַלן, געקראָגן אַפּאָפּלעקציע און איז געשטאָרבן.

* * *

נאָך רבה׳ס טויט איז רב יוסף געוואָרן ראש־ישיבה. רב יוסף איז געווען אַ קראַנקער מענטש און זייער נערוועז און איז אָפט געוואָרן אויפ־געגרעגט אויף מענטשן. רב יוסף איז געווען רייך און האָט געהאַט פיל פעלדער און וויינגערטנער, אָבער אויף דער עלטער איז ער בלינד געוואָרן. דאָס האָט אים געמאַכט זייער נערוועז און ער איז דעריבער אַלס ראש־ישיבה געווען זייער שטרענג צו די תלמידים. איינמאָל האָט ער אַפילו געהייסן געבן שמיץ אַ תלמיד, נתן בר אסא, וועלכער האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביטערטקייט קעגן אים.

אָבער רב יוסף האָט געהאַט אַ שווער לעבן, און דאָס האָט געווירקט, אַז אויף די עלטערע יאָרן האָט ער פאַרלוירן אינגאַנצן זיין זכרון אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרגעסן דאָס לערנען. פיל מאָל פלעגט ער זאָגן וועגן אַ הלכה: „איך האָב נאָך דאָס ניט געהערט״. זיין תלמיד אביי פלעגט אים דערמאָנען און זאָגן: „איר אַליין האָט עס מיט אונז געלערנט״.

נאָך רב יוסף׳ס טויט זיינען געווען פיר קאַנדידאַטן פאַרן אַמט פון ראש־ישיבה פון פומבדיתא. עס זיינען געווען: אביי, רבא, ר׳ זירא (זעירא) און

רבה בר מתנה (מאַסנע). אַזוי ווי מען האָט ניט געוואוסט וועמען פון זיי אויסצוקלייבן, איז געבליבן, אַז זיי זאָלן אַלע פיר קומען אין דער ישיבה אַריין און מען זאָל זיי פרעגן פראַגן און דער וואָס וועט וויסן אָמבעסטן צו ענטפערן אויף די פראַגן זאָל זיין דער ראש־ישיבה. האָט אביי געזיגט און ער איז געוואָרן דער ראש־ישיבה.

אביי האָט געהאַט אַ צונאָמען „נחמני". ער איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום פון זיין פאָטער און מוטער, און ער האָט זיך אויפגעצויגן אין הויז פון זיין פעטער רבה. דער פעטער איז געווען זייער גוט צו אים. אויסער דעם, איז די אַם, וואָס האָט אים אויפגעצויגן, געווען צו אים אַזוי ווי אַ מאַמע.

אביי איז אויסגעוואָקסן אַ גרויסער לערנער און אַלע האָבן געהאַט פאַר אים גרויס דרך־ארץ. אָבער אביי איז געווען אַן אָרעמאַן אין דער יוגנט און האָט געליטן פון דחקות. שפּעטער אָבער איז ער געוואָרן רייך און האָט פאַרמאָגט פיל פעלדער און גיטער. אין דער צייט וואָס אביי איז געווען ראש־ישיבה איז די צאָל פון די תלמידים שטאַרק געפאַלן, ביז צו 200. די סיבה איז געווען, ווייל רבא, וועלכער איז געווען דעמאָלט אין דער שטאָט מחסיא (סורא) דער ראש־ישיבה, האָט מער אויסגענומען ביים עולם און האָט געצויגן צו זיך דעם גאַנצן עולם. אביי׳ן האָט דאָס וויי־געטאָן און ער האָט געזוכט מיטלען צו הויבן דעם פּרעסטיזש פון זיין ישיבה.

אביי און רבא זיינען די צוויי הויפּט־פיגורן אין תלמוד נאָך רב׳ן און שמואל׳ן. מיר באַגעגענען זייערע נעמען זייער אָפט. זייערע פראַגן און ענטפערס, אויף אַ שאַרפן אופן, האָבן אַפילו געקראָגן אַ באַזונדערן נאָמען אין תלמוד: זיי ווערן אָנגערופן „הויות דאביי ורבא" (די שמועסן פון אביי און רבא). דאָס זיינען אייגנאַרטיקע דיאַלאָגן. אביי איז געשטאַנען אויף זיין אַמט 5 יאָר אַלס ראש־ישיבה פון פומבדיתא.

אין יענע צייטן איז אביי געוואָרן אַן אַלמן און האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ שיינער פרוי, וואָס האָט געהייסן חומא און איז געווען אַן אייניקל פון ראש־ישיבה רב יהודה, אָבער עס איז געווען אַ פראַגע צי ער זאָל חתונה האָבן מיט איר, ווייל זי האָט שוין געהאַט פריער צוויי מענער, וועלכע זיינען געשטאָרבן. אין אַזאַ פאַל הייסט די פרוי אַ „קטלנית" (איינע וואָס הרג׳עט אַוועק די מענער) און מען טאָר מיט איר ניט חתונה האָבן, אָבער אַן אמורא, וואָס איז געקומען פון ארץ־ישראל, מיטן נאָמען ר׳ יצחק בר יוסף, האָט אים דערקלערט, אַז אין ארץ־ישראל הייסט אַ פרוי „קטלנית" (קאַטלאַניס) ערשט נאָכן טויט פון דריטן מאַן און דעריבער מעג ער איר נעמען פאַר אַ ווייב. אביי האָט טאַקע מיט איר חתונה געהאַט. אָבער ער איז ניט לאַנג נאָך דער חתונה געשטאָרבן אין מיטן פון זיינע בעסטע יאָרן. אין בבל האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט דער פרוי.

נאָך אביי׳ס טויט איז נאָך מער באַרימט געוואָרן דער ראש־ישיבה פון

מחוזא — רבא. ער האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרלאָזן די קליינע שטאָט און ווערן ראש־ישיבה אין פומבדיתא, ווייל ער איז געווען זייער רייך און האָט זיך באַמיט אויך אויסצונעמען ביי די מענטשן פון זיין קהילה. אַ חוץ דעם האָט ער זיך אויך געיאָגט צו ווערן נאָך רייכער און דערמיט האָט ער פאַרלוירן דעם חן ביי די בעסערע מענטשן. איבערהויפּט האָט דאָס ניט געפאָלן, און עס האָבן געהאַט פיל טענות צו אים, זיינע אייגענע תלמידים, באַזונדערס רב פפא, וועלכער איז אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן אים. ער, רב פפא, האָט געמסר׳ט רבא׳ן וועגן געוויסע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן, וועלכע ער, רב פפא, האָט געהאַלטן פאַר ניט עטיש. אָבער רבא האָט אויפגעטאָן פיל גוטע זאַכן, צווישן זיי האָט ער איינגעפירט אַז תלמידי־חכמים זאָלן זיין פּטור פון צאָלן שטייערן. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ווען אַ תלמיד־חכם קומט אין אַן אָרט, וואו מען קען אים ניט, מעג ער זאָגן אַז ער איז אַ תלמיד־חכם. דערצו האָט רבא מיט זיינע דרשות אויך זייער שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און מען איז זייער גערן אים געקומען הערן.

נאָך רבא׳ס טויט זיינען געוואָרן ראש־ישיבה׳ס איינער נאָכן אַנדערן: רב נחמן בר יצחק, רב פפא און רב חמא פון נהרדעא, אָבער קיינער פון זיי איז ניט געקומען אין פאַרגלייך צו רבא׳ן. רב נחמן בר יצחק האָט ניט געקענט אַזוי גוט לערנען ווי רבא, אָבער ער איז געווען זייער באַליבט ביים עולם צוליב זיין ערלעכקייט. רב פפא בר חנן, וואָס איז געווען נאָך אים, איז געווען אַ יתום אַלס קינד, אָבער ער איז שפּעטער געוואָרן זייער רייך און געהאַט אַ ביר־פאַבריק. נאָך אים איז געוואָרן ראש־ישיבה רב חמא, אָבער אין זיין צייט האָט שוין דער קולטורעלער מצב פון אידן אין בבל גענומען גיין באַרג אַראָפּ.

.5

# רב אשי, וועלכער האָט אָפּגעשלאָסן דעם תּלמוד

**רב אשי האָט געאַרבעט דערויף 50 יאָר, אָבער די אַרבעט ניט געענדיקט. — די אַרבעט איז פאָרגעזעצט געוואָרן שפּעטער פון זיין זון, מר בר רב אשי. — די אַנדערע אמוראים וועלכע האָבן געהאָלפן אין דער אָפּשליסונגס־אַרבעט. — די שלעכטע צייטן אין בבל און די ערשטע אידן, וואָס זיינען דאָרטן געשטאָרבן אויף קידוש השם. — אין תלמוד ווערן איינגעזאַמלט אַלע הלכות און אויך אַלע אגדות פון גאַנצע דריי הונדערט יאָר, זעקס דורות פון אמוראים.**

דער פערטער דור פון די אמוראים פון בבל האָט שוין אָנגעהויבן צו זען די גייסטיקע ירידה, וואָס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער צעטומ־לעניש, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין דער וועלט, צוליבן אָנהויב פון אונטערגאַנג פון רוים. די רוימישע אימפּעריע האָט אין דער צייט פון פערטן און אָנהויב פון פינפטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג גענומען ווייזן שפּורן פון צעפאַלונג און דאָס האָט זיך געלאָזט פילן אויך אין בבל, ווי בכלל אין גאַנץ קליין־אַזיע. עס איז געווען די צייט ווען די ערשטע הונען און גאָטהן האָבן זיך געלאָזן איבער אייראָפּע און אָנגעהויבן זייער מאָרש פון וואַנדאַליזם און פאַרניכטונג.

אין יענע צייטן איז דער קולטורעלער מצב ביי די אידן אין בבל שוין ניט געווען אַזאַ הויכער. די צייטן פון די ריזן, די שעפער און בויער פון תלמוד אין בבל זיינען שוין געווען אַריבער און קיין נייע זיינען ניט געקומען. אָבער אַזוי ווי דער אידישער גייסט ווערט קיינמאָל ניט אינגאַנצן פאַרטונקלט, האָט זיך איצט באַוויזן אויפן פאַרנעפּלטן הימל פון בבל איין שטערן, וועלכער האָט באַזונדערס געלויכטן. דאָס איז געווען רבנא אשי בר שימי, אַ זון פון אַ משפחה פון גרויסע לערנער און פון הויכער אינטע־ליגענץ, וועלכער האָט אין זיין לאַנג לעבן פיל אויפגעטאָן צו ראַטעווען דאָס וואָס עס האָבן געשאַפן די פריערדיקע דורות.

רבנא אשי איז געווען, אַ חוץ אַ קינד פון גרויסע לומדים, אויך אַ זון פון רייכע מענטשן, און האָט גע'ירש'נט פון זיי אַ גרויס פאַרמעגן. נאָך גאָר יונג, אַלס אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 20, איז ער שוין אויסגעקליבן געוואָרן אין דער שטאָט מתא מחסיא (סורא) צו ווערן דער פירער פון דער גרויסער ישיבה,

אין וועלכער רב איז געווען דער ערשטער גרויסער מייסטער. די ישיבה איז פאַר אַ שטיק צייט געווען פאַרמאַכט, ווייל עס איז ניט געווען קיין פּאַסנדיקער מענטש וועלכער זאָל זי פירן. רבנא אשי האָט צוריק אויפגע־ריכט די ישיבה, ער האָט זי איבערגעבויט און זי געמאַכט פיל שענער און ער האָט געקראָגן פיל תלמידים פון גאַנצן לאַנד.

רבנא אשי איז געווען אַ גרויסער פירער אין פיל הינזיכטן. ער איז געווען אי אַ גרויסער חריף (אַן „עוקר הרים") און אי אַ גרויסער בקי („סיני"). צוליב דעם האָט מען אים גערופן מיט אַ נייעם טיטל — רבנא אשי. פופציק יאָר האָט רבנא אשי אָנגעפירט מיט דער ישיבה אין סורא. אין דער זעלבער צייט האָט די ישיבה פון פומבדיתא געהאַט זיבן ראש־ישיבה׳ס און קיינער פון זיי האָט זיך באַזונדערס ניט אויסגעצייכנט. דעריבער איז אין סורא געווען די הויפּט־ישיבה פון לאַנד. אויך אין נהרדעא, וועלכע איז צוריק אויסגעבויט געוואָרן נאָך דער צעשטערונג, האָט זיך צוריק געעפנט די ישיבה און עס איז דאָרטן געווען דער ראש־ישיבה — אמימר, אָבער ער איז ניט געווען פון אַזאַ הויכער מדרגה ווי רבנא אשי. אין רבנא אשי׳ס צייט האָט די ישיבה פון סורא געשפּילט אַזאַ ראָלע ווי אין די צייטן פון רב. מען האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז זינט דער צייט פון ר׳ יהודה הנשיא, דער מחבר פון דער משנה, איז ניט געווען נאָך איינער, ביי וועלכן עס איז געווען תורה און גדולה, געלערנטקייט און רייכקייט, אויף איין אָרט, ווי עס איז געווען ביי רבנא אשי׳ן. זיין אָנזען איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו דער עקזילאַרך (ראש הגולה) איז געקומען צו אים אין דער ישיבה, כדי אים צוצוטיילן כבוד.

* * *

אָבער פונקט אַזוי ווי ר׳ יהודה הנשיא (רבי) האָט פאַרשטאַנען אויס־צונוצן זיין גרויסקייט און דעם צוטרוי, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט צו אים, אויף צו ענדיקן און אָפּשליסן די משנה — אַזוי האָט רב אשי פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די צייט ווען עס ליגט אויף אים די פליכט אָפּצושליסן דעם תלמוד. דאָס האָט געמיינט צוזאַמענצונעמען אַלץ וואָס די אמוראים האָבן געלערנט אויסנווייניק זינט די צייטן פון רב און שמואל און עס איינ־זאַמלען אין איין גאַנצעס, וואָס זאָל באַשטיין פון פאַרשידענע טיילן, לויט די ענינים וואָס עס זיינען פון די געלערנטע, די אמוראים, באַהאַנדלט געוואָרן. רב אשי האָט געפילט און געזען, אַז די דורות ווערן שוואַכער אין גייסטיקן זין און עס איז דאָ אַ סכנה, אַז דאָס אַלץ וואָס די אמוראים פאַר אים האָבן מחדש געווען זאָל פאַרגעסן ווערן, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט און אין פאַרלויף פון זיין גאַנץ לעבן, זינט ער איז געוואָרן ראש־ישיבה פון סורא ביז צו זיין טויט (אַ צייט פון איבער 50 יאָר) האָט ער געאַרבעט איבער דער צוזאַמענשטעלונג פון תלמוד בבלי, וואָס עס איז אים אויך געלונגען.

רב אשי האָט אָבער ביים צוזאַמענשטעלן דעם תלמוד גוט געוואוסט

פון דעם כלל, אַז „דברים שבעל־פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב״ (דאָס וואָס מען דאַרף לערנען פון אויסנווייניק, טאָר מען ניט אויפשרייבן), האָט ער דעריבער אַלע רייד פון די אמוראים איבערגעגעבן, ניט אויפגעשריבן און ניט אַרויסגערעדט אינגאַנצן, נאָר אַזוי ווי עס איז געווען פאַרצייכנט ביי די אמוראים פון זיין צייט, און אַזוי ווי ער אַליין האָט געהאַט פאַרצייכנט ביי זיך אַלע דינים און הלכות און די גאַנצע „שקלא וטריא״ (שאַקלע ווע־טאַריע, מיינט די דיסקוסיע און דער גאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען) אויף אַ פאַרצייכענונגס־שפּראַך; אַזאַ סאָרט סטענאָגראַפיע, אָדער מנעמאָניקאַ, אַ שריפט וואָס איז ניט אַרויסגעשריבן, נאָר אַנטהאַלט פאַרצייכענונגען בלויז פאַרן זכרון. אָט אַזוי איז דער תלמוד געוואָרן פאַרשריבן, און דאָך ניט אויפגעשריבן. אין דער הינזיכט האָט רב אשי אויך געווירקט אויף זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן אים צוהעלפן אין דער דאָזיקער אַרבעט. דאָס האָבן זיי אויך פאָרגעזעצט נאָך זיין טויט, אין יאָר 427 (קריסטלעכע צייט־רעכענונג).

* * *

דער פינפטער יאָרהונדערט האָט שוין געזען דעם חורבן פון רוים, פון וועלכן עס האָט זיך איצט אָפּגעריסן אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד און קעגן וועלכער עס זיינען געווען אויפשטאַנדן פון איין עק פון דער אימפּעריע ביזן אַנדערן. דאָס האָט געווירקט אויף צוצויאָגן די פאַרענדיקונג פון תלמוד צוליב דער מורא, אַז בבל זאָל אויך ניט געטראָפן ווערן פון מלחמות און קאַמפן ,וואָס עס זיינען אַנטשטאַנען דעמאָלט אין גאַנץ קליין־אַזיע און וואָס עס האָט געקאָנט ברענגען דערצו, אַז דאָס גרויסע מייסטער־ווערק, דער פּראָ־דוקט פון פיל דורות זאָל ניט האָבן קיין סיום. דערפאַר האָבן באַזונדערס זיך געזאָרגט די ראש־ישיבה׳ס, וואָס זיינען געקומען נאָך רב אשי׳ן. זיי זיינען געגאַנגען אין זיינע פוס־טריט און זיך באַמיט וואָס גיכער צו פאַר־ענדיקן דעם גרויסן גייסטיקן בנין.

נאָכן טויט פון רב אשי׳ן איז געוואָרן ראש־ישיבה אין סורא אמימר, אָדער ווי אַנדערע האָבן אים גערופן מר יימר (ער איז שוין געווען דעמאָלט אַן אַלטער מאַן און איז געווען ראש־ישיבה ניט לאַנג, ניט מער ווי פינף יאָר). נאָך זיין טויט איז געוואָרן ראש־ישיבה רב אידי בר אָבין, אַ תלמיד פון רב אשי׳ן. ער איז געווען ראש־ישיבה צוואַנציק יאָר, אָבער ער האָט ניט גע־שפּילט קיין גרויסע ראָלע. נאָך אים איז געקומען רב נחמן בר הונא, אָבער עס זעט אויס, אַז ער איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּער לערנער, ווייל אין גאַנצן תלמוד געפינט זיך ווייניק פון אים. ער איז אויך ניט לאַנג געווען ראש־ישיבה, ניט מער ווי דריי יאָר.

אין די דרייסיק יאָר נאָך רב אשי׳ס טויט, איז די ישיבה פון סורא געגאַנגען אַלץ אַראָפּ און אַראָפּ, און די לאַגע פון דער ישיבה פון פומבדיתא איז געווען נאָך ערגער.

נאָכן טויט פון רב נחמן בר הונא האָט מען אויסגעקליבן אַלס ראש־ישיבה רב אחא מדיפתא. אָבער אין יענער צייט איז געווען אַן אַנדער קאַנדידאַט, וואָס איז געווען מער ראוי צו פאַרנעמען די שטעלע. דאָס איז געווען רב אשי׳ס זון רב טביומי, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: מר בר רב אשי. עס זעט אויס, אַז ער האָט געהאַט אַ סך קעגנער, וועלכע האָבן אים צו דעם אַמט ניט צוגעלאָזן. אָבער ענדלעך האָט ער געזיגט און איז באַשטימט געוואָרן אַלס ראש־ישיבה פון דער ישיבה אין סורא.

מר בר רב אשי איז געווען אַ גדול בתורה און מען האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן, אָבער דאָך האָט ער ניט געקאָנט צוריקגעבן דער ישיבה פון סורא דעם גרויסן פרעסטיזש וואָס זי האָט פריער געהאַט. אין דער צייט פון זיין פאָטער. די צייטן זיינען געוואָרן אַנדערע.

דער קולטורעלער מצב פון די אידן האָט אַראָפּגעגידערט און דער באַגער צו לערנען תורה איז שטאַרק געפאַלן. דעריבער האָט מר בר רב אשי (וועמענס נאָמען איז, ווי געזאָגט, באמת געווען רב טביומי) זיך פאַרגענומען דעם ציל וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט, נעמלעך, צו שליסן דעם תלמוד. רב טביומי האָט געהאַט די געהעריקע אויטאָריטעט דערצו, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער פון זיין דור און וואָס ער האָט געזאָגט בנוגע דינים איז אָנגענומען געוואָרן אַלס הלכה (אויסער אין דריי פאַלן). ער האָט דעריבער איצט נאָך מער גענומען איינזאַמלען אַלץ וואָס די אמוראים האָבן געזאָגט און די הלכות וואָס זיי האָבן געשאַפן און ער האָט עס איינגעטיילט אין מסכתות, לויט די ענינים וועלכע זיי האָבן באַהאַנדלט, ווי למשל, „מסכת ברכות״ — וועגן ברכות איבער עסן, „מסכת שבת״ — וועגן די פאַרשידענע דינים פון שבת און אַזוי אויך איבער אַנדערע ענינים.

אָבער די גרויסע מלחמות וואָס די פּערסיער האָבן געפירט, האָבן גע־בראַכט דערצו, אַז אָפט האָט זיך די מאַכט אין לאַנד געביטן און עס איז געוואָרן שווער צו קאָנען אָפּגעבן זיך מיט גייסטיקע ענינים. דעריבער זעען מיר, אַז דעמאָלט האָבן זיך ניט מער באַוויזן אויף דער אַרענע פון בבל אַזעלכע גייסטיקע ריזן ווי אַמאָל.

אַזוי זעען מיר אויך, אַז נאָכן טויט פון מר בר רב אשי, וועלכער איז געווען ראש־ישיבה דרייצן יאָר, קומט איינער וואָס איז גאָר ווייניק באַקאַנט אין דער וועלט פון הלכה, דאָס איז געווען רבה תוספאה. אין זיין צייט זיינען שוין פאָרגעקומען שטאַרקע רדיפות אויף אידן מצד דער מאַכט. דער קעניג יאַגדיגאַרד דער דריטער (אין תלמוד ווערט ער אָנגערופן „פירוז רשיעא״) האָט געטראָגן אַ שטאַרקן כעס אויף די אידן. געננו פאַרוואָס, איז ניט באַקאַנט. אָבער עס איז אין זיין צייט די אידן שווער געווען אָפּצוהיטן אידישקייט, איבערהויפּט צו האַלטן שבת און צו דאַוונען בציבור. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז צום ערשטן מאָל האָט מען אין בבל אַרעסטירט דעם עקזילאַרך פון יענער צייט, רב הונא מארי בר מר זוטרא, און צוזאַמען מיט אים נאָך

פיל אידישע געלערנטע — און נאָכדעם ווי מען האָט זיי געפּייניקט אַ צייט לאַנג, האָט מען זיי פאַר׳משפּט צום טויט און די שטראָף אויסגעפירט. זיי זיינען געווען די ערשטע וואָס זיינען געשטאָרבן אויף קידוש־השם אין בבל. נאָך זייער טויט האָבן זיך די רדיפות אַלץ מער פאַרשטאַרקט. די מאַכט האָט געשלאָסן די אידישע געריכטן און אידישע קינדער האָט מען געכאַפּט און זיי איבערגעגעבן צו די פּערסישע גייסטלעכע, אַז זיי זאָלן זיי דערציען אין גייסט פון פּערסישן גלויבן. די דאָזיקע רדיפות און נגישות, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, האָבן געפירט דערצו, אַז עס האָט זיך אָנגע־הויבן אַ גרויסע אויסוואַנדערונג פון אידן פון בבל אין אַנדערע ערטער, ווי למשל, אין אַראַבישן האַלב־אינזל און נאָך ווייטער, אַפילו ביז אינדיע.

נאָכן טויט פון דעם קעניג יאַזדיגאַרד דעם דריטן האָבן די רדיפות אויף די אידן אויפגעהערט. דאָס לעבן אין בבל איז געוואָרן צוריק נאָרמאַל. מען האָט צוריק געעפנט די ישיבות און אַלס ראש־ישיבה אין סורא איז באַשטימט געוואָרן דער אמורא רבינא (רבנא אבינא), וועמענס נאָמען מען געפינט אָפט אין תלמוד. אַ צווייטער אמורא, ר׳ יוסי, איז באַשטימט גע־וואָרן אַלס ראש־ישיבה פון פומבדיתא.

אָבער דיביידע ראש־ישיבה׳ס האָבן אויך איינגעזען, אַז די צייטן זיינען אַנדערש ווי עס איז געווען אַמאָל און זיי האָבן אויך זיך גענומען צו דער אַרבעט פון ענדיקן דעם תלמוד און וואָס גיכער אָפּצושליסן אים. צו דער אַרבעט פון ענדיקן דעם תלמוד און וואָס גיכער אָפּצושליסן אים, געוואָרן פון זיין זון, מר בר רב אשי. די דערמאָנטע צוויי ראש־ישיבה׳ס האָבן גערופן אַלע זייערע תלמידים צו העלפן זיי אין דער אַרבעט פון איינזאַמלען אַלץ וואָס עס איז נאָך ניט געווען באַוואוסט פון די פריערדיקע צייטן און אויך די פאַרצייכענונגען וואָס עס זיינען געבליבן פון די אַמאָליקע אמוראים. איינער פון די תלמידים וואָס האָבן שטאַרק אַרויסגעהאָלפן רבינא און רב יוסי אין דער אַרבעט, איז געווען ר׳ אחאי מבי חתים, וועלכער האָט זיך שטאַרק דערביי אויסגעצייכנט. צוזאַמען מיט אים האָבן זיך אויך באַ־טייליקט אין דער אָפּשליסונג פון תלמוד די לעצטע אמוראים: ר׳ שמואל בר אבוהו פון פומבדיתא, רב רחימא, רבינא פון אומצא, ר׳ אחא בר אבוהו. און די צוויי ברידער רב טחינא און מר זוטרא (די קינדער פון ר׳ חנינא). זיי אַלע האָבן געאַרבעט ביים אָפּשליסן דעם גרויסן בנין וואָס הייסט „תלמוד" און וואָס איז אָנערקענט געוואָרן ביי אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט אַלס דאָס צווייטע גרויסע ווערק, וואָס דער אידישער געניוס האָט געשאַפן, נאָך דעם תנ״ך.

* * *

דאָס איז די געשיכטע און דער גאַנג פון די אמוראים, וואָס זייער צאָל איז געווען אַן ערך פון 1,800, אין פאַרלויף פון זעקס דורות, אָנהויבנדיק

פון יאָר 219 (קריסטלעכער צייט־רעכענונג) ביזן יאָר 500. אין תלמוד געפינען מיר, ווי מיר האָבן שוין פריער דערקלערט, די הלכה, די אויס־טייטשונג פון די געזעצן — און די אגדה, די לעגענדעס וואָס עס זיינען ביי אידן געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט.

כדי צו האָבן אַ באַגריף פון אָט־די צוויי טיילן פון תלמוד, וועלן מיר ברענגען אַ מוסטער פון דער הלכה און דערנאָך אויך אַ מוסטער (אָדער מוסטערן, ווייל די אגדה טיילט זיך אין פיל טיילן) פון דער אגדה.

.6

# ווי אַזוי מען דאַרף פאַרשטיין אַ בלאַט גמרא

**די מיינונגען פון אידישע און ניט־אידישע געלערנטע. — דער אופן ווי אַזוי דער תלמוד איז געשאַפן געוואָרן. — איניקע ביישפּילן. — צען כללים פון תלמוד. — ווי אַזוי צו לערנען אַ בלאַט גמרא.**

איז דער תלמוד אַ פאַרשלאָסענער בוך? איז ער ווירקלעך ניט לייכט איינצובייסן, און מענטשן, וועלכע ווילן קענען דעם תלמוד, דאַרפן אָפּגעבן דערויף צענדליקער יאָרן? אויב דאָס איז אַזוי, מיט וואָס איז דער תלמוד אַנדערש פון אַנדערע ווערק און אין וואָס באַשטייען די שוועריקייטן צו שטודירן דעם תלמוד?

און פון די פראַגן צו נאָך אַנדערע פראַגן, נעמלעך, צי איז דער גאַנ־צער תלמוד אַזוי, אָדער נאָר טיילן פון אים זיינען אַזוי שווער צו פאַרשטיין? אויב דאָס איז אמת, וועלכע טיילן זיינען לייכט און מיט וואָס זיינען זיי אַנ־דערש פון די שווערע?

די פראַגן וואָס מיר שטעלן דאָ אַרויס זיינען שוין גאָר ניט קיין נייע. ניין, זיי זיינען שוין געפרעגט געוואָרן אין אַלע דורות זינט דער תלמוד איז אַנטשטאַנען. די הויפּט־פראַגע איז, צי דער תלמוד האָט אַ סטיל און אויב יאָ, וואָס פאַר אַ סטיל עס איז. אָט די פראַגע איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן פון פאַרשידענע געלערנטע, אידישע ווי ניט־אידישע. די ניט־אידישע גע־לערנטע מיינען, אַז דער תלמוד האָט קיין שום סטיל ניט. אַזוי דערקלערן אַזעלכע ערנסטע פאָרשער ווי דאַרמשטעטער, מור און אַנדערע. זיי זאָגן אַזוי: דער תלמוד איז געשריבן אין אַ רמזים־שפּראַך, וואו יעדער זאַץ איז ניט אַרויסגעשריבן אינגאַנצן. קיין שום זאַך ווערט ניט אַרויסגעזאָגט קלאָר. אָבער זיי פאַרשטייען ניט פאַרוואָס עס איז אַזוי. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען אויך עטלעכע אידישע געלערנטע, וועלכע זאָגן אויך אַזוי.

אָבער וואָס די דאָזיקע ניט־אידישע און אויך די אידישע געלערנטע ווייסן ניט איז, אַז דער תלמוד איז בכיוון אינגאַנצן אַזוי געשריבן געוואָרן, ווייל ער האָט ניט געטאָרט אויפגעשריבן ווערן. אָט דאָס וואָס מיר האָבן אין תלמוד איז בלויז פאַרצייכענונגען. עס איז אין יענער צייט, פון ענדע צווייטן ביז נאָענט צו דער ענדע פון פינפטן יאָרהונדערט (לויט קריסטלע־כער צייט־רעכענונג), אין די אַקאַדעמיעס פון די 18 הונדערט אמוראים געשאַפן געוואָרן, ביסלעכווייז און איינציקווייז, אַ סיסטעם ווי אַזוי צו פאַר־

צייכענען דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט פון זייערע רביים, אָבער וואָס זיי האָבן ניט געטאָרט אויפשרייבן.

ווי מיר האָבן שוין פריער אויפגעוויזן, האָט מען די תורה שבעל־פה ניט געטאָרט אויפשרייבן. מען האָט אָבער געפונען אַן עצה, אַז מען זאָל מעגן פאַרצייכענען. דאָס האָבן אויפגעטאָן די תנאים און אַזוי אַרום איז אויפגעשריבן געוואָרן די משנה. אָבער דאָס וואָס די תנאים האָבן געטאָן, האָבן די אמוראים ניט געקענט טאָן. די תנאים, די בויער און גרינדער פון אידישן גלויבן, האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אופן פון אויפשרייבן אַ פסוק און צושרייבן צו אים דעם טייטש, דעם פירוש; אָבער די אמוראים האָבן ניט געהאַט די זעלבע געלעגנהייט צו קענען אויפשרייבן דאָס וואָס זיי האָבן גע־לערנט ביי זייערע רביים פון אויסנווייניק, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיט דער תורה, אַזוי ווי די תנאים, נאָר מיט דער משנה, און פאַרשרייבן דאָס וואָס זייערע לערער האָבן געזאָגט, וואָלט פאַקטיש געהייסן אויפשרייבן די תורה שבעל־פה, וואָס עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. אָבער דאָך האָבן זיי עפּעס געמוזט טאָן, אַז זיי זאָלן עס ניט פאַרגעסן. דאָס בעסטע איז געווען צו מאַכן זיך כללים, אַזעלכע סימנים, פאָרמען און אָפּצייכענונגען, דורך וועלכע מען זאָל זיך דערמאָנען דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט. און אָט דאָס האָבן זיי ווירקלעך געטאָן. זיי האָבן איינציקווייז און קאָלעקטיוו, אין משך פון דריי הונדערט יאָר פון דער שאַפונג פון תלמוד, פאַרצייכנט אַלץ דורך אַ ספּעציעל־אויסגעאַרבעטער סיסטעם, אַ מין סטענאָגראַפיע, אָדער מנעמאָניקע, אַ זכרון־שריפט. אָט־די סיסטעם איז ביסלעכוויז אָנערקענט געוואָרן פון אַלע אמוראים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער משנה־פאַרשונג.

אָבער אין וואָס באַשטייט אָט־דער סיסטעם? ווי אַזוי האָט ער גע־אַרבעט? ווען מען טראַכט זיך גוט אַריין אין תלמוד זעט מען, אַז דער סיס־טעם איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע צען כללים:

ערשטער כלל: צו פאַרשרייבן אַ וואָרט פון אַ גאַנצן זאַץ, אָדער פון אַ לאַנגן שמועס, צי פון אַ פראַגע, אָדער אַן ענטפער אויף אַ פראַגע; אַמאָל, אויב עס איז שטאַרק נויטיק, געברויכן אויך צוויי ווערטער, און אין זעל־טענע פאַלן — דריי. דאָס האָט געמיינט, אַז פאַרשריבן דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט צו די תלמידים, האָט מען טאַקע ניט, עס איז ווייטער געבליבן אַלץ פון אויסנווייניק, תורה שבעל־פה, אָבער מען האָט פאַרצייכנט דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט דורך געוויסע סימנים.

ווי אַזוי האָט מען דאָס געטאָן? וועלכע ווערטער זיינען עס געווען די יעניקע, וואָס מיט זיי האָט מען געקענט באַצייכענען דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט?

די אמוראים האָבן געשאַפן אַן ערך פון אַ 500 אַזעלכע ווערטער, וואָס בילדן אַן אייגנאַרטיקע תלמודישע טערמינאָלאָגיע.

מיר וועלן געבן דאָ אַ ביישפּיל פון פיר אַזעלכע ווערטער. זיי זיינען: „ותו (לייען: „ווסו״), „איצטריכי״, „ורמינהו״ (וורימינהו) און „פליגי״.

איצט לאָמיר זען ווי אַזוי מען האָט מיט די פיר ווערטער פאַרצייכנט דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט אין אַ האַלבער שעה צי מער. דער רבי האָט, למשל, געפרעגט אַ קשיא אויף דער משנה. נאָך דעם האָט ער צוגע־געבן, אַז אויסער דער קשיא האָט ער נאָך עפּעס צו פרעגן. איידער דער רבי האָט געפרעגט די צווייטע קשיא האָט ער געזאָגט דאָס וואָרט „ותו״ (ווסו). דאָס מיינט „און נאָך עפּעס״. די תלמידים האָבן פון גאַנצן געשפּרעך פון רבי׳ן וועגןביידע קשיות פאַרשריבן בלויז דאָס איינע וואָרט „ותו״ (און נאָך עפּעס), וואָס מיינט, אַז דער רבי האָט געפרעגט נאָך אַ קשיא, וואָרום אויב ער האָט געפרעגט נאָך אַ קשיא, איז דאָך קלאָר אַז ער האָט שוין פריער עפּעס געפרעגט.

ווייטער: דער רבי האָט אין פאַרלויף פון זיין לערנען מיט די תלמידים גענומען פאַרענטפערן די קשיות און ווייזן, אַז אַלץ אין דער משנה איז אין דער בעסטער אָרדענונג. ער האָט פריער, למשל, געפרעגט אַ קשיא, וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם, צי דער פּאַרפאַסער פון דער משנה האָט געדאַרפט זאָגן אַ געוויסע זאַך, ווייל עס איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך און מען האָט עס ניט געדאַרפט זאָגן. איצט האָט דער רבי געברויכט אַ ניי וואָרט, און דאָס איז: „איצטריכי״, וואָס עס איז דער טייטש: זיי האָבן עס געדאַרפט זאָגן. עס הייסט, אַז די בעלי־המשנה האָבן דאָס וואָס מען האָט פריער געמיינט אַז עס איז איבעריק, יאָ געדאַרפט ברענגען, צוליב די און די טעמים. די תלמידים האָבן ווידער פאַרשריבן פון גאַנצן שמועס בלויז דאָס איינע וואָרט „איצטריכי״, זיי האָבן געדאַרפט. וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָט מען שוין געדענקט.

איצט קומט דאָס וואָרט „ורמינהו״, וואָס מיינט, עס איז דאָך אַ קשיא, אָדער מען קאָן דאָך ווידער פרעגן אַ קשיא. דאָ האָט מען ווידער ניט אַרויס־געשריבן די קשיא, נאָר פאַרצייכנט בלויז דאָס וואָרט „ורמינהו״, אַז מען קאָן דאָך פרעגן. דאַן קומט דאָס וואָרט „פליגי״ (זיי קריגן), אַ פאַרצייכע־נונג פון אַ גאַנצן געשפּרעך וואו דער רבי האָט אויפגעוויזן, אַז די תנאים שטימען ניט איינער מיטן אַנדערן. אַז אין דער הינזיכט קריגן זיי. די תלמידים האָבן פאַרשריבן בלויז דאָס וואָרט „פליגי״, זיי קריגן צווישן זיך וועגן דעם ענין.

צוויי ווערטער צו באַצייכענען אַן ענין זיינען געוועזן אַזעלכע אויסדרוקן ווי „קא אמר״, ער האָט דאָך געזאָגט, צו באַצייכענען אַ טיפן שמועס פון רבי׳ן, אָדער ווען דער רבי האָט געפרעגט אַ גאַר שטאַרקע קשיא אויף דער משנה, האָט מען געבראַכט די ווערטער „הלמאי תניא״? (פאַרוואָס האָבן מיר אַנדערש געלערנט?) דאָס מיינט, אַז דער רבי פון דער ישיבה האָט אויפ־געוויזן, אַז דער תנא וואָס זאָגט דאָ אַזוי, זאָגט ערגעץ־אַנדערש־וואו גאַר

עפעס אַנדערש. די תלמידים האָבן פון אַלעם פאַרשריבן בלויז צוויי ווער־טער: „הלמאי תניא״.

עס זיינען אויך דאָ אַמאָל פאַרצייכענונגען פון דריי ווערטער, ווי למשל „קא סלקא דעתך״ (קאָ סאַלקאָ דאַטאַך), ווי פאַלט עס דיר גאָר איין? דאָס איז געווען ווען דער רבי האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי דער תנא האָט געקענט אַזוי זאָגן, אָדער: „קא משמע לן״, ער לאָזט מיך הערן, אָבער וואָס — דאָס האָט מען ניט אַרויסגעשריבן. אַמאָל ווידער האָט דער רבי געפרעגט מיט די ווערטער אַ קשיא: „מאי קא משמע לן?״ — וואָס לאָזט ער אונז הערן?

צווייטער כלל: צו מאַכן פון עטלעכע ווערטער איין וואָרט, כדי אַזוי אָרום צו פאַרצייכענען בקיצור אַן ענין. למשל, ווען דער רבי האָט געזאָגט (אויף סיריש) „דאָ מנין לן?״ (פון וואַנען ווייסן מיר דאָס?), האָבן די תלמידים געמאַכט פון די דריי ווערטער איין וואָרט, וואָס איז „מנלן״ (מי־נאַלאָן), פון וואַנען ווייסן מיר עס? זיי האָבן דאָס וואָרט „דא״ אַוועקגעלאָזט אינגאַנצן. פון דעם וואָרט „מנין״ (מינאַין) האָבן זיי גענומען בלויז די ערשטע צוויי אותיות „מנ״ און צוגעגעבן דאָס וואָרט „לן״ — צוזאַמען „מנלן״. אַזאַ פאַרקירוצונג איז אויך דאָס וואָרט „בשלמא״ (בישלאַמאַ). דאָ האָט מען געמאַכט איין וואָרט פון צוויי ווערטער: „בכלל שלמא״, וואָס עס מיינט, צוליב גאַנצקייט. דאָס מיינט אַזוי צו זאָגן: מילא דאָ, אין דעם פאַל, קען מען זאָגן אַזוי און אַזוי, אָבער וואָס טוט מען אין פאַל ווען עס איז אַנדערש?

דריטער כלל: צו מאַכן זיך סימנים דורך ראשי־תיבות, ד. ה. אָנהויב פון ווערטער, וועגן אַ גאַנצע רייע פון ענינים, וואָס דער רבי האָט באַרירט אין זיין לערנען מיט די תלמידים. מיט אָט־דעם כלל האָט מען זיך באַנוצט כדי צו וויסן, אין פאַל ווען צוויי אמוראים האָבן געהאַט אַ דיסקוסיע וועגן אַ הלכה, ווער עס האָט רעכט. אַזוי איז דאָ אַ פאַרצייכענונג וואָס זאָגט, אַז די הלכה איז אַזוי ווי אביי (אַבאַיע) אין זעקס הלכות. דאָס איז פאַרצייכנט מיט די צוויי ווערטער „יע״ל קג״ם״. יעדער אות פון די צוויי ווערטער דייט־אָן אַ הלכה אין אַ געוויסן ענין. אַזאַ פאַרצייכענונג איז אויך דאָס וואָרט „יקנה״ז״, „פז״ר קש״ב״, „נשג״ז״, „גד״ד יה״ז״, „תבש״ט״ און נאָך פיל אַנדערע. מען האָט זיך אַמאָל אויך באַנוצט מיטן מיטלסטן אות פון „א־להים״ צו באַצייכענען די גאָטהייט. אַמאָל האָט מען אויך געמאַכט אַ סימן פון די לעצטע אותיות.

פערטער כלל: צו באַנוצן זיך מיט כל׳ערליי ווערטער סיי פון העברע־איש, סיי פון אַראַמעאיש אָדער סיריש, סיי פון גריכיש, לאַטיין, פערסיש און אַנדערע שפּראַכן, כדי צו פאַרצייכענען דאָס וואָס דער רבי האָט גע־זאָגט. צו באַנוצן דעם ערשטן בעסטן וואָרט וואָס עס קומט פונקט דעמאָלט אין קאָפּ אַריין. דערפאַר געפינען מיר אַזוי פיל פרעמדווערטער אין תלמוד.

פינפטער כלל: צו באַנוצן זיך מיט האַלבע ווערטער, מיט ניט אַרויס־געשריבענע ווערטער, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי אָנשטאָט „גמרא״ —

„גמ״; אָנשטאָט „מתניתא״, וואָס מיינט משנה, צו שרייבן „מתני״; אָנשטאָט דעם וואָרט „שנאמר״ (עס ווערט געזאָגט), שרייבן „שנ״, און אַזוי אויך ניט אַרויסצושרייבן אַ פסוק און זאָגן „וכו׳״, וואָס עס מיינט „און אַזוי ווייטער״ אָדער „וגו׳״ אָנשטאָט „וגומר״ (און אַזוי ווייטער).

זעקסטער כלל: צו באַנוצן די סימנים וואָס אַנדערע האָבן שוין געמאַכט, כדי עס זאָל ווערן די פאַרצייכענונגס־שפּראַך פון אַלע לערנער און יעדער איינער זאָל וויסן וואָס עס מיינט און אַזוי אַרום וועט אויך זיין גרינגער צו פאַרצייכענען אויף גיך אַלץ וואָס דער רבי האָט געלערנט.

זיבעטער כלל: פון דעם געדאַנק איז מען געקומען צו אַן אַנדער געדאַנק: צו שאַפן אַזאַ טערמינאָלאָגיע וואָס זאָל זיין אַ פעסטגעשטעלטע פאַר אַלע. אַזאַ טערמינאָלאָגיע איז טאַקע אין פאַרלויף פון דער צייט געשאַפן געוואָרן. זי באַשטייט פון אַזעלכע אויסדרוקן ווי „אי אמרת״, „אי אמרת בשלמא״, „אי אפשר״, „אלא אם כן״, „איכא ביניהו״, „אי בעית אימא״, „איכא דאמרי״, „אי הכי״, „אי נמי״ און נאָך פיל אַזעלכע אויסדרוקן. אַ טיילווייזע ליסטע פון דער טערמינאָלאָגיע פון תלמוד וועלן מיר ברענגען שפּעטער.

אַכטער כלל: אפילו אין דער טערמינאָלאָגיע זאָל מען אויך ניט אַרויסשרייבן די צוויי אָדער דריי ווערטער אין גאַנצן, נאָר דורך ראשי תיבות, ווי למשל, די צוויי ווערטער „אי אמרת״ ווערן פאַרצייכנט מיט „א״א״, „אי אמרת בשלמא״ דורך „אא״ב״, „אלא אם כן״ — דורך „אא״כ״, „איכא ביניהו״ — דורך „א״ב״ און אַזוי ווייטער, אַלץ מיטן צוועק וואָס ווייניקער צו שרייבן.

נייַנטער כלל: קיינמאָל ניט אַרויסצושרייבן אויספירלעך דאָס וואָס מען האָט פאַרצייכנט בקיצור. קיינמאָל ניט אַרומצורעדן עס אויף אַ ברייטן אופן.

צענטער כלל: אָט דאָס אַלץ איז גילטיק נאָר בנוגע הלכות, וואָס עס איז תורה שבעל־פה און וואָס מען טאָר ניט פאַרשרייבן, אָבער ניט וועגן אגדה, אָדער אגדות. ווען עס קומט צו אגדה (אָדער אגדתא), איז עס שוין ניט קיין תורה שבעל־פה און דעמאָלט מעג מען אַלץ אַרויסשרייבן אויספירלעך. אגדה דאַרף מען ניט פאַרצייכענען, ווייל מען מעג עס אויפשרייבן.

* * *

איצט קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס דאָרטן וואו עס איז דאָ הלכה איז דער טעקסט אַזוי בקיצור׳דיק, און, ווי שוין געזאָגט, די צוויי שיפס־קאַפּיטאַנען רש״י און „תוספות״ העלפן אַרויס צו קאָנען דורכקריכן דורך די שווערע פאַרצייכענונגען, בעת אָבער ווען עס קומט צו אגדה, איז אַלץ אַרויסגעשריבן קלאָר און דייטלעך, און דעריבער איז דאָרטן דער פירוש רש״י פיל קירצער און „תוספות״ איז על־פי־רוב דאָרטן אינגאַנצן נישטאָ.

דאָס איז דער סוד פון דעם תלמוד. דער סוד פאַרוואָס עס איז אַזוי שווער אים צו פאַרשטיין. דעריבער אויף דער פראַגע: צי דער תלמוד האָט אַ סטיל און אויב יאָ, וואָס איז ער אַזוינס? איז דער ענטפער, אַז דער תלמוד האָט אַ סטיל, אָבער אַן אייגנאַרטיקן, וואָס איז געשאַפן גע־

וואָרן נאָר פאַרן תלמוד אַליין. דאָס איז דער סטיל פון פאַרצייי־כענונגען, כדי צו געדענקען אַן ענין פון אויסנווייניק. ס'איז אַ סטיל פון קורץ־שריפט. רופט עס אָן סטענאָגראַפיע אָדער מנעמאָניקע, אָדער ווי איר ווילט עס. דעריבער אויף צו פאַרשטיין דעם תלמוד דאַרף מען געדענקען די צען כללים און איבערהויפּט שטודירן די טערמינאָלאָגיע וואָס עס ווערט דאָרט באַנוצט. אין דער הינזיכט איז דער תלמוד ניט אַנדערש פון אַנדערע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וועלכע האָבן יעדע איינע איר אייגענע טערמינאָלאָגיע.

עס איז, אַלזאָ, קלאָר, אַז דער תלמוד איז ניט קיין פאַרשלאָסן בוך אונטער זיבן שלעסער. עס איז נאָר אַ ווערק, געשריבן אין אַן אייגענעם סטיל.

איצט, לאָמיר זען ווי אַזוי עס ווערט געפירט אַ דיסקוסיע אין תלמוד, אָבער דאָס אין נעקסטן קאַפּיטל.

7.

# ווי אַזוי עס ווערט געפירט אַ דיסקוסיע אין תלמוד

**ווי אַזוי די צוזאַמענשטעלער פון תלמוד האָבן אויסגעלייגט דעם פּלאַן פון דער גמרא. — די צוזאַמענשטעלונג פון תלמוד האָט געדויערט איבער הונדערט יאָר און עס האָבן אין דעם אָנטיילגענומען עטלעכע צענדליק אמוראים. — לויט דעם פּלאַן קומט פריער די „משנה" און דערנאָך די „גמרא". — די כללים וואָס זיי האָבן געהאַט ביים שאַפן דעם תלמוד.**

די צוזאַמענשטעלער פון תלמוד האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו ברענגען צום ערשטן די „משנה" און דערנאָך די „גמרא". פריער דאָס וואָס די תנאים האָבן געשאַפן און שפּעטער דאָס וואָס די אמוראים פון בבל האָבן וועגן דער משנה אַרומגערעדט און ווי אַזוי זיי האָבן עס דערקלערט. דאָס וואָרט „משנה" איז העברעאיש און מיינט לערנען און אויס׳חזר׳ן עפּעס (פון וואָרט „שני", צוויי). אַזוי איז דאָ אין העברעאיש דער אויסדרוק „משנה למלך", וואָס עס מיינט דער צווייטער צום קעניג. דאָס איז געווען דער זין פאַרוואָס רבי האָט אָנגערופן די הלכות וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט מיט דעם וואָרט „משנה". עס הייסט „משנה תורה", די צווייטע צו דער תורה. אויף אַראַמעאיש זאָגט מען אָנשטאָט משנה — „מתניתא" (מיסניטאָ) וואָס עס מיינט דאָס זעלבע. די צוזאַמענשטעלער פון תלמוד, וועלכע האָבן גערעדט אַראַמעאיש, האָבן דעריבער ביים אָנהויב פון יעדער משנה אַוועקגעשטעלט דאָס וואָרט „מתניתא" (פאַרקירצט — בלויז „מתני׳", ווי זייער שטייגער איז געווען). דערנאָך הויבט זיך אָן די גמרא און עס שטייט דאָס וואָרט „גמרא", אָבער אויך פאַרקירצט — בלויז „גמ׳".

כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ מוסטער פון תלמוד, ווי אַזוי עס זעט אויס די פאָרם פון דער „משנה" און „גמרא". מיר האָבן אויסגעקליבן פאַר דעם צוועק אַ שטעלע פון דער גמרא „בבא מציעא" (דער מיטלסטער טייל פון אַ טראַקטאַט וואָס אַנטהאַלט דריי טיילן: „בבא קמא" — דער ערשטער טייל; „בבא מציעא" — דער מיטלסטער טייל און „בבא בתרא" — דער לעצטער טייל). די שטעלע איז פון זיבעטן פּרק וואָס הייסט „השוכר את הפועלים" (איינער וואָס דינגט אַרבעטער). עס גייט אַזוי:

מתני׳. איינער וואָס דינגט אַרבעטער און פֿאַרלאַנגט פון זיי אַז זיי זאָלן קומען צו דער אַרבעט מיטן אויפגאַנג פון דער זון און אַוועקגיין מיטן אָנקומען פון אָוונט. אויב דאָרטן איז ניט איינגעפירט, אַז די אַרבעטער זאָלן אָנהויבן צו אַרבעטן מיטן אויפגאַנג פון דער זון און אויפהערן מיטן אָנקומען פון אָוונט, קאָן ער זיי דערצו ניט צווינגען. דאָרטן, וואו עס איז איינגעפירט צו געבן זיי עסן, מוז ער זיי געבן עסן. אויב עס איז אַ מנהג צו געבן זיי אַ לייכטן בייס, זאָל ער זיי געבן אַ לייכטן בייס. אַלץ איז ווי דער מנהג פון דער מדינה. עס איז געווען אַ מעשה מיט ר׳ יוחנן בן מתיא, וואָס האָט געזאָגט צו זיין זון: „גיי אַרויס און דינג אַרבעטער״. איז ער געגאַנגען און האָט זיי צוגעזאָגט עסן. ווען ער איז געקומען צוריק צו זיין פאָטער, האָט זיין פאָטער צו אים געזאָגט: „מיין זון, אַפילו ווען דו וועסט פאַר זיי מאַכן אַזאַ סעודה ווי שלמה המלך אין זיין צייט, וועסטו אַלץ ניט האָבן דערפילט דיין פליכט, ווייל זיי זיינען די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, דעריבער איידער זיי הויבן נאָך אָן צו אַרבעטן, גיי אַרויס און זאָג זיי, אַז דו קענסט זיי ניט געבן מער צו עסן ווי ברויט מיט אַרבעס. רבן שמעון בן גמליאל זאָגט, אַז ער האָט זיי דאָס ניט געדאַרפט זאָגן, ווייל אַלץ איז לויטן מנהג פון דער מדינה.

אָט־דאָס איז די משנה. די משנה (און שפּעטער אויך די גמרא) איז פאַרזען מיט אַ פירוש פון רש״י, וועלכער טייטשט אויס די שווערע ערטער, למשל, וואָס עס מיינט דער אויסדרוק, אַז „זיי זיינען קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב״? דאָס מיינט אַזוי: ווי עס איז אָנגענומען, האָט אברהם געמאַכט גרויסע סעודות פאַר זיינע אורחים, נאָך פיל גרעסערע ווי שלמה המלך. אויף דער שטעלע אין דער משנה וואו עס ווערט געזאָגט, אַז ער האָט געהייסן זיין זון זאָגן צו זיי נאָך איידער זיי שטעלן זיך אַרבעטן, דערקלערט רש״י, אַז „נאָכדעם ווי זיי שטעלן זיך שוין אַרבעטן, קאָן שוין דער בעל־הבית מער גאָרניט ענדערן פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט פריער״.

נאָך דער משנה („מתני״) הויבט זיך אָן די גמרא („גמ״). אָט איז אַ מוסטער:

גמ. פשיטא (דאָס איז פאַרשטענדלעך) לא צריכא (מען האָט עס גאָר־ניט געדאַרפט זאָגן). מיט אָט־די דריי ווערטער „פשיטא״, „לא צריכא״ האָבן די תלמידים פאַרשריבן (ריכטיקער: פאַרצייכנט) אַלץ וואָס דער רבי האָט צו זיי געזאָגט פאַר צען צי פופצן מינוט. לאָמיר זיך פאָרשטעלן דאָס בילד ווי אַזוי עס איז געווען: דער רבי זיצט אין אַ ישיבה אין בבל, אין פומבדיתא אָדער אין סורא, ער זיצט אויבן־אָן און לערנט מיט די תלמידים. ער לערנט די משנה וואָס מיר האָבן דאָ פריער געבראַכט און ער זאָגט זיי אומגעפער אַזוי:

— ר׳ יהודה הנשיא, וועלכער האָט אויפגעשריבן די משנה, זאָגט, אַז בנוגע אַרבעטער מוז מען זיך פירן לויט דעם ווי עס איז איינגעפירט אין לאַנד. ער זאָגט דאָס בנוגע דער צייט פון דער אַרבעט, ווען די אַרבעטער זאָלן קומען און ווען זיי זאָלן אַוועקגיין, צי זיי דאַרפן קומען באַלד ווי עס ווערט טאָג און אַוועקגיין ווען עס איז נאַכט, אָדער עס קאָן זיין אויף אַן אַנדערן אופן. אַזוי איז אויך בנוגע דעם אופן פון געבן זיי עסן און

וואָס זיי צו געבן עסן און ער פירט אויס, אַז אַלץ איז ווי עס איז די איינפירונג אין לאַנד. אויב אַזוי, וואָס האָט ער דאָ אַזוינס אויפגעטאָן? און וואָס האָט ער עס גאָר געדאַרפט דערקלערן? צו זאָגן בלויז, אַז מען דאַרף זיך פירן אין אַלע ענינים פון אַרבעטער לויט דעם ווי עס איז איינגעפירט אין לאַנד, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך. פשיטא — דאָס איז דאָך פשוט, דאָס קאָן מען דאָך אַליין פאַרשטיין. אויב אַזוי, האָט רבי זיך אינגאַנצן געקאָנט פאַרשפּאָרן די מי דאָס אויפצושרייבן?

דאָס איז געווען אַ שטאַרקע קשיא, וואָס דער רבי האָט געפרעגט.

די תלמידים האָבן פון אַלע רייד וואָס דער רבי האָט צו זיי גערעדט, אַרויסגענומען דריי ווערטער צו באַצייכענען עס. די דריי ווערטער זיינען: „פשיטא" (פּשיטאַ); „לא צריכא" (לאַ צעריכאַ) — עס איז זעלבסטפאַר־שטענדלעך און רבי האָט עס ניט געדאַרפט זאָגן.

ביי דעם פונקט האָט דער רבי גענומען פאַרענטפערן די קשיא, וואָס ער האָט ערשט געפרעגט אויף דער משנה, און האָט צו די תלמידים אַזוי געזאָגט:

— הערט זיך צו מיט קאָפּ. מיר דאַרפן אָננעמען, אַז ר' יהודה הנשיא האָט עפּעס געמיינט; ער האָט זיכער ניט געוואָלט גלאַט זאָגן, אַז בנוגע אַרבעטער פירט מען זיך אַזוי ווי עס איז איינגעפירט אין לאַנד, ווייל דאָס האָט ער דאָך ניט געדאַרפט אונז לאָזן הערן. דעריבער דאַרף מען אָננעמען, אַז עס איז דאָ פאַראַן אַ הינטערגעדאַנק. וואָס איז ער? עס קאָן זיין, אַז ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז מען קאָן ניט צווינגען די אַרבעטער צו אַרבעטן לענגער אַפילו ווען „דטפו להו אאגרייהו" (דטופו לעהו אַאַגרייהו) — ווען ער האָט זיי צוגעזאָגט מער לוין ווי מען גיט געוויינלעך. אַזוי ווי מען קען מיינען, אַז ער קאָן זאָגן צו די אַרבעטער, אַז דאָס וואָס איך האָב איך צוגעזאָגט מער לוין איז דערפאַר וואָס איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט קומען פריער צו דער אַרבעט און אַוועקגיין שפּעטער, ווייל ר' יהודה הנשיא אונז לאָזן וויסן, אַז דער בעל־הבית קאָן אַזוי ניט זאָגן — און אויב ער זאָגט, דאַרפן די אַרבעטער ניט קומען פריער און ניט אַוועקגיין שפּעטער ווי עס איז איינגעפירט אין לאַנד. אַי, ער האָט דאָך אַ טענה, אַז ער האָט זיי צוגעזאָגט מער לוין ווי עס איז איינגעפירט אין דער מדינה, קאָנען די אַרבעטער אים דערויף ענטפערן, אַז דאָס וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט מער לוין איז ניט געווען דערפאַר, אַז זיי זאָלן קומען פריער און אַוועקגיין שפּעטער, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן טאָן די אַרבעט בעסער.

איצט — האָט דער אמורא, וועלכער האָט געלערנט מיט די תלמידים אין דער ישיבה אין בבל, אויסגעפירט — איז שוין די משנה פאַרשטענדלעך, איצט איז קלאָר צו וואָס מען האָט געדאַרפט דאָס זאָגן. עס איז דערפאַר, וואָס מען האָט געוואָלט פעסטשטעלן, אַז אַפילו דאָרטן וואו דער בעל־הבית

גיט די אַרבעטער אַ גרעסערן לוין ווי עס איז אָנגענומען, קאָן ער זיי אַלץ נאָך ניט צווינגען צו קומען פריער צו דער אַרבעט און אַוועקגיין שפּעטער ווי עס איז אָנגענומען אין לאַנד.



אַ זיצונג פון די שעפער פון תלמוד, די אמוראים, מיט זייערע תלמידים, אין אַ גאָרטן.

אָט־די אַלע רייד, וואָס דער אמורא האָט אין דער ישיבה אין בבל געזאָגט צו די תלמידים וועגן דער משנה, האָבן זיי, די תלמידים, ניט גע־קאָנט און ניט געטאָרט אויפשרייבן. אָבער כדי ניט צו פאַרגעסן, האָבן זיי אויסגעקליבן די סאַמע וויכטיקסטע ווערטער, לאָמיר עס אָנרופן: „טשוואָק־ווערטער", דאָס הייסט ווערטער וועלכע זיינען אַזוי ווי אַ טשוואָק, אַ נאָגל, אויף וועלכן עס הענגט אַ שווערע מאַנטל; ווערטער וואָס וועלן מאַכן געדענקען דאָס וואָס דער רבי האָט געזאָגט. זיי האָבן אויפגעשריבן די דריי ווערטער: „דטפו להו אאגרייהו" — „טפו" הייסט אויף אַראַמעאיש: מערן,

צולייגן; „להו״ מיינט: צו זיי, און „אגרא״ מיינט אויף אַראַמעאיש: לוין; „אאגרייהו״ מיינט דעריבער: אויף זייער לוין. ער האָט זיי צוגעזאָגט מער אויף זייער לוין. אָט־די דריי ווערטער זיינען דער תוך, דער צענטער־פונקט פון גאַנצן געשפּרעך וואָס דער אמורא האָט געהאָט מיט זיי. אַזוי אַרום האָט מען ניט פאַרשריבן דאָס וואָס דער אמורא האָט געזאָגט, נאָר מען האָט עס בלויז פאַרצייכנט מיט עטלעכע ווערטער.

אָבער אַזוי ווי די דריי ווערטער זיינען געווען וויניק צו געבן אַ קלאָר בילד פון דעם וואָס דער אמורא האָט געזאָגט, האָט מען זיך באַנוצט מיט נאָך אַ מיטל, מיט פאַרטייטשן. די אמוראים האָבן געהאַלטן, אַז פּונקט ווי די תנאים האָבן געמעגט פאַרטייטשן די תורה, אַזוי מעגן זיי אויך פאַרטייטשן די שטעלן פון דער משנה פון די תנאים. ס׳איז דעריבער געווען איינגעפירט, אַז פאַרשרייבן דאָס וואָס דער אמורא האָט געזאָגט — דאָס ניט, אָבער אויסטייטשן — דאָס מעג מען.

איצט קומט די אויסטייטשונג פון דער פאַרצייכענונג, וואָס ווערט געטאָן מיט אַזעלכע ווערטער ווי: „מהו דתימא״ — קאָנסט דאָך אפשר זאָגן, „אמר להו״ — ער קאָן דאָך זאָגן צו זיי: „האי דטפאי לכו אאגרייכו״ — דאָס וואָס איך גיב אייך מער אויפן לוין, „אדעתא דמקדמיתו ומחשכיתו״ — איז דערפאַר כדי איר זאָלט קומען פריער און אַוועקגיין שפּעטער, „קא משמע לן״ — לאָזט ער מיך צו הערן, „דאמרו ליה״ — אַז זיי קאָנען צו אים זאָגן: „האי דטפת לן״ — דאָס וואָס דו האָסט אונז צוגעזאָגט מער לוין, „אדעתא דעבדינן לך עבידתא שפירתא״ — איז געווען דערפאַר, אַז מיר זאָלן טאָן פאַר דיר בעסערע אַרבעט.

* * *

אָבער דאָס איז ניט דער איינציקער סאָרט פון קשיות און תירוצים וואָס עס זיינען דאָ אין תלמוד, וואָס די אמוראים האָבן געפרעגט וועגן דער משנה. עס זיינען פאַראַן אויך אַ סאָרט פון תירוצים אויף קשיות וואָס זיינען ראַדיקאַלע. איינע פון די תירוצים איז געווען, צו מאַכן אַ גאַנצע ענדערונג אין דער משנה; צו זאָגן, אַז עס פעלט דאָרטן עפּעס און עס דאַרף זיין אַנדערש ווי עס איז איצט. דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף דעם אופן: ווי באַוואוסט, האָט ר׳ יהודה הנשיא („רבי״) רעדאַגירט די „משניות״. אין יענער צייט, ווען ר׳ יהודה הנשיא האָט דאָס געטאָן, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַזעלכע געשריבענע הלכות, וואָס די תנאים האָבן געהאַט פאַרפאַסט וועגן געוויסע דינים. „רבי״ האָט רעדאַגירט אָט־די הלכות און פון זיי אַרויסגענומען דאָס וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק און דאָס איבעריקע אויסגעלאָזן. אָט־די אויסגעלאָזענע הלכות און דינים ווערן אָנגערופן אויף אַראַמעאיש „ברייתא״, וואָס עס מיינט — אויסגעלאָזן, איבערגעלאָזן א. אַ. וו. נ. אַ טייל אמוראים, וועלכע האָבן געפרעגט קשיות אויף דער משנה און אויפגעוויזן, אַז זי איז ניט אויסגעהאַלטן, האָבן גענומען די „ברייתא״, די

אויסגעלאָזענע שטעלע און עס צוריק אַריינגעשטעלט אין דער משנה. דעמאָלט האָט שוין די משנה געקראָגן אַ גאַנץ אַנדער פּנים און די קשיות זיינען פאַרענטפערט געוואָרן. אָט־דעם סאָרט אָפּעראַציע אויף דער משנה האָבן זיי באַצייכנט מיט די פיר ווערטער: „חסורי מחסרא והכי קתני" (עס פעלט עפּעס און עס דאַרף אַזוי צו זיין). מיט אָט־דער דערקלערונג האָבן זיי אַריינגעבראַכט די שטעלן וואָס זיי האָבן געוואָלט אַריינברענגען. (באַזונדערס האָט זיך באַנוצט מיט אָט־דער מעטאָדע דער אמורא רב יהודה).

אַ טייל אמוראים האָבן אויך אַמאָל פּרובירט איבערצושטעלן די משנה און צו זאָגן, אַז דאָס וואָס עס שטייט אין אָנהויב דאַרף זיין צום סוף און דאָס וואָס עס שטייט צום סוף דאַרף גאָר זיין אין אָנהויב, ווייל אַזוי האָט די משנה מער זין, עס איז פיל לאָגישער און לייגט זיך מער אויפן שכל.

* * *

אָט־דאָס איז די גמרא. עס איז אַ שמועס אין לערנען, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פיל אמוראים. איינער האָט געפרעגט אַ קשיא, אַ צווייטער האָט געענטפערט; האָט אַ דריטער געפרעגט אַ קשיא אויפן תירוץ, האָט אַ פערטער עס ווידער פאַרענטפערט; האָט אַ פינפטער געזאָגט, אַז ר׳ יהודה הנשיא האָט געמיינט צו זאָגן, אַזוי און אַזוי; האָט אַ זעקסטער געמאַכט אַן אויסבעסערונג. דאַן איז געקומען אַ זיבעטער און אַן אַכטער א. אַ. וו. עס איז געווען דאָס וואָס מען וואָלט איצט אָנגערופן „אַ סעמינאַר", אָדער אַ „ראַונד טעיבעל דיסקאַשאַן", אַ שמועס אין לערנען.

אָט־די אַלע שמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום דעם דין פון דער משנה. נאָך אַזאַ שמועס איז אַמאָל דער דין געוואָרן אַנדערש. דאָס וואָס איז געווען כשר איז אַמאָל געוואָרן טריפה, אָדער דאָס וואָס איז געווען „מותר" (דערלויבט) איז געוואָרן „אסור" (פאַרבאָטן). אין געלט־ענינים האָט געקאָנט אויסקומען אַז אָנשטאָט דעם וואָס איינער איז געווען, לויט דער משנה, שולדיק, איז ער איצט געוואָרן ניט שולדיק און אַזוי אויך פאַרקערט: אַ ניט־שולדיקער איז אַמאָל געוואָרן שולדיק.

אָבער די דיסקוסיעס זיינען ניט געווען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, פריי לויטן געדאַנק און מיינונג. ניין, עס זיינען געווען כללים, פאָרמען אַזעלכע, לויט וועלכע צו דענקען און צו שאַפן די געזעצן. דאָס איז געבליבן אַ ירושה נאָך פון דער צייט פון די תנאים, וועלכע האָבן די כללים געשאַפן און זיך מיט זיי שטאַרק גערעכנט. אַזעלכע כללים זיינען געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט פון די גאָר גרויסע מייסטערס, לויט די געזעצן פון לאָגיק, ווי אַזוי צו טייטשן פּסוקים און אויך אָראָפּצולערנען איין זאַך פון דער צווייטער; צו פאַרשטיין אַן אָרט וואָס איז ניט קלאָר פון אַן אַנדער אָרט וואָס איז ענלעך און וואו אַלץ איז דאָרטן קלאָר. אָבער די כללים פאָדערן אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג און דאָס וועלן מיר טאָן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

8.

# די לאָגישע געזעצן פון תלמוד

**די כללים אָדער „מידות" וואָס די חכמים האָבן געשאַפן. — די ערשטע כללים פון הלל הזקן. — די דרייצן כללים פון ר' ישמעאל. — נאָך 32 כללים פון ר' יוסי הגלילי. — לאָגישע מעטאָדן און קרומע לאָגיק. — די פאַרשידענע פאָרמען פון מענטשלעכן דענקען. — מוסטערן פון די זיבן כללים. — די אַנדערע וועגן פון די אמוראים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אגדה.**

די שעפער פון תלמוד האָבן געהאַט אַ צאָל „כללים", מיט וועלכע זיי האָבן אָנגעפירט זייער פאַרשונגס־אַרבעט. די דאָזיקע כללים זיינען געשאַפן געוואָרן פון די ערשטע תנאים און זיינען דערנאָך אָנגענומען געוואָרן פון אַלע.

הלל הזקן איז געווען דער ערשטער צו שאַפן אַזאַ גאַנג פון זיבן כללים. דערנאָך איז געקומען ר' ישמעאל און האָט געשאַפן דרייצן כללים. ער האָט גענומען אַלס גרונט הלל'ס זיבן כללים און האָט צוגעגעבן זעקס אייגענע. (אייגנטלעך האָט ער געשאַפן אייגענע זיבן כללים, ווייל דעם זיבעטן כלל פון הלל הזקן האָט ער ניט אָנערקענט.)

אָט די דרייצן כללים זיינען אַ צייט לאַנג געווען די הויפּט־מיטלען אויף צו פאַרשן די תורה און אויף פעסטצושטעלן די געזעצן פון אידנטום. אַ ביסל שפּעטער זיינען געשאַפן געוואָרן פון ר' יוסי הגלילי 32 כללים, אין וועלכע די 13 פון ר' ישמעאל זיינען אַריינגענומען געוואָרן. אָבער די דאָזיקע 32 כללים זיינען ניט אָנערקענט געוואָרן פון אַלע תנאים און מען האָט זיך מיט זיי ניט באַנוצט אין דעם געביט פון הלכה, נאָר בלויז אין דער אגדה.

אײדער מיר גייען ווייטער ווילן מיר דערקלערן, אַז ניט אַלע דרייצן כללים (די חכמים רופן זיי אָן „מידות") זיינען אויסגעבויט אויפן גרונט פון אַ ריין־לאָגישן אופן פון דענקען, ווי מיר פאַרשטייען עס היינט־צו־טאָג. ניין, ניט אַלע זיינען דורכאויס געזונטע, לאָגישע פאָרמולעס אָדער הנחות. דאָס מיינט צו זאָגן פאָלגנדעס: מיר געפינען בכלל אין דער אַלטער ליטעראַטור, סאַי פון אידן און סאַי פון ניט־אידן, געוויסע פאָרמען פון דענקען, אָדער אופנים פון אָװעקשטעלן הנחות און ציען פון זיי שלוסן, וואָס קלינגען ניט זייער גוט אין אונזערע אויערן. עפּעס דוכט זיך אונז, אַז דאָס איז אַ מין לאָגיק, וואָס הינקט אונטער. טיילמאָל זעט עס אויס אין אונזערע אויגן גאָר ווי אַ קרומע לאָגיק, אָבער דאָך האָט מען אַזוי געדענקט אין יענע אַלטע צייטן, און מענטשן האָבן דאַן באַטראַכט אַזאַ מין לאָגיק

פאַר גוט און וואויל. אין זייערע אויערן האָט עס וואָרשיינלעך ניט געקלונגען שלעכט. דאָס באַציט זיך אויף אַזוי ווייט ווי ביז צו אַריסטאָטל׳ס „לאָגיק" און אויך בנוגע אַנדערע שאַפונגען פון דער אַנטיקער וועלט.

לאָגיק איז ניט אַלעמאָל איינס און דאָס זעלבע. אפילו היינט וויסן מיר, אַז ניט אַלע מענטשן דענקען גלייך, אויף איין און דעם זעלבן אופן. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז עס זיינען דאָ צען פאָרמען פון דענקען און אפשר נאָך מער. דאָס מיינט, אַז די מענטשן וואָס דענקען אויף די צען פאָרמען, וועלכע מיר וועלן דאָ ווייטער ברענגען, זיינען לאָגישע מענטשן, כאָטש זייער לאָגיק איז ניט גלייך. אָבער לאָמיר פריער זען וואָס אָט־די צען פאָרמען פון דענקען שטעלן מיט זיך פאָר:

איינס: גלייך און קלאָר דענקען. דאָס איז די בעסטע און שענסטע, און סאַמע ריכטיקסטע פאָרם פון דענקען. דאָס מיינט צו זאָגן, צו גיין פון איינס צו צוויי, פון צוויי צו דריי, דענקען גלייך און ניט שפּרינגען פון איינס צו אַכט אָדער דרייצן. און אויך דענקען קלאָר, דאָס הייסט, צו וויסן גענוי וואָס מען וויל און ניט פאַרנעפּלט.

צוויי: גלייך, אָבער ניט קלאָר. פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וועלכע דענקען גלייך און גייען פון איין הנחה צו דער צווייטער, אָבער דאָס גאַנצע דענקען איז ביי זיי ניט קלאָר, עפּעס איז עס פאַרוואָלקנט.

דריי: קלאָר, אָבער ניט גלייך. אַנדערע ווידער האָבן די מעלה וואָס זיי קענען דענקען קלאָר, אָבער ניט גלייך. זיי זעען גענוי וואָס זיי ווילן, אָבער שפּרינגען פון איין געדאַנק צו אַ צווייטן. פון אַ נידעריקער אַקסיאָמע צו אַ פיל העכערער, און קענען ניט גיין אויפן גלייכן וועג פון איינס צו צוויי, צו דריי, צו פיר.

פיר: קרומע לאָגיק. פאַראַן אַזאַ זאַך אויך. עס איז לאָגיק, אָבער עס איז קרום, ווי למשל, אַ טיש וואָס האָט נאָר דריי פיס. עס איז טאַקע אַ טיש וואָס שטייט, אָבער ער הינקט אונטער.

פינף: פּלפּול׳דיקע לאָגיק. עס איז אַ לאָגיק פון מאַכן פשט׳לעך, פון ברענגען צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, בוידעם מיט פעטרישקע, צו בויען שלעסער אין דער לופטן.

זעקס: שפּרינגענדיקע לאָגיק. דאָס איז אַ לאָגיק ביי אַ טייל מענטשן וואָס גייען ניט פון לייכטן צום שווערן. ניט סיסטעמאַטיש, נאָר איינער וואָס שפּרינגט פון איינס צום אַנדערן אָן אַ סיסטעם.

זיבן: מעשה קאַפּויער לאָגיק, אָדער ווי מ׳רופט עס, אָן „איפכא מסתברא" (איפּכע מיסטאַוורע), וואָס עס איז אַ גמרא־אויסדרוק. דאָס מיינט: פּונקט פאַרקערט. אַזעלכע, וואָס האָבן שטענדיק ליב צו זען זאַכן פּונקט פאַרקערט. זיי ווילן באַווייזן, אַז עס איז נאַכט, ווען עס איז באמת טאָג, אָדער, למשל, אַז היינט איז ניט שבת (ווען עס איז יאָ שבת), נאָר — מיטוואָך.

אַכט: אויבערפלעכלעך דענקען. מענטשן, וואָס דענקען אויבערפלעכלעך

און גייען ניט אַריין טיף אין אַ זאַך, צו דערגרונטעווען זיך צום סאַמע תוך. זיי נעמען־אויף אַלע זאַכן בלויז אויבערפלעכלעך, ניט טיף.

ניין: טראַכטען אין צירקעלס. אַ מין דענקען וואָס דרייט זיך ווי אין אַ ראָד און קומט אַלע מאָל צוריק צום אָנהויב. פאַראַן אַזעלכע מוחות וואָס טראַכטן שטענדיק אויף אַ קיילעכדיקן אופן, וואָס האָט שטענדיק דעם זעלבן גאַנג.

צען: דענקען אָן באַשלוסן. אַ סאָרט דענקען ביי מענטשן, וועלכע קאָנען קיינמאָל ניט קומען צו אַ באַשלוס וועגן עפּעס. עס פעלט זיי דער כוח צו דעצידירן, צו קומען צו אַ רעזולטאַט, אַ שלוס.

ווי מיר זען, אַלזאָ, איז ניט פאַראַן איין פאָרם פון לאָגיק ביי מענטשן, נאָר פיל פאָרמען. די אַלע מענטשן דענקען לאָגיש, אָבער ניט אין אַ גלייכער לאָגיק. זיי זיינען ניט אומלאָגיש, אָבער לאָגיק האָט פיל פאָרמען.

גייען מיר צוריק צו דער אַנטיקער וועלט, זעען מיר, אַז זיי האָבן געהאַט אַנדערע פאָרמען פון לאָגיק ווי מיר האָבן, ווייל אויך לאָגיק, ווי אַלע אַנדערע אייגנשאַפטן פון מענטש, איז דורכגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. די לאָגיק וואָס מיר האָבן איצט, האָט דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע פון טויזנטער יאָרן. דעריבער, ווען מיר רעדן פון דער לאָגיק פון דער אַנטיקער וועלט, דאַרף מען זיך ניט וואונדערן אויף געוויסע פאָרמען וואָס זעען היינט אויס אַנדערש. מען דאַרף עס גיכער פאַרשטיין.

אָט מיט דער איינלייטונג קען מען צוגיין צו באַטראַכטן די לאָגישע כללים פון די תנאים, וועלכע זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן, כדי צו וויסן ווי אַזוי צו טייטשן די תורה און אַראָפּצולערנען איין זאַך פון דער צווייטער, דאָס ניט געזאָגטע פון דעם געזאָגטן, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

* * *

די ערשטע זיבן כללים שטאַמען, ווי געזאָגט, פון הלל הזקן. ער איז געווען דער ערשטער צו שאַפן אַזעלכע פאָרמען און עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיי פאָרגעלייגט פאַר די זקנים פון בתירה (אַזאַ פאַרזאַמלונג פון תלמידי חכמים און געלערנטע). מיר וועלן ברענגען אָט־די זיבן פּונקטן און דערנאָך זיי דערקלערן. זיי זיינען: 1) קל וחומר (קאַל וואַכוימער). 2) גזירה שוה (גזעירע שאָווע). 3) בנין אָב מכתוב אחד (ביניען אָוו מיקאָסואוו עכאָד). 4) בנין אָב משני כתובים (ביניען אָוו מישנעי קסאוווים). 5) כלל ופרט וכלל (קלאָל אופּראָט אוכלאָל). 6) כיוצא בזה ממקום אחר (קאַיויצע באָזע מימאָקוים אַכער), און 7) דבר הלמד מענינו (דאָוואָר האַלאָמעד מעאיניאָנוי).

איצט וועלן מיר דערקלערן וואָס די זיבן פּונקטן זיינען: ערשטנס, קל וחומר. עס מיינט אַ לייכטע זאַך פון אַ שווערער זאַך. מען פאַרגלייכט אַ זאַך פון ווייניק באַדייטונג מיט אַ זאַך פון מער באַדייטונג און מען זאָגט אַזוי: אויב ביי דער זאַך פון מער באַדייטונג איז אַזוי, דאַרף דאָך ביי דער זאַך פון ווינציקער באַדייטונג אַוודאי זיין אַזוי. אָט איז אַ ביישפּיל: עס שטייט אין

דער תורה, אַז אויב איינער נעמט נאָך אַ ווייב צו דעם ווייב וואָס ער האָט (דעמאָלט האָט מען דאָס געמעגט), דאַרף ער איר געבן דריי זאַכן: עסן, קליידונג און וואוינען מיט איר ווי מאַן און ווייב (שמות כ״א). דאָס ווערט געזאָגט ווען ער נעמט זיך נאָך אַ ווייב (אם אחרת יקח לו). און ווי איז דער דין מיט דעם ערשטן ווייב? דאַרף ער איר געבן די דריי זאַכן צי ניט? דאָס שטייט אָבער ניט אין דער תורה. נו, קען מען עס פאַרשטיין דורך דער לאָגיק פון אַ „קל וחומר“. מען קען זאָגן אַזוי: מה דאָך, ווען ער נעמט נאָך אַ ווייב און עס ווערט זיין שווערער פאַר אים זיי אויסצוהאַלטן מיט די דריי זאַכן, מוז ער דאָס טאָן — ווען ער האָט נאָר איין ווייב, דעמאָלט ווען עס איז אים גרינגער, דאַרף ער עס דאָך אַוודאי טאָן. אָט דאָס איז געווען אַזאַ לאָגישע פאָרם מיט וועלכער עס האָבן זיך אָפט באַנוצט די תנאים ביים טייטשן די געזעצן פון דער תורה און שפּעטער האָבן עס אויך גענוצט די אמוראים.

דער צווייטער כלל איז: גזירה שוה. דאָס מיינט גלייכע אויסדרוקן, אַן אַנאַלאָגיע פון ווערטער. ווען מען פאַרשטייט ניט אַ שטעלע אין דער תורה, ווייל עס ווערט ניט אַלץ אַרויסגעזאָגט און מען געפינט אַן אַנדער אָרט וואו עס ווערן באַנוצט די זעלבע ווערטער, און דאָרט איז יאָ אַלץ אַרויסגע־שריבן געוואָרן, קען מען זאָגן, אַז דאָ וואו עס איז ניט אַרויסגעשריבן אַלץ איז גלייך צו דעם אָרט וואו עס איז יאָ אַרויסגעשריבן. אָט איז אַ ביישפּיל: עס שטייט אין דער תורה „כי תקנה עבד עברי“, אַז דו וועסט קויפן אַן „עבד עברי“. דאָ איז ניט קלאָר וואָס „עבד עברי“ מיינט, ווייל עס קאָן האָבן צוויי טייטשן: „עבד עברי“ קען מיינען, אַז דער „עבד“ איז אַן „עברי“ (איד) און עס קאָן מיינען אַן עבד פון אַן עברי, אָבער ער אַליין איז ניט קיין עברי. מען דאַרף אַלזאָ וויסן וואָס דער פּסוק מיינט. האָבן די חכמים פאַרגליכן די ווערטער מיט אַן אַנדער שטעלע וואו עס שטייט דאָס וואָרט „עברי“ (כי ימכר לך אחיך העברי) און געזען, אַז דאָרטן מיינט מען מיט „עברי“, אַז דאָס גייט אַרויף אויפן מענטש וואָס מען פאַרקויפט און ניט אויף זיין בעל־הבית. האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אויך ביי „עבד עברי“ מיינט דער פּסוק, ווען דער עבד איז אַן עברי, און ניט זיין בעל־הבית. אָבער אַזוי ווי דאָ איז דאָס ניט אַ זאַך פון לאָגיק, האָבן זיי געזאָגט, אַז מען קען ניט אַליין מאַכן קיין גזירה שוה, נאָר מען מוז עס האָבן געהערט פון אַ רבי און דער רבי פון אַ רבי. דאָס הייסט, פון גאָר אַלטע צייטן אָן, אַ טראַדיציע אַזאַ וואָס איז איבערגעג־אַנגען פון דור צו דור (גזירה שוה הלכה למשה מסיני).

דער דריטער כלל: בנין אָב מכתוב אחד און דער פערטער כלל: בנין אָב משני כתובים, מיינט צו זאָגן אַזוי: אַזאַ מין אַנאַלאָגיע, אָבער ניט קיין אַנאַלאָגיע פון ווערטער, נאָר אַן אַנאַלאָגיע פון געדאַנק, פון שכל. דאָס וואָרט „בנין אָב“ מיינט די אַנאַלאָגיע איז געבויט אַזוי ווי אַ פאָטער מיט אַ זון. דער זון איז דער רעזולטאַט פון פאָטער. אַמאָל פאַרגלייכט מען אַ שטעלע

אין דער תורה, וואו זאַכן זיינען ניט קלאָר צו אַן אַנדער אָרט וואו עס איז קלאָר אַרויסגעשריבן און מען מאַכט אַן אַנאַלאָגיע פון געדאַנק. און אַמאָל מאַכט מען אַזאַ אַנאַלאָגיע צו צוויי ערטער אין דער תורה. אַט דאָס מיינט „בנין אָב מכתוב אחד" (אַ בנין אָב פון איין פסוק) און „בנין אָב משני כתובים" (אַ בנין אָב פון צוויי פסוקים).

צום ביישפּיל: ביי פסח שטייט, אַז מען מעג קאָכן און באַקן כאָטש עס איז יום־טוב (אך אשר יאכל לכל נפש הוא לבדו יעשה לכם). אַט דאָס שטייט וועגן פסח. און ווי איז דער דין בנוגע אַנדערע ימים טובים? מען מעג אין זיי קאָכן און באַקן צי ניט? דער ענטפער איז אַ בנין אָב, אַז עס איז לאָגיש און פאַרשטענדלעך, אַז אויב מען מעג עס טאָן פסח וואָס איז אַ יום־טוב, מעג מען עס אויך אין אַלע אַנדערע ימים טובים. אַן אַנדערס מאָל מאַכט מען אַזאַ אַנאַלאָגיע צו צוויי שטעלן אין דער תורה.

דער פינפטער כלל איז: כלל ופרט וכלל. עס ווערט גערעדט וועגן אַ זאַך אין אַלגעמיינע טערמינען. דערנאָך ווערן אויסגערעכנט פּרטים. דערנאָך אַפילו אויב עס קומען ווידער אַלגעמיינע טערמינען, ווערט אָנגענומען, אַז די אַלגעמיינע טערמינען באַשטייען פון די פּרטים וואָס עס זיינען פריער אויסגערעכנט געוואָרן. עס שטייט, למשל, אין דער תורה „מן הבהמה", פון דער בהמה, דאָס איז אַ כלל, אַן אַלגעמיינער אויסדרוק פאַר פי. דערנאָך שטייט „מן הבקר ומן הצאן", פון די רינדער און פון די שאָף. דאָס זיינען שוין פּרטים, איז אַ באַוויז, אַז דער אויסדרוק „מן הבהמה" מיינט אָט־די פּרטים, וואָס עס זיינען: „מן הבקר ומן הצאן" (פון די אָקסן און די שאָף). אויב עס קומט איצט ווידער אַ וואָרט פון גענעראַליזאַציע, מיינט עס אויך שוין די פּרטים וואָס זיינען פריער דערמאָנט געוואָרן.

דער זעקסטער כלל איז כיוצא בזה ממקום אחר. ענלעכעס אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. דאָס איז שוין אַן אַנאַלאָגיע פון אומשטענדן. דאָס איז אַן אַנדערער סאָרט פאַרגלייך, ניט דורך די ווערטער וואָס זיינען ענלעך און ניט לויטן שכל, נאָר לויט די אומשטענדן. אויב אין איין פּלאַץ אין דער תורה איז ניט קלאָר אַרויסגעשריבן געוואָרן וואָס מען מיינט דערביי און מיר געפינען אין אַן אַנדערן פּלאַץ אַ שטעלע וואָס האָט די זעלבע אומשטענדן, וואו עס ווערט יאָ אַרויסגעשריבן, קאָן מען זאָגן, אַזביידע שטעלן זיינען גלייך לויט דעם געזעץ און דאָס וואָס עס איז אַרויסגעשריבן געוואָרן אין איין אָרט איז גילטיק אויך דאָרטן וואו עס איז ניט אַרויסגעשריבן געוואָרן. דאָס ווערט אויך אָנגערופן שפּעטער אין תלמוד „מה מצינו" (דאָס וואָס מיר געפינען). עס מיינט, אַזוי ווי מיר געפינען דאָרט אַזאַ באַשרייבונג, וואָס איז פאַסיק אויך דאָ אַהער, געברויכן מיר עס טאָקע אויך דאָ.

דער זיבעטער כלל איז: דבר הלמד מענינו. אַ זאַך וואָס מען קאָן פאַרשטיין פון דעם ענין גופא. דאָס איז אַן אַנאַלאָגיע פון סוביעקט. עס

מיינט צו זאָגן, אַ זאַך וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. די תורה האָט עס אַלזאָ ניט געדאַרפט אַרויסשרייבן, ווייל דאָס קאָן מען פאַרשטיין אַליין. צום ביישפיל, ווען מען זאָל זאָגן, אַז מען דאַרף אָוועקרוימען דעם שניי, פאַרשטייט מען, אַז עס האָט געשנייט.

אָט־דאָס זיינען געווען די ערשטע זיבן פונקטן פון לאָגיק. שפּעטער זיינען צוגעקומען, ווי געזאָגט, נאָך אַנדערע.

אַזוי ווייט וועגן הלכה.

איצט, לאָמיר זען, ווי אַזוי עס איז אין דער אגדה, נאָר וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.9

# די שעפער פון דער „אגדה״ אין תלמוד

**מיט וואָס זיי זיינען אַנדערש ווי די שעפער פון דער הלכה. — מעשה׳לעך און משלים. — לידער אין פּראָזע, הומאָר און סאַטירע אין דער אגדה. — דער ערשטער אָנהויב פון בעלעטריסטיק. — דאָס מעשה׳לע מיט אַ מענטש וואָס האָט געהאַט צוויי קעפּ. — ווי אַזוי ר׳ יהושע בן לוי האָט צוגעכאַפּט די שווערד פון מלאך־המות. — אַ געשפּרעך מיט משיח׳ן ווען ער וועט קומען אויסלייזן די אידן. — אַנדערע לעגענדעס און מעשה׳לעך.**

מיר טרעטן איצט־צו צו רעדן וועגן דער אגדה, און מיר ווילן באַלד אין אָנהויב זאָגן, אַז די אמוראים, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען נאָר מיטן שאַפן פון דער „אגדה״, זיינען געווען פיל פרייער אין זייער געביט פון שאַפן ווי די, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט דער הלכה, ווייל יענע, די הלכה׳יסטן, זיינען געווען צוגעבונדן צו דער משנה, אָבער די אגדה׳יסטן האָבן מיט דער משנה גאַרניט געהאַט קיין שייכות. זיי האָבן בלויז אַמאָל פאַרבונדן זייערע שאַפונגען מיט אַ פּסוק פון דער תורה, פון די נביאים, אָדער פון די כתובים — און אַמאָל דאָס אויך ניט. זיי זיינען אַזוי אַרום געווען אַבסאָלוט פריי צו שאַפן דאָס וואָס זייער פאַנטאַזיע האָט געוואָלט און ווי אַזוי זיי האָבן עס געזען מיט די אויגן פון זייער גייסט.

אין אַ געוויסן זין קאָן מען דעריבער זאָגן אויף די „בעלי האגדה״, אָדער „אגדה׳יסטן״, אַז זיי זיינען געווען די ערשטע שעפער פון בעלעטריסטיק ביי אידן. זיי האָבן פאַקטיש פאַרטראַכט פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך אָדער משלים (פאַבלען); אַמאָל אויך סקיצן און דערציילונגען, היסטאָרישע אָדער פון דער קעגנוואַרט, אָדער גאָר שילדערונגען פון אַ באַרימטן העלד; אַמאָל האָבן זיי גאָר געשאַפן פּאָעטישע פּערל, אַ מין לידער אין פּראָזע און אַמאָל איז עס געווען אַ מאָנאָלאָג אָדער אַ דיאַלאָג, צי גאָר אַ דראַמאַטישע האַנדלונג — און אַמאָל איז עס געווען הומאָר אָדער סאַטירע, אין געביט פון רעליגיע אָדער בכלל וועגן לעבן פון מענטש אויף דער ערד.

דעריבער וועט ניט זיין אויסערן וועג צו זען דעם אָנהויב פון בעלעטריסטיק ביי אידן אין די שאַפונגען פון די „אגדה׳יסטן״. נאַטירלעך, האָט עס, לויטן גייסט פון יענער צייט, געדינט אַ צוועק, כדי צו קומען צו אַ מוסר־השכל, אָבער אַמאָל איז עס געווען גלאַט אַ מעשה׳לע צוליב דער שיינקייט פון דער מעשה׳לע גופא, ניט זוכנדיק דערביי קיין נמשל.

מיר ווען דאָ ברענגען איניקע מוסטערן פון דעם אַרט שאַפן. דאָס ערשטע וועט זיין אַ מעשה׳לע וועגן שלמה המלך און זיין קלוגשאַפט. דאָס מעשה׳לע האָט אַ מוסר־השכל, וועלכן מיר וועלן ברענגען צום סוף. דאָס מעשה׳לע ווערט דערציילט באריכות, אָבער מיר וועלן עס ברענגען אַביסל פאַרקירצט. עס גייט אַזוי:

„איינמאָל איז אשמדאי, דער קעניג פון די שדים, געקומען צו שלמה המלך און פון אים געשפּאָט און צו אים אַזוי געזאָגט:

— שלמה המלך, מען האָט וועגן דיר געשריבן „ויחכם מכל אדם״ (ער איז קליגער פון אַלע מענטשן). נו, וועל איך דיר וויזן אַ זאַך, וואָס דו וועסט ניט וויסן וואָס צו זאָגן וועגן דעם. רופט זיך אָן שלמה: „גוט, וויז מיר!״ נעמט דער אשמדאי און ברענגט אים אַריין אַ מענטש מיט צוויי קעפּ, פיר אויגן, צוויי נעז, צוויי מיילער מיט צוויי צונגען, און זאָגט צו אים: „האָסט אַזוינס אַמאָל געזען? איצט זאָג מיר, וואָס איז דער מענטש? איז ער איין מענטש אָדער צוויי מענטשן?״

איז שלמה המלך געוואָרן פאַרצווייפלט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

אָבער באַלד האָט דער קעניג שלמה געהייסן איינשליסן דעם מענטש אין אַ באַזונדערן צימער און ער האָט געשיקט נאָך זיין הויפּט־ראַטגעבער, בניהו בן יהוידע. ווען בניהו איז געקומען, האָט אים שלמה געוויזן דעם מענטש מיט די צוויי קעפּ און אים געפרעגט וואָס ער זאָגט וועגן אים: איז ער איין מענטש אָדער צוויי. אָבער בניהו האָט אויך ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און דערצו איז ער גאָר אַוועקגעפאַלן פון שרעק. שלמה המלך האָט איצט באַשלאָסן אַליין אויסצופאָרשן די זאַך און ער האָט גענומען דעם מענטש מיט די צוויי קעפּ אויף אַ פאַרהער.

— ווער ביזטו? — האָט שלמה אים צום ערשטן געפרעגט.

— איך בין אַ מענטש — האָט יענער אים געענטפערט.

— פון וואַנען שטאַמסטו? — האָט שלמה אים ווידער געפרעגט.

— איך שטאַם־אָפּ פון קין׳ען (קין און הבל, די ערשטע צוויי קינדער וואָס אדם הראשון האָט געהאַט מיט זיין ווייב חוה׳ן).

— און פון וועלכן אָרט קומסטו, וואו וואוינסטו?

— איך וואוין אין אַן אָרט וואָס הייסט „תבל״.

— שיינען דאָרטן די זון און די לבנה?

— יאָ.

— פון וואַנען שיינט־אויף די זון און וואו גייט זי אונטער?

— עס איז פאַרקערט ווי ביי אייך דאָ. ביי אונז שיינט־אויף די זון ניט אין מזרח, נאָר אין מערב, און גייט אונטער ניט אין מערב, נאָר אין מזרח.

— און וואָס טוט איר גאַנצע טעג?

— מיר אַרבעטן אין פעלד, אַקערן, זייען און שניידן, און מיר פאַשען אויך שאָף און רינדער.

— בעט איר צו גאָט?

— יאָ.

— ווען איר בעט צו גאָט, וואָס זאָגט איר?

— מיר זאָגן: „ווי גרויס זיינען דיינע וואונדער, גאָט, אַלץ האָסטו מיט חכמה באַשאַפן".

נאָכדעם האָט שלמה געזאָגט צו אים: „ווילסט צוריקגיין אין דיין לאַנד?" האָט יענער געזאָגט: יאָ. האָט שלמה אים געזאָגט, אַז ער וועט אים לאָזן צוריקקערן זיך אין זיין לאַנד און דער קעניג האָט געשיקט נאָך אשמדאי, אַז ער זאָל דעם מענטש מיט די צוויי קעפּ צוריקפירן צום לאַנד פון וואַנען ער איז געקומען. ווען אשמדאי איז געקומען, האָט שלמה צו אים געזאָגט: „פיר צוריק דעם מענטש אין זיין לאַנד!" האָט דער אשמדאי אים געענטפערט: „איך קאָן דאָס מער ניט טאָן. דער מענטש מוז דאָ בלייבן, אַזוי פירט זיך עס ביי אונז".

איז דער מענטש געבליבן אין לאַנד, האָט גענומען אַ ווייב און געהאַט מיט איר קינדער — זעקס וואָס זיינען געראָטן אין דער מוטער און אויסגעזען ווי אַלע מענטשן, און דאָס זיבעטע — געראָטן שוין אין אים און האָט געהאַט צוויי קעפּ, פיר אויגן, און אַזוי ווייטער.

ווען דער מענטש איז געשטאָרבן, האָבן די יורשים זיך גענומען קריגן. די זעקס קינדער האָבן גע'טענה'ט, אַז מען זאָל דאָס פאַרמעגן פון פאָטער איינטיילן אויף זיבן חלקים. אָבער דער מיט די צוויי קעפּ האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף עס איינטיילן אויף אַכט חלקים און אים געבן צוויי חלקים, ווייל ער האָט צוויי קעפּ.

זיינען זיי אַלע אַוועק צום קעניג שלמה, כדי צו האָבן ביי אים אַ משפט. האָט שלמה געפרעגט די סנהדרין וואָס עס איז זייער מיינונג, האָבן זיי געשוויגן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט דער קעניג געזאָגט: „אויב אַזוי, וועל איך אַרויסגעבן מיין אורטייל".

ביינאַכט איז דער קעניג שלמה איינער אליין אַריינגעגאַנגען אין בית־המקדש און האָט געבעטן צו גאָט און אַזוי געזאָגט: „רבונו של עולם, ווען דו האָסט זיך באַוויזן צו מיר צום ערשטן מאָל אין גבעון און צו מיר געזאָגט: וואָס ווילסטו אַז איך זאָל דיר געבן? האָב איך ניט געבעטן, ניט קיין גאָלד און ניט קיין זילבער, ניט קיין זיג איבער די שונאים און ניט קיין כבוד, נאָר בלויז איין זאַך — קלוגשאַפט צו קאָנען משפט'ן מיט ערלעכקייט מיינע אונטערטאַנען. ווייז מיר, דעריבער, גאָט, איצט דעם וועג צו אַזאַ משפט; ווייז מיר ווי אַזוי אַרויסצוגעבן מיין אורטייל!"

באַלד אינדערפרי האָט עפּעס געבליצט אין קאָפּ פון שלמה המלך און

שפעטער, ווען אַלע זיינען געווען פֿאַרזאַמלט צו הערן דעם קעניגס אורטייל, האָט ער געזאָגט צו אַלע פֿאַרזאַמלטע:

— מיר וועלן באַלד זען וואָס ער איז. אויב איין קאָפּ פילט די ווייטיקן פון אַנדערן, איז ער איין מענטש; אויב איין קאָפּ פילט ניט די ווייטיקן פון אַנדערן, איז עס צוויי מענטשן. ריכטיק אַזוי?

האָבן אַלע געזאָגט: ריכטיק!

האָט דער קעניג באַפוילן צו ברענגען אַן עמער מיט הייס־קאָכעדיק וואַסער און גיסן עס אויף איינעם פון די קעפּ. האָט דער מענטש מיט די צוויי קעפּ געכאַפּט זיך פאַרביידע קעפּ און געשריען: „עס טוט וויי! עס בריט, ניט נאָר דער קאָפּ אויף וועלכן מען גיסט דאָס הייסע וואַסער, נאָר עס טוט וויי אויך דער אַנדערער קאָפּ!"

האָט שלמה המלך געזאָגט: „אויב אַזוי, איז דער מענטש מיט די צוויי קעפּ נאָר איין מענטש און עס קומט אים בלויז איין חלק פון דער ירושה".

האָבן אַלע דערצו צוגעשטימט און אים געלויבט פאַר זיין חכמה".

אָט־דאָס מעשה'לע האָט אַ מוסר־השכל, וואָס זאָגט, אַז דער מענטש איז איינער, אַז אַלע אברים זיינען איינס, אַז אויב עס טוט וויי די פיס, טוט אויך וויי דער קאָפּ און אַז אַפילו ווען אַ מענטש זאָל האָבן צוויי קעפּ, וואָלט דער אַנדערער קאָפּ אויך געפילט דעם ווייטיק פונקט ווי דער ערשטער.

* * *

איינער פון די גרעסטע צווישן די בעלי אגדה איז געווען ר' יהושע בן לוי. ער איז געווען אַן אמורא פון ארץ־ישראל, פון ערשטן דור פון די אמוראים (אין אָנהויב פון 3טן יאָרהונדערט, קריסטלעכער צייט־רעכענונג). ער איז געווען אַ תלמיד פון בר קפּרא, וועלכער איז געווען גרויס אין ביידע געביטן, אין הלכה און אין אגדה. אויך ר' יהושע בן לוי איז געווען אינטעד רעסירט אין הלכה, און ער איז אַ געוויסע צייט געווען דער ראש־ישיבה פון דער ישיבה אין לוד. פון אים זיינען פאַראַן פיל אגדות, וואָס זיינען אַריין אין תלמוד בבלי. מיר וועלן ברענגען דאָ איינע פון זיי.

ר' יהושע בן לוי האָט זיך אַ צייט לאַנג אָפּגעגעבן מיט קרעציקע, וועלכע ער האָט געהאָלפן. ווען מען האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער שטעלט איין זיין לעבן, האָט ער געענטפערט: „גאָט וועט העלפן; די תורה וועט מיך באַשיצן". אָבער ענדלעך איז ער קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן. איז געקומען צו אים דער מלאך המות. זאָגט צו אים ר' יהושע בן לוי: „גוט, כ'בין גרייט צו שטאַרבן, אָבער כ'וויל פריער זען וואו עס וועט זיין מיין אָרט אין גן־עדן. קענסטו מיר פריער דאָס ווייזן?" זאָגט צו אים דער מלאך המות: „יאָ. קום מיט מיר!" זאָגט צו אים ר' יהושע בן לוי: „איך וועל גיין מיט דיר. אָבער גיב מיר צו האַלטן דיין שווערד, ווייל טאָמער דערלאַנגסטו מיר מיט דיין שווערד אין מיטן וועג".

האָט דער מלאך המות אים געגעבן זיין שווערד און ווען זיי זיינען געקומען אַהין, האָט דער מלאך המות אים אויפגעהויבן אין דער הויך און אים געוויזן זיין פּלאַץ אין גן־עדן. האָט ר׳ יהושע בן לוי געגעבן אַ שפּרונג אין גן־עדן אַריין. האָט דער מלאך המות אים אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע פון זיין מאַנטל און אים געוואָלט צוריקשלעפּן. האָט ר׳ יהושע בן לוי געזאָגט צו אים: „איך שווער, אַז איך גיי ניט צוריק!״ האָט דער מלאך המות צו אים געזאָגט: „טאָ גיב מיר כאָטש צוריק מיין שווערד״. האָט ער ניט געוואָלט. האָט גאָט געהייסן אים צוריקגעבן די שווערד, ווייל מען דאַרף זי נאָך פאַר די מענטשן.

דער מוסר־השכל פון דעם מעשה׳לע איז, אַז דער טויט איז נאָך אַלעמען אַ טובה פאַר די מענטשן, און אַז דער מלאך המות מוז נאָך האָבן די שווערד, כדי צו קאָנען דינען דער מענטשהייט.

אַ צווייטע לעגענדע פון ר׳ יהושע בן לוי איז אַזוי:

ר׳ יהושע בן לוי האָט געטראָפן אליהו הנביא. האָט ער אים געפרעגט: „ווען וועט קומען משיח?״ האָט אליהו הנביא אים געענטפערט: „גיי, פרעג עס אים אַליין״.

— אָבער וואו איז ער?

— ער זיצט ביים טויער פון רוים.

— ווי אַזוי וועל איך אים דערקענען?

— ער זיצט צווישן אָרעמע און קראַנקע לייט. אַלע בינדן אויף זייערע באַנדאַזשן מיטאַמאָל, און דערנאָך בינדן זיי זיי צוריק צו. אָבער ער בינדט אויף איין באַנדאַזש און בינדט אים באַלד צוריק צו, און דערנאָך בינדט ער אויף דעם אַנדערן באַנדאַזש.

— פאַרוואָס טוט ער אַזוי?

— ווייל טאָמער רופט מען אים, אַז ער זאָל גיין אויסלייזן די אידן, זאָל ער ניט פאַרלירן קיין איין מינוט.

איז ר׳ יהושע בן לוי אַוועקגעגאַנגען צו אים און האָט אים באַגריסט. האָט אים משיח געענטפערט מיט אַ באַגריסונג. האָט אים ר׳ יהושע בן לוי געפרעגט: „ווען וועסטו קומען אויסצולייזן די אידן?״ האָט אים משיח געענטפערט: „היינט״!

אויף צומאָרגנס האָט ר׳ יהושע בן לוי ווידער געטראָפן אליהו הנביא. האָט אים אליהו געפרעגט: „נו, וואָס האָט משיח דיר געזאָגט?״

איז ר׳ יהושע בן לוי געוואָרן בייז און געזאָגט: „משיח האָט מיך אָפּגענאַרט: ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קומט היינט, און ער איז ניט געקומען״.

האָט אליהו הנביא צו אים געזאָגט: „ער האָט דיך ניט אָפּגענאַרט. ער האָט דיר געזאָגט דעם פּסוק: „היום אם בקולי תשמעו״ (היינט, אויב איר וועט זיך צוהערן צו גאָטס שטימע), אויב איר וועט תשובה טאָן״.

* * *

צום סוף ווילן מיר דאָ ברענגען אַ שטעלע וואָס קלינגט ווי אַ ליד אין פּראָזע, און וועלכע שילדערט דעם צער פון גאָט דערויף, וואָס ער האָט זיין באַליבט פאָלק ישראל פאַרטריבן פאַר זייערע זינד פון זייער לאַנד. אָבער גאָט ליידט דערפון ניט ווייניקער ווי די אידן. די שטעלע איז אַזוי:

זאָגט ר׳ יוסי: אַמאָל בין איך אַריין אין אַ חורבה צו בעטן דאָרטן צו גאָט. האָב איך געהערט דאָרטן אַ קול, וואָס האָט געוואָרקעט ווי אַ טויב, און געזאָגט:

ווי איז צו מיר צוליב די ליידן פון מיינע קינדער,\
צוליב וועמענס זינד איך האָב חרוב געמאַכט מיין הויז;\
פאַרברענט מיין פּאַלאַץ\
און פאַרטריבן זיי צווישן די פעלקער.\
ווי איז מיר! ווי איז מיר!\
ווי איז צו דעם טאַטן וואָס האָט פאַרטריבן זיינע קינדער.\
און ווי איז די קינדער וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון טאַטנס טיש.

דערמיט ווערט דאָ אויסגעדריקט דער געדאַנק וואָס די קבלה האָט שפּעטער אויפגעכאַפּט און עס ברייט אַרומגערעדט. נעמלעך, דער געדאַנק פון גלות השכינה. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז צוליב דעם וואָס די אידן זיינען אין גלות צווישן אַנדערע פעלקער, ליידן זיי ניט נאָר פיזיש, נאָר עס ליידט אויך דערפון דער גייסט; דער אידישער געניוס ליידט; עס ליידט דער שאַפונגס־כוח פון די אידן וואָס קאָן זיך אין גלות ניט אויסלעבן און וואָס וועט האָבן ערשט זיין תיקון ווען די אידן וועלן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל.

אַן אַנדער פאָרם פון דער אגדה איז די שאַפונג פון משלים (פאַבלען) אין וועלכן די אידן זיינען געווען די ערשטע און אויך די גרעסטע מייסטער, אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.10

# משלים און מעשה׳לעך אין תלמוד

**אוצרות פון משלים געפינען מיר שוין אין תנ״ך. — אייניקע מוסטערן פון די ביבלישע פאַבלען. — די משלים פון תלמוד זיינען אויף פאַרשידענע געביטן. — צען פאַרמען פון משלים וועגן אַ קעניג. — די הונדערטער משלים וועגן אַ פוקס. — משלים וועגן לייבן, טיגערן, אייזלען, פערד און אַנדערע הויז־חיות. משלים וועגן פרוכטן און גריינסן.**

„משלים״ פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור, פון אַלטע צייטן אָן, אָבער אויף דעם געביט פון משלים (פאַבלען) זיינען די תלמודיסטן (ביידע גרופּן, סיי די „הלכה׳איסטן״ און סיי די „אגדה׳איסטן״) געווען די גרעסטע מייסטער וואָס די וועלט האָט געהאַט, ווי מיר וועלן עס דאָ קלאָר מאַכן.

„משלים״ זיינען געווען אייגנטלעך דער אָנהויב פון דער וועלט־ליטעראַטור. צום ערשטן איז געקומען דער משל, פאַבל אָדער פּאַראַבל, אַ מין מעשה׳לע און אין אָנהויב אין דער באַגלייטונג פון אַ נמשל, פון אַ מוסר־השכל. ערשט שפּעטער האָט זיך פון משל אַנטוויקלט די קלענערע דערציילונג, דערנאָך דער עפּאָס און נאָך שפּעטער — אַלע אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַטור.

די אידישע רעליגיע, וועלכע איז אין גרונד אַ מוסר־לערע, אַ וועג־ווייזער אין מאָראַל און עטיקס, האָט דעריבער פון סאַמע אָנהויב־אָן שטאַרק באַנוצט דעם משל, אַזוי אַז עס איז די מיינונג פון פיל געלערנטע (ווי לאַנדסבערג, בעק און אַנדערע), אַז דאָס אידישע פאָלק איז דער טאַטע פון משל. ארץ־ישראל, הייסט עס, איז געווען דאָס וויגעלע פון משלים. געוויס האָבן אויך אַנדערע פעלקער בייגעטראָגן אויף דעם געביט, אָבער זיי זיינען ניט געווען אַזוי אָריגינעל און אויך ניט אַזוי פּראָדוקטיוו.

שוין אין תנ״ך זעען מיר, אַז גאַנצע פיר ווערק זיינען אָפּגעגעבן פאַר משלים. די ווערק זיינען: „משלי שלמה״, „שיר השירים״, „קהלת״ און „איוב״. פאַרשידענע שאַפונגען, אָבער אַלע אויפן געביט פון משל. מיר געפינען אויך אין דער תורה (במדבר כ״א) אַ שטעלע וואו עס ווערט געזאָגט: „על כן יאמרו המושלים״ (דעריבער זאָגן די משלים־זאָגער). דאָס ווייזט, אַז עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך פאַרנומען דערמיט.

אויך ביי בלעמ׳ען שטייט „וישא משלו ויאמר״. אַ משל געפינען מיר אויך אין שופטים, ווען יותם וויל צוריקקריגן פון שכם זיין מלוכה און דערציילט זיי אַ מעשה׳לע וועגן די בוימער וואָס זיינען געגאַנגען זוכן צו זאַלבן פאַר זיך אַ קעניג („הלוך הלכו העצים למשוח עליהם מלך״). ווען נתן הנביא וויל שטראָפן דוד המלך פאַר זיינע זינד מיט בת־שבע׳ן, טוט ער עס אויך מיט אַ משל (שמואל ב׳, י״ב) וועגן צוויי מענטשן וואָס האָבן גע־לעבט אין איין שטאָט. יואב שיקט אַ פרוי צו רעדן מיט דוד המלך וועגן אבשלום׳ען און ער הייסט איר רעדן מיט אַ משל („אשה אלמנה אני״ — שמואל ב׳, י״ד) און אַזוי זעען מיר אויך, אַז ווען עס קומט צום אויס־רעכענען די לויב פון שלמה המלך, ווערט געזאָגט „וידבר שלשת אלפים משל״ (מליכם א׳, מ״ב) — ער האָט פאַרפאַסט דריי טויזנט משלים. זוען מען זאָל אַפילו זאָגן, אַז די צאָל איז אַן איבערגעטריבענע, ווייזט עס אַלץ, אַז משלים זיינען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין יענער צייט ביי די אידן. און די, וואָס האָבן געשאַפן די משלים, זיינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר קלוגע מענטשן.

* * *

אַ זייער פּראָדוקטיווע עפּאָכע אין שאַפן משלים איז געווען שפּעטער, אין דער צייט פון תלמוד, וואו מיר געפינען גאַנצע אוצרות אויף דעם געביט. מען דאַרף די משלים פון תלמוד איינטיילן אויף פינף קאַטעגאָ־ריעס, וואָס יעדע קאַטעגאָריע באַזונדער טיילט זיך אויף פיל פאַרמען.

די ערשטע קאַטעגאָריע איז די משלים וועגן מלכים, וועלכע קומען אונטער דעם באַקאַנטן אויסדרוק אין תלמוד: „משל למלך״. דער באַ־וואוסטער פאָרשער, ציגלער, האָט שוין אין זיין ווערק „די קעניגלעכע גלייכניסע״ (1903) אויפגעוויזן, אַז די קעניגלעכע משלים טיילן זיך אויף צען פאָרמען. מיר האָבן קעניגלעכע משלים וועגן: 1) דעם כבוד פון מלך, 2) זיין שטאַרקייט, 3) זיין כוח צו באַשטראָפן שולדיקע און באַלוינען די וואָס טוען גוטס, 4) זיין רייכטום און די גרויסע צאָל פון זיינע דינער, 5) וועגן זיינע גוטע פריינט און עצה־געבער, 6) וועגן זיין פאַמיליע־לעבן, 7) זיין פּאַלאַץ און זיינע גערטנער, 8) וועגן זיינע פּאַרווייַלונגען, 9) וועגן זיין זין פאַר גערעכטיקייט און 10) וועגן זיינע פרויען, קעפס־ווייבער און קינדער. די צאָל פון דעם סאָרט משלים דערגרייכט אין תלמוד און אין די מדרשים ביז טויזנט.

די צווייטע קאַטעגאָריע איז — פוקס־משלים (משלי־שועלים). צוליב אַ געוויסער סיבה האָט מען פאַרצייטנס אָנגענומען, אַז דער פוקס איז אַ קלוגע באַשעפעניש. פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען, איז שווער צו זאָגן, אָבער עס איז געווען אָנגענומען, אַז דער פוקס איז קלוג און מען האָט צוגעשריבן צו אים כל׳ערליי קלוגע איינפאַלן. אַזוי זאָגט ר׳ יוחנן, אַז ר׳ מאיר האָט געהאַט דריי הונדערט משלים וועגן פוקסן, אָבער מען האָט

זיי פאַרגעסן און עס זיינען געבליבן בלויז דריי, און ער ברענגט די דאָזיקע דריי (סנהדרין ל״ח).

וועגן בר־קפּרא׳ן ווערט דערציילט, אַז ביי אַ מאָלצייט אין הויז פון רבי׳ן, האָט ער געזאָגט דריי הונדערט משלים וועגן פוקסן, אויף יעדן מאכל באַזונדער וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש (מדרש רבה ויקרא כ״ח). אויך וועגן ר׳ עקיבאַ׳ן ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זאָגן משלים, ווי: „משל לשועל שהיה מהלך על שפת הים״ (עס איז אַ משל צו אַ פוקס וואָס האָט שפּאַצירט ביים ברעג פון ים — ברכות ס״א, ע״ב), און נאָך אַנדערע.

אַ דריטע קאַטעגאָריע פון משלים זיינען די משלים וועגן אַלע חיות אַ חוץ אַ פוקס און אויך וועגן עופות. דער לייב ווערט געשילדערט אַלס דער קעניג פון די חיות; דער טיגער — אַלס אַ פאַרצוקנדיקע חיה, סיי ווען ער איז הונגעריק און סיי ווען ער איז זאַט; דער שלאַנג ווערט געשילדערט אַלס אַ כיטרע זאַך (והנחש היה ערום); דער הירש — אַלס אַ גיך־לויפנדיקער (אילה שלוחה) און דער קעמל — אַלס די געדולדיקסטע חיה. פון די הויז־חיות זיינען: דער הונט — אַ געטרייער פריינט; די קאַץ — אַ פאַלשע זאַך; דער האָן זאָגט־אָן דעם טאָג און די קאַטשקע גייט איינגעבויגן, אָבער זעט וויַיט.

נאָך אַ קאַטעגאָריע פון משלים זיינען די פאַבלען וועגן פלאַנצן, ביימער און בלומען („משלי דקלים״). דעם סאָרט משלים האָט אויסגעפאָרשט דער געלערנטער ווינשע אין זיין ווערק „פלאַנצן־פאַבלען אין דער וועלט־ליטע־ראַטור״, וואו ער רעדט באַזונדערס וועגן די פלאַנצן־פאַבלען אין תלמוד.

די פינפטע קאַטעגאָריע פון משלים אין תלמוד זיינען די „משלי הדיוט״ — משלים פון אַ הדיוט (אַ פּראָסטער מענטש). זיי ווערן געבראַכט אונטער דער פאָרם פון „משל להדיוט״. אויך פון דעם סאָרט משלים זיינען פאַראַן אין תלמוד אַ סך.

אין תלמוד ווערט אויך דערמאָנט, אַז עס זיינען געווען „משלי כובסין״ (משלים פון וועשערס), „משלי טוחנין״ (משלים פון מילנערס) און נאָך אַנדערע פון באַזונדערע פאַכן.

מיר וועלן דאָ ברענגען מוסטערן פון יעדער איינער פון די פינף קאַטעגאָריעס פון משלים.

* * *

צום ערשטן — צוויי פון די קעניגלעכע משלים:

דער ערשטער משל איז וועגן דער באַציאונג פון קעניג צו זיינע קינדער. כאָטש דער קעניג האָט די מאַכט צו באַשטראָפן אַלעמען, איז ער דאָך מילד צו זיינע אייגענע. דער משל גייט אַזוי:

אַ קעניג איז געוואָרן אין כעס אויף זיין זון און אַזוי ווי ער איז דעמאָלט געשטאַנען נעבן אַ גרויסן שטיין, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט

אַ שבועה, אַז ער וועט אַט־דעם גרויסן שטיין וואַרפן אויף זיין זון. אַ קעניגס אַ וואָרט — איז געזעץ, אָבער דער קעניג האָט זיך באַטראַכט, אַז אויב ער וועט וואַרפן אויף זיין זון דעם גרויסן שטיין, וועט ער דאָך אים טויטן און ער האָט ניט געוואָלט אומברענגען זיין זון. אָבער כדי עס זאָל ניט הייסן, אַז דעם קעניגס וואָרט איז גאָרנישט, האָט דער קעניג געהייסן אַז מען זאָל צעהאַקן דעם גרויסן שטיין אויף קליינע שטיקלעך און דערנאָך וואַרפן זיי אויפן זון. אַזוי אַרום האָט ער געהאַלטן זיין וואָרט און זיין זון איז געבליבן לעבן.

אַ צווייטער משל איז ווי אַזוי אַ קעניג דאַרף זיך באַגיין מיט מידת־הדין מיט זיין דינערשאַפט. דער משל איז אַזוי:

אַ קעניג האָט געהאַט אַ שיינעם גאָרטן, וואו עס זיינען געוואַקסן טייטלען און פייגן, עפּל און מילגרוימען, און אויך פאַרשידענע שיינע בלומען. אָבער אַזוי ווי ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיטן גאָרטן, האָט ער אים איבערגעגעבן צו איינעם, אַז ער זאָל אויף אים אויפפּאַסן. איינמאָל האָט דער קעניג געוואָלט זען וואָס עס איז געוואָרן פון זיין גאָרטן און איז אַוועק אַהין אַ קוק טאָן. ערשט ער זעט, אַז אַלע פרוכטן זיינען פאַרדאַרט, די בלומען פאַרטריקנט און דער גאָרטן איז פול מיט דערנער. איז ער געוואָרן אין כעס און האָט געשריען אויף דעם, וועמען ער האָט איבערגעגעבן דעם גאָרטן, און עס האָט יענעם געדראָט אַ גרויסע געפאַר. דער קעניג האָט אויך באַלד גערופן אַ גרופּע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אויס־ראָטן די דערנער פון גאָרטן. אָבער ווען די אַרבעטער זיינען אָנגעקומען, האָט דער קעניג באַמערקט אין איין דאָרן אַ פּרעכטיקן בלום. דער קעניג האָט אָפּגעריסן די בלום, געשמעקט צו איר און דערנאָך געזאָגט: צוליב דער איינער בלום וויל איך שענקען אַלץ דעם, וועלכער האָט פאַרוויסט מיין גאָרטן.

פון דער גרויסער צאָל פון פוקסן־משלים, וועלן מיר דאָ ברענגען איינעם, וועלכער ווייזט אויף דער חכמה פון פוקס:

אַ פוקס האָט באַגעגנט אַ וואָלף און האָט מורא געקראָגן פאַר אים, ווייל דער וואָלף איז געווען זייער הונגעריק. איז דאָך אָבער דער פוקס אַ קלוגער, זאָגט ער צום וואָלף: „כ׳זע, אַז דו ביזט הונגעריק. קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזן וואו מען קאָן האָבן אַ גוטן ביסן. עס איז פרייטיק פאַרנאַכט, לאָמיר אַריינגיין אין אַ אידישן הויף, וועלן מיר האָבן פיל שפּייז. איז דער וואָלף מיט אים געגאַנגען. האָט דער פוקס אים צוגעפירט צו אַ ברונעם, וואו עס איז געווען אין דער הויך אַ שטיק האָלץ מיט אַ שטריק צוגעבונדן צו צוויי עמערס. ווען איין עמער איז אַראָפּ, איז דער אַנדערער אַרויפגעגאַנגען. נעמט דער פוקס און זעצט זיך אַריין אין איינעם פון די עמערס און פאָרט אַראָפּ אין דעם ברונעם און דער אַנדערער עמער איז אַרויפגעקומען. פרעגט אים דער וואָלף: נאָך וואָס ביזטו אַראָפּגעפאָרן?

זאָגט צו אים דער פוקס, ווייל דאָ איז פאַראַן פיל שפּייז, און ווייזט אים אויף דער לבנה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם ברונעם און זאָגט: זע נאָר די גרויסע קיילעכדיקע זאַך — עס איז אַ קעז, קום אַראָפּ, וועסטו האָבן צו עסן. זאָגט דער וואָלף: אָבער ווי אַזוי קאָן איך אַראָפּגיין? זאָגט צו אים דער פוקס: זעץ זיך אַריין אין דעם ליידיקן עמער, וועסטו אַראָפּפאָרן צו מיר. האָט דער וואָלף אַזוי געטאָן. אָבער אַזוי ווי דער וואָלף איז געווען שווערער ווי דער פוקס, איז ווען דער וואָלף איז אַראָפּ, איז דער פוקס געקומען אַרויף. דער פוקס האָט זיך איצט אויסגעלאַכט פון וואָלף און איז אַנטלאָפן.

פון די משלים וועגן אַנדערע חיות און עופות (אַ חוץ פון אַ פוקס) זיינען דאָ אין תלמוד זייער פיל וועגן לייבן, שלאַנגען און אייזלען.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַזעלכע משלים. איינעם פון אַ לייב, אַ צווייטן פון אַ שלאַנג און אַ דריטן פון אַן אייזל.

דער משל וועגן לייב גייט אַזוי: אַ לייב האָט פאַרצוקט אַ חיה, אָבער עס איז אים געבליבן שטעקן אַ ביין אין האַלז. האָט דער לייב געזאָגט: „ווער עס וועט מיר אַרויסנעמען דעם ביין פון האַלז, וועט קריגן פון מיר אַ גרויסע באַלוינונג". איז געקומען אַן עגיפּטער, וואָס ווייסט ווי אומצוגיין מיט חיות, און האָט געהייסן דעם לייב עפענען שטאַרק זיין מויל. דערנאָך האָט ער אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין לייב'ס מויל און מיט די פינגער אַרויסגענומען דעם ביין פון לייב'ס האַלז. דער לייב איז איצט געווען צופרידן און דעם עגיפּטער געדאַנקט. זאָגט צו אים דער עגיפּטער: „און וואו איז מיין באַלוינונג?" „דיין באַלוינונג — האָט דער לייב זיך צעלאַכט — האָסטו שוין געקראָגן. דאָס איז — דיין לעבן. פאַרגעס ניט, אַז דו האָסט אַריינגעשטעקט דיין קאָפּ אין אַ לייב'ס מויל און אים צוריק אַרויסגענומען אַ גאַנצן".

און אָט איז איינער פון די משלים פון די שלאַנגען:

ביים שלאַנג האָט זיך דער עק צעבונטעוועט און געזאָגט צום קאָפּ: „פאַרוואָס גייסטו אַלע מאָל פאָראויס? איך וויל אַמאָל גיין פאָראויס!" האָט דער קאָפּ געזאָגט: „גוט, גיי!" איז ער געגאַנגען און איז אַריין אין אַ קאַלוזשע פון וואַסער, דערנאָך אין פלאַמען פון ברענענדיקע האָלץ און צום סוף אין אַ פאַרצוימונג פון דערנער. איצט האָט דער קאָפּ געזאָגט: „גענוג שוין! די אַלע צרות זיינען געקומען אויף מיר, ווייל דער קאָפּ איז נאָכגעגאַנגען נאָכן עק".

וועגן אייזל זיינען אויך דאָ פיל משלים. איינער פון זיי גייט אַזוי: ביי אַ בעל־הבית איז געווען אַן אייזל, אויף וועלכן ער האָט געריטן; אַ פערד, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט אין פעלד, און אויך אַ חזיר. פלעגט דער בעל־הבית געבן שלעכטע עסנס צום אייזל און פערד און גוטע עסנס צום חזיר. האָט דאָס פערד געזאָגט צום אייזל: זע נאָר וואָס פאַר אַ נאַר אונזער

בעל־הבית איז. אונז, וואָס מיר אַרבעטן ביי אים זייער שווער, גיט ער שלעכטע עסנס און דעם חזיר, וואָס טוט גאָרניט, גיט ער גוטע עסנס? רופט זיך אָן דאָס אייזל און זאָגט: „אונז גיט ער שלעכטע עסנס, ווייל אונז וועט ער ניט אויפעסן; אָבער דעם חזיר גיט ער גוטע עסנס, ווייל ער גרייט זיך אים אויפצועסן״. אַזוי איז טאַקע געווען. עס איז געקומען דער טאָג פון אַ גרויסן יום־טוב, האָט מען געשאָכטן דעם חזיר און מען האָט אים אויפגעגעסן.

די משלים וועגן פלאַנצן זיינען כולל זייער פיל סאָרטן: פרוכטן, תבואות, בלומען און בוימער. וועגן יעדן פון די סאָרטן זיינען פאַראַן זייער פיל פאַבלען, אָבער יעדער פון זיי האָט אַ מוסר־השכל. אָט איז איינער פון זיי: די שטרוי, די פלעווע און דער ווייץ האָבן זיך געקריגט און יעדער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז דער עיקר. האָט די ווייץ געזאָגט: וואַרט ביז מיר וועלן קומען אין שפייכלער, וועט איר זען ווער עס איז דער וויכטיקסטער פון אַלע. ווען זיי זיינען געקומען אין שפייכלער, האָט דער בעל־הבית צום ערשטן אָפּגעטיילט פון דער ווייץ די פלעווע, וועלכע איז צעפלויגן מיטן ווינט. שפּעטער האָט ער גענומען די שטרוי און אויסגעשפּרייט אויף דער ערד צו טרעטן דערויף, אָבער די ווייץ האָט מען אַוועקגעפירט צום מילנער און זי איז געמאָלן געוואָרן אויף מעל צום עסן.

אַזוי וואָלטן מיר נאָך געקאָנט ברענגען פיל הונדערטער משלים פון אַלע קאַטעגאָריעס און סאָרטן, אָבער מיר האָבן נאָר געוואָלט ווייזן אַ מוסטער פון יעדער פון זיי און דאָס האָבן מיר געטאָן.

פון אַ גאַנץ אַנדערן שטייגער זיינען די מעשה׳לעך וועגן ליבע, אָדער לאָמיר עס אָנרופן „ליבע געשיכטן״, וואָס ווערן דערציילט אין תלמוד. אָבער וועגן זיי — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.11

# ליבעס־געשיכטן אין תלמוד

**ווי אַזוי דער תלמוד קוקט אויף ליבעס־געפילן פון אַ מאַן צו אַ פרוי און פון אַ פרוי צו אַ מאַן. — ליבע ווערט ניט באַטראַכט פאַר אַ זינד, נאָר פאַר אַ שיינעם מאָמענט אין אַ מענטשנס לעבן. — די ליבעס־געשיכטע פון רבי עקיבא מיט רחל'ען, דער טאָכטער פון זיין רייכן באַלעבאָס. — וואָס רחל האָט פון אים געוואָלט אַלס באַדינגונג פון איר ליבע. — די ליבעס־געשיכטע פון אַן אמורא מיט דעם נאָמען רחימאי מיט אַ פרוי רוחמה. — נאָך אַ ליבעס־געשיכטע פון שמעון בן עזאי מיט רבי עקיבא'ס טאָכטער.**

אין דעם „ים התלמוד" (דער „ים פון תלמוד"), ווי די גמרא ווערט אָנגערופן ביי די מפרשים, פוסקים און אויך ביי די מאָדערנע פאָרשער, קאָנט איר געפינען אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום מענטשלעכן לעבן. אַלץ וואָס אינטערעסירן דעם מענטש, מיט אַלץ וואָס ער פאַרנעמט זיך אין דער צייט פון זיין לעבן אויף דער ערד, ווערט אָפּגעשפּיגלט אין תלמוד. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז ליבע־געפילן און די סאַמע אינטימסטע באַציאונגען צווישן די געשלעכטער, ווערן אַרומגערעדט אין תלמוד אויפן סאַמען פשוט'סטן אופן, פונקט אַזוי נאַטירלעך ווי זיי זיינען אין לעבן. דער תלמוד באַטראַכט עס אַלס אַ דער־שיינונג פון דער מענטשלעכער נאַטור און ניט אַלס זינד אָדער אַלס אַזעלכע געפילן וועלכע מען דאַרף אונטערדריקן, ווי עס קוקן דערויף פיל פון די ניט־אידישע הייליקע. דער תלמוד באַטראַכט דעם ענין פון ליבע פונקט אַזוי ווי עס קוקן דערויף היינט־צו־טאָג מאָדערנע מענטשן, אַלס עמאָציעס וואָס זיינען אַ טייל פון אונזער לעבן. ליבע־געפילן זיינען ניט קיין זינד. פאַרקערט, זיי זיינען שיין און דערהויבן. דעריבער, ווען מען האָט געוואָלט קאָנפיסקירן דעם ספר „שיר השירים", וואָס איז איין גרויס ליבע־ליד, האָט רבי עקיבא (וועלכער האָט נאָך אַלס פאַסטוך געפירט אַ שטאַרקע געהיימע ליבע מיט רחל'ען, די טאָכטער פון זיין רייכן באַלעבאָס כלבא שבוע) זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „אויב אַלע ספרים פון תנ"ך זיינען הייליק, איז „שיר השירים" דאָס הייליקסטע פון אַלע הייליקייטן".

אין „ים התלמוד" קאָן מען אויך געפינען שטעלן, וועלכע קלינגען אַמאָל ניט אַזוי גוט, אָבער זיי האָבן ניט קיין שלעכטע הינטער־געדאַנקען. די

שאַפער פון תלמוד זיינען געווען נאַטור־מענטשן. זיי זיינען, אין יענע אַלטע צייטן, מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק, געווען ווייט פון דער היינטי־קער איבערגעשפּיצטקייט פול מיט פאַרדאַרבענע מחשבות און האָבן דעריבער אויפגענומען אַלע פּראַגן, וואָס דאָס לעבן רוקט אַרויס, מיט אַ נאַטירלעכער פּשוט׳קייט, מיט אמת׳ער ערלעכקייט און אַפילו מיט אַ געוויסער נאַאי־וויטעט. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע שטעלן פון תלמוד, אין וועלכע עס ווערט גערעדט וועגן ליבע־געשיכטן און מיר וועלן זען ווי אַזוי זיי דער־ציילן עס. מיר וועלן אָנהויבן טאַקע מיט דער גרויסער ליבע פון רבי עקיבא, וועגן וועלכער מיר האָבן דאָ ערשט גערעדט. עס ווערט דערציילט אַזוי:

רבי עקיבא איז געווען אַ פּאַסטוך אין די יונגע יאָרן און האָט געפּאַשעט די שאָף פון דעם רייכסטן איד אין ירושלים, כלבא שבוע (די ווערטער „כלבא שבוע״ זיינען טייטש „אַ זאַטער הונט״. עס ווייזט אויס, אַז דער דאָזיקער איד, וועלכער איז געווען זייער רייך, איז געווען קאַרג, ווען עס איז געקומען צו געבן צדקה, דערפאַר האָט מען אים גערופן אַ „זאַטער הונט״ — דאָס איז, אַלזאָ, געווען אַ ניט־שיינער צונאָמען*). איינמאָל האָט אים דערזען רחל, די טאָכטער פון כלבא שבוע, און האָט זיך פאַרליבט אין אים אויפן ערשטן בליק. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז ער איז זייער אומוויסנד און דאָס האָט זי פון אים אַביסל צוריקגעהאַלטן. רחל האָט איצט געפירט אין זיך אַ שטאַרקן קאַמף: פון איין זייט האָט זי עקיבא׳ן ליב געקראָגן, ווייל ער איז געווען שיין און אויך זייער איידל; פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט איר אָפּגעשטויסן זיין אומוויסנקייט. ענדלעך האָט זי באַשלאָסן ביי זיך, אַז אויב ער וועט באַשטיין צו פאָרן לערנען אין אַ ישיבה און ווערן אַ תלמיד־חכם, וועט זי וואַרטן אויף אים ווי לאַנג עס וועט געדויערן.

ר׳ עקיבא, וועלכער האָט אויך ליב באַקומען רחל׳ען, ניט ווייניקער ווי זי אים און האָט געגאַרט נאָך איר ליבע, האָט געוואוסט אַז זיין באַלע־באָס, כלבא שבוע, וועט אים ניט וועלן פאַר אַן איידעם, אָבער וואָס איז וועגן רחל׳ען? וויל זי אים? האָט זי אים ליב? רחל האָט עס אים ביז דעמאָלט נאָך ניט געהאַט געזאָגט און ער האָט באַשלאָסן זי דאָס צו פרעגן.

און רחל האָט אים געענטפערט אָפנהאַרציק: יאָ, זי האָט אים ליב — און זי האָט אים אויך געשילדערט ווי שטאַרק זי פילט צו אים, ווי טיף זי האָט אים ליב, אָבער עס איז דאָ איין זאַך וואָס שטייט איר אין וועג, און דאָס איז דאָס וואָס ער איז אַן „עם־הארץ״, אַ גראָבער יונג, איינער וואָס האָט גאָר־ניט געלערנט און ווייסט גאָרניט. און זי האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „איך

*) אין דער גמרא (גיטין נ״ו) ווערט דערציילט, אַז בן כלבא שבוע, דער זון פון כלבא שבוע, האָט געעפנט די אוצרות פון שפּייז, וואָס ער האָט געהאַט איינגעזאַמלט, אין דער הונגער־צייט פון דער באַלאַגערונג פון ירושלים. עס זעט אויס, אַז צוליב דעם האָבן די חכמי התלמוד אויסגעטייטשט די ווערטער „כלבא שבוע״, מיט וועלכע מען האָט באַצייכנט זיין פאָטער, אַז עס מיינט, אַז ווען מען איז אַריין אין זיין הויז הונגעריק ווי אַ הונט איז מען אַרויס זאַט.

בין גרייט צו ווערן דיין ווייב אין געהיים, ווייל דו ווייסט דאָך, אַז מיין טאַטע וועט דיך ניט וועלן, אָבער איך וועל דאָס טאָן נאָר מיט אַ תנאי, אַז דו זאָלסט אַוועקפאָרן אין אַ ישיבה לערנען. ווילסטו דאָס?" האָט רבי עקיבא, וועלכער האָט זי אַזוי הייס געליבט און נאָר אַרויסגעקוקט דערויף, אַז זי זאָל ווערן זיין ווייב, איר גלייך געענטפערט: „יאָ, טייערע, איך בין גרייט צו טאָן פאַר דיר אַלצדינג!" זיינען זיי ביידע אַוועק צו אַ רב און אין געהיים געשטעלט אַ חופה.

אָבער ווענט האָבן אויערן. האָט זיך כלבא שבוע, איר פאָטער, דער־פון דערוואוסט און האָט איר געמאַכט אַ סקאַנדאַל, האָט זי אַרויסגעטריבן פון הויז און דערקלערט, אַז זי וועט ניט קריגן קיין שום חלק פון זיין גרויס פאַרמעגן נאָך זיין טויט. איז רחל אַוועק וואוינען מיט עקיבא'ן און אַזוי ווי זיי זיינען געווען זייער אָרעם, זיינען זיי געשלאָפן ווינטער־צייט אין אַ שייער אויף שטרוי. האָט עקיבא יעדן טאָג אין דער פרי איר אַרויס־גענומען די שטרויעלעך וואָס זיינען אַריין אין די שיינע האָר פון איר קאָפּ און האָט צו איר געזאָגט: „כ'האָב דיך אַזוי ליב, אַז עס איז ניטאָ עפּעס וואָס כ'זאָל ניט טאָן פאַר דיר. ווען איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט, וואָלט איך פאַר דיר געקויפט אַ „ירושלים פון גאָלד" (אַזאַ פּרעכטיק שטיקל צירונג אין יענער צייט, אַ בילד פון דער שטאָט ירושלים, אויסגעאַרבעט פון גאָלד).

דאָ מישט דער תלמוד אַריין אַ שטיקל פאַנטאַזיע, וואָס גייט אַזוי:

איז געקומען אליהו הנביא צו זיי איינמאָל פאַרשטעלט ווי אַ מענטש און געזאָגט צו זיי: „גיט מיר אַביסעלע שטרוי, ווייל מיין ווייב גייט צו־קינד און איך האָב ניט אַפילו אַביסל שטרוי אויף וואָס זי אַוועקצולייגן". האָט עקיבא געזאָגט צו זיין ווייב: „זעסטו, רחל'ע, דער מענטש איז אַזוי אָרעם, אַז ער האָט אַפילו אַביסעלע שטרוי אויך ניט". האָט זי געזאָגט צו אים: „האָסט דאָך מיר עפּעס צוגעזאָגט, אַז דו וועסט פאָרן אין אַ ישיבה אַריין לערנען, פאָר אַוועק און לערן!" איז ער אַוועקגעפאָרן אין דער ישיבה פון רבי אליעזר און רבי יהושע, און איז דאָרטן געווען צוועלף יאָר.

נאָך צוועלף יאָר איז ער געקומען אַהיים צו ווייב רחל'ע מיט צוועלף טויזנט תלמידים, זיינען אים אַלע אַנטגעקנגעגאַנגען. האָט רחל'ע געהערט, אַז ער קומט צופאָרן, איז זי אים אויך אַנטקעגנגעגאַנגען. האָבן די שכנ'טעס געזאָגט צו איר: „טו זיך איבער אין אַ שיינער קלייד און אויב דו האָסט ניט, וועלן מיר דיר באָרגן". האָט זי געזאָגט צו זיי: „איך וועל אים אַזוי אויך געפעלן".

ווען זי איז געקומען צו אים, איז זי געפאַלן צו דער ערד און האָט געקושט זיינע פיס. האָבן די תלמידים זי געוואָלט אַוועקטרייבן, האָט ר' עקיבא געזאָגט צו זיי: „לאָזט איר, ווייל אַלץ וואָס איך קען און וואָס איר אַלע קענט, האָבן מיר אַלץ איר צו פאַרדאַנקען".

האָט איר פאָטער געהערט, אַז אַ גרויסער מענטש איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער געזאָגט: איך וויל אים גיין זען, ווייל אַזוי ווי איך האָב אַ נדר געטאָן, אַז מיין טאָכטער זאָל ניט גענִיסן פון מיין פאַרמעגן, וויל איך איצט, ווען מיין אײדעם איז געפאָרן לערנען, מאַכן די זאַך אַנדערש.

ווען כלבא שבוע איז געקומען צו אים און אים געזאָגט וועגן זיין נדר, האָט ר׳ עקיבא אים געפרעגט: „ווען דו וואָלסט געוואוסט, אַז איר מאַן וועט ווערן אַ גרויסער תלמיד־חכם, וואָלסטו אויך אַזאַ נדר געטאָן?" האָט ער געזאָגט: „ניין". האָט ר׳ עקיבא צו אים געזאָגט: „איך בין דיין אײדעם". איז כלבא שבוע געפאַלן אים צו די פיס און זיי געקושט און האָט אים באַלד אָוועקגעגעבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן.

די דאָזיקע ליבע־געשיכטע ציט זיך נאָך ווייטער: עס הייסט, אַז אַ שכנ׳טע האָט געפרעגט רחל׳ען, צי זי איז צופרידן וואָס איר מאַן איז גע־קומען אַהיים, האָט רחל איר געענטפערט: „איך וואָלט געווען צופרידן, אַז ער זאָל פאָרן צוריק לערנען". האָט ר׳ עקיבא דאָס אונטערגעהערט און זיך אומגעקערט צוריק מיט זיינע תלמידים. ער איז ערשט געקומען אַהיים נאָך נייע 12 יאָר און שוין מיט 24,000 (פיר און צוואַנציק טויזנט) תלמידים.

* * *

אָבער די דאָזיקע ליבע פון ר׳ עקיבא׳ן און רחל׳ען איז ניט געווען גרויס דערפאַר וואָס ר׳ עקיבא איז געפאָרן לערנען. ניין, דאָס וואָס ר׳ עקיבא איז געפאָרן לערנען ווייזט נאָר, ווי אַזוי רחל האָט מקריב געווען אירע קערפּערלעכע פאַרגעניגנס צוליב דעם גייסטיקן גענוס וואָס זי וועט האָבן דער־פון וואָס איר מאַן וועט זיין אַ גרויסער תלמיד־חכם. אַזוי ווייט, אַז אַפילו ווען ער איז געקומען צוריק, איז זי באַשטאַנען ווייטער אָפּצוזאָגן זיך פון די קער־פּערלעכע פאַרגעניגנס, כדי ער זאָל ווערן דער גרעסטער תלמיד־חכם פון זיין צייט. דאָס הייסט, אַז ליבע איז גרויס, אָבער נאָך גרעסער איז די פרוי און אויך דער מאַן, וועלכע קאָנען מקריב זיין זייער ליבעס־געפילן צוליב עפּעס העכערס, וואָס איז זיי נאָך מער טייער, ווי למשל, דער אידעאַל פון לערנען, ווען זיי זיינען ביידע איינִיק דערויף. אָבער ליבע איז ניט גרעסער פון לערנען ווען די פרוי ליידט דערפון. אויב ער אַליין וויל לערנען און ער רעכנט זיך ניט מיט דער פרויס געפילן, וואָס וויל בעסער האָבן אים אין דער היים, דעמאָלט קומט אים אַ שטראָף אויב ער מאַכט איר צו ליידן, ווייל קיינער האָט ניט קיין רעכט צו האָבן פאַרגעניגן, אַפילו דאָס הייליקסטע פאַרגעניגן פון תורה, ווען אַן אַנדערער ליידט דערביי. דערויף דערציילט דער תלמוד אַן אַנדער מעשה׳לע:

אין יענע צייטן האָט געלעבט איינער אַ לערנער וואָס האָט געהייסן ר׳ רחימאי. ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ מיידל וואָס האָט געהייסן רוחמה און האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין איר און זי נאָך מער אין אים. רוחמה

האָט ממש ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר אים. ענדלעך האָבן זיי חתונה געהאַט און די פרוי האָט פאַר אים געקאָכט און געבאַקן און אים באַדינט מיט זייער פיל ליבע. אָבער ר' רחימאי האָט געוואוסט, אַז ער האָט נאָך וויניק געלערנט, האָט ער דעריבער געוואָלט פאָרן אין אַ ישיבה לערנען. ער האָט דאָס געזאָגט זיין פרוי. זי איז פון דעם ניט געווען זייער צופרידן, ווייל זי האָט ממש ניט געקאָנט לעבן אָן אים. אָבער זי האָט דאָך ניט געוואָלט אים שטערן אין זיין פאַרלאַנג, האָט זי אים געזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן, אָבער איין מאָל אַ יאָר זאָל ער כאָטש קומען אַהיים. עס איז געבליבן ביי זיי, אַז ער זאָל קומען אַהיים אויפן טאָג פון יום־כפור.

איז ר' רחימאי אַוועקגעפאָרן אין אַ ישיבה פון אַ גרויסן תנא און דאָרטן געלערנט און האָט אָפּגעהיט זיין צוזאָג צו זיין געליבטער ווייב, צו קומען אַהיים צו איר אויף יום־כפור. אַזוי פלעגט ער טאָן יעדעס יאָר. ערב יום־כפור פאַרנאַכט, איז ער געקומען אַהיים און גלייך צומאָרגנס אין אָוונט צוריקגעפאָרן.

איינמאָל אָבער האָט זיך ר' רחימאי אַזוי פאַרטיפט אין לערנען, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אַז עס איז ערב יום־כפור און ער דאַרף פאָרן אַהיים צו זיין ווייב און אַזוי איז געוואָרן נאַכט און ער האָט שוין מער ניט געקאָנט פאָרן.

רוחמה האָט אַ גאַנצן טאָג ערב יום־כפור זיך געגרייט צום קומען פון איר מאַן, זי האָט זיך אָנגעטאָן אין אירע שענסטע קליידער און געוואַרט אויף אים אין דרויסן. אָבער עס ווערט שפעט, עס פאַלט צו די נאַכט, די זון זעצט זיך שוין און איר מאַן איז נאָך אַלץ ניטאָ. האָט עס איר פאַרקלעמט ביים האַרץ און פון אירע אויגן זיינען געפאַלן צוויי טרערן.

אַזאַ זאַך, צו מאַכן ליידן אַ ליב וועזן, טאָר ניט געשענקט ווערן, אַפילו ווען דער מאַן טוט עס צוליב לערנען תורה, אויב זי וויל עס ניט. אויב זי ליידט דערפון, איז ליבע גרעסער ווי תורה און ער פאַרדינט אַ גרויסע שטראָף — און די שטראָף איז טאַקע באַלד געקומען. אַזוי ווי איר מאַן איז פונקט דעמאָלט געזעסן אויפן דאַך און געלערנט, איז דער דאַך איינגעפאַלן און ער איז אַראָפּגעפאַלן, צעבראָכן זיין קאַרק און איז געשטאָרבן.

דאָס איז, נאַטירלעך, אַ לעגענדע, אָבער עס ווייזט אויף אַ טיפערן געדאַנק: מאַכן ליידן עמעצן צוליב אייגענעם פאַרגעניגן, טאָר מען ניט, ווען אַפילו עס איז צוליב דעם גרעסטן אידעאַל אין דער וועלט. דער פרויס ליידן צוליב זיין ניט קומען, האָבן באַדאַרפט קומען ביי אים פריער אין באַטראַכט. אירע ליבעס־ליידן שטייען העכער ווי זיין לערנען תורה, ווייל גאָרניט איז העכער, ווען אַ מענטש ליידט.

אַן ענלעכע געשיכטע ווערט אויך דערציילט אין תלמוד וועגן שמעון בן עזאי, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט ר' עקיבא'ס טאָכטער. עס איז אויך געווען אַ ליבע פון דעם ערשטן אויגנבליק. שמעון בן עזאי איז געווען

ר׳ עקיבא׳ס אַ תלמיד און פון די בעסטע תלמידים. איינמאָל האָט ער דערזען ר׳ עקיבא׳ס טאָכטער און זיך באַלד פאַרליבט אין איר. ר׳ עקיבא האָט שטאַרק געהאַלטן פון שמעון בן עזאי און האָט אים געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

אָבער בן עזאי איז געווען אַ גרויסער לערנער און איז אַוועק אין דער ישיבה לערנען און פאַרנאַכלעסיקט זיין ווייב. איז די טאָכטער געקומען צו איר פאָטער מיט אַ טענה, אַז איר מאַן האָט איר פאַרלאָזן. ר׳ עקיבא האָט דעמאָלט געשיקט נאָך שמעון בן עזאי, זיין איידעם, און אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט געטאָן אַזוי צו זיין ווייב. שמעון האָט אים דערויף געענטפערט, אַז עס ציט אים צו לערנען און ער האָט אָנגעוויזן אים, אַז ער אַליין, ר׳ עקיבא, האָט אויך אַזוי געטאָן. ער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב, רחל, און איז אַוועק לערנען.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש — האָט רבי עקיבא אים דערקלערט — אין מיין פאַל איז עס געווען רחל, וואָס האָט עס אַזוי געוואָלט. עס איז געווען זי, וועלכע האָט מיר געהייסן צוריקפאָרן אַפילו נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעווען אַוועק פון איר צוועלף יאָר. אָבער אין דיין פאַל איז אַנדערש. מיין טאָכטער ליידט דערפון, זי וויל דיך און זי וויל ניט, אַז דו זאָלסט די גאַנצע צייט אַוועקגעבן בלויז אויף צו לערנען.

שמעון בן עזאי האָט אים דערויף געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט, אַז ר׳ עקיבא איז גערעכט, אָבער — האָט ער אים דערקלערט — עס ציט אים מער צו לערנען ווי צו זיין טאָכטער. דעמאָלט האָט ר׳ עקיבא אים געהייסן, אַז ער זאָל איר געבן אַ גט, און ער האָט אַזוי געטאָן.

אַן אַנדערער טייל פון דער אגדה באַשטייט פון וויכוחים, דיסקוסיעס, אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.12

# וויכוחים און דיסקוסיעס מיט ניט־גלויביקע אין תלמוד

**דיסקוסיעס וועגן דעם צי עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. — אַ פראַגע און אַן ענטפער וועגן דער שיטה וואָס זאָגט, אַז עס זיינען דאָ צוויי געטער. — דיסקוסיעס וועגן דער פראַגע פון קומען פון משיח. — איז דאָ אַ לעבן נאָכן טויט? — איז דאָ אַ יענע וועלט מיט אַ גן־עדן און גיהנום? — לייגט זיך עס אויפן שכל צו גלויבן, אַז טויטע וועלן אַמאָל ווערן לעבעדיק?**

אין אגדה־טייל פון תלמוד געפינען זיך אויך זייער פיל וויכוחים און דיסקוסיעס וואָס די תנאים און אויך אמוראים האָבן געפירט מיט מענטשן פון אַנדערע גלויבנס און אויך מיט ניט־גלויביקע.

די וויכוחים זיינען געווען וועגן פילאָזאָפישע ענינים, ווי למשל, וועגן דעם ווי אַזוי עס איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט; וועגן דער פירונג פון דער וועלט; וועגן דער רעליגיע פון די אידן; וועגן גלויבן אין קומען פון אַ משיח און אויך אין תחית־המתים. עס זיינען אָבער אויך געווען וויכוחים צווישן אידן גופא, נעמלעך, צווישן די פאַרשטייער פון די פאַרשידענע פּאַרטייען, ווי צווישן די פרושים און די צדוקים, צווישן די צדוקים און די איסיים, און אויך צווישן די פרושים און די איסיים. אין תלמוד זיינען פאַרצייכנט אַ גאַנצע ריי פון אַזעלכע דיסקוסיעס. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע פון זיי אַלס מוסטער פון דעם אופן ווי אַזוי אַזעלכע דיסקוסיעס זיינען אין יענער צייט געפירט געוואָרן.

אָט איז אַ פילאָזאָפישע דיסקוסיע:

אַן אַפּיקורס איז געקומען צו ר׳ עקיבא׳ן און האָט אים געפרעגט: ווער האָט באַשאַפן די וועלט? האָט אים ר׳ עקיבא געזאָגט: גאָט. האָט דער אַפּיקורס צו אים געזאָגט: באַווייז עס מיר אויף אַ קלאָרן אופן. האָט ר׳ עקיבא אים געהייסן קומען צומאָרגנס. צומאָרגנס, ווען ער איז געקומען, האָט אים ר׳ עקיבא געפרעגט: וואָס גייסטו אָנגעטאָן? ענטפערט ער: אַ מלבוש. פרעגט אים ר׳ עקיבא: ווער האָט געמאַכט דעם מלבוש, דער עיקר ווער האָט געוועבט דעם שטאָף? זאָגט צו אים דער אַפּיקורס: דער וועבער. זאָגט צו אים ר׳ עקיבא: איך גלויב דיר ניט. באַווייז עס מיר אויף אַ קלאָרן אופן. זאָגט צו אים דער אַפּיקורס: וואָס דאַרף איך דיר דאָס באַווייזן?

ווייסטו דען ניט אַליין, אַז אַ וועבער האָט געוועבט דעם שטאָף? האָט ר' עקיבא צו אים געזאָגט: און ווייסטו דען ניט אַליין, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט? ווען דער אַפּיקורס איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן די תלמידים פון רבי עקיבאַ'ן צו אים געזאָגט: אָבער וואָס איז דער קלאָרער באַווייז וואָס דו האָסט אים צוגעזאָגט צו געבן? האָט ר' עקיבא צו זיי געזאָגט:

— קינדער מיינע, אַזוי ווי אַ הויז זאָגט עדות, אַז עס האָט עס עמעצער געבויט; אַזוי ווי אַ מלבוש זאָגט עדות, אַז עס האָט עס עמעצער געוועבט און אַזוי ווי אַ טיר זאָגט עדות, אַז אַ סטאָליער האָט זי געמאַכט — אַזוי זאָגט די גאַנצע וועלט עדות דערויף, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט.

און אָט איז אַ דיסקוסיע וועגן דעם צי עס איז דאָ איין גאָט אויף דער וועלט, אָדער צוויי געטער, ווי עס איז דער גלויבן פון די אָנהענגער פון זאָראָאַסטער. עס ווערט אין תלמוד דערציילט אַזוי:

דער קייסער האָט געפרעגט רבן גמליאל'ן: פאַרוואָס זאָגט איר, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט, ווען אין אייער ביבל שטייט געשריבן: „יוצר הרים ובורא רוח" (עמוס ד') — ער האָט געפורעמט די בערג און ער האָט געשאַפן דעם ווינט. דאָס ווייזט דאָך, אַז ווער עס האָט געפורעמט די בערג האָט ניט געשאַפן דעם ווינט? האָט רבן גמליאל צו אים געזאָגט: אויב אַזוי, קומט דאָך אויס, אַז אויך דעם מענטש האָבן געשאַפן צוויי געטער: איינער האָט געשאַפן איין אויג און דער אַנדערער דאָס צווייטע; איינער האָט געשאַפן איין אויער און דער אַנדערער דעם צווייטן, ווייל אויך ביי אַ מענטש שטייט געשריבן די זעלבע צוויי ווערטער „ויצר" און „ויברא". דאָס ווייזט, אַז די וואָס ווילן דרינגען פון דער ביבל, אַז דאָרטן איז דאָ דער גלויבן אין צוויי געטער, צוליב דעם ווייל עס זיינען דאָ צוויי ווערטער „יוצר" און „בורא" — זיינען פאַלש.

און אָט איז אַ פראַגע וועגן אַ פסוק:

טורנוסרופוס, דער רוימישער פאָרשטייער, האָט געפרעגט ר' עקיבאַ'ן: פאַרוואָס האָט גאָט אונז פיינט? עס שטייט געשריבן אין דער ביבל „ואת עשיו שנאתי" מלאכי א') — גאָט זאָגט: עשיו'ן האָב איך פיינט געקראָגן. און אַזוי ווי מיר שטאַמען דאָך פון עשיו'ן, האָט אונז גאָט פיינט. פאַרוואָס?

האָט ר' עקיבא אים געזאָגט, אַז ער זאָל קומען צו אים צומאָרגנס. צו־מאָרגנס האָט ר' עקיבא צו אים געזאָגט, אַז ער האָט געזען ביינאַכט אין חלום צוויי הינט: איינער האָט געהייסן „רופוס" און דער צווייטער „רופינא". איז טורנוסרופוס געוואָרן אין כעס און צו אים געזאָגט: „דו האָסט אָנגערופן די הינט, וואָס דו האָסט געזען אין חלום, מיט מיין נאָמען און מיטן נאָמען פון מיין ווייב. דיר קומט דערפאַר טויט־שטראָף, פאַר באַליידיקן די רוימישע מאַכט".

האָט ר' עקיבא צו אים געזאָגט:

— אין גרונט גענומען, מיט וואָס ביזטו אַנדערש ווי די צוויי הינט:

זיי עסן און טרינקען און דו טוסט אויך דאָס זעלבע; זיי האָבן געבורטן — דו אויך דאָס זעלבע; דו ביזט שטערבלעך — זיי אויך דאָס זעלבע. אָבער דאָך, ווייל איך האָב זיי אָנגערופן מיט דיין נאָמען, ביזטו געוואָרן אין כעס. וואָס זאָל שוין זאָגן גאָט, דער באַשעפער פון דער וועלט, פון דער זון, דער לבנה און די שטערן; דער גאָט וואָס קאָן געבן לעבן און וועלכער פירט־אָן מיט אַלצדינג, ווען מען נעמט אַ שטיק האָלץ און מען רופט עס אָן מיט זיין נאָמען: „גאָט". נו, דאַרף גאָט דען אייך דערפאַר ניט פיינט האָבן?

עס איז אויך דאָ אַן אַנדער סאָרט דיסקוסיע, וועלכע האָט געפאָדערט אַקציע, האַנדלונג. דאָס האָט געמיינט צו איבערצייגן דעם קעגנער דורך מעשים, דורך טאָטן און ניט בלויז דורך רייד.

אַ מוסטער פון אַזאַ דיסקוסיע קאָן מען זען אין דעם מעשה'לע:

אַנטאָנינוס (מען נעמט־אָן, אַז דאָס איז געווען דער רוימישער אימפּע־ראַטאָר, דער פילאָזאָף, מאַרקוס אורעליוס) האָט געפרעגט רבי'ן: מעג מען בעטן צו גאָט יעדע שעה פון טאָג? האָט אים רבי געענטפערט: ניין. האָט דער קייסער אים געפרעגט: פאַרוואָס ניט? האָט אים רבי געזאָגט: כדי דאָס בעטן זאָל ניט ווערן צו ביליק. האָט דער קייסער ניט איינגע־שטימט מיט אים. רבי האָט איצט געזען, אַז מיט רעדן אַליין וועט ער אים ניט איבערצייגן, האָט ער באַשלאָסן עפּעס צו טאָן. צומאָרגנס, באַלד אין דער פרי, איז ער אַריינגעקומען צו אים און צו אים געזאָגט: „קירי קאַיראַי!" (מיין באַגריסונג צום קייסער!). אַ שעה שפּעטער איז ער ווידער אַריינגע־גאַנגען צו אים און צו אים געזאָגט: „מיין באַגריסונג צום גרויסן אימפּע־ראַטאָר!" מיט אַ שעה שפּעטער איז ער ווידער אַריינגעגאַנגען צו אים און צו אים געזאָגט: „מיין באַגריסונג צו דיר, גרויסער קעניג!" איז אַנטאָ־נינוס געוואָרן בייז און געזאָגט צו רבי'ן: „וואָס איז דאָס? פאַרוואָס לאַכסטו אָפּ פון מלכות?" האָט רבי געזאָגט צו אים: זאָלן דיינע אויערן הערן וואָס דיין מויל האָט געזאָגט. מה דאָך דו, קעניג, אַ מענטש, ווערסטו בייז און זאָגסט, אַז דאָס באַגריסן דיך יעדע שעה איז אַ צייכן פון אָפּלאַכן און פון שפּאָט; צום רבונו של עולם, וואָס איז העכער פון אַלע קעניגן, דאַרף מען דאָך אַוודאי ניט קומען מיט באַגריסונגען צו־אָפט.

אַזוי ווערט דערציילט אין דער אגדה (מדרש תנחומא, מקץ). צי עס איז ווירקלעך אַזוי געווען, דאָס הייסט, צי רבי איז טאַקע געקומען צום קייסער אַ שעה נאָך אַ שעה, איז ניט גלויבלעך. גיכער שיינט עס צו זיין אַ מין פאָרשטעלונג, אַ משל אויף צו זאָגן, ווען אַ שטייגער אַ מענטש זאָל קומען יעדע שעה צום קייסער מיט לויב־געזאַנגען, ווי אַזוי דער קייסער וואָלט געפילט וועגן דעם.

* * *

אָט־דאָס זיינען אַלץ דיסקוסיעס וועגן דער געטלעכקייט. אַן אַנדער מין דיסקוסיע איז געווען פּאָפּולער דעמאָלט וועגן גורל פון אידישן פאָלק.

איז טאַקע דאָס אידישע פאָלק דאָס אויסגעוויילטע פאָלק פון גאָט? פירט אָן גאָט מיטן גורל פון די אידן? און ווער טאַקע דאָס אידישע פאָלק לעבן אייביק?

אויף דעם געביט געפינען מיר פיל וויכוחים, פראַגן און ענטפערס. אָט זיינען אייניקע פון זיי:

אַ פילאָזאָף האָט געפרעגט ר׳ אלעזר׳ן: עס שטייט אין פסוק: „זיי וועלן בויען און איך וועל צעשטערן" (המה יבנו ואני אהרוס — מלאכי א׳). גאָט זאָגט, אַז זיי, די פעלקער, וועלן בויען און איך וועל צעשטערן אַלץ וואָס זיי האָבן געבויט. אָבער דאָס איז דאָך ניט אמת, ווייל מיר זעען דאָך, אַז אַלע בנינים וואָס די שונאים פון די אידן האָבן אויסגעבויט עקזיסטירן און זיינען דאָ. דערויף האָט אים ר׳ אלעזר געענטפערט: מען מיינט ניט די פיזישע בנינים, נאָר די גייסטיקע. דאָס זיינען די עצות וואָס די שונאים זוכן קעגן די אידן. זיי בויען און מאַכן פּלענער ווי אַזוי צו פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק, אָבער גאָט צעשטערט זייערע פּלענער.

ר׳ אבהו (אבוהו) איז געווען איינער פון די אמוראים וואָס האָבן געפירט דיסקוסיעס און געקעמפט קעגן די אַפּיקורסים. איינמאָל האָט ער אויסגערימט פאַר זיי דעם אמורא רב ספרא, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש. אַזוי ווי די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אין זייערע הענט די רעכט וועגן די שטייערן, וואָס מען דאַרף צאָלן און אַזוי ווי לויטן געזעץ האָט אַ געלערנטער ניט געדאַרפט צאָלן קיין שטייערן, האָבן זיי ר׳ ספרא׳ס נאָמען אַראָפּגענומען פון דער ליסטע פון די וואָס צאָלן שטייערן, און דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט ר׳ ספרא קיין שטייערן ניט געצאָלט. איינמאָל האָט ר׳ ספרא געדאַרפט גיין אין דער ביורא. ווען זיי האָבן אים געזען, האָבן זיי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי פאַרטייטשן אַ פסוק. עס שטייט אין עמוס (קאַפּיטל דריי) גאָט זאָגט צו די אידן: „רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עוונותיכם" (איך האָב אייך אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, דעריבער וועל איך פון אייך איינמאָנען פאַר אַלע אייערע זינד). וואָס הייסט דאָס? דערפאַר וואָס איינער האָט ליב עמעצן דאַרף ער צו אים אויסלאָזן זיין גאַנצן כעס? האָט ר׳ ספרא געשוויגן און האָט ניט געוואוסט וואָס זיי צו ענטפערן. זיינען זיי געוואָרן אין כעס אויף אים און אים גענומען ווערגן. באַלד איז אַריינגעקומען ר׳ אבהו, האָט ער זיי געהייסן אים אָפּלאָזן. האָבן זיי צו אים געזאָגט: האָסט אונז אָפּגענאַרט: האָסט געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, צום סוף האָבן מיר אים געפרעגט דעם טייטש פון אַ פסוק און ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט זיי ר׳ אבהו געענטפערט: „דאָס וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, איז ריכטיק, אָבער ער איז גרויס נאָר אין משנה, אָבער ניט אין תנ״ך. ווען עס קומט צו תנ״ך, לאָזט עס

איבער צו מיר און איך וועל אייך ענטפערן. אויף אייער פראַגע וועל איך ענטפערן מיט אַ משל:

איינער האָט געהאַט פיל חובות איינצומאָנען. וואָס האָט ער געטאָן? פון זיינע פריינט האָט ער איינגעמאָנט ביסלעכווייז, אָבער ביי די שונאים האָט ער פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אים אָפּצאָלן מיט אַמאָל. אַזוי טוט אויך גאָט מיט די אידן. די שונאים, די וואָס דינען ניט צו אים, פאַרניכטעט ער באַלד, אָבער ביי די אידן מאָנט ער איין פאַר זייערע זינד ביסלעכווייז. אָט־דאָס מיינט דער פסוק „איך וועל ביי אייך איינמאָנען אייערע זינד", דאָס הייסט — ביסלעכווייז.

אַ דריטער סאָרט דיסקוסיע איז פאָרגעקומען צווישן אידן און אידן, און צווישן אידן און ניט־אידן וועגן דעם, צי עס איז דאָ לעבן נאָכן טויט און צי עס איז מעגלעך תחית־המתים, ד. ה. אַז טויטע זאָלן ווערן צוריק לעבעדיק.

די ערשטע צו האָבן אַזעלכע דיסקוסיעס זיינען געווען די צדוקים מיט די פּרושים. אָט איז אַ מוסטער פון אַזאַ דיסקוסיע:

האָט געזאָגט אַ צדוקי צו ר' אמי: איר זאָגט, אַז די טויטע וועלן ווערן צוריק לעבעדיק, אָבער זיי זיינען דאָך געוואָרן שוין ערד. ווי אַזוי קאָן ערד ווערן צוריק לעבעדיק? האָט ר' אמי געענטפערט: איך וועל דיר דאָס דערקלערן דורך אַ משל: אַ קעניג האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: גייט און בויט אויס פאַר מיר אַ פּאַלאַץ אויף אַ פּלאַץ וואו עס איז נישטאָ קיין ערד און קיין וואַסער. האָבן זיי געזוכט אַזאַ פּלאַץ און ענדלעך עפּעס אויסגעבויט. אָבער דער פּאַלאַץ איז איינגעפאַלן. האָט דער קעניג געהייסן זיי אויסבויען צוריק דעם פּאַלאַץ אויף אַ פּלאַץ וואו עס איז דאָ ערד און וואַסער. האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי קאָנען דאָס ניט טאָן. איז דער קעניג געוואָרן אין כעס און געזאָגט צו זיי: אויף אַ פּלאַץ וואו עס איז ניטאָ קיין ערד און קיין וואַסער האָט איר געקאָנט אויסבויען פאַר מיר אַ פּאַלאַץ, און דאָרטן וואו עס איז דאָ ערד און וואַסער קאָנט איר ניט?

דער נמשל איז: דער מענטש ווערט דאָך געשאַפן פון גאָרניט, פון אַ פאַרשטונקענעם טראָפּן, און דאָך קאָן ער לעבן; זאָל גאָט ניט קאָנען שאַפן לעבן פון דר'ערד, וואָס איז מער ווי יענער טראָפּן?

און אָט איז נאָך אַזאַ וויכוח מיט אַן אַנדער צדוקי:

אַ צדוקי האָט געזאָגט צו גביהא בן פּסיסא: „וויי צו אייך, פּרושים, וואָס איר זאָגט, אַז די טויטע וועלן ווערן לעבעדיק; ווען לעבעדיקע מענטשן שטאַרבן, ווי אַזוי קאָנען טויטע לעבן?" האָט ער אים צוריק געענטפערט: „וויי צו אייך, רשעים, וואָס איר זאָגט, אַז די טויטע וועלן ניט מער ווערן לעבעדיק. מה דאָך די וואָס האָבן קיינמאָל פריער ניט געלעבט, קאָנען לעבן; די וואָס האָבן שוין געלעבט, דאַרפן דאָך אַוודאי קאָנען לעבן". האָט יענער געזאָגט צו אים: „דו רופסט מיך אָן „רשע". אויב איך זאָל ווערן בייז, וועל

איך אָפּהאַקן דעם הויקער וואָס דו האָסט אויף דיר״. האָט ער אים צוריק געענטפערט: „אויב דו קאָנסט דאָס טאָן, וועסטו ווערן באַקאַנט אַלס גרויסער דאָקטאָר און וועסט פאַרדינען אַ סך געלט״.

אין דעם גייסט זיינען דאָ אין תלמוד נאָך זייער פיל וויכוחים און דיסקוסיעס.

אָבער אַ חוץ דער פראַגע, צי טויטע קאָנען ווערן לעבעדיק, איז אין תלמוד, אין דער אָפּטיילונג פון אגדה, פאַראַן פיל לעגענדעס וועגן טויטע. אַזוי איז אויך דאָ מאַטעריאַל וועגן חלומות און זייער באַדייטונג. אָבער וועגן דעם— אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.13

# געשיכטעס וועגן טויטע און וועגן חלומות אין תלמוד

די באַדייטונג פון חלומות לויט די בעלי התלמוד. — האָבן חלומות עפּעס אַ ווערט ? — ווען מען זעט אין חלום, אַז מען גייט אַרויף אויף אַ דאַך און מען פאַלט אַראָפּ. — אַנדערע אויסטייטשונגען פון חלומות.

מיר וועלן איצט איבערגיין צו אַן אַנדער סאָרט דערציילונגען אין תלמוד, נעמלעך, צו מעשיות וועגן טויטע. ווי באַוואוסט, האָבן די בעלי־התלמוד אָנערקענט, אַז עס איז דאָ אַ לעבן נאָכן טויט, וואָס ס'איז ממילא דער מקור פון גלויבן אין אַ יענער וועלט, אין אַ גן־עדן און אַ גיהנום. אָבער דאָס איז פאַרשטאַנען געוואָרן נאָר אין אַ גייסטיקן הינזיכט. דאָס מיינט, אַז דער גייסט פון מענטש לעבט ווייטער און טיילט זיין גורל, וואָס ער זאָל ניט זיין, אין גן־עדן אָדער אין גיהנום, לויט זיינע מעשים, גוטע אָדער שלעכטע, וואָס ער האָט געטאָן אויף אונזער וועלט. דער גוף אָבער, איז אָנגענומען, לעבט מער ניט. ער איז אומגעקערט געוואָרן צו דער ערד און איז געוואָרן צוריק ערד און האָט מער נים קיין שייכות מיט די מענטשן. עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געגלויבט, אַזוי ווי די היינטיקע ספּיריטואַליסטן, אַז די טויטע קומען אין קאָנטאַקט מיט די לעבעדיקע מענטשן דורך פאַרשידענע וועגן. די טויטע שטייען אויף פון די קברים און שמועסן צווישן זיך און קומען דערנאָך צווישן די לעבעדיקע. זיי זאָרגן פאַר די לעבעדיקע און ברענגען אויך איבער געוויסע מיטטיילונגען פון זיי.

אין תלמוד ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

עס איז געווען אַ מעשה מיט אַ פרומען איד, אַ בעל־צדקה, וועלכער האָט ערב ראש השנה אַוועקגעגעבן אַ „דינר" (אַזאַ גרויסע מטבע) צו אַן אָרעמאַן, און געווען איז דאָס אַ יאָר פון דעפּרעסיע. ווען זיין פרוי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי זיך מיט אים געקריגט פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן, איז ער געוואָרן בייז און איז אַוועק נעכטיקן אויפן בית עולם. האָט ער געהערט ביינאַכט ווי צוויי גייסטער פון צוויי יונגע מיידלעך רעדן איינע צו דער אַנדערער. האָט איינע געזאָגט: „קום, לאָמיר זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט און מיר וועלן הערן, וואָס פאַר אַ צרות עס וועלן קומען אויף דער וועלט, ווייל עס איז דאָך ראש השנה, ווען מען באַשטימט אין הימל וואָס עס זאָל געשען מיט די מענטשן אין פאַרלויף פון נייעם יאָר". האָט די אַנדערע געזאָגט: „איך קאָן ניט, ווייל איך בין באַגראָבן געוואָרן אין ראָגעזשעס,

וואָרים איך בין געווען אַ קינד פון אָרעמע עלטערן. גיי דעריבער אַליין, און ווען דו וועסט צוריקקומען, וועסטו מיר אַלץ דערציילן". ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט יענע זי געפרעגט:

„חבר'טע, חבר'טע, וואָס האָסטו געהערט פון היגטערן פאָרהאַנג?" (וואָס טיילט־אָפּ די וועלט פון יענער וועלט). האָט זי געזאָגט: „איך האָב געהערט, אַז ווער עס וועט פאַרזייען אין ערשטן קוואַרטעל, וועט עס פאַרניכטעט ווערן פון אַ גרויסן האָגל". איז דער מענטש אַוועק אַהיים און האָט ניט פאַרזייט אין ערשטן קוואַרטעל, נאָר אין צווייטן. זייַנען טאַקע אַלע פעלדער, וואָס זייַנען געזייט געוואָרן אין ערשטן קוואַרטעל, פאַרניכטעט געוואָרן פון אַ האָגל, אָבער זיין תבואה איז געוואָקסן גוט. איבעראַיאָר איז ער שוין אַליין אַוועק נעכטיקן אויפן בית־עולם אין דער נאַכט פון ראש השנה. האָט ער ווידער געהערט ווי די צוויי גייסטער רעדן און ווידער האָט איינע געזאָגט צו דער אַנדערער: „קום, לאָמיר גיין איבער דער וועלט און הערן וואָס עס וועט פאָרקומען אין נייעם יאָר", און די אַנדערע האָט איר געענטפערט, אַז זי קאָן ניט, ווייל זי איז באַגראָבן געוואָרן אין ראָגעזשעס, און האָט איר ווידער געהייסן גיין אַליין און שפּעטער איר דערציילן. איז זי געגאַנגען. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָט די וואָס איז געבליבן, ווידער איר געפרעגט וואָס עס וועט פאָרקומען אויף דער וועלט אין נייעם יאָר, האָט זי איר גע־ענטפערט: „איך האָב געהערט, אַז ווער עס וועט זייען אין צווייטן קוואַרטעל פון יאָר, וועט אַ שטורם־ווינט עס פאַרניכטן".

איז דער מענטש אַהיים געגאַנגען און האָט געזייט אין ערשטן קוואַרטעל און עס איז געווען גוט, און אַלע וועלכע האָבן געזייט אין צווייטן קוואַרטעל, האָט דער שטורם־ווינט עס פאַרניכטעט.

האָט זיין פרוי געוואָלט וויסן פאַרוואָס פאַראַיאָרן, ווען עס איז אויס־געפאַלן אַזאַ האָגל, האָט עס אים ניט געטראָפן; און אויך היי־יאָר, ווען עס איז געווען אַ שטורם־ווינט, האָט ער ניט געליטן דערפון. האָט ער איר דערציילט וואָס ער האָט געהערט אויפן בית־עולם. האָט ניט לאַנג געדויערט און די פרוי פון דעם פרומען מאַן האָט זיך געקריגט מיט דער פרוי, וואָס איר טאָכטער איז באַגראָבן געוואָרן אין ראָגעזשעס. האָט זי איר דאָס פאָרגעוואָרפן.

אַ יאָר שפּעטער איז דער פרומער מאַן ווידער אַוועק נעכטיקן אין דער נאַכט פון ראש השנה אויפן בית־עולם, האָט ווידער יענע מיידל געזאָגט צו דער אַנדערער:

„נו, לאָמיר גיין איבער דער וועלט און הערן וואָס עס וועט פאָרקומען אין דעם נייעם יאָר!"

האָט יענע איר געענטפערט:

„לאָז מיך אָפּ. דאָס וואָס מיר האָבן גערעדט צווישן זיך, איז שוין אָנגע־קומען צו די לעבעדיקע!"

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די טויטע וויסן אַלץ וואָס עס קומט פאָר ביי די לעבעדיקע מענטשן.

אָבער די צאָל פון די, וועלכע האָבן דערציילט אַזעלכע מעשיות און אויך געגלויבט אין זיי, איז געווען אַ קליינע.

עס זיינען אָבער געווען אַנדערע, און מעגלעך אין אַ גרעסערער צאָל, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער טויטער איז טויט אויף אייביק און אין קבר איז מער נישטאָ ווי די רעשטלעך פון אַ מענטש און אַז דער גייסט איז אויך נישטאָ מער.

דאָס קאָן מען זען פון געוויסע ווערטער פון אַנדערע.

אָט, למשל, זאָגט איינער פון די אמוראים אַזוי:

— די וועלט איז געגליכן צו אַ חתונה: אַ גאַנצע נאַכט געהוליעט — צו מאָרגנס איז אַלץ אויס!

זאָגט אַ צווייטער:

— מיין קינד, אויב דו האָסט און דו קאָנסט, לאָז זיך וואוילגיין און האָב הנאה פון דער וועלט, ווייל אין קבר איז נישטאָ קיין שום פאַרגעניגן און דער סוף פון מענטש איז — גאָרנישט. אויב דו ווילסט טראַכטן, אַז דו וועסט אַלץ איבערלאָזן צו דיינע קינדער — נאַרישער מענטש וואָס דו ביזט, ווען דו וועסט ליגן אין דר'ערד, ווער וועט דיר זאָגן וואָס דיינע קינדער האָבן געטאָן מיט דיין פאַרמעגן?

דאָס זיינען ריין־עפיקורסישע ווערטער, דאָס הייסט, די שיטה פון יענעם גריכישן פילאָזאָף, וואָס האָט געלייקנט אַז נאָכן טויט איז עפּעס דאָ. אָט די שיטה איז פונקט אַזוי ווי די ספּיריטואַליסטישע שיטה פאַרטראָטן דורך אַ טייל אמוראים אין תלמוד.

אָבער דער רוב פון די בעלי־התלמוד האָבן זיך געהאַלטן דערביי, אַז די וועלט איז ניט אַלץ. דער עיקר איז — יענע וועלט. די וועלט איז נאָר אַ פאָדערהויז צו אַ פּאַלאַץ און יענע וועלט איז דאָס דער פּאַלאַץ, וואוהין מען קומט ווען דאָס לעבן ענדיקט זיך.

* * *

אין צוזאַמענהאַנג מיט די ספּיריטואַליסטישע מעשיות, וועט אויך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אין תלמוד געפינען זיך גאַנץ גרויסע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער באַדייטונג פון חלומות — אַ זאַך, מיט וואָס עס האָט זיך לעצטנס שטאַרק פאַרנומען דער שעפער פון פּסיכאָאַנאַליז פראָפ. זיגמונד פרויד און מיט וואָס עס פאַרנעמען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַלע זיינע תלמידים.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו הערן ווי אַזוי די בעלי־התלמוד האָבן געקוקט אויף חלומות און ווי אַזוי זיי האָבן בכלל אויסגעטייטשט די דאָזיקע דערשיינונג אין מענטשלעכן לעבן.

מיר וועלן ברענגען אייניקע פון זייערע מיינונגען:

האָט געזאָגט ר' שמואל בר נחמני, אַז עס האָט געזאָגט ר' יונתן: מען ווייזט ניט קיין מענטש אין חלום, נאָר פון דעם וואָס ער טראַכט.

רבא האָט צוגעגעבן: אַז דאָס איז אמת איז אַ באַווייז אַז דאָס, וואָס אַ מענטש חלומ׳ט ניט פון אַ טייטל־בוים וואָס איז געמאַכט פון גאָלד. אַ מענטש חלומט אויך ניט וועגן אַ העלפאַנט וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך אַ לאָך פון אַ נאָדל.

דער קייזער האָט געזאָגט צו ר׳ יהושע בן חנניה: מען זאָגט, אַז איר זענט גרויסע חכמים. זאָגט מיר, וואָס וועל איך זען ביינאַכט אין חלום? האָט ער צו אים געזאָגט: וועסט זען אַז די פּערסיער זיינען באַפאַלן דיין לאַנד, וועלן דיך נעמען אין געפאַנגענשאַפט און וועלן דיך באַליידיקן און דיך מאַכן צו פּאַשן זייערע שאָף מיט אַ גאָלדענעם שטעקן. האָט דער קייזער געטראַכט דערפון אַ גאַנצן טאָג און ביינאַכט האָט ער דאָס טאַקע געזען אין חלום.

שבור מלכא (דער פּערסישער קעניג) האָט געזאָגט צו שמואל׳ן: מען זאָגט, אַז דו ביזט אַ גרויסער חכם, וואָס וועל איך זען היינט אין חלום? האָט ער צו אים געזאָגט: וועסט זען, אַז די רוימער באַפאַלן דיין לאַנד, פירן דיך אין געפאַנ־גענשאַפט און שטעלן דיך אַוועק צו צערייבן קערנער פון טייטלען אין אַ מיל פון גאָלד. האָט ער געטראַכט דערפון אַ גאַנצן טאָג און ביינאַכט עס געזען אין חלום.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן יוחאי: אַזוי ווי עס איז ניט מעגלעך קיין תבואה אָן קיין שטרוי, אַזוי איז ניט מעגלעך אַ חלום אָן נאַרישקייטן.

זאָגט ר׳ ברכיה: אַ חלום, אַפילו ווען אַ טייל פון אים ווערט מקוים, אין גאַנצן ווערט ער קיינמאָל ניט מקוים.

דאָס וואָס מען זעט און מען הערט אין אַ חלום מיינט גאָרניט, עס איז „לא מעלה ולא מוריד״ — ניט גוט און ניט שלעכט.

אָט דאָס זיינען די מיינונגען וועגן חלומות פון אַ גרויסן טייל פון די בעלי־התלמוד. דאַקעגן זיינען דאָ אַנדערע, וואָס האַלטן יאָ פון חלומות.

אַזוי זאָגט איינער: אַ חלום איז אַ זעכציקסטל טייל פון נבואה.

ר׳ יוחנן זאָגט: דריי חלומות ווערן מקוים: דער חלום וואָס מען חלומ׳ט באַלד אין דער פרי, איידער מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף; אַ חלום וואָס דיין חבר חלומ׳ט וועגן דיר, און אַ חלום וואָס ווערט באַשיידט אין חלום. און אַ טייל זאָגן: אויך אַ חלום וואָס חזר׳ט זיך איבער.

רב הונא זאָגט: אַ גוטן מענטש ווייזט מען שלעכטע חלומות און אַ שלעכטן — גוטע חלומות.

ר׳ יוחנן זאָגט: אויב איינער שטייט אויף אין דער פרי פון שלאָף און עס פאַלט אים אַריין אין קאָפּ אַ פּסוק, איז עס אַ קליינע נבואה.

ר׳ זעירא זאָגט: ווער ס׳שלאָפט זיבן טעג אָן אַ חלום, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש.

מען האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב׳ן: די בעסטע זאַך, אויב מען

זעט אַ שלעכטן חלום איז צו פאַסטן אַ טאָג. רב חסדאַ זאָגט: באַלד דעם זעלבן טאָג. רב יוסף זאָגט: אַפילו ווען עס איז שבת.

רב חסדא זאָגט: אַ שלעכטער חלום איז בעסער ווי אַ גוטער חלום, ווייל נאָך אַ שלעכטן חלום בלייבט טרויעריקייט, וואָס עס מאַכט צו פאַרטראַכטן זיך. נאָך אַ גוטן חלום בלייבט פרייד, וואָס פאַרטומלט נאָר דעם קאָפּ.

ר׳ בירים האָט דערציילט אין נאָמען פון אַן אַלטן מאַן, און ווער איז ער געווען ? — ר׳ בנאה: 24 מענטשן זיינען געווען אין ירושלים, וואָס האָבן געקאָנט פותר חלום זיין. איינמאָל האָב איך געהאַט אַ שלעכטן חלום, בין איך געגאַנגען צו אַלע און יעדער איינער האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש. אָבער, מערקווירדיק, אַלץ וואָס די אַלע 24 האָבן געזאָגט, איז מקוים געוואָרן.

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אַלע חלומות זיינען אַזוי ווי מ׳טייטשט זיי אויס.

רב חסדא זאָגט: אַ חלום וואָס מען האָט אים ניט באַשיידט, איז פונקט אַזוי ווי אַ בריוו וואָס ליגט פאַרמאַכט און מען האָט אים ניט געלייענט.

רב יוסף האָט געזאָגט: אַ גוטער חלום מאַכט אַפילו מיך, וואָס כ׳בין בלינד, זעענדיק, צוליב דער פרייד וואָס ער גיט מיר.

און איצט אַביסל וועגן דער באַדייטונג פון חלומות:

אין תלמוד ווערט דערציילט פון אַ פותר־חלומות מיטן נאָמען בר־הדיא (באַר־האַדאָיע), וועלכער האָט זיך געפירט אַזוי: אויב מען האָט אים געגעבן אַ גוטע באַלוינונג, האָט ער אויסגעטייטשט אַלץ צום גוטן; אויב ניט, האָט ער אויסגעטייטשט אַלץ צום שלעכטן.

חלומות ווערן דאָס וואָס מען טייטשט אַריין אין זיי.

אויב איינער זעט אַ ברונים אין חלום, זעט ער פרידן.

דריי חלומות זיינען גוטע: ווען מען זעט אַ טייך, אַ פייגעלע און אַ טאָפּ.

אַז מען זעט אַ האָן אין חלום, וועט מען האָבן אַ אינגל; אַ הון — אַ סימן אויף אַ מיידל. אויב מען זעט אייער איז עס אַ באַווייז, אַז דאָס געבעט הענגט נאָך אין דער לופטן; אויב די אייער זיינען צעבראָכן געוואָרן, איז דאָס געבעט אָנגענומען געוואָרן. אויב מען גייט אַרויף אויפן דאַך, איז עס אַ סימן, אַז מען וועט דערהויבן ווערן; אויב מען פאַלט אַראָפּ, איז אַ סימן, אַז מען וועט פאַלן. אויב מען פאָרט אַריין אין אַ גרויסער שטאָט — אַ סימן אַז מען וועט אַלץ דערליידיקן אויף אַ גוטן אופן.

בן דמא, אַ טאָכטערס אַ זון פון ר׳ ישמעאל, האָט געפרעגט ר׳ ישמעאל׳ן: וואָס איז דאָס? עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז מיינע באַקן זיינען אַרונטער־געפאַלן. האָט ר׳ ישמעאל צו אים געזאָגט: צוויי פירער פון דער רוימישער מאַכט האָבן געפּלאַנט אויף דיר שלעכטס און זיי זיינען געשטאָרבן.

בר קפרא האָט געזאָגט צו רבי׳ן: איך האָב געהאַט אַ חלום, אַז מיין נאָז איז אַראָפּגעפאַלן. האָט רבי אים געענטפערט: דאָס איז אַ סימן, אַז דו ביזט געווען אין כעס און דער כעס איז פון דיר אַוועק. האָט ער צו אים ווידער געזאָגט: עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט, אַז מען האָט מיר אָפּגעשניטן די הענט. האָט ער געענטפערט: דאָס איז אַ סימן, אַז דו וועסט ניט דאַרפן שווער

אַרבעטן. האָט ער אים ווידער געזאָגט: איך האָב אויך געזען, אַז מען האָט מיר אָפּגעשניטן די פּיס. האָט ער צו אים געזאָגט: דאָס איז אַ סימן, אַז דו וועסט קריגן אַ טייער פערד צו רייטן דערויף.

אָט דאָס איז נאָר אַביסל וועגן דעם ענין חלומות, ווי אַזוי די פאַרשידענע תנאים און אמוראים האָבן געקוקט אויף זיי און אויך ווי אַזוי זיי האָבן זיי באַשיידט, צום גוטן אָדער צום שלעכטן.

אין סדר פון דער אגדה גייען אויך אַריין פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך, אָנגענומענע רפואות און פאָלקס־ווערטלעך, אָבער וועגן דעם אַלעמען — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

14.

# פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך, פאָלקס־רפואות און ווערטלעך אין תלמוד

**אבא שאול און רבה בר בר חנה. — וואָס פאַר אַ מעשה׳לעך זיי האָבן דערציילט. — פאָלקס־רפואות און מעדיצינישע אָנווייזונגען. — אָפּשפּרעכונגען פאַר קראַנקייטן און אַנדערע „באַבסקע" מיטלען. — די פאָלקס־ווערטלעך וואָס זיינען פאַראַן אין תלמוד.**

אין דער אָפּטיילונג פון דער אגדה ווערן געבראַכט נאָך פיל אַנדערע געביטן, וועגן וועלכע מיר ווילן דאָ געבן אַ קורצן באַגריף. צום ערשטן וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ געוויסער ריכטונג, וואָס מיר האָבן אין דער איצטיקער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָט אייגנטלעך קיין באַזונדערן נאָמען נישט. עס איז אַ מין פאַנטאַסטישע רייזע־שילדערונג מיט אַ סאַטירישן אונטערשלאַק. געוויסע שרייבער, וועלכע גאָט האָט געבענטשט מיט די צוויי גרויסע מתנות: אַ גרויסע פאַנטאַסטישע קראַפט און אויך ניט קיין קליינע מאָס פון קאָנען אַריינזאָגן אויף אַ סאַטירישן אופן, האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אויף צו שאַפן אַ מין סאָרט רייזעס אין אַ פאַנטאַסטישן לאַנד, כדי צו קאָנען אַזוי אַרום אָפּלאַכן מיט אַ בייסנדיקער סאַטירע פון מענטשן און זייערע אויפפירונגען. עס איז אַ צווייג פון דער ליטעראַטור, וואָס ביז איצט איז די צאָל פון די וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט דערמיט, זייער ווייניק.

אַזוי איז פּאָפּולער אַלס שרייבער פון דעם סאָרט דער באַרימטער סאַטיריקער באַראָן פאָן מינכהויזען (געלעבט פון 1720 ביז 1797). ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער דייטשער אַריסטאָקראַטיע אין האַנאָווער און האָט געקעמפט אין קאַוואַלעריע מיט די רוסן קעגן טערקיי. אָבער אַ חוץ פון זיין אַ מיליטער־מאַן האָט ער אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע פון פאַנטאַסטישע רייזע־בילדער, וואָס האָבן אַ טיף־סאַטירישן כאַראַקטער. אינטערעסאַנט איז, אַז די רייזע־בילדער, וועלכע ער האָט געשריבן אין זיין מוטער־שפּראַך, דייטש, זיינען צום ערשטן דערשינען אין ענגליש אונטערן נאָמען „באַראָן מינכהויזענ׳ס דערציילונגען פון זיינע רייזעס".

אַ צווייטער סאַטיריקער מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע, וועלכער האָט געשריבן אַזעלכע רייזע־שילדערונגען, איז געווען דער באַוואוסטער שרייבער יאָנאַטאַן סוויפט פון ענגלאַנד (געבוירן אין יאָר 1667 — געשטאָרבן אין יאָר 1745). ער איז געווען פאַקטיש אַ גייסטלעכער, אָבער ער האָט אָנגע־

שריבן פיל סאַטירישע ווערק. וואָס עס אינטערעסירט אונז דאָ באַזונדערס, איז זיין ווערק „גאַליווער׳ס רייזעס״, וואו ער לאַכט אָפּ, דורך פאַנטאַסטישע רייזע־באַשרייבונגען, פון דער וועלט און אירע איינוואוינער.

אַזעלכע צוויי סאַטיריקער מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע האָבן מיר געהאַט אויך אין די צייטן פון דעם תלמוד. איינער איז געווען אַ תנא און דער צווייטער אַן אמורא. אין די צייטן פון די תנאים איז געווען באַקאַנט איינער מיטן נאָמען אבא שאול. ער האָט געלעבט באַלד נאָכן חורבן. ווי עס ווערט דערציילט וועגן אים אין תלמוד, איז ער געווען זייער אַ הויכער, אַזוי אַז ר׳ טרפון, וואָס איז אויך געווען אַ הויכער, האָט געגרייכט בלויז ביז זיינע אַקסלען. פון פאַך איז ער געווען אַ בעקער און איז געווען אָנגעשטעלט אין הויז פון רבי׳ן, וואו ער האָט געבאַקן פאַר אים געבעקס. אַ חוץ דער אַרבעט אויף צו פאַרדינען אויף ברויט, האָט ער געהאַט נאָך אַן אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן אַן געלט און דאָס איז געווען: צו באַגראָבן טויטע, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַ גרויסער מצוה. אבא שאול דערציילט אַ סך פון זיינע דערפאַרונגען ביים באַגראָבן טויטע און ווי אַזוי ער האָט פון די טויטע קערפּערס זיך דערוואוסט פיל זאַכן וועגן דעם לעבן פון די מענטשן. אָבער דאָס געהערט שוין צו פּסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגען. אינטערעסאַנט אָבער זיינען זיינע גוזמאות, זיינע פאַנטאַסטישע שילדערונגען, וועלכע האָבן אַן אונטערשלאַק פון סאַטירע. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע פון זיי:

איינמאָל, דערציילט ער, האָט זיך געעפנט אַ הייל אונטער מיינע פיס און איך בין איינגעזונקען אַריינגעפאַלן ביז צו דער נאָז אין אַן אויג פון אַ טויטן. ווען איך האָב זיך ענדלעך אַרויסגעקראָגן פון דאָרטן, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דאָס אויג פון אַבשלום׳ען.

דער סאַטירישער געדאַנק דערביי איז, אַז אַבשלום, דער זון פון דוד׳ן, וועלכער האָט געקעמפט קעגן זיין פאָטער דוד און געוואָלט צונעמען פון אים די מלוכה, האָט געהאַט, ווי מען זאָגט עס, גרויסע אויגן. ער האָט צופיל געוואָלט, צופיל געגלוסט.

אַ צווייט מעשה׳לע גייט אַזוי:

איינמאָל בין איך געלאָפן נאָך אַ הירש, וועלכן איך האָב געוואָלט כאַפּן און איך בין פאַרקראָכן אין אַן אויסגעהוילטן ביין פון אַ פוס פון אַ מענטש. איך בין אַזוי געלאָפן אין דעם אויסגעהוילטן ביין גאַנצע דריי מייל און דער ביין האָט זיך ניט געענדיקט און דעם הירש האָב איך ניט געכאַפּט. שפּעטער האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער ביין איז געווען בלויז די קני פון עוג מלך הבשן.

דאָס איז אַ שילדערונג צו ווייזן ווי גרויס עס איז געווען דער חשק פון עוג מלך הבשן אין זיין צייט איינצונעמען די וועלט. אַזוי זיינען דאָ פון אים נאָך פיל אַנדערע אַזעלכע פאַנטאַסטישע שילדערונגען מיט אַ סאַטירישער כוונה.

דער צווייטער אויף דעם געביט איז געווען רבה בר בר חנה. דאָס הייסט

אַן אייניקל פון חנא (רבה בר רבה בר חנא). רבה בר בר חנא איז געפאָרן פון בבל קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געוואָרן אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן. שפעטער איז ער צוריקגעפאָרן קיין בבל און האָט געלערנט אין דער ישיבה פון פומבדיתא, ווען עס איז דאָרטן געווען ראש ישיבה רב יהודה בר יחזקאל.

רבה בר בר חנא האָט, אַ חוץ דעם וואָס ער איז געווען גרויס סיי אין הלכה און סיי אין אגדה, ליב געהאָט צו דערציילן פאַנטאַסטישע מעשיות, וועלכע האָבן טיילמאָל געהאַט אַ סאַטירישן אונטערשלאַק, אָבער אָפט גייט די פאַנטאַזיע אַוועק אַזוי ווייט, אַז עס איז שווער צו כאַפּן וואו די סאַטירע איז און וואָס אָדער וועמען ער האָט דערמיט געמיינט. דאָך זיינען זיינע פאַנטאַזיעס אַליין אַזוי שיין, אַזוי הערלעך, אַז עס פאַרכאַפּט אונז אינגאַנצן, אַפילו ווען מען ווייסט ניט וואָס ער איז אין דער אמת׳ן דערמיט אויסן געווען. די פאַנטאַזיע אַליין טראָגט אונז אַוועק ווייט, ווייט.

מיר ווילן דאָ ברענגען אייניקע פון זיינע פאַנטאַזיעס. רבה בר בר חנא האָט ליב געהאַט אָנצוהייבן זיינע מעשיות אָפט מיט די ווערטער „לדידי חזי לי״ (איך האָב געזען), אָדער „זימנא חדא״ (איין מאָל), אָדער אַמאָל אויך אָן אַזאַ הקדמה.

דערציילט רבה בר בר חנא אַזוי:

„איינמאָל בין איך געפאָרן אויף אַ שיף, האָב איך געזען אַ ריזיק־גרויסן פיש, וואָס אין איינעם פון זיינע נאָז־לעכער איז אַריין אַ קליין ווערימל און דער פיש איז דערפון געטויט געוואָרן. האָט דער ים וועלכער פאַרטראָגט ניט קיין טויטע קערפּערס, דעם פיש אַרויסגעוואָרפן. זיינען פון דעם פיש חרוב געוואָרן זעכציק גרויסע שטעט און פון דעם פיש האָבן אַנדערע זעכציק שטעט גענומען שטיקער און זיי איינגעזאַלצן און געטראָגן צו זיך אַהיים און עס געגעסן פאַר חדשים לאַנג, און פון איין אויג פון פיש האָט מען אָנגעפילט 300 פעסער אויל. ווען איך בין געקומען צוריק נאָך צוועלף חדשים, האָב איך געזען, אַז מען זעגט די ביינער פון דעם פיש און מען בויט אויף פון זיי די 60 שטעט, וועלכע ער האָט חרוב געמאַכט״.

באַזונדער שיין איז אָט דאָס פּאָעטישע מעשה׳לע:

„איינמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג, האָב איך געטראָפן אַן אַראַבישן וואַנדערער, האָט ער צו מיר געזאָגט: „קום, וועל איך דיר ווייזן, וואו עס קושן זיך הימל און ערד״. האָב איך גענומען אַ קאָרב פון ברויט און עס אַוועקגעלייגט וואו עס לאָזט זיך אַראָפּ דער הימל. נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעדאַווענט, בין איך געגאַנגען אַ קוק טאָן וואו דאָס קערבל איז און עס ניט געפונען. האָב איך צו אים געזאָגט: זיינען פאַראַן דאָ גנבים? האָט ער צו מיר געזאָגט: וואַרט פאַרן הימלישן ראָד וואָס דרייט זיך און ווען ער׳שט צוריקקומען צומאָרגנס און דו וועסט עס געפינען״.

דאָס מעשה׳לע האָט אַ טיפן זין, אָבער עס איז שיין פאַר זיך אַליין אויך אָן אַ פירוש. דער טיפער געדאַנק פון דער מעשה׳לע איז, אַז הימל און ערד באַגעגענען זיך. דאָס מיינט, אַז דאָס גייסטיקע און פיזישע איז איינס

און דאָס זעלבע. עס קאָן ניט זיין קיין הימל (רוחניות) אָן ערד (פיזישעס). הימל און ערד קושן זיך...

* * *

נאָך אַ געביט פון דער אגדה זיינען רפואות, פאָלקס הייל־מיטלען, אַ טייל פון זיי זיינען געווען אָנגענומען ביים פאָלק. אַזעלכע וואָס מיר רופן אָן „באָבסקע רפואות", אָבער פון וועלכע מען האָט געהאַלטן, ווייל זיי זיינען געווען אויספּרובירט דורך פיל דורות. אַנדערע זיינען פון די דאָקטוירים, וועלכע זיינען געווען צווישן די אמוראים, ווי שמואל און אַנדערע.

מיר ווילן ברענגען דאָ אַלס מוסטער אַ טייל פון די דאָזיקע רפואות און אויך אייניקע פון זייערע פאַרהיטונגס־מיטלען:

רב יוסף זאָגט: דריי זאַכן שאַדן צו די אויגן — ווען מען קעמט זיך די האָר ווען זיי זיינען טרוקן; ווען מען טרינקט וואַסער וואָס טריפט אַרויס פון ערגעץ־וואו, און ווען מען פאַרבינדט זיך די שיך ווען די פיס זיינען נאָך פייכט.

ווער עסליידט פון מרה שחורה, זאָל מען אים געבן צו עסן פלייש אָן פעטס געבראָטן אויף הייסע קוילן און פאַרטרינקען מיט וויין געמישט מיט וואַסער (זיי האָבן, ווייזט אויס, אָנגענומען, אַז אַזאַ מענטש איז אונטער־דערנערט און דאַרף האָבן קודם כל פיזישע שטאַרקונג. דורך דעם וועט זיין געמיט אויך ווערן אַנדערש).

שמואל, וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר, האָט דערקלערט, אַז אויב איינער קריגט אַ וואונד, איז עס אַ געפאַר פאַר זיין קערפּער און מען מעג מחלל שבת זיין, כדי צו היילן אים.

אין תלמוד ווערן אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי פון די „באָבסקע רפואות", אין וועלכע מען האָט געגלויבט אין יענער צייט. עס געפינען זיך אויך אַ גאַנצע ריי פון „לחשים", אָפּשפּרעכונגען, אין וועלכע מען האָט געגלויבט.

די חכמים האָבן געקענט גוט די אַנאַטאָמיע פון קערפּער. דאָס זעט מען פון זייערע דינים וועגן שחיטה און בדיקה און אויך אין געוויסע דינים פון טומאה און טהרה, און אויך אין די הלכות וועגן נידה. אָבער מיר האָבן דאָ נאָר געוואָלט אָנווייזן אויף די רפואות וואָס געפינען זיך אין דער אגדה. נאַטירלעך שטימען ניט פיל פון די דאָזיקע רפואות, וועלכע שטאַמען פון אַ צייט מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די מעדיצינישע וויסנשאַפט איז געווען נאָך ווייניק אַנטוויקלט, מיט אונזערע היינטיקע באַגריפן פון מעדיצין, אָבער מיר האָבן נאָר געוואָלט אָנווייזן, אַז אויך רפואות און מעדיצין געפינען מיר אין דער פיל־פאַרביקער קאָליר־רייכער אגדה.

* * *

מיר ווילן אויך ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף נאָך אַ געביט פון דער אגדה און דאָס איז פאָלקס־ווערטלעך. אין דער הינזיכט איז די אגדה

זייער רייך און שפיגלט אַזוי אַרום אָפּ דעם געדאַנקען־גאַנג פון די מענטשן, פון בבל ווי בכלל פון מיטל־אַזיע, אין יענער צייט, ווייל די דאָזיקע ווערטלעך זיינען על פּי רוב ניט דירעקט אידישע, נאָר אַלגעמיינע און גייך, מייסטנס, אין דער אגדה אונטערן טיטל: „היינו דאמרי אינשי״ (אָט דאָס איז, וואָס מענטשן זאָגן). אין „ספר האגדה״ פון ביאַליק און ראַווניצקי ווערט געבראַכט אַ גאַר גרויסע צאָל פון זיי (צוויי טויזנט דריי הונדערט אַכט און פופציק), וואָס דאָס איז אויך ווייט ניט אַלע. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ געוויסע צאָל פון זיי אויף פאַרשידענע געביטן. אָט זיינען עטלעכע:

אַ מענטש זאָרגט זיך וועגן זיין געלט.

אַ מענטש צינדט אָן אַ ליכט פון אַ ליכט. דאָס נייע ליכט ברענט און דעם פריערדיקן ליכט איז גאָרניט געמינערט געוואָרן (דאָס מיינט וועגן טאָן אַ טובה עמיצן).

אַ מענטש איז צו־נאָענט צו זיך (דאָס מיינט, אַז אַ מענטש קאָן זיך אַליין ניט זען און קאָן אויך ניט זיין אָביעקטיוו וועגן זיך).

אַ מענטש וויל בעסער איין מעסטל זיינס ווי ניין מעסטלעך פון אַנדערע.

אַ מענטש איז באַגלויבט וועגן זיך מער ווי הונדערט מענטשן.

פוילע פיש געגעסן, שמיץ געקראָגן און נאָך געדאַרפט באַצאָלן אַ שטראָף (אַ פאָלקס־ווערטל וואָס איז ענלעך צו אונזערס אַזאַ ווערטל. עס געפינט זיך אין מכילתא, בשלח).

מען זאָגט צו אַ בין: כ׳וויל ניט דיין האָניק און כ׳וויל ניט דיין שטאָך.

אַ דאָקטאָר וואָס היילט בחינם, איז ווערט בחינם.

ווען מען פאָרט אַריין אין אַ שטאָט, דאַרף מען זיך פירן לויט אירע געזעצן.

די ווענט האָבן אויערן.

ווי צו דעם וואָס זיין פאַרטיידיקער ווערט זיין אָנקלאָגער.

ווי איז צו די מענטשן וואָס זעען און ווייסן ניט וואָס זיי זעען.

ווער איז אַ גבור? — דער וועלכער קאָן באַצווינגען זיין יצר הרע.

ווער איז אַ גבור? — דער וואָס קאָן מאַכן פון אַ שונא — אַ פריינט.

ווער איז אַ חכם? — דער וואָס לערנט פון אַלע.

ווער איז אַן אָנגעזעענער מענטש? — דער וואָס טיילט צו כבוד יעדן מענטש.

ווער איז רייך? — דער וואָס איז צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט.

ווער איז אַ נאַר? — דער וואָס פאַרלירט דאָס וואָס מען גיט אים.

פאַראַן מענטשן וואָס זיינען צופרידן מיט עסיק און ווילן ניט קיין ווייַן.

אַ מענטש זינדיקט ניט, אַז ער זאָל גאָרניט האָבן דערפון.

אַ מענטש קאָן ניט וואוינען מיט אַ שלאַנג אין איין אָרט (מיינענדיק אַ שלעכט ווייב).

אַ מענטש האָט ניט קיין העזה קעגנאיבער דעם, ווען ער איז שולדיק געלט.

אַ מענטש קאָן ניט זאָגן עדות וועגן זיך אַליין.
אַ מענטש קאָן זיך אַליין ניט מאַכן פאַר אַ רשע.
מען איז ניט חושד עמיצן, אויב ער האָט ניט עפּעס אַ שייכות דערצו..
אַ מענטש איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך אין דער צייט ווען ער לײדט.
אַ מענטש שטאַרבט אָפּ נאָר צו זיין ווייב און אַ ווייב נאָר צו איר מאַן.
עס איז ניטאָ אויף דער וועלט עפּעס ערגערס ווי אָרעמקייט.
די ברכה רוט נאָר ווען אַ מענטש פאַרדינט אַליין.
דער יצר הרע גלוסט נאָר צו זאַכן וואָס מען טאָר ניט.
ווען עס קומט צו געשלעכטלעכע ענינים, איז ניטאָ קיין אַפּוטרופּוס.
אַ געפאַנגענער קאָן זיך אַליין ניט באַפרייען פון געפענגעניש.
אויפן בית־עולם איז מער ניטאָ קיין יצר הרע.
ניט געזען איז ניט קיין באַוויז.
עס איז ניטאָ קיין מענטש וואָס זאָל ניט האָבן קיין יסורים.
עס איז ניטאָ קיין מענטש וואָס עס זאָל זיך אים ניט מאַכן אַמאָל אַ גוטע געלעגנהייט.

מיר וואָלטן געקאָנט נאָך אַזוי וויטער אָנגיין מיט די דאָזיקע ווערטלעך, אָבער די קליינע צאָל איז גענוג צו זען דעם כאַראַקטער פון זיי.

מיר ווילן איצט זיך אָפּשטעלן באַזונדערס אויף דער עטיק וואָס געפינט זיך אין תלמוד. אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.15

# וואָס איז אַזוינס די אידישע עטיק

**די תנאים און אמוראים האָבן געשאַפן אַ גאַנצן קאָדעקס פון עטיק און אויך פון עסטעטיק. — לערעס ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך אויפפירן בנוגע זיך אַליין. — ווי אַזוי צו געניסן שיינקייט. — ווי אַזוי זיך אויפצופירן ביים עסן. — ווי אַזוי צו קליידן זיך.**

די אידישע עטיק, די גאַנצע סיסטעם פון גוטע מידות און אידישע זיטן, איז ניט געשאַפן געוואָרן אין איין טאָג. דאָס איז געשען, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען, אין פאַרלויף פון פיל דורות, דורך הויך־מאָראַלישע מענטשן. עס איז קיין ספק ניט, אַז נאָר מענטשן, וואָס זיינען אַליין געשטאַנען אויף אַ הויך־מאָראַלישער שטופע, האָבן געקאָנט שאַפן אַזעלכע הויכע ווערטן פון מאָראַל און עטיק. די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען די תנאים און שפּעטער די אמוראים, וועלכע האָבן אַ חוץ דעם וואָס זיי האָבן קלאָר געמאַכט די געזעצן און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן אידנטום, אויך אונז געגעבן אַ קאָדעקס פון עטיק און מאָראַל, וואָס איז שפּעטער איבערגענומען און אָנערקענט געוואָרן אויך פון אַנדערע פעלקער. די דאָזיקע עטיק געפינט זיך צעוואָרפן איבער גאַנץ ש״ס. מיר האָבן דעריבער אין תלמוד ניט נאָר אַן אָפּטיילונג פון הלכה און אגדה, נאָר אויך אַ דריטע אָפּטיילונג, און דאָס איז די אידישע עטיק. די דאָזיקע לערע געפינט זיך סיי אין דער הלכה און סיי אין דער אגדה.

די לערע פון עטיק איז זייער אַ גרויסע און נעמט אַרום אַלץ וואָס עס איז נוגע דעם מענטש גופא. עס זיינען דאָ אַ גאַנצע רייע פון לערעס, געזעצן און מנהגים בנוגע דעם, ווי אַזוי אַ מענטש זאָל זיך אַליין אויפפירן, ווי אַזוי ער זאָל זיך האַלטן ריין, אַכטונג געבן אויף זיינע קליידער און אַזוי ווייטער בנוגע אַלץ וואָס עס איז שייך צו אים. אַנדערע לערעס זיינען ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן בנוגע זיינע מיט־מענטשן, פריינט, שכנים, איינוואוינער פון זיין שטאָט און סתם מענטשן. נאָך אַנדערע זיינען וועגן זיין באַציאונג צו זיינע עלטערן, זיין ווייב, קינדער, זיינע נאָענטע און אַפילו ווייטע; לערעס ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן אין געזעלשאַפט. אָנווייזונגען וועגן גוטע און שלעכטע מידות און ווי אַזוי ער זאָל די גוטע מידות זיך איינשאַפן און די שלעכטע זאָל ער פון זיך דערווייטערן, און אַזוי נאָך פיל אַנדערע לערעס, ווי למשל, וועגן דעם וואָס אַ מענטש זאָל טאָן מיט זיין געלט, ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען אין געשעפט, ווי אַזוי ער זאָל לאָזן נאָך זיך אַ גוטן נאָמען און נאָך פיל אַנדערע.

מיר וועלן דאָ ברענגען מוסטערן פון די אַלע לערעס, אָבער מיר וועלן צום ערשטן אָנהויבן פון מענטש גופא, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן בנוגע זיך אַליין.

* * *

ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן בנוגע זיך אַליין:

גלייך אין אָנהויב ווילן מיר דאָ ברענגען דאָס וואָס עס ווערט דערציילט וועגן אַ דיסקוסיע וואָס עס איז אָנגעגאַנגען צווישן די בית־שמאי און בית־הלל. די דיסקוסיע איז געווען, צי עס איז בעסער פאַרן מענטש דאָס וואָס ער איז געשאַפן געוואָרן, אָדער עס וואָלט פאַר אים געווען בעסער ווען ער וואָלט ניט געשאַפן געוואָרן. דער שלוס, צו וועלכןביידע הייזער פון לערנונג זיינען געקומען נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר איז געווען, אַז עס וואָלט בעסער געווען פאַרן מענטש ווען ער וואָלט ניט געשאַפן געוואָרן, אָבער איצט, אַז ער איז שוין יאָ געשאַפן געוואָרן, זאָל ער זיך אויפפירן אַזוי, אַז ער זאָל טאָן גוטע זאַכן אין די טעג פון לעבן.

ר׳ מאיר זאָגט: ווען אַ מענטש קומט אויף דער וועלט האַלט ער די האַנט פאַרמאַכט, ווי איינער זאָגט: איך וועל אייננעמען די גאַנצע וועלט; אָבער ווען ער גייט אַוועק פון דער וועלט, האַלט ער די האַנט אָפן, ווי איינער זאָגט: זעט, כ׳האָב גאָרניט געגומען פון דער וועלט.

אָבער ווי אַזוי זאָל האַנדלען אַ מענטש אויף אָט דער וועלט? וואָס זאָל ער טאָן אַזוי לאַנג ווי ער לעבט?

רב האָט געזאָגט צו רב המנונא: מיין קינד, אויב דו האָסט, לאָז דיר וואוילגיין, ווייל אין גרוב איז נישטאָ קיין פאַרגעניגן און מען דאַרף זיך אויך ניט זאָרגן, ווייל דער טויט וועט זיך ניט פאַרזאַמען. טאָמער וועסטו זאָגן: איך וועל איבערלאָזן פאַר מיינע קינדער, ווען דו וועסט ליגן אין דר׳ערד, ווער וועט דיר זאָגן וואָס דיינע קינדער טוען מיט דיין געלט? מענטשן זיינען גלייך צו גראָז. אָט וואַקסט עס און אָט וועלקט עס.

שמואל האָט געזאָגט צו רב יהודה׳ן: שאַרפער קאָפּ, כאַפּ און עס, כאַפּ און טרינק: די וועלט איז געגליכן צו אַ חתונה. אָפּגעטאַנצט און אויס.

ר׳ אלעזר הקפר זאָגט אין נאָמען פון רבי: עס שטייט ביי אַ נזיר „וכפר עליו מאשר חטא על הנפש״ (עס זאָל אים פאַרגעבן ווערן דערויף וואָס ער האָט געזינדיקט קעגן זיך). מיט וואָס האָט ער געזינדיקט? דערמיט וואָס ער האָט ניט געטרונקען קיין וויין. איז דאָס שוין אַ קל־וחומר: מה דאָך אויב מען זאָגט זיך אָפּ בלויז פון טרינקען וויין, איז מען אַ זינדיקער, דער וואָס זאָגט זיך אָפּ אויך פון אַנדערע זאַכן, איז אַוודאי אַ זינדיקער.

ווער הייסט אַ „חסיד שוטה״? דער, וואָס זעט אַ צייטיקע טייטל און זאָגט: דעם וועמען איך וועל טרעפן צום ערשטן, דעם וועל איך זי געבן (דאָס מיינט, ער אַליין עסט זי ניט).

מען האָט נאָכגעזאָגט פון רב׳ן: דער מענטש וועט אויף יענער וועלט דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון אויף יעדער שיינער פרוכט וואָס ער האָט געזען

און ניט געגעסן און אויף יעדן שיינעם מלבוש וואָס ער האָט געקאָנט האָבן און ניט אָנגעטאָן זיך.

די חכמים האָבן אויך אונז געלערנט הנאה צו האָבן פון שיינקייט אין לעבן. צו האָבן אַ הנאה פון זען אַ שיינעם מענטשן, אַ שיינע וואוינונג און שיין מאכל. זיי האָבן אַפילו געהייסן מאַכן אַ ברכה איבער שיינקייט. דאָס הייסט, צו זאָגן אַ לויב צו גאָט ווען מען זעט שיינע בוימער, שיינע בלומען און אויך שיינע מענטשן. וועגן מענטשן איז דאָ אַ ספּעציעלע ברכה: „ברוך שברא בריות נאות" (געלויבט איז גאָט וואָס האָט געשאַפן שיינע מענטשן).

רבן שמעון בן גמליאל איז געשטאַנען אויף אַ טרעפּ פון הר הבית (פון בית המקדש) און האָט דערזען אַ שיינע ניט־אידישע פרוי, האָט ער געקוקט אויף איר און געזאָגט די ווערטער: „מה רבו מעשיך, ה'!" (ווי גרויס זיינען דיינע טאָטן, גאָט!).

ר' עקיבא, ווען ער האָט געזען די פרוי פון טורנוסרופוס הרשע, וועלכע איז געווען זייער אַ שיינע, האָט ער אויסגעשפּיגן, געלאַכט און דערנאָך געוויינט. ער האָט אויסגעשפּיגן, ווייל זי איז געקומען פון אַ נידעריקן שטאַם; ער האָט געלאַכט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיך שפּעטער מגייר זיין און ווערן זיין ווייב; און געוויינט האָט ער דערויף, וואָס אַזאַ שיינהייט, ווי זי איז, זאָל אַמאָל פוילן אין דר'ערד.

## ווי אַזוי זיך אויפצופירן ביים עסן

אונזערע חכמים האָבן אונז געגעבן פאָלגנדיקע לערעס:

ביז 40 יאָר איז עסן בעסער; שפּעטער — איז טרינקער בעסער.

אַ מענטש דאַרף זיך ניט אָפּזאָגן פון עסן, כדי ער זאָל האָבן כח. אָבער אַ מענטש דאַרף ניט עסן צופיל.

קיי מיט די ציין (עס לאַנגזאַם), וועסטו עס געפינען אין די פיס.

דער וואָס זיצט לאַנג ביים טיש (עסט פּאַמעלעך), דער לעבט לאַנג.

מען דאַרף זיך באַרגן אויף צו עסן גוט, אָבער ניט צופיל.

אָפּצוהיטן דעם קערפּער איז אַ מצוה.

אַזוי ווי מען דאַרף היטן דעם קערפּער מיט עסן, איז נאָך מער מיט טרינקען. טרינקען וויין צופיל איז אַן אומגליק. איבערהויפּט פאַר אַ פרוי.

איין גלעזל פאַר אַ פרויס פאַסט נאָך; צוויי — ווערט זי שוין צו־פריילעך; דריי — און זי ווערט פאַרשייט.

און איצט — גוטע מידות ביים עסן:

אַ מענטש זאָל ניט אַרויסנעמען ביים טיש פונעם ברויט דאָס ווייכע און איבערלאָזן דאָס האַרטע; מען טאָר אויך ניט רייסן שטיקער פון ברויט. אויב מען טוט אַזוי איז מען אַ פרעסער; אַ מענטש דאַרף אויך ניט אויס־טרינקען זיין כוס מיט איין מאָל. אויב מען טוט אַזוי איז מען אַ זויפער. וואָס דען? מען דאַרף טרינקען פּאַמעלעך. מען דאַרף אויך ניט עסן קנאָבל,

אָדער ציבעלעס פון קאָפּ אַראָפּ, נאָר פון די בלעטער. מען דאַרף ניט אויפ־עסן אַלץ ביזן סוף, אָדער כאַפּן ברעקלעך פון טיש, ווייל דאָס פּאַסט נישט. ווען צוויי זיצן ביים טיש, דאַרף דער אינגערער וואַרטן אויפן עלטערן, אַז ער זאָל פריער אָנהויבן צו עסן.

רבי עקיבא פלעגט עסן זיינע מאָלצייטן צוזאַמען מיט זיינע תלמידים, כדי צו לערנען זיי ווי אַזוי צו עסן אויף אַ שיינעם אופן.

מען טאָר ניט אָפּבייסן פון אַ שטיקל ברויט און עס געבן דערנאָך צו אַן אַנדערן. מען דאַרף אויך ניט אַוועקלייגן אַ שטיקל ברויט, וואָס מען האָט שוין דערפון אָפּגעביסן, אויפן טיש, ווייל עס זעען זיך די ציינער — און דאָס איז ניט עסטעטיש.

מען טאָר ניט באַליידיקן קיין שפּייז וואָס מען עסט.

מען טאָר ניט וואַרפן קיין ברויט. מען טאָר אויך ניט אונטערשפּאַרן אַ טעלערל מיט אַ שטיקל ברויט.

ווען מען לאַדט איין אַן אורח, דאַרף מען ניט אָפּעסן פריער. דאָס איז ניט שיין. נאָך ערגער איז, ווען אַן אורח ברעגגט מיט זיך אַן אורח, אָבער ערגער פון אַלעם איז, ווען איינער עסט פריער, דאָרטן, וואו אין הויז איז דאָ אַ תלמיד חכם. אַן אורח, וואָס פאַרמאַטערט דעם בעל־הבית, איז צום ערגסטן פון אַלע.

ביים עסן דאַרף מען ניט רעדן.

אַ מענטש דאַרף ניט טרינקען פון אַ כוס און דערנאָך עס געבן צו אַ צווייטן.

רב האָט געזאָגט צו זיין זון חייא: שווענק אויס דאָס גלאָז איידער דו טרינקסט דערפון. דערנאָך שווענק עס אויס נאָכאַמאָל און שטעל עס אַוועק. אויב דו טרינקסט וואַסער און ווילסט געבן אויך אַנדערע צו טרינקען, שווענק אויס דאָס גלאָז פריער און ערשט דערנאָך גיב אַנדערע צו טרינקען.

## גוטע לערעס וועגן קליידער

עס האָט גע׳דרש׳נ׳ט ר׳ עוירא: אַ מענטש דאַרף עסן און טרינקען ווייניקער ווי ער קאָן, אָבער קליידן זיך זאָל ער מיט וויפיל נאָר ער קאָן.

קליידער — קויף די בעסטע, אָבער עסן לויטן ווערט.

עס האָט געזאָגט ר׳ יוסי בן ר׳ חנינא: דער וואָס איז מבזה קליידער, דער וועט פון זיי שוין מער קיין הנאה ניט האָבן.

די שיינקייט פון אַ מענטש זיינען זיינע קליידער.

אַן אַראַמעאיש פאָלקס־ווערטל זאָגט: אין מיין שטאָט איז גענוג מיין נאָמען, אָבער אויסערן שטאָט זיינען עס מיינע מלבושים.

ווער עס האָט ניט מער ווי איין מלבוש, איז זיין לעבן קיין לעבן ניט.

עס האָט געזאָגט רב יהודה, אַז רב האָט געזאָגט: מען דאַרף פאַרקויפן די בעלקעס פון הויז און קויפן זיך שיך אָנצוטאָן.

## גוטע לערעס וועגן באָדן זיך

מען האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב: מען טאָר ניט וואוינען אין אַ שטאָט וואו עס איז ניטאָ קיין באָד.

דריי סאָרטן שוויצונגען זיינען פאַראַן: דאָס שוויצן פון טאָן אַרבעט: דאָס שוויצן פון אַ קראַנקן, און דאָס שוויצן ווען מען נעמט אַ באָד. דאָס שוויצן פון אַרבעט איז אויף צו האָבן ברויט; דאָס שוויצן פון אַ קראַנקן — איז פאַר אים צו רפואה, אָבער דאָס שוויצן פון אַ באָד איז דאָס בעסטע.

מיר האָבן געלערנט: אַ מענטש דאַרף זיך אָפּוואַשן זיין פּנים, זיינע הענט און זיינע פיס יעדן טאָג.

שמואל האָט געזאָגט: אַ קאַלטע באָד אין דער פרי און אַ הייסע אין אָוונט זיינען די בעסטע מעדיצינישע מיטלען.

מען טאָר ניט צוגיין צום טיש צו עסן איידער מען וואַשט זיך די הענט.

שמואל האָט געזאָגט: שמוץ פון קאָפּ, אויב מען וואַשט עס ניט אַ לאַנגע צייט, קאָן דערפירן צו בלינדקייט; שמוץ פון קליידער, וועלכע מען רייניק ניט, קאָן דערפירן צו משוגעת; און שמוץ פון קערפּער, אויב מען באָדט זיך ניט פאַר אַ לאַנגער צייט, קאָן דערפירן צו בלאָטערן אויפן לייב.

אַ מענטש דאַרף נעמען אַ באָד וויניקסטנס איין מאָל אַ וואָך.

* * *

אָט דאָס איז אַביסל וועגן די לערעס בנוגע מענטש גופא. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע לערעס, וואָס זיינען שייך צום מענטש אַליין, נעמלעך, מיט וואָס ער זאָל זיך באַשעפטיקן צו פאַרדינען אויף ברויט און ווי אַזוי ער זאָל עס טאָן — אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

## 16.

# די עטיק פון אַרבעט און האַנדל

**ווי אַזוי אונזערע חכמים האָבן געלויבט אַרבעט. — פיל פון די תנאים און אמוראים זיינען אַליין געווען אַרבעטער. — אַ גרויסער טייל פון זיי איז אויך געווען פויערים און לאַנד־אַרבעטער. — די עטיק פון תלמוד וועגן האַנדל. — וואָס די חכמים זאָגן וועגן באָרגן געלט און צאָלן פּראָצענט.**

אונזערע חכמים האָבן געלייגט גרויס געוויכט אויף אַרבעט. ניט נאָר האָבן זיי אויפגעפאָדערט יעדן איינעם צו לערנען זיך אַ מלאכה, נאָר זיי אַליין האָבן עס געטאָן. דער רוב פון די תנאים און אמוראים זיינען געווען שטאָטישע אַרבעטער, אָדער פויערים. בלויז אַ קליינער טייל פון זיי האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל. זיי האָבן וועגן אַרבעט און האַנדל געשאַפן אַ גאַנצע עטיק, וועלכע איז פון גרויסער באַדייטונג. מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע פון זייערע זאָגונגען וועגן דעם.

די חכמים האָבן געלערנט: וועגן דריי מענטשן קאָן מען זאָגן, אַז זייער לעבן איז קיין לעבן ניט: דער וואָס דאַרף אָנקומען צו יענעמס טיש, דער וואָס דאָס ווייב הערשט איבער אים און דער וואָס האָט יסורים.

ער האָט געזאָגט: ווען אַ מענטש עסט דאָס זייניקע, איז ער מיושב און צופרידן, אָבער ווען אַ מענטש עסט פון יענעמס פּראַצע, אַפילו ביי זיין טאַטע־מאַמע אָדער זיינס אַ קינד, איז ער ניט מיושב און ניט צופרידן, אַ פשיטא שוין אויב מען דאַרף אָנקומען צו פרעמדע.

די חכמים האָבן געלערנט: ווער עס דאַרף אָנקומען צו דער פרוי׳ס פאַרדינסטן, וועט שוין קיין גליקלעכער מענטש קיינמאָל ניט זיין.

אַ מענטש וויל מער אַ קליין מעסטעלע און אייגנס ווי ניין גרויסע מאָסן פון פרעמדע.

מאַך בעסער שבת פאַר אַ וואָכנדיקן טאָג און קום ניט אָן צו מענטשן.

פאַרקויף דיך צו אַן אַרבעט וואָס איז דיר ניט אָנגענעם און קום ניט אָן צו מענטשן.

אַן אָרעמאַן איז שטענדיק שלעכט, אַפילו שבת און יום־טוב, ווייל אויב ער עסט עפּעס בעסערס, איז דער מאָגן שוין ניט געוואוינט דערצו און ער קרענקט עס אויס.

נאָך אַן אָרעמאַן גייט נאָך די אָרעמקייט.

ביי דער טיר פון אַ רייכן זיינען דאָ פיל ברידער און פריינט. ביי דער טיר פון אַן אָרעמאַן זיינען ניטאָ קיין ברידער און קיין פריינט.

בן זומא האָט געזאָגט: ווער הייסט רייך? דער וואָס איז צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט.

אביי האָט געזאָגט: מיר פאַרשטייען עס אַזוי: אָרעם איז נאָר דער, וועלכער איז אָרעם אין גייסט.

ווען עס לאָזן זיך אויס די גריפּן פון קרוג, קומט אַ קריג אין הויז (אַן אַראַמעאיש ווערטל).

עס שטייט אין ספר בן־סירא: זאָרג ניט פאַרן מאָרגן, טאָמער קומט דער מאָרגן און דו ביזט נישטאָ, האָסטו דאָך בחינם זיך געזאָרגט.

גע לט טאָר ניט זיין טייערער ביי אַ מענטש ווי זיין אייגענער קערפּער.

עס שטייט „יברכך ה׳ אלקיך" (גאָט זאָל דיך בענטשן), וואָלט איך געמיינט, אַפילו ווען אַ מענטש זיצט ליידיק, שטייט באַלד נאָך דעם „בכל מעשה ידיך אשר תעשה" (מיט אַלעם דעם וואָס דו וועסט טאָן). דאָס מיינט אויב מען טוט עפּעס, העלפט גאָט, אָבער אויב מען טוט גאָרניט, העלפט ניט גאָט.

אַ מענטש טאָר ניט זאָגן: איך וועל ניט אַרבעטן און גאָט וועט מיר העלפן. ניין, אַ מענטש דאַרף אַרבעטן מיט ביידע הענט און גאָט וועט אים העלפן.

אויב אַ מענטש גרייט ניט אָן ערב שבת, וואָס וועט ער עסן שבת?

אויב אַ מענטש אַקערט ניט און זייט ניט און שניידט ניט אין זומער, וואָס וועט ער עסן ווינטער?

ר׳ טרפון האָט געזאָגט: זאָגט זיך ניט אָפּ פון אַן אַרבעט וואָס איז שווער, אָדער פון אַן אַרבעט וואָס ענדיקט זיך ניט. צו וואָס איז עס געגליכן? צו איינעם וואָס מען האָט אים געדונגען, אַז ער זאָל נעמען וואַסער פון ים און גיסן אויף דער יבשה... האָט ער געזאָגט: דער ים וועט ניט ווערן וויניקער און אויך די יבשה וועט ניט ווערן אַנדערש, צו וואָס זאָל איך עס טאָן? ר׳ טרפון אָבער זאָגט: נאַרישער מענטש, וואָס גייט עס דיך אָן? מען גיט דיר דערפאַר אַ רענדל אַ טאָג, גיי און טו עס.

רב ששת האָט געזאָגט: גרויס איז די אַרבעט, ווייל זי גיט מוט דעם מענטשן.

ר׳ יהודה, איידער ער איז געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, פלעגט טראָגן אַ קרוג אויפן אַקסל (ער האָט געטאָן אַ געוויסע אַרבעט). ווען מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט עס, האָט ער געענטפערט: גרויס איז אַרבעט, וועלכע גיט חשיבות צו אַ מענטש.

ר׳ שמעון האָט אויך געטראָגן אָפט אַ גרויסן פּאַק אויף דער פּלייצע און אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

די תלמידים פון ר׳ ישמעאל האָבן געזאָגט: עס שטייט אין פסוק „ובחרת בחיים" (דו זאָלסט אויסקלייבן דאָס לעבן), דאָס מיינט צו לערנען זיך אַ מלאכה.

רבן גמליאל האָט געזאָגט: ווער עס האָט אַ פאַך אין דער האַנט, איז

געגליכן צו אַ גאָרטן וואָס איז אָפּגעצוימט, וואו אַ בהמה, אַ חיה אָדער סתם פאַרבייגייער קאָנען ניט אַריינגיין און אָנטאָן דאָרטן שאָדן. ווער עס האָט ניט קיין פאַך אין דער האַנט, איז געגליכן צו אַן אָפענעם גאָרטן, וואו אַלע רייסן זיך אַריין און טוען אָן גרויסע שאָדנס (ווייל אַזאַ מענטש נוצן אַלע אויס און מען צאָלט אים ווייניק).

זיבן יאָר איז געווען אַ הונגער אין לאַנד, אָבער איבער דער שוועל פון אַן אַרבעטער איז ער ניט אַריבער (אַן אַראַמעאיש פאָלקס־ווערטל).

שמעיה זאָגט: האָב ליב אַרבעט און האָב פיינט צו הערשן.

רבא האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: קומט ניט צו מיר אין די חדשים ניסן און תשרי, ווען מען אַרבעט אין פעלד, כדי איר זאָלט ניט שטערן אייער פרנסה, וואָס איר דאַרפט האָבן דערפון אַ גאַנץ יאָר (זיי זיינען געווען פעלד־אַרבעטער).

עס שטייט אין פסוק: „טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו” (עס איז גוט פאַר אַ מענטש צו טראָגן אַן עול אין דער יוגנט), דאָס מיינט מען דריי עול׳ן: דער ערשטער איז דער עול פון תורה, צו לערנען; דער צווייטער איז דער עול פון אַ פרוי, צו הייראַטן, און דער דריטער עול איז — דער עול פון אַ מלאכה, צו קענען אַ פאַך.

ר׳ יהודה זאָגט: ווער עס לערנט ניט אויס זיין זון אַ מלאכה, איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט אים געלערנט צו זיין אַ רויבער.

ר׳ מאיר זאָגט: אַ מענטש דאַרף אויסלערנען זיין זון אַ ריינע מלאכה און אויך אַ לייכטע. דאָס איבעריקע זאָל ער בעטן צו גאָט פאַר אים, ווייל אויך אין אַ מלאכה איז דאָ אָרעמקייט און רייכקייט, אָבער דאָס ווענדעט זיך שוין אין רבונו של עולם.

אונזערע חכמים האָבן געלערנט: דער וואָס האָט צו טאָן אין זיין אַרבעט מיט פרויען — טויג ניט. דאָס זיינען די וואָס פּעדלען מיט צירונג, די וואָס פאַרבן פרויען־קליידער, שערן זייערע האָר, רייניקן זייערע נעגל, האָבן די אויפזיכט איבער זייערע בעדער און אַנדערע אַזעלכע זאַכן. פון זיי איז קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען ניט קיין קעניג און ניט קיין כהן גדול, ווייל זייער מלאכה איז ניט קיין שיינע.

רבי האָט געזאָגט: עס איז ניטאָ אַזאַ אַרבעט, וואָס מען דאַרף זי ניט האָבן אין לעבן, אָבער וואויל איז דעם וואָס ווערט געבוירן ביי עלטערן, וועלכע האָבן אַ שיינע מלאכה און ווייַ איז צו דעם וואָס ווערט געבוירן ביי עלטערן וואָס טוען אַ ניט־שיינע אַרבעט. די וועלט דאַרף האָבןביידע, סיי דעם וואָס פאַרקויפט פּערפיום און סיי דעם וואָס איז אַ גאַרבער, אָבער וואויל איז דעם וואָס האָט צו טאָן מיט פּערפיומען און ווייַ איז צו דעם וואָס איז אַ גאַרבער.

רב האָט געזאָגט צו רב כהנא: שינד בעסער אַ נבלה אין דער גאַס און זאָלסט ניט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן. זאָג אויך ניט, אַז דו ביזט אַ גרויסער מענטש און עס פּאַסט דיר ניט.

אויב איינער וועט זאָגן: איך שטאַם פון גרויסן יחוס און מיר פּאַסט ניט צו אַרבעטן, זאָל מען אים זאָגן: דו ביזט דאָך ניט פון גרעסערן יחוס פון גאָט אַליין און ביי אים שטייט געשריבן, אַז ער האָט גערוט אין זיבעטן טאָג פון דער אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן אין די זעקס טעג.

ר׳ ירמיה האָט געזאָגט: אַ מלאכה איז גרעסער ווי זכות־אבות. ווען מען האָט אַ פאַך אין דער האַנט, איז עס מער ווי דער גרעסטער יחוס.

* * *

די זעלבע הויכע מיינונג, וואָס די חכמים האָבן געהאַט וועגן אַרבעט, האָבן זיי אויך געהאַט וועגן פויערים, פעלד־אַרבעטער. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ טייל פון זייערע מיינונגען:

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע וועלן זיך רייסן צו זיין ערד־אַרבעטער, ווייל די אַרבעט דאַרף מען שטענדיק.

ריש לקיש האָט געזאָגט: אויב אַ מענטש גיט זיך איבער אין זיין אַרבעט צו דער ערד, וועט ער האָבן ברויט; אויב ניט — וועט ער קיין ברויט ניט האָבן.

שמואל פלעגט באַזוכן זיינע פעלדער איין מאָל אַ טאָג. ער פלעגט זאָגן: „איך בין ניט גערעכנט אין מיין פאָטער. ער פלעגט באַזוכן זיינע פעלדער צוויי מאָל אַ טאָג. ווער עס באַזוכט זיינע פעלדער אַמווייניקסטנס איין מאָל אַ טאָג, וועט האָבן ריווח פון זיי“.

אביי פלעגט אויך באַזוכן זיינע פעלדער איין מאָל אַ טאָג. איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפן זיין גערטנער, וועלכער האָט געטראָגן אַ פּאַק מיט האָלץ; האָט ער אים געפרעגט: וואוהין טראָגסטו עס? האָט יענער אים גע־זאָגט: צו אייך. האָט אביי פאַרשטאַנען, אַז ער זאָגט דאָס בכיוון אַזוי, און אַז ווען ער וואָלט אים ניט אָנגעטראָפן, וואָלט ער עס אַוועקגעטראָגן צו זיך. האָט ער צו אים געזאָגט: מיר זיינען קליגער פון אייך.

ר׳ יצחק האָט געזאָגט: אַ מענטש דאַרף איינטיילן זיין געלט אויף דריי טיילן. מיט איין טייל זאָל ער קויפן לאַנד, מיט אַ צווייטן טייל זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט האַנדל און אַ דריטן טייל זאָל ער האָבן ביי זיך.

אַ מענטש דאַרף ניט אַריינטאָן זיין געלט בלויז אין איין זאַך, טאָמער פאַלט עס דורך, קומט אויס, אַז ער פאַרלירט אַלצדינג.

צו האַנדלען מיט בהמות איז בעסער ווי פעלד־אַרבעט.

ר׳ יוחנן זאָגט: אויב איינער וויל רייך ווערן, זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט האָדעווען שעפּסן און קעלבער, ווייל פון זיי קאָן מען זיכער פאַרדינען.

* * *

איצט לאָמיר הערן וואָס אונזערע חכמים האָבן אונז געלערנט וועגן האַנדל. מיר וועלן ברענגען דאָ אַ טייל פון זייערע זאָגונגען:

אין דער צייט פון אַ דעפּרעסיע קויף איין, וויפיל סחורות דו קאָנסט קויפן, ווייל דער סוף וועט זיין, אַז עס וועט שטייגן.

אין אַ צייט פון אַ ירידה (אַ דעפּרעסיע) ווען דו קויפסט האָסטו געוואונען, אויב דו פאַרקויפסט האָסטו פאַרלוירן.

רב האָט געזאָגט צו זיין זון, איבו: איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין אַ לערנער, אָבער עס איז מיר ניט געלונגען. טאָ ווער אַ סוחר. איך וועל דיר געבן אייניקע כללים: אויב דו האָסט וואַרע, פאַרקויף זי באַלד, ווי לאַנג דו האָסט קונים. דו זאָלסט וויסן אָבער, אַז וואָס דו וועסט פאַרקויפן וועסטו דערויף שפּעטער חרטה האָבן, ווייל דו וועסט זיך טראַכטן, אַז דו וואָלסט געקאָנט קריגן מער. אָבער דאָס איז גאָרניט. בלויז ווען דו וועסט האַנדלען מיט וויין וועסטו ניט חרטה האָבן, ווייל וויין קאָן ווערן זויער. ווען דו פאַרקויפסט עפּעס, נעם פריער דאָס געלט, איידער דו גיסט די וואַרע צום קונה. עס איז בעסער אַ קליינער פאַרדינסט, אָבער באַלד, איידער אַ גרויסער ריווח אין דער צוקונפט.

אויב די פרייזן פאַלן, קויף וואָס מער.

עס פירט זיך אין דער וועלט, אַז מען פירט סחורה דאָרטן וואו מען דאַרף זי.

ר׳ יוחנן האָט געזאָגט: ווער עס האָט גע׳ירשנ׳ט פון זיין פאָטער אַ סך געלט און וויל עס פטר׳ן, זאָל זיך קליידן אין פלאַקסענע קליידער (וועלכע צרייסן זיך גיך) און באַנוצן זיך מיט גלעזערנע כלים (וואָס צעברעכן זיך גיך) און דינגען אַרבעטער און ניט זיין ביי דער אַרבעט (ווייל זיי וועלן גאָרניט טאָן).

האַנדל איז גוט, אָבער נאָר ווען מ׳איז ערלעך. ווער עס האַנדלט אויף אַן ערלעכן אופן, האַלטן מענטשן פון אים.

ר׳ גידל האָט געוואָלט קויפן אַ שטיקל לאַנד, דערווייל איז אונטערגעקומען ר׳ אבא און האָט עס אָפּגעקויפט. איז ר׳ גידל אַוועק צו ר׳ זירא׳ן און אים דאָס דערציילט. האָט ר׳ זירא דאָס דערציילט צו ר׳ יצחק נפחא, האָט ר׳ יצחק געזאָגט צו ר׳ זירא׳ן: לאָמיר וואַרטן ביז ר׳ אבא וועט קומען אין שטאָט אַריין אויף יום־טוב.

ווען ס׳איז געקומען יום־טוב און ר׳ אבא איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט ר׳ יצחק אים געפרעגט: אויב אַן אָרעמאַן וויל עפּעס קויפן און עס קומט אַן אַנדערער און ער קויפט עס אָפּ, וואָס פאַר אַ מענטש איז אַזאַ איינער? האָט ר׳ אבא געזאָגט: ער איז אַ רשע. האָט ר׳ יצחק געזאָגט צו אים: אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסט דו אויסגעקויפט דאָס שטיק לאַנד פון ר׳ גידל׳ן? האָט ר׳ אבא געזאָגט: כ׳האָב ניט געוואוסט, אַז ער וויל עס קויפן. האָט ר׳ יצחק אים געפרעגט: ווילסטו אים עס איצט צוריקקערן? האָט ר׳ אבא געזאָגט: פאַרקויפן וועל איך עס ניט, ווייל עס איז דאָס ערשטע שטיקל לאַנד וואָס איך האָב געקויפט און עס איז אַנגענומען, אַז ווער עס פאַרקויפט דאָס ערשטע שטיקל לאַנד, גייט אים דערנאָך שלעכט. אָבער אויב ער וויל עס האָבן, וועל איך עס אים שענקען. דאָס האָט ר׳ גידל ניט געוואָלט. האָט ר׳ אבא דאָס לאַנד אויך ניט מער באַנוצט און עס איז געבליבן

אַ ניט־באַאַרבעט שטיק פעלד. מיט דער צייט האָט מען דאָס שטיק לאַנד אָנגערופן: די שטיקל לאַנד פון די געלערנטע.

אויב דו פאַרקויפסט, פאַרקויף מיט אַ שמייכל.

שמואל האָט געזאָגט: ביים פאַרקויפן טאָר מען ניט פאַרדינען מער ווי אַ זעקסטל פון פרייז.

מען טאָר ניט דינגען זיך און מאַכן זיך קויפן, ווען מען האָט ניט קיין געלט און ווען מען וויל ניט קויפן.

אויב איינער קויפט עפּעס און אין אַריינגעפאַלן דערמיט, דאַרף מען אים ניט זאָגן, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, נאָר פאַרקערט, זאָגן אים, אַז ער האָט גוט געקויפט. צו וואָס זאָל ער האָבן צער?

ווער עס לאָזט זיך אַריין אין געבן געלטער אויף פּראָצענטן, וועט סוף־כל־סוף פאַרלירן זיין פאַרמעגן.

אַ מענטש זאָל בעסער פאַרדינגען זיין טאָכטער פאַר אַ דינסט, איידער צו באָרגן זיך געלט ביי אַ פּראָצענטניק.

צו זאָגן איינעם אַ גרויסן גוט־מאָרגן, איידער מען באָרגט זיך ביי אים געלט, איז אויך אַ מין געבן פּראָצענט.

אָט דאָס זיינען נאָר אַ טייל פון די ווערטער פון די חכמים וועגן עטיק פון אַרבעט און האַנדל. איצט וועלן מיר הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן וועגן אַן אַנדער געביט פון מענטשלעכן לעבן, נעמלעך, וועגן הייראַט און שלום־בית — אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.17

# די עטיק פון פאַמיליע־לעבן

**וואָס איז ליבע? — ווי אַזוי די חכמים האָבן געקוקט אויף ליבע און הייראַט. — ווי אַזוי מען דאַרף באַהאַנדלען אַ פרוי. — שלום־בית און ווי אַזוי עס צו דערגרייכן. — דיליידן פון אַ מאַן, וואָס זיין ווייב איז שלעכט צו אים. — וואָס זיינען די פליכטן פון אַ פרוי. — קאָן אַ פרוי האָבן דינסטן און וויפיל?**

סיי די תנאים און סיי די אמוראים האָבן זייער פיל געלערנט מיט זייערע תלמידים וועגן די ענינים פון הייראַט און פאַמיליע. זיי האָבן באַטראַכט די דערשיינונג פון ליבע פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך. נאַטירלעך דאַרף אַזאַ ליבע פירן צו אַ הייראַט אויף צו בויען אַ פאַמיליע. דאָס מיינט, צו ברענגען אויף דער וועלט קינדער און זיי דערציען. זיי האָבן גוט פאַר־שטאַנען די פסיכאָלאָגיע פון מאַן און פון דער פרוי, ווען עס קומט צו אַזעלכע ענינים און כאָטש אַ טייל פון זיי האָט ניט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן פרויען, האָבן זיי דאָך געפאָדערט פון מאַן, אַז ער זאָל איר געבן אירע געברויכן, שאַנעווען אירע געפילן און אָפּהיטן איר כבוד, ווייל דאָס איז דער סדר העולם, אַזוי פירט זיך די וועלט. זיי האָבן דערביי אַוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז די פאַמיליע איז דער פונדאַמענט פון אונזער גאַנצער געזעלשאַפט. די פאַמיליע איז דער אלף־בית פון שטאַט, פון יעדער מלוכה־אָרדענונג.

אין דעם זין וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען דאָ אַ טייל פון זייערע מיינונגען, וועלכע קומען פון פאַרשידענע לאַגערן, צו זען וואָס די בעלי־התלמוד האָבן באַטראַכט אַלס די עטיק פון הייראַט און פאַמיליע.

צום ערשטן וועלן מיר ברענגען אייניקע פון זייערע רייד וועגן ליבע־געפילן פון אַ מאַן צו אַ פרוי און פון אַ פרוי צו אַ מאַן.

רבי האָט זיך משדך געוועזן מיט זיין זון מיט ר׳ חייאַ׳ן. פאַר דער חתונה איז די כלה געשטאָרבן. האָט דער חתן געהאַט דערפון גרויס צער... שפּע־טער האָט רבי זיך משדך געוועזן מיטן זעלבן זון, מיט ר׳ יוסי בן זמרא. האָט דער שווער צוגעזאָגט דעם חתן צוועלף יאָר קעסט, אָבער ער זאָל פאָרן לערנען פריער, איידער ער האָט חתונה. האָט אָבער דער זון געוואָלט זען די כלה. האָט מען זי געבראַכט צו אים. ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך שטאַרק פאַרליבט אין איר און געזאָגט צו איר פאָטער: „זאָל זיין נאָר זעקס יאָר״. איז אַזוי געבליבן. אָבער דער חתן האָט וואָס אַמאָל זי אַלץ מער ליב באַקומען, האָט ער געבעטן איר פאָטער, אַז ער וויל זי נאָכאַמאָל

זען. האָט מען אים איינגעלאַדן. האָט ער געזאָגט צו איר פאָטער: „איך האָב זייער ליב באַקומען אייער טאָכטער און איך וויל מיט איר באַלד חתונה האָבן און דערנאָך וועל איך פאָרן לערנען". האָט איר פאָטער צוגעשטימט. האָט אָבער דער חתן זיך געשעמט צו זאָגן דאָס זיין פאָטער. ענדלעך איז ער געקומען צו זיין פאָטער און אים געזאָגט, אַז ער האָט ליב באַקומען דאָס מיידל און וויל שוין מיט איר חתונה האָבן און דערנאָך וועט ער פאָרן לערנען. האָט דער פאָטער צוגעשטימט.

אַ פרוי וואָס האָט שיינע אויגן, איז שוין אינגאַנצן שיין.

זאָגט ריש לקיש: אַ הויכער מאַן זאָל ניט חתונה האָבן מיט אַ הויכער פרוי, ווייל עס וועט פון זיי אַרויסקומען קינדער ריזן. אַ קאַרליק זאָל ניט חתונה האָבן מיט אַ קאַרליטשקע, ווייל עס וועט פון זיי אַרויסקומען פיצעלעך קינדער. איינער וואָס איז זייער בלאַנד, זאָל ניט חתונה האָבן מיט אַזאַ איינער וואָס איז אויך אַזוי, ווייל עס וועט פון זיי אַרויסקומען ווייס־בלאַנדע; און אַ טונקעלער זאָל ניט הייראַטן מיט אַ טונקעלער, ווייל עס וועט פון זיי אַרויסקומען כמעט שוואַרצע קינדער.

אַ מאַן וואָס האָט ניט קיין פרוי, האָט ניט קיין פרייד, קיין גליק און קיין צופרידנקייט.

אַ מאַן דאַרף זוכן אַ פרוי און ניט אַ פרוי — אַ מאַן.

צו אַכצן יאָר דאַרף מען שטעלן אַ חופה.

רב חסדא האָט געזאָגט: מיט וואָס בין איך בעסער ווי מיינע חברים, ווייל איך האָב חתונה געהאַט צו 16 יאָר.

רב הונא זאָגט: ווען אַ מאַן ווערט אַלט צוואַנציק יאָר און האָט נאָך ניט חתונה געהאַט, טראַכט ער כסדר פון זינד.

אונזערע חכמים האָבן געלערנט: מען דאַרף פריער לערנען און דערנאָך חתונה האָבן. אויב איינער קאָן ניט אַזוי, זאָל ער פריער חתונה האָבן און דערנאָך לערנען. ר' יוחנן האָט דערויף געזאָגט: „וואָס? אַ מילשטיין אויפן האַלז און ער וועט נאָך לערנען תורה?"

ר' חייא בר אבא זאָגט: עס שטייט אין פסוק: אַ לאַנגע האָפענונג איז האַרץ־ווייטיק. דאָס מיינט מען איינעם וואָס ווערט פאַרלאָבט צו אַ פרוי און האָט מיט איר חתונה ערשט מיט אַ לאַנגער צייט שפּעטער. אויב מען ווערט פאַרלאָבט צו אַ פרוי, דאַרף מען מיט איר באַלד חתונה האָבן.

אין הימל רופט מען אויס, פערציק טעג פאַרן געבורט פון אַ מענטש, ווער עס זאָל חתונה האָבן מיט וועמען. אַמאָל קומט דער זיווג אין שטוב אַריין און אַמאָל דאַרף מען אים זוכן.

רב פפא זאָגט: אייל דיך צו פאַרקויפן דיין שטיקל לאַנד, אָבער האָב געדולד מיט נעמען אַ ווייב. גיי אַראָפּ אַ שטאַפּל, ווען דו גייסט חתונה האָבן, אָבער קוק דיר גוט אַרום, ווער עס זיינען אירע אונטערפירער.

ווען מען גייט חתונה האָבן מיט אַ פרוי, דאַרף מען זען ווער אירע ברידער זיינען. דאָס רוב קינדער געראָטן אין ווייב'ס ברידער.

ווער הייסט רייך? — ר׳ עקיבא זאָגט: דער, וואָס האָט אַ שיינע פרוי, מיט שיינע מעשים.

אַ קעלבל גייט נאָך אַ קו און אַ טאָכטער — אַ מוטער.

דער וואָס האָט חתונה מיט אַ פרוי צוליב איר געלט, וועט האָבן ניט קיין געראָטענע קינדער און פון דעם געלט וועט גאָרניט ווערן.

אַ מענטש זאָל פאַרקויפן אַלץ וואָס ער האָט און חתונה מאַכן זיין טאָכטער מיט אַ תלמיד־חכם (אַ געלערנטן מענטשן, אַן אינטעליגענט).

מען טאָר ניט פאַר׳קנס׳ן אַ טאָכטער ווען זי איז נאָך קליין. מען מוז וואַרטן ביז זי ווערט רייף און קאָן זאָגן וועמען זי וויל פאַר אַ מאַן.

רב יהודה האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב: אַ מאַן טאָר ניט מקדש זיין אַ פרוי ביז ער זעט זי.

רב יהודה האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב: ווער עס מאַכט חתונה זיין טאָכטער צו אַן אַלטן מאַן, אָדער ווער עס נעמט אַן עלטערע פרוי פאַר זיין יונגען זון, ברענגט אַ קללה אויף זיין הויז.

„דו זאָלסט ניט פירן דיין טאָכטער צו זנות״, זאָגט ר׳ אליעזר. דאָס מיינט, ווען מען מאַכט חתונה אַ יונג מיידל מיט אַן אַלטן מאַן.

ווי אַזוי דאַרף מען לויבן אַ כלה אין דער נאַכט פון איר חתונה? די בית שמאי זאָגן, מען דאַרף זי לויבן אַזוי ווי זי איז; די בית הלל זאָגן: מען דאַרף זאָגן יעדער איינער, אַז זי איז שיין און סימפּאַטיש. האָבן די בית־שמאי געזאָגט צו די בית־הלל: און ווען זי איז אַ לאָמע אָדער אַ בלינדע, זאָל מען אויך זאָגן אַז זי איז אַ שיינע? אָבער די תורה זאָגט דאָ „פון אַ ליגן זאָלסטו זיך דערווייטערן״. האָבן די בית־הלל צוריק געענטפערט די בית־שמאי: לויט אייערע רייד נאָך, אויב איינער קויפט אַ מלבוש אין מאַרק און מען האָט אים אָפּגענאַרט, זאָל מען אים זאָגן דעם אמת, אַז מען האָט אים גענאַרט? ניין. מען זאָגט אים, אַז ער האָט גוט געקויפט. דאָס זעלבע איז אויך ווען איינער נעמט אַ ווייב. ווען מען לויבט זי, איז עס ניט קיין ליגן. עס איז נאָר כדי צופרידנצושטעלן דעם מאַן.

* * *

וואָס דאַרף אַ מאַן טאָן פאַר זיין ווייב און וואָס דאַרף אַ ווייב טאָן פאַרן מאַן?

די חכמים האָבן דאָס גאַנץ גענוי באַשטימט. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פאָרמולע וועגן דעם. אַ גאַנצע רייע פון כללים, וויפיל געלט אַ מאַן דאַרף געבן זיין ווייב אויף צו פירן דאָס הויז, וויפיל אויף קליידונג פאַר זיך און וויפיל אויף אַנדערע באַדערפעניש׳ן, לויטן געלט־ווערט פון יענע צייטן, אין בבל. צום סוף ווערט געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר אַ מינימום־פּראָגראַם, אָבער ווען ער איז רייך, זאָל ער איר געבן מער, לויט איר כבוד.

און וואָס דאַרף אַ פרוי טאָן פאַרן מאַן? — זי דאַרף מאָלן דאָס מעל, באַקן ברויט, וואַשן די וועש, קאָכן דאָס עסן, זויגן די קינדער, מאַכן די

בעטן און פירן דאָס הויז. אויב ער איז רייך און קאָן האָבן אַ דינסט — דאַרף זי שוין ניט מאָלן דאָס מעל, ניט באַקן און ניט וואַשן; אויב ער קאָן האָבן צוויי דינסטן, דאַרף זי ניט קאָכן און ניט אומגיין מיטן קינד; אויב דריי דינסטן — דאַרף זי שוין ניט מאַכן אים דאָס בעט און פירן דאָס הויז; פיר דינסטן — קאָן זי זיצן אין איר בודואַר און גאָרניט טאָן. ר׳ אליעזר זאָגט: אַפילו ווען דער מאַן קאָן איר געבן הונדערט דינסטן, מוז די פרוי עפּעס טאָן, ווייל אויב ניט, וועט זי משוגע ווערן פון ליידיק־גיין.

* * *

און אָט זיינען אייניקע פון זייערע רייד וועגן שלום־בית. ווי אַזוי מאַן און ווייב זאָלן לעבן צוזאַמען צופרידן.

ווען מאַן און ווייב לעבן צופרידן צוזאַמען, רוט די שכינה אין הויז.

ר׳ אלעזר זאָגט: עס שטייט אין פּסוק, אַז גאָט האָט געזאָגט וועגן אדמ׳ען „איך וועל אים שאַפן אַ געהילף קעגן אים״. וואָס מיינט עס? עס מיינט, אַז אויב עס גליקט־אָפּ אַ מענטש, איז זי אַ געהילף, אָבער אויב עס גליקט אים ניט, איז זי קעגן אים.

ווען מען האָט אַ שלעכט ווייב, ווערט מען גיך אַלט.

ווען רב האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ חייא׳ן, האָט ער צו אים געזאָגט: גאָט זאָל דיך אָפּהיטן פון דעם וואָס איז ערגער ווי דער טויט. וואָס איז דאָס? — אַ שלעכט ווייב.

אַ מאַן דאַרף אָפּהיטן דעם כבוד פון זיין ווייב.

מען דאַרף ליב האָבן אַ ווייב אַזוי ווי זיך און איר צוטיילן כבוד נאָך מער ווי זיך. מען דאַרף אויפציען די קינדער, אַז זיי זאָלן גיין אין אַ גלייכן וועג און צוטיילן כבוד די עלטערן. נאָר אַזאַ הויז איז אַ גליקלעך הויז.

מענטשן זאָגן: אויב דיין ווייב איז נידעריק, בויג זיך איין און רוים איר איין אין אויער (דאָס מיינט, צו באַראַטן זיך מיט איר).

רב זאָגט: מען טאָר ניט מצער זיין אַ ווייב, ווייל אַזוי ווי אַ פרוי איז לייכט אויף טרערן — איז די שטראָף פאַר דעם זייער גרויס. מען דאַרף אָבער אויך ניט צופיל פאָלגן אַ פרוי, ווייל דאָס טויג ניט.

עס פּאַסט ניט פאַר אַ מאַן, אַז ער זאָל שטענדיק נאָכקריכן זיין ווייב.

ווער עס פאָלגט כסדר זיין ווייב, פאַלט אַריין אין גיהנום.

זאָגט אבימי פון האגרוניא אין נאָמען פון רבא: אַ מאַן, וועמען ווייבער האָבן אומגעבראַכט, איז נישטאָ וועגן דעם קיין געריכט און קיין ריכטער.

די פרויען פון תלמידי־חכמים זיינען גרויס דערמיט, וואָס זיי היטן אָפּ זייערע מענער און דערמיט, וואָס זיי שלאָפן ניט גאַנצע נעכט, ווען זייערע מענער לערנען אין בית־המדרש און וואַרטן אויף זיי.

ר׳ עקיבא׳ס זון האָט חתונה געהאַט. נאָך דער חתונה האָט ער זיך אָוועקגעזעצט לערנען אויף אַ גאַנצער נאַכט. האָט ער געזאָגט צום ווייב:

האַלט אַ ליכט פאַר מיר, אַז איך זאָל זען. האָט זי גענומען אַ ליכט און האָט אָנגעצונדן און איז אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען מיטן ליכט לעבן אים, כדי ער זאָל זען צו לערנען, ביז עס איז געוואָרן טאָג. אין דער פרי איז געקומען זיין פאָטער, ר׳ עקיבא, און אים געפרעגט: וואָס פאַר אַ ווייב האָסטו? „מצא" (פון פסוק „מצא אשה מצא טוב" — ווער עס געפינט אַ פרוי, געפינט גוטס), אָדער „מוצא" (פון אַן אַנדערן פסוק: „ומוצא אני את האשה מר ממות" — איך געפין די פרוי ערגער פון טויט). האָט ער געזאָגט דעם פאָטער: איך האָב „מצא" און ניט „מוצא". זי איז אַ גוטע פרוי.

אַ מאַן טאָר ניט שטערן זיין פרוי ווען זי וויל זיך עפּעס באָרגן פאַרן שטוב־געברויך פון די שכנים. אָבער אויב זי וויל גאָרניט טאָן פאַרן מאַן אָדער אויב זי וויל ניט עפּעס טאָן פאַרן הויז, דאַרף מען איר געבן אַ גט אָן אַ כתובה (אַ „כתובה" איז אַ קאָנטראַקט וואָס אַ מאַן מאַכט מיט זיין ווייב, ווען ער האָט מיט איר חתונה, צו געבן איר אַ געוויסע סומע געלט אין פאַל פון אַ גט).

די בית־שמאי זאָגן: אַ מאַן קאָן אָפּ׳גט׳ן זיין ווייב נאָר אויב ער האָט אויסגעפונען, אַז זי האָט געזינדיקט מיט אַן אַנדערן.

די בית־הלל זאָגן: אַפילו ווען זי האָט אים פאַרברענט דאָס עסן. ר׳ עקיבא זאָגט: אַפילו ווען ער האָט געפונען אַן אַנדערע וואָס איז שענער פון איר.

ר׳ מאיר זאָגט: אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע געשמאַקן ביים עסן און טרינקען, אַזוי זיינען אויך דאָ פאַרשידענע מיינונגען ביי מענער בנוגע פרויען. פאַראַן איינער, וואָס אויב עס פאַלט אים אַריין אַ פליג אין גלאָז, וואַרפט ער אַוועק אינגאַנצן דאָס גלאָז. אַזוי איז געווען די מיינונג פון פפוס בן יהודה, וועלכער ווען ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין, האָט ער צוגעשלאָסן די טיר פון זיין ווייב, כדי קיינער זאָל ניט קאָנען אַריינגיין און זי זאָל ניט קאָנען אַרויסגיין. אַ צווייטער פירט זיך, אַז ווען עס פאַלט אַריין אַ פליג אין גלאָז, וואַרפט מען אַרויס די פליג און מען טרינקט ווייטער, אַזוי פירן זיך די מענטשן, וועלכע האָבן צוטרוי צו זייערע ווייבער, אַז זיי וועלן ניט טאָן קיין שלעכטס. אַ דריטער, ווידער, נעמט אַרויס די פליג און זויגט זי נאָך אויס. דאָס איז די מידה פון די, וואָס ווען זיי זעען ווי זייערע ווייבער פירן זיך שלעכט אויף, אַרט עס זיי ניט.

אַ שלעכט ווייב איז אַ מצוה אָפּצו׳גט׳ן.

ווען מען שיידט זיך פון אַן ערשטער ווייב, וויינט אַפילו דער מזבח (וואו מען האָט פאַרגאָסן פיל בלוט) מיט ביטערע טרערן.

זאָגט ר׳ יוחנן: ביי ווענען עס שטאַרבט די ערשטע ווייב, איז ווי דער בית־המקדש וואָלט אין זיין צייט חרוב געוואָרן.

זאָגט ר׳ אלכסנדרי: דער, ביי וועמען עס שטאַרבט די ערשטע ווייב, פאַר דעם ווערט די וועלט פינסטער.

האָט געזאָגט ר׳ שמואל דער זון פון נחמן: פאַר אַלעם איז דאָ אַן ערזאַץ, אָבער ניט פאַר אַן ערשטער ווייב.

ר׳ יהודה האָט געזאָגט צו זיין זון יצחק: אַ מאַן געפינט ניט קיין צופרידנקייט נאָר ביי זיין ערשטער ווייב.

מיר האָבן געלערנט: אַ מאַן שטאַרבט נאָר פאַר זיין ווייב און אַ ווייב — נאָר פאַר איר מאַן.

ווער עס האָפט, אַז זיין ווייב זאָל שטאַרבן און ער זאָל זי ירש׳ענען, איז דער סוף, אַז זי באַגראָבט אים.

מען האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב׳ן: איינע פון די ערגסטע קללות פון דער תורה איז אַ צווייטע פרוי צו קינדער, אַ שטיף־מאַמע.

אונזערע חכמים זיינען אין יענע אַלטע צייטן געווען אויך גרויסע פסיכאָלאָגן און האָבן זייער גוט געוואוסט דעם כאַראַקטער פון קינדער און ווי אַזוי אָנצוגיין מיט זיי. אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.18

# די עטיק פון קינדער־דערציאונג

**די פליכט פון אַ מענטש צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט. — ווי אַזוי צו דערציען קינדער, אַז זיי זאָלן זיין געראָטן. — דאַרף מען שלאָגן אַ קינד וואָס פאָלגט ניט? — וואָס דאַרף מען בכלל טאָן מיט שלעכטע קינדער? — וואָס מיינט „אָפּגעבן כבוד די עלטערן"? — ווי ווייט גייט כבוד־אָב? — ווען די מאַמע וויל אַ גלאָז וואַסער און דער טאַטע וויל אויך דאָס זעלבע, ווער קומט פריער?**

אין דער הינזיכט פון קינדער־דערציאונג און פון רעספּעקט פאַר עלטערן, האָבן די חכמים פון תלמוד געהאַט אַ גאַנצע רייע פון כללים, פּעדאַגאָגישע און פּסיכאָלאָגישע, וועלכע האָבן געדינט אונזערע עלטער־עלטערן און אויך אונזערע עלטערן ביז צו אונזערע דורות, און וועלכע זיינען אויך גוט אַפילו פאַר אונזערע צייטן.

מיר ווילן דאָ ברענגען איניקע פון זיי.

צום ערשטן — אַ רייע פון דערקלערונגען, אַז אַ מענטש דאַרף זיך ניט אָפּזאָגן פון געבוירן קינדער.

ישעיה הנביא האָט געזאָגט צום קעניג חזקיהו, אַז ער איז אַזוי ווי טויט אויף דער וועלט און וועט אויך ניט לעבן אויף יענער וועלט. האָט חזקיהו אים געפרעגט: „פאַרוואָס?" האָט ישעיה הנביא אים געענטפערט: „ווייל דו האָסט ניט געהאַט קיין קינדער". האָט חזקיהו צו אים געזאָגט: „איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועל איך ניט האָבן קיין גוטע קינדער". האָט ישעיה הנביא אים געענטפערט: „פאַרוואָס מישסטו זיך אין גאָט'ס געשעפטן? דו האָסט געדאַרפט האָבן קינדער און גאָט וואָלט געטאָן דאָס זייניקע".

די וועלט איז געשאַפן געוואָרן אויף פאָרטפלאַנצונג, און ווער עס טוט עס ניט, צעשטערט דעם סדר פון דער וועלט.

אין אַ הויז וואו עס זיינען דאָ קינדער רוט די שכינה.

אויב מען איז פאַרהייראַט צו אַ פרוי צען יאָר און זי האָט ניט קיין קינדער, דאַרף מען איר געבן אַ גט און חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער.

ר' יהושע זאָגט: אויב איינער האָט חתונה געהאַט אין דער יוגנט און ניט געהאַט קיין קינדער, זאָל ער פּרובירן חתונה האָבן אין די שפּעטערע יאָרן. אויב איינער האָט געהאַט קינדער אין דער יוגנט, וועט ער אויך האָבן קינדער שפּעטער.

ווען מען האָט צום ערשטן אַ טאָכטער, איז עס גוט פאַר די קומענדיקע קינדער (ווייל דאָס מיידעלע וועט זיך אָפּגעבן מיט די איבעריקע קינדער).

עס שטייט אין ספר בן־סירא: אַ טאָכטער פאַר אַ פאָטער איז אַ שטענ־דיקע זאָרג: איז זי נאָך ניט רייף, האָט ער מורא טאָמער וועט זי עמעצער פאַרגוואַלדיקן; ווערט זי עלטער — האָט ער מורא טאָמער וועט זי עס אַליין וועלן; וואַקסט זי אויס אַ רייפע פרוי, האָט ער זאָרג, אַז זי וועט ניט חתונה האָבן; האָט זי חתונה, זאָרגט ער זיך טאָמער וועט זי ניט האָבן קיין קינדער.

די וועלט קאָן ניט עקזיסטירן אָן קיין מענער און אָן פרויען. נאָר וואויל איז דעם וואָס האָט אינגלעך און ווי איז צו דעם וואָס האָט מיידלעך.

אין דער צייט ווען אַ פרוי שוואַנגערט, אויב זי עסט פלייש און טרינקט וויין, האָט זי געזונטע קינדער; אויב זי עסט אייער, האָט זי קינדער מיט גרויסע אויגן; אויב פיש — האָט זי באַ׳חנ׳טע קינדער; גרינצייג — האָט זי איידעלע קינדער און אויב פעטע פליישן — האָט זי לייביקע קינדער.

אַ פרוי דאַרף זויגן אירע קינדער. אויב זי וויל ניט, זאָגן די בית־שמאי, אַז זי דאַרף עס ניט טאָן. די בית־הלל אָבער זאָגן: מען קאָן זי צווינגען צו זויגן איר קינד. אויב דער מאַן האָט איר געגעבן אַ גט, דאַרף זי שוין מער זיין קינד ניט זויגן. אָבער אויב דאָס קינד דערקענט זי און ציט צו איר ברוסט, קאָן מען זי צווינגען עס אָנצוזויגן.

דער וואָס ציט־אויף אַ קינד, דער איז דער טאַטע און ניט דער וואָס האָט אים געבוירן און ניט אויפגעצויגן.

יעדער איינער מוז דערנערן זיינע קינדער ווען זיי זיינען קליין. דאָס איז אַ געזעץ וואָס מען האָט אָנגענומען אין אושא.

אייניקלעך זיינען אַזוי ווי קינדער. ר׳ יהודה בר אלעאי זאָגט: טעכטער פון זין זיינען ווי קינדער, אָבער זין פון טעכטער זיינען ניט ווי קינדער.

* * *

איצט לאָמיר איבערגיין צו קינדער־דערציאונג און הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן וועגן דעם:

קינדער דאַרף מען דערציען. דאָס רוב קינדער פירן זיך ווילד אויף.

אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין די טעג פון מעשי־בראשית דאַרף האָבן אַ פאַרפאָלקאָמונג, אַפילו דער מענטש.

עס שטייט געשריבן: „חנוך לנער על פי דרכו" (דערצי דאָס אינגל לויט זיין וועג) — האָבן וועגן דעם אַזוי געזאָגט ר׳ אליעזר און ר׳ יהושע. ר׳ אליעזר זאָגט: אויב דו האָסט דאָס אינגל דערצויגן אויף תורה, וועט ער לערנען ווייטער. ר׳ יהושע זאָגט: אַזוי ווי אַ קו וואָס מען האָט זי ניט געלערנט צו אַקערן אין פעלד, קאָן עס שפּעטער ניט טאָן, און אַזוי ווי אַ צווייג פון אַ בוים וואָס ווען ער איז נאָך יונג, קאָן מען אים בויגן, אַזוי איז אויך מיט אַ קינד.

אַ פֿאָטער דאַרף זיך אָפּגעבן מיט זיין זון ביז ער ווערט אַלט דרייצן יאָר. דערנאָך דאַרף ער זאָגן: אַ דאַנק גאָט וואָס איך בין שוין פּטור געוואָרן פון צו ליידן פאַר זיינע זינד (דאָס זאָגט אַ פאָטער צו דער בר־מצוה פון זיין זון).

ווען הייסט „יוגנט"? — ר' יהודה און ר' נחמיה. איינער זאָגט, פון 16 ביז 22; דער צווייטער זאָגט, פון 18 ביז 24.

ווען אַ קינד הויבט־אָן צו רעדן, דאַרף דער פאָטער מיט אים רעדן אויף לשון קודש און אָנהויבן אים צו לערנען תורה. אויב ער טוט עס ניט, איז עס אַזוי ווי ער וואָלט אים באַגראָבן (ווייל ער וועט אויסוואַקסן אומ־וויסנד אין לעבן).

ווען מען לערנט ניט מיט אַ קינד ווען ער ווערט אַלט 6 יאָר, וועט מען עס ניט מער דעריאָגן (אין לערנען).

די חכמים האָבן געלערנט: אַ פאָטער דאַרף מל זיין זיין זון; אויב ער איז אַ בכור, דאַרף ער מאַכן אַ פּדיון הבן. ווען ער ווערט עלטער, דאַרף ער לערנען מיט אים אָדער אים שיקן אין אַ שול. שפּעטער דאַרף ער אים לערנען אַ פאַך און נאָך שפּעטער — חתונה מאַכן. אַנדערע זאָגן, אַז אַ פאָטער דאַרף אויך לערנען זיין קינד שווימען.

בן־עזאי זאָגט: אַ פאָטער דאַרף לערנען תורה מיט זיין טאָכטער.

ר' אליעזר זאָגט: ווער עס לערנט מיט זיין טאָכטער תורה, איז אַזוי ווי ער וואָלט איר גאָרניט געלערנט (ווייל זי וועט עס סיווי ניט וויסן).

ר' אבוהו האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן: אַ פאָטער מעג לערנען מיט זיין טאָכטער גריכיש, ווייל עס איז פאַר איר אַ צירונג.

ר' עקיבא זאָגט: אַ זון ירש'נ'ט פון זיין פאָטער — זיין שיינקייט, זיין כוח און זיין חכמה.

אַ זון פון אַ חכם איז אַ האַלבער חכם.

אַזוי ווי די מאַמע אַזוי איז די טאָכטער.

וואָס אַ קינד רעדט אין גאַס, האָבן זיינע טאַטע־מאַמע גערעדט אין דער היים.

* * *

וואָס טוט מען מיט אַ שלעכט קינד? אַ קינד וואָס פאָלגט ניט און פירט זיך ניט גוט אויף?

אין דער תורה איז דאָ אַ געזעץ וועגן אַ „בן סורר ומורה" (אַ זון וואָס רעדט אַנטקעגן און טוט ווידערשפּעניקן), אָבער ווען איז אַ קינד אַ „סורר ומורה"? און ווי אַזוי דאַרף מען זיך אויפפירן מיט אַ שלעכט קינד?

מיר וועלן ברענגען דאָ אַ טייל פון זייערע מיינונגען וועגן דעם:

קודם־כל ווי אַזוי צו דערציען די קינדער, אַז זיי זאָלן ניט ווערן שלעכט.

ר' חסדא זאָגט: אַ מענטש טאָר ניט אָנוואַרפן אַ מורא אויף זיין הויז־געזינד, ווייל עס קומט דערפון קיין גוטס ניט אַרויס.

אַ פאָטער דאַרף ניט אָנשרעקן זיין זון, אַז ער וועט אים שפּעטער שלאָגן

(און אים איבערלאָזן אין שרעק), נאָר אויב ער וויל אים באַשטראָפן, זאָל ער עס באַלד טאָן. אויב ניט, זאָל ער בעסער עס פאַרשווייגן.

(דער תלמוד ברענגט דאָ צוויי מעשיות פון קינדער, וועלכע האָבן עפּעס געטאָן אַ שאָדן און דער פאָטער האָט זיי געסטראַשעט, אַז ער וועט זיי דערפאַר שפּעטער באַשטראָפן, האָבן זיי זיך פון שרעק דערטרונקען אין אַ ברונעם.)

ר׳ שמעון בן אלעזר זאָגט: דעם יצר־הרע (געוויסע גלוסטונגען), אַ קינד און אַ פרוי, דאַרף מען אָפּשטויסן מיט דער לינקער האַנט, אָבער דערנענטערן מיט דער רעכטער האַנט.

ר׳ יצחק זאָגט: אין אושא האָט מען אָנגענומען אַ תקנה, אַז אַ פאָטער זאָל האָבן געדולד מיט אַ זון (אויב ער פירט זיך אויף שלעכט) ביז ער ווערט אַלט 12 יאָר. דערנאָך זאָל ער אָננעמען שטרענגע מיטלען.

עס שטייט אין פסוק: פאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט געבן קיין שטרויכלונג, דאָס מיינט מען דעם וועלכער שלאָגט אַ דערוואַקסענעם זון.

מען טאָר זיך ניט אויפפירן מיט איין קינד אַנדערש ווי מיט די אַנדערע, סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן.

ווען איינער שרייבט אָפּ זיין פאַרמעגן פאַר אַנדערע און לאָזט גאָרניט פאַר זיינע קינדער, איז עס טאַקע פאַרפאַלן, אָבער ער האָט ניט גוט געטאָן. ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט: אויב די קינדער האָבן זיך ניט אָרנטלעך אויפ־געפירט, איז עס עפּעס אַנדערש.

שמואל האָט געזאָגט צו ר׳ יהודה׳ן: שאַרפער קאָפּ, דו זאָלסט ניט האַלטן פון די, וואָס נעמען־צו די ירושה ביי זייערע קינדער. אַפילו ווען זיי גיבן גאָרניט צו אַ שלעכט קינד און אַלץ צו אַ גוטן, טויג אויך ניט, ווייל קיינער ווייסט ניט וואָס עס וועט געשען. פון אַ שלעכט קינד קאָן אויך אַרויסקומען גוטע אייניקלעך. ווער שמועסט נאָך: אַוועקגעבן די ירושה פון אַ זון צו אַ טאָכטער, דאָס טאָר מען אַוודאי ניט.

איינער האָט געהערט ווי זיין פרוי זאָגט צו איר טאָכטער: צען קינדער האָב איך, אָבער פון דיין טאָטן נאָר איינעם. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען געפונען אין זיין צוואה, אַז עס שטייט פאַרשריבן: מיין גאַנץ פאַרמעגן זאָל געהערן נאָר איין זון. האָבן זיי ניט געוואוסט וועלכן ער האָט געמיינט. זיינען די יורשים געקומען צו ר׳ בנאה׳ן, האָט ער זיי געזאָגט: גייט און קלאַפּט כסדר אויפן קבר פון אייער פאָטער, אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אויפ־שטיין און זאָגן וועמען ער האָט געמיינט. זיינען אַלע טאַקע געגאַנגען, אַ חוץ איינער, דער וואָס איזווירקלעך געווען זיין זון. האָט ר׳ בנאה געזאָגט: אָט דעם האָט דער פאָטער געמיינט.

* * *

זייער הויך איז ביי די חכמים פון תלמוד געשטאַנען דער ענין פון צוטיילן כבוד צו עלטערן. זיי האָבן רעספּעקט צו עלטערן פאַרגליכן כמעט ווי רעספּעקט צו גאָט און דעריבער אַרויסגעשטעלט גרויסע פאָדערונגען.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע פון זייערע ווערטער, כדי צו זען ווי אַזוי זיי האָבן געזען דעם ענין פון רעספּעקט צו עלטערן.

זאָגט עולא: פאַרוואָס שטייט דער געבאָט צו רעספּעקטירן די עלטערן פאַרן געבאָט „דו זאָלסט ניט מאָרדן!" כדי צו ווייזן דערויף, אַז אויב איינער קאָן אויסהאַלטן זיינע עלטערן און טוט עס ניט, איז עס גלייך ווי ער וואָלט זיי דערמאָרדעט.

דריי שותפים האָט אַ מענטש: גאָט, זיין פאָטער און זיין מוטער. אויב איינער רעספּעקטירט זיינע עלטערן, איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט רעספּעקטירט גאָט.

וואָס הייסט מורא האָבן פאַר עלטערן? און וואָס הייסט רעספּעקטירן די עלטערן? — מורא האָבן פאַר די עלטערן מיינט, ניט צו פאַרנעמען דעם פאָטערס פּלאַץ, ניט צו זיצן אין זיין שטול, ניט אַריינפאַלן אים אין די רייד און ניט איבערצושפּאַרן אים. רעספּעקטירן מיינט, צו זען, אַז זיי זאָלן האָבן עסן און טרינקען, אַ מלבוש און אַ היים, אַז זיי זאָלן קאָנען ערגעץ־וואו גיין און קומען צוריק צו זייער אייגענער היים.

ווען איינער זעט, אַז זיין פאָטער איז עובר אויף אַ געבאָט פון דער תורה, טאָר ער אים ניט זאָגן: „טאַטע, דו טוסט אַן עבירה", נאָר ער דאַרף אים זאָגן: „טאַטע, אין דער תורה שטייט אַ פּסוק וואָס לייענט זיך אַזוי און אַזוי".

מען האָט געפרעגט עולא'ן: ווי ווייט גרייכט דער געבאָט פון רעס־פּעקטירן די עלטערן? האָט ער צו זיי געזאָגט: קומט, וועל איך אייך ווייזן וואָס עס האָט געטאָן אַ גוי אין אשקלון. איינמאָל זיינען די חכמים געפאָרן צו אַ גוי וועגן אַ טייערן שטיין פאַרן „אפוד" פון כהן גדול און האָבן געוואָלט באַ־צאָלן דערפאַר 60 טויזנט שקלים. אָבער דער גוי איז געשלאָפן און געהאַט די שליסלען פון דער קאַסע צוקאָפּנס. האָט דער זון אים ניט געוואָלט אויפוועקן און בעסער געלאָזט זיי אַוועקגיין מיט גאָרניט. שפּעטער זיינען די חכמים ווידער געקומען צום זון, האָט ער צו זיי געזאָגט: איך ווייס, אַז איר וועט מיר געבן אַזוי פיל געלט וויפיל נאָר איך וועל וועלן, אָבער איך וויל ניט מער ווי די סומע וואָס איך האָב שאָדן געהאַט צוליבן כבוד פון מיין פאָטער.

ר' דימי האָט דערציילט: איינמאָל איז ער געזעסן צווישן די גרויסע לייט פון רוים און איז געווען אָנגעטאָן אַזאַ מלבוש וואָס איז געווען געוועבט מיט פעדים פון גאָלד. מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען זיין מוטער און האָט עס פון אים אַראָפּגעריסן, אים געפּאַטשט און אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין, אָבער ער האָט איר גאָרניט געזאָגט.

מען האָט געפרעגט ר' אליעזר'ן, ווי ווייט איז דער שיעור פון „כיבוד אב ואם"? האָט ער זיי געענטפערט: אַז דער פאָטער אָדער די מוטער זאָלן נעמען דיינעם אַ בייטל מיט געלט און עס וואַרפן אין ים אַריין און דאָך זיי גאָרניט זאָגן דערפאַר.

ר׳ ישמעאל׳ס מאַמע איז געקומען און זיך געקלאָגט פאַר די חכמים, אַז איר זון איז איר ניט נוהג כבוד? האָבן זיך די חכמים געוואונדערט, ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַז ר׳ ישמעאל זאָל אַזוינס טאָן און איר געפרעגט אויף וואָס זי האָט זיך צו באַקלאָגן, האָט זי געזאָגט, אַז ווען ער קומט פון בית־המדרש לאָזט ער איר ניט וואַשן זיינע פיס און טרינקען דאָס וואַסער. האָבן די חכמים געזאָגט, אויב זי וויל דאָס, איז דאָס כיבוד אם.

ווען אַ פאָטער וויל אַ גלאָז וואַסער און די מוטער וויל עס אויך, ווער איז פריער? — דער פאָטער, ווייל אויך די מוטער איז מחויב אין כבוד פון פאָטער.

מען האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב חסדא: ווען אַ פאָטער וויל מוחל זיין אויף זיין כבוד, קאָן ער עס טאָן.

אָט אַזוי ווייט זיינען די רייד פון די חכמים וועגן צוטיילן כבוד די עלטערן. ווי מיר זעען, האָבן זיי געפאָדערט אין דער הינזיכט זייער פיל. אונזערע חכמים האָבן אָבער אויך געפאָדערט אַ סך בנוגע דעם כבוד פון אַנדערע מענטשן און איבערהויפּט פון אַ פריינט, אָבער וועגן דעם — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.19

# די עטיק פון פריינטשאַפט

**די חכמים פון תלמוד האָבן אַוועקגעשטעלט הויך דעם באַגריף פון פריינטשאַפט. — די באַציאונג צו שכנים. — אַ טייל פון די חכמים פלעגן באַגריסן יעדן איינעם פריער איידער יענער האָט זיי באַגריסט. — אַנדערע פלעגן זיך אויפשטעלן פאַר אַלטע, און אַפילו פאַר ניט־אידן. — מען מעג זאָגן אַנדערש ווי עס איז, אויב עס איז צוליב שלום וועגן.**

דער ענין פריינטשאַפט איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה אין די אויגן פון די בעלי־התלמוד, און זיי האָבן וועגן דעם אַ סך גערעדט. ערלעכ־קייט, איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צו אַ פריינט זיינען געווען פון די ערשטע געבאָטן אין די באַציאונגען פון אַ מענטש צו זיינע מיט־מענטשן.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַ גאַנצע רייע פון זייערע מיינונגען וועגן דעם ענין:

ר׳ אליעזר זאָגט: דער כבוד פון דיין פריינט זאָל זיין ביי דיר אַזוי טייער ווי דיין אייגענער.

עס שטייט אין דער תורה: „ואהבת לרעך כמוך" (דו זאָלסט ליב האָבן דיין פריינט אַזוי ווי זיך). זאָגט ר׳ עקיבא: דאָס איז דער גרעסטער כלל פון דער תורה. בן־עזאי זאָגט: דער פסוק, זה ספר תולדות אדם... בדמות אלקים עשה לו (דאָס איז דאָס בוך פון שאַפונג פון מענטש... אין געשטאַלט פון גאָט האָט ער אים געשאַפן) — דאָס איז דער גרעסטער כלל. דו זאָלסט ניט זאָגן: אַזוי ווי מען האָט מיך באַליידיקט, וועל איך אויך מיין חבר באַליידיקן; אויב איך בין דורכגעפאַלן, זאָל מיין פריינט אויך דורכפאַלן. זאָגט ר׳ תנחומא: אויב דו טוסט דאָס, זאָלסטו וויסן וועמען דו באַליידיקסט, ווייל אין געשטאַלט פון גאָט האָט מען געשאַפן דעם מענטש.

ר׳ יוחנן פלעגט אויפשטיין פאַר אַלטע גויים און פלעגט זאָגן: וויפיל דורות האָבן אָט די מענטשן געזען אין זייער לעבן. רבא פלעגט ניט אויפ־שטיין, אָבער ער האָט זיי צוגעטיילט כבוד.

בן עזאי האָט געזאָגט: זאָלסט ניט פאַרשעמען קיין שום מענטש און זאָלסט ניט זאָגן וועגן קיין שום זאַך, אַז מען דאַרף עס ניט; ווייל עס איז ניטאָ קיין מענטש, וואָס מען זאָל אַמאָל ניט דאַרפן עפּעס פון אים, און עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס עס זאָל ניט האָבן קיין אָרט.

אונזערע חכמים האָבן געלערנט: אַ מענטש זאָל זיין ווייך ווי אַ רויר ביים וואַסער און ניט אַזוי האַרט ווי אַ נוס.

עס האָבן געפרעגט די תלמידים זייער רבי ר׳ נחוניה בן הקנה: וואָס איז די סיבה פון אייער לאַנג לעבן? האָט ער זיי געענטפערט: איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט אַ צופרידנקייט דערפון, וואָס מען האָט באַליידיקט מיין חבר, און אויך קיינמאָל ניט געבראַכט דערצו, אַז מיינער אַ פריינט זאָל מיך שעלטן. איך בין אויך געווען ניט קאַרג מיט געלט בנוגע אַ פריינט.

ווער עס פאַרשעמט אַ פריינט, וועט סוף כל סוף אַליין פאַרשעמט ווערן.

דו זאָלסט קיינעם ניט פאַרשעמען, וועט מען דיך אויך ניט פאַרשעמען (אַן אַראַמעאיש ווערטל).

אַז מען שפייט אין דער הויך, פאַלט עס צוריק אויפן פנים (אַן אַנדער אַראַמעאיש ווערטל).

ריש לקיש זאָגט: ווער עס הויבט אויף אַ האַנט אויף אַ פריינט, אַפילו ווען ער שלאָגט אים ניט, ווערט ער שוין אָנגערופן רשע.

אָדער אַ חבר אָדער דער טויט (אַ ווערטל אין בבל אַמאָל).

אָדער אַזוינע פריינט ווי עס זיינען געווען די פריינט פון איוב׳ן, אָדער דער טויט.

וואָס איז דער בעסטער וועג פאַר אַ מענטש אין לעבן? — ר׳ יהושע זאָגט: צו געפינען אַ גוטן פריינט. ר׳ יוסי זאָגט: אַ גוטן שכן. און וואָס איז אַ שלעכטע זאַך פון וואָס אַ מענטש זאָל זיך דערווייטערן, ר׳ יהושע זאָגט: אַ שלעכטער פריינט. ר׳ יוסי זאָגט: אַ שלעכטער שכן.

* * *

די חכמים האָבן געזאָגט: דערווייטער זיך פון מיאוסקייט און פון זאַכן וואָס זיינען ענלעך דערצו און אַפילו פון זאַכן וואָס זיינען ענלעך צו דעם וואָס איז ענלעך.

אביי האָט געזאָגט: ווען עס איז שלעכט דעם רשע, איז אויך שלעכט זיין שכן; אויב עס איז גוט דעם צדיק, איז אויך גוט דעם שכן.

אַ מענטש דאַרף וויסן נעבן וועמען ער זעצט זיך; נעבן וועמען ער שטייט; מיט וועמען ער גייט עסן; צו וועמען ער רעדט און איבערהויפט וועמען ער שרייבט אונטער אַ וועקסל.

מיר האָבן געלערנט: אַ מענטש זאָל ניט אַריינברענגען צופיל פריינט אין זיין הויז, ווייל עס וועט זיך ניט צו גוט אויסלאָזן.

די, וואָס באַהעפטן זיך מיט די יעניקע, וואָס פירן זיך שלעכט אויף, ווערן צום סוף, אַפילו ווען זיי טוען ניט אַזוי ווי יענע, ליידן פונקט אַזוי ווי יענע.

ווען מען רייסט אויס די דערנער, רייסט מען מיט אויך דאָס קרויט (אַן אַראַמעאיש ווערטל).

יעדער איינער — צו דאָס זייניקע. גוטס ציט צו גוטס און שלעכטס צו שלעכטס.

* * *

ווי אַזוי זאָל זיך דער מענטש פירן צווישן מענטשן? ווי אַזוי זאָל ער האַנדלען, אַז אַלע זאָלן קאָנען זאָגן וועגן אים, אַז ער איז אַן איידעלער מענטש?

דערויף האָבן די חכמים אונז געגעבן אַ גאַנצע רייע פון פאָרשריפטן:

ר׳ מתיא בן חרש זאָגט: דו זאָלסט באַגריסן יעדן איינעם וואָס דו טרעפסט, ווען דו גייסט אַרויס פון דיין הויז.

מען האָט דערציילט וועגן ר׳ יוחנן בן זכאי, אַז עס האָט אים קיינמאָל קיינער ניט פריער באַגריסט, ווייל ער האָט אַלע מאָל באַגריסט פריער יעדן איינעם, אַפילו אַ גוי אויפן מאַרק.

אַ מענטש זאָל ניט אַריינגיין פלוצלונג אין הויז פון זיין פריינט.

מען טאָר אויך ניט אַריינגיין אַפילו אין אַן אייגן הויז, פלוצלונג, ווייל די אייגענע קאָנען זיך דערשרעקן.

רב האָט געזאָגט: דו זאָלסט ניט אַריינפאָרן אין אַ שטאָט פלוצלונג און ניט אַריינגיין אין קיין הויז אומדערוואַרטעט.

שמאי זאָגט: דו זאָלסט אויפנעמען יעדן איינעם מיט אַ שמייכל אויפן פנים.

דריי זאַכן מאַכן באַליבט ביי מענטשן: אַ ברייטע האַנט; אַ טיש וואָס איז שטענדיק געגרייט פאַר אַן אַנדערן און אַ לייכט געמיט.

אַ מענטש זאָל ניט ריידן צופיל פון די מעלות פון זיין פריינט, ווייל פון די מעלות קאָן ער קומען צו רעדן וועגן זיינע חסרונות.

ווען עמעצער טוט גוטס, גיי ניט אַרום און דערצייל עס פאַר אַלע, ווייל דאָס וועט מאַכן, אַז אַנדערע זאָלן קומען צו אים פאַר טובות און עס וועט זיך אויסלאָזן פאַר אים שלעכט.

ר׳ ירמיה בן אלעזר זאָגט: אַביסל לויב פון אַ מענטש קאָן מען זאָגן אין זיין קעגנוואַרט. אָבער אַלצדינג — ערשט דעמאָלט ווען ער איז ניטאָ דערביי.

ר׳ אבוהו זאָגט: ווען דו דערציילסט אַ גוטע זאַך וועגן אַ פריינט, זאָג פון וועמען דו האָסט עס געהערט. אויב אַ שלעכטע זאַך — זאָג סתם, אַז מענטשן האָבן אַזוי געזאָגט.

ר׳ שמעון בן אלעזר זאָגט: דו זאָלסט זיך ניט באַמיען איבערצובעטן אַ פריינט, ווען ער איז אין כעס (ווייל דאָס וועט מאַכן, אַז ער זאָל ווערן נאָך בייזער); זאָלסט ניט טרייסטן אַ פריינט, ווען דער טויטער ליגט נאָך אין הויז, און זאָלסט זיך ניט באַמיען צו זען עמעצן, ווען ער טוט אָפּ עפּעס אַ נאַרישקייט (כדי ער זאָל זיך ניט פאַרשעמען).

זיי ניט קיין שלעכטער, ווען דו קאָנסט זיין אַ גוטער.

ווען עמעצער קאָן האָבן אַ הנאה פון אַ זאַך, וואָס באַלאַנגט צו אַן אַנדערן און יענער וועט דערביי גאָרניט פאַרלירן, אויב ער טוט עס ניט, פירט ער זיך אַזוי ווי אין סדום און מען קאָן אים צווינגען, אַז ער זאָל אַזוי ניט האַנדלען.

ווען אַ מענטש עפנט די טיר און דו נעמסט אים אויף אַלס דיין גאַסט, ביזטו מחויב אָפּצוהיטן זיין כבוד נאָך מער ווי דעם כבוד פון טאַטע־מאַמע.

אין אַ ברונעם, פון וואַנען דו האָסט אַמאָל געטרונקען וואַסער, זאָלסטו קיין שטיינער ניט אַריינוואַרפן. אויב עמעצער האָט דיר אַמאָל געטאָן אַ טובה, דאַרפסט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

עס שטייט אין פסוק: „ווער עס באַצאָלט מיט שלעכטס פאַר גוטס, זאָל קיין שלעכטס קיינמאָל ניט פאַרלאָזן זיין הויז". זאָגט ר' שמעון בן אבא: ניט נאָר ווען איינער באַצאָלט מיט שלעכטס פאַר גוטס, נאָר אויך ווען איינער טוט עמעצן שלעכטס פאַר שלעכטס.

עס שטייט אין חומש: די מלאכים האָבן געזאָגט צו אברהם'ן: וואו איז דיין פרוי שרה? דאָס וויזט, אַז מען דאַרף שטענדיק פרעגן דעם בעל הבית וועגן דער בעל־הבית'טע.

מען האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב'ן: ווער עס גיט איינעם אַ מתנה דאַרף ער אים לאָזן וויסן, אַז ער שיקט אים אַ מתנה.

ר' שמעון דער זון פון ר' גמליאל זאָגט: אויב מען גיט אַ קינד אַ שטיקל ברויט, דאַרף מען זאָגן עס זיין מוטער.

ווער עס דערצאָרנט זיינעם אַ פריינט, מוז אים איבערבעטן.

די זינד, וואָס זיינען צווישן אַ מענטש און גאָט, איז גאָט מוחל דעם מענטש; אָבער די זינד, וואָס עס זיינען צווישן מענטש און מענטש, איז גאָט ניט מוחל, ביז דער שולדיקער בעט יענעם איבער.

ווער עס בעט צו גאָט פאַר זיין פריינט און ער אַליין דאַרף האָבן די זעלבע הילף, דעם העלפט גאָט פריער.

* * *

און איצט אַ ריי פון ווערטלעך וועגן אָפּנאַרן אַ פריינט, וועגן אָפּטאָן עפּעס הינטן אַרום קעגן אַ נאָענטן מענטש. אָט זיינען אייניקע:

זיבן סאָרטן פון גנבים זיינען דאָ: דער ערשטער סאָרט איז דער, וואָס גנב'עט יענעמס מיינונג (אָפּנאַרן עמעצן).

שמואל זאָגט: מען טאָר קיינעם ניט נאַרן, אַפילו אַ פרעמדן.

אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו נאַרן מענטשן אין האַנדל, אַזוי קאָן מען אויך אָפּנאַרן מענטשן מיט אַנדערע זאַכן. מען טאָר אַפילו ניט מאַכן זיך קויפן עפּעס, ווען מען מיינט עס ניט.

מען טאָר ניט זאָגן אַ בעל־תשובה: דערמאָן דיך וואָס דו האָסט אַמאָל געטאָן.

מען טאָר ניט זאָגן צו אַ גר, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ גוי.

ווען עמעצער ליידט יסורים, טאָר מען ניט זאָגן צו אים, אַז עס איז צוליב זיינע זינד.

עס איז ערגער ווען מען נאַרט עמעצן מיט רייד, ווי ווען מען נאַרט אָפּ מיט געלט.

מיר האָבן געלערנט: ר׳ מאיר זאָגט: אַ מענטש זאָל ניט איינלאַדן עמעצן צו אַ מאָלצייט, ווען ער מיינט עס ניט; און זאָל ניט געבן קיין מתנות ווען מען ווייסט, אַז יענער וועט דאָס ניט נעמען, ווייל עס הייסט אָפּנאַרן יענעם מיט ווערטער.

רב חסדא האָט געזאָגט: אַלע טויערן ווערן פאַרשלאָסן יום כפור צו נעילה. אָבער דאָס טויער, וואו עס קומט אָן די תפילות וועגן אָפּנאַרעריי, בלייבט אָפן.

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: אַלע זינד באַצאָלט גאָט דורך אַ שליח, אָבער פאַר אָפּנאַרעריי באַצאָלט ער אַליין.

ר׳ אבהו זאָגט: דריי תפילות קומען שטענדיק אָן אין הימל: ווען איינער רופט צו גאָט, ווייל עמיצער האָט אים אָפּגענאַרט; ווען איינער בעט, ווייל מען האָט אים באַ׳גזל׳ט, און ווען איינער בעט צו גאָט, ווייל מען צווינגט אים צו דינען די עבודה זרה.

אָבער כאָטש אָפּנאַרן טאָר מען ניט, מעג מען זאָגן אַביסל אַנדערש ווי עס איז, אויב דאָס איז צוליבן שלום — אַזוי זאָגן די חכמים פון תלמוד.

צוליב שלום האָט גאָט אַליין געענדערט די רייד פון שרה׳ן. זי האָט געזאָגט צו די מלאכים, אַז אברהם איז שוין צו אַלט צו האָבן אַ זון, אָבער ווען גאָט האָט גערעדט מיט אברהם׳ן, האָט ער צו אים געזאָגט, אַז זי האָט געזאָגט אַז זי איז שוין צו אַלט צו האָבן אַ זון, כדי אברהם׳ן ניט ווי צו טאָן.

ר׳ אלעאי האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזר, דער זון פון ר׳ שמעון: אַ מענטש קאָן זאָגן אַמאָל אַנדערש ווי עס איז, צוליב שלום.

הלל האָט געזאָגט: זיי פון די קינדער פון אהרן: האָב ליב, אַז עס זאָל זיין שלום צווישן מענטשן און באַמי דיך צו ברענגען מענטשן צו לעבן בשלום. דו זאָלסט בכלל ליב האָבן מענטשן און דו זאָלסט זיי דערנענטערן צו לערנען.

כאָטש די „בית הלל" האָבן געפירט מחלוקת׳ן מיט די „בית שמאי", האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן פריינטלעך איינער צום אַנדערן, און עס האָט צווישן זיי געהערשט אַן אמת׳ע פריינטשאַפט. לויטן פסוק „און זיי האָבן ליב געהאַט דעם אמת און דעם שלום".

דאָס איז נאָר אַ טייל פון זייערע ווערטער וועגן פריינטשאַפט. אַ באַזונדערער ענין איז די לערע פון עטיק, וועגן גוטע און שלעכטע זיטן — אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.20

# די עטיק וועגן גוטע און שלעכטע זיטן פון מענטשן

**פון וועלכע אייגנשאַפטן זאָל זיך דער מענטש דער־ווייטערן. — דער שאָדן, וואָס אייפּערזוכט, חוצפּה, חניפה, כעס און פאַרשייטקייט טוען צו אַ מענטש. — די מידה פון באַמיען זיך, אַז מענטשן זאָלן לעבן בשלום. — ווער איז אַ פאַלשער מענטש און ווי אַזוי צו היטן זיך פון אַזעלכע מענטשן.**

פון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג איז די מאָראַל און זיטן־לערע, וואָס די חכמים, די שעפּער פון תלמוד, האָבן איבערגעלאָזן אַלס ירושה פאַר די קומענדיקע דורות. פון זיי זעט מען ערשט וואָס פאַר אַ גרויסע עטישע פערזענלעכקייטן זיי זיינען געווען און אַז זיי האָבן געשטרעבט דערצו, אַז אַלע מענטשן זאָלן האָבן פיינע מידות, גוטע זיטן און זאָלן שטיין אויף אַ מאָראַלישער הויך. מיר מיינען דאָ אַזעלכע אייגנשאַפטן ווי צו זאָגן דעם אמת און אויסמיידן צו זאָגן ליגנס; די שלעכטע אייגנשאַפט פון חנפה׳נען עמיצן, אָדער רעדן לשון הרע און שלעכטס אויף מענטשן; די שלעכטע מידות פון אייפּערזוכט, גרויס־האַלטונג, פאַלשקייט, לייכטזיניקייט און נאָך ענלעכע אַזעלכע.

מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע ווערטער וועגן יעדער איינער פון די אייגנשאַפטן, כדי צו זען, ווי אַזוי אונזערע חכמים האָבן געקוקט דערויף:

## וועגן שלום

מיר האָבן געלערנט: צוליב דער זינד פון „שנאת חינם״ (אומזיסטע פיינטשאַפט פון איין מענטש צו אַ צווייטן), אַנטשטייט אַ קריגעריי אין הויז.

אַ הויז, וואו עס קומען פאַר קריגערייען, וועט סוף כל סוף חרוב ווערן. פון קריגערייען קומט קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויס.

## וועגן אומגיין מיט מענטשן

הלל זאָגט: דו זאָלסט ניט פאַראורטיילן דיין פריינט, ביז דו וועסט זיין פונקט אין אַזאַ לאַגע ווי ער איז.

יהושע בן פרחיה זאָגט: זאָלסט שטענדיק אורטיילן מענטשן לויט דער

גוטער זייט (אויב דו ביזט ניט פולשטענדיק זיכער, אַז זיי האָבן געטאָן שלעכטס, פאַראורטייל זיי ניט צום שלעכטן).

זאָגט ר׳ אלעזר: ווער עס איז חושד זיין חבר אין אַ זאַך, וואָס ער איז אומשולדיק דערין, דאַרף ער אים איבערבעטן.

זאָגט ריש לקיש: איינער, וואָס איז חושד אַן אומשולדיקן מענטש, ווערט דערפאַר באַשטראָפט.

ר׳ ראובן בן אצטרובל זאָגט: מען איז אַ מענטש ניט חושד אין עפּעס, סיידן ער האָט עס געטאָן. אויב ער האָט עס ניט געטאָן, האָט ער אַ טייל דערפון געטאָן; אויב ער האָט אַ טייל דערפון אויך ניט געטאָן, האָט ער געטראַכט פון טאָן עס; אויב ער האָט אויך ניט געטראַכט פון טאָן עס, האָט ער געזען ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן און עס האָט אים געפעלן.

## וועגן שטראָף־רייד און ליב־געזאַנגען

האָב ליב דעם, וואָס שטראָפט דיך, און האָב פיינט די, וואָס לויבן דיך.

פריער פוץ דיך אַליין אויס און דערנאָך פוץ אַנדערע (אַ מענטש דאַרף באַזייטיקן שלעכטע מידות פון זיך, איידער ער גייט שטראָפן וועגן דעם אַנדערע).

ר׳ נתן זאָגט: אַ פעלער, וואָס דו האָסט, זאָלסטו אַנדערע ניט פאַרוואַרפן.

אַביי זאָגט: אויב דו זעסט אַ תלמיד חכם, וואָס איז באַליבט אין זיין שטאָט, זאָלסטו וויסן, אַז עס איז ניט דערפאַר וואָס זיי ווייסן, אַז ער איז אַזאַ גרויסער לערנער, נאָר עס איז דערפאַר, ווייל ער שטראָפט זיי ניט און לאָזט זיי טאָן דאָס, וואָס זיי ווילן.

ר׳ אלעאי האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון ר׳ אלעזר, דער זון פון ר׳ שמעון: אַזוי ווי עס איז אַ גוטע זאַך צו זאָגן ווערטער, צו וועלכע מען הערט זיך צו, אַזוי איז נאָך מער וויכטיק ניט צו זאָגן ווערטער צו די, וועלכע הערן זיך ניט צו (דאָס מיינט: ניט צו זאָגן ווערטער, וואָס וועלן פאַלן אויף טויבע אויערן).

## וועגן פאַלשע מענטשן

דער קעניג ינאי האָט געזאָגט צו זיין ווייב: דו זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר די מיטגלידער פון די „פרושים״־פאַרטיי און ניט פון זייערע קעגנער, נאָר פאַר די פאַלשע, פאַר די צבוע׳קעס, פאַר די וועלכע גיבן זיך אויס פאַר פרומע און זיינען באמת פאַרדאַרבענע מענטשן.

רבן גמליאל האָט אויסגערופן: יעדער תלמיד, וואָס איז ניט אין גאַנצן דאָס, וואָס ער גיט זיך אָן צו זיין, זאָל ניט אַריינגיין אין בית המדרש.

בן עזאי זאָגט: עס איז פיל לייכטער צו הערשן איבער דער גאַנצער וועלט, ווי צו ענדערן די מענטשן, וועלכע גייען אָנגעטאָן אין גייסטלעכע קליידער, אָבער זיינען ניט דאָס.

אַ חזיר, ווען ער לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד, ציט ער אויס זיינע פיס, כדי צו ווייזן, אַז זיי זיינען געשפּאָלטן, אַזוי ווי ביי אַ כשר׳ער בהמה. (דערפון איז אין אידיש געוואָרן דאָס ווערטל: „חזיר פיסל־כשר״).

## וועגן לשון הרע און רכילות

ר׳ חנינא זאָגט: אויב עס קומען אויף אַ מענטש צרות, איז עס צוליב דעם, וואָס ער האָט גערעדט לשון הרע.

רב יהודה האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב: ווען דוד המלך וואָלט זיך ניט צוגעהערט צו לשון הרע, וואָלט מלכות בית דוד ניט צעריסן געוואָרן; די אידן וואָלטן ניט געדינט צו דער עבודה זרה און זיי וואָלטן ניט פאַר־טריבן געוואָרן פון לאַנד.

מר עוקבא, דער ריש גלותא, האָט געשיקט אַ בריוו צו ר׳ אלעזר׳ן מיט אַן אָנפראַגע: „עס זיינען דאָ מענטשן וואָס טוען מיר שלעכטס. איך קאָן זיי איבערגעבן צו דער רעגירונג, אַז מען זאָל זיי באַשטראָפן. זאָל איך דאָס טאָן?״ האָט ר׳ אלעזר אים געענטפערט: עס שטייט אין פסוק: „איך וועל אָנטאָן אַ צוים אויף מיין מויל, ווען דער רשע איז קעגן מיר״ — דאָס מיינט, אַפילו ווען דער רשע שטייט קעגנאיבער מיר, וועל איך אויך שווייגן. האָט מר עוקבא געשיקט צו אים אַ צווייטן בריוו, אין וועלכן ער האָט אים גע־שריבן: „זיי טוען מיר אָן פיל צרות און פאַרשאַפן מיר פיל צער״. האָט ר׳ אלעזר אים צוריק געענטפערט: עס איז דאָ אַ צווייטער פסוק: „שווייג צו גאָט און האָף צו אים. דו וועסט זען, אַז זיי וועלן אַליין אַריינפאַלן״ — און אַזוי איז טאַקע געשען.

ר׳ אלעזר, דער זון פון ר׳ שמעון, האָט געהאַט אַ שטאַטישן אַמט, פלעגט ער אויסראָטן גנבים. האָט ר׳ יהושע בן קרחה אים געשיקט אַ בריוו: עסיק, זון פון וויין (אַ שפּאַט־וואָרט, וואָס מיינט קליינער זון פון אַ גרויסן טאַטע), פאַרוואָס גיסטו איבער אידישע קינדער, דאָס פאָלק פון גאָט, צום טויט? (פאַרצייטנס פלעגט מען גנבים באַשטראָפן מיט טויט). האָט אים ר׳ אלעזר געענטפערט: איך פאַרלענד די דערנער פון גאָרטן. האָט אים ר׳ יהושע בן קרחה צוריק געשריבן: זאָל קומען דער אייגנטימער פון גאָרטן (גאָט) און פאַרלענדן די דערנער!

## וועגן אמת און שקר

ר׳ יוסי האָט געזאָגט: כ׳האָב קיינמאָל ניט געזאָגט עפּעס און דערנאָך געטאָן אַנדערש.

די שטראָף פון אַ ליגנער איז דאָס, וואָס ווען ער זאָגט שוין אַפילו אַן אמת, גלויבט מען אים אויך ניט.

באַטראַכט גוט דיינע רייד, איידער זיי גייען אַרויס פון דיין מויל.

לערן זיך אויס צו זאָגן „כ׳ווייס ניט״, כדי דו זאָלסט קיינמאָל ניט זאָגן קיין ליגן.

האָב ליב דעם „טאָמער״ און האָב פיינט דעם „ציפער״ (דאָס מיינט, האָב ליב צו רעדן וועגן אַ זאַך, וועגן וועלכע דו ביסט ניט זיכער, מיט ניט קיין זיכערן טאָן, ווייל טאָמער איז עס אַנדערש; האָב אויך פיינט צו זאָגן אַ באַשטימטן ציפער, ווייל אפשר שטימט עס ניט).

ר׳ זירא האָט געזאָגט: אַ מענטש זאָל ניט זאָגן צו אַ קינד: כ׳וועל דיר געבן אַ שטיקל ברויט און ניט געבן, ווייל ער לערנט אים אַזוי אַרום צו זאָגן ליגן.

אמת׳ע רייד דערקענט מען.

וועגן אַ זאַך, וואָס קאָן אַרויסקומען, זאָגן מענטשן קיין ליגן ניט (דאָס איז אַן אָנגענומענער כלל אין תלמוד, מיט וועלכן מען רעכנט זיך בעת אַ געלט־לאַדעניש).

עס שטייט אין פסוק „און דער, וואָס רעדט אמת אין האַרצן״, וואָס מיינט עס? — אַזוי ווי ר׳ ספרא. ר׳ ספרא האָט געהאַט אַ זאַך צו פאַרקויפן. איז אַריינגעקומען צו אים אַ קונה, פונקט דעמאָלט ווען ער האָט געדאַוונט. האָט דער קונה צו אים געזאָגט: גיב מיר די זאַך און איך וועל דיר געבן די סומע, וואָס דו פאַרלאַנגסט. האָט ער אים ניט געענטפערט. האָט דער קונה געמיינט, אַז ער וויל מער געלט. האָט ער אים אָנגעבאָטן אַ גרעסערע סומע, האָט ער אים ווידער ניט געענטפערט. נאָכן דאַוונען האָט ער געגעבן די זאַך דעם קונה און פון אים פאַרלאַנגט די ערשטע סומע און צו אים געזאָגט: איך וויל ניט מער געלט פון דיר, ווייל ווען דו האָסט מיר געזאָגט די ערשטע סומע, בין איך געווען אין האַרצן גרייט עס דיר צו פאַרקויפן.

אַז איינער זאָגט צוויי מאָל „יאָ״, אָדער צוויי מאָל „ניין״, איז אַזוי גוט ווי אַ שבועה.

אַפילו וועגן אַ זאַך וואָס איז אמת, ווערט אַ פיינער מענטש ניט שווערן.

## וועגן ריידן אויף אַן אָנשטענדיקן אופן

עס האָבן געלערנט די תלמידים פון ר׳ ישמעאל: אַ מענטש זאָל שטענדיק רעדן אויף אַן אָנשטענדיקן אופן.

האָט געזאָגט ר׳ יהושע בן לוי: קיינמאָל זאָל אַ מענטש ניט אַרויסלאָזן אַ שמוציק וואָרט פון זיין מויל.

צוויי תלמידים האָט געהאַט רב, וואָס האָבן געלערנט ביי אים אין איין צייט. איינמאָל האָט זיי רב עפּעס געזאָגט, וואָס עס איז זיי זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. רופט זיך אָן איינער און זאָגט: איך פיל דערפון אַזוי צופרידן, ווי אַן אָנגעפרעסענער חזיר. דער אַנדערער האָט געזאָגט: איך פיל דערפון אַזוי צופרידן, ווי אַן אָנגעשטאָפּטע ציג. האָט רב מער ניט געוואָלט רעדן מיטן ערשטן תלמיד (ווייל ער האָט זיך ניט שיין אויסגעדריקט).

האָט געזאָגט ר' חנין בר רבא: אַלע ווייסן וואָס געשעט מיט חתן־כלה נאָך דער חופה, אָבער ווער עס רעדט שמוציקע רייד וועגן דעם, איז אַפילו ווען ער האָט אַ קוויטל פאַר גוטע יאָרן, ווערט עס אויך געענדערט צום שלעכטן.

די חכמים האָבן שטענדיק גערעדט אויף אַן איידעלן אופן.

## וועגן כעס

ר' אליעזר זאָגט: זאָלסט ניט זיין גרינג אויף צו ווערן אין כעס.

פיר מידות זיינען דאָ: איינער, וואָס ווערט גיך אין כעס, אָבער מען קאָן אים אויך גיך איבערבעטן. ביי אים ווערט דער שאָדן (פון כעס) אויס־געבעסערט דורך דעם פאַרדינסט (פון איבערבעטן); ווער עס ווערט ניט גרינג אין כעס, אָבער עס איז אים אויך ניט גרינג איבערצובעטן, גייט דער פאַרדינסט (פון ניט ווערן גיך אין כעס) אַוועק מיטן שאָדן (פון ניט קאָנען גיך איבערבעטן); ווער עס ווערט ניט גרינג אין כעס און לאָזט זיך גלייך איבערבעטן, איז אַן איידעלער מענטש; ווער עס ווערט גיך אין כעס און לאָזט זיך ניט אַזוי גרינג איבערבעטן — איז אַ רשע.

ריש לקיש זאָגט: ווען אַ מענטש ווערט אין כעס, אויב ער איז אַפילו אַ חכם, פאַרשוואונדט פון אים דעמאָלט זיין חכמה.

ווען מען ווערט אין כעס, מאַכט מען טעות'ן.

אַ מענטש זאָל ניט זיין אַזאַ באַשיידענער ווי עס איז געווען הלל, און ניט אַזאַ בייזער ווי עס איז געווען שמאי.

ר' עקיבא האָט געזאָגט: ווער עס וואַרפט ברויט אויף דר'ערד פון כעס און דער, וואָס וואַרפט אויף דר'ערד זיין געלט צוליב כעס, וועט ניט אַוועק־גיין פון דער וועלט ביז ער וועט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן.

האָט גע'דרשנ'ט בר קפרא: אַ כעסן האָט ניט מער ווי זיין כעס (ער דערגרייכט דערמיט גאָרניט).

עס האָבן געלערנט אונזערע חכמים: דריי מענטשן — איז זייער לעבן קיין לעבן ניט: די, וואָס האָבן כסדר רחמנות אויף אַנדערע; די וואָס קאָכן זיך כסדר וועגן אומגערעכטיקייטן, וואָס עס געשעען, און די וועלכע זיינען צו גרויסע פיינשמעקער.

מיט דריי זאַכן דערקענט מען אַ מענטש: מיט זיין בייטל, מיט זיין כעס און מיט זיין כוס, ווי אַזוי ער טרינקט (אין העברעאיש איז עס אַ וואָרט־שפּיל: בכוסו, בכיסו ובכעסו).

וואויל איז דעם, וואָס קאָן הערן און שווייגן. ער פאַרמיידט הונדערטער צרות פאַר זיך.

## וועגן באַשיידנקייט און גאווה

ר' מאיר זאָגט: האַלט דיך, מענטש, נידעריק קעגנאיבער יעדן איינעם.

האָבן געלערנט די חכמים: אַ מענטש איז געשאַפן געוואָרן פּרייטיק.

פאַרוואָס ? ווייל טאָמער וועט ער זיך בלאָזן, זאָל מען קאָנען אים זאָגן : האַלט דיך ניט אַזוי גרויס, אַפילו אַ ווערימל איז געשאַפן געוואָרן פריער פאַר דיר.

דעם דאַרן, וואָס האָט געברענט און איז ניט פאַרברענט געוואָרן, וואו גאָט האָט זיך באַוויזן צו משה'ן, האָט גאָט אויסגעקליבן בלויז דערפאַר, ווייל ער איז דער נידעריקסטער פון אַלע ביימער.

בן עזאי זאָגט : מענטשן וועלן דיר אָפּגעבן כבוד לויט דיינע פאַרדינסטן ; אויב מען וועט דיר געבן אַ פיינעם פּלאַץ, וועט אַלץ וואָס מען וועט דיר געבן זיין פון דיר (דאָס מיינט, וויפיל דו האָסט אויפגעטאָן אויף דער וועלט). קיין מענטש רירט ניט אָן אין דעם, וואָס איז צוגעגרייט פאַר אַ צווייטן און אַפילו אַ קעניגרייך רירט ניט אָן צו אַן אַנדער קעניגרייך, אַפילו אויף אַ האָר.

ר׳ עקיבא האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון ר׳ שמעון בן עזאי : זעץ זיך מיט צוויי־דריי פּלעצער נידעריקער פון דעם אָרט, וואו דו דאַרפסט זיצן, ווייל עס איז בעסער מען זאָל דיר זאָגן : גיי העכער, ווי מען זאָל דיר זאָגן : גיי נידעריקער.

עס זיינען דאָ צוויי מיינונגען וועגן איין זאַך : אַ טייל זאָגן : זיי בעסער אַ קאָפּ ביי פוקסן ווי צו זיין אַן עק ביי לייבן. ר׳ מתיא בן חרש אָבער זאָגט : פאַרקערט, זיי בעסער אַן עק ביי לייבן איידער צו זיין אַ קאָפּ ביי פוקסן.

אַז עס איז ניטאָ מער ווי איין מטבע אין אַ קרוג, קלינגט עס.

דאָרטן, וואו מען קען דיך ניט, מעגסטו זאָגן ווער דו ביזט.

רבא זאָגט : אַ תלמיד חכם מעג זאָגן ווער ער איז און פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אים געבן אַ פאָרצוג, ווי מען גיט אַלע געלערנטע.

די לערע פון עטיק, דאָס הייסט פון מאָראַל און מידות, איז געשטאַנען אַזוי הויך ביי די שעפער פון תלמוד, אַז זיי האָבן דערצו געווידמעט אַ באַזונדערע מסכת, וואָס הייסט „אבות" (דאָס וואָס מיר רופן אָן „פרק" און מען זאָגט עס זומער־צייט שבת נאָכן עסן). עס איז אויך דאָ נאָך אַ מסכת „אָבות דר׳ נתן", אַ זאַמלונג פון עטישע כללים וואָס ר׳ נתן האָט צוזאַמענגעשטעלט. מיר האָבן געבראַכט אייניקע מוסטערן פון ביידע ווערק אין די פריערדיקע קאַפּיטלען.

מיר ווילן דאָ אויך געבן אַ מוסטער פון אַן אַנדער אָפּטיילונג, וואָס עס געפינט זיך אין תלמוד, נעמלעך : פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונגען, כאָטש זיי האָבן נאָך דעמאָלט עס ניט באַצייכנט מיט דעם נאָמען. מיר וועלן דאָס טאָן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.21

# די פּסיכאָלאָגיע פון מאַן, פרוי און קינד לויטן תלמוד

**די חכמים פון תלמוד זיינען געווען גרויסע פּסיכאָלאָגן, כאָטש מען האָט נאָך דעמאָלט פון דעם באַגריף פּסיכאָלאָגיע ניט געוואוסט. — ווי אַזוי זיי האָבן פאַרשטאַנען די אייגנשאַפטן און חסרונות פון אַ פרוי. — זייער באַהויפּטונג, אַז אַ פרוי האָט אינטואיציע און אין אַ גרעסערע מאָס ווי אַ מאַן. — די פאַרשידענע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ רייכן מענטש און אָרעמאַן. — זייער לערע וועגן קאָנען איבערטראָגן יסורים און אויסלאַכן די נערוון. — קורצע אָפּהאַנדלונגען אין פּסיכאָלאָגיע.**

די חכמים פון תלמוד, וועלכע זיינען געווען גרויסע מאָראַליסטן און געשטרעבט דערצו, אַז דאָס לעבן פון יעדן מענטש, איבערהויפּט פון אַ איד, זאָל שטיין אויף אַ הויכער מדרגה, האָבן נישט נאָר געשאַפן אַ גאַנצן קאָדעקס פון עטיק בנוגע דעם מאַן, פרוי און קינד, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט אַ טיפע פּסיכאָלאָגישע השגה וועגן אינערלעכן לעבן פון די מענטשן. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע מענטשן־קענער און האָבן גוט פאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון יעדן איינעם. זיי האָבן אָבער ניט געשריבן וועגן דעם לאַנגע אָפּהאַנדלונגען און גאַנצע ביכער, נאָר בלויז דאָס פאָרמולירט אין קורצע זאַצן און באַשטימטע ווערטער אָדער אין ווערטלעך און, אַזוי אַרום, האָבן זיי אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופן פעסטגעשטעלט די גייסטיקע פיזיאָנאָמיע פון די געשלעכטער און אויך פון דריטן צד — דאָס קינד.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַ גאַנצע רייע פון זייערע מיינונגען. מיר וועלן אָנהויבן דאָס מיט זייערע זאָגונגען וועגן דער פרוי.

* * *

פרויען — דאָס איז אַ פאָלק פאַר זיך אַליין.

עס שטייט געשריבן „און גאָט האָט געבויט די זייט" (וואָס ער האָט גענומען פון אדמ'ען אויף צו שאַפן דערפון אַ פרוי). גאָט האָט געטראַכט פון וואַנען זאָל ער שאַפן אַ פרוי. ער האָט געזאָגט צו זיך: איך וועל איר ניט שאַפן פון קאָפּ, כדי זי זאָל ניט האָבן אַ פאַריסענעם קאָפּ אין דער הויך; ניט פון אויג, כדי זי זאָל ניט זיין נייגעריק אַלץ צו זען; ניט פון אויער, כדי

זי זאָל ניט וועלן אַלץ הערן; ניט פון מויל, כדי זי זאָל ניט כסדר פלאַפּלען; ניט פון האַרץ, כדי זי זאָל ניט אַרומטראָגן זיך מיט אַ שלעכט האַרץ אויף מענטשן; ניט פון דער האַנט, כדי זי זאָל ניט וועלן אַלץ באַטאַפּן; ניט פון פוס, כדי זי זאָל ניט זיין אַן אַרומלויפערין. ער האָט דעריבער געשאַפן איר פון אַ זייט, פון אַן אָרט וואָס איז באַהאַלטן, און ביים שאַפן האָט ער צו יעדן אבר געזאָגט, אַז עס זאָל זיין גוט און פרום און פונדעסטוועגן — האָט די פרוי אַלע אויסגערעכנטע חסרונות.

אונזערע רבנים האָבן געלערנט: פיר שלעכטע מידות זיינען פאַראַן ביי פרויען. זיי זיינען: גרויסע נאַשערינס; זייער שטאַרק נייגעריק; זיינען פויל צו טאָן עפּעס אַ שטיקל אַרבעט און זיינען זייער שטאַרק אויפּערזיכטיק. ר׳ יהודה בר׳ נחמיה זאָגט: זיי האָבן אויך אַ היציקן טעמפּער און ווערן גיך אין כעס און רעדן צופיל. ר׳ לוי זאָגט: עס זיינען פאַראַן צווישן זיי פיל גנב׳טעס און אַרומלויפערינס.

פאַרוואָס איז לייכט איבערצובעטן אַ מאַן און אַ פרוי — ניט? — עס ווענדעט זיך פון וואַנען זיי זיינען געשאַפן געוואָרן (דער מאַן קומט פון ערד, וואָס איז ווייך; די פרוי אָבער איז געשאַפן געוואָרן פון אַ ביין, וואָס איז האַרט).

פאַרוואָס דאַרף זיך אַ פרוי שמירן מיט פּערפיומען און אַ מאַן — ניט? אַ מענטש קומט פון דער ערד און די ערד שטינקט קיינמאָל ניט; אַ פרוי אָבער קומט פון אַ ביין. לאָז עס ליגן עטלעכע טעג און עס הערט זיך דערפון אַ שלעכטער ריח.

אַ מאַן זאָגט אַרויס אָפן וואָס ער וויל, ווען ער ווערט ליידנשאַפטלעך. אָבער אַ פרוי זאָגט עס ניט אַרויס מיטן מויל, אָבער זי גלוסט אין האַרצן און דאָס איז די גוטע מידה, וואָס עס איז דאָ ביי פרויען.

צען מאָס רייד איז געגעבן געוואָרן דער וועלט, ניין מאָס האָבן גענומען די פרויען און די צענטע מאָס — די גאַנצע וועלט.

פרויען ווילן וויסן אַלצדינג.

אַ פרוי קאָן מען חושד זיין, אַז זי וועט אין דער שטיל אויפדעקן דאָס טעפּל פון איר שכנ׳טע, כדי צו וויסן וואָס זי קאָכט.

פרויען זיינען לייכטזיניק.

פרויען האָבן ניט קיין קלאָרן פאַרשטאַנד און מען קאָן זיך אויף זייערע רייד ניט פאַרלאָזן.

אַ פרוי וויל בעסער האָבן אַן אויסגעפּוצט הויז און שיינע קליידער, ווי צו עסן געשטאָפּטע קעלבער.

אונזערע חכמים האָבן געלערנט: וואָס זיינען די צירונגס־זאַכן פון אַ פרוי? — אָנטאָן פאַרב אויפן פנים, אונטערשמירן די אויגן און מאַכן זיך איר פריזור.

די פרוי פון רב חסדא האָט זיך געפּוצט פאַר דער שנור. איז געזעסן ר׳ הונא בר חיננא פאַר רב חסדא און געזאָגט צו אים: ווען אַ יונגע פרוי

פוצט זיך — מילא. איז זי דערפאַר יונג. אָבער אַן אַלטע פרוי, וואָס דאַרף זי זיך פוצן? האָט רב חסדא אים געענטפערט: זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן ווי אַפילו דיין מאַמע פוצט זיך אויך, און אַפילו דיין מאַמעס מאַמע, און אַפילו אַ פרוי וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר. ווי זאָגן מענטשן: אַ זעכציק־יעריקע פונקט אַזוי ווי אַ זעקס־יעריקע; זי הויבט אַ פיסל ווען די פויק פויקט.

ר׳ חייא האָט געלערנט: אַ פרוי איז נאָר פאַר שיינהייט; אַ פרוי איז נאָר צו האָבן קינדער.

ר׳ יהושע זאָגט: אַ פרוי וויל בעסער ווייניק עסן און אַ סך ראָמאַנ־טישקייט, ווי צו האָבן פיל עסן און לעבן באַשיידן.

עס שטייט געשריבן „ויבן ה׳ את הצלע" — און גאָט האָט געבויט די זייט (פון אדמ׳ען כדי צו שאַפן פון אים אַ פרוי). דאָס וואָרט „ויבן" קאָן אויך זיין דער טייטש — פאַרשטיין (פון וואָרט הבנה — מבין). דאָס מיינט, אַז גאָט האָט געגעבן דער פרוי אַ מין באַזונדערן פאַרשטאַנד (אינטואיציע), וואָס זי האָט מער ווי דער מאַן.

נאָך מער ווי דער מאַן וויל חתונה האָבן מיט אַ פרוי, וויל די פרוי אַז אַ מאַן זאָל מיט איר חתונה האָבן.

פרויען האָבן אין זיך אַ סך רחמנות.

עס איז בעסער צו לעבן מיט וועמען ניט איז, ווי צו זיצן אַליין (אַן אלמנה אָדער גרושה) — אַן אַראַמעאיש ווערטל.

ר׳ שמואל בר אוניא האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רב: אַ פרוי איז אַ מאַטעריאַל, וואָס געהערט צו דעם, וואָס שאַפט פון איר עפּעס (וואוינט מיט איר).

## וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ מאַן

„נפש" מיינט דאָס בלוט פון מענטשן, ווי עס שטייט „כי הדם הוא הנפש" (דאָס בלוט איז דער נפש); „רוח מיינט דער גייסט פון מענטש און „נשמה" איז דער כאַראַקטער.

אָרעמקייט מאַכט פון אַ מענטש דאָס, וואָס ער וויל ניט זיין.

אָרעמקייט איז אַזוי גוט ווי טויט. אַן אָרעמאַן האָט קיין מיינונג ניט.

אַלע אברים זיינען אָפּהענגיק פון האַרץ, אָבער דאָס האַרץ איז אָפּהענגיק פון בייטל (וויפיל געלט איינער האָט צו דערנערן זיך).

דריי חסרונות זיינען דאָ, וואָס זיינען שווער איבערצוטראָגן: אַ האַרץ־פעלער, פון וואָס דער גאַנצער קערפּער ליידט; מאָגן־קראַנקייט, אַ חיסרון, וואָס עס איז ערגער אַפילו פון אַ האַרץ קראַנקייט, און אַ ליידיקער בייטל (חיסרון כיס), וואָס עס איז דער גרעסטער חיסרון.

אַזוי ווי ווייניק געלט פירט איבער אַ מענטש, אַזוי געשעט עס נאָך מער, ווען מען האָט צופיל געלט.

רייכקייט — אַביסל איז גוט, אַ סך — טויג ניט.

די תלמידים פון ר׳ ינאי האָבן געזאָגט: אַ לייב ברומט ניט פון אַ קופּע שטרוי, נאָר פון אַ קופּע פלייש (ער ווערט ווילד פון צופיל עסן).

רב ששת האָט געזאָגט: אַ פולער בויך איז אַן אָנהויב פון יעדעס שלעכטס.

רבא זאָגט: לעבן, קינדער און פרנסה זיינען אַ מזל־זאַך. נעמט אַלס מוסטער צוויי אמוראים: רבה און רב חסדא.ביידע זיינען געווען גרויסע צדיקים. אַ באַוויז, אַז מען האָט זיך אין הימל צוגעהערט צו זייערע תפילות. יעדער איינער פון זיי האָט געקאָנט בעטן, אַז עס זאָל גיין אַ רעגן און עס איז געוואָרן. און דאָך — האָט רב חסדא געלעבט 92 יאָר און רבה — נאָר 40 יאָר. ביי רב חסדא׳ן אין הויז זיינען געווען 60 חופּות און ביי רבה׳ן — 60 לוויות. אין רב חסדא׳ס הויז איז געווען זעמל־מעל פאַר די הינט און קיינער האָט עס ניט געוואָלט, און ביי רבה׳ן אין הויז האָט מען געקאָנט זוכן אַ שטיקל גערשטן ברויט און עס ניט געפינען.

ר׳ יודן האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון ר׳ איבו: קיין מענטש שטאַרבט ניט און זאָל האָבן דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ווער עס האָט 100 — וויל 200 און ווער 200 — 400.

מען האָט געפרעגט דעם רבונו של עולם, פאַרוואָס ער האָט געשאַפן קנאה אויף דער וועלט; פאַרוואָס האָט ער געמאַכט, אַז איין מענטש זאָל מקנא זיין דעם אַנדערן? גאָט האָט דערויף געענטפערט: אָן דעם וואָלט קיין וועלט ניט געווען. ווען ניט קנאה, וואָלט די וועלט ניט געקאָנט עקזיסטירן אַפילו איין טאָג. אַ מענטש האָט חתונה מיט אַ פרוי, ווייל זיין פריינט האָט חתונה געהאַט און ער וויל אים ווייזן, אַז ער האָט גענומען אַ שענערע; ער זעט, אַז זיין פריינט האָט געבויט אַ הויז, בויט ער אויך אַ הויז, ווייל ער וויל אים ווייזן, אַז זיין הויז איז בעסער, און אַזוי פלאַנצט ער אויך אַ ווייַן־גאָרטן און טוט אַלע אַנדערע זאַכן.

אָבער עס זיינען דאָ אויך אַנדערע מיינונגען וועגן דעם. אַזוי, למשל, זאָגט אַן אַנדערער אמורא:

ר׳ לוי האָט געזאָגט: זעקס אברים באַדינען דעם מענטש: דריי זיינען אין זיין רשות און דריי — ניט. דאָס אויג, דאָס אויער און די נאָז — זיינען ניט אין זיין רשות. ער קאָן זען וואָס ער וויל ניט, הערן וואָס ער וויל ניט און שמעקן דאָס וואָס ער וויל ניט. די אַנדערע דריי, דאָס מויל, די האַנט און דער פוס זיינען יאָ אין זיין רשות. ער קאָן רעדן, דאָס וואָס ער וויל; באַרירן דאָס וואָס ער וויל און גיין דאָרטן וואו ער וויל. גוט איז, אויב דער מענטש טוט אויף מיט די לעצטע דריי אברים גוטע זאַכן. שלעכט — אויב ער נוצט זיי אויף שלעכטע זאַכן.

אין דריי זאַכן דערקענט מען אַ מענטש: אין האַנדל, ווען ער טרינקט ווייַן און ווען ער רעדט.

פיר הייסן „רשעים": איינער, וואָס הויבט אויף אַ האַנט אויף עמיצן;

ווער עס באַרגט זיך און באַצאָלט ניט; דער, ווער עס האָט צופיל חוצפּה און איינער, וואָס קריגט זיך כסדר מיט אַלעמען.

פיר סאָרטן מענטשן קאָן מען ניט פאַרטראָגן: אַן אָרעמאַן, וואָס איז נאָך שטאָלץ ביי זיך; אַ רייכער מאַן, וואָס דאַרף ניט לייקענען און זאָגט דאָך כסדר ליגנס; אַן אַלטער מאַן, וואָס לויפט כסדר נאָך פרויען און אַ גבאי פון אַ צדקה־חברה, וואָס האַלט זיך אין איין באַרימען, אַז ער טוט אַלצדינג אומזיסט.

ר׳ יוחנן זאָגט: ווען מיר וואָלטן ניט געקראָגן די תורה, וואָלטן מיר זיך אָפּגעלערנט צניעות פון דער קאַץ (וועלכע טוט איר געברויך אין אַ באַהאַלטן אָרט); דעם פאַרבאָט ניט צו גנב׳ען — פון דער מילב (וועלכע יעדע איינע האָט אַלץ פון איר אַרבעט און נעמט גאָרניט ביי קיין אַנדערער); אָפּגעהיטקייט אין געשלעכטלעכע ענינים פון דער טויב (וואו יעדער איינער לעבט נאָר מיט זיין זיווג); און ווי אַזוי צו פירן אַ ליבע — פון אַ האָן (וועלכער פלירטעט מיט דער הון, איידער ער באַהעפט זיך מיט איר).

* * *

די חכמים האָבן אויך פעסטגעשטעלט, פּסיכאָלאָגיש, געוויסע מאָמענטן אין מענטשלעכן לעבן, ווען אַ מענטש איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ער רעדט אַרויס, אָדער פאַר דעם וואָס ער טוט. זיי האָבן אונז אויך געלערנט, אַז אַ מענטש דאַרף קאָנען אַריבערטראָגן שלעכטס און עס צו נעמען אויפן זעלבן אופן ווי ער נעמט צו גוטס.

מען האָט געזאָגט אין נאָמען פון ר׳ מאיר און אַזוי אויך אין נאָמען פון ר׳ עקיבא: אַ מענטש זאָל זיך געוואוינען צו זאָגן, אַז אַלץ וואָס גאָט טוט, טוט ער צום גוטן.

גאָט פּראָבירט אויס אַלע מענטשן. דעם רייכן פּראָבירט ער אויס צי ער וועט האַלטן די האַנט אָפן און געבן צו אָרעמע לייט, און אָרעמע לייט פּראָבירט ער אויס מיט דעם, צו זען צי זיי וועלן ניט האָבן קיין טענות צו אים.

עס איז ניטאָ גאָר דער מענטש אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן יסורים, אָדער עס טוט עמיצן וויי די ציין, אָדער די אויגן, דער קאָפּ, די האַנט, די פיס, צי גאָר בויך־ווייטיק. אַ מענטש מוז זיך דעריבער אויסלערנען צו לעבן מיט יסורים און — שווייגן.

אַ מענטש זאָל בעסער זיין פון די, וואָס מען רודפ׳ט, ווי צו זיין פון די, וואָס רודפ׳ן אַנדערע, ווייל גאָט איז שטענדיק מיט די, וואָס ווערן פאַרפאָלגט. גאָט איז מיטן נרדף.

* * *

אָט דאָס איז נאָר אַביסל פון די פּסיכאָלאָגישע מיינונגען און זאָגונגען פון אונזערע חכמים, וואָס ווייזן אויף זייער טיפן פאַרשטאַנד פאַר די פאַרשידענע געביטן פון לעבן און אויך ווי אַזוי זיי האָבן אויפגעפּאַסט די אייגנשאַפטן פון פאַרשידענע מענטשן.

.22

# דער תלמוד ירושלמי

פונקט אַזוי ווי עס איז דאָ אַ „תלמוד בבלי”, איז דאָ נאָך אַ גמרא, וואָס הייסט „תלמוד ירושלמי”, דער תלמוד פון ירושלים. תלמוד בבלי איז דער פּירוש און אויסטייטשונג, וואָס די אמוראים אין בבל האָבן געמאַכט אויף דער משנה, אָבער אין יענער צייט האָבן אויך געלעבט אמוראים אין ארץ ישראל און דאָס וואָס זיי האָבן אויסגעטייטשט און אַרומגערעדט וועגן יעדער משנה, איז געזאַמלט געוואָרן באַזונדער און הייסט „תלמוד ירושלמי”. אין אָט דעם תלמוד זיינען אַריין די הלכות וואָס עס זיינען אַרומגערעדט געוואָרן, אויפן זעלבן שטייגער ווי אין בבלי, אין די ישיבות פון ארץ ישראל, וועלכע זיינען געווען אין טבריה, צפּורי און קיסרין.

דער תלמוד ירושלמי איז נאָר אויף פיר סדרים: זרעים, מועד, נשים, און נזיקין. עס איז אויך דאָ גמרא אויף די ערשטע פּרקים פון מסכת נידה. אויף „שבת” פעלט אין ירושלמי די גמרא פון דף כ״א אָן ביזן סוף. אַזוי פעלט אויך גמרא צום פרק ג׳ פון מסכת מכות און צו מסכת עדיות. אויף אבות איז נישטאָ קיין גמרא נישט אין ירושלמי און נישט אין בבלי. דערפאַר האָט דער תלמוד ירושלמי גמרא אויף גאַנץ סדר זרעים. דער ירושלמי האָט אויך מער גמרא ווי דער בבלי אויף מסכת „שקלים”. מען ווייסט נישט צי עס איז אויף יענע מסכתות וואו עס פעלט גמרא, אינגאַנצן נישט געווען קיין גמרא, אָדער עס איז יאָ געווען און עס איז אַוועקגעקומען. דער רמב״ם זאָגט אויף אַ שטעלע: מיר האָבן פון ירושלמי גאַנצע פינף סדרים, אָבער נישט אויף סדר טהרות; אויף סדר טהרות איז נישטאָ קיין שום גמרא נישט אין בבלי און נישט אין ירושלמי, נאָר בלויז אויף מסכת נידה”. עס איז מעגלעך, אַז עס זיינען געווען גאַנצע פינף סדרים פון גמרא פון ירושלמי און אַז וואָס עס פעלט איז פשוט פאַרלוירן געגאַנגען.

***

פונקט אַזוי ווי אין בבל האָבן זיך געפונען אַזעלכע אמוראים ווי רב אשי און אַנדערע, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם תלמוד בבלי, אַזוי האָבן זיך אין ארץ ישראל אויך געפונען אַזעלכע אמוראים וואָס האָבן דאָס דאָרטן געטאָן. עס זיינען געווען עטלעכע, אָבער דער וויכטיקסטער פון אַלע איז געווען ר׳ יוחנן.

די גאַנצע עפּאָכע פון תלמוד ירושלמי, דאָס מיינט פון די אמוראים פון ארץ ישראל, האָט געדויערט נישט מער ווי 140 יאָר. עס זיינען געווען אינ־גאַנצן 3 דורות פון יאָר 219 ביזן יאָר 359, קריסטלעכע צייט־רעכענונג. דער תלמוד ירושלמי איז געענדיקט געוואָרן פיל פריער פאַרן תלמוד בבלי.

אַזוי ווי דער תלמוד בבלי איז שפּעטער פון ירושלמי, נעמט מען אָן, אַז די וואָס האָבן געלעבט שפּעטער האָבן גיכער געוואוסט, ווי אַזוי דער דין איז און דערפאַר פּסקנ'ט מען אַזוי ווי דער בבלי און נישט אַזוי ווי דער ירושלמי. דער תלמוד בבלי איז אויך פיל טיפער און שאַרפער ווי דער תלמוד ירושלמי.

אין תלמוד בבלי איז אויך דאָ פיל מער אגדות ווי אין תלמוד ירושלמי. עס איז מעגלעך, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל אין ארץ ישראל זיינען אין יענער צייט געווען אַנדערע ספרים פאַר אגדה, ווי, למשל, די אַלטע מדרשים, מדרש רבה, מדרש תנחומא און אַנדערע.

די הויפּט־אמוראים פון ארץ ישראל זיינען געווען: אין ערשטן דור (פון 219 ביז 279) ינאי הזקן, יוחנן הזקן, רבי אושעיה רבה, לוי בר סיסי, רבי חנינא בר חמא, חזקיה, רבי יוחנן בר נפחא, ר׳ שמעון בן לקיש, רבי יהושע בן לוי, רבי שמלאי.

אין צווייטן דור (פון 279 ביז 320): רבי אלעזר בן פדת, רבי אמי און רבי אסי אין טבריה, רבי חייא בר אבא, רבי שמעון בר אבא, רבי אבהו פון קיסרין, רבי זירא (אָדער זעירא).

אין דריטן דור (פון 320 ביז 359): רבי ירמיה, רבי יונה, רבי יוסי בן זבדא אין טבריה. זיי זיינען געווען די לעצטע פון די ארץ־ישראל'דיקע אמוראים. אין זייערע טעג האָט מען אָפּגעשלאָסן דעם תלמוד ירושלמי.

דער אונטערשיד צווישן תלמוד בבלי און ירושלמי באַשטייט אויך דערין, וואָס אין ארץ ישראל, וואו מען האָט נאָך גערעדט העברעאיש, האָט מען בעסער פאַרשטאַנען די העברעאישע ווערטער פון דער משנה ווי אין בבל, וואו מען האָט שוין לאַנג נישט גערעדט קיין העברעאיש. אַזוי, למשל, זעען מיר אין דער גמרא פון בבא בתרא, באַלד אין אָנהויב וועגן דער ערשטער משנה, אַ גאַנצע מחלוקה וועגן טייטש פון וואָרט „מחיצה" וואָס עס ווערט דערמאָנט אין דער משנה. די דיסקוסיע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מחיצה מאי היא?" (וואָס איז אַזוינס „מחיצה"?).

אין ארץ ישראל האָט מען גערופן אַן אמורא „רבי" און אין בבל — „רב" אָדער „מר", וואָס איז אַראַמעאיש פאַר האַר.

אויף תלמוד ירושלמי זיינען דאָ ווייניק פירושים, ווייל מען האָט דעם „ירושלמי" ווייניק געלערנט, דעריבער האָט מען אַלע מאָל אָפּגעדרוקט דעם טעקסט פון גאַנצן ירושלמי צוזאַמען, אָפט אין איין באַנד. אין ירושלמי איז נישטאָ בייביידע זייטן אַ פירוש רש"י און תוספות ווי אין תלמוד בבלי. דער תלמוד ירושלמי איז אויך געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער און מען האָט נישט געקוקט דערויף, אַז עס זאָל זיין „דף על דף", דאָס הייסט די זעלבע פאָרם און אויסזען פון יעדער זייט באַזונדער, אַזוי ווי מען האָט אַכטונג געגעבן ביים תלמוד בבלי. דעריבער באַשטייט דער תלמוד ירושלמי אָפט פון נישט מער ווי איין באַנד (און ער קאָסט פיל ביליגער ווי דער תלמוד בבלי). אָבער עס זיינען דאָך דאָ עטלעכע גוטע פירושים אויפן

ירושלמי. לעצטנס איז צוגעקומען אַ נייער פּירוש פון רידב״ז, דער סלוצקער רב. אַלע גרויסע לערנער פון דער צייט פון די גאונים אָן ביז צו די „בעלי התוספות״ האָבן געלערנט דעם ירושלמי און זיך גערעכנט מיט אים. אין תוספות ווערט אָפט געבראַכט וואָס דער ירושלמי זאָגט וועגן אַ הלכה, און צי עס שטימט מיט דער הלכה פון בבלי.

דער ירושלמי איז אַ גוטער שפּיגל צו זען פון אים דעם גייסט פון די אידן אין יענער צייט, אין ארץ ישראל. אַלץ איז דאָרטן אַזוי טויט-ערנסט, מען הערט נישט קיין פריילעך וואָרט, קיין הומאָר און מען זעט פון אים כסדר, אַז דער טרויער פון חורבן פון לאַנד האָט געדריקט אויף זיי זייער שווער.

.23

# אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען אין דער תלמודישער עפּאָכע

.1

## די רבנן סבוראי

נאָך דער אָפּשליסונג פון תלמוד האָט מען די תלמידי חכמים און געלערנטע פון יענער צייט גערופן מיטן נאָמען „רבנן סבוראי", וואָס עס מיינט: געלערנטע וואָס קענען מסביר זיין אַ זאַך. מען האָט זיי מער נישט גערופן „אמוראים", ווייל דער טיטל האָט זיך געענדיקט מיטן אָפּשליסונג פון תלמוד. די רבנן סבוראי זיינען געווען די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיטן פאַרטייטשן און אויפקלערן די רייד פון די אמוראים פאַרן פאָלק.

ווי לאַנג עס האָט געדויערט די צייט פון די „רבנן סבוראי" איז נישט אין גאַנצן פעסטגעשטעלט געוואָרן. די סיבה דערצו איז, וואָס אין יענער צייט האָבן די אידן שטאַרק געליטן פון דער פּערסישער מאַכט, וועלכע האָט געוואָלט אַרויפצווינגען איר רעליגיע אויף די אידן און דעריבער איז דעמאָלט וויניק פאַרצייכנט געוואָרן, וואָס עס זאָל וואַרפן אַ קלאָרע ליכט אויף דעם לעבן און טעטיקייטן פון די רבנן סבוראי. לויטן ראב"ד (אין זיין „ספר הקבלה") זיינען געווען פינף דורות פון רבנן סבוראי, וואָס האָט זיך געצויגן אַן ערך פון 170 יאָר. אָבער דעם ראב"ד'ס מיינונג ווערט נישט אָנגענומען, ווייל מען ווייסט, אַז ר' חנן פון אישקיא, וועמען דער ראב"ד רעכנט פון די רבנן סבוראי אין דריטן דור, ווערט גאָר פאַררעכנט פאַרן ערשטן גאון פון דער גאונים־עפּאָכע, וואָס איז געקומען נאָך די רבנן סבוראי. אַזוי אַרום זיינען שוין ממילא אַלע די וואָס דער ראב"ד רעכנט פאַר רבנן סבוראי פון פערטן און פינפטן דור — געווען גאָר גאונים.

פאַקטיש זעט אויס, אַז די עפּאָכע פון די רבנן סבוראי האָט נישט לאַנג געדויערט און אַז עס זיינען אין גאַנצן געווען צוויי דורות פון זיי. לויט דעם קומט אויס, אַז די עפּאָכע פון די רבנן סבוראי הויבט זיך אָן מיטן יאָר 500, באַלד נאָך דער אָפּשליסונג פון תלמוד, נאָכן טויט פון לעצטן אמורא, רבינא, און אַז די רבנן סבוראי'ס צייט איז געווען אין גאַנצן ביזן יאָר 540.

די הויפּט־פירער פון די רבנן סבוראי זיינען געווען: 1) רב יוסי פון פומבדיתא; 2) ר' אמא פון בי חתים; 3) ר' סמא, דער זון פון ר'

**יהודה**; 4) ר׳ רבאי; 5) ר׳ שמואל בן יהודה **פון פומבדיתא**; 6) ר׳ רחומאי; 7) רבינא **פון אומציא**; 8) ר׳ אחא, **דער זון פון אבוה**; 9) ר׳ תחנא; 10) ר׳ זוטרא; 11) ר׳ עינא **אין סורא**; 12) ר׳ סימונא **אין פומבדיתא**; 13) ר׳ גירא, **אין סורא**; 14) ר׳ אחדיבוי, **דער זון פון קטינא און** 15) **דער לעצטער**, ר׳ זוטרא, **דער זון פון ר׳ חמא.**

ווי ווייט עס איז באַקאַנט איז די הויפּט־טעטיקייט פון די רבנן סבוראי געווען צו פאַרפאָלקאָמענען דעם תלמוד. זיי האָבן אין געוויסע ערטער צוגעגעבן געוויסע שטעלן און אין אַנדערע ערטער אויסגעמעקט געוויסע שטעלן אָדער ווערטער. זיי האָבן אַזוי אַרום רעדאַקטירט דעם תלמוד און די לעצטע פאָרם, אַזוי ווי מיר האָבן אים, איז פון זיי. מען קען זייער אַרבעט דערקענען, איבערהויפּט, דאָרטן וואו עס געפינט זיך אין תלמוד די שטעלע „והילכתא״ (און די הלכה בלייבט), אָדער וואו עס שטייט אין תלמוד „איתביה כל הני תיובתי ושני ליה כדשנינן״ (ער האָט אים געפרעגט די אַלע קשיות און ער האָט מיט אים דערנאָך געלערנט, ד. ה. אים געזאָגט, ווי אַזוי עס איז אָנגענומען געוואָרן). זייערע צוגאָבן צום תלמוד זיינען געווען מער פונעם כאַראַקטער אויף צו וויסן, צו וואָס איז מען ענדלעך געקומען נאָכן גאַנצן פּלפּול. עס איז אַ מין אויספיר, ווי אַזוי עס איז די הלכה, ווי אַזוי עס איז דער דין, וואָס על פי רוב איז דאָס אין תלמוד נישטאָ. אין תלמוד ווערט כסדר געבראַכט נאָר דער פּלפּול וועגן אַ דין, אָבער נישט קיין אויספיר. דעריבער האָבן די רבנן סבוראי, אין פאַרפלאָנטערטע שטעלן, צוגעגעבן אַ מין אויספיר צו וויסן ווי אַזוי עס בלייבט די הלכה.

.2

## די גאונים

די צייט נאָך די רבנן סבוראי ביז צום יאָר טויזנט ווערט אָנגערופן „די תקופה פון די גאונים״, ווייל דעמאָלט האָבן אָנגעפירט מיטן אידישן לעבן די גאונים, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון אידישן לעבן אין בבל.

אין יענער צייט איז געווען אין בבל אַ „ריש גלותא״, וועלכער איז געווען דער הערשער איבער די אידישע קהילות. ער איז געווען ווי אַ וויצע־קעניג און געהאַט דעם טיטל עקסילאַרך. ער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן עקאָנאָמישע ענינים, אָבער איבער גייסטיקע ענינים האָבן געהאַט אַ דעה נאָר די גאונים, וועלכע זיינען געשטאַנען אין שפּיץ פון די ישיבות.

די צייט פון די גאונים איז געווען 450 יאָר. דער ערשטער איז געווען ר׳ חנן פון אישקיא, דער גאון פון דער ישיבה אין פומבדיתא. דער לעצטער גאון איז געווען רב האי גאון, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1038, קריסט־לעכע צייט־רעכענונג.

די צאָל פון די גאונים אין פומבדיתא אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט איז געווען 48; אין דער ישיבה פון סורא זיינען געווען דורך דער גאַנצער צייט נאָר 36 גאונים. עס איז אויך געווען אַ ישיבה אין נהרדעא אַ געוויסע צייט און דאָרטן זיינען געווען סך הכל דריי גאונים.

איצט צו דער פראַגע, וואָס די גאונים האָבן אויפגעטאָן אין דער צייט פון זייער הערשאַפט. קודם כל האָבן זיי געזוכט צו שטאַרקן דעם לימוד פון תורה און געשאַפן אַ גאַנצע רייע פון קליינע ישיבות אין בבל, אין יעדער שטאָט און שטעטל. אויסער דעם האָבן זיי זיך גענומען צו קלאַסיפיצירן די הלכות פון תלמוד, אַזוי אַז מען זאָל וויסן ווי אַזוי צו פסקענען. פון יענער צייט זיינען געבליבן פיל וויכטיקע ספרים אויף דעם געביט פון הלכה, ווי למשל, דער ספר „הלכות גדולות" פון ר' שמעון קאַירא (אָדער פון ר' יהודאי גאון. מען ווייסט נישט גענוי וועלכער פון זיי איז געווען דער מחבר); די „שאילתות פון ר' אחאי גאון" און נאָך פיל אַנדערע אַזעלכע ספרים, אַ חוץ די „שאלות ותשובות" פון יענער עפּאָכע, וועלכע פאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין דער הלכה, און אין וועלכע די גאונים האָבן קלאָר געמאַכט ווי אַזוי דער דין איז. די גאונים־עפּאָכע איז דעריבער געווען זייער אַ וויכטיקע צייט אין אידישן לעבן.

3.

## די סעקטן וואָס זיינען אַנטשטאַנען קעגן תלמוד

אין דער צייט פון די רבנן סבוראי און אויך שפּעטער, אין דער צייט פון די גאונים, האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען אין בבל אַ גאַנצע רייע פון סעקטען, וועלכע האָבן אין אַ געוויסן זין רעוואָלטירט קעגן תלמוד. לויט ווי עס גיט איבער יעקב קאַרקיסאַני אין זיין געשיכטע פון יענער צייט (געשריבן אין אַראַביש) זיינען אין משך פון צוויי הונדערט יאָר געווען איבער 70 סעקטען און ער רעכנט אויס די וויכטיקסטע פון זיי און זייערע גרינדער. מיר ווילן דאָ ברענגען קורצע שטריכן וועגן עטלעכע פון זיי.

דער ערשטער איז געווען אבו איסא עובדיה פון איספאַן. ער האָט געגרינדעט אַ סעקטע וואָס האָט זיך גערופן אויף זיין נאָמען, די איסאַ'יסטן. וועגן דעם גרינדער ווערט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, אַ שניידער פון פאַך און אַז ער האָט אַפילו נישט געקאָנט שרייבן און לייענען, פונדעסטוועגן איז ער געוואָרן דער מחבר פון אַ גאַנצע רייע ביכער (?) און איז ממש פאַרגעטערט געוואָרן פון זיינע אָנהענגער. ער האָט זיך דער־קלערט פאַר אַ משיח און האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט אים געשיקט אויסצולייזן די אידן פון גלות. ער האָט אַפילו געזאַמלט אַרום זיך אַן אַרמיי פון צען טויזנט מענטשן צו קעמפן קעגן די אַראַבער, אָבער ער און זיין גאַנצע אַרמיי איז אין דעם קאַמף מיט די אַרומיקע ווילדע שבטים פאַרניכטעט געוואָרן.

דער דאָזיקער אבו איסא איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך דער־קלערט אַלס קעגנער פון די רבנים און האָט אַרויסגעגעבן צו זיינע נאָכפאָלגער געזעצן וואָס זיינען קעגן די הלכות פון תלמוד.

אַ צווייטער פירער פון אַזאַ סעקטע איז געווען איינער מיטן נאָמען יודגאן און זיין סעקטע האָט מען גערופן אויפן נאָמען פון גרינדער, יודגא־ניסטן. ער איז געקומען נאָך אבא איסא. אַ טייל זאָגן אַפילו, אַז ער איז געווען זיין תלמיד. אַזוי ווי אבו איסא, האָט אויך יודגאן זיך דערקלערט פאַר אַ נביא און משיח. ער האָט פאַרבאָטן צו עסן פלייש און טרינקען וויין. ער האָט אויך געזאָגט, אַז אָפּהיטן שבתים און ימים טובים איז נישט קיין פליכט, ווי לאַנג אידן זיינען אין גלות. אַזוי איז ער אויך געווען קעגן געוויסע הלכות אין תלמוד.

נאָך יודגאן און זיין סעקטע איז אויפגעשטאַנען אַ נייער פירער מיטן נאָמען מושכא, וועלכער האָט געגרינדעט אַ סעקטע אויף זיין נאָמען, די „מושכאניסטן". אויך ער איז געווען קעגן תלמוד, האָט זיך דערקלערט פאַר משיח און ווי אבו איסא געזאַמלט אַן אַרמיי צו קעמפן קעגן די אַראַבער. ווי עס דערקלערן אייניקע היסטאָריקער פון יענער צייט, איז ער אויך, ווי אבו איסא, אומגעקומען אין אַזאַ קאַמף.

באַלד דערנאָך איז אויפגעקומען אַ פירער פון אַ נייער סעקטע, וועלכע עס האָט געגרינדעט איינער מיטן נאָמען שאַדגאַן און די סעקטע האָט זיך גערופן: שאַדגאַניסטן. די סעקטע האָט געהאַט פונקט אַזעלכע צילן ווי די פריערדיקע. וועגן די שאַדגאַניסטן ווערט דערציילט, אַז דער גרינדער האָט געהייסן איינעם וואָס האָט געזינדיקט פאַסטן 40 טעג, ווייל ער האָט געטייטשט דעם פסוק „ארבעים יכנו" (מען זאָל אים געבן פערציק שמיץ) נישט שמיץ נאָר פאַסטן.

נאָך אַ סעקטע, אין יענער צייט, איז געווען די פון ישמעאל העכברי און די סעקטע האָט מען גערופן אויף זיין נאָמען, די עכבריסטן. וועגן אים ווערט דערציילט, אַז ער האָט געקענט לערנען און אַז ער האָט אויך געוואָגט צו ענדערן געוויסע שטעלן פון דער תורה. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן געוויסע הלכות אין תלמוד.

נאָך אים איז אויפגעשטאַנען אַ נייער גרינדער פון אַ סעקטע — משוי פון בעלבקי, וואָס האָט געגרינדעט אַן ענלעכע סעקטע, וואָס האָט זיך גערופן: די בעלבקיסטן. אויך די סעקטע איז געווען אין געוויסע היגזיכטן קעגן תלמוד פונקט אַזוי ווי די פריערדיקע.

איצט קומען מיר צו דער גרינדונג פון דער הויפּט־סעקטע, די קאַראַ־אימער, וועלכע איז געווען די גרעסטע פון אַלע וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין יענער צייט און וועלכע האָט אויך אויסגעהאַלטן לענגער פון זיי, ווייל די קאַראַאימער עקזיסטירן נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין פאַרשידענע לענדער.

4.

# די קאַראַאימער

ווי מיר זעען, זיינען פון יאָר 500 ביז צום יאָר 750, קריסטלעכע צייט־רעכענונג, אַנטשטאַנען פיל סעקטען. מיר זען ווי אַ טייל גייען אונטער און ווידער אַנטשטייען נייע סעקטען, כמעט מיטן זעלבן פּראָגראַם פון די פריערדיקע, און אויך זיי גייען אונטער, ווייל קיין סעקטע איז נישט געווען שטאַרק גענוג צו קאָנען אָנפירן אַ קאַמף קעגן די רבנים.

אַזוי איז עס געווען, ווי געזאָגט, ביזן יאָר 750, ווען עס איז געקומען מאַכמעד און געפּרעדיקט זיין נייע תורה. מאַכמעד און זיינע אָנהענגער האָבן גענומען אויסראָטן יעדעס רעשטל פון דעם פּערסישן גלויבן און איבער־הויפּט זייערע אַבערגלויבנס. דאָס האָט צוגעגעבן מוט אַ טייל אידישע ליבעראַלן, אַז זיי זאָלן זיך אויך אָרגאַניזירן אויף אויסצוראָטן פון דעם אידישן לאַגער די פּערסישע אַבערגלויבנס. דער אָנפירער פון דער גרופּע איז געווען אַ גרויסער אידישער תלמודיסט, ר׳ ענן בן דוד, וועלכער האָט שפּעטער אָנגעפירט מיט די רבנים אַ פאַרביטערטן קאַמף און האָט געגרינדעט די קאַראַאימישע סעקטע, וועלכע איז זיך שטאַרק צעוואַקסן.

פון אַלע סעקטען איז די קאַראַאימישע סעקטע געווען די שטאַרקסטע. די קאַראַאימער האָבן אין אָנהויב געקעמפט אַפּצושאַפן בלויז די פּערסישע אַבערגלויבנס, וואָס עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אידנטום. אָבער שפּעטער האָבן זיי שוין אויך גענומען ענדערן די דינים און דערמיט אַרויסגערופן קעגן זיך דעם צאָרן פון די רבנים. די קאַראַאימער האָבן אַרויסגעגעבן פיל ספרים און ביי אַ גאַנצע רייע פון געזעצן האָבן זיי נישט געפּסקנט לויט דער גמרא. די גאונים האָבן דעריבער אָנגעפירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן זיי, באַזונדערס האָט עס געטאָן איינער פון די לעצטע גאונים, ר׳ סעדיה גאון.

די קאַראַאימער האָבן געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור סיי אויפן געביט פון הלכה און סיי אויפן געביט פון דיכטונג, דקדוק און פירוש פון דער תורה. זיי האָבן שטאַרק געהאַלטן פון תנ״ך, דערפאַר איז זייער נאָמען „קאַראַאימער״ פון וואָרט „קרא״ אָדער „מקרא״ (וואָס עס מיינט די תורה). אין געוויסע צייטן זיינען די קאַראַאימער געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ גאַר גרויסער פּראָצענט פון אַלע אידישע קהלות האָבן געהאַלטן מיט זיי.

אָבער נאָכן צענטן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אידישע אויסוואַנדערונג פון בבל אין אייראָפּעאישע לענדער, האָבן זיך די רבנישע אידן און די קאַראַאימער צעטיילט אַלס צוויי באַזונדערע טיילן פון אידישן פאָלק. מיט דער צייט זיינען די קאַראַאימער אַזוי וויט אַוועק, אַז זיי זיינען געוואָרן אונז פרעמד אינגאַנצן.

די רבנים האָבן זייער האַס צו די קאַראַאימער איבערגעגעבן צו זייערע קינדער און תלמידים און דער דאָזיקער האַס האָט זיך גענומען אויסדריקן אין

דער פאָרמע פון געזעצן קעגן זיי. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מען האָט זיך מיט זיי מער ניט משדך געווען.

די קאַראַאימער, זייענדיק צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט אין קליינע גרופּעס, האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אויסצופירן שידוכים צווישן זיך אַליין. דאָס האָט אין פאַרלויף פון די הונדערטער יאָרן געפירט דערצו, אַז זייער צאָל האָט זיך פאַרקלענערט. זיי האָבן נישט צו־געקראָגן קיין פריש בלוט און די חתונות זיינען אַלע געווען אין אַן ענגען קרייז. אַ חוץ דעם זיינען נאָך פריער פיל קאַראַאימער מיד געוואָרן אין קאַמף מיט די רבנים און האָבן זיך אונטערגעגעבן (דאָס האָט געטראָפן אין פיל ערטער, אָבער הויפּטזעכלעך אין עגיפּטן).

היינט צו טאָג זיינען נאָך דאָ אין דער גאַנצער וועלט אַן ערך פון דריי ביז פיר טויזנט קאַראַאימער. אַ גרויסער טייל פון זיי וואוינט איצט אויך אין מדינת ישראל און פיל פון זיי באַמיען זיך צוריק צו פאַראייניקן זיך מיט קלערן, וואָס ביידע זיינען אַזוינס.

5.

## די מסורה

דער תנ״ך ווערט באַגלייט פון אַן אָפּטיילונג וואָס רופט זיך „די מסורה״. דאָס זיינען אַזעלכע פאַרצייכענונגען וועגן פאַרשידענע ערטער אין דער תורה, נביאים און כתובים, כדי צו וויסן ווי אַזוי צו לייענען זיי.

עס זיינען פאַראַן צווייערליי פאָרמען פון „מסורה״. איינע, וואָס פאַר־צייכנט אויף יעדן בלאַט פון תנ״ך ביי געוויסע ווערטער, ווי אַזוי צו לייענען זיי און אַ צווייטע, וועלכע באַגלייט די ווערטער פון דער תורה און אויך פון נביאים און כתובים מיט אייגנאַרטיקע מוזיקאַלישע נאָטן, וואָס מאַכט אַז דער לייענער זינגט אויס די ווערטער אין אַ געוויסן ריטם. דאָס הייסט „טראָפּ״ און דאָס איז, ווי אַזוי דער בעל קורא לייענט שבת אין דער פרי אין דער ספר תורה. ער לייענט מיט אַ געוויסן ניגון, וואָס ער דאַרף זיך פריער איינ׳חזר׳ן.

מיר ווילן זיך דאָ פריער אָפּשטעלן אויף דער ערשטער פאָרם פון דער „מסורה״, די פון די פאַרצייכענונגען און דערנאָך אויפן „טראָפּ״ און אויפ־קלערן, וואָס דאָס איז אַזוינס.

***

די „מסורה״ פון פאַרצייכענונגען, טיילט זיך אויף פאָלגנדע צען פּונקטן:
1) אַ פאַרצייכענונג פון אַלע אותיות און ווערטער פון יעדן ספר פון תנ״ך; 2) וועגן די נקודות אונטער די ווערטער; 3) די קרוינען אויף געוויסע אותיות מיט וועלכע מען באַפּוצט אַ ספר תורה; 4) אַן אָנווייזונג ווי אַזוי צו לייענען אַ געוויס וואָרט און אויך דעם טייטש פון וואָרט. למשל, עס

שטייט אין דער תורה אין דריי ערטער דאָס וואָרט „לו״, וואָס עס איז אייגנטלעך דער טייטש „צו אים״, אָבער לייענען לייענט מען ווי „לא״ — וואָס מיינט „נישט״, און דאָס איז אויך דער טייטש; 5) אַ געוויסע פאָרם פון „קרי וכתיב״ — עס שטייט אַ וואָרט וואָס עס איז געשריבן אַזוי, אָבער מען לייענט עס אַנדערש; 6) ווי אַזוי אַרויסצוזאָגן גאָטס נאָמען; 7) וואו עס הויבט זיך אָן אַ פּסוק און וואו עס ענדיקט זיך; וואו עס איז אָן אָנהויב פון אַ פרשה און וואו זי ענדיקט זיך; 8) אָן אויפקלערונג וועגן די פּסוקים. וואו עס איז דאָ אַ וואָרט אין מיטן, וועלכעס אויב מען זאָל עס לייענען מיטן ערשטן טייל זאָץ איז דעמאָלט דער טייטש אַנדערש ווי ווען מען זאָל עס לייענען מיטן אַנדערן טייל פון זאָץ; 9) פאַראַן שטעלן וואו אַן אות הענגט אין דער לופטן, אָדער איין אות איז גרעסער פון אַלע און אַזוי אויך ווען איין אות איז קלענער פון אַלע אַנדערע; 10) וועגן די אותיות „מנצפך״, ד. ה. די שלוס־אותיות פון כף, מם, נון, פא און צדי — און נאָך אַנדערע אַזעלכע ענלעכע פאַרצייכענונגען.

ווען איז דאָס געשאַפן געוואָרן? אין וועלכער תקופה פון אידישן לעבן און אין וועלכן לאַנד? — וועגן דעם זיינען דאָ דריי מיינונגען. די ערשטע איז, אַז משה רבינו האָט געגעבן די אידן צוויי פאָרמען פון אַ ספר תורה. איינע אַ פשוטע, אַזעלכע ווי מיר האָבן אין די שולן, וואו אַלץ איז פאַר־שריבן אָן נקודות און אָן שום פאַרצייכענונגען און ער האָט אויך געשאַפן נאָך אַ ספר תורה, וואָס איז געווען שוין מיט נקודות און פאַרצייכענונגען, ווי אַזוי צו לייענען. אָט די ספר תורה איז געגעבן געוואָרן נאָר צו יחידי סגולה, אַז זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי צו לערנען צו לייענען אין דער תורה. אָט די מיינונג ווערט געבראַכט אין דער גמרא (נדרים ל״ג).

אַ צווייטע מיינונג איז, אַז דאָס אַלץ איז געשאַפן געוואָרן פון עזרא און פון די אנשי כנסת הגדולה. אָבער אויך דאָ זיינען פאַראַן צוויי מיינונגען. איינע, וואָס זאָגט, אַז אַלץ איז געשאַפן געוואָרן פון עזרא און די אנשי כנסת הגדולה, כדי צו קאָנען לייענען ריכטיק אין דער תורה; די אַנדערע מיינונג איז, אַז די מסורה איז געגעבן געוואָרן פון משה רבינו, אָבער זי איז פאַרגעסן געוואָרן און עזרא האָט זי באַנייט. דאָס איז אויך די מיינונג פון ר׳ יהודה הלוי אין „הכוזרי״ (מאמר ג׳).

די דריטע מיינונג איז, אַז מען האָט טאַקע אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דער מסורה נאָך אין דער צייט פון תלמוד, אָבער די מסורה איז ערשט פאַרפאַלקאָמט געוואָרן אין דער צייט פון די גאונים. דעמאָלט זיינען אויך באַשטימט געוואָרן די נעמען פאַר די נקודות, ווי „קמץ״, „פתח״, „סגל״ א. ד. גל. די דאָזיקע מיינונג וויל האָבן, אַז אַזוי ווי אין ניינטן און צענטן יאָרהונדערט האָט געלעבט אַ גרופּע פון מדקדקים אין טבריה, ווי למשל, בן אשר און בן נפתלי, און אויך אין בבל, מענטשן וואָס האָבן זיך פאַר־נומען מיט די נקודות און אויך מיט אַלע אַנדערע פאָרמען פון דער מסורה, האָבן זיי דאָס אַלץ געשאַפן. יעדנפאַלס איז די מסורה אַלס אַזעלכע, ווי מיר

האָבן זי איצט, ערשט פעסטגעשטעלט געוואָרן געגוי און אין גאַנצן, ערשט אין יענער צייט, ד. ה. אין אין די טעג פון די גאונים.

***

איצט וועגן „טראָפּ". מיר זעען, אַז די נעמען פון „טראָפּ" זיינען אַראַמעאישע, ווי למשל, „מרכא טפחא", קדמא", „דרגא", „פשטא" א. ד. גל. דאָס באַווייזט, אַז אין בבל, וואו מען האָט גערעדט אַראַמעאיש, האָט מען דאָס געשאַפן. צי זיי האָבן געהאַט אַ געוויסע איבערליפערונג וועגן „טראָפּ", איז נישט באַקאַנט. אָבער דער „טראָפּ" גופא איז נישט אַלע מאָל גלייך. קודם כל האָבן מיר צוויי פאָרמען, די אשכנזישע און די ספרדישע. די אשכנזישע האָט 26 פיגורן. פון זיי זיינען 18 „קעניגן" (אָדער אַזעלכע וואָס שטעלן אָפּ דאָס לייענען אין גאַנצן) און 8 „באַדינער" (וואָס שטעלן דאָס לייענען אין גאַנצן נישט אָפּ). אַנדערש איז עס אָבער ביי די ספרדים. מיר האָבן אויך אַ באַזונדערן טראָפּ פאַר די ספרים „איוב", „משלי" און „תהלים". אויך די פינף מגילות לייענט מען יעדע איינע מיט אַ באַזונדערן טראָפּ.

עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז דער טראָפּ (אויף העברעאיש: טעמים) איז שוין אַלט, נאָר אַז אין בבל האָט מען געביטן די העברעאישע נעמען פון די נאָטן אויף אַראַמעאישע, אָבער דאָך זיינען פיל פון די אַלטע העברעאישע נעמען, ווי „סגול", „זקף קטן", „קרני פרה", „ירח בן יומו" א. ד. גל., געבליבן. אַלענפאַלס זיינען די נאָטן צו דער תורה, נביאים און כתובים, די סאַמע עלטסטע פאָרם פון מוזיק־פאַרצייכענונגען. עס איז געשאַפן געוואָרן כדי צו וויסן ווי אַזוי צו לייענען די תורה און די אַנדערע הייליקע ספרים מיט אַ שיינעם ניגון, וואָס זאָל אויך זיין לויטן פירוש פון די ווערטער. דאָס ווערט אָנגערופן אויף ענגליש „קאַנטעלאַציע". עס איז אַ באַזונדער געביט און עס פאָדערט אַ ספּעציעלע פאָרשונג אין דעם דאָזיקן ענין.

## .6

# דער סידור

דער סידור איז אַ סדר פון תפילות וואָס צו זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט. צום ערשטן קומען די תפילות פון דער פרי, מיטאָג־צייט און אין אָוונט. זיי ווערן באַצייכנט אַלס תפילות שחרית, מנחה און מעריב. דער רוב תפילות איז שוין געווען פון פריער, אַ טייל זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך אין דער צייט פון דער משנה און אַנדערע — שפּעטער, אין דער צייט פון דער גמרא. צו די שפּעטערדיקע געהערן אויך די ברכות, וואָס אַ איד דאַרף צו מאַכן ביים עסן ברויט, אַ פרוכט אָדער טרינקען וואַסער.

דער ערשטער סידור וואָס איז אונז באַקאַנט איז צונויפגעשטעלט גע־

וואָרן פון ר׳ סעדיה גאון (געלעבט פון ענדע 9טן ביז אין מיטן צענטן יאָר־הונדערט). עס איז אויך געווען ער וואָס האָט אָנגערופן דעם סדר פון די תפילות — „סידור״, דערפאַר ווייל ער האָט די תפילות נאָר מסדר געווען, ד. ה. יעדע תפילה אַוועקגעשטעלט אויף איר פּלאַץ. שפּעטער זיינען אויפגעקומען אַנדערע סידורים מיט געוויסע ענדערונגען. היינט צו טאָג האָבן מיר עטלעכע סאָרטן פון סידורים, ווי למשל, נוסח אשכנז, נוסח ספרד, נוסח האר״י און נאָך אַנדערע נוסחאות. פון די אַנדערע וויכטיקע סידורים פון אַמאָל זיינען באַקאַנט „דער סידור רש״י״ דער „מחזור וויטרי״ פון ר׳ שמחה (אַ תלמיד פון רש״י׳ן) און נאָך אַנדערע.

די עלטסטע תפילות זיינען „קריאת שמע״ און „שמונה עשרה״. אין דער צייט פון עזרא האָט מען איינגעפירט, אַז מען זאָל דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג. נאָך דעם חורבן פון בית המקדש האָט מען געהאַלטן, אַז די תפילות זיינען אויפן אָרט פון קרבנות און מען האָט אויך איינגעפירט, אַז עס זאָל זיין אַ שליח צבור, אַ חזן, וואָס זאָל דאַווענען פאַרן עמוד. אָבער מען האָט נאָך נישט געדאַווענט אַלע טאָג בקביעות, ערשט שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן צו דאַווענען יעדן טאָג. מען האָט געזאָגטביים דאַווענען געוויסע קאַפּיטלען פון תהלים און שפּעטער אויך די משנה „איזהו מקומן של זבחים״, אָנשטאָט קרבנות.

צוזאַמען מיט דעם דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג איז אויך איינגעפירט געוואָרן אָנצוטאָן אַ טלית, כדי מקיים זיין די מצות ציצית. דערביי האָט מען איינגעפירט, אַז אַ בחור זאָל נישט אָנטאָן אַ טלית, כדי די נישט־פאַרהייראַטע זאָלן זיך נישט פילן ווי בעלי־הבתים און זאָלן איילן זיך חתונה צו האָבן.

צוזאַמען דערמיט האָט מען אויך איינגעפירט צו לייגן תפילין יעדן טאָג אין דער פרי, ביי תפילת שחרית. דאָס לייגן תפילין איז שוין געווען איינגעפירט פריער, אָבער עס האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערע צייט. שפּעטער, אַרום דעם צוועלפטן יאָרהונדערט, איז געווען אַ צייט, ווען דער ענין פון לייגן תפילין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין פיל אידישע קהילות אַזוי ווייט, אַז עס איז געווען נישט קלאָר, ווי אַזוי די פרשיות פון דער תורה דאַרפן ליגן אין די „בתים״ פון די תפילין. צוליב דעם איז אַרויסגעקומען אַ מחלוקה צווישן רש״י און זיין איניקל רבנו יעקב תם. לויט רש״י דאַרף מען אויסלייגן די פרשיות לויט פאָלגענדן סדר פון רעכטס צו לינקס: פריער „והיה אם שמוע״, דערנאָך די פרשה „שמע״, דאַן „והיה כי יביאך״ און צום סוף „קדש״. רבינו יעקב תם האָט אָבער געזאָגט, אַז דער סדר איז: „שמע״, „והיה אם שמוע״, „והיה כי יביאך״ און צום סוף — „קדש״. דער רוב אידן האָט אָנגענומען די מיינונג פון רש״י און אַזוי זיינען די תפילין וואָס אַלע אידן טראָגן ביים דאַווענען. אַ טייל אידן אָבער זיינען מחמיר אויף זיך און זיי טוען אָן נאָכן דאַווענען, אַ פּאָר תפילין וואו

די פּרשיות ליגן לויטן סדר פון רבנו תם און זיי זאָגן אין די תפילין די פּרשה „שמע ישראל". דערמיט זיינען זיי יוצא לויטביידע.

7.

## די מחזורים — פּיוט און יוצרות

עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז מען זאָגט פּיוט, אָדער ווי דאָס פאָלק רופט עס „יוצרות" (וואָס געפינט זיך אין די מחזורים), אין די ימים טובים, ראש השנה, יום כפור, פּסח, שבועות און סוכות. דער פּיוט איז אַזאַ מין רעליגיעזע דיכטונג, מיט גראַמען און אויך אָן גראַמען. פאַראַן אַ טייל פון זיי וואָס עס זיינען ביים פאָלק זייער וויכטיק, די זיינען אין די מחזורים געדרוקט מיט גרעסערע אותיות; אַנדערע ווידער זיינען ווייניקער וויכטיק און ווערן דערפאַר געדרוקט מיט קלענערער שריפט. אַ טייל פון די פּיוטים זיינען אַזוי אָנגעזען ביים פאָלק, אַז מען עפנט אַזש דעם ארון קודש, ווען מען זאָגט זיי און דאָס גאַנצע קהל שטעלט זיך אויף, ווי למשל דעם פּיוט וואָס מען זאָגט יום כפור ביינאַכט צום דאַווענען, וואָס הויבט זיך אָן מיטן וואָרט „יעלה" און דאָס וואָרט ווערט כסדר איבערגע׳חזר׳ט ביי יעדן סטראָף (דערפאַר רופט מען אָן דעם פּיוט „יעלות"), אָדער דער פּיוט „כי הנה כחומר ביד היוצר" און נאָך אַנדערע אַזעלכע.

דער אָנהויב פון די פּיוטים איז געווען צום ענדע פון אַכטן און אָנהויב פון ניינטן יאָרהונדערט. דער רוב פון די ערשטע פּיוטים האָבן נישט קיין פאַרצייכענונגען, ווער עס איז געווען דער מחבר און זיי זיינען דערביבער געבליבן אָן אַ נאָמען אין די מחזורים. די דאָזיקע ערשטע פּיוטים זיינען אויך געווען אָן גראַמען, ווייל דעמאָלט איז נאָך נישט געווען די מאָדע צו שרייבן דיכטונגען מיט גראַמען.

די עלטסטע „יוצרות" וואָס מיר האָבן און וועגן וועלכע מיר ווייסן, ווער דער מחבר איז געווען, זיינען פון יוסי בן יוסי, וועלכער ווערט אויך אָנגע־רופן „דער יתום". ער ווערט דערמאָנט פון די גאונים, ר׳ האי גאון און ר׳ סעדיה גאון און האָט אַוודאי געלעבט אין 9טן יאָרהונדערט. לויט ווי דער אידישער געלערנטער צונץ דענקט, האָט ער געשטאַמט פון ארץ ישראל אָדער פון סיריען. פון זיינע פּיוטים איז באַקאַנט די תפילה „אהללה אלה", וואָס מען זאָגט יום כפור צו מוסף. דער פּיוט איז געשריבן געוואָרן מיט אַ דאָפּעלטן אלף־בית. עס איז אויך דאָ פון אים דער פּיוט „אתה כוננת עולם מראש", וואָס מען זאָגט יום כפור צו מוסף אין סדר פון דער עבודה. עס איז אַ סברא, אַז צו אים געהערט אויך די תפילה „אמנם אשמנו" און נאָך עטלעכע פון יום־כפור׳דיקן דאַוונען.

נאָך אים איז געווען ר׳ אליעזר הקליר. זיין פאָטערס נאָמען איז געווען

ר׳ יעקב און ווי עס זעט אויס, האָט ער אויך געשטאַמט פון ארץ ישראל, פון דער שטאָט „קרית ספר״. אַ טייל אָבער זאָגן, אַז דאָס וואָרט „קליר״ מיינט דאָס זעלבע ווי „קרית ספר״ און אַז ער שטאַמט פון איטאַליען, פון דער שטאָט קאַגליאַרי. נאָך אַנדערע דענקען, אַז ער האָט געשטאַמט פון מעסאָפּאָטאַמיען. עס איז אויך דאָ פאַרשידענע מיינונגען, ווען ער האָט געלעבט. אָבער ווי עס זעט אויס, האָט ער געלעבט אין ניינטן יאָרהונדערט, ווייל ער ווערט דערמאָנט פון די שפּעטערדיקע גאונים.

די פּיוטים פון ר׳ אליעזר הקליר זיינען אַנגענומען געוואָרן אין אַלע ערטער וואו אידן געפינען זיך. ער האָט געשאַפן אַ סך פּיוטים אויף אַלע ימים טובים און אויך עקסטראַ תפילות אויף פורים, תשעה באב און אַנדערע געלעגנהייטן. מען רעכנט, אַז ער האָט געשאַפן אַן ערך פון 165 פּיוטים. אָבער אַזוי ווי אַ טייל זיינען געווען צו לאַנג, האָט דאָס קהל זיי אַליין פאַרקירצט.

אַנדערע „פּייטנים״ (שעפער פון פּיוט) זיינען געווען ר׳ סעדיה גאון, וועלכער האָט געשריבן די „אזהרות״ וואָס מען זאָגט שבועות. שפּעטער האָבן געשאַפן פּיוטים אין שפּאַניען די באַוואוסטע דיכטער ר׳ אברהם אבן עזרא (אַן ערך 150 פּיוטים), ר׳ משה אבן עזרא (200 פּיוטים) און אויך רבנו בחיי, דער רמב״ם, דער רמב״ן, ר׳ שלמה בן גבירול און איבערהויפּט ר׳ יהודה הלוי (וועלכער האָט געשאַפן איבער 300 פּיוטים). עס זיינען אויך געווען פאַרשידענע פּייטנים אין אַנדערע לענדער. בסך הכל, דענקט צונץ, אַז עס זיינען געווען אַן ערך פון 1500 פּייטנים, און ער אַליין רעכנט אויס ביז 500 נעמען, על פּי רוב ספרדישע. פיל פון די פּייטנים האָבן געשריבן גאַנצע ביכער מיט פּיוט, וואָס זיינען אַוועקגעקומען און עס איז געבליבן פון זיי נאָר אַ טייל.

נישט אַלע האַלטן פון אַלע פּיוטים און נישט אין אַלע קהילות זאָגט מען די זעלבע. אין דער הינזיכט זיינען פאַראַן געוויסע מנהגים, אָבער עס זיינען דאָ אַזעלכע פּיוטים, וואָס עס זיינען אַנגענומען געוואָרן פון אַלע. חסידים זאָגן ווייניק פּיוטים, ווייל די חסידישע רביים האָבן נישט געהאַלטן דערפון. אין דער הינזיכט פון פּיוטים איז אַלזאָ פאַראַן אַ געוויסע רעליגיעזע פרייהייט צו זאָגן וועלכע פּיוטים מען וויל און אויסצולאָזן די וועלכע מען וויל נישט, אַ חוץ פון עטלעכע וואָס זיינען שוין אָנערקענט געוואָרן פון אַלע אידן אין אַלע לענדער.

דאָס וואָרט „פּיוט״ מיינט אַ געבעט אין אַ פאָרם פון אַ ליד. עס שטאַמט פון גריכיש. דערפאַר האָט מען גערופן דעם וואָס האָט געשאַפן פּיוטים — אַ „פּייטן״.

די געבעטן הייסן אויך „יוצרות״, דערפאַר וואָס די ערשטע שאַפונגען זיינען געווען אויף דער תפילה אין דאַווענען „יוצר אור״. מען האָט אויך די תפילות גערופן מיט אַנדערע נעמען, ווי „קרובות״ אָדער „קרובץ״ און נאָך אַנדערע נעמען.

די „סליחות", וואָס מיר זאָגן אַ וואָך פאַר די ימים נוראים, זיינען אויך אַזעלכע פיוטים. זיי זיינען פון די סאַמע ערשטע. אין יענער צייט האָט מען נאָך די פיוטים נישט איינגעשלאָסן אין „סידור" אָדער „מחזור" און דערפאַר זיינען זיי געבליבן אין דרויסן פאַר זיך אַליין, צו זאָגן זיי באַזונדער און זיינען אויפגענומען געוואָרן פון פאָלק, אין אַלע לענדער.

8.

## מ ד ר ש י ם

עס איז נישט אַלעמען באַקאַנט אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז דער רוב פון די מדרשים וואָס מיר האָבן, זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון די גאונים, צווישן 7טן און צענטן יאָרהונדערט.

דעם גרויסן אוצר פון מדרשים וואָס מיר האָבן און וועלכע צאָל דער־גרייכט צו עטלעכע הונדערט (אַנדערע זאָגן אַפילו — ביז טויזנט) דאַרף איינגעטיילט ווערן אין זיבן טיילן: דער ערשטער טייל איז אַ מדרש פון הלכות, ווי למשל די „מכילתא" (אויף שמות), דער „ספרא" (אויף „ויקרא") און „ספרי" (אויף „במדבר" און „דברים"); 2) די מדרשים פון אגדות אויף תורה, ווי דער מדרש רבה און אַנדערע; 3) די מדרשים אויף נביאים און כתובים, ווי דער „מדרש שמואל", מדרש משלי, מדרש תהלים, מדרש ישעיה, מדרש יונה און מדרש איוב; 4) קלענערע מדרשים, וועלכע נעמען אַרום אַ געוויסן שטח פון דרוש אויף פאַרשידענע ענינים, ווי דער „מדרש תנחומא", „אגדת בראשית", „מדרש והזהיר" א. אַ. 5) מדרשים וועגן די ענינים פון משיח און יענע וועלט פון אַ קאַבאַליסטישן דרך, ווי די „פרקי דר' אליעזר, סדר אליהו רבה און זוטא, ספר היכלות און אויך דער זוהר; 6) מדרשים וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענע אַנדערע מדרשים און הייסן דעריבער „ילקוטים", ווי „ילקוט ראובני", ילקוט שמעוני, ילקוט המכיר און מדרש הגדול, און 7) קליינע מדרשים'לעך מיט דרשות וועגן אַ געוויסן ענין. אַזעלכע זיינען פאַראַן עטלעכע הונדערט און פיל זיינען אויך פאַרלוירן געגאַנגען. זיי אַלע שטאַמען פון דער צייט פון די גאונים אין בבל.

די מחברים זיינען געווען פאַרשידענע דרשנים און פיל מאָל האָבן זיי נישט אָנגעגעבן זייערע נעמען אויף זייערע ווערק. אַנדערע האָבן אָנגע־געגעבן אַנשטאָט זייער נאָמען דעם נאָמען פון אַ באַוואוסטן תנא, כדי עס געבן אַ גרעסערע חשיבות, ווי למשל, אלף בית דר' עקיבא, וואָס עס האָט מיט רבי עקיבא גאָרנישט צו טאָן און נאָך אַזעלכע נעמען.

פיל פון די מדרשים זיינען נישט אָריגינעל, נאָר איבער'חזר'ונג פון אַנדערע אין אַ נייער פאָרם. אַנדערע מדרשים זיינען אַ גרעסערע באַשריי־בונג פון דעם וואָס עס געפינט זיך בקיצור אין דער גמרא.

פון אַלע מדרשים זיינען נאָר אַן ערך זעקס פאָפולער ביים פאָלק.

דאָס זיינען: מדרש רבה אויף בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים; דער מדרש תנחומא, דער מדרש שוחר טוב אויף תהלים, סדר אליהו רבה און זוטא; די ילקוטים, די פסיקתא׳ס און נאָך איניקע. פון די איבעריקע מדרשים זיינען בלויז אַ טייל געדרוקט געוואָרן. אַנדערע זיינען נאָך אַפילו אין כתב־יד אין די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעקן. דר. יעלינעק האָט אַרויסגעגעבן 6 בענדער פון קליינע מדרשים. נאָך אַנדערע האָבן ווידער אַרויסגעגעבן נאָך אַנדערע און יהודה דוד אייזענשטיין, דער רעדאַקטאָר פון „אוצר ישראל", האָט אַרויסגעגעבן אַן „אוצר מדרשים", וואו ער האָט צונויפגעזאַמלט 200 קליינע מדרשים. ער ברענגט זיי לויטן אלת־בית.

9.

## דער אָנהויב פון קבלה

אין יענער צייט, אין די טעג פון די גאונים, איז אויך געווען דער אָנהויב פון קבלה, אַלס אַ פילאָזאָפיש־מיסטישע שיטה אין דער פאָרשונג פון דער געטלעכקייט. דער אמת׳ער אָנהויב פון קבלה איז אייגנטלעך נאָך פיל פריער, שוין אין די טעג פון די צווייטע תנאים. אירע אָנהענגער זיינען געווען געוויסע גרופּן אין דער איסיים־פּאַרטיי, אָבער דעמאָלט זיינען נאָך קיין שום געניע פאָרמולירונגען פון קבלה נישט געווען. איבער־הויפּט זיינען דעמאָלט נאָך נישט דערשינען קיין שום קבלה׳איסטישע ווערק. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין דער צייט פון די אמוראים, ווען מיר טרעפן שוין אַן קאַבאַליסטן, אָבער נישט אין אַ גרויסער צאָל. ערשט אין אַכטן און אין ניינטן יאָרהונדערט דערשיינען אַ גאַנצע רייע פון ספרים פון אַן אויסגעשפּראָכענעם קבלה׳איסטישן כאַראַקטער. אַזעלכע ספרים זיינען געווען: „ספר יצירה", „ספר רזיאל המלאך", „שיעור קומה", „היכלות רבתי", „היכלות זוטרתי", „מדרש רבי נחוניה בן הקנה, „שר התורה", „ספר חנוך" און פיל אַנדערע. אָט די ספרים האָבן נישט געהאַט קיין נאָמען פון מחבר און אַ טייל פון זיי, ווי „ספר חנוך" אָדער „מדרש רבי נחוניה בן הקנה" האָבן זיך נאָר פאַררופן אויף גרויסע נעמען, אָבער זיי האָבן נישט געשטאַמט פון זיי.

ווי געזאָגט, איז קבלה אַ פילאָזאָפיש־מיסטישע שיטה אין גאָטס־פאָרשונג. די שיטה באַשטייט דעריך, וואָס זי גייט מיטן שכל, ווי ווייט עס לאָזט זיך גיין און דערנאָך שאַפט זי אַן אייגענע פאַנטאַסטיש־מיסטישע שיטה וועגן די כחות וואָס האָבן אַרויסגעשטראַלט פון גאָט און אים געהאָלפן אין די מעשי בראשית און העלפן אים אויך אין דער אָנפירונג פון דער וועלט. זיי רופן עס אָן „צען ספירות" (עשר ספירות), וועלכע זיינען: 1) כתר עליון; 2) חכמה; 3) בינה; 4) חסד (גדולה); 5) גבורה (דין); 6) תפארת; 7) נצח;

8) הוד; 9) יסוד און 10) מלכות. די קאַבאַליסטן פאַרנעמען זיך מיט באַ־שרייבן גענוי די דאָזיקע כוחות און זייערע השפעות.

דערצו האָט די קבלה פון באַלד אין אָנהויב געשאַפן פאַר זיך אַן אייגענע טערמינאָלאָגיע. זי באַשטייט פון די דערמאָנטע באַגריפן וועגן די כוחות פון גאָט (די עשר ספירות) און פון אַנדערע ענלעכע אויסדרוקן. אַזאַ אויסדרוק איז למשל „אין סוף", מיט וועלכער עס ווערט פילאָזאָפיש־פּאָעטיש באַצייכנט די ערשטע קראַפט, די געטלעכקייט. די „עשר ספירות" זיינען איינע נאָך דער אַנדערע אין מדרגה: כתר עליון איז די העכסטע קרוין; חכמה — די העכסטע קלוגהייט; חסד — די גרויסע לייטזעליקייט (יושר); גבורה — שטאַרקייט (דין); תפארת — הערלעכקייט, דער קאָמפּראָ־מיס צווישן חסד און גבורה — דין און יושר; נצח — אייביקער אויסדויער; הוד — אייביקער רום; יסוד, פונדאַמענט — אַ פשרה צווישן נצח און הוד; מלכות איז פּראַכט, גלאַנץ. אָבער אַלע כוחות זיינען נישט גלייך, דערפאַר ווערן זיי געטיילט אין רעכטס און לינקס („סטרא דימינא" און „סטרא דשמאלא"): חכמה — רעכטס און בינה — לינקס; חסד — רעכטס און גבורה — לינקס; נצח — רעכטס און הוד — לינקס. כתר איז איבער אַלעם, תפארת און יסוד — פאַרמיטלער, וואָס ברענגען צוזאַמען אַלעמען. די צוויי צדדים ווערן אויך גערופן „אבא" און „אימא", די העכערע טאַטע־מאַמע.

אָבער די עשר ספירות זיינען נאָך נישט אַלץ, ווייל עס זיינען פאַראַן נאָך פיר וועלטן: עולם האצילות; עולם הבריאה; עולם היצירה און עולם העשיה, די לעצטע איז אונזער וועלט.

אָט דאָס איז נאָר אַביסל וועגן דער טערמינאָלאָגיע פון קבלה, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אין יענער צייט. עס איז געווען, ווי געזאָגט, דער אָנפאַנג, ווען עס זיינען געמאַכט געוואָרן די ערשטע נישט־זיכערע שריט. שפּעטער־צו האָט די קבלה זיך אַנטוויקלט צו אַ טיפער פילאָזאָפיע. דאָס איז געווען אין דער שפּאַנישער עפּאָכע, אָבער שפּעטער אין צייט פון האר"י, איז זי געוואָרן גאָר אַ מיסטישע פּראַקטישע לערע צו היילן קראַנקע און צו זוייזן וואונדער. מיר וועלן נאָך ריידן וועגן די נייע שטופן פון קבלה שפּעטער, ווען מיר וועלן קומען דערצו אין גאַנג פון אונזער פאַרשונג.

10.

## די אויפלעבונג פון דער העבּרעאישער שפּראַך

מיט דער אַנטשטייאונג פון מאַכמעד'ן איז פאַרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין בבל אויך בנוגע דער שפּראַך פון לאַנד. אַראַמעאיש, וועלכע האָט געהערשט ביז איצט, האָט גענומען אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר אַראַביש, וואָס האָט מיטן אויפקום פון מאַכמעד'ן באַקומען אַ גרויסע קראַפט. עס

האָט דעמאָלט די אינטעליגענץ פון לאַנד דעריבער גענומען ריידן אַראַביש, די שפּראַך פון נביא מאַכמעד און אַראַמעאיש איז געוואָרן די שפּראַך בלויז פון די מאַסן.

צוזאַמען דערמיט האָט אויך צוליב דער נאָענטקייט פון אַראַביש צו העברעאיש, די העברעאישע שפּראַך גענומען אויפלעבן. באַזונדערס האָבן זיך דערמיט אָפּגעגעבן די קאַראַאימער, וועלכע האָבן זיך גערופן „בני מקרא" און האָבן כסדר געלערנט תנ"ך. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז עס זיינען ביי זיי אַנטשטאַנען פיל גרויסע העברעאיסטן, דיכטער און גראַ־מאַטיקער. כדי צו ווייזן, אַז נישט נאָר קאַראַאימער ווייסן וועגן דער העברעאישער שפּראַך, האָט ר' האי גאון און שפּעטער ר' סעדיה גאון געשאַפן ווערק וועגן דער גראַמאַטיק פון העברעאיש. ר' האי גאונ'ס ספר איז אָוועקגעקומען, אָבער ר' סעדיה גאונ'ס ווערק איז באַקאַנט. דאָס איז זיין באַרימטער „אגרון", וואָס ער האָט געשאַפן וועגן דקדוק פון העברעאיש.

אויך די פּייטנים האָבן פיל צוגעהאָלפן צו באַנייען און אויסברייטערן די שפּראַך. זיי האָבן געשאַפן פיל נייע ווערטער, וועלכע זיינען פון אַלע אָנגענומען געוואָרן. אין פיל ערטער, וואו עס האָבן אויסגעפעלט העברע־אישע ווערטער, האָבן די געלערנטע פון יענער צייט גענומען ווערטער פון אַראַביש, אָבער נישט צופיל, ווייל פון אַראַביש האָט מען ביי אידן נישט פיל געהאַלטן (דער רמב"ם, למשל, זאָגט, אַז אַראַביש איז אַ פאַרדאָרבענער העברעאיש). מען האָט דעריבער אַריינגענומען ווערטער פון דער משנה, וואו דער העברעאיש איז אַ ציכטיקער און אַ ריינער. אַזוי אַרום איז אין בבל געמאַכט געוואָרן די ערשטע פאַרזוכן אויפצולעבן צוריק די העברעאישע שפּראַך, אַן אַרבעט וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרגעזעצט געוואָרן שפּעטער אין שפּאַניען, וואו עס זיינען אַנטשטאַנען פיל מדקדקים און דיכטער פון גרויסן פאַרנעם, ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער.

ביסלעכווייז איז מען אויך אָפּגעטראָטן פון דעם אָנגענומענעם וועג צו שרייבן וועגן די ענינים פון הלכות אויף אַראַמעאיש. דאָס איז נאָך געבליבן בלויז אין די שאלות ותשובות פון די גאונים, וואו מען האָט זיך געוואָלט האַלטן נאָענט צום לשון פון דער גמרא. אין אַנדערע ספרים אָבער, האָט מען איצט צוריקגענומען שרייבן העברעאיש.

אַזוי אַרום איז געשען, אַז פּונקט אַזוי ווי פריער האָט אַראַמעאיש פאַרנומען דאָס אָרט פון העברעאיש, האָט איצט העברעאיש צוריק גענומען איינגעמען די אַלטע פּאָזיציעס און ביסלעכווייז פאַרטריבן אַראַמעאיש פון אידישן לעבן.

# די פילאָזאָפישע עפּאָכע

# I

## (די גאָלדענע תקופה אין שפּאַניען)

.1

# ווער זיינען געווען די אידישע פילאָזאָפן?*)

**ביי אידן האָט מען אַלעמאָל געקענט פרעגן פראַגן וועגן גאָט. — ווי אַזוי אברהם אבינו האָט גערעדט צו גאָט. — משה רבנו קריגט זיך מיטן רבונו של עולם און פירט אויס. — צווייפלען און טענות צו גאָט אין די ספרים פון תנ״ך. — קהלת און איוב. — דער אונטערשייד צווישן סתם אַ פילאָזאָף און אַ רעליגיע־פילאָזאָף. — דער ערשטער אידישער רעליגיע־פילאָזאָף ר׳ סעדיה גאון.**

דאָס אידישע פאָלק האָט פון אייביק אָן זיך געפילט היימיש מיט גאָט, האָט אים געפרעגט קשיות און פון אים פאַרלאַנגט גערעכטיקייט. אין דער הינזיכט קען מען זאָגן, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט שטענדיק קיין מורא ניט געהאַט פאַר דרייסטע פראַגן, אַפילו פאַר אַזעלכע וואָס רירן אָן דעם סאַמע יסוד פון אַ גלויבן, ווייל אידישקייט איז ניט קיין גלויבן, נאָר אַ וויסן, און וויסן קריגט מען דורך פרעגן, דורך קלאָר מאַכן דאָס וואָס מען ווייסט ניט.

מיר געפינען דעריבער אין גאַנץ תנ״ך זייער פיל פראַגן וועגן דער געטלעכקייט; וועגן גאָט׳ס פירונג מיט די מענטשן; וועגן פאַרגיטיקונג פאַר טאָן גוטס און באַשטראָפונג פאַר טאָן שלעכטס, און נאָך פיל אַזעלכע קאַרדינאַלע פראַגן. ביי אַנדערע רעליגיעס, למשל, ווי קריסטענטום אָדער מאַכמעדאַנענטום, זיינען קיין פראַגן ניט דערלויבט. דער קריסט אָדער דער מאַכמעדאַנער דאַרף גלויבן אין דעם וואָס מען זאָגט אים און ניט פרעגן קיין קשיות. אויב ער פרעגט יאָ, איז ער שוין ניט קיין גלויביקער. ביי אונז אָבער דאַרף מען ניט גלויבן בלינד. מען דאַרף פאַרשטיין, מען דאַרף לערנען און וויסן און דעריבער זיינען פראַגן ניט אויסגעשלאָסן. אדרבה, זיי זיינען אין אַ גרויסער מאָס נאָך ווילקאָמען, כדי דורך די ענטפערס אויף זיי זאָל קלאָר ווערן דאָס וואָס מען דאַרף וויסן וועגן דער געטלעכקייט און וועגן גאָטס דרך מיט די מענטשן.

דעריבער זעען מיר, אַז שוין דער ערשטער איד, אברהם אבינו, האָט גערעדט צו גאָט אויף אַ פאַמיליאַרן אופן, אים געשטעלט פראַגן און געמאָנט ביי אים גערעכטיקייט. ווען אברהם רעדט צו גאָט וועגן די מענטשן פון סדום, וואָס גאָט וויל פאַרניכטן, ווייל זיי זיינען שלעכט, פרעגט ער אים:

*) פון דער גאַנצער גאָלדענער תקופה אין שפּאַניען איז, ליידער, נישטאָ קיין שום ביל־דער פון די גרויסע אידישע דענקער, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט, אַ חוץ דאָס וואָס עס איז אָנגענומען, אַז עס איז פון רמב״ם. (מיר ברענגען עס אויף זייט 205).

„וועסטו פאַרניכטן דעם צדיק צוזאַמען מיטן רשע? — אויב עס זיינען דאָ פופציק צדיקים אין דער שטאָט. צי וועסטו פאַרניכטן און ניט מוחל זיין דער שטאָט צוליב די פופציק צדיקים, וואָס וואוינען אין איר? דו טאָרסט, חלילה, ניט טאָן אַזאַ זאַך, אומצוברענגען דעם צדיק מיטן רשע, אַזוי אַז דער גורל פון צדיק זאָל זיין פונקט אַזוי ווי דער גורל פון רשע. דו טאָרסט דאָס ניט טאָן! דער וואָס משפט די גאַנצע וועלט, זאָל ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?!" (בראשית י"ט, כ"ג, כ"ד).

אָט אַזוי פרעגט, טענה'ט און מאָנט אברהם צו גאָט און לאָזט ניט אָפּ. ער מאָנט די זעלבע גערעכטיקייט אויך פאַר פערציק, פאַר דרייסיק, פאַר צוואַנציק און פאַר צען. און אָט אויף דעם פונדאַמענט איז אויסגעבויט געוואָרן דאָס אידישקייט — אויפן רעכט צו פרעגן, טענה'ן און מאָנען ביי גאָט.

דאָס זעלבע זעט מען אויך ביי משה'ן. ווען די אידן האָבן געמאַכט דעם גאָלדענעם קאַלב און גאָט איז געוואָרן אין כעס און זיי געוואָלט פאַר־ניכטן, האָט משה געבעטן צו גאָט און געזאָגט: „וואָס פאַרדריסט דיך אַזוי אויף דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים?... פאַרוואָס זאָלן די פעלקער זאָגן, אַז מיט אַ שלעכטן געדאַנק האָסטו זיי אַרויסגענומען פון דאָרטן, כדי זיי צו פאַרניכטן אין די בערג און אָפּצווישן זיי פון דער ערד? שטעל אָפּ דיין צאָרן און טו ניט קיין שלעכטס צו דיין פאָלק! (שמות, ל"ב, י"א—י"ד). און משה לאָזט ניט אָפּ, און זאָגט צו גאָט מיט תקיפות: „אויב דו ווילסט ניט זיי מוחל זיין, טאָ מעק מיך אויס פון דיין בוך, וואָס דו האָסט געשריבן".

און אַזוי ווי עס האָט גערעדט משה, האָבן אויך גערעדט צו גאָט אַלע אַנדערע פירער, וואָס זיינען געקומען נאָך משה'ן; זיי האָבן געמאָנט גערעכ־טיקייט פאַר די אידן און זיך געקריגט מיט גאָט און פאַרלאַנגט ער זאָל זיין גוט צו זיין פאָלק. אָט דאָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם אין אַלע דורות. מיר זעען דאָס זעלבע ביי די נביאים, וואָס מאָנען גערעכטיקייט ביי גאָט, ביי די תנאים און ביי אַלע שפּעטערדיקע צדיקים פון אַלע צייטן ביז צו ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכער האָט זיך אַפילו אָנגעבייזערט אויף גאָט און זיך צעשריען איבער אים:

— וואָס ווילסטו פון דיין פאָלק ישראל? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל? אַז שטענדיק נאָר „דבר אל בני ישראל"? און כסדר נאָר „צו את בני ישראל"? וואָס ווילסטו פון דיין פאָלק ישראל, גאָטעניו? — — —

* * *

עס פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אַנדערש ווען מען פרעגט קשיות צו גאָט און מען מאָנט ביי אים גערעכטיקייט, ווי ווען מען רעדט צו אָן אַנדערן וועגן גאָט. דער אונטערשייד איז פונקט אַזוי, ווי ווען אַ זון קומט צו זיין פאָטער און זאָגט אים, אַז ער פירט זיך ניט אויף מיט גערעכטיקייט צו אים,

ווי ווען אַט דער זון זאָל אַוועקגיין צו אַן אַנדערן און זיך באַקלאָגן אויף זיין פאָטער און דערציילן יענעם, אַז זיין פאָטער פירט זיך ניט אויף מיט גערעכטיקייט קעגן אים. ווען דער זון קומט צום פאָטער מאָנען ביי אים גערעכטיקייט, איז עס אַ באַרעכטיקטע זאַך וואָס קען דעם פאָטער ניט פאַרדריסן. דער פאָטער פאַרשטייט, אַז זיין זון האָט רעכט צו קומען צו אים וועגן אַזעלכע זאַכן. אָבער ווען דער זון גייט אַוועק צו אַן אַנדערן און דערציילט אים וועגן דער אומגערעכטיקייט פון זיין פאָטער צו אים, האָט עס שוין אַ פאָרם פון באַרעדן, פון באַליידיקן.

אין אידנטום מיינט דאָס, ווען איינער רעדט מיטן צווייטן וועגן זיינע ספקות אין גאָט'ס גערעכטיקייט; ווען עמעצער זאָגט אַרויס צו אַן אַנדערן זיינע קשיות אין גאָט'ס פירונג פון דער וועלט; ווען ער פרעגט אָפּ דאָס אָנגענומענע, אַז עס איז דאָ אַ פאַרגעלטיקונג פאַר די וואָס טוען גוטס און באַשטראָפונג פאַר די וואָס טוען שלעכטס; ווען מען טוט צווייפלען אין דער גאַנצער הנהגה פון גאָט מיט די מענטשן און צי דער גורל פון די צדיקים איז בעסער ווי דער גורל פון די רשעים.

דאָס מיינט שוין צו מאַכן אַ שריט ווייטער. דאָס איז שוין ניט מאָנען גערעכטיקייט ביי גאָט, נאָר צווייפלען אין גאָט'ס מעשים. און אַזוי ווי גאָט איז דאָך דער סימבאָל פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, מיינט עס צו צווייפלען אין גאָט גופא.

אָבער אפילו אויך דאָס וואָס קיין שום אַנדער רעליגיע אין דער וועלט וואָלט עס ניט דערלויבט, האָט דאָס אידנטום גוטגעהייסן. און ניט נאָר בלויז דאָס, נאָר די וואָס האָבן די צווייפל־געדאַנקען אויסגעדריקט, זיינען געוואָרן פאַרהייליקט און זייערע ווערק קאַנאָניזירט.

מיר האָבן אַ סך אַזעלכע אויסדרוקן פון צווייפל אין די צוויי ווערק וואָס זיינען אין גאַנצן אָפּגעגעבן צו די דאָזיקע געדאַנקען. די צוויי ספרים זיינען „קהלת" און „איוב". אָבער נאָך פריער זיינען דאָ אַזעלכע צווייפלען אין תהלים.

אין תהלים זיינען דאָ צוויי־ערליי פראַגן צו גאָט: דער ערשטער זאָרט איז אויפן שטייגער פון אברהם, משה און אַנדערע נביאים, ווי למשל אין קאַפּיטל פ"ח, ווען דער משורר פרעגט גאָט פאַרוואָס ער העלפט אים ניט, און ער זאָגט: „עס איז אָנגעזאָפּט געוואָרן מיט צרות מיין לייב און מיין לעבן האָלט שוין באַלד ביים גרוב . . . איך רוף צו דיר גאָט און דו ענטפערסט מיר ניט . . . ווען וועט קומען די ישועה? צי צו די טויטע וועסטו טאָן וואונדער? וועלן פאַרשטאָרבענע דיך לויבן? וועט מען אין קבר דערציילן פון דיין גענאָד? וועט מען אין דער פינסטערניש וויסן דיינע גרויסקייטן? פאַר־וואָס, גאָט, טוסטו פאַרלאָזן מיין נשמה און דו טוסט באַהאַלטן דיין פּנים פון מיר?". דאָס זיינען טענות צו גאָט פון אַ פערזענלעכן כאַראַקטער. אָבער עס זיינען אויך דאָ שטעלן פון אַן אַלגעמיינעם וועלט־כאַראַקטער, ווי,

למשל: „פאַרוואָס האָסטו מיט פאַלשקייט געשאַפן דעם מענטשן?" („על מה שוא בראת בני אדם?"). צווייפל ווערט אויך אויסגעדריקט אין אַנדערע שטעלן צי עס איז דאָ פאַרגעלטיקונג פאַרן צדיק און באַשטראָפונג פאַרן רשע.

זייער שטאַרק אָבער קומט עס צום אויסדרוק אין קהלת, וועלכער הויבט גלייך אָן מיט צווייפל אין גאָט'ס גערעכטיקייט. ער זאָגט: „ווער ווייסט צי דער גייסט פון מענטש גייט אַרויף אין דער הויך און דער גייסט פון דער בהמה גייט אַראָפּ אונטן?" ער קומט אַפילו צום באַשלוס, אַז „די טויטע ווייסן גאָר ניט און האָבן ניט מער קיין שום שכר, ווייל עס ווערט פאַרגעסן זייער אָנדענקונג"; „עס איז פאַראַן אַ צדיק וואָס קומט־אום אין זיין גערעכטיקייט און אַ רשע וואָס לעבט לאַנג אין זיין שלעכטס"; דעריבער איז דאָס בעסטע פון אַלעם „צו הנאה האָבן פון לעבן"; „גיי, עס מיט פריידן דיין ברויט און טרינק מיט אַ גוט האַרץ דיין וויין", ווייל „עס איז בעסער די טויטע וואָס זיינען שוין געשטאָרבן ווי די לעבעדיקע וואָס לעבן נאָך".

אין ספר איוב ווערן די צווייפלען אַרויסגעזאָגט אויפן זעלבן אופן ווי אין קהלת, נאָר אין אַ מער פאָעטישער שפּראַך. דער גאַנצער ספר, וואָס באַשטייט פון 42 קאַפּיטלען, איז אַזוי געבויט, אַז אין 37 פון זיי (אַ חוץ די צוויי פון אָנהויב, וואָס זיינען ווי אַן איינלייטונג, און די לעצטע דריי קאַפּיטלען צום סוף, וועלכע זיינען אַן ענטפער פון גאָט אויף אַלע פראַגן און צווייפלען) קומען צום אויסדרוק די ספקות אין גאָט'ס פירונג און גערעכטיקייט דורך איוב'ן און זיינע דריי פריינט אליפז התימני, בלדד השוחי און צופר הנעמתי.

אָט די פראַגן און צווייפלען, וועלכע זיינען אונז איבערגעגעבן געוואָרן בירושה פון די פריערדיקע דורות, אין דער פאָרם פון פאַרהייליקטע ספרים, האָבן געעפנט דעם וועג פאַר אַ פילאָזאָפיע וועגן אידנטום, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק דורך די באַרימטע אידישע פילאָזאָפן פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע, אָבער וועלכע האָט שוין געהאַט איר אָנהויב נאָך אין בבל, אין צענטן יאָרהונדערט, דורך דעם ערשטן גרויסן אידישן דענקער ר' סעדיה גאון (געבוירן געוואָרן אין מצרים אין יאָר 892, געלעבט און געווירקט אין בבל אַלס ראש־ישיבה פון סורא און נפטר געוואָרן דאָרטן אין יאָר 942).

זינט דעמאָלט ציט זיך אַ קייט פון אידישע פילאָזאָפן איבער פיל לענדער און דורות ביזן היינטיקן טאָג, און אַלע מיט דער זעלבער אויפגאַבע צו פאַרשן און וועלן פאַרשטיין די לערע פון אידנטום און וואָס זי מיינט פאַרן אידישן פאָלק.

* * *

אָבער איידער מיר גייען וויטער צו רעדן וועגן די אידישע פילאָזאָפן, ווילן מיר דאָ קלאָר מאַכן, וואָס אָט דער באַגריף מיינט. וואָרים „אידישע פילאָזאָפן" מיינט ניט גלאַט פילאָזאָפן, וואָס זיינען אידן, נאָר עפּעס אַנדערש. עס מיינט: „אידישע רעליגיעזע פילאָזאָפן", וואָס איז גאַנץ אַנדערש פון

סתם פילאָזאָף, אָדער אַפילו פון באַגריף „אידישע פילאָזאָפיע". דער אונ־טערשייד איז זייער אַ גרויסער און עס איז דעריבער וויכטיק צו וויסן באַלד אין אָנהויב וואָס עס מיינט.

אַ פילאָזאָף איז, ווי מיר פאַרשטייען, אַ מענטש וואָס פרעגט פראַגן און זוכט אַן ענטפער וועגן דער געטלעכקייט; וועגן דער פירונג פון דער וועלט; ווי אַזוי עס איז געבוירן געוואָרן לעבן? ווען עס האָט זיך אָנגע־הויבן די ערשטע באַוועגונג? און בכלל וואָס עס איז דער זין פון לעבן?

כדי צו ענטפערן אויף אָט די פראַגן, דאַרף דער פילאָזאָף זיין פריי פון יעדער פאַרבינדונג צו אַן אידעע אָדער צו אַ גלויבן. ער דאַרף ניט האָבן קיין שום שטערונג אין וועג פון זיין טראַכטן אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען אין זיינע געדאַנקען דערגיין ווי וויט ער וויל; ער זאָל ניט דאַרפן אָפּווענדן זיין געדאַנקען־גאַנג ניט אויף רעכטס און ניט אויף לינקס. אָט דאָס זיינען געווען מערסטנטיילס די גריכישע פילאָזאָפן.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז עס מיט אַ פילאָזאָף, וואָס שטייט אויפן באָדן פון אַ רעליגיע, זאָגן מיר די אידישע רעליגיע (מיט די פילאָזאָפן פון אַנדערע רעליגיעס איז עס נאָך ערגער). אַזאַ פילאָזאָף קאָן ניט און טאָר ניט טראַכטן פריי, ווי ער וויל. ער קאָן ניט, למשל, זיך דערטראַכטן, צו לייקע־נען אין גאַנצן אין גאָט, ווי עס קאָן טאָן דער פילאָזאָף וואָס איז ניט געבונדן צו אַ רעליגיע. ניין, דער רעליגיעזער פילאָזאָף מוז קודם־כל אַנערקענען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און דערצו נאָך פיל אַנדערע אַטריבוטן און זאַכן, וואָס זיין רעליגיע שרייבט אים פאָר אַלס אַ מוז, אַלס אַן ערשטע באַדינגונג פון זיין גלויבן. דעריבער קומט אויס דאָס דענ־קען און פילאָזאָפירן פון דעם „רעליגיעזן פילאָזאָף" פיל אַנדערש, ווייל זי איז דאָך ניט קיין פרייע. זי איז געבונדן פון אָנהויב אָן און האָט ניט די פרייע און גרויסע מעגלעכקייטן ווי עס האָט, למשל, דער יעניגער פילאָזאָף וואָס ווייסט ניט פון קיין שום שטערונגען.

דעריבער דאַרף מען וויסן און געדענקען, אַז אַלע אידישע פילאָזאָפן זיינען געווען „רעליגיע־פילאָזאָפן" אַ חוץ איינעם, ברוך שפינאָזאַ, וועלכער האָט געוואָלט זיין אַ פרייער פילאָזאָף און איז דעריבער אַרויס — פון די גרענעצן פון אידנטום.

מיר וועלן דעריבער זיך באַקענען איצט מיטן ערשטן אידישן פילאָזאָף, ר' סעדיה גאון.

.2

# ר׳ סעדיה גאון און זיין שיטה

**ווי אַזוי ר׳ סעדיה איז געוואָרן גאון פון דער ישיבה אין סורא. — זיין קאַמף מיט בן מאיר פון ירושלים, וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט. — זיינע קאַמפן מיט די קאַראַאימער. — ער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם ראש־הגולה און וויל ניט בויגן זיין קאָפּ פאַר אים. — צוליב דעם מוז ער פאַרלאָזן די ישיבה און לעבט אין אָרעמקייט. — שפּעטער אָבער קומט דער ראש הגולה צו אים און בעט אים איבער, און ער פאַרנעמט צוריק דעם אַמט פון גאון אין סורא. — זיין ווערק „האמונות והדעות״. — ר׳ סעדיה׳ס צען פונקטן.**

ר׳ סעדיה גאון איז געווען איינער פון די סאַמע ליכטיקסטע געשטאַלטן אין דער אידישער געשיכטע. ער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט און אַ „פוסק״ (איינער וואָס אַלע רבנים פון דער גאַנצער וועלט נעמען אָן זיין אַנטשיידונג אין ענינים פון הלכה און מען פּסק׳נט אַזוי ווי ער זאָגט). ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע פילאָזאָפן ביי אידן און אַ מחבר פון אַ פילאָזאָפיש ווערק, וואָס איז געבליבן באַרימט ביזן היינטיקן טאָג. ער איז דערצו אויך געווען אַ גרויסער שפּראַכן־קענער, איבערהויפּט פון העב־רעאיש און אַראַביש. אַ ביבל־פאַרשער, אַ שאַפער פון פּיוטים און תפילות, אַ לעקסיקאָגראַף, און דער ערשטער וואָס האָט געשאַפן אַ סדר פון אידישע תפילות אין זיין באַרימטן „סידור״. אין פילע הינזיכטן איז ער געווען ענלעך צו אַ צווייטער גרויסער פּערזענלעכקייט אין אידישן לעבן — דער רמב״ם, וואָס איז געקומען מיט עטלעכע דורות נאָך אים. ר׳ סעדיה גאון האָט געהאַט אַ השפּעה אויפן אידישן לעבן, וואָס האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג.

מיר וועלן זיך דעריבער באַקענען, צום ערשטן, מיט זיין לעבן און ווירקן, און דערנאָך מיט זיין פילאָזאָפישער שיטה אין אידנטום. אָבער איידער מיר גייען דאָס טאָן, ווילן מיר זיך פריער אָפּשטעלן אויף זיין סביבה, כדי אים בעסער צו קענען און מער צו פאַרשטיין.

* * *

דאָס איז געווען אין בבל. דער תלמוד, וועלכן מיר רופן אָן „תלמוד בבלי״, דער תלמוד פון בבל (אין קעגנזאַץ צום תלמוד ירושלמי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ירושלים, ארץ־ישראל) איז געוואָרן פאַרענדיקט אומ־געפער אין יאָר 500 פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. נאָכן אָפּשליסן

דעם תלמוד איז געווען, ווי מיר האָבן שוין געשילדערט פריער, אַ קורצע עפּאָכע פון אידישע געלערנטע וואָס זיינען גערופן געוואָרן „רבנן סבוראי" (פון דעם וואָרט „סברא" — פאַרשטיין). די רבנן סבוראי" זיינען געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געמאַכט די לעצטע פאַרענ־דיקונגען צום תלמוד. זיי האָבן איבערגעשטעלט געוויסע זאַכן; אין געוויסע ערטער עפּעס וצגעשריבן, און אין אַנדערע ערטער ווידער קלאָר געמאַכט, וואָס עס איז געווען ניט גענוג קלאָר. זייער עפּאָכע האָט געדויערט צווישן צוויי אָדער פיר דורות (עס איז דאָ וועגן דעם אַ מיינונג־פאַרשידנקייט). באַלד נאָך זיי הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין בבל, וועלכע איז באַקאַנט אַלס „די תקופה פון די גאונים".

אין יענער צייט האָבן די אידן אין בבל געהאַט אַ מין אויטאָנאָמיע. זיי האָבן געהאַט אַ פירער, וועלכער האָט געהייסן „ראש הגולה" (אָדער אויף אַראַמעאיש „ריש גלותא", אויף לאַטייניש — „עקסילאַרך"), וועלכער האָט געהאַט די גאַנצע דעה איבער אַלע ציווילע ענינים פון די אידן. נעבן אים האָט אויך געהערשט דער „גאון", דער ראש פון דער ישיבה פון דער שטאָט סורא, וועלכער האָט געהאַט די הויפּט־דעה איבער אַלע אידישע רעליגיעזע ענינים. אָט די צוויי פּערזענלעכקייטן האָבן אָנגעפירט מיטן גאַנצן אידישן לעבן אין בבל. דער עקסילאַרך (ראש הגולה) האָט באַשטימט דעם „גאון" פון דער סוראָ'ער ישיבה, ווייל ער האָט געהאַט אַ מאַכט ווי אַ וויצע־קעניג.

אין בבל איז דעמאָלט געווען נאָך אַ הויפּט פון אַ צווייטער גרויסער ישיבה. דאָס איז געווען די ישיבה פון „פומבדיתא" (פּומבעדיטאָ). אָבער דער גאון פון פומבדיתא איז געווען דער צווייטער אין ראַנג נאָך דעם גאון פון סורא.

די עפּאָכע פון די גאונים איז אַ המשך פון תלמוד. זי איז דער לעצטער טייל פון דער תלמודישער עפּאָכע. אָן די גאונים וואָלט דער תלמוד געבליבן אַ פאַרשלאָסן בוך, ווייל מען וואָלט ניט געוואוסט ווי אַזוי דער דין איז. ווי מיר האָבן שוין דערקלערט פריער, איז אין דער גמרא כמעט נישטאָ קיין שום אָפּשליסונגען נאָך אַ דיסקוסיע צו וויסן ווי אַזוי עס בלייבט די הלכה. שפּעטער האָבן דאָס אַביסל געטאָן די רבנן סבוראי, אָבער נאָך זיי האָבן זיך דערמיט פאַרנומען די גאונים, די פירער פון די גרויסע ישיבות אין בבל, וואו די אמוראים האָבן פריער געלערנט מיט זייערע תלמידים.

וועגן דער צייט פון די גאונים און וויפיל גאונים עס זיינען בכלל געווען און וויפיל אין סורא און פומבדיתא, האָבן מיר שוין דערקלערט פריער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן די גאונים, אָבער וועגן דער צייט וואָס מיר ווילן דאָ ריידן איז שוין צום סוף פון דער גאונים־תקופה.

ר' סעדיה גאון איז געווען דער לעצטער גאון פון דער ישיבה פון סורא. אָבער ווי אַזוי ער איז געוואָרן דער גאון פון סורא און ווי אַזוי ער האָט געפירט דעם קאַמף קעגן דעם עקסילאַרך, איז אַ העכסט־אינטערעסאַנט קאַפּיטל געשיכטע, וואָס ווייזט אונז וואָס פאַר אַ שיינע און שטאַרקע פּערזענ־

לעכקייט ער איז געווען. ר׳ סעדיה האָט זיך ניט געבויגן פאַר די רייכע און שטאַרקע, און ער האָט געקעמפט און געליטן ביז ער האָט ענדלעך געזיגט און אויסגעפירט, אַז די וואָס האָבן אים גע׳רודפ׳ט, האָבן געמוזט קומען צו אים, פאַלן צו זיינע פיס און בעטן אים, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין. אָבער דאָס ווילן מיר דאָ דערציילן אויספירלעך.

* * *

ר׳ סעדיה גאון איז געווען דער איינציקער צווישן די גאונים פון יענער עפּאָכע, וועלכער האָט ניט געשטאַמט פון בבל, נאָר פון עגיפּטן. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף מיטן נאָמען דילאַזש, אין דער פּראָווינץ פאַיום, אין עגיפּטן, אין יאָר 882. זיין פאָטער איז געווען אַ בן־תורה און אַ געשעפטס־מאַן. סעדיה האָט געלערנט ביי די גרויסע רבנים פון עגיפּטן און אויך ביי די גרויסע אַראַבישע געלערנטע פון יענער צייט, צווישן זיי איז געווען דער באַרימטער היסטאָריקער מסעוד. שפּעטער איז ער געפאָרן לערנען אין די ישיבות פון ארץ־ישראל. ער האָט גאַנץ פרי אָנגעהויבן צו שרייבן און צו שאַפן ווערק פון גרויסער באַדייטונג. זיין ערשטע אַרבעט איז געווען אַ ווערק מיטן נאָמען „איגרון״, אַ ווערטער־בוך פאַר פּאָעטן צו העלפן זיי געפינען אַ גראַם פאַר זייערע שאַפונגען. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע פון פּאָלעמישע בראָשורן קעגן די קאַראַאימער, וועלכע האָבן דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ארץ־ישראל, מצרים און אין בבל און ער האָט ביטער געקעמפט קעגן זיי. די בראָשורן האָבן זיך באַלד פאַרשפּרייט אין אַלע געלערנטע קרייזן און אים געמאַכט אַ נאָמען. דעריבער, ווען ער איז שפּעטער געקומען קיין בבל, האָט מען אים צוגעטיילט פיל כבוד. דער עקסילאַרך פון די אידן אין יענער צייט איז געווען דוד בן זכאי, אַליין אַ גרויסער תלמודיסט און געלערנטער. ער האָט שוין געהאַט געהערט פון אים. האָט ער אים איינגעלאַדן צו זיך און מיט אים געשמועסט אין לערנען און אין וויסנשאַפטן. ער האָט באַלד געזען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ גרויסן געלערנטן, וואָס זיין גלייכן איז ניטאָ אין בבל. אַזוי ווי דער פּלאַץ פון גאון פון דער ישיבה פון סורא איז דעמאָלט געווען ליידיק צוליבן טויט פון לעצטן גאון, האָט דער ראש הגולה אים געגעבן דעם אַמט און האָט אים באַשטימט פאַרן „גאון״ פון סורא׳ער ישיבה.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך געשאַפן אַ נייע לאַגע אין דער אידישער וועלט, וואָס האָט שיער ניט צעשפּאַלטן דאָס אידישע פאָלק אין צוויי טיילן. אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסער געלערנטער אין ירושלים מיטן נאָמען ר׳ אהרן בן מאיר, וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט אַ טעאָריע, אין יאָר 921, אַז דער אידישער לוח, ביי וועלכן די אידן פון דער גאַנצער וועלט האַלטן זיך, און וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין בבל, איז ניט ריכטיק. ער מאַכט אַ טעות אין 2 טעג און צוליב דעם דאַרף מען פייערן אַלע ימים טובים מיט 2 טעג פריער. דאָס וועלט־אידנטום איז צוליב

דעם געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן. עס איז אויסגעקומען, אַז אין ארץ־ישראל זאָל מען האַלטן פסח, שבועות, ראש־השנה, יום־כיפור און סוכות מיט צוויי טעג פריער ווי אין בבל און אין אַנדערע לענדער. דאָס האָט געמיינט אַ גרויסע סכנה פאַרן אידישן פאָלק, ווייל עס וואָלט צעטיילט די אידן אין צוויי פעלקער. פאַקטיש זיינען שוין געווען אַריבער צוויי יאָר, ווען די אידן פון ארץ־ישראל האָבן געהאַלטן די ימים־טובים מיט צוויי טעג פריער ווי אין בבל. דאָ האָט ר׳ סעדיה גאון, וועלכער איז געווען אויך אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער און אַן אַסטראָנאָם, גענומען דאָס וואָרט און געוויזן זיין כוח. ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע בראָשורן אין וועלכע ער האָט אויפגעוויזן, אַז בן־מאיר ווייס ניט וואָס ער רעדט און אַז ער איז פאַלש פון אָנהויב ביזן סוף. די בראָשורן זיינען געווען אַזוי קלאָר און דערצו אַזוי גוט באַגרינדעט וויסנשאַפטלעך, אַז זיי האָבן געמאַכט אויף אַלע אַ שטאַרקן איינדרוק. מען האָט איצט איינגעזען, אַז ר סעדיה איז גערעכט און פון דער גאַנצער ספעקולאַציע פון בן־מאיר׳ן איז גאָרנישט געוואָרן.

איצט האָט ר׳ סעדיה גענומען אָנפירן אַ צווייטן שאַרפן קאַמף און דאָס מאָל מיט די קאַראַאימער. ער האָט געשריבן איין בראָשורע נאָך דער אַנדערער קעגן זיי. די בראָשורן אויף העברעאיש און אַראַביש האָבן געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז זיי האָבן אָפּגעהאַלטן דעם פּראָגרעס פון די קאַראַאימער און ביסלעכוויז איז זייער השפעה אין בבל, אין עגיפּטן און איבערהויפּט אין ארץ־ישראל געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ קלענער און וויניקער.

אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ סעדיה גאון האָט די ישיבה פון סורא, וועלכע איז געווען שוין אין אַ שפּל׳דיקן מצב, צוריק אויפגעלעבט, האָט בסדר צוגעקראָגן נייע תלמידים און אויך די פינאַנסן פון דער ישיבה האָבן זיך פיל פאַרגרעסערט.

אין יענער צייט איז געווען אַ מאָדע, ווי עס איז אויך היינט, אַרויס־צושיקן משולחים צו זאַמלען געלטער פאַר דער ישיבה. די משולחים האָבן אַלע געלטער געבראַכט צום ראש הגולה דוד בן־זכאי. ר׳ סעדיה גאון האָט געוואָלט האָבן אַ חשבון פון די געלטער, אָבער ר׳ דוד בן־זכאי האָט דאָס אים ניט אַזוי גערן געגעבן. נאָך פיל רייד האָט דער ראש הגולה געזאָגט צו ר׳ סעדיה׳ן, אַז עס קומט אַריין אַן ערך 70,000 גאָלד־שטיקלעך אַ יאָר פאַר דער ישיבה און האָט געוואָלט, אַז ער זאָל קריגן 10 פּראָצענט פון דער גאַנצע סומע. ר׳ סעדיה האָט אים אָבער דערקלערט, אַז דאָס גאַנצע געלט דאַרף גיין פאַר דער ישיבה און אַז ער איז צו גאָר־ניט באַרעכטיקט.

ר׳ דוד בן זכאי האָט דעריבער שוין מער ניט געוואָלט רעדן מיט דעם גאון וועגן די געלטער און האָט געשיקט צו אים זיין זון מיט אַ פּאַפּיר, אַז ער זאָל אונטערשרייבן, אַז דעם ראש־הגולה קומט 10 פּראָצענט. אָבער דער גאון האָט ניט געוואָלט אונטערשרייבן דאָס פּאַפּיר. דער זון פון ראש־

הגולה איז געוואָרן אויפגערעגט. ר׳ סעדיה האָט אים אָבער געזאָגט: „זאָג דיין טאַטן, אַז ער איז דערצו ניט באַרעכטיקט!" ווען דער זון האָט דאָס געהערט, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און געוואָלט אַראָפּלאָזן ר׳ סעדיה׳ן אַ פּאַטש. די וואָס זיינען געשטאַנען דערביי האָבן עס ניט דערלאָזט און האָבן דעם זון אַרויסגעוואָרפן פון דער ישיבה.

האָט זיך איצט צעפלאַקערט אַ פייער פון מחלוקת צווישן ראש־הגולה און דעם גאון. ביידע האָבן געהאַט צדדים. בן־זכאי האָט געוואָלט, אַז ר׳ סעדיה זאָל אונטערשרייבן דעם פּאַפּיר, אַז ניט וועט ער אים אַראָפּזעצן פון אַמט. דערויף האָט ר׳ סעדיה אים געענטפערט, אַז ער בויגט זיך ניט פאַר שטאַרקע און רייכע. בן־זכאי האָט אים דעמאָלט אַראָפּגעזעצט פון אַמט, האָט ר׳ סעדיה אַראָפּגעזעצט בן־זכאי׳ן אַלס ראש הגולה. בן־זכאי האָט באַשטימט אויף ר׳ סעדיה׳ס פּלאַץ אַן אַנדערן, אַ גאַנץ קליינעם תלמיד־חכם, יוסף בן יעקב. האָט ר׳ סעדיה באַשטימט אַלס ראש־הגולה איינעם, יהושע חזן, אַן איינגערן ברודער פון בן־זכאי׳ן. ר׳ סעדיה האָט געקראָגן אין דעם קאַמף די שטיצע פון דער געלערנטער וועלט, אָבער בן־זכאי האָט געקראָגן די שטיצע פון די רייכע אידן. אַזוי האָט געדויערט דער קאַמף צוויי יאָר, ביז ענדלעך בן־זכאי האָט געזיגט, און ר׳ סעדיה האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם אַמט, ווייל ער איז געווען ניט קיין בירגער פון בבל, נאָר פון עגיפּטן. פאַרן אַוועקגיין האָט בן־זכאי נאָך אַלץ געוואָלט פּועל׳ן ביי ר׳ סעדיה׳ן, אַז ער זאָל אים נאָכגעבן און בלייבן אויפן פּאָסטן, אָבער ר׳ סעדיה האָט אים געענטפערט: „עס איז בעסער צו שטאַרבן פון הונגער ווי צו טאָן אַ זאַך, וואָס איז קעגן מיין געוויסן!" ר׳ סעדיה האָט איצט געמוזט פאַרלאָזן בבל און פיר צי פינף יאָר צייט האָט ער געלעבט אין באַגדאַד מיט זיין פאַמיליע, אַ ווייב און צוויי קינדער, אין גרויס אָרעמקייט. ער האָט געלעבט דערפון וואָס פריינט האָבן אים געגעבן אויף צו לעבן, אָבער אין אָט די יאָרן האָט ער געשאַפן זייער פיל ווערק, וואָס זיינען געבליבן אויף אייביק. אַזוי האָט ער צווישן אַנדערע געשאַפן אַ וויסנשאַפטלעכן פירוש אויף דער תורה אויף אַראַביש, דאָס ערשטע אויף דעם געביט וועגן דעם ביבל. אַ צווייטע ווערק וואָס ער האָט אויך געשריבן אויף אַראַביש הייסט „קיטאַב אַל־אַמאַנאַת ואַלאַעתקאַדאַת" (אַ שריפט וועגן גלויבן און מיינונגען). דער בוך איז איבער־זעצט געוואָרן שפּעטער אויף העברעאיש פון איבן תבון, אונטערן נאָמען „האמונות והדעות". די העברעאישע איבערזעצונג האָט דעם בוך געמאַכט צוגענגלעך צו אַלע אידן און האָט אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס, אַז עס איז כסדר איבערגעשריבן געוואָרן און ווען עס איז אויפגעקומען די דרוק־קונסט, איז עס געווען פון די ערשטע ווערק וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן. עס איז צום ערשטן דערשינען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1562 און זייט דעמאָלט איז עס שוין צענדליקער מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

* * *

די גרעסטע זאַך אָבער אין ר׳ סעדיה גאונ׳ס לעבן איז געווען דאָס, וואָס בן־זכאי איז געקומען צו אים קיין באַגדאַד, האָט אים איבערגעבעטן און אים צוריק באַשטימט פאַרן גאון פון דער ישיבה אין סורא. דערביי האָט ר׳ דוד בן זכאי אים געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז עס איז ניטאָ קיין גרעסערער ווי ער, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ אַלס ראש־ישיבה פון סורא. ביידע, בן־זכאי און ר׳ סעדיה האָבן זיך געגעבן די הענט און זיך איבערגעבעטן. ווען ר׳ סעדיה איז געקומען קיין סורא איז געווען ערב פּורים, האָט בן־זכאי געוואָלט, אַז ר׳ סעדיה זאָל זיין ביי אים ביי דער פּורים־סעודה. ר׳ סעדיה האָט אָבער געוואָלט, אַז בן־זכאי זאָל קומען צו אים, צו דער סעודה, האָט מען געוואָרפן גורל און עס איז אויסגעפאַלן, אַז ר׳ סעדיה דאַרף גיין צו בן־זכאי׳ן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווי פּראָפ. ב. מאַלטער, דער בעסטער ביאָגראַפער פון ר׳ סעדיה, דערקלערט, האָט ר׳ סעדיה גאון געשאַפן אין זיין לעבן ניט ווייניקער ווי הונדערט ווערק אויף העברעאיש און אויך ניט ווייניקער ווי 200 אויף אַראַביש.

ניט לאַנג נאָך דעם שלום צווישן די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, איז דער עקסילאַרך בן־זכאי געשטאָרבן און אַ פּאָר חדשים שפּעטער אויך זיין זון יהודה, דער וועלכער האָט געוואָלט פּאַטשן דעם גאון. דער זון האָט געלאָזן אַ קליין אינגל פון עלף יאָר, וועלכן ר׳ סעדיה האָט גענומען צו זיך און אים דערצויגן ווי אַן אייגן קינד. אָבער אויך ער, ר׳ סעדיה, האָט שוין לאַנג ניט געלעבט. ער האָט זיך געהאַט צופיל אָנגעליטן און זיין געזונט איז רואינירט געוואָרן. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 50 יאָר, 26 טאָג אין אייר פון יאָר 942 אין סורא.

* * *

מיר ווילן איצט זיך אָפּשטעלן אויף דעם ספר „האמונות והדעות" וואו ר׳ סעדיה פּרובירט דער ערשטער צו באַגרינדן דאָס אידנטום לויט וויסנשאַפט. זיינע געדאַנקען זיינען היינט פּונקט אַזוי פריש און פאַרשטענדלעך ווי אין דער צייט, אַן ערך טויזנט יאָר צוריק, ווען זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

ר׳ סעדיה גאונ׳ס ספר „האמונות והדעות" (גלויבנס און מיינונגען) איז אַ ווערק וואָס איז געשאַפן געוואָרן, לכתחילה, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָס אידנטום דורך לאָגיק. דער ציל איז געווען צו באַזייטיקן די צווייפלען וואָס מען האָט בנוגע געוויסע הנחות פון דער אידישער אמונה, דורך פילאָזאָפישן דענקען. ווערק פון אַזאַ כאַראַקטער זיינען דאָ אין אַלע רעליגיעס, ווי, למשל, אין דער קריסטלעכער און דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע. דאָס איז „טעאָלאָגיע" (רעליגיעזע פאָרשונג). אָבער דאָך זיינען ניט אַלע ווערק פון טעאָלאָגישן געביט גלייך איינס צום אַנדערן, ווייל עס ווענדעט זיך וויפיל פילאָזאָפיש דענקען דער מחבר טוט אַריין אין זיין ווערק אויף צו פאַרטיידיקן די רעליגיע

און — הויפטזעכלעך — וואָס פאַר אַ ראָלע דאָס פילאָזאָפישע דענקען שפילט אין דער אַרבעט; צי די פילאָזאָפיע בויגט זיך פאַר דער רעליגיע אָדער, פאַרקערט, די רעליגיע פאַר דער פילאָזאָפיע. עס זיינען פאַראַן טעאָלאָגן, ביי וועלכע די רעליגיע איז דער עיקר און די פילאָזאָפיע בלויז אַ טפל. אַזאַ איינער שניידט צו די פילאָזאָפיע לויט דער מאָס פון דער רעליגיע. עס זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע, וואָס ביי זיי איז די פילאָזאָפיע דער עיקר און זיי פאַסן צו די רעליגיע צו דער פילאָזאָפיע.

ווען מען נעמט אין באַטראַכט די אידישע פילאָזאָפן זעט מען, אַז עס זיינען געווען ביי זיי ביידע סאָרטן, סיי אַזעלכע וואָס האָבן צוגעפּאַסט די פילאָזאָפיע צו דער רעליגיע און סיי אַנדערע וואָס האָבן צוגעפּאַסט די רעליגיע צו דער פילאָזאָפיע.

ווי אַזוי טוט עס ר׳ סעדיה גאון?

אָבער איידער מיר קומען צו דעם, דאַרף מען וויסן, וועלכע פילאָזאָפיע ר׳ סעדיה גאון האָט אַנגעווענדעט אין זיין ווערק „האמונות והדעות״. איז עס געווען אַן אָריגינעלע פילאָזאָפישע שיטה, אָדער אַ שיטה פון אַן אַנדער פילאָזאָף, און אויב עס איז אַן אַנדערנס שיטה, ווער איז געווען דער דאָזיקער פילאָזאָף און דענקער? עס איז אויך וויכטיק צו וויסן ווי אַזוי ר׳ סעדיה איז געקומען צו דעם אַרט דענקען: איז עס געווען פון די ביכער פון די אַראַבישע פילאָזאָפירנדע שרייבער וואָס ער האָט געלייענט, אָדער עס איז געווען אַ געוויסער פילאָזאָף וואָס האָט אים אַזוי באַאיינפלוסט?

ווען מיר קומען צו דעם פונקט, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן באַזונדערס אויף דער אַראַבישער אויפלעבונג וואָס עס איז געווען אין יענער צייט. ר׳ סעדיה גאון האָט געלעבט אין סאַמע מיטן פון דער אַראַבישער רענעסאַנס־עפּאָכע (זי האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 750, מיטן קומען פון מאַכמעד׳ן און האָט געדויערט ביזן יאָר 1250 און לויט אַנדערע ביז 1258), וועלכע איז געווען די שענסטע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער אַראַבישער וועלט.

אָבער ווי אַזוי עס איז געקומען צו דער אַראַבישער אויפלעבונג און וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די עפּאָכע געהאַט פאַר דער וועלט און פאַר די אידן?

לאָמיר גיין כסדר.

* * *

ביזן קומען פון מאַכמעד, זיינען די ישמעאלים געווען פאַרזונקען אין געצנדינסט. זיי זיינען געווען נאָמאַדן, געוואַנדערט אין מדבר און פון קיין שום גייסטיק לעבן ניט געוואוסט. ערשט מיטן קומען פון מאַכמעד׳ן הויבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין דער אַראַבישער פאַרשלאָפענער וועלט.

מאַכמעד, דער גרינדער פון דער איסלאַמישער רעליגיע און דער שאַפער פון „קאָראַן״, איז טאַקע געווען אַ פּראָסטער קעמל־טרייבער און אַן „אַנאַלפאַ־

בעט״ (איינער וואָס קען ניט שרייבן און לייענען), אָבער ער האָט געהאַט אין זיך אַ גרויסן גייסט, וואָרים אויב ניט, וואָלט ער ניט באַוויזן אויפצוטאָן דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן. ער האָט אויך געהאַט גענוג שכל אַרומ־צוריגלען זיך מיט אידישע געלערנטע, וועלכע האָבן פאַר אים געעפנט די אוצרות פון דער ביבל, תלמוד און מדרשים. נאָך מער, אייניקע פון די געלערנטע זיינען אפילו געווען זיינע סעקרעטאַרן און האָבן פאַר אים גע־שריבן, ווי עס איז באַוויזן געוואָרן, גאַנצע טיילן פון זיין „קאָראַן״.

וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן מאַכמעד׳ן, דער אמת איז, אַז ער האָט אָפּגעשאַפט, טיילוויז מיט זיין גייסטיקן כח און טיילוויז מיטן כח פון דער שווערד, געצנדינסט ביי די אַראַבישע נאָמאַדן און האָט זיי אָנשטאָט דעם געגעבן אַן איינציקן גאָט, וועלכער האָט געשאַפן דעם הימל און די ערד. מאַכמעד האָט אַפילו פאַר זיך ניט גענומען יענע געטלעכע ראָלע, צו זאָגן, אַז ער איז אַ זון פון גאָט, ווי עס האָט געטאָן פריער איינער פון אידישן פאָלק, נאָר ער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ פיל מער באַשיידענער פּאָזיציע, די פון אַ נביא, פון אַ שליח פון גאָט. ער האָט געלערנט זיינע אָנהענגער צו זאָגן פינף מאָל אין טאָג „אַל אַללאַה איל אַללאַ ומאַכמעד ראַזיל אַללאַה״ (עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט און מאַכמעד איז דער שליח פון גאָט). אָט די דערקענטעניש פון איין גאָט, צוזאַמען מיט די אוצרות פון דער אידישער וויסנשאַפט וואָס האָבן זיך פאַר אים פּלוצלונג אַנטפּלעקט און וואָס ער האָט אויך איבערגעגעבן צו זיינע תלמידים, האָבן געגעבן אַ שטאַרקן שטויס די פאַרשלאָפענע תאווה־פאַר׳שיכור׳טע אַראַבישע באַמאַדן, וועלכע האָבן אָבער געהאַט אין זיך גרויסע פּאָטענציעלע כוחות, און זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער לאַנגן שלאָף, אַוועקגעוואָרפן די געצן פון שטיין צו וועלכע זיי האָבן זיך געבוקט, און גענומען זען פאַר זיך אַ נייע וועלט.

אין יענער עפּאָכע האָבן די אַראַבער זיך אָנגעהויבן צו איב־טערעסירן מיט ליטעראַטור און וויסנשאַפט און האָבן געמאַכט פיל פּראָגרעס אין מעדיצין, מאַטעמאַטיקס, כעמיע (דעמאָלט נאָך: אַלכעמיע) און אין אַנדערע צווייגן פון געלערזאַמקייט. זיי האָבן אויך איבערגענומען די גרויסע ירושה פון די גריכישע פילאָזאָפן, וואָס איז געלעגן ערגעץ־וואו פאַר־שטויסן, פריער פון די רוימער און שפּעטער פון די קריסטן, און אַרויס־געוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין זייער דענקען, באַזונדערס אין די פילאָזאָפן פון דער סאָקראַטעס־עפּאָכע, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל, און זיי האָבן איבער־געזעצט פיל פון זייערע ווערק אויף אַראַביש.

אָבער ווי אַזוי איז עס געקומען פּלוצלונג צו אַזאַ אויפלעבונג ביי די אַראַבער? — דאָס דערקלערט זיך אויף אַזאַ אופן:

די אַראַבישע וועלט האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן גייסטיקן חלל, אַ וואַקיום. עס איז געווען די צייט ווען די אַלטע געטער זיינען צעשטערט געוואָרן און די נייע רעליגיע פון מאַכמעד׳ן האָט זיך נאָך ניט געהאַט איינ־

געוואָרצלט. עס זיינען נאָך ניט געווען קיין גייסטלעכע פירער, קיין רעלי־גיעזע פאָרשריפטן, קיין שלחן ערוך, וואָס אַ מאַכמעדאַנער מעג יאָ און וואָס ער טאָר ניט. די בעסערע אַראַבישע וועלט האָט דעריבער געזוכט עפּעס גייסטיקעס און זי האָט אַריבערגעקוקט צו די יעניגע גריכישע דענקער, וועלכע האָבן אויך געלעבט אין אַזאַ ענלעכער עפּאָכע, אין זייער צייט, ווען זיי האָבן דערוואַכט און אָוועקגעוואָרפן דאָס געצן־דינסט, ווי מיר האָבן עס שוין דערקלערט פריער אויספירלעך (אין דעם אָפּטיילונג וועגן די נביאים).

אָבער ניט אַלע גריכישע פילאָזאָפן זיינען געווען גלייך און דעריבער זיינען פאַר דער אַראַבישער וועלט פון אַלע גריכישע פילאָזאָפן געווען די סאַמע קלאָרסטע און נאָענטע די תלמידים פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל. פּלאַטאָן האָט אין זיינע ווערק פיל ביינעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון לאָגיק, פּסיכאָלאָגיע, עטיקס און שטאַטס־פירונג. אָבער פּלאַטאָן איז געווען מער אַקאַדעמיש. דערפאַר האָט אָבער אַריסטאָטעל געהאַט אַ מער פּראַקטישן זין און האָט פיל פון פּלאַטאָנ׳ס פאָרשונגען סיסטעמאַטיזירט און אַנאַליזירט. ער האָט אויך אויסגעאַרבעט זיין אייגענע שיטה וועגן וועלט־באַשאַף און וועגן די מענטש־באַציאונגען. נאָך פּלאַטאָנ׳ען און אַריסטאָטעל זיינען גע־קומען נאָך אַנדערע דענקער, אָבער, ווי געזאָגט, זיינען די לעצטע צוויי אַמשטאַרקסטן אויפגענומען געוואָרן אין דער אַראַבישער וועלט. די אַראַבישע דענקער פון יענער צייט זיינען ניט געווען קיין אָריגינעלע פילאָזאָפן, נאָר אַזעלכע וואָס האָבן אויפגענומען מיינונגען פון אַנדערע פילאָזאָפן, זיי אויסגעטייטשט און זיי צוגעפּאַסט צו זייער צייט, איבערהויפּט אין די ראַמען פון דער נייער איסלאַמישער רעליגיע. די שענסטע צייט אין דער אַראַבישער אויפלעבונגס־עפּאָכע איז געווען די 300 יאָר פון 900 קריסטלעכע צייט־רעכע־נונג ביזן יאָר 1200. די ערשטע הונדערט יאָר, נאָך אין בבל, און די לעצטע צוויי הונדערט יאָר שוין אין שפּאַניען ,אונטער דער הערשאַפט פון די קאַליפאַטן (קאַליף — אַ גייסטיקער איסלאַמישער הויפּט). אין יענער צייט האָט זיך געשאַפן אין דער אַראַבישער וועלט צוויי פילאָזאָפישע שולן פון דענקען, איינע איז געווען די פון די נייע פּלאַטאָניסטן און די צווייטע פון די אַריסטאָטעל־אָנהענגער. די ערשטע גרופּע האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע דענקער. דערפאַר זיינען צווישן די אַריסטאָטעל־אָנהענגער געווען אַזעלכע גרויסע פאָרשער ווי איבן אַל־ראַשיד, זיין זון הארון אַל־ראַשיד, דער פילאָזאָף מאַנסון און דער גרעסטער דענקער פון דער גאַנצער אויפלעבונגס־עפּאָכע, אַוויסענאַ (געלעבט פון 980 ביז 1037), וועלכער איז געווען אי אַ באַרימטער דענקער און אי אַ באַרימטער מעדיצינער (עס איז דאָ אַ מיינונג, אַז ער איז געווען אַ איד). אַוויסענאַ האָט געשאַפן אַן אייגענע פילאָזאָפישע שיטה דערמיט וואָס ער האָט געמאַכט אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן דער נייער פּלאַ־טאָנישער לערע און אַריסטאָטעל׳ס שיטה.

* * *

ר׳ סעדיה גאון איז געווען אַ תלמיד פון די דערמאָנטע אַראַבישע פילאָזאָפן, אָבער באַזונדערס פון איבן אַל־ראַשיד און עס איז געווען דער לעצטער, וועלכער האָט געהאַט אויף אים די גרעסטע השפעה. ר׳ סעדיה האָט געהאַלטן ראַשיד׳ס מיינונגען פאַר די סאַמע ריכטיקסטע און האָט זיי געוואָלט איינבירגערן אין אידנטום. ער האָט געוואָלט מיט זיי און דורך זיי שטאַרקן אידישקייט. דערביי איז ר׳ סעדיה געווען מער אויף דער זייט פון דער רעליגיע ווי אויף דער זייט פון דער פילאָזאָפיע. אויב ביים צופּאַסן די פילאָזאָפיע צו דער רעליגיע, האָט מען געדאַרפט מאַכן געוויסע ענדערונגען, האָט ער עס געטאָן אויפן חשבון פון דער פילאָזאָפיע. ר׳ סעדיה האָט געוואָלט דורך דעם פילאָזאָפישן דענקען פון ראַשיד׳ן שטאַרקן די אידישע אמונה, אַפילו ביי אַזעלכע פונקטן וואָס זיינען, פון אויבן אויף, ביט פון די הויפּט־עיקרים פון אידנטום, ווי למשל תחית המתים — דער גלויבן, אַז די טויטע וועלן צוריק לעבעדיק — ווייל פאַר אים זיינען געווען וויכטיק אַלע פונקטן פון אידנטום. ער האָט ביי יעדן פונקט געוואָלט באַזייטיקן ספקות און צווייפלען דורך לאָגיק און פילאָזאָפיש דענקען, אָבער דאָס האָט זיך אים ניט אַלע מאָל איינגעגעבן, ווי עס האָבן דערקלערט שפּעטער די קעגנער פון זיין פילאָזאָפישער שיטה.

אין ספר „האמונות והדעות" באַרירט ר׳ סעדיה גאון צען פונקטן וואָס ער דענקט אַז זיי זיינען די הויפּט־עיקרים פון דער אידישער אמונה און וועלכער יעדער איד מוז אָנערקענען אַלס די סאַמע וויכטיקסטע. ר׳ סעדיה גאון האָט געוואָלט קלאָר מאַכן פאַר די אידן פון זיין דור וואָס עס איז אַזוינס אידישקייט. ער האָט דעריבער נאָכגעזוכט און געפאָרשט, וואָס עס זיינען די הויפּט־פונקטן פון אידנטום, פון וועלכע אַ איד מוז האַלטן און געפונען אַז זייער צאָל איז צען. אָט די צען האָט ער באַגרינדעט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן. ר׳ סעדיה האָט געהאַט אַן אייגענע פילאָזאָפישע שיטה אויך אויפן אופן פון אַ פאַראייניקונג פון פּלאַטאָנ׳ס טעאָריע מיט דער פון אַריסטאָטעל׳ן. מיט אָט דעם געדאַנקען־גאַנג מאַכט ער קלאָר די צען פונקטן, וועלכע ער האַלט פאַר די וויכטיקסטע. איידער ער טוט דאָס, שטעלט ר׳ סעדיה אַוועק פריער פאָלגנדע פיר הנחות פון ראַציאָנעלן דענקען. ער ווייזט אויף, אַז אַלץ וואָס מיר ווייסן האָבן מיר צום ערשטן, פון דעם וואָס די פינף חושים זאָגן אונז. למשל, מיר ווייסן פון זאַכן פון דעם וואָס די אויגן זעען; די הענט טאַפּן אָן; די אויערן הערן; פון טעם פון מויל און פון דעם וואָס די נאָז דערשמעקט. דערנאָך קומט אַ צווייטער סאָרט פון וויסן, און דאָס איז פון דעם וואָס דער שכל זאָגט אונז, אַז עס איז אַזוי. למשל, דער שכל איז מחייב, אַז גערעכטיקייט איז גוט און פאַלשקייט איז שלעכט. נאָך דעם קומט אַן אַנדערע קוועלע פון וויסן און דאָס איז — דערפאַרונג. למשל, ווען מען בריט זיך אָפּ ביים אָנרירן אַ הייסן טאָפּ, ווייסט מען שוין צו זיין פאַר־

זיכטיק דאָס נאָך אַמאָל ניט צו טאָן. אָט דאָס איז אַזוי ביי אַלע זאַכן פון לעבן, אָבער עס איז דאָ נאָך אַ זאַך, פון וואָס מיר ווייסן וואָס צו טאָן און וואָס ניט, און דאָס איז — דאָס וואָס מיר נעמען איבער פון אונזערע עלטערן און וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע עלטערן, אַזוי אַ דור נאָך אַ דור. דאָס איז אויך אַ באַשטאַנדטייל פון אונזער וויסן.

אויף אָט די פיר קוועלן פון וויסן בויט ר׳ סעדיה אויס זיין בנין פון די צען פונקטן אין זיין ספר „האמונות והדעות״.

1) אַלס ערשטן פון די צען פונקטן באַטראַכט ר׳ סעדיה די אָנערקענונג אַז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן. אין דער גריכישער פילאָזאָפיע זיינען געווען דריי שיטות וועגן דעם באַשאַף פון דער וועלט. איין שיטה (די שיטה פון אַריסטאָטעל) איז געווען, אַז די וועלט איז ניט באַשאַפן געוואָרן און אַז זי האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף. די שיטה זאָגט, אַז פונקט אַזוי ווי למשל, מען פרעגט ניט וועגן גאָט, ווען ער איז געשאַפן געוואָרן, ווייל ער האָט ניט קיין אָנהויב און קיין סוף, אַזוי קען מען אויך דעם געדאַנק אַריבערטראָגן צו דער וועלט און זאָגן דאָס זעלבע וועגן איר. ד. ה. די וועלט עקזיסטירט פון אייביק אָן. פּלאַטאָנ׳ס שיטה איז געווען אַנדערש, אַז די וועלט איז יאָ באַשאַפן געוואָרן, נאָר עס איז געווען פריער עפּעס אַ שטאָף, וואָס האָט ניט געהאַט קיין צורה און קיין פאָרם און גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון אָט־דעם שטאָף, ער האָט דעם שטאָף געגעבן אַ צורה און אַ פאָרם. און עס איז געווען אַ דריטע שיטה (סאָקראַטעס), וואָס האָט געזאָגט, אַז אין אָנהויב זיינען געווען צוויי שטאָפן, אַ מאַטעריעלער און אַ גייסטיקער, און גאָט האָט פאַראייניקט ביידע שטאָפן און אַזוי אַרום געשאַפן די וועלט און דעם מענטש.

ר׳ סעדיה גאון האַלט ניט פון אַלע דריי שיטות. ער זאָגט, אַז אַ איד דאַרף אָנערקענען, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט און אַז ער האָט זי גע־שאַפן פון גאָרניט. אַ „יש־מאין״ (אָן עפּעס פון גאָרניט). גאָט האָט אַלץ געשאַפן, און אויב עס איז פריער געווען עפּעס אַ שטאָף, האָט גאָט געשאַפן אויך אָט־דעם שטאָף.

און ר׳ סעדיה זוכט דאָס צו באַגרינדן דורך לאָגיק. ווי אַזוי? — דורך דעם וואָס ער ווייזט אויף, אַז אַלץ וואָס לעבט — שטאַרבט. אַלץ וואָס ווערט געבוירן, גייט אונטער. ווייזט דאָך דאָס, אַז ביי יעדער זאַך איז דאָ אַן אָנהויב און אַ סוף. אויב אַזוי האָט דאָך די וועלט אויך אַן אָנהויב און אַ סוף. דאָס מיינט, אַז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן פון באַשעפער און קען אויך אַמאָל אונטערגיין . . . און גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון גאָרניט. ווארים אויב גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון אַ געוויסן שטאָף וואָס איז געווען פון פריער און וואָס ער האָט ניט געשאַפן, באַגרענעצט דאָך דאָס דעם כח פון גאָט; דאָס מיינט דאָך, אַז ווען ער, גאָט, וואָלט ניט געהאַט דעם שטאָף, וואָלט ער ניט געקענט שאַפן די וועלט; פירט דאָך דאָס צו טראַכטן, אַז עמעצער

האָט געשאַפן יענעם שטאָף. קומט דאָך אויס, אַז יעגער שאַפער איז געווען גאָר דער אמת׳ער גאָט. עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז אַ איד דאַרף וויסן און פאַרשטיין, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון גאָרניט. ווי עס שטייט אין אָנהויב פון דער תורה „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״ (אין אָנהויב האָט גאָט געשאַפן די וועלט, דעם הימל און די ערד). ער האָט זיי אינגאַנצן געשאַפן מיטאַמאָל, מיטן הויך פון זיין מויל, אַ גאָר פון אַ גאָרניט.

2) די איינציקייט פון גאָט. ווען מען קומט דערצו, אַז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן פון גאָט, מוז מען שוין זאָגן, אַז גאָט איז איינער. ר׳ סעדיה טרעט דאָ אַרויס קעגן די וואָס האַלטן זיך ביי דער שיטה פון זאַראַאוסטער, אַז עס זיינען דאָ צוויי געטער. דער גאָט פון ליכט און דער גאָט פון פינסטער־ניש, דער גאָט פון גוטס און דער גאָט פון שלעכטס — און ווייזט אויף, אַז זיי האָבן אַ טעות אין די באַגריפן פון ליכט און פינסטערניש, גוט און שלעכט א. ד. ג. ווייל עס איז נאָר דאָ איין זאַך אין דער וועלט, די פּאָזיטיווע, ווי ליכט, גוטס א. ד ג. דאָס נעגאַטיווע — פינסטערניש, שלעכטס א. אַ. וו. איז נאָר דערפאַר, ווייל עס פעלט ליכט, ווייל עס פעלט גוטס. עס איז ניט קיין זאַך וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט, נאָר אַ זאַך וואָס איז נישטאָ. למשל, ווען עס פעלט אויס ביינאַכט אין אַ הויז ליכט — איז פינסטער. אָבער די פינסטערניש איז ניט אַ זאַך פאַר זיך, נאָר אַ רעזולטאַט דערפון וואָס עס איז נישטאָ קיין ליכט און דעריבער ווי נאָר מען טראָגט אַריין ליכט איז אויס מיט דער פינסטערניש.

דאָס זעלבע איז אויך מיט גוטס און שלעכטס. גאָט, זאָגט ר׳ סעדיה, האָט ניט געשאַפן קיין שלעכטס, נאָר בלויז גוטס. ער האָט געשאַפן שפּייז צו עסן און וואַסער צו טרינקען. אויב אַ מענטש עסט ניט, האָט ער שלעכטס, אָדער אויב ער עסט צופיל, האָט ער שלעכטס און אַזוי איז אויך אויב אַ מענטש טרינקט ניט אָדער טרינקט צופיל. גאָט האָט דאָס שלעכטע אָבער ניט געשאַפן. דאָס שלעכטע איז נאָר ווען דער מענטש האָט ניט, אָדער איז ניט פאַרזיכטיק מיטן גוטן. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז עס איז נישטאָ קיין ליכט און פינסטערניש, קיין גוטס און שלעכטס. עס איז נאָר דאָ איינס — ליכט און גוטס.

3) אַ איד דאַרף אויך אָנערקענען, אַז עס איז דאָ אַ נשמה, ווייל באַלד נאָכדעם ווי דער מענטש שטאַרבט איז דער גוף פונקט אַזוי ווי ער איז געווען פריער, ווען דער מענטש האָט געלעבט. וואָס פעלט? פאַרוואָס איז דער מענטש טויט? דער ענטפער איז — די נשמה איז פון אים אַוועק. ווען די נשמה איז דאָ אין מענטש, איז דער מענטש לעבעדיק, באַוועגלעך. ער רעדט, ער גייט, ער טוט זאַכן, ער טראַכט, ער פאַנטאַזירט, אָבער ווען די נשמה גייט אַרויס, בלייבט דער גוף אַזוי ווי געווען, אָבער ער קען זיך ניט מער באַוועגן, ניט ריידן, ניט טראַכטן, ניט גיין, גאָרניט. עס איז געשען

דאָס וואָס עס איז פון אים אַוועק די נשמה, דער גייסט. דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן אַ נשמה באַשאַפן פון גאָט, וואָס ווערט אַריינגעגעבן אין מענטש ווען ער קומט אויף דער וועלט און אַזוי לאַנג ווי דער מענטש האָט די נשמה, לעבט ער און ווען זי גייט אַוועק, ווערט ער טויט.

4) אַ איד דאַרף אויך אַנערקענען, אַז די תורה איז אונז געגעבן געוואָרן פון גאָט. ווייל די תורה, וועלכע וועט לעבן אייביק, קען ניט זיין פון אַ מענטש וואָס לעבט ניט אייביק, נאָר פון גאָט וואָס לעבט אייביק. ר׳ סעדיה טיילט אויך איין די געבאָטן פון דער תורה אויף צוויי טיילן: אויף געזעצן וואָס זיינען שכל׳דיק און אויף אַזעלכע וואָס מיר פאַרשטייען ניט. די געזעצן וואָס זיינען שכל׳דיק, זאָגט ער, דאַרף ער ניט דערקלערן, ווייל יעדער איינער וואָס האָט שכל פאַרשטייט זיי אַליין. בלייבט, אַלזאָ, איבער די געזעצן וואָס מיר פאַרשטייען ניט. דערויף מוז מען זאָגן, אַז אַזוי ווי זיי זיינען געגעבן געוואָרן פון גאָט, וואָס איז אַ העכערער שכל, ווי מיר מענטשן, דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף גאָט׳ס שכל און טאָן וואָס ער האָט אונז געהייסן טאָן. אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן פון גאָט, ווייסן מיר דערפון וואָס איין דור האָט עס איבערגעגעבן צום אַנדערן. עס איז, אַלזאָ, אַ טייל פון אונזער וויסן, וואָס מיר האָבן.

5) אַ איד דאַרף וויסן, אַז די תורה וועט קיינמאָל ניט בטל ווערן, צו די וואָס טענה׳ן, אַז אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט געשאַפן אויף דער וועלט האָט דאָך אַן אָנהויב און אַ סוף, דאַרף דאָך, אַלזאָ, די תורה אויך האָבן אַן אָנהויב און אַ סוף. צו זיי זאָגט ר׳ סעדיה, אַז עס איז ניט גליך. ווייל ביי אַלע זאַכן אין דער וועלט איז דאָ אַ וועג פון אַנטוויקלונג, עס איז דאָ אָנהויב, מיטן און סוף. ביי אַ מענטש, למשל, איז דאָ יוגנט, מיטל־יאָרן און עלטער. ביי סתם זאַכן איז דאָ ניי, אַביסל געניצט און אַלט. ביי דער תורה אָבער איז נישטאָ קיין יוגנט, מיטל און אַלט און דעריבער קען זי ניט אונטערגיין.

6) אַ איד דאַרף אויך וויסן, אַז די נביאים זיינען געשיקט געוואָרן פון גאָט צו די מענטשן, ווייל גאָט וויל ניט, אַז זינדיקע זאָלן פאַרניכטעט ווערן, נאָר זיי זאָלן תשובה טאָן און דערפאַר האָט ער געשיקט צו די מענטשן די נביאים אַז זיי זאָלן זיי רופן צו תשובה. ווי מיר זעען עס פון ספר יונה, ווען גאָט האָט געשיקט דעם נביא צו דער שטאָט נינוה, וועלכע איז געווען זינדיק.

7) אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן. דערפאַר קען אַ מענטש טאָן דאָס וואָס איז גוט אָדער שלעכט אין גאָט׳ס אויגן. און דערפאַר קען ער קריגן אַ באַלוינונג פאַרן גוטן און באַשטראָפונג פאַרן שלעכטן. דאַן קומט די פראַגע צי גאָט ווייס, אַז דער מענטש וועט טאָן גוטס אָדער שלעכטס. אויב מען זאָל אָננעמען אַז גאָט ווייס ניט, באַגרענעצט מען דאָך דערמיט דעם וויסן פון גאָט. אויב אָבער גאָט ווייס יאָ וואָס דער מענטש וועט טאָן, קומט דאָך ווידער אויס אַז דער מענטש מוז אַזוי טאָן, ווייל אַזוי איז געווען

באַשטימט פון גאָט. אויב אַזוי האָט דאָך שוין דער מענטש ניט קיין שום אויסוואַל און קיין פרייען ווילן און דאַרף ניט באַלוינט אָדער באַשטראָפט ווערן. דערויף ענטפערט ר׳ סעדיה, אַז דער מענטש האָט באמת יאָ אַ פרייען ווילן, און אַז גאָט ווייס פון פריער וואָס דער מענטש וועט טאָן, אָבער דער וויסן פון גאָט איז ניט אַזעלכער, וואָס האָט אַ השפעה אויפן מענטש און וואָס באַשטימט וואָס ער זאָל טאָן. למשל, ווען דער מענטש איז אַ רשע, איז כאָטש גאָט ווייס אַז ער וועט זיין אַ רשע, טוט ער גאָרניט צו ענדערן דאָס און ער לאָזט דעם מענטש, אַז ער זאָל פאַר זיך אויסקלייבן אָט־דעם וועג, צו זיין אַ רשע. עס איז אַ וויסן אָן באַאיינפלוסונג.

8) באַלוינונג און באַשטראָפונג. איצט אַז מיר נעמען אָן, אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן, איז פאַרשטענדלעך אַז דער מענטש זאָל קריגן אַ באַלוינונג פאַר טאָן גוטס און אַ באַשטראָפונג פאַר טאָן שלעכטס, לויט זיינע מעשים. די באַלוינונג איז פאַר דער נשמה ווען זי גייט אַרויס פון גוף און זי קריגט אַזאַ באַלוינונג, וואָס מיר פאַרשטייען עס ניט, ווייל מיר זיינען באַשאַפן פון נשמה מיט גוף צוזאַמען. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע דער באַשטראָפונג.

9) ר׳ סעדיה האַלט אויך, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען עס וועט קומען אַ גאולה צום אידישן פאָלק. אָבער ער זאָגט, אַז מיר דאַרפן וואַרטן. ער האָט אויך אויסגערעכנט ווען די גאולה וועט זיין (אויף אַ צייט וואָס איז שוין לאַנג פאַרביי און זיין אויסרעכענונג איז נאַטירלעך ניט מקוים געוואָרן).

10) ר׳ סעדיה האַלט אויך פון תחית המתים, אַז טויטע וועלן ווערן צוריק לעבעדיק און ער באַמיט זיך צו דערווייזן דאָס על פי שכל. עס קומט ביי אים אויס, אַז אויב מען האַלט, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון אַ גאָרניט, אַ „יש־מאין״, קען דאָך גאָט אַוודאי לעבעדיק מאַכן אַ מענטש, וואָס עס מיינט אָן עפּעס פון עפּעס. ער קען דאָך געבן צוריק לעבן דאָרטן, וואו עס איז געווען. אָבער ניט אַלע טענות און באַווייזן פון ר׳ סעדיה אין דער הינזיכט זיינען אויסגעהאַלטן. מען זעט נאָר, אַז ער באַמיט זיך שטאַרק, מיטן שכל, צו באַשטעטיקן דאָס אין וואָס דאָס פאָלק גלויבט.

אָט דאָס זיינען, אין גרונד גענומען, די מיינונגען פון ר׳ סעדיה גאון, לויט דעם ווי ער פאָרמולירט זיי אין זיין בוך „האמונות והדעות״. ער רעדט דאָרטן אַרום יעדן פון די פונקטן באריכות און לאָזט זיך אַריין ביי פיל פון זיי אין פילאָזאָפישע גריבלערייען. באַזונדערס באַמיט ער זיך צו אַנטוויקלען זיין פילאָזאָפישע שיטה, וועלכע איז אַ צוזאַמענשטעל פון פּלאַ־טאָנ׳ס געדאַנקען־גאַנג מיט אַריסטאָטעל׳ס שיטה און מיט אַ היפּשן צוגאָב פון זיין אייגענער פילאָזאָפיע. ר׳ סעדיה׳ס בוך האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם, ניט נאָר ביי אידן, נאָר בכלל אין דער גאַנצער אויפגע־קלערטער אַראַבישער וועלט.

אינטערעסאַנט איז, אַז ר׳ סעדיה איז אַזוי קאָנסערוואַטיוו נאָר אין זיין ספר „האמונות והדעות״. אָבער אין זיין פּירוש אויף תורה אויף אַראַביש איז ער פיל מער ליבעראַל. אַזוי זאָגט ער דאָרטן, אַז די שלאַנג האָט באמת ניט גערעדט צו חוה׳ן. עס איז נאָר אַ משל. אויך בלעם׳ס אייזל האָט ניט גערעדט בפועל ממש. וועגן יעקב׳ס לייטער זאָגט ער, אַז עס איז אַ משל צו דער נשמה וואָס שטייגט הויך, און וועגן מלאכים זאָגט ער, אַז דאָס מיינט מען די קלוגע געדאַנקען פון מענטשן. גאָר אַ גאַנץ נייע אויסטייטשונג.

* * *

מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער איז אויפגעשטאַנען דער גרויסער אַראַבישער פילאָזאָף אַוויסענאַ, וועלכער האָט איבערגענומען ר׳ סעדיה׳ס געדאַנקען און זיי פאָרמולירט ווי אייגענע. אַוויסענאַ איז בכלל געווען אַ מאדים איבערצונעמען פרעמדע געדאַנקען און איבערצוגעבן זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן קלינגען ווי אייגענע. ער האָט דאָס אַזוי געטאָן אויך מיט די גריכישע פילאָזאָפן פלאַטאָן און אַריסטאָטעל. באַזונדערס האָט ער דאָס געטאָן אין זיין מעדיציניש ווערק „קאַנאָן פון מעדיצין״, וואו ער האָט איבערגעגעבן די ווערטער פון גרויסן מעדיצינער גאַלען אַזוי, אַז עס זעט אויס אַז זיי זיינען זיינע אייגענע, אָבער אָט דאָס מעדיציניש ווערק פון אַוויסענאַ האָט באַהערשט די מוחות פון די בעסטע מעדיצינער אין אייראָפּע ביזן 17טן יאָרהונדערט און מען האָט דערין געלערנט אין אַלע אוניווערזיטעטן.

אַוויסענאַ איז געקומען אויף דער וועלט 38 יאָר נאָך ר׳ סעדיה׳ס טויט. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 980, קריסטלעכע צייט־רעכענונג. ער שטאַמט פון אַ דאָרף אין פּערסיע, נעבן באָקהאַראַ (בצרה אין העברעאיש), זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען „אבו אַלי אַל הוסעין איבן אַבדאַלאַה איבן סינאַ״ (אויף העברעאיש אבן סינאַ). אַוויסענאַ איז געווען אַן עילוי, אַ וואונדער־קינד און דאָס ניט נאָר אין זיין קינדהייט, נאָר זיין גאַנץ לעבן לאַנג (ער איז געשטאָרבן צו 58 יאָר, אין יאָר 1037). ער איז געווען אַן אָרים אינגל, וואָס האָט זיך אַליין געבילדעט און איז געוואָרן דער געבילדעטסטער מענטש פון זיין צייט. דערצו איז ער געווען אַ לעבע־יונג, וואָס האָט געזוכט אין לעבן נאָר ווייב, וויין און געזאַנג. ער איז אויך געווען אַן אַפּעריסט און אַן אינטריגאַנט. ער איז געשטיגן ביז מיניסטער און אַפילו פּרעמיער־מיניסטער, געזעסן אָפט אין געפענגעניש און פיל מאָל געווען פאַראורטיילט צום טויט. דערביי האָט ער געשאַפן צענדליקער ווערק וועגן פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיקס און אַנדערע וויסנשאַפטן און איז אויך געווען דער גרעסטער מעדיצינער פון זיין צייט.

די געשיכטע פון זיין לעבן לייענט זיך אַזוי שפּאַנענד ווי אַ שונד־ראָמאַן. זיינע אַוואַנטורעס האָבן גאָר קיין שיעור ניט. אָט אין ער געווען אין אַ קעניגלעכן הויף און האָט אָנגעפירט מיט די גרעסטע אַריסטאָקראַטן און

אָט איז ער צווישן דעם אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט, צווישן קנעכט און פּראָסטיטוטקעס און פאַרבּרענגט מיט זיי פּונקט אַזוי גוט, און צווישן דעם אַלעם שאַפט ער מייסטער־ווערק, וואָס האָבן נאָך היינט אַ געוויסן ווערט. ער האָט אָנגעשריבן אַן ערך הונדערט ביכער. זיינע פילאָזאָפישע ביכער האָבן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די אידישע פילאָזאָפן און דענקער, באַזונדערס אויף רבנו בחיי הדיין און זיין ווערק „חובת הלבבות״. אָבער וועגן אָט דעם גרויסן אידישן דענקער — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.3

# רבנו בחיי און זיין פילאָזאָפיש ווערק „חובת הלבבות"

**אָנשטאָט פילאָזאָפיע גיט דער מחבר אַ לערע וועגן עטיק. — ווי אַזוי ער זעט די באַציאונג פון דעם מענטש צו גאָט און פון גאָט צום מענטש. — האָט דער מחבר טאַקע געוואָלט שאַפן ביי אידן אַ מאַנאַסטיר פון אידישע מאָנאַכן און נאָנעס?**

ביי דער ענדע פון צענטן יאָרהונדערט (קריסטלעכע צייט־רעכענונג), האָט זיך דער צענטער פון אויפקלערונג און בילדונג פון דער אַראַבישער וועלט איבערגעטראָגן פון בבל קיין שפּאַניען. עס איז געווען דערפאַר וואָס אין בבל האָט זיך געשטאַרקט, וואָס אַמאָל מער די מאַכמעדאַנישע רעלי־גיע און אירע גייסטלעכע האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַ שטאַרקן קאַמף קעגן אויפקלערונג. אָבער אויך ביי די אידן האָט זיך די לאַגע געביטן. ביידע גרויסע ישיבות, די פון סורא און די פון פומבדיתא, זיינען אונטערגעגאַנגען און אַ שטראָם פון שנאה צו אידן, פון וועלכער די אידישע באַפעלקערונג אין בבל האָט פריער ניט געוואוסט, האָט זיך איצט געלאָזט פילן, וואָס האָט פאַר׳סמ׳ט די בעסטע מוחות פון דער ניט־אידישער וועלט. די אידישע געלערנטע און אויך אַנדערע אָנגעזעענע אידן זיינען איצט אַוועק קיין שפּאַניען, וואו עס האָבן אויך געהערשט די אַראַבער, און וואוהין יענע האָבן איבערגעטראָגן זייער קאַליפאַט (די הערשאַפט פון אַראַבישן גייסטלעכן), ווייל דאָרטן האָט געהערשט אַ פיל פרייערער גייסט.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און עס האָבן זיך באַוויזן אויף דער אַרענע פון אידישן לעבן אין שפּאַניע אַ גאַנצע רייע פון גייסטיקע ריזן, אויף אַלע געביטן פון אידישער געלערזאַמקייט. עס האָט זיך איצט אָנגעהויבן די גאָלדענע עפּאָכע פון די אידן אין שפּאַניע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן קרוב צו 500 יאָר, פון נאָענט צו דער ענדע פון צענטן יאָרהונדערט ביז נאָענט צו דער ענדע פון 15טן יאָרהונדערט (געגויער — 1492, ווען עס איז געווען דער גירוש פון שפּאַניע). אין דער עפּאָכע זעען מיר אַ גאַנצע רייע פון גרויסע אידישע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן געוואָלט שטאַרקן דעם אידישן גלויבן יעדער איינער אויף זיין שטייגער. עס זיינען אויך געווען גרויסע תלמודיסטן, מפרשים פון דער תורה און פוסקים. איינער פון די ערשטע אידישע פילאָזאָפן אויפן שפּאַנישן באָדן איז געווען רבנו בחיי הדיין.

* * *

רבנו בחיי (מיר אשכנזישע אידן רעדן אַרויס דעם נאָמען ווי עס וואָלט געשטאַנען בעכאַיע. די ספרדישע אידן אָבער לייענען עס ווי עס וואָלט געשטאַנען באַכיאַ) איז געווען אַ זון פון פקודה (פאַקודע) אָדער „בקודה". זיין פולער נאָמען איז — „רבנו בחיי ן׳ (פאַרקירצט פון בן, זון) פקודה הדיין". ער איז געווען פון באַשעפטיקונג אַ דיין (דאַיען). ער האָט געלעבט אין שפּאַניע, אין דער שטאָט סאַרקוסטאַ און אויך אין דער שטאָט קאָרדאָוואַ, אין דער ערשטער העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט. געננוי ווען ער איז געבוירן געוואָרן, איז ניט באַקאַנט און אַזוי אויך ניט דעם טאָג פון זיין טויט. מען ווייסט נאָר, אַז זיין וויכטיק ספר וואָס הייסט אויף אַראַביש „כתאב פי הדיאיע פראַיץ אַלקלוב" און אויף העברעאיש „חובת הלבבות" (די פליכט פון האַרצן, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש פון יהודה איבן תיבון), האָט ער געשריבן אין יאָר 1040. ער האָט אַ חוץ דעם געשאַפן נאָך אַנדערע ווערק, אָבער אָט דאָס ספר „חובת הלבבות" איז דאָס גרעסטע פון אַלע. אין דעם ווערק האָט דער מחבר פאָרמולירט זיין פילאָזאָפישע שיטה פון אידנטום.

רבנו בחיי ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע פילאָזאָפן סיי ביי אידן און סיי ביי אַראַבער. אָבער ער האָט ניט געהאַלטן פאַר נוצלעך צו ברענגען אין זיין ספר קיין טיפע חקירה אויף צו באַווייזן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און אַז ער איז איינער, ווייל דאָס איז שוין געטאָן געוואָרן פריער פאַר אים און עס פירט אויך צו גאָרניט, ווייל אין גאָט דאַרף מען גלויבן, האַלט דער מחבר, און אויב מען גלויבט ניט, העלפן ניט אַלע קלוגע רייד פון לאָגיק. רבנו בחיי האָט גוט געקענט אַלע ווערק פון די אַראַבישע דענקער, באַזונדערס דאָס ווערק פון אַוויסענאַ, וואָס איז אין תוך דער געדאַנקען־גאַנג פון ר׳ סעדיה גאון, אָבער ער האַלט ניט צופיל דערפון ווי בכלל ניט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. פאַר אים איז זייער וויכטיק דער געטלעכער געפיל, וואָס אַ מענטש האָט אין האַרצן. דערפאַר רופט ער אָן זיין ספר „חובת הלבבות" („די פליכט פון האַרצן"). רבנו בחיי׳ס שיטה איז אַ פילאָזאָפיש־פּאָעטישע אָדער אַ פּאָעטיש־פילאָזאָפישע. אין זיין ווערק רעדט ער מער צום האַרץ פון מענטש, ווי צו זיין שכל. דערפאַר לייענט זיך עס ווי אַ שיינע פּאָעמע, ווי אַ געזאַנג פון דער טיפעניש פון דער נשמה, אַ הימן צו גאָט און אַ לויב־געזאַנג צו דער בעסערער באַציאונג פון מענטש צו מענטש.

זיין ספר האָט רבנו בחיי איינגעטיילט אויף „צען שערים" (צען אָפּטיילונגען), אין וועלכע ער באַהאַנדלט פאַרשידענע באַגריפן אין די באַציאונגען פון מענטש צו גאָט און פון מענטש צו מענטש. מיר וועלן גיין כסדר פון אָנהויב ביז סוף און זען, וואָס זיין שיטה איז און וואָס ער שטרעבט צו דערגרייכן.

* * *

די ערשטע אָפּטיילונג הייסט „שער היחוד" (די אָפּטיילונג פון דער איינציקייט פון גאָט). אין דער אָפּטיילונג באַווייזט רבנו בחיי, אַז דער גלויבן אין מאָנאָטעאיזם איז דער הויפּט־פונדאַמענט פון דער מאָראַל־לערע פון דער מענטשהייט. נאָכדעם ווי ער באַווייזט די עקזיסטענץ פון גאָט, קומט ער צו זיין איינציקייט און ער טוט דאָס לויט דעם געדאַנקען־גאַנג פון ר' סעדיה גאון (און ווי עס פאָרמולירט עס אַוויסענאַ). ער איז דער ערשטער צו ברענגען אַ משל, וואָס איז שפּעטער אויך געבראַכט געוואָרן פון רמב"ם און אַנדערע פילאָזאָפן. דער משל באַשטייט פון פאָלגנדעס:

איינער איז אַריינגעקומען צו זיינעם אַ פריינט. ווען יענער האָט אים דערזען, איז ער אים אַנטקעגן געלאָפן מיט פרייד און צו אים געזאָגט: „זע נאָר וואָס פאַר אַ שיין ליד איך האָב". דער גאַסט האָט געלייענט דאָס ליד און געוואָרן אַנטציקט. „הערלעך!" — שרייט ער אויס פול מיט באַגייסטערונג — „אַ וואונדערבאַר ליד! ווער האָט עס אָנגעשריבן? — דו?!" — „ניין, ניין — ענטפערט אים דער בעל־הבית — קיינער האָט דאָס ליד ניט געשריבן". — „טאָ ווי אַזוי, איז אַנטשטאַנען אַזאַ הערלעך ליד?" — פרעגט שוין דער גאַסט נייגעריק. „עס איז גאָר פשוט. עס איז געלעגן אויפן טיש אַ ווייסער בויגן פּאַפּיר און דערנעבן איז געשטאַנען אַ טינטער מיט טינט. האָט זיך דער טינטער איבערגעקערט און עס איז אויסגעגאָסן געוואָרן דאָס ליד". „אומזין! — שרייט דער גאַסט אויס — וועמען ווערסטו איינרעדן אַזעלכע נאַרישקייטן?! ווער וועט דיר דאָס גלויבן?!" — אָט דאָס איז אויך מיט דער שאַפונג פון דער וועלט. אַזאַ הערלעך ליד ווי אונזער וועלט איז, האָט דען געקענט געשאַפן ווערן דורך אַ צופאַל?

אין דער צווייטער אָפּטיילונג שער האחדות רעדט ער וועגן די באַגריפן אין דער תורה וועגן גאָט, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן נאָר פאַר אונז, מענטשן, ווי למשל, „יד אלקים" (די האַנט פון גאָט), „ויאמר אלקים" (גאָט האָט געזאָגט" א. אַ. וו. וועגן גאָט קען מען ניט זאָגן, אַז ער האָט אַ האַנט, אַ פּנים, אַ פאַרנט אָדער אַ הינטן, אָדער אַז ער רעדט צו מענטשן מיט אַ מויל ווי אַ געוויינלעכער בשר־ודם. עס איז נאָר אַ משל, אַזעלכע באַגריפן פאַר אונז מענטשן, ווייל אַנדערש וואָלט מען עס ניט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז גאָט האָט הענט, פיס, אויגן, אַ מויל א. ד. גל. בחיי שטיצט זיך דערביי אויף דער גמרא, וואָס זאָגט „דברה תורה בלשון בני אדם" (די תורה האָט גערעדט מיטן לשון פון מענטשן).

אין „שער הבחינה" ווייזט רבנו בחיי אויף, ווי אַזוי יעדער איינער דאַרף אַליין קומען צו דער פאַרשטענדעניש וועגן גאָט און אים באַגרייפן. ער רעכנט דערביי אויס זיבן וועגן ווי אַזוי אַ מענטש קען דערפילן גאָט אין זיך און אויך ווי אַזוי מען קען דערקענען גאָט און דינען צו אים.

אין אַ פערטער אָפּטיילונג „שער עבודת אלקים", ווייזט אויף דער מחבר,

ווי אַזוי מען דאַרף דינען צו גאָט. אין דער אָפּטיילונג ברענגט ער אַ דיאַלאָג, וואָס עס פירט דער שכל מיט דער נשמה, ווי אַזוי צו קומען צו דער דער־קענטעניש פון גאָט. עס איז אַ הויך פילאָזאָפיש־פּאָעטישער שמועס, וואָס פירט דערצו, אַז דער מענטש דאַרף דערקענען גאָט פון זיך און אין זיך.

אין אַן אָפּטיילונג, וואָס הייסט „שער הבטחון" דערקלערט רבנו בחיי די וויכטיקייט צו האָבן בטחון (ביטאָכען — צוטרוי) צו גאָט. מען דאַרף טאַקע אַלץ טאָן, אָבער דערביי דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויך אויף גאָט. ער באַווייזט אויך, אַז אויב מען האָט בטחון אין גאָט ברענגט דאָס צו פאַרטרייבן פון האַרצן אַלע דאגות און זאָרגן.

אין אַ וויטערדיקער אָפּטיילונג, וואָס הייסט „שער יחוד המעשה", לויבט דער מחבר די מידה פון תמימות, דאָס הייסט, גאַנצקייט, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט און טאַדלט די וואָס זיינען פאַלש, די וואָס האָבן צוויי פּנים'ער און חנפה'נען אַנדערע.

אין אַ קאַפּיטל, וואָס הייסט „שער הכניעה", רעדט דער מחבר וועגן דער שלעכטער מידה פון גאווה און לויבט שטאַרק די מידה פון באַשיידנקייט. ער ווייזט אויף, אַז אַ מענטש דאַרף ניט זיין אַ בעל גאווה און אַז מען זאָל זיך באַציען צו מענטשן אויף אַ פיינעם אופן, סיי ווען אַ מענטש האַנדלט מיט עמעצן וואָס איז גרעסער פון אים און סיי ווען מען רעדט צו אַ מענטשן וואָס איז נידעריקער פון אים. אַ מענטש זאָל אויך ניט האַלטן זיך גרויס ביי זיך ווייל ער איז רייך און זיך ניט איבערנעמען ווען ער טוט גוטס. און אַזוי לערנט ער אויך ווי אַזוי מען זאָל זיך האַלטן אין אַנדערע מאָמענטן.

אין נאָך אַ קאַפּיטל „שער חשבון הנפש", לערנט ער אונז ווי אַזוי מען זאָל זיך האַלטן מעסיק אין אַלעם, אין עסן, טרינקען, שלאָפן און אין דער באַציאונג צו דער פרוי, און אויך אין פיל אַנדערע ענינים. ער זאָגט בכלל, אַז אַ מענטש זאָל זיך ניט יאָגן נאָך פאַרגעניגנס, ווייל דערמיט פאַר־שאַפט ער נאָר נחת דעם גוף, אָבער די נשמה ליידט דערביי. דאָס זעלבע ווערט אויך אַרומגערעדט אין ניינטן קאַפּיטל, „שער התשובה", וואו דער מחבר באַטאָנט די וויכטיגקייט פון טאָן תשובה.

אין לעצטן קאַפּיטל, „שער אהבת ה'", לערנט ער ווי אַזוי ליב צו האָבן גאָט. ער זאָגט, אַז דאָס איז די פליכט פון אונזער האַרצן צו דינען גאָט און אים ליב צו האָבן, ווייל דערמיט דערגרייכט דער מענטש דעם ציל צו וועלכן ער איז געשאַפן געוואָרן.

ווי איר זעט, האָט רבנו בחיי, אַנשטאָט אַריינצולאָזן זיך אין חקירות און אין פילאָזאָפישע גריבלערייען, וואָס פירן צו גאָרניט, זיך בעסער גענומען צו לערנען די מענטשן ווי אַזוי זיך צו פירן אויף גאָט'ס ערד. דאָס איז געווען דאָס ערשטע בוך פון מאָראַל און עטיק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור נאָכ'ן תלמוד און עס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. עס לייענט זיך אַזוי ווי אַ געזאַנג און עס רופט אַרויס ביי יעדן איינעם וואָס לייענט עס, העכערע געדאַנקען און געפילן.

* * *

אָבער ביי דעם אַלעם איז מערקווירדיק איין זאַך אין דעם בוך. נעמליך, אין דעם קאַפּיטל, וואו דער מחבר רעדט וועגן דערוויטערן זיך פון לוקסוס און פון געפּערלעכע פּאַרגעניגנס, קומט ער אויך אַרויס מיט אַ מאָדנעם געדאַנק, צו שאַפן ביי אידן אַ גרופּע אָדער אַ סעקטע, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט „פּרישות", דאָס מיינט, צו זיין אָפּגעשיידט פון פרויען.

אין יענער צייט האָט זיך אין דער קריסטלעכער וועלט טאַקע אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר מאַנאַכן און נאָנעס. עס האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע סעקטעס, אָדער אָרדענס, וואָס האָבן זיך דערוויטערט פון פרויען. עס זיינען אויך געווען פרויען, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט, צוליב פרומקייט, פון געשלעכטלעכן לעבן, זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען און זיך אינגאַנצן אַוועקגעגעבן צו דינען גאָט. די פירער פון די גרופּן האָבן דערקלערט, אַז נאָר דורך דעם, וואָס מען זאָגט זיך אָפּ פון געשלעכטלעכן פאַרגעניגן, קען מען ווערן דערהויבן און הייליק און דינען גאָט פון גאַנצן האַרצן.

די דאָזיקע קריסטלעכע גרופּן און אָרדענס, האָבן שפּעטער געהאַט אַ ווירקונג אויף אויף דער יונגער מאַכמעדאַנישער רעליגיע, אַז אויך ביי איר זאָלן זיך שאַפן אַזעלכע גרופּן און אָרדענס פון מאַנאַכן און נאָנעס.

ווי עס זעט אויס, האָט דער דאָזיגער געדאַנק ביי רבנו בחיי שטאַרק אויסגענומען און ער איז אויך געווען מיט דער מיינונג, וואָס ער זאָגט אַרויס אָפן אין זיין ווערק „חובת הלבבות", אַז דער געשלעכטלעכער רייץ איז אַ גרויסע שטערונג אויפן וועג צו דערגרייכונג די דערקענטעניש פון גאָט. דעריבער האָבן די רייד פון די פאַרשטייער פון די אַנדערע רעליגיעס וועגן פּרישות, אים געמאַכט צו טראַכטן צו שאַפן ביי אידן אויך אַזאַ גרופּע אָדער אָרדען, וואָס זאָל זיך אָפּזאָגן פון געשלעכטלעכן לעבן. אָט די גרופּע זאָל באַשטיין פון מענער באַזונדער און פון פרויען באַזונדער. מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז אין יענער צייט האָט אויך געלעבט דער גרויסער אַראַבישער פילאָזאָף אַלגאַזאַלי, וועלכער האָט איפּגעגעבן זיין היים און איז אַוועק אין אַ מאָנאַסטיר און דאָרטן געשריבן זיינע ווערק. רבנו בחיי גיט אַלזאָ אַן אָנצוהערעניש אין יענעם קאַפּיטל אויף צו שאַפן אַזאַ „כיתה פון נזירים" ווי די „בני נביאים" אָדער ווי די „בני יונדב בן רכב", לויט ווי עס ווערט וועגן זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך אַזוי געפירט. גרעץ אין זיין „געשיכטע פון די אידן", וואו ער לויבט שטאַרק רבנו בחיי'ס ווערק „חובת הלבבות", טרעט אַרויס זייער שאַרף קעגן מחבר צוליב דעם דאָזיקן געדאַנק, וועלכן ער באַטראַכט פאַר ווילד און ניט אידיש.

אינטערעסאַנט איז, אַז אָט דער געדאַנק האָט שפּעטער געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ ווערק פון אידישן פילאָזאָף ר' אברהם בר' חייא פון באַרצעלאָנאַ (וועלכער איז באַקאַנט אין דער וועלט-ליטעראַטור אַלס „אברהם דזשודעאוס" און האָט געלעבט פון ענדע עלפטן ביז אָנהויב צוועלפטן

יאָרהונדערט). אין זיין ספר „הגיון הנפש“ טרעט ר׳ אברהם שטאַרק אַרויס דערפאַר צו שאַפן אַזאַ אידישן אָרדען פון מענער און פרויען וואָס זאָלן זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון געשלעכטלעכן לעבן.

אָבער אויב ר׳ בחיי האָט גענומען פון דער פילאָזאָפיע בלויז אויף צו שטאַרקן די אידישע אמונה און האָט זיך דער עיקר אינטערעסירט מיט די געפילן פון האַרצן און מיט די באַציאונגען פון מענטש צו גאָט און פון מענטש צו מענטש, איז באַלד נאָך אים אויפגעשטאַנען אַן אַנדער פילאָזאָף, וואָס האָט זיך סיי אין דער אידישער וועלט און סיי אין דער ביט־אידישער געמאַכט אַ גרויסן נאָמען מיט זיין ניי־פּלאַטאָנישער שיטה, וועלכע ער האָט געוואָלט אַריינוועבן אין אידנטום. דאָס איז געווען דער פילאָזאָף־פּאָעט ר׳ שלמה איבן גבירול. אָבער וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל.

4.

# די ווירקונג פון פּאָעט־פילאָזאָף ר׳ שלמה בן גבירול

**די גליקלעכע צייט פאַר אידן ווען עס האָט געהערשט אין לאַנד דער גרויס־וויזיר, ר׳ שמואל הנגיד. — ווי אַזוי ר׳ שמואל איז פון אַן אייגנטימער פון אַ קליינער שפּייז־קרעם געוואָרן וויצע־קעניג פון לאַנד. — ער „באַ־שטראָפט״ זיינעם אַ שונא דורך טאָן אים גוטס. — די שטיצע וואָס ער גיט צום פּאָעט־פילאָזאָף ר׳ שלמה בן גבירול. — דעם לעצטנס שיטה, וואָס איז אַ געמיש פון פילאָזאָפיע מיט קבלה. — די קעגנער פון ר׳ שלמה בן גבירול.**

עס איז געווען אין דער ערשטער העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט אין שפּאַניען. דער אידישער צענטער פון תורה און חכמה, וואָס האָט זיך מיט דער ענדע פון צענטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן זיך אַריבערטראָגן קיין שפּאַניען אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער, האָט זיך שוין שטאַרק פאַנאַנדער־געבליט. אידן זיינען געוואָרן אויך פאַרמעגלעך אין עקאָנאָמישן זין און דער אידישער געניוס האָט דאָ אין שפּאַניען געהאַט מער פּלאַץ אויף אויס־צושפּרייטן זיך. דאָס האָט געווירקט, אַז ניט נאָר פון בבל נאָר אַפילו פון צפון־אַפריקע און אויך פון ארץ־ישראל זיינען געקומען קיין שפּאַניען גע־לערנטע מענטשן און אויך גרויסע סוחרים. עס איז דעמאָלט דאָרטן געווען גרויסע געלעגנהייטן סיי פאַר מענטשן פון גייסט און סיי פאַר געשעפטס־מענטשן.

אין דער שפּיץ פון די אידישע קהילות פון שפּאַניען איז דעמאָלט גע־שטאַנען איינער, וואָס אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז ביי אים איז „תורה וגדולה במקום אחד״ (תורה און רייכקייט אין איין אָרט), ווייל ער איז געווען אַ רייכער מאַן וואָס האָט געפירט גרויסע געשעפטן און דערצו אויך געווען אַ גרויסער תלמודיסט. ער איז געווען דער ראש פון די רבנים פון גאַנצן דור און אויך אַן אָנגעזעענער וויסנשאַפטסמאַן — זיין נאָמען איז געווען ר׳ שמואל הנגיד (אויף אַראַביש „איסמאַעל איבן יוסף איבן נאַגדילה״).

דאָס לעבן פון ר׳ שמואל הנגיד לייענט זיך ווי אַ וואונדער־מעשה׳לע. עס קלינגט ממש לעגענדאַריש, אָבער עס איז אַלץ גענומען פון פאַקטן באַשטעטיקט פון די געשיכטע־שרייבער פון יענער צייט. ר׳ שמואל איז געבוירן געוואָרן

אין יאָר 993, אין דער שטאָט קאָרדאָווע, וואוהין ער איז געקומען מיט זיין פאָטער ר׳ יוסף פון אַ קליין שטעטל מייריראַ, אין דרום שפּאַניען. ר׳ שמואל האָט געלערנט אידישע לימודים און תלמוד ביי די גרעסטע רבנים און לומדים פון יענער צייט, און דערצו אויך אַראַביש און אַנדערע שפּראַכן, גאָר באַזונדערס האָט ער איז אינטערעסירט מיט וויסנשאַפט. ווען ר׳ שמואל איז אַלט געווען 20 יאָר האָט אויסגעבראָכן אַ בירגער־קריג אין קאָרדאָווע צווישן די בערבערן (אַזאַ שבט פון צפון־אַפריקע) און די אַראַבער וואָס האָבן דאָרטן געלעבט. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אַלע אידן און צווישן זיי אויך ר׳ שמואל האָבן געמוזט פון דאָרטן אַנטלויפן, ווייל די שחיטות און הריגות צווישן די צוויי צדדים זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער. ר׳ שמואל איז דעמאָלט אַוועק קיין צפון־שפּאַניע און האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט מאַלאַגאַ. כדי צו האָבן פרנסה, האָט ער זיך געעפנט אַ קליינע שפּייז־קראָם און דערפון זיך דערנערט בדוחק. ער האָט אָבער ווייטער אָפּגעגעבן דאָס רוב פון זיין צייט אויף צו לערנען סיי אידישע לימודים און סיי שפּראַכן און קענטענישן, און אַזוי איז ער געוואָרן אין גאָר אַ קורצער צייט אַ גרויסער שפּראַכן־קענער און גערעדט און געשריבן אויף אַראַביש, לאַטיין, שפּאַניש און אויך בערבעריש.

דאַרף זיך מאַכן אַזאַ מעשה: די קראָם פון ר׳ שמואל׳ן איז געווען ניט ווייט פון פּאַלאַץ פון גרויס־וויזיר אַבו אַלקאַס איבן אַלעריף. דער דאָזיקער גרויס־וויזיר איז דעמאָלט געווען ווי אַ וויצע־קעניג צום קעניג כאַבוס פון דער פּראָווינץ גראַנאַדאַ (שפּאַניען איז נאָך דעמאָלט געווען ניט פאַראייניקט און יעדע פּראָווינץ איז געווען אַ באַזונדערע מלוכה). דער גרויס־וויזיר האָט געהאַט פיל דינסטן, אָבער איינע פון זיי איז געווען אים זייער געטריי. אָט די דינסט פלעגט איינקויפן אַלע אירע שפּייז־אַרטיקלען ביים אידישן קרעמער ר׳ שמואל. אַזוי ווי זי האָט געהאַט קרובים ערגעץ אַנדערש־וואו און אַליין ניט געקאָנט שרייבן צו זיי, האָט זי געבעטן דעם קרעמער ר׳ שמואל׳ן, אַז ער זאָל איר אָנשרייבן בריוו צו זיי. האָט ער עס איר צוליב געטאָן. איינמאָל האָט ער איר אָנגעשריבן עטלעכע אַראַבישע בריוו מיטאַמאָל, האָט זי פון פרייד, וואָס דער אידישער קרעמער איז אַזוי גוט צו איר, געוויזן די בריוו צום גרויס־וויזיר. ווען ער האָט איבערגעלייענט די בריוו איז ער געווען פאַר׳חידוש׳ט פון דעם שיינעם אַראַבישן סטיל און אויך פון דער שיינער האַנטשריפט.

דער גרויס־וויזיר האָט באַלד געשיקט נאָך דעם אידישן קרעמער, מיט אים געשמועסט און געזען, אַז ער איז אַ גרויסער געלערנטער און דערצו זייער קלוג. האָט ער אים געהייסן אויפגעבן די קראָם און אים געמאַכט פאַר זיין סעקרעטאַר.

דער גרויס־וויזיר האָט איצט אָנגעהויבן צו שמועסן מיט ר׳ שמואל׳ן אויך אין פּאָליטיק און איז פאַר׳חידוש׳ט געוואָרן צו זען, אַז ער פאַרשטייט

אַזוי גוט מלוכה־פראַגן. ער האָט דעריבער פון איצט אָן, ביי יעדער גע־לעגנהייט, געוואָלט הערן זיין מיינונג און פון איצט אָן האָט ער אָפטמאָל געראַטן דעם קעניג, גאַנץ געניוי, אַזוי ווי ר׳ שמואל האָט אים געזאָגט.

האָט פּאַסירט, אַז אָט דער גרויס־וויזיר איבן אַל־עריף איז קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן און דער קעניג איז געקומען אים מבקר חולה זיין. ווען ער האָט געזען אַז עס האַלט שלעכט, האָט ער געפרעגט דעם גרויס־וויזיר: „אויף וועמען לאָזט דו מיך איבער?״ דער גרויס־וויזיר האָט אים איצט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך כסדר באַראַטן מיט ר׳ שמואל׳ן און אַלץ וואָס ער האָט אים געזאָגט האָט ער געזאָגט דעם קעניג און ער האָט דאַן געראַטן דעם קעניג צו מאַכן ר׳ שמואל׳ן פאַר זיין גרויס־וויזיר.

דער קעניג האָט אַזוי געטאָן. באַלד נאָך דעם גרויס־וויזירס טויט האָט ער באַשטימט ר׳ שמואל׳ן אַלס דעם גרויס־וויזיר פון גראַנאַדאַ. אין יענער צייט איז די מאַכט פון גרויס־וויזיר געווען כמעט אומבאַגרענעצט. דער קעניג האָט זיך כמעט ניט געמישט אין דער פירונג פון לאַנד. אַלץ איז געלעגן אין די הענט פון גרויס־וויזיר. דער קעניג כאַבוס איז געווען זייער צופרידן פון זיין נייעם גרויס־וויזיר, ווייל אונטער ר׳ שמואל׳ס פירונג איז גראַנאַדאַ געוואָרן זייער אַנטוויקלט און איז עקאָנאָמיש געווען אין אַ בעסערן צושטאַנד פון אַלע אַנדערע פּראָווינצן, די קליינע קעניגרייכן פון שפּאַניען.

אָבער דאָס גרויס־ווערן פון ר׳ שמואל׳ן האָט אַרויסגערופן אויך פיל קנאה צו אים. האָט פּאַסירט, אַז אַן אַראַבער וואָס האָט אָפּגעקויפט די קראָם, וואָס ר׳ שמואל האָט פריער געהאַלטן, האָט פאַרדראָסן פאַרוואָס ר׳ שמואל, דער פריערדיקער קרעמער, איז אַ גרויס־וויזיר און האָט אַזוי פיל כבוד. פלעגט ער יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזען ר׳ שמואל׳ן, אים זידלען מיט די ערגסטע ווערטער. ר׳ שמואל האָט זיך אָבער געמאַכט ווי ער הערט גאָרניט. איינמאָל האָט דער אַראַבער אים אַזוי געזידלט, ווען ער, ר׳ שמואל, איז געפאָרן פאַרביי, צוזאַמען מיטן קעניג. ווען דער קעניג האָט דאָס גע־הערט, האָט ער געהייסן דעם גרויס־וויזיר, אַז ער זאָל אים באַשטראָפן דורך אויסשניידן אים די צונג. ר׳ שמואל האָט אָבער אַנדערש געטאָן: ער האָט געשיקט נאָכן אַראַבישן קרעמער און אים געפרעגט וועגן זיין לאַגע און אים געבעטן אַז ער זאָל אים זאָגן וואָס עס דריקט אים. דער קרעמער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז איינגעטונקען אין חובות. האָט אים ר׳ שמואל געגעבן אַ גרויסע סומע געלט צו באַצאָלן די חובות און דערצו אַ סומע צו קויפן נייע סחורות און צו פאַרגרעסערן זיין געשעפט. זייט דעמאָלט האָט דער אַראַבער שוין געגומען בענטשן ר׳ שמואל׳ן. איינמאָל איז דער קעניג צוזאַמען מיט ר׳ שמואל׳ן, ווידער פאַרבייגעפאָרן פאַרן קרעמערס געשעפט. ווען דער קעניג האָט געזען דעם קרעמער, האָט ער געפרעגט ר׳ שמואל׳ן צי ער האָט געטאָן

אַזוי ווי ער האָט אים געהייסן, דאָס הייסט, אויסצושניידן זיין צונג. ר׳ שמואל האָט איצט געענטפערט דעם קעניג, אַז יאָ, אָבער אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט אויסגעשניטן די שלעכטע צונג פון זיין מויל און אים געגעבן אַ גוטע צונג, אַזוי אַז ער האַלט איצט אים אין איין בענטשן.

ר׳ שמואל הנגיד האָט געשאַפן עטלעכע צענדליק ווערק ווי וועגן תלמוד, וועגן דער העברעאישער שפּראַך און אַ ווערק וועגן אידישער פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט אָנגערופן „בן קהלת״. איינס פון די גרויסע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זייער שטאַרק געשטיצט אידישע געלערנטע און באַזונדערס געהאָלפן דעם גרויסן פּאָעט־פילאָזאָף פון זיין דור, ר׳ שלמה איבן גבירול, אַז ער זאָל קאָנען אָנשרייבן זיינע גרויסע ווערק.

* * *

ר׳ שלמה איבן גבירול, אָדער ווי ער האָט געהייסן אויף אַראַביש — אַבו איוב סולעימאַן איבן יחייא איבן גבירול (אויף ענגליש איז עס „איבן גאַבּיראָל״) איז געווען איינער פון די גרעסטע אידישע פילאָזאָפן אין דער הערלעכער אידישער עפּאָכע אין שפּאַניען. אָבער כאָטש פון זיינע העברעאישע פילאָזאָפישע ווערק, באַזונדערס פון זיין „כתר מלכות״ האָט מען געוואוסט ביי אידן, האָט מען אָבער פון זיין הויפּט־ווערק „מקור חיים״ גאָרניט געוואוסט. דאָס ווערק איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף לאַטיין און איז געלעגן באַהאַלטן אין דער פּאַריזער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק כמעט 800 יאָר, אונטערן נאָמען „פאָנס וויטע״ (קוואַל פון לעבן — „מקור חיים״). אַלס נאָמען פון מחבר איז געווען אָנגעגעבן איינער „אַוויסעבראָן״ און אויך „אַווענסעבראָל״. דאָס ווערק איז איבערזעצט געוואָרן פון אַראַביש אויף לאַטיין דורך צוויי מענטשן: אַ מאָנאַך און אַ גע׳שמד׳טער איד. דער מאָנאַך האָט געהייסן דאָמיניקוס גונדיסאַלווי; דעם משומד׳ס נאָמען איז געווען דזשאָהן היספּאַלעניס (זיין אידישער נאָמען איז געווען אברהם בן דוד). עס איז געווען בלויז דורך אַ צופאַל וואָס דער אידישער געלערנטער ר׳ שלמה מונק איז דערגאַנגען, אַז דאָס ווערק איז פון ר׳ שלמה בן גבירול. ערשט דעמאָלט האָט מען שוין אויך געפונען די העברעאישע איבערזעצונג פון בוך, וואָס עס האָט געמאַכט נאָך אין יאָר 1260 (פון אַראַבישן טעקסט) דער געלערנטער ר׳ שם טוב בן יוסף פאַלקיירא.

דאָס ווערק „מקור חיים״ האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיטל־אַלטער, איבערהויפּט אין דער קריסטלעכער וועלט און פיל פון די פילאָזאָפישע באַהויפּטונגען פון בוך זיינען געבראַכט געוואָרן פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן. עס איז אַ טיף־פילאָזאָפיש ווערק, געשריבן אין אַ פּאָעטישן טאָן און איז איצט צוריק אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אוצר פון די אידישע פילאָזאָפישע ווערק פון דער שפּאַנישער עפּאָכע.

אָבער איידער מיר גייען איבער צום בוך גופא, ווילן מיר דאָ ברענגען נאָך אייניקע איינצלהייטן וועגן מחבר גופא, ר׳ שלמה בן גבירול, וויל

אויך ר׳ שלמה׳ס לעבן קלינגט ווי אַ לעגענדע. ווען ר׳ שלמה איז געבוירן — ווייסט מען ניט גענוי. אָבער ער איז אויך געווען אין קאָרדאָוואַ אין דער צייט פון ר׳ שמואל׳ן און איז אַנטלאָפן פון דאָרטן, אויך אין דער זעלבער צייט, און זיך אויך באַזעצט אין מאַלאַגאַ, אָבער ער האָט דאָרטן געלעבט אין גרויס דחקות. פונדעסטוועגן האָט ער שטודירט און געלערנט אַ חוץ תלמוד אויך העברעאיש און אַראַביש און אַנדערע שפּראַכן און ווויסנשאַפטן. נאָך גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן שירים אויף העברעאיש און געשאַפן פיל פּיוטים, וואָס זייען אָנגענומען געוואָרן ביים פאָלק צו זאָגן זיי יום־טוב ביים דאַווענען. איינער אַזאַ פּיוט איז וועגן די תרי״ג מצוות, וואָס מען זאָגט שבועות. דאָרטן איז דאָ אַ שטעלע וואו ער זאָגט „והנני בשש עשרה שנותי ובי שכל כמו בן השמונים״ (איך בין ערשט אַלט 16 יאָר און איך האָב שכל ווי איינער פון 80).

איבן גבירול האָט געשאַפן זייער פיל לידער, סיי אַזעלכע, וואָס מען רופט אָן „שירי קודש״ (רעליגיעזע לידער) און סיי אַזעלכע, וואָס מען רופט אָן „שירי חול״ (סעקולערע לידער). באַזונדערס איז אַ מייסטערווערק זיין „כתר מלכות״, וואו ער גיט איבער אין אַ הויך־פּאָעטישער פאָרם זיין פילאָ־זאָפיע וועגן דער גאָטהייט. ער האָט אויך געשאַפן אַ ספר „מבחר פנינים״, וואו ער ברענגט אויף העברעאיש אויסצוגן פון פאַרשידענע אַראַבישע פילאָזאָפן וועגן עטיק און דער אויפפירונג פון מענטשן.

ווי עס זעט אויס האָט ר׳ שלמה איבן גבירול קיינמאָל ניט חתונה געהאַט און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט אַלע מאָל געלעבט אין דחקות ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער שטיצע, וואָס עס האָט אים געגעבן ר׳ שמואל הנגיד און אויך אַנדערע.

ווי אַלט ער איז געווען ביי זיין טויט איז אויך ניט קלאָר. לויט אַ טייל פאָרשער פון יענער צייט, ווי, למשל, יהודה אַלחריזי און אויך ר׳ משה איבן עזרא, איז ר׳ שלמה געשטאָרבן נאָך איידער ער איז אַלט גע־וואָרן 30 יאָר. אָבער לויט אַראַבישע קוועלן איז ער געבוירן געוואָרן אין יאָר 1021 און איז געשטאָרבן אין יאָר 1058. אַזוי אַרום האָט ער געלעבט 36 יאָר.

אָבער זיין טויט אַליין איז איינגעהילט אין אַ לעגענדע. עס זאָל הייסן, אַז ער איז ניט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר דערמאָרדעט גע־וואָרן. די לעגענדע דערציילט אַזוי:

איבן גבירול האָט איינמאָל פאַרפאַסט אַ ליד, וואָס איז געווען פּרעכטיק און עס פאָרגעלייענט פאַר זיינעם אַ פריינט, אַ טערק, וואָס האָט אויך גע־שריבן לידער אויף אַראַביש, אָבער יענער איז צו דער פּאָעטישער מדרגה פון ר׳ שלמה בן גבירול ניט געקומען. דער פריינט האָט שטאַרק מקנא געווען ר׳ שלמה בן גבירול פאַר זיין ליד און האָט אים דערמאָרדעט און אים באַגראָבן אין זיין גאָרטן, און אויפן קבר פאַרפלאַנצט אַ פייגן־בוים.

אין גאָרטן זיינען געוועזן נאָך פייגן־בוימער, אָבער אָט דער פייגן־בוים פון קבר האָט גענומען בליען פיל פריער פאַר דער צייט און איז געוואָרן צייטיק און פול מיט פרישע פייגן. האָט דאָס אַרויסגערופן אַ וואונדער און עס איז אָנגעקומען צום קעניג. האָט דער קעניג געהייסן מאַכן אַן אויספאָרשונג. דער סוף איז געווען, אַז דער טערק האָט זיך מודה געווען און מען האָט אים דערפאַר אויפגעהאַנגען...

מיר וועלן איצט זיך אָפּשטעלן גענויער אויף ר׳ שלמה בן גבירול׳ס פילאָזאָפישער שיטה אין זיין ווערק „כתר מלכות“, וואָס ער האָט געשריבן אויף העברעאיש און באַזונדערס דעם „מקור חיים“, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אויף אַראַביש (דער אַראַבישער אָריגינאַל איז פאַרלוירן געוואָרן און מיר האָבן פאַר זיך די לאַטייניש איבערזעצונג און אויך אַ טיילווייזע העברעאישע איבערזעצונג).

* * *

די פאָעמע „כתר מלכות“ איז געשריבן געוואָרן בלויז וועגן דער געטלעכקייט, ווי אַזוי ער, דער דיכטער־פילאָזאָף, האָט זי געזען. עס איז אַ פילאָזאָפישע שיטה וואָס איז גענומען טיילוויז פון פלאַטאָנ׳ען, אָבער ער האַלט ניט מיט אים, אַז עס איז געווען פריער, פאַר דער באַשאַפונג פון דער וועלט, אַ שטאָף פון וועלכן גאָט האָט געשאַפן די וועלט. ר׳ שלמה גלויבט טאַקע, ווי אַ איד דאַרף גלויבן, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פון גאָרניט. ער זינגט וועגן דעם אַזוי:

„ער האָט געבויט פון גאָרניט און געשאַפן אַ ממש פון הוילקייט. ער האָט אויפגעשטעלט גרויסע זיילן וואָס קיינער האָט עס ניט געטאָן ווי ער“. אָבער ער גיט דאָך צו, אַז „ער האָט באַשטימט אַ גרינגעם שטריך, שטיינער פון תוהו־ובוהו און פון דאָרטן גייען אַרויס די וואַסערן פון תהום“. מיט די דאָזיקע מיסטישע ווערטער, זאָגן אַ טייל אַז דער מחבר מיינט צו זאָגן, אַז ער האַלט ווי פלאַטאָן, אַז איידער עס איז געשאַפן געוואָרן די וועלט איז געווען אַ שטאָף וואָס האָט ניט געהאַט קיין געשטאַלט און קיין פאָרם. אָבער ווי אַזוי דאָס פּאַרט זיך מיטן אידישן גלויבן פון אַ „יש מאין“, איז שווער צו פאַרשטיין.

אָבער טיילוויז האָט ר׳ שלמה אויך גענומען פון די קבלה׳איסטן, איבערהויפּט פון „ספר יצירה“. ער גלויבט, אַז גאָט האָט פון זיך געשאַפן צען אויסשטראַלונגען (עשר ספירות), מיט וועלכע ער פירט אָן די וועלט. עס קומט אויס ביי אים די פירונג פון דער וועלט, ווי, למשל, אַ פּרעזידענט מיט זיין קאַבינעט. אָבער אָנשטאָט דעם וואָס פאַר די קבלה׳איסטן זיינען די צען „ספירות“ פאַרשיידענע באַגריפן פון דער קולטור פון דער וועלט, ווי, למשל, חכמה, שיינקייט, שטאַרקייט א. ד. גל., זיינען זיי פאַר ר׳ שלמה׳ן גאָר צען שטערן (אַזוי האָט מען אַמאָל געגלויבט), וואָס שטעלן מיט זיך פאַר דעם יסוד פון דער וועלט. זיי קומען אין באַטראַכט פון אונטן אַרויף. איבן גבירול רופט זיי אָן „גלגלים“ און זאָגט, אַז די סאַמע נידעריקסטע

איז די ערד, אויף וועלכער מיר זיינען. דערנאָך קומט דער „גלגל כוכב״. דאָס איז מערקור, וואָס איז דער „גלגל פון שכל און חכמה״; דער דריטער גלגל איז דער פון די צוועלף מזלות; דער ניינטער גלגל איז דער וואָס איז „מאדים״ (מאַרס); דער זעקסטער איז גלגל „צדק״ (יופיטער), „וואָס וועקט צו מורא פאַר גאָט, יושר און תשובה״; דער זיבעטער גלגל איז „שבתאי״ (סאַטורן), „וואָס וועקט צו מלחמות, רויב און הונגער״; דער אַכטער גלגל איז דער פון די צוועלף מזלות; דער ניינטער גלגל איז דער וואָס באַוועגט אַלע גלגלים, אָבער העכער פון אַלע איז דער צענטער גלגל, דער גלגל פון שכל. דאָס איז דער אינעווייניקסטער היכל, וואָס איז העכער פון אַלעם.

אָט דעם צענטן גלגל רופט אויך אָן בן־גבירול דעם „שכל פון דער וועלט״ („אינטעלעקטוס אוניווערסאַליס״). דערצו גיט ער צו אין „מקור חיים״, אַז עס זיינען דאָ צום וועלט־שכל נאָך צוויי כוחות, וואָס פירן אָן מיט די וועלט, און דאָס זיינען: „די נשמה פון דער וועלט״ („אַנימאַ אוני־ווערסאַליס״) און די אַלגעמיינע נאַטור („נאַטורוס גענעראַליס״). זיי שיל־דערט ער ווי מדרגות וואָס זיינען איינע אונטער דער אַנדערער. דער וועלט־שכל פירט אָן מיט אַלעם, דורך דעם ווילן פון גאָט מיט דער הילף פון די צוויי פאָרמען: „די נשמה פון דער וועלט״, וואָס איז אַ גייסטיקע קראַפט, און „די נאַטור פון דער וועלט״, וואָס איז אַ פיזישע קראַפט. ווי איר זעט, האָט דאָ ר׳ שלמה בן גבירול פיל קאָפּירט פון די קבלה׳איסטן, און ער פּרובירט מאַכן אַ מין קאָמבינאַציע פון פילאָזאָפיע מיט קבלה, וואָס איז ניט אינגאַנצן לויטן אידישן גייסט.

דערפאַר זעען מיר, אַז אין דער צייט ווען ר׳ שלמה בן גבירול׳ס לידער זיינען אָנגענומען געוואָרן פון פאָלק און פיל פון זיינע שירי קודש זיינען געוואָרן אַ טייל פון „זמירות״ פון שבת און אַנדערע „פיוטים״ זאָגט מען אין מיטן פון די תפילות פון די ימים־טובים, האָט מען אָבער זיין פילאָזאָפיש ווערק פאַרוואָרפן. עס איז דעמאָלט ניט איבערזעצט געוואָרן פון איינעם פון די תיבונ׳ס (די באַרימטע איבערזעצער), און עס זיינען געווען פיל אַזעלכע וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן זיין פילאָזאָפיע, ווי דער ראב״ד (דער מחבר פון „האמונה הרמה״), וועלכער האָט אים זאָגאַר פאַרפאָלגט און געזאָגט, אַז זיין ספר איז קעגן אידישן גייסט און קעגן דער אידישער אמונה.

אָבער מיט אַ דור שפּעטער איז אויפגעשטאַנען אַ זייער גרויסער אידי־שער פילאָזאָף, ר׳ אברהם איבן עזרא, וועלכער האָט שטאַרק געהאַלטן פון בן גבירול און אים ביז גאָר פאַרטיידיקט, אָבער וועגן אברהם איבן עזרא און זיין פילאָזאָפישער שיטה — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.5

# די דיכטער־פילאָזאָפן אברהם אבן עזרא און משה אבן עזרא

די גרויסע אָרעמקייט פון ר׳ אברהם אבן עזרא און זיין אָפּלאַכן פון זיך און פון די רייכע. — זיין גרויסקייט אין פיל געביטן פון וויסנשאַפט, אָבער ער איז אָפט אין ווידערשפּרוך מיט זיך אַליין. — די טראַגעדיע פון זיין גע׳שמד׳טן זון און זיין וואַנדערן צוליב דעם איבער דער וועלט. — ער גלויבט אין אַ באַגרענעצטער מאַכט פון גאָט, אָבער דאָך זאָגט ער, אַז גאָט איז אַ „כל יכול". — פאַרוואָס ער האָט געשטערט זיין קרוב דעם באַוואוסטן פּאָעט־פילאָזאָף, משה אבן עזרא, אין זיין ליבע צו זיין שיינער פּלימעניצע. — משה אבן עזרא׳ס ספר „התרשיש" און זיין פילאָזאָפיש ווערק „ערוגת הבושם".

אין אָנהויב פון 12טן יאָרהונדערט האָט די זון פון אויפקלערונג אין דער אַראַבישער וועלט אין שפּאַניען שוין אָנגעהויבן צו זעצן זיך. די שאָטנס פון אונטערגאַנג האָבן זיך שוין גענומען באַווייזן דאָ און דאָרטן. דער גרויסער אינטערעס פון דער אַראַבישער וועלט צו קולטור און וויסן האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט. דאַקעגן האָט זיך גענומען שטאַרקן, אין דרום־שפּאַניען וואָס אַמאָל מער די קריסטלעכע השפעה און מיט דעם אויך די לאַטיינישע שפּראַך, וועלכע איז געווען אין יענער צייט די שפּראַך פון קולטור און וויסן אין גאַנץ אייראָפּע.

מיט דער זעלבער מאָס, וואָס די אַראַבישע וועלט האָט אָנגעהויבן אַלץ ווייניקער צו אינטערעסירן זיך אין וויסנשאַפט און קולטור, איז דער אינטערעס פון דער דרויסנדיקער וועלט צו אַראַביש אַלס אַ קולטור־שפּראַך געפאַלן. אויך די אידישע לאַגע איז אין יענער צייט וואָס אַמאָל אַלץ געוואָרן ערגער, ווייל עס האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען קעגן אידן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון שפּאַניען. אַ טייל איסלאַמישע הערשער האָבן אין זייערע פּראָווינצן אויפגעפאָדערט די אידן איבערצוגייען צום מאַכמעדאַנישן גלויבן. די אידן האָבן זיך געמוזט באַמיען אָפּצושאַפן אָט די גזירה און אָפּטמאָל אויסצוקויפן זיך דערפון מיט אַ סך געלט.

מיט דעם אַלעם איז נאָך אַלץ דרום־שפּאַניען געווען אַ גרויסער צענטער פון אידישן וויסן, סיי אויפן געביט פון תלמוד, דורך די גרויסע רבנים

וואָס האָבן דאָרטן געלעבט, און סיי אויפן געביט פון קענטשאַפט פון דער העברעאישער שפּראַך און דיכטונג און גאָר באַזונדערס אויפן געביט פון אידישער פילאָזאָפיע. איינער פון די גרויסע אידישע פילאָזאָפן פון יענער צייט איז געווען ר׳ אברהם אבן עזרא (אויספירלעך איז געווען זיין נאָמען: אברהם בן מאיר אבן עזרא). ער האָט געשטאַמט פון אַ באַרימטער משפחה, וואָס האָט געטראָגן אָט דעם נאָמען און זיי זיינען געווען פיר ברידער, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך אויסגעצייכנט אויף אַן אַנדער געביט.

* * *

ר׳ אברהם אבן עזרא, וואָס מען שרייבט, געוויינלעך, זיין נאָמען פאַר־קירצט „הראב״ע״, האָט געשאַפן אַ פירוש אויף תורה, וואָס איז געדרוקט אין פיל חומשים. ער איז געווען אַ פיל־זייטיקער מענטש, אַ פּאָעט, פילאָזאָף, אַ ביבל־קריטיקער, אַ שאַפער פון אַ העברעאישער גראַמאַטיק, אַן אַסטראָ־נאָם און אַ „שטערן־זעער״... אָבער פון „אַלע מלאכות האָט ער געהאַט וויניק ברכות״ און איז געווען אַ איד אַן אָרעמאַן, ביי וועלכן דער דלות האָט שטענדיק געפייפט אין קוימען. אָבער ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר און אַליין אָפּגעלאַכט פון זיין ביטערן גורל. אין אַ סאַטירישן לידל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן לאַכט ער אָפּ פון זיך, וואָס פאַר אַ שלימזל ער איז און זאָגט:

ווען איך זאָל האַנדלען מיט ליכט,
וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען;
און וואָלט איך פאַרקויפט תכריכים,
וואָלט קיינער ניט געשטאָרבן.

אַן אַנדערט מאָל לאַכט ער אָפּ דערפון, וואָס ער דאַרף אָנקומען צו די רייכע, אַז זיי זאָלן אים אַרויסהעלפן און זאָגט אַזוי:

קום איך אין דער פרי
צום רייכן הער,
זאָגט מען מיר: ר׳איז שוין אַוועק.
קום איך שפּעט אין אָוונט
מיט מיין באַגער,
זאָגט מען מיר: ער שלאָפט שוין אונטערן דעק.
אָדער ר׳איז אַוועק אָדער ער שלאָפט אונטערן דעק.
אַז ווי צו אַ שלימזל
וואָס איז געבוירן געוואָרן אָן אַ מזל.

ווי ווייט עס איז באַקאַנט, איז ר׳ אברהם בן עזרא געבוירן געוואָרן אין יאָר 1092, אין דער שטאָט טאָלידאָ, אין שפּאַניען. עס איז ניט באַוואוסט ווען ער האָט געהייראַט און וויפיל קינדער ער האָט געהאַט. אָבער פון איין אָרט אין זיינע ווערק, איז צו זען, אַז ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט פינף

קינדער. איין זון זיינער, יצחק, וואָס איז געווען דער פּעאיקסטער פון אַלע און אַליין אַ באַדייטנדער דיכטער, האָט זיך גע׳שמד׳ט אויפן איסלאַמישן גלויבן פון וואָס דער פּאָטער האָט געהאַט פיל צער און ער האָט אים באַ־קלאָגט זיין גאַנץ לעבן ווי אַ שטייגער ער וואָלט געשטאָרבן.

ר׳ אברהם בן עזרא האָט געלעבט אין שפּאַניען ביזן יאָר 1140. צוליב דער טראַגעדיע מיט זיין זון האָט ער גענומען רייזן איבער דער וועלט און ער איז געווען דער גרעסטער רייזנדער צווישן די אידישע געלערנטע פון יענער צייט. מען קען בכלל טיילן זיין לעבן אויף צוויי טיילן. דער ערשטער טייל ביזן יאָר 1140, אין שפּאַניען, און דערנאָך ביז דער ענדע פון זיין לעבן (ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1167, אין עלטער פון 75 יאָר) אין פאַר־שידענע לענדער. ער האָט געוואַנדערט איבער פראַנקרייך, עגיפּטן, בבל, איז געווען אין אינדיע, אין צפון־אַפריקע און אויך אין ארץ־ישראל. אויף זיינע רייזעס האָט ער זיך פאַרפאַלקאָמט אין פיל וויסנשאַפטן. אָבער צוליב זיין ביטערן מזל איז ער געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין אַסטראָלאָגיע און האָט דערין פיל געגלויבט.

אויף די רייזעס האָט ער פאַרפאַסט פיל ווערק. דאָס ערשטע ספר הייסט „מאזנים״, וועגן דער העברעאישער שפּראַך. איינמאָל איז ער קראַנק געוואָרן און עס האָט אויסגעזען זייער שלעכט, אָבער מיט דער הילף פון פריינט איז ער געזונט געוואָרן. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן צו שרייבן אַ ספר וועגן קבלה׳איסטישע ענינים, באַזונדערס וועגן נאָמען פון גאָט, וועגן שם המפורש און ער האָט טאַקע אָנגעשריבן אַזאַ ספר מיטן נאָמען „ספר השם״, וועגן די סודות פון „שם המפורש״, וואָס די קבלה׳איסטן האָבן אויפגעכאַפּט ווי אַן אוצר. מיר זעען איצט ר׳ אברהם אבן עזרא פון אַ נייער זייט, פון זיין נייגונג צו מיסטיק. אָבער מיר ווילן באַלד זען ווידער אַן אַנדערן ר׳ אברהם אבן עזרא, וואָס די קבלה׳איסטן און, איבערהויפּט, די פרומע איז עס גאָר ניט געפעלן. דאָס איז זיין פירוש אויף דער תורה, וואו ער איז געווען דער ערשטער צו מאַכן באַמערקונגען אויפן שטייגער פון ביבל־קריטיק. ער האָט זיך, דער ערשטער, דערלויבט צו זאָגן אויף געוויסע פסוקים פון דער תורה, אַז זיי זיינען ערשט שפּעטער צוגעשריבן געוואָרן. אין אַנדערע ערטער ווידער, מאַכט ער געוויסע אויסבעסערונגען, זאַכן וואָס זיינען קעגן גייסט פון די פרומע (און אַוודאי קעגן די קבלה׳איסטן), וועלכע גלויבן, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן צו די אידן פון גאָט און עס קען ניט זיין קיין ענדערונגען, אַפילו ניט פון איין אות.

אַזוי זעען מיר אויך ר׳ אברהם אבן עזרא אויף פאַרשידענע אַנדערע געביטן, וואָס זיינען אַ קאָנטראַסט איינס צום אַנדערן. אַזוי האָט ער געשריבן אַ ספר, וואָס הייסט „יסוד מורא״, וואָס איז געבויט אינגאַנצן אויף פּלאַטאָנ׳ס פילאָזאָפישער שיטה, וואָס איז אַבסאָלוט ווייט פון אידישן גלויבן. פּלאַטאָן האַלט, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט האָט ער געפונען גרייט אַ געוויסן

שטאָף, פון וועלכן ער האָט אַלץ געשאַפן. דאָס הייסט, אַז ער האָט געשאַפן אַן עפּעס פון עפּעס און ניט, ווי מיר אידן האַלטן, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון גאָרניט („יש־מאין״), אין דער זעלבער צייט אָבער האָט ר׳ אברהם אבן עזרא אָנגעשריבן אַ בראָשור, וואָס הייסט „אגרת השבת״, אין וועלכער ער טרעט אַרויס שאַרף קעגן די, וואָס האַלטן שבת פון דער פרי ביז אָונט אַנשטאָט פון פרייטיק אָונט ביז שבת אָונט. אין אָט־דער בראָשור רעדט ער ווי איינער פון די עקסטרעם־פרומע, מיט כעס און שטורעם קעגן די וואָס טוען אַנדערש. ער טרעט אויך אַרויס שטאַרק קעגן די, וואָס האַלטן ניט פון דער מסורה, קעגן די פרייע, וואָס ווילן לערנען פשט אין דער תורה אויף אַ פרייען אופן און טאַדלט זיי מיט די ערגסטע ווערטער און פאַרגעסט דערביי, אַז ער אַליין שרייבט פירושים, אין וועלכע ער לאָזט זיך אַריין אין אַ פרייער אויסטייטשונג פון דער תורה; ער איז אויך אַ גרויסער אַסטראָנאָם און שרייבט אַ בוך וועגן אַסטראָנאָמיע, אָבער באַלד דערנאָך, אַ בוך וועגן אַסטראָלאָגיע, וועגן שטערן־זעעריי, און גלויבט אין אַלע נאַרישקייטן פון די אַסטראָלאָגן, וואָס זאָגן, אַז די שטערן האָבן אַ ווירקונג אויפן מענטש און אַז עס ווענדט זיך אונטער וועלכן צייכן עמעצער ווערט געבוירן. וואָס שייך ביבל־קריטיק, האָט ר׳ אברהם אבן עזרא, אין זיין פירוש אויף ישעיה, דער ערשטער דערקלערט, אַז דאָס ספר ישעיה איז ניט פון איין נביא, נאָר פון צוויי נביאים און אַז די נביאות פון קאַפּיטל מ׳ (40) ביז ענדע זיינען פון אַ צווייטן נביא ישעיה, אַ זאַך אין וואָס די ביבל־קריטיק האָט זיך דעריין שטאַרק אָנגעכאַפּט, אָבער וואָס די אָרטאָדאָקסיע באַקעמפט שטאַרק. ער האָט אויך געשאַפן פיל לידער, וואָס אַ טייל זיינען געוואָרן פיוטים, וועלכע מען זאָגט צו סליחות און אויך אין דאַוונען פון די ימים־טובים, אָבער אַנדערע זיינען זייער עראָטישע. אַזוי האָט ער אויך געשאַפן עטלעכע דקדוק־ספרים, און אַ רעכענונג פון גאַנג פון די שטערן.

פון אַלע זיינע ווערק וועלן מיר דאָ זיך אָפּשטעלן באַזונדער אויף זיין פילאָזאָפיש ווערק וועגן אידנטום, וואו ער ברענגט אַרויס זיינע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען. דאָס איז „יסוד מורא״ (דער יסוד פון פורכט), וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט. ר׳ אברהם אבן עזרא האַלט כמעט אינגאַנצן מיט אַ פריערדיקן פּאָעט, וועלכער איז אויך געווען אַזוי אָרעם און עלנד ווי ער, נעמלעך, ר׳ שלמה איבן גבירול, און וועלכער איז אויך געווען גענייגט צו דער שיטה פון פּלאַטאָן, אַז עס איז געווען פריער עפּעס אַ שטאָף, איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. אויף דער פראַגע פון די קעגנער פון ר׳ אברהם אבן עזרא, ווער האָט געשאַפן יענעם שטאָף? און אויב עס איז געווען אַזאַ שעפער איז דאָך יענער געווען גאָט? און אויך פון וואָס האָט יענער שעפער געשאַפן אָט דעם שטאָף? — ענטפערט ר׳ אברהם אבן עזרא, אַזוי ווי ס׳רוב גריכישע פילאָזאָפן, אַז גאָט האָט נאָר באַנייט די פאָרם און ניט דעם שטאָף. דאָס מיינט, אַז דער

שטאָף אויף צו שאַפן די וועלט איז שוין געווען פיל פריער און אַז מען קען וועגן דעם קיין קשיות ניט פרעגן, פונקט ווי מען קען ניט פרעגן, ווער עס האָט באַשאַפן גאָט.

ווייטער גלויבט ר׳ אברהם אבן עזרא פונקט אַזוי ווי ר׳ שלמה איבן גבירול אין די כוחות פון די מזלות און ער רעכנט אויס צען מזלות, אויפן זעלבן שטייגער ווי בן גבירול. ער גלויבט אַז די נשמה פון מענטש געפינט זיך אונטערן איינפלוס פון די מזלות ביז זי דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע. דעמאָלט שטייט זי שוין אונטער דער השפעה פון גאָט אַליין...

ווען ר׳ אברהם אבן עזרא קומט צו דעם אויספיר, ווערט ער מיס־טיש און מישט אַריין קבלה׳שע באַגריפן אין זיין פילאָזאָפישער שיטה. אַזוי זאָגט ער, אַז מיטן נאָמען פון גאָט (דער „שם המפורש״) — אויב מען ווייסט ווי אים אַרויסצוזאָגן ריכטיק — קען מען אויפטאָן וואונדער. ער רעדט וועגן דער פראַגע פון גאָט׳ס אויפזיכט איבער אַלעם. וועגן דער פראַגע צי עס דאָ אַ „השגחה כללית״ אָדער אויך אַ „השגחה פרטית״, זאָגט ער אַזוי: גאָט פירט אָן מיט דער וועלט בכלל און זאָרגט בכלל פאַר אַלע. ער מישט זיך ניט אין לעבן פון יעדן איינציקן באַזונדער (השגחה כללית), אָבער ער האַלט אָן אויג אויף יעדן מענטש און קיינער קען גאָרניט טאָן אויב עס איז ניט אַזוי דער ווילן פון גאָט (השגחה פרטית). עס זיינען געווען ביי אידן פילאָזאָפן וואָס האָבן געהאַלטן נאָר פון „השגחה כללית״, אַנדערע ווידער האָבן געגלויבט אויך אין „השגחה פרטית״, ר׳ אברהם אבן עזרא האַלט אָבער פון ביידע: פון „השגחה כללית״ און אויך פון אַ געוויסער „השגחה פרטית״, אָבער עס איז ניט גענוג קלאָר ווי אַזוי ער זעט עס אין דער ווירקלעכקייט.

ר׳ אברהם אבן עזרא גיט אויך אַזאַ מין ענטפער בנוגע דער פראַגע פון פרייען ווילן. ער זאָגט, אין דער פראַגע וועגן „ידיעה״ און „בחירה״, אַז אויף דער פראַגע צי גאָט ווייסט פריער וואָס דער מענטש וועט טאָן, אָדער ניט און צי דער מענטש איז פריי צו טאָן וואָס ער וויל, אָדער אַז אַלץ וואָס ער טוט איז פריער באַשטימט פון גאָט — איז דער ענטפער, אַז עס איז ביידע זאַכן. אָבער דאָך ווייסט גאָט ניט, וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט. און דערפאַר האָט דער מענטש פולשטענדיקע פרייהייט צו טאָן וואָס ער וויל. דאָס איז אַ דערקלערונג, וואָס איז אינגאַנצן קעגן דעם אידישן געדאַנקען־גאַנג.

פון דעם איז צו זען, אַז אויך אין דער פראַגע וועגן דער גאָטהייט זיינען ביים אבן עזרא דאָ סתירות. פון איין זייט גלויבט ער, אַז גאָט איז אַ „כל יכול״, דאָס הייסט, אַז גאָט קען אַלץ שאַפן און ווייסט אַלץ פון פריער אויס, אָבער פון דער אַנדערער זייט באַגרענעצט ער דעם כח פון גאָט צו קאָנען שאַפן נאָר פון אַ יש, פון עפּעס און פון אַ שטאָף, וואָס ער האָט

געפונען שוין גרייט פאַר זיך און אַזוי אויך ווען עס קומט צו גאָט׳ס וויסן באַגרענעצט ער אים דערמיט, וואָס ער זאָגט, אַז גאָט ווייסט ניט די צוקונפט פון מענטש.

אין זעלבן בוך רעדט אויך דער אבן עזרא וועגן די מצוות פון דער תורה און וויל געבן טעמים צו די פאַרשידענע געבאָטן. אָבער די רייד קלעפּן זיך עפּעס ניט און מען זעט ניט אין זיי קיין שום לאָגיק. בכלל איז דער ספר „יסוד המורא" זייער שוואַך אין חקירה און געהער ניט צו די בעסערע פילאָזאָפישע ביכער פון יענער גאָלדענער עפּאָכע.

* * *

אַזוי ווי ר׳ אברהם אבן עזרא איז ניט פאַרשטענדלעך אין זיינע ווערק, אין וועלכע ער איז זיך אָפט אַליין סותר, אַזוי איז ער אויך געווען אין לעבן. באַזונדערס זיין האַנדלונג בנוגע דעם גרויסן פּאָעט, ר׳ משה אבן עזרא, וועלכער איז אין פיל הינזיכטן געווען נאָך גרעסער ווי ער. דאָס איז געווען ווען משה אבן עזרא האָט זיך שטערבלעך פאַרליבט אין דער שיינער טאָכטער פון זיין קרוב ר׳ יצחק און האָט דאָס מיידל ליב געהאַט ביז משוגעת. אויך זי האָט געשטורעמט מיט איר ליבע צו אים ניט וויניקער ווי משה צו איר. אָבער ר׳ אברהם אבן עזרא האָט דאָס ניט דערלאָזט און אָנשטאָט דעם חתונה געמאַכט איר מיט אירן אַ פעטער, פון וואָס עס איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע טראַגעדיע.

וועגן דער אָנגעהעריקייט פון ר׳ משה אבן עזרא צו ר׳ אברהם אבן עזרא זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען. אַ טייל געלערנטע דענקען, אַז זיי זיינען געווען ברידער, אָבער דאָס איז ניט באַוויזן געוואָרן. דעריבער איז דאָ אַ מיינונג ביי געלערנטע, אַז זיי זיינען געווען פון דער זעלבער משפחה, אָבער ניט קיין ברידער.

ר׳ משה אבן עזרא איז געווען באַוואוסט אַלס איינער פון די סאַמע גרעסטע פּאָעטן ביי די אידן אין דער גאָלדענער עפּאָכע פון שפּאַניען. ער איז אָבער ניט בלויז געווען אַ פּאָעט, נאָר אויך אַ שפּראַכן־קענער און אַ פילאָזאָף. די משפחה אבן עזרא האָט בכלל זיך אויסגעצייכנט סיי אין תורה און סיי אין חכמה. עס זיינען געווען פיר ברידער: ר׳ יצחק דער עלטסטער, דאַן ר׳ אברהם, דערנאָך איינער אהרן און דער אינגסטער, ר׳ יוסף (זיי האָבן אויך געהאַט אַראַבישע נעמען, ווי עס איז געווען די מאָדע אין יענער צייט. דער עלטסטער האָט געהייסן אבו יצחק, דערנאָך איז געווען אַבו איבראַהים, דאַן אַבו האַרון און, צום סוף, אַבו כאַדזשאַזש ר׳ יוסף). דער פאָטער פון די פיר ברידער, ר׳ יהודה, האָט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין קעניגלעכן הויף פון קעניג כאַבוס. ר׳ משה האָט געלערנט גמרא ביי זיין קרוב ר׳ יצחק, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט. אין יענער צייט, ווען משה איז נאָך געווען אַ בחור׳ל און איז אָפט אַריינגעקומען צו ר׳ יצחק׳ן אין הויז — האָט ער זיך שטערבלעך פאַרליבט אין זיין שיינער

טאָכטער, שושנה, וועלכע איז געווען אינגאַנצן מיט אַ יאָר אינגער פון אים. אויך זי האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין אים אוןביידע פאַרליבטע נשמות האָבן געלעבט נאָר מיטן געדאַנק און געפיל פון געהערן איינער צום אַנדערן. אָבער ווען ר׳ יצחק האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן. דערצו האָבן אים צוגערעדט די ברידער, ר׳ אברהם אבן עזרא און ר׳ יוסף. ר׳ משה אבן עזרא האָט אָבער אַזוי געברענט פון ליבע צו שושנה׳ן, אַז ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָר־שטעלן, אַז עס וועט מעגלעך זיין פאַר אים צו לעבן אָן איר. יעדנפאַלס, אָט דעם געדאַנק זאָגט ער אַרויס אין זיינע ערשטע שטורמישע ליבע־לידער, וועלכע ער האָט געשאַפן אין יענער צייט. ער דערקלערט דאָרטן, אַז שושנה איז אים געגעבן געוואָרן נאָך פון הימל און אַז איר נשמה איז אַ טייל פון זיינער און אַז עס וועט ניט זיין מעגלעך ניט פאַר אים און ניט פאַר איר צו לעבן איינער אָן דעם אַנדערן, בלויז מיט אַ האַלבער נשמה...

עס איז שווער צו שילדערן, וואָס משה אבן עזרא האָט צעיאָמערט, וויפיל ער האָט זיך געבעטן ביי זיין קרוב, אַז ער זאָל אים געבן דאָס, וואָס עס איז געוואָרן דער תוך פון זיין לעבן, די שיינע שושנה, נאָך וועלכער ער גייט אויס פון בענקשאַפט. ער האָט זיך געבעטן אויך ביי די דריי ברידער פון ר׳ יצחק׳ן, אַז זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַר אים, אָבער קיינער האָט גאָרניט געוואָלט טאָן פאַר אים. פאַרקערט, זיי האָבן נאָך פאַר־שטאַרקט ביי ר׳ יצחק׳ן די מיינונג, אַז ער זאָל משה׳ן שושנה׳ן ניט געבן.

ר׳ משה אבן עזרא שטורעמט איצט קעגן זיי אַלע און אין זיינע לידער שווערט ער, אַז ער וועט מיט אַלע איבעררייסן און אַז ער וועט זיך פון שושנה׳ן ניט אָפּזאָגן, און אויב זי וועט ניט זיין זיינע, וועט ער קיינמאָל מער ניט וועלן וויסן פון אַן אַנדערע פרוי.

צו פאַרמערן זיינע יסורים, האָבן די ברידער נאָך צוגערעדט דעם פאָטער, אַז ער זאָל זיין שושנה חתונה מאַכן מיט זיין אינגערן ברודער, יוסף, כאָטש זי, שושנה, האָט אים ניט געוואָלט. די חתונה איז דאָך פאָרגעקומען קעגן איר ווילן, אָבער ווען זי איז געוואָרן שוואַנגער און צום יאָר געגאַנגען צום קינד, איז זי אין קינפעט געשטאָרבן. פאַרן טויט, האָט זי געהייסן זאָגן משה׳ן, אַז זי האָט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן און אַז זי גייט אין קבר אַריין מיט זיין נאָמען אויף די ליפּן.

ווען ר׳ משה אבן עזרא האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער זייער שטאַרק געיאָמערט. עס רייסט ממש ביים האַרצן ווען מען לייענט זיין גרויס קלאָג־ליד אויפן טויט פון זיין האַרצנס־געליבטע. ער האָט דאָס קלאָג־ליד געשיקט צו איר פאָטער, ר׳ יצחק, און דער פאָטער האָט ערשט אויף ס׳ניי באַקלאָגט זיין יונגע און שיינע טאָכטער און אַזוי האָבן אויך געטאָן אַלע אַנדערע ברידער. לייענענדיק דאָס קלאָג־ליד האָבן זיי געוויינט אויף ס׳ניי איבער איר טויט און זיך געפילט שולדיק אין דעם, וואָס עס איז געשען. זיי האָבן

דעריבער איצט איבערגעבעטן ר׳ משה אבן עזרא׳ן, אָבער ער האָט שוין מער ניט געוואָלט און ניט געקענט זיין צוזאַמען מיט זיי און איז אַוועק קיין פּאָרטוגאַל און פון דאָרטן געוואַנדערט אויך אין אַנדערע לענדער.

ר׳ משה אבן עזרא האָט אָנגעשריבן זייער פיל לידער, אין וועלכע ער באַזינגט קודם כל זיין געליבטע, דאַן קלאָגט ער דערויף, וואָס קרובים ווערן פאַלש איינער צום אַנדערן. ער קלאָגט אויף פריינט, וואָס זיינען ניט ערלעך. ער באַזינגט די נאַטור און אויך שיינע פרויען (באַזונדערס אין זיין ספר „התרשיש". דאָס ספר הייסט אַזוי, ווייל עס האָט 1210 פערזן, וויפיל דאָס וואָרט „תרשיש" באַטרעפט). דאָס ספר רופט זיך אויך „ספר ענק". עס איז געשריבן געוואָרן לויט דער אַראַבישער פאָרם פון „טעדזשינס". דאָס איז אַ פאָרם, וואָס אַלע פיר שורות׳דיקע פערזן זיינען געגראַמט מיט ווערטער, וואָס האָבן דעם זעלבן קלאַנג, אָבער פאַרשידענע טייטשן. די לידער שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשידענע שפּראַך־קאָמבינאַציעס און זיי זיינען אויסדריקן פון פּאָעזיע, פילאָזאָפיע, פאַנטאַזיע, עפּישע שילדערונגען, טיפע געפילן און מעדיטאַציע. אַ חוץ דעם האָט ר׳ משה אבן עזרא אָנגעשריבן אויך זייער פיל שירי קודש, ווי פּיוטים צום דאַוונען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרן אין פיל מחזורים. אַזוי, למשל, איז באַקאַנט זיין סדר העבודה וואָס מען זאָגט יום־כּיפּור צו מוסף און באַזונדערס די תפילה „אשרי עין ראתה כל אלה", וואו ער שילדערט ווי דער כהן גדול האָט געטאָן די עבודה אין בית המקדש אין טאָג פון יום־כּיפּור.

זייענדיק צעבראָכן פון לעבן, האָט ר׳ משה אבן עזרא די באַשאַפונג פון דער וועלט ניט געקענט זען אַנדערש, ווי אין שוואַרצע פאַרבן, און דעריבער איז זיין ווערק וועגן דער פילאָזאָפיע פון אידנטום, וואָס ער האָט געשריבן אויף אַראַביש (און וועלכע איז שפּעטער איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעאיש אונטערן נאָמען „ערוגת הבושם"), ניט קיין אָפּטימיסטישע אַרבעט. דאָס ווערק אין אַראַביש און אויך אין די איבערזעצונג אויף העברע־איש זיינען קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן. זיי געפינען זיך אין דער אָפּטיילונג פון מאַנוסקריפּטן אין לענינגראַד, האַמבורגער און אָקספאָרדער נאַציאָנאַלע ביבליאָטעקן. לויט אַן אָפּהאַנדלונג אין דעם קאַטאַלאָג פון דער אָקספאָרד־ביבליאָטעק, האָט דאָס ווערק 7 קאַפּיטלען. אין ערשטן קאַפּיטל רעדט ער אַרום די פראַגן פון דער גאָטהייט. דאָס צווייטע קאַפּיטל פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע פון מאָנאָטעאיזם. אין דריטן קאַפּיטל רעדט ער וועגן די מענטשלעכע באַגריפן וואָס מען שרייבט־צו גאָט, ווי די האַנט פון גאָט, די אויגן פון גאָט א. ד. גל. אין די איבעריקע פיר קאַפּיטלען פאַרנעמט ער זיך איבערהויפּט מיט דער נאַטור פון דער וועלט און פון מענטש און פון די באַציאונגען וואָס עס דאַרפן הערשן צווישן מענטשן. לויט ווי עס ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון בוך, האַלט ער אויך אַזוי ווי ר׳ אברהם אבן עזרא און ווי ר׳ שלמה איבן גבירול, פון פּלאַטאָנ׳ס שיטה, וועגן דער באַשאַפונג

פון דער וועלט, אָבער ער רעדט בכלל פּעסימיסטיש וועגן מין מענטש און וועגן לעבן בכלל.

ר׳ משה אבן עזרא האָט דאָך געהאַט אַ שטיקל טרייסט צו זיין צעבראָכן האַרץ אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן. דאָס איז געווען, ווען דער נייער שטערן, דער אויפגייענדיקער גרויסער דיכטער ר׳ יהודה הלוי, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט געמאַכט אַ גרויסן נאָמען מיט זיינע שירים, האָט זיך מיט אים געטראָפן און אים געטרייסט דערמיט וואָס אויך ער איז פאַר־וואונדעט געוואָרן פון דער ליבע; אים האָט אַ מענטשן־טאָכטער, וועלכע ער האָט שטערבלעך געליבט און וועלכע ער האָט פאַרגליכן צו אַ מלאך פון הימל, אָפּגענאַרט און איז אַוועק צו אַן אַנדערן. דער דיכטער האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ וועגן דעם אין אַ ליד, וואָס ער האָט געווידמעט צו ר׳ משה אבן עזרא.

ר׳ משה אבן עזרא איז געשטאָרבן אין 1138 אין עלטער פון 68 יאָר. באַלד נאָך זיין טויט איז אויפגעגאַנגען דער שטערן פון דעם שוין באַרימטן נאַציאָנאַלן דיכטער־פילאָזאָף, ר׳ יהודה הלוי.

.6

# דער נאַציאָנאַלער דיכטער־פילאָזאָף ר׳ יהודה הלוי

**די גרויסע צאָל פון ר׳ יהודה הלוי׳ס פיוטים און אַנדערע לידער. — ר׳ יהודה הלוי׳ס אַרויסטריט קעגן דער גריכישער פילאָזאָפיע און זיין נייע נאַציאָנאַלע פילאָזאָפישע שיטה וועגן אידן און אידנטום. — דער „ספר הכוזרי" וואו ער שילדערט אַ וויכוח צווישן אַ פילאָזאָף, אַ קריסטלעכן גייסטלעכן, אַ מאַכמעדאַנער רעליגיאָנס־פאָרשטייער און אַ רב וועגן דעם, וועלכע רעליגיע עס איז די בעסטע. — די לעגענדע וועגן ר׳ יהודה הלוי׳ס טויט.**

ר׳ יהודה הלוי (אויף אַראַביש האָט ער געהייסן אַבו אַל חאַסאַן אַל לאַווי) איז געבוירן געוואָרן אין טאָלעדאָ, דרום־שפּאַניען, צום סוף פון עלפטן יאָר־הונדערט. לויט אַ טייל פון זיינע ביאָגראַפן, איז עס געווען אין יאָר 1085, לויט אַנדערע, מיט דריי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1088. ער איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיין פאָטער ר׳ שמואל פון קאַסטיליען, וועלכער האָט אים געשיקט לערנען אין דער באַוואוסטער ישיבה אין יענער צייט פון ר׳ יצחק אַלפאַסי. ר׳ יהודה הלוי האָט אויך שטודירט אַנדערע וויסנשאַפטן און, הויפּטזעכלעך, מעדיצין. ער האָט אויך זיך פאַרפאָלקאָמט אין אַראַביש און האָט שטודירט די גריכישע פילאָזאָפן אויף אַראַביש און אויך די פילאָזאָפישע ווערק פון די אַראַבישע פילאָזאָפן. ער איז דערנאָך אַוועק קיין קאָרדאָוואַ אין מערב־שפּאַניען, וועלכע איז געווען דעמאָלט באַרימט אַלס די הויפּט־שטאָט פון שפּאַניען פאַר וויסנשאַפט און געלערנזאַמקייט.

ר׳ יהודה הלוי האָט נאָך גאָר יונג געשאַפן פיל פיוטים וואָס זיינען אַריין אין די מחזורים אויף די ימים טובים. מען שאַצט אָפּ, אַז ער האָט פאַרפאַסט פיוטים, סליחות און יקנות אין אַ צאָל מער ווי 300. ער האָט אויך געשריבן שירי חול — סעקולערע לידער — וועגן דער נאַטור, וועגן פרויען, וועגן ווייַן און אַנדערע ערדישע פאַרגעניגנס, אין אַ גרויסער צאָל.

אָבער נאָך גאָר יונג איז ר׳ יהודה הלוי, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרטיפט אין די גריכישע פילאָזאָפישע ווערק, געקומען צום באַשלוס, אַז די גריכישע פילאָזאָפיע מיינט גאָרניט פאַרן אידישן גייסט. די גריכישע פילאָזאָפיע האָט אונז אידן גאָרניט וואָס צו זאָגן, ווייל זי איז אינערלעך פוסט. „זי האָט נאָר בלומען אָבער ניט קיין פרוכטן". אָט דעם געדאַנק

האָט ער אויסגעדריקט אין אַ ליד וואָס איז באַלד געוואָרן באַרימט אין דער גאַנצער אידישער וועלט און וועלכעס איז געוואָרן דער תוך פון זיין פילאָזאָפישער שיטה. אין דעם ליד זינגט ער אַזוי (אין פרייער איבערזעצונג):

עס זאָל דיך ניט רייצן די גריכישע חכמה,
ווייל זי האָט ניט קיין פרוכטן, נאָר בלויז בלומען.
און איר לערע איז, אַז די ערד איז ניט געשאַפן געוואָרן
און גאָט האָט די הימלען ניט אָנגעצויגן,
אַז עס איז ניטאָ קיין אָנהויב צו דער גאַנצער מעשה בראשית,
און עס איז אויך ניטאָ קיין ענד צו דעם גאַנג פון די חדשים.
דעריבער, מענטש, הער זיך צו, אירע רייד זיינען פאַרווירט,
געבויט אויף אַ גרונט פון גאָרניט און פוסט;
דו וועסט נאָר אַוועקגיין פון איר צעטומלט און צעדרייט,
דעריבער, צו וואָס זאָלסטו זוכן זיך קרומע שטעגן
און פאַרלאָזן דעם אמת׳ן גלייכן וועג.

אין דעם ליד טרעט הלוי אַרויס איבערהויפּט קעגן דער פילאָזאָפישער שיטה פון אַריסטאָטעל, וועלכע זאָגט, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן און אַז גאָט האָט ניט געשאַפן הימל און ערד און אַז עס זיינען בכלל ניט געווען קיין מעשה־בראשית. אָנשטאָט דעם לערנט אונז ר׳ יהודה הלוי אַ אידישע פילאָזאָפיע, אַ אידישן וועג, אַ פילאָזאָפיע ניט פון דרויסן, ניט פון די גריכן, נאָר פון אינעווייניק, פון אידנטום גופא.

אָבער וואָס איז די דאָזיקע אידישע פילאָזאָפיע? וואָס אַזוינס זאָגט אונז אָט די שיטה?

דאָס דערקלערט ר׳ יהודה הלוי אין אַ ספר, וועלכער ווערט אָנגערופן „הכוזרי". פאַרוואָס ער האָט אָנגערופן אַזוי זיין ספר און וואָס דאָס ספר שטעלט מיט זיך פאָר, וועלן מיר דערקלערן שפּעטער. מיר ווילן אָבער דאָ קלאָר מאַכן די הויפּט־פּונקטן פון ר׳ יהודה הלוי׳ס שיטה. זי באַשטייט פון פאָלגענדן:

1. גאָט האָט געגעבן די אידן די תורה און האָט זיי געמאַכט פאַר זיין פאָלק. פאַרוואָס האָט ער אַזוי געוואָלט? דאָס איז ניט קיין קשיא. ווייל קען מען דען פרעגן אַ קשיא אויף גאָט פאַרוואָס האָט ער געשאַפן די זון, די לבנה אָדער די שטערן? ער האָט אַזוי געוואָלט און אַזוי האָט ער געטאָן. גאָט האָט דעריבער געוואָלט שאַפן דאָס אידישע פאָלק אַלס דעם טרעגער פון זיין תורה און אַזוי האָט ער געטאָן. דאָס איז אויב מען נעמט אָן אַז אַזוי איז געווען גאָט׳ס ווילן, אָן צו זוכן דערביי אַ שכל־זאַך, אָבער אויב מען וויל געפינען דערביי אַ שכל׳דיקן טעם, האָט גאָט געוואָלט אַז איין פאָלק אין דער וועלט זאָל זיין דאָס אויסגעצייכנטע פאָלק, זיין פאָלק און אַז דאָס פאָלק זאָל אויסרופן אומעטום דעם נאָמען פון גאָט און פאַר דעם פאָלק האָט ער גענומען די בני ישראל, די קינדער פון יעקב׳ן.

2. ווען מען קומט צו דעם באַשלוס, דאַרף מען ניט פאַרשטאַרקן די אידישע רעליגיע מיט גריכיש־פילאָזאָפישע געדאַנקען, ווייל דער אידישער גאַנג אין דער וועלט איז גאָר אַן אַנדערער. קיין פאָלק האָט גאָט ניט אַרויסגענומען פון אַ לאַנד וואו זיי זיינען געווען שקלאַפן, צו מאַכן זיי פאַר זיין פאָלק, ווי ער האָט געטאָן צו אונז; קיין פאָלק האָט ער ניט געגעבן אַ תורה אויפן באַרג סיני ווי עס איז געשען מיט אונז; קיין פאָלק האָט ניט גאָט געשפייזט מיט מן פערציק יאָר אין דער מדבר, ווי ער האָט געטאָן צו די אידן, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים. דעריבער קענען ניט די אַנדערע פעלקער זיך גלייכן צו אונז און מיר קענען אויך זיך ניט שטעלן אויף איין ברעטל צוזאַמען מיט זיי.

3. גאָט האָט צו אונז געזאָגט דורך משה׳ן „אתם תהיו לי לעם ואנכי לכם לאלקים״ (איר וועט זיין צו מיר פאַר אַ פאָלק און איך וועל זיין צו אייך פאַר אַ גאָט), אַזוי האָט גאָט געזאָגט נאָר צו אונז, אָבער ניט צו אַנדערע פעלקער און דעריבער וואָס קענען פאַר אונז אויפטאָן די רייד פון אַנדערע פעלקער, אַפילו די קליגסטע רייד פון די סאַמע בעסטע מענטשן פון זיי! האָט גאָט צו זיי דען אַזוי געזאָגט ווי ער האָט גערעדט צו אונז? האָט גאָט זיי אויסגעקליבן פאַר זיין פאָלק? ניין. ער האָט אונז אויסגעקליבן און ניט זיי. דעריבער זיינען מיר די אויסגעקליבענע און ניט זיי און זיי דאַרפן זיך לערנען ביי אונז און ניט מיר ביי זיי.

ר׳ יהודה הלוי האָט, ווי געזאָגט, זיינע טיפע געדאַנקען וועגן אידן און אידישקייט אויסגעדריקט אין זיין „ספר הכוזרי״, וואָס ער האָט געשריבן אויף אַראַביש, ווייל עס איז דעמאָלט געווען דער שטייגער צו שרייבן די בעסערע ווערק אויף אָט דער שפּראַך. יהודה איבן תיבון (פון דער באַרימטער איבן תיבון פאַמיליע) האָט דאָס ווערק איבערזעצט אויף העברעאיש. ער האָט אויך דעם לאַנגן אַראַבישן נאָמען פון ווערק פאַרביטן אויף אַ פיל קירצערן „הכוזרי״.

אָבער פאַרוואָס „הכוזרי״? און וואָס שטעלט דאָס ווערק מיט זיך פאַר?

ר׳ יהודה הלוי האָט געוואָלט זיינע געדאַנקען וועגן אידישקייט אַרויס־ברענגען דורך אַ האַלב־בעלעטריסטישער פאָרם, דורך דער פאָרם פון אַ דיסקוסיע, אַ מין וויכוח צווישן עטלעכע מענטשן, פונקט אַזוי ווי מיר האָבן אין דער ביבל דאָס ספר „איוב״, וואו עס ווערט דערציילט אַז די דריי פריינט פון איוב׳ן רעדן מיט אים נאָך דעם אומגליק, וואָס עס איז מיט אים געשען, צי דאָס אַלץ איז געשען פון גאָט׳ס האַנט; צי גאָט באַצאָלט מיט שלעכטס פאַר גוטס און צי דער מענטש דאַרף נאָך דעם, ווי עס געשעט אים שלעכטס, אַרויסטרעטן קעגן גאָט. אין ספר „הכוזרי״ האָט ר׳ יהודה הלוי אויך געוואָלט קלאָר מאַכן די וויכטיקייט פון אידישקייט דורך אַ דיסקוסיע, וואו עס זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן די מיינונגען פון אַ דענקער, וואָס גלויבט אין גאָרניט און די מיינונגען פון די רעליגיע־פאַרשטייער פון קריסטן, מאַכמעדאַנער און אידן וועגן גאָט און מענטשן. דערצו האָט

ר׳ יהודה הלוי זיך באַנוצט מיט אַ מעשה שהיה, מיט אַ פאַקט, וואָס עס איז געשען ניט גאָר ווייט פון זיין צייט, אַז אַ קעניג, וואָס איז געווען אַ געצן־דינער, האָט געוואָלט בייטן זיין רעליגיע און גערופן צו זיך די פאָר־שטייער פון אַלע אמונות און צום סוף אויסגעקליבן פאַר זיך דעם אידישן גלויבן. דאָס איז געווען דער קעניג פון די כוזאַרן, בולאַן, וועלכער האָט אָנגענומען דעם אידישן גלויבן אין יאָר 740 (קריסטלעכע צייט־רעכע־נונג). יענער קעניג האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע זיינע בירגער זאָלן ווערן אידן. אָט דאָס האָט ר׳ יהודה הלוי אויסגענוצט, פאָר־שטעלנדיק ווי אַזוי עס איז געשען, אַז דער קעניג זאָל אָנהויבן צו זוכן אַן אַנדער גלויבן; ווי אַזוי עס האָט גערעדט צו אים דער פילאָזאָף און ווי אַזוי עס האָבן גערעדט די פאָרשטייער פון די דריי רעליגיעס. ער האָט עס געטאָן דורך געבן זיי זיינע ווערטער אין מויל אַריין און, ענדלעך ווייזט ער, ווי אַזוי דער קעניג האָט אָנערקענט, אַז די אידישע רעליגיע איז די בעסטע.

דאָס ווערק הויבט זיך אָן דערמיט, וואָס עס דערציילט, אַז דער קעניג פון די כוזאַרן, וועלכער איז געווען אַ געצן־דינער, אָבער ערלעך און אויפריכטיק, האָט איינמאָל ביינאַכט געהאַט אַ חלום, וואָס האָט זיך שפּעטער איבערגע׳חזר׳ט עטלעכע מאָל. אין דעם חלום זאָגט צו אים עמעצער, אַ מין מלאך פון הימל, אַז „די רעליגיע, וואָס ער האָט, איז ניט די ריכטיקע און אַז כאָטש זיין כוונה איז אַ גוטע און איז אָנגענומען ביי גאָט, זיינען אָבער זיינע מעשים ניט די ריכטיקע״. דער קעניג ווערט זייער אומרואיק פון דעם חלום און ער באַשטימט צו בייטן זיין רעליגיע אויף אַן אַנדערער אַזוי, אַז זיינע מעשים זאָלן פון היינט אָן אויך זיין די ריכטיקע. אָבער וועלכע רעליגיע זאָל ער אויסוויילן?

כדי צו לייזן די פראַגע, האָט דער קעניג געהייסן רופן צו זיך אַ פילאָזאָף, וואָס האָט שטודירט און קען גוט די גריכישע פילאָזאָפיע. ווען דער געלערנטער קומט צו אים, בעט אים דער קעניג, אַז ער זאָל אים אויפקלערן ווי אַזוי עס דאַרף זיין די באַציאונג פון מענטש צו גאָט; אין וואָס דער מענטש דאַרף גלויבן און אויך ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך אויפפירן בנוגע זיינע מיט־מענטשן. דער פילאָזאָף, אין זיין ענטפער צום קעניג, האָט גענומען אים דערקלערן די הויפּט־געדאַנקען פון די גריכישע פילאָזאָפן, אַז גאָט איז איבער דער וועלט און איבער די מענטשן, אָבער, האָט ער צוגעגעבן, אַז דערפאַר, וואָס ער איז איבער אַלעם, קען ער ניט די מענטשן און ווייסט ניט זייערע געברויכן און דעריבער טויט די תפילה פון מענטשן אים ניט דער־גרייכן. אָבער כאָטש גאָט איז איבער אַלעם, איז דאָך די וועלט געווען פריער פאַר אים און אַז דער מענטש, אַן אָפּשטאַם פון אור־מענטש, מיט אַלע זיינע נייגונגען און געברויכן, האָט אין זיך אַלע שלעכטע נייגונגען פון אַמאָל און דעריבער איז ער ניט פריי אינגאַנצן צו טאָן וואָס ער וויל, אָבער ער קען דאָך די שלעכטע נייגונגען באַהערשן אין זיך, דורך

זיין שכל, אָבער דערויף דאַרף ער ניט צו האָבן קיין רעליגיע און דאַרף אין גאָרניט גלויבן, ווייל דער מענטש קען זיין עטיש אויך אָן אַ גלויבן.

דער קעניג האָט אויסגעהערט די רייד פון פילאָזאָף, אָבער ער איז ניט געווען צופרידן פון זיי און האָט געהייסן אַריינרופן צו זיך דעם פאַר־טרעטער פון די קריסטן און דערנאָך פון די מאַכמעדאַנער, אָבער ניט פון די אידן, ווייל „זיי זיינען אַ געפאַלן און געשטראָפט פאָלק". צום ערשטן איז אַריינגעקומען צום קעניג, דער פאָרשטייער פון די קריסטן און האָט דערקלערט דעם קעניג די פרינציפן פון זיין גלויבן. ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער קעניג אים געפרעגט פון וואַנען ער נעמט דאָס אַלץ. דערויף איז געקומען דער ענטפער פון קריסטלעכן גייסטלעכן, אַז דאָס איז אַלץ גענומען פון דער ביבל, פון די רייד פון די נביאים, וועלכע האָבן דאָס אַלץ פאָרגעזען. דער קעניג האָט אים דאַן געפרעגט: „צו וועמען איז געגעבן געוואָרן די ביבל?" — „צו די אידן" — האָט דער קריסטלעכער גייסטלעכער אים געענטפערט. „אויב אַזוי — האָט דער קעניג געזאָגט — צו וואָס דאַרף איך דאָס נעמען פון אייך?"

באַלד דערנאָך האָט דער קעניג געהייסן אַריינרופן דעם פאָרשטייער פון די מאַכמעדאַנער. נאָך דעם ווי יענער האָט אים דערקלערט די עיקרים פון זיין אמונה, האָט אים דער קעניג געפרעגט: „אָבער פון וואַנען נעמסטו דאָס אַלץ?" — „פון דער ביבל" — האָט געענטפערט דער מאַכמעדאַנער. „די ביבל פון די אידן"? — האָט דער קעניג אים איבערגעפרעגט. „יאָ" — האָט דער מאַכמעדאַנער געענטפערט. דער קעניג האָט אים דאַן געזאָגט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט צום פאָרשטייער פון די קריסטן און אים געהייסן גיין. דאַן האָט ער געזאָגט צו זיינע ראַטגעבער:

— אויב זיי נעמען אַלץ פון דער ביבל, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די אידן, צו וואָס אַלזאָ זאָל איך נעמען פון זיי? לאָמיך בעסער הערן וואָס עס זאָגן די אידן, צו וועמען די ביבל איז געגעבן געוואָרן.

* * *

דער פאָרשטייער פון די אידן, ר' יצחק סנגרי, האָט אַזוי דערקלערט דעם קעניג די גרונד־פרינציפן פון דער אידישער אמונה:

1. קודם כל איז אַ גרויסער אונטערשיד צווישן אַן עטיק, וואָס מען לערנט אַ קינד פון קינדהייט אָן, וואָס איז אַן עטיק פון אַ רעליגיע, צי אַן עטיק וואָס איז אַ רעזולטאַט פון פילאָזאָפישע דערגרייכונגען, אָבער וועלכע זיינען ניט איינגעפלאַנצט געוואָרן אין מענטש פון קינדהייט אָן. פון פילאָ־זאָפיע אַליין קען מען ניט קומען צו גוטע געוואוינהייטן. נאָר בלויז דורך דערציאונג קען מען דאָס דערגרייכן.

2. די אידישע תורה דערציילט אונז, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און אַלץ וואָס איז דאָ אין איר. ער האָט זי באַשאַפן אַ יש מאין, אַן עפּעס פון גאָרניט. דאָס פאַרשפּאָרט אונז צו טראַכטן, צי עס איז געווען אַן „עפּעס"

פריער און ווער עס האָט געשאַפן דעם „עפּעס”. אַזוי ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, ווייזט דאָס, אַז ער איז אייביק. ער איז געווען פאַר דער וועלט און ער וועט זיין נאָך דער וועלט, אויב ער זאָל באַשליסן זי צו פאַרניכטן. דאָס מיינט, אַז ער איז ניט קיין קערפּער, ווייל אַ קערפּער איז ניט אייביק.

3. דאָס ווייזט אונז אויך די איינציקייט פון גאָט און אַז מיר קענען אים ניט באַגרייפן דורך מענטשלעכע חושים און דורך אונזער פאַרשטאַנד. דעריבער הייסט עס אויך, אַז די באַגריפן וועגן גאָט, וואָס עס זיינען דאָ אין חומש, למשל, „גאָט האָט געזאָגט”, „גאָט'ס האַנט” א. ד. גל. זיינען נאָר פאַר אונז מענטשן, ווייל מיר פאַרשטייען ניט אַנדערש, אָבער בעצם איז עס נישט אַזוי.

4. כדי מיר זאָלן קענען האָבן אַ באַגריף פון גאָט, האָט גאָט אונז געגעבן די נבואה, כדי מיר זאָלן זען אַביסל פון געטלעכן כוח אויף דער ערד, ווייל דער נביא טראָגט אין זיך געטלעכקייט. צו דעם צוועק האָט גאָט אויך אויסגעקליבן איין פאָלק, די אידן, און געניִדערט אויפן באַרג סיני צו געבן זיי די תורה.

5. אַלץ אין דער וועלט האָט אַ נשמה, אַ כוח, וואָס דאָס דערהאַלט עס ביים לעבן. אָבער דער כוח איז פאַרשידנאַרטיק: ביי געוויקסן איז עס דער כוח צו וואַקסן און בליען, ביי לעבעדיקע באַשעפענישן — אויך צו קענען פאָרזעצן זייער מין אויף דער וועלט; ביי מענטשן אָבער איז אויך דאָ דער כוח צו דענקען און ביי יחידי סגולה, ביי די אויסגעוויילטע איז אויך דאָ אַ כוח צו דערהויבן זיך, צו קענען זיין נאָענט צו דער געטלעכקייט.

6. דער מענטש האָט די בחירה צו קענען טאָן, וואָס ער וויל און ווען ער וויל, דערפאַר קומט אים אַ באַלוינונג פאַר טאָן גוטס און אַ באַשטראָפונג פאַר טאָן שלעכטס. אָבער וועגן דער פראַגע צי גאָט ווייסט פון פריער אויס, ווי אַזוי דער מענטש וועט טאָן און אויב ער ווייסט, צי מיינט דאָס אַז עס איז אַזאַ באַשטימונג פון גאָט און ממילא האָט דער מענטש שוין ניט קיין ברירה — זאָגט ר' יהודה הלוי, דורכן מויל פון אידישן פאָרשטייער, אַז גאָט ווייסט אַלץ פאָראויס, אָבער ער קען מאַכן, אַז זיין וויסן פריער־אויס זאָל ניט באַאיינפלוסן דעם אויסוואַל פון מענטש, צו טאָן וואָס ער וויל.

7. דער אידישער גלויבן איז ניט קיין וועלט־גלויבן. גאָט האָט געגעבן די אידן די תורה און נאָר צו זיי האָט ער זי געגעבן און ניט צו אַנדערע פעלקער. די אידישע אמונה איז אַ נאַציאָנאַלע און ניט אַן אינטערנאַציאָנאַלע. אַי, צו וואָס דאַרף מען האָבן אַנדערע פעלקער מיט אַנדערע גלויבנס? דער ענטפער איז, אַז עס איז גוט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. דעריבער זיינען אַלע צוזאָגונגען, וואָס זיינען פאַראַן אין חומש, נאָר פאַר די אידן אַליין און דעריבער שטייט אויך ארץ־ישראל העכער פון אַנדערע לענדער.

דערנאָך האָט דער אידישער פאַרשטייער דערקלערט פאַרשידענע טעמים פון די מצוות, וואָס עס זיינען אונז געגעבן געוואָרן. אַ טייל זיינען, ווי אַזוי צו דינען גאָט. אַנדערע, זיינען וועגן באַציאונגען צו מענטשן. אַ טייל מצוות זיינען שׂכל'דיקע און אַנדערע האָט מען אונז געגעבן, כדי אונז אויסצופּרואוון צי מיר וועלן פאָלגן גאָט'ס רייד, אַפילו ווען מיר פאַרשטייען זיי ניט.

* * *

ווי ווייט עס איז באַוואוסט, האָט ר׳ יהודה הלוי, ווען ער איז שוין אַלט געווען אַן ערך פון 60 יאָר, באַשלאָסן צו פאַרלאָזן שפּאַניען און צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי זיך דאָרטן צו באַזעצן. עס איז אין יענער צייט געווען זייער שווער צו מאַכן אַזאַ רייזע. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די צייט איז געווען נאָך דעם מאַרש פון דעם צווייטן קרייץ־צוג אויף פּאַלעסטינע, וואָס עס האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסן דורכפאַל, אָבער אין דער צייט, ווען די קריסטן האָבן ניט געקענט צוריקנעמען קריסטוס'עס קבר פון די מאַכמעדאַנער, האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער כעס צו די אידן און עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע שחיטות אויף אידישע קהילות, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד. דאָך האָט ר׳ יהודה הלוי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס קאַטוילישע שפּאַניען, וואו ער האָט געוואוינט און אויך זיין איינציקע טאָכטער און זיין אייניקל יהודה, וואָס די טאָכטער האָט אים געבוירן, צוזאַמען מיט זיינע פיל צוהערער און תלמידים און פאָרן קיין ציון... דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען זיינע באַרימטע „ציון־לידער״, אין וועלכע די מוטער ציון ווערט זיין צווייטע געליבטע אין זיין לעבן. די דאָזיקע „ציון־לידער״ האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער רייע פון די אידישע דיכטער פון שפּאַניע.

מיר וועלן דאָ ברענגען אַלס אַ מוסטער פון זיינע לידער צוויי פון זיינע ליבע־געזאַנגען. איין געזאַנג איז צו אַ מענטשן־טאָכטער און די צווייטע צו דער „מוטער־ציון״ (ביידע זיינען איבערזעצט פון מרדכי יפה). דאָס ערשטע ליד איז צו אַ געליבטע:

האָסט, מיידל, מיט דיין שיינקייט מיך געפאַנגען
און מיך געמאַכט איך זאָל געטריי דיר דינען;
פון יענעם טאָג וואָס מיר האָבן צעשיידט זיך,
קען איך אַזאַ ווי דו נאָך נישט געפינען.

איר, זאָלט איר, הויכע בערג, פון מיר גריסן
און זאָל זי פון מיין פּיין און בענקשאַפט וויסן.
דערציילט איר, אַז מיין טרער מאַכט שווער מיין ביסן,
אַז ס'איז מיין בריוו מיט בלוט פון האַרץ געשריבן,
און פרעגט איר: „אויב זי קען מיך מער ניט ליבן —
איז כאָטש ביי איר דערבאַרעמונג געבליבן?״

דאָס צווייטע ליבע־ליד, איז צו דער „מוטער־ציון":

מיין האַרץ איז אין מזרח — און איך בין
אין מערב — פאַרוואָגלט, פאַרלוירן;
ווי קאָן מיר דאָס לעבן דאָ איינגיין,
די פרייד פון די טעג און די יאָרן?
ווי קאָן איך גאָר האַלטן די שבועה,
וואָס איך האָב פאַר ציון געשוואוירן,
ווען זי איז ביי אדום — און איך בין —
ביי מור־לאַנד אַ שטיפקינד געוואָרן.
ווי לייכט איז עס מיר צו פאַרלאָזן
גאַנץ שפּאַניען מיט אַלע אירע גליקן,
אַזוי איז מיר גוט מיט די שטויבן
פון חרוב'ן דביר, זיך צו קוויקן.

ר' יהודה הלוי איז געפאָרן פון שפּאַניען קיין מצרים (עגיפּטן), ווען עס האָט דאָרט געהערשט דער „נגיד" ר' שמואל אַבו מאַסנור, דער דאָקטאָר פון קאַליף. דער „נגיד" האָט אים פאַרבעטן צו זיך און ר' יהודה הלוי איז געגאַנגען צו אים, כדי אים צו זען, אָבער ווען דער „נגיד" האָט אים געוואָלט געבן געלט, האָט ער ניט געוואָלט נעמען און האָט צו אים געזאָגט: „פאַרוואָס קומט מיר געלט? וואָס האָב איך דען געטאָן פאַר אייך?"

פון מצרים איז ר' יהודה הלוי געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, אָבער וועגן זיין ווייטערדיקער רייזע איז גאַנץ ווייניק באַקאַנט. מען ווייסט נאָר אַז ער איז געווען אין דמשק, אָבער פון דאָרטן אָן זיינען פאַרהוילן זיינע טריט. עס איז דאָ אַ לעגענדע, וואָס דערציילט, אַז ווען ר' יהודה הלוי איז געקומען קיין ירושלים איז ער געפאַלן צום באָדן און געקושט די הייליקע ערד, וואו די נביאים זיינען געגאַנגען מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק. דעמאָלט איז פונקט פאַרבייגעריטן אַ מאַכמעדאַנישער ריטער, וועלכער, ווען ער האָט געזען ווי אַ איד קושט די ערד פון ירושלים, איז אַרויפגעריטן אויף אים מיט זיין פערד און ער איז אומגעקומען אויפן אָרט. וויפיל אמת עס איז דאָ אין דער לעגענדע, איז ניט באַקאַנט.

נאָך ר' יהודה הלוי'ס טויט, אין יאָר 1145, איז אַריבער בלויז אַ קורצע צייט פון 26 יאָר, ווען עס איז אין יאָר 1171 געבוירן געוואָרן דער ריז פון די אידישע פילאָזאָפן, ר' משה בן מיימון (רמב"ם).

7.

# דער ריז פון די אידישע פילאָזאָפן — דער רמב״ם

די לאַגע פון די אידן אין שפּאַניע ביים אויפשטייגן פון רמב״ם. — ווי אַזוי זיין פאָטער און ער וואַנדערן אַרום צען יאָר ביז זיי באַזעצן זיך אין פאַס, צפון־אַפריקע. — דער רמב״ם אַלס פילאָזאָף און אַלס דאָקטאָר פון מעדיצין. — טראַגעדיע פון זיין ברודערס טויט אין אַ שיף אין מיטן ים. — דער רמב״ם ווערט דער הויפּט־דאָקטאָר ביים קאַליף, דעם קעניג פון מצרים (עגיפּטן). — די פאַרשידענע געביטן פון רמב״ם׳ס שאַפן. — די באַדייטונג פון זיין ספר „יד החזקה. — דעם רמב״מ׳ס בריוו וועגן דעם, ווי אַזוי ער לעבט און און אַרבעט. — די פאַרשידענע שטעלן וואו ער רעדט וועגן זיין פילאָזאָפישער שיטה. — וואָס איז דער „מורה נבוכים״? — זיין אַרויסטריט קעגן אַריסטאָטעל׳ס געדאַנקען וועגן וועלט און גאָט. — די קעגנערשאַפט פון ראב״ד. — האָט דער רמב״ם אין זיינע ווערק פאַרשידענע מיינונגען וועגן געוויסע זאַכן?

די צווייטע העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט איז געווען אַ שווערע צייט פאַר אידן אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער און ניט ווייניקער אויך אין אַזיע, אין יענע לענדער, וואו די אידן האָבן דאָרטן געלעבט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות אויף אידן סיי אין דרום־שפּאַניען, וואָס איז געווען באַהערשט פון די מאַכמעדאַנער און סיי אין צפון־שפּאַניען, וואָס איז געווען קריסטלעך און אויך אין פּאַלעסטינע. עס איז געווען די צייט פון די קרייץ־צוגן, און די איינציקע זאַך וואָס די קריסטן האָבן אויפגעטאָן איז געווען — אָנפאַלן אויף אידן.

אין דרום־שפּאַניען, וואו די אידן זיינען געווען אין גוטע באַציאונגען מיט די מאַכמעדאַנער פאַר יאָרן לאַנג, איז איצט פאַר אַ איד פּשוט ניט מעגלעך געווען צו עקזיסטירן. ווייל די פאַנאַטיקער, צווישן די אָנהענגער פון מאַכמעד׳ס גלויבן האָבן אַריינגעקראָגן די גאַנצע ממשלה אין זייערע הענט און האָבן פאַרלאַנגט פון יעדן אידן, אַז ער זאָל איבערגיין צו זייער גלויבן. די גרויסע ישיבות וואָס זיינען געווען ביז איצט אין פיל פון די דרום־שפּאַנישע שטעט, האָבן זיך דעריבער פאַרמאַכט און די אידן פון גאַנצן געגנט האָבן געמוזט זיך זוכן אַן אָרט ערגעץ אַנדערש־וואו. אַביסל

בעסער איז געווען נאָך אין קריסטלעכן שפּאַניען, ווי, למשל, טאָלעדאָ, אָבער אויך דאָ האָט מען זיך שוין געגרייט אויף צו צווינגען די אידן צו שמד און אָנצוצינדן די פייערן פון דער אינקוויזיציע.

אין יענער צייט, ווען סיי די עקאָנאָמישע לאַגע און סיי דער גייסטיקער צושטאַנד פון די אידן אין שפּאַניען האָט גענומען גיין אַלץ באַרג־אַראָפּ, איז פּלוצלונג אויפגעשטיגן אַ ניי גרויס ליכט. אַ גרויסע גייסטיקע זון, וואָס האָט באַלויכטן ניט נאָר די טונקעלע הימלען פון די אידן אין שפּאַניען, נאָר אויך פון דער גאַנצער וועלט, און ניט בלויז פאַר יענער צייט, נאָר אויך אין שפּעטערדיקע צייטן. דאָס איז געווען דאָס אויפשטייגן פון דעם גרויסן פירער אין אידנטום, ר׳ משה בן מיימון (דער רמב״ם).

* * *

ווען מען נעמט רעדן וועגן רמב״ם מוז מען פריער באַשטימען, וועלכע זייט פון זיין קענטניש און טעטיקייט מען גייט באַרירן, ווייל דער רמב״ם איז געווען גרויס ניט נאָר אויף איין געביט, נאָר אויף פיל געביטן. אַזוי אַז עס זעט טיילמאָל אויס ווי עס וואָלטן געווען די רייד ניט בלויז וועגן איין מענטש, נאָר וועגן עטלעכע. אָט, למשל, ווען מען זאָגט סתם „דער רמב״ם״, מיינט עס ביי אידן, קודם כל, דער „פּוסק״ (פּויסעק), דער אויטאָ־ריטעט אין אידישער געזעצגעבונג, דער וואָס האָט אָרגאַניזירט אַלע דינים פון דער תורה און פון דער גמרא אין איין ריזיק ווערק, וואָס באַשטייט פון 14 טיילן, אונטערן נאָמען „יד החזקה״ און וואו ער האָט פעסטגעשטעלט אַלע דינים און מנהגים; אַלע מצוות און אַלע עברות פון דער תורה. אָט דאָס בוך איז אָנגענומען געוואָרן ביי אידן אַלס דאָס געזעץ־בוך פון אידנטום; דאָס בוך, וועלכעס מען פרעגט ניט אָפּ; דאָס בוך וואָס האָט די גרעסטע אויטאָריטעט נאָך דער ביבל און תלמוד. אויב מען זאָגט „דער רמב״ם פּסק׳נט אַזוי״, מיינט עס, אַז אַזוי איז דער דין און אַזוי מוז עס זיין. דאָס מיינט ניט אַז מ׳קען ניט פרעגן אַ קשיא אויפן רמב״ם. ניין, מען קען, למשל, פרעגן פאַרוואָס ער פּסק׳נט דאָ אַזוי און ביי אַן אַנדערן ענלעכן פאַל פּסק׳נט ער אַנדערש. דעמאָלט איז עס אַ „האַרבער רמב״ם״, וואָס אידן, לומדים, זוכן צו פאַרענטפערן, אָבער דער פּסק גופא פון רמב״ם, ווערט ניט געשטעלט אונטער קיין שום פראַגע־צייכן. אויב דער רמב״ם האָט אַזוי גע׳פּסק׳נט, איז עס אַזוי. אָבער וועגן אָט דעם ווערק פון רמב״ם און פאַרוואָס און ווי אַזוי ער האָט עס געשאַפן, וועלן מיר נאָך רעדן אויס־פירלעך שפּעטער.

אָבער אַ גאַנץ אַנדערן באַגריף וועגן רמב״ם האָבן מיר, ווען מיר רעדן וועגן אים, אַלס דער גרעסטער פון די אידישע פילאָזאָפן אין דער שפּאַנישער עפּאָכע; אַלס דער שאַפער פון ווערק „מורה נבוכים״ („דער פירער פון די פאַרבלאָנדזשעטע״), וואו ער אַנטוויקלט איינע פון די סאַמע טיפסטע און אָריגינעלע שיטות אין דער אידישער פילאָזאָפיע. דעמאָלט זעען מיר

פאַר זיך גאָר אַן אַנדערן מענטש, איינער וואָס זאָגט אַרויס הויכע מיינונגען וועגן גאָט און מענטש, צו וועלכע פיל פון די אָנהענגער פון אים אַלס פוסק, וועלן זיך ניט צוהערן און זייער אָפט זיין אַפילו קעגן. אָבער אויך וועגן דעם רמב״ם אַלס פילאָזאָף, וועלן מיר רעדן אויספירלעך שפּעטער.

דער רמב״ם איז אויך געווען אַ גרויסער מעדיצינער, וועלכער האָט פאַרפאַסט צענדליקע ווערק וועגן דער היילונג פון פאַרשידענע קראַנקייטן, וואָס זיינען פון גרויסער באַדייטונג.

דער רמב״ם האָט אויך פיל אויפגעטאָן אין צוויי אַנדערע ווערק, איינס איז „פירוש המשניות״ (אַ פירוש אויף משניות), אַ ווערק, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט 7 יאָר און וועלכעס האָט אַ גאָר גרויסע ווערט פאַר אידן לומדים און דאָס צווייטע איז „ספר המצוות״. מיר וועלן ריידן וועגן ביידע ווערק שפּעטער.

דער רמב״ם האָט אויך געשיקט בראָשורן און טרייסט־בריוו צו די אידן אין פאַרשידענע לענדער און גערעדט צו זיי ווי אַ זאָרגנדיקער פאָטער צו זיינע קינדער. אין די בריוו צו פיל אידישע קהילות אין די לענדער, וואו מען האָט גע׳רודפ׳ט די אידן, האָט ער געזאָגט ווערטער פון טרייסט און האָפענונג. ער האָט זיי געשטאַרקט, ניט צו פאַרלירן זיך, ווייל „נצח ישראל לא ישקר״ (דער אידישער שטאַם וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין). עס איז אמת אַ שווערע צייט, אָבער מען דאַרף האָבן בטחון אין אידישן גאָט און די צרות אַריבערטראָגן. אָט די בריוו האָבן זייער פיל אויפגעטאָן פאַר פיל פון אונזערע פאַרשטויסענע ברידער.

און דאָס אַלץ האָט דער רמב״ם באַוויזן אויפצוטאָן אין פאַרלויף פון זיין קורצן, 70־יאָריקן לעבן, פול מיט יסורים, וואָגלענישן און שווערער גייסטיקער און ניט ווייניקער פיזישער אַרבעט, אַלס פוסק, אַלס פילאָזאָף, צי גאָר אַלס פירער פון דער אידישער קהילה אין מצרים און באַזונדערס אַלס דאָקטאָר אין הויף פון קאַליף (קעניג) איבן סאַלאַדין, דער שטאָלץ פון דער אַראַבישער וועלט.

* * *

ר׳ משה בן מיימון (אויף אַראַביש איז זיין נאָמען געווען אַבו עמראַן מוסאַ בן מיימין עובד־אַללאַה) איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט קאָרדאָוואַ אין שפּאַניע, אין יאָר 1135, אין ערב פסח. ער האָט אין זיין יוגנט געלערנט ביי זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמוד׳יסט און אַ דיין אין דער שטאָט קאָרדאָוואַ. ער האָט אויך געלערנט אַנדערע וויסנשאַפטן און איז געוואָרן אַ גרויסער קענער פון אַראַביש. שוין אין זיינע יונגע יאָרן, האָט מען געזען בולט, אַז עס וואַקסט אַ גרויסער זשעניע. ער איז געווען אַ וואונדער־קינד. עס איז געגוג געווען פאַר זיין פאָטער און אַנדערע לערער צו זאָגן אים עפּעס איינמאָל, אַז ער זאָל עס שוין געדענקען און עס איבער׳חזר׳ן פונקט אַזוי ווי מען האָט עס אים געזאָגט.

דער רמב״ם

ווען דער רמב״ם איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט די פאַנאַטישע סעקטע פון די מאַכמעדאַנער, די אַלימוהאַדן, געקראָגן פיל מאַכט אין זייערע הענט און אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן מוזן זיך שמד׳ן אויפן מאַכ־מעדאַנישן גלויבן און אויב ניט, מוזן זיין פאַרלאָזן די שטאָט. ר׳ מיימון האָט באַלד צוזאַמען מיט זיין משפחה, פאַרלאָזט קאָרדאָווא, צו זוכן זיך אַן אַנדערן פּלאַץ, וואו צו לעבן. צען יאָר האָט רבי מיימון אַזוי געוואַנדערט סיי אין דער מאַכמעדאַנישער שפּאַניען און סיי אין דער קריסט־לעכער און אומעטום ניט געקענט געפינען פאַר זיך קיין רו. ענדלעך האָט ער און זיין פאַמיליע אויסגעוואַנדערט קיין מאַראָקאָ און זיך באַזעצט אין דער שטאָט פאַס (בערך, אין יאָר 1159). דאָרטן האָט געוואוינט אַ גרויסער גאון, ר׳ יהודה איבן שושן און דער יונגער משה איז באַלד געוואָרן זיין תלמיד. אָבער עס האָט ניט געדויערט לאַנג און אויך דאָרטן האָבן די פאַנאַטישע מאַכמעדאַנער, ניט ווייניקער ווי אין דרום־שפּאַניען, גע׳רודפ׳ט די אידן. דער רמב״ם האָט דעריבער, נאָך אַזוי יונג ווי ער איז דעמאָלט געווען, אַרויסגעשיקט צו די אידן אין אַלע שטעט פון צפון־אַפריקע טרייסט־בריוו, אין וועלכע ער האָט זיי געמונטערט ניט צו פאַרלירן די האָפענונג און „צו באַמיען זיך צו לערנען תורה און אָפּצוהיטן אַלע מצוות אויף וויפיל עס איז נאָר מעגלעך, אין די דאָזיקע טעג פון גזירת שמד. אָבער אָן איינצושטעלן זיך דאָס לעבן״. ער רופט זיי צו דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג, און אויב עס איז ניט מעגלעך, כאָטש איינמאָל און אַמווייניקסטן צו זאָגן אַ קורצע תפילה.

לויט דער מיינונג פון אַ טייל געלערנטע (ווי כרמולי, גרעץ און מונק) איז אויך דער רמב״ם געווען געצוואונגען, ווייניקסטנס פאַר אַ געוויסער צייט, צו באַהאַלטן זיין אידישקייט און אָנצונעמען פאַר דער עפנטלעכקייט דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. די געלערנטע שטיצן זיך דערביי אויפן עדות־זאָגן פון אַראַבישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. אָבער עס זיינען דאָ אַנדערע געלערנטע (ווי שטיינשניידער און אַנדערע), וואָס ווייזן אויף, אַז דאָס איז ניט אמת.

אין יענער צייט האָט זיך געפונען אַ פאַנאַטישער רב אין פאַס, וועלכער האָט גע׳פסק׳נט, אַז אַלע אידן, וועלכע האָבן אָנגענומען אַפילו בלויז פאַר דער עפנטלעכקייט דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, זיינען שוין מער קיין אידן ניט. דאָס האָט אָנגערירט זייער פיל אידן אין יענער צייט, אין מאַראָקאָ און אין אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן כלומר׳שט אָנגענומען דעם מאַכמע־דאַנישן גלויבן. דאָס רוב האָבן עס געטאָן דערפאַר, ווייל די מאַכמעדאַנער האָבן ניט געפאָדערט קיין סך פון די, וואָס האָבן אָנגענומען זייער גלויבן. עס איז גענוג געווען צו זאָגן בלויז די ווערטער „אַל אַללאַה איל אַללאַה ומאַכמעד ראַזיל אַללאַה״ (עס איז ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט און מאַכמעד איז דער שליח (נביא) פון גאָט) און מען האָט שוין יענעם באַטראַכט פאַר אַ מאַכמעדאַנער, און זיך ניט געקימערט אויסצוגעפינען, ווי אַזוי די דאָזיקע אידן

פירן זיך אויף שפּעטער. מען האָט ניט נאָכגעשפּירט אויסצוגעפינען, צי די דאָזיקע אידן היטן אָפּ דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן ביי זיך אין דער היים. פיל אידן האָבן דעריבער, אין דער צייט פון שמד, אָנגענומען פאַר דער עפנטלעכקייט דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, ד. ה. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן אַז מאַכמעד איז געווען אַ פּראָפעט פון גאָט און די מאַכמעדאַנער האָבן זיי מער ניט געטשעפּעט.

דערפאַר האָט די דערקלערונג פונעם פאַנאַטישן רב, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געזאָגט, אַז מאַכמעד איז אַ נביא פון גאָט, איז שוין מער קיין איד ניט — אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורם צווישן די אידן. דעמאָלט איז דעם רמב״ם אַרויס מיט אַ בריוו, וואָס ער האָט צעשיקט אין אַלע קהילות אין צפון־אַפריקע און אויך אין אַנדערע לענדער, וואו אידן האָבן געוואוינט צווישן מאַכמעדאַנער און וואו מען האָט זיי געצוואונגען אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז זיי זיינען ווייטער אידן און כשר׳ע אידן. דער בריוו האָט געהייסן „אגרת השמד״ (אָדער „מאמר קידוש השם״). אין דעם בריוו ווייזט דער רמב״ם אויף, אַז די מאַכמעדאַנער זיינען ניט אין כלל פון „עכו״ם״. זיי זיינען ניט קיין געצן־דינער. זיי גלויבן אין איין גאָט אַזוי ווי מיר. זיי גלויבן נאָר, אַז מאַכמעד איז געווען אַ נביא, וואָס מיר אידן גלויבן ניט, אָבער ווען מען זאָגט בשעת סכנה, אַז מען גלויבט אין דעם, איז מען נאָך דערמיט ניט אויס איד.

אָבער די מאַכמעדאַנישע פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן אויך אין צפון־אַפריקע געקראָגן די אויבערהאַנט, האָבן גענומען נאָכמער פאַרפאָלגן די אידן, אַזוי אַז דאָס לעבן פון רמב״ם גופא איז געווען אין גרויס סכנה. ער איז ניצול געוואָרן דורך זיינעם אַ פריינט, אַן אַראַבישן דיכטער, איבן מושע, וועלכער האָט אים באַשיצט און איינמאָל, אין אַ פינסטערער נאַכט, איז דער רמב״ם מיט זיין פאָטער און זיין פאַמיליע אַרויף אויף אַ שיף צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען ד׳ אייר, 1165. נאָך פיל וואָגלענישן, ים־שטורעמס און ליידן איז ער אָנגעקומען דעם דריטן טאָג פון סיון קיין עכו, וואו די אידן האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פאַראַד. ער האָט דאָן באַזוכט ירושלים און חברון, געווען אין די הייליקע ערטער און ביי דער מערת המכפלה. אָבער צו בלייבן אין ארץישראל איז אים געווען אוממעגלעך. ער איז דעריבער אָפּגעפאָרן קיין מצרים (עגיפּטן), וואו ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט פאָספאַט (דאָס איז געווען דאָס אַמאָליקע קאַאירא). דאָרטן איז מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער נפטר געוואָרן דער פאָטער פון רמב״ם, ר׳ מיימון, און איז דאָרטן געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

דער רמב״ם האָט געהאַט אַ ברודער, ר׳ דוד, וועלכער איז איז אויך געווען אַ גרויסער תלמוד׳יסט און אַ געלערנטער. אָבער ער האָט זיינע גרויסע פעאיקייטן אַוועקגעגעבן צו מסחר און האָט געהאַנדלט מיט גאָלד און טייערע שטיינער און איז דערפון רייך געוואָרן. ער האָט דעריבער אויס־

געהאַלטן בכבוד זיין פאָטער און אויך זיין ברודער, דעם רמב״ם. אָבער איינמאָל, ווען ר׳ דוד איז געפאָרן מיט זיין גרויס פאַרמעגן אויף אַ שיף אין אַ געווויסן לאַנד, איז געוואָרן אַ שטורם אויפן ים און די שיף איז דער־טרונקען געוואָרן מיט אַלע אירע מענטשן און אַזוי אַרום האָט דער רמב״ם פאַרלוירן ניט נאָר זיין ליבן ברודער, נאָר אויך זיין פרנסה־געבער. דער רמב״ם האָט אָבער ניט געוואָלט ווערן אַ רב און אַפילו ניט דער הויפּט־רב פון עגיפּטן, ווי די אידישע קהילות האָבן געוואָלט, נאָר ער האָט זיך גענומען צו פּראַקטיצירן מעדיצין, וואָס ער האָט גוט געקענט און באַלד איז ער באַוואוסט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט געקראָגן אַן איינלאַדונג פון הויף פון קאַליף (קעניג) פון עגיפּטן, צו ווערן דער הויפּט־דאָקטאָר פון זיין מאַיעסטעט און אַזוי אַרום, איז דער רמב״ם געוואָרן באַוואוסט אַלס דער גרעסטער מעדיצינער פון זיין צייט.

דער רמב״ם האָט איצט געהאַט זייער אַ שווערע אויפגאַבע אַלס דאָקטאָר פון קאַליף, ווייל ער האָט געמוזט זיין אין הויף פון קעניג יעדן טאָג און דער פּאַלאַץ פון קעניג איז געווען ווייט הינטער דער שטאָט. אָבער דאָך, האָט ער ביי די שווערע אומשטענדן זיך גענומען צו פאַרפאַסן זיינע גרויסע ווערק. צום ערשטן דעם „יד החזקה״ און דערנאָך דעם „מורה נבוכים״.

דער „יד החזקה״ איז אַ גרויס ווערק, וואָס באַשטייט פון 14 טיילן (דערפאַר ווערט דאָס ספר פאַרצייכנט מיט דעם נאָמען „יד החזקה״, ווייל י״ד ווערט אויף העברעאיש באַנוצט פאַרן ציפער 14). אין אָט דעם ספר ווערן אויסגערעכנט אַלע מצוות און אַלע עבירות לויט דער תורה און לויט דער גמרא. אָבער דאָ קומען מיר צו אַ פראַגע, ווי אַזוי ער האָט עס געטאָן, ווייל אויסצורעכענען אַלע מצוות און אַלע עבירות לויט דער גמרא איז כמעט אַן אוממעגלעכע אַרבעט.

לאָמיר דאָס פּרובירן צו פאַרשטיין.

אין דער תורה זיינען אונז געגעבן געוואָרן געוויסע געבאָטן און פאַר־באָטן, מצוות וואָס מיר זאָלן טאָן, און אויך עבירות, זאַכן וואָס מיר זאָלן ניט טאָן. אָבער אין דער תורה זיינען די אַלע אָנזאָגונגען פאַרשריבן קורץ און אין גענעראַלע טערמינען אָן שום איינצלהייטן. זיינען געקומען די תנאים, די גרויסע אידישע געלערנטע אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, און אויסגעטייטשט די אַלע דינים, ווי אַזוי מען דאַרף זיי אָנווענדן און אויך ווען. זיי האָבן אויך אויפגעקלערט ווען די עבירות ווען עס איז אַן עבירה און ווען ניט, און בכלל קלאָר געמאַכט דעם גאַנצן ענין. דאָס האָבן זיי פאַרצייכנט אויף שטיקלעך פּאַפּיר צו לערנען דערמיט מיט די תלמידים. שפּעטער איז געקומען „רבי״ (ר׳ יהודה הנשיא), וועלכער האָט די אַלע שטיקלעך פּאַפּיר פון יעדן פון די תנאים צוזאַמענגענומען און אויסגעאַרבעט

פון אַלעס איין טעקסט. דאָס איז די „משנה", אָדער דאָס וואָס מיר רופן אָן „משניות" (דאָס וואָרט „משנה" מיינט לערנען, חזר'ן זיך). נאָך די תנאים איז אין בבל, און אויך אין ארץ־ישראל, געקומען אַ דור פון אמוראים, לערער, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער „משנה", אָבער ניט אַלץ איז פאַר זיי געווען קלאָר. האָבן זיי געפרעגט קשיות און געזוכט צו פאַר־ענטפערן די קשיות, כדי פעסטשטעלן דעם דין. אָט דאָס איז די גמרא. אין תלמוד ווערט געבראַכט אַ „משנה" און דערנאָך גייט אַ גאַנצע אָפּ־האַנדלונג (גמרא) וועגן אָט דער „משנה", לויט ווי עס איז פאָרגעקומען אין בית־המדרש אָדער אין דער ישיבה, די קשיות וואָס מען האָט געפרעגט וועגן דער „משנה" און די תירוצים, וואָס מען האָט דערויף געענטפערט. על־פי־רוב ווערן געמאַכט געוויסע אויסטייטשונגען פון דער „משנה", אַזוי אַז געוויסע דינים באַקומען אַמאָל גאָר אַ נייע באַלויכטונג. אָבער אין דער גמרא איז כמעט נישטאָ צום סוף פון יעדער דיסקוסיע אַ מין סך־הכל, עס איז ניטאָ אַ רעזומע צו זאָגן, אַז דער דין איז אַזוי און אַזוי. ניין, אַזעלכעס איז כמעט ניטאָ. עס ווערט נאָר געבראַכט די גאַנצע אָפּהאַנדלונג וועגן אַן ענין אַהין און צוריק, פּראָ און קאָנטראַ, קשיות און תירוצים. דערנאָך גייט די גמרא איבער צו אַן אַנדער משנה, צו אַן אַנדערן ענין.

צו גיין פּסק'ענען אַ דין פון דער גמרא איז זייער שווער און טיילמאָל אפילו אוממעגלעך, ווייל כאָטש אין אַ טייל ערטער איז קלאָר פון דער גמרא, ווי אַזוי דער דין דאַרף זיין, איז עס אָבער אין אַנדערע ערטער זייער פאַר־נעפּלט און אין גאָר אַנדערע ערטער איז אַבסאָלוט ניט מעגלעך צו דערגיין, נאָך דער גאַנצער „שקלא וטריא" („שאַקלאָ וועטאַריאָ — אַ תלמודישער אויסדרוק וואָס מיינט אַ דעבאַטע וועגן אַ געוויסן ענין) ווי אַזוי דער דין דאַרף זיין.

דאָס צו טאָן, כדי קלאָר צו מאַכן וואָס עס איז דער אויספיר בנוגע די אַלע דינים, לויט דער גמרא, האָבן שוין געטאָן פריער די רבנן סבוראי און די גאונים, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט געווען קלאָר די אַלע אויס־טייטשונגען פון דער משנה לויט דער גמרא און ווי אַזוי עס איז אין לעצטן סך־הכל דער דין בנוגע יעדער זאַך באַזונדער.

אָבער — אָט דאָס האָט דער רמב"ם אַליין געטאָן אין אַ צייט פון איינע צען יאָר, ביי זייער שווערע לעבנס־באַדינגונגען. ער אַליין האָט געטאָן אָט די אַרבעט, וואָס עס האָט געדאַרפט צו טאָן אַן אַקאַדעמיע. ער האָט עס געטאָן פון יאָר 1170 ביז 1180. ער אַליין האָט פאַרטיק געמאַכט די דאָזיקע ריזיקע אַרבעט אין אַ שיינער העברעאישער שפּראַך. עס איז אמת, אַז עס זיינען שוין פריער געמאַכט געוואָרן אַנדערע פּראָבעס פעסטצושטעלן געננוי די הלכות פון תלמוד, ווי למשל דאָס ספר „הלכות גדולות", וואָס שטאַמט נאָך פון 9טן יאָרהונדערט (ווער דער מחבר פון ספר

איז געווען, איז ניט באַקאַנט), אָדער למשל דאָס „ספר הלכות" פון ר' יצחק אלפסי, וועלכער איז געווען אין אַ געוויסן זין דעם רמב"מ'ס רבי, אָבער די אַלע ווערק קענען זיך ניט פאַרגלייכן צום ספר „יד החזקה", וואו אַלע דינים זיינען איינגעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען און וואו אַלץ ווערט אַרויסגע־בראַכט אויף אַ קלאָרן אופן אין דער פאָרם פון קלאַסיפיצירטע געזעצן, ניט נאָר אַזעלכע וואָס האָבן אַ שייכות צו רעליגיע, נאָר אויך אַזעלכע וואָס האָבן אַ שייכות צו ציווילער געזעצגעבונג, ווי, למשל, וועגן סכסוכים וואָס עס זיינען פאַראַן צווישן מענטשן, דאָס וואָס עס ווערט אָנגערופן אין דער יוריספּרודענץ — אַ קאָדעקס פון ציווילע געזעצן.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז אַט פאַר דער גרויסער אַרבעט האָט אים דאָס פאָלק צוגעטראָגן אַ בוקעט פון רויזן אויף אַ זילבערנער טאַץ. ניין! דער רמב"ם האָט געטיילט דעם גורל פון אַלע געניאַלע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט און האָבן עד היום פיל אויסצושטיין פון די קליינע מענטשעלעך, וועלכע קענען ניט משיג זיין זייער גרויסקייט. ווען דאָס ווערק „יד החזקה" איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט פיל טענות צו אים. די ערשטע טענה איז געווען, פאַרוואָס ער האָט אין זיינע דינים ניט דערמאָנט אויפן אָרט פון וועלכער שטעלע אין תלמוד ער האָט עס גענומען; די צווייטע טענה איז געווען, וואָס אַ חוץ דעם נאָמען „יד החזקה", האָט ער אויך אַ נאָמען געגעבן זיין ספר „משנה תורה" און זאָגט, אַז „מ'קען באַלד נאָכן לערנען דעם חומש, לערנען זיין ספר". דאָס, האָבן זיי געזאָגט, מיינט איבערצוהיפּערן אינגאַנצן משניות און גמרא. איינער פון זיינע קעגנער, ר' אברהם בן דוד (הראב"ד), האָט אַפילו אויסגעפירט, אַז מען זאָל אַריינשרייבן זיינע קריטישע באַמערקונגען קעגן דעם רמב"מ'ס ווערק אין סאַמע מיטן פון טעקסט פון „יד החזקה". אָבער ניט געקוקט דערויף, איז דעם רמב"מ'ס ווערק אָנגענומען געוואָרן פון אַלע אידן אַלס דאָס ווערק פון אידנטום. עס איז דאָס ספר, אין וועלכן עס זיינען רעגיסטרירט געוואָרן אַלע דינים, אַלע מצוות און עבירות, אַלע מנהגים און אַלץ וואָס עס ווערט באַטראַכט פאַר גוטע מידות און פיינער אויפפירונג. עס איז אַ קאָלאָסאַלער בנין, וואָס נאָר אַזאַ ריז ווי דער רמב"ם האָט אים געקענט שאַפן איינער אַליין, און אין משך פון אַזאַ קורצער צייט, כאָטש, ווי ער שרייבט צו זיין תלמיד, האָט ער אויף דעם ווערק געאַרבעט טאָג און נאַכט.

דערפון איז צו זען, אַז אויב דער רמב"ם וואָלט געשאַפן בלויז אָט דאָס ווערק אין זיין לעבן, וואָלט ער שוין אויך פאַרדינט צו זיין געקרוינט מיט דער גרעסטער קרוין וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט פאַר אַזאַ איינעם: „רבי און פירער פון אידנטום". אָבער דאָס ווערק איז נאָר געווען איינס אויפן געביט פון תלמודישער פאָרשונג, ווייל אויסער דעם „יד החזקה"

האָט ער נאָך געשאַפן דאָס „ספר המצוות" און דעם „פירוש המשניות" (דער פירוש אויף משניות), וועלכע זיינען אויך פון גרויסער באַדייטונג.

דאָס „ספר המצוות" איז אַ ספר וואו דער מחבר רעכנט אויס אַלע מצוות פון דער תורה, וואָס זייער צאָל איז תרי"ג (613) און ער גיט אויפקלערונגען בנוגע די דאָזיקע געבאָטן און אויך בנוגע די „לאו'ן", דאָס הייסט, די זאַכן, וואָס מען האָט אונז פאַרבאָטן צו טאָן. אָט דאָס ספר האָט ער געשריבן איידער ער האָט געשריבן דעם „יד החזקה". דאָס אַנדערע ספר, דער „פירוש המשניות", האָט ער געשריבן מיטן צוועק אויפצוקלערן דעם זין פון דער משנה און איר אמת'ן טייטש, ווייל פיל מאָל נאָך די פאַרהאַנדלונגען אין דער גמרא, קומט אויס דער טייטש אין דער משנה גאָר אַנדערש. כדי דאָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַלע, האָט ער געשריבן דאָס ווערק אויף אַראַביש, אָבער עס איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש.

* * *

ווי אַזוי און ביי וועלכע באַדינגונגען האָט דער רמב"ם געשריבן אָט די אַלע ווערק?

עס איז דאָ אַ בריוו, וואָס דער רמב"ם האָט געשריבן צו זיין איבערזעצער פון „מורה נבוכים", רבי שמואל איבן תיבון, ווען ער האָט אים אָנגעפרעגט וועגן איבערזעצן זיין „מורה נבוכים", וואָס דער רמב"ם האָט געשריבן אויף אַראַביש — אויף העברעאיש. דערביי שרייבט איבן תיבון צו אים, אַז ער וויל זיין זיין תלמיד און קומען צו אים. רבי שמואל איבן תיבון האָט דעמאָלט געוואוינט אין אַ געגנט פון דרום־פראַנקרייך און אין זיין בריוו שרייבט ר' שמואל צום רמב"ם, אַז ער איז גרייט צו פאָרן איבער פיל לענדער און ימים, אַבי צו לערנען ביי אים. דערויף ענטפערט אים דער רמב"ם, אַז ער זאָל עס ניט טאָן. ער זאָל אַזאַ רייזע ניט אונטערנעמען. ערשטנס, ווייל ס'האָט דעמאָלט געשמעקט מיט געפאַר. אַ חוץ דעם, שרייבט ער אים, וועט ער אים בלויז קענען זען אָבער ניט פיל רעדן מיט אים, ווייל ער וועט ניט האָבן קיין צייט צו זיין מיט אים אַפילו איין שעה, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט. און דאָ דערציילט אים דער רמב"ם אַביסל ווי אַזוי ער לעבט.

אָט וואָס ער שרייבט:

„איך וואוין אין עגיפּטן, אין פאָספאַט (אַלט־קאַאירא) און דער קעניג (דער סולטאַן אל פאַצאַל אבן סאַלאַדין) וואוינט אין אַלקאַאירא און צווישן די צוויי ערטער איז מער ווי צווויי תחום שבת און איך האָב ביים קעניג זייער אַ גרויסע אויפגאַבע. עס איז פאַר מיר אוממעגלעך, אַז איך זאָל אים ניט זען יעדן טאָג באַלד אין דער פרי. דאָס איז ווען עס איז אַלץ נאָרמאַל, אָבער ווען עס פּאַסירט עפּעס אַ קראַנקייט אין הויף, ווי למשל, עס ווערט קראַנק איינער פון זיינע זין אָדער טעכטער, אָדער אַפילו איינע פון זיינע קעבס־ווייבער, קען איך שוין ניט אַוועקפאָרן פון קעניגלעכן פּאַלאַץ אַ גאַנצן

טאָג. אויב עס פּאַסירט גאָרניט, קער איך זיך אום אַהיים קיין פּאַספּאַט נאָך האַלבן טאָג. איך בין דעמאָלט זייער הונגעריק. אָבער ווי נאָר איך קום אַריין אין מיין הויז, געפין איך שוין אין אַלע קאָרידאָרן, פאַרשידענע מענטשן, אידן און ניט־אידן, אָנגעזעענע מענטשן און פּראָסטע מענטשן. אַמאָל אויך ריכטער און פּאָליציי, פריינט אָדער אויך אַפילו שונאים, וואָס האָבן געוואוסט ווען איך קום צוריק און זיי וואַרטן אויף מיר, אַז כ׳זאָל זיי געבן מעדיצינישע הילף. איך גיי אַראָפּ פון אייזל אויף וועלכן איך רייט אַהיים, וואַש זיך אָפּ דאָס פּנים און די הענט און גיי אַרויס צו די מענטשן און זאָג זיי, אַז כ׳בעט זיי צו האָבן געדולד, צו וואַרטן נאָך אַביסעלע, ביז כ׳וועל עפּעס איבערכאַפּן וואָס עס איז מיין איינציגעס עסן אין פאַרלויף פון אַ „מעת־לעת״ (24 שעה). דערנאָך גיי איך אַרויס צו אונטערזוכן די מענטשן און צו פאַרשרייבן זיי מעדיצינען און דאָס האַלט אַזוי אָן ביז אין מיטן דער נאַכט... איך בין דעמאָלט שוין אַזוי שוואַך, אַז איך קען אַפילו ניט רעדן מער. דער סוף איז, אַז עמעצער פון אונזערע אידן קען מיך ניט זען און ניט רעדן מיט מיר ביז שבת. דעמאָלט קומט דאָס גאַנצע קהל, אָדער דער גרעסטער טייל פון די אידן צו מיר נאָכן דאַוונען און איך זאָג זיי, וואָס זיי זאָלן טאָן אַ גאַנצע וואָך. דערנאָך לערן איך מיט זיי און זיי גייען אַהיים, אָבער זיי קומען צוריק שפּעטער נאָך מנחה און איך לערן ווידער מיט זיי...״

אָט ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער רמב״ם געשאַפן זיינע גרויסע ווערק. איז דאָס אַליין ניט קיין גרויסער וואונדער? איז דאָס ניט אַליין אַ זאַך, וואָס דאַרף אַרויסרופן ביי אונז דעם גרעסטן ערן־פּורכט (יראת הכבוד) פאַר דער אויסערגעוויינליכער גרויסקייט פון רמב״ם?

* * *

מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן רמב״ם בכלל און זיין שאַפן, כדי צו וויזן וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינליכער מענטש ער איז געווען. וואָס מיר זיינען באַזונדערס אינטערעסירט איז דעם רמב״מ׳ס געדאַנקען־גאַנג וועגן אידישקייט און זיין פילאָזאָפישע שיטה. דאָס האָט ער דערקלערט אַביסל אין זיין „פירוש אויף משניות״ אין פרק „חלק״ פון דער גמרא סנהדרין; אין זיין ספר „מדע״, וואָס איז אַ טייל פון „יד החזקה״ און באַזונדערס אין זיין „מורה נבוכים״.

אָבער וואָס פאַר אַ ווערק איז דער ספר „מורה נבוכים״? וואָס איז דער אינהאַלט פון דעם ספר? און וואָס האָט דער רמב״ם געוואָלט דערמיט באַצוועקן?

דער רמב״ם האָט, כדי צו פאָרמולירן זיינע אידיש־פילאָזאָפישע געדאַנקען, אָנגעשריבן פאַר דעם צוועק אַ ספּעציעלן בוך אויף אַראַביש, ווייל דאָס איז געווען די שפּראַך וואָס די אידן האָבן דעמאָלט גערעדט. דאָס ווערק האָט ער אַ נאָמען געגעבן „דאַלאַלאַט אַל־האַירין״, וואָס מען האָט

איבערגעזעצט אויף העברעאיש מיט די ווערטער „מורה נבוכים" (לערער אָדער פירער פון די פאַרבלאָנדזשעטע). דעם ספר האָט ער געווידמעט זיין ליבן תלמיד ר' יוסף אבן עקנין.

דער ספר „מורה נבוכים" באַשטייט פון דריי טיילן, וואָס יעדער טייל איז ווידער געטיילט אויף קאַפּיטלען. צוזאַמען זיינען דאָ אין גאַנצן ספר 178 קאַפּיטלען. אין די קאַפּיטלען רעדט דער רמב"ם אַרום בלויז אידיש־פילאָזאָפישע ענינים. אין ערשטן טייל רעדט ער אַרום דעם געדאַנק פון מאָנאָטעאיזם, דאָס הייסט, אַז גאָט איז איינער. דער רמב"ם איז אינטע־רעסירט באַזונדערס צו באַטאָנען זיין הויפּט־אידייע וועגן דער געטלעכקייט, נעמלעך, צו פאַרשטיין גאָט אָן פערזאָניפיקאַציע, דאָס מיינט, אָן קערפּער־לעכע אייגנשאַפטן. דער איד וואָס טראַכט וועגן גאָט זאָל זיך אים ניט פאָרשטעלן אין געשטאַלט פון אַ מענטש, פון אַ פערזאָן. ווען מען זאָגט גאָט האָט געזאָגט, זאָל מען ניט טראַכטן אַז גאָט זאָגט עס דורך אַ מויל אָדער אַז גאָט שטראָפט עמעצן דורך אויפהויבן זיין האַנט איבער אים א. ד. גל. ווייל די אַלע באַגריפן וואָס זיינען שייך די מענטשן זיינען ניט חל אויף גאָט.

אמת, אין דער תורה און ביי די נביאים זיינען דאָ פיל אויסדרוקן וואָס שילדערן גאָט לויט די באַגריפן פון אַ מענטש, ווי די פסוקים „ויאמר ה'" (גאָט האָט געזאָגט), „יד ה'" (גאָט'ס האַנט) א. ד. גל. אָבער, זאָגט דער רמב"ם, אַז ערשטנס, האָט שוין די גמרא וועגן דעם געזאָגט, אַז די תורה איז געשריבן געוואָרן בכיוון אַזוי, כדי מענטשן זאָלן עס קענען פאַרשטיין („דברה תורה בלשון בני אדם"), ווייל עס וואָלט שווער געווען פאַר אַ מענטש צו פאַרשטיין די געטלעכקייט, אָן דעם. דאָס זעלבע איז אויך וועגן די וועגן פון גאָט, ווייל זיי זיינען העכער ווי דער שכל. דעריבער קען מען ניט צושרייבן צו גאָט, קיינע פון די אייגנשאַפטן פון אַ מענטש. אָבער אַזוי ווי ניט יעדער איינער קען באַגרייפן די געטלעכקייט אויף אַ ריין אינטעליגענטן אופן און פאָרשטעלן זיך גאָט, אָן די פאָרמען פון אַ מענטש, איז דעריבער בעסער, אַז די וואָס זיינען ניט באַהאַוונט אין די ענינים, זאָלן זיך דערמיט ניט פאַרנעמען (קאַפּיטלען 33 און 34).

דער צווייטער טייל פון „מורה נבוכים" איז נאָך מער פילאָזאָפיש. דאָ לאָזט ער זיך אַריין אין אַ דיסקוסיע מיט אַריסטאָטעל'ן וועגן זיין שיטה פון געטלעכקייט. ווי באַוואוסט, האָט אַריסטאָטעל געהאַלטן, אַז די וועלט איז אַ „קדמון", דאָס מיינט, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן. עס האָט זי קיינער ניט געשאַפן, אָדער מען ווייסט ניט ווער עס האָט זי געשאַפן און מען קען דאָס ניט וויסן. ווען מען וויל דאָך פאַרשטיין, ווי אַזוי עס איז מעגלעך צו זאָגן, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן, טאָ ווי אַזוי איז עס געשען? דערויף ענטפערט אַריסטאָטעל: און ווען מען זאָגט, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט, איז דאָך אויך דאָ קשיות ווי, למשל, ווער איז גאָט? און פון וואַנען קומט ער? — אָבער מען פרעגט ניט די פראַגן, ווייל

גאָט איז גאָט. נו, קען מען זאָגן דאָס זעלבע אויך וועגן דער וועלט. די וועלט איז וועלט. זי איז אַזוי פון אייביק אָן און מען קען ניט פרעגן קיין קשיות. אָבער ווען מען זאָגט, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן, שליסט דאָס אויס ממילא די אידייע וועגן אַ גאָט.

אַריסטאָטעל איז אין רמב״מ׳ס צייט באַטראַכט געוואָרן פאַרן גרעסטן פילאָזאָף און די גרעסטע דענקער פון יענער צייט האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף זייער לערער און פירער. דער רמב״ם האָט אויך אַרויפגעקוקט צו אַריסטאָטעל׳ן און איז געווען זיינער אַ שטאַרקער אָנהענגער פון אַלע זיינע מיינונגען, אַ חוץ וועגן זיינע געדאַנקען וועגן דער וועלט און גאָט.

דער רמב״ם רעדט אין דעם בוך אַרום ברייט און אויספירלעך אַריסטאָ־טעל׳ס געדאַנק, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן און זאָגט, אַז ער איז ניט קעגן דעם געדאַנק דערפאַר ווייל עס איז קעגן דער תורה, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „בראשית ברא אלקים״ (צום ערשטן האָט גאָט געשאַפן), וואָס ווייזט קלאָר, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט. ביין, זאָגט דער רמב״ם, אויב ער וואָלטווירקלעך געהאַלטן פון זיין שיטה וואָלט די פרשה פון בראשית אים ניט געשטאַנען אין וועג. ער וואָלט זיך מיט איר אַן עצה געגעבן. ער וואָלט זי אויסגעטייטשט, אַז עס איז על פי משל, פונקט אַזוי ווי מען טייטשט אויס די שטעלן וואָס רעדן פון גאָט׳ס קערפּערלעכע באַגריפן, ווי האַנט, מויל, א. ד. גל. אָבער ער דאַרף די פרשה ניט אַנדערש טייטשן, ווייל — ער האַלט ניט פון אַריסטאָטעל׳ס געדאַנק וועגן דער וועלט און גאָט, ווייל — אַריסטאָטעל האָט נאָר געזאָגט, אַז אַזוי איז זיין מיינונג, אָבער ער האָט דאָס ניט באַוויזן. עס איז דעריבער גלאַט אַ מיינונג. אויב אַזוי, קען מען דאָך פונקט אַזוי זאָגן, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט. און אַפילו ווען עס זיינען דאָ קשיות וועגן דעם, ווי, למשל, פאַרוואָס ער האָט געשאַפן די וועלט און וואָס איז געווען זיין ציל דערביי און נאָך אַנדערע פראַגן, נו, קען מען פרעגן אַלץ נאָך מער קשיות, אויב מען זאָגט אַז די וועלט איז אייביק. אויב דער געדאַנק, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט לייגט זיך ניט אינגאַנצן אויפן שכל, לייגט זיך נאָך מער ניט דער געדאַנק, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן (צווייטער טייל, קאַפּיטלען 15 און 16). ער רעדט דאָרטן אויך דערפון, אַז אויב מען זאָל זאָגן, אַז עס איז געווען עפּעס אַ שטאָף פון וואַנען גאָט האָט געשאַפן די וועלט, שאַפט מען דערמיט אַ גאַנצע רייע פון נייע קשיות, ווי, למשל, ווער און וואָס און ווען דער שטאָף איז געווען. דעריבער מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן פון אַ גאָט, און אַז גאָט האָט זי געשאַפן ניט פון עפּעס נאָר פון גאָרניט. דער רמב״ם ווייזט אויך אָן דערויף, אַז אויב מען זאָגט אַז די וועלט איז פון אייביק אָן, איז ניטאָ קיין שום אָרט פאַר אַ רעליגיע און פאַר אַ מאָראַל פאַרן מענטשן (דאָרטן, קאַפּיטל 25) און דעריבער מוז מען קומען צום באַשלוס, אַז די

אידייע אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט, איז דער גרונד־שטיין, דער פונדאַמענט, פון דער גאַנצער תורה און דערמיט אויך פון אונזער רעליגיע (דאָרטן, קאַפּיטל 27).

אין דריטן טייל רעדט דער רמב״ם אַרום דעם ענין פון שטאָף און פאָרם („חומר״ און „צורה״) און ווייזט אויף, אַז דאָס וואָס עס ווערט צעשטערט איז נאָר דער שטאָף, דער חומר, ווייל די צורה, די פאָרם, בלייבט שטענדיק. אויב ניט אויף אַזאַ אופן, איז עס אויף אַן אַנדערן. ער רעדט אויך וועגן דער פראַגע צי אַ מענטש האָט אַ פרייען ווילן; וועגן דעם פאַרוואָס עס פאַסירט, אַז אַ צדיק גייט עס שלעכט אויף דער וועלט און אַ רשע גייט עס גוט; ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער דיסקוסיע וואָס עס קומט פאָר אין ספר „איוב״, און צום סוף גיט ער אָן די טעמים פאַר די מצוות. פאַר אָט דער זאַך, די טעמים פון מצוות, ווידמעט דער רמב״ם די לעצטע קאַפּיטלען פון בוך. ער פאַרענדיקט דעם בוך מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן די מידות פון אַ מענטש, וועלכע דאַרפן זיין: איידלקייט, באַשיידנקייט און איינגעהאַלטנקייט און, הויפּטזעכלעך, צו באַגרייפן די געטלעכקייט און — גיין אין גאָט׳ס וועגן, ווייל — גאָט איז די גערעכטיקייט אַליין...

* * *

עס זיינען דאָ פיל זאַכן, וואָס דער רמב״ם באַרירט אין זיין „מורה נבוכים״ וועגן וועלכע ער האָט שוין גערעדט אין די אַנדערע פריערדיקע ווערק, ווי, למשל, אין „יד החזקה״ און אין זיין פירוש אויף משניות. אַ טייל פון זיינע מיינונגען האָבן באַגעגנט אַ קעגנערשאַפט מצד די רבנים און אויך געלערנטע פון זיין צייט. עס זיינען אויך דאָ שטעלן אין זיינע ווערק וואָס עס זעט אויס, ווי אַ שטייגער, דער רמב״ם אַליין האָט איין מיינונג וועגן דעם אין איין ווערק, און אַן אַנדערע אין די אַנדערע ווערק זיינע. מיר ווילן דעריבער אָט די אַלע זאַכן קלאָר מאַכן.

ער׳שטנס, וועגן דער קעגנערשאַפט צו אים פון אַנדערע. אין זיין ספר „יד החזקה״, האָט דער רמב״ם (אין „הלכות תשובה״ פ״ג—ז) דערקלערט, אַז ווער עס זאָגט, אַז גאָט האָט אַ פאָרם פון אַ קערפּער, איז אַ „מין״, דאָס הייסט, אַן אַפּיקורס. דאָס איז געענוי לויט זיין שיטה, אַז מען טאָר זיך ניט פאָרשטעלן די געטלעכקייט אין אַ קערפּערלעכער פאָרם. אָבער באַלד אויפן פלאַץ געפינט זיך אַ באַמערקונג פון „הראב״ד״ (ר׳ אברהם בן דוד, אַ גרויסער רב אין אַ שטאָדט אין פּראָוואַנס, פראַנקרייך) וואו ער זאָגט: „גדולים וטובים ממנו הלכו בזו המחשבה״ (גרעסערע און בעסערע ווי ער זיינען געווען באַהערשט פון דעם געדאַנק), דאָס מיינט, אַז ער האַלט, אַז מען קען ניט זאָגן אויף איינעם וואָס טראַכט וועגן גאָט אין קערפּערלעכע טערמינען אַז ער איז שוין דערפאַר אַן אַפּיקורס. ווייל פיל גוטע און כשר׳ע אידן שטעלן זיך אַזוי פאָר גאָט און עס מיינט גאָרניט. אַזוי דריקט אויס דער ראב״ד אויך קעגנערשאַפט צו אים בנוגע אַנדערע דינים.

בנוגע וועגן דעם ווידערשפרוך אין זיינע ווערק גופא צווישן איין ווערק און צווייטן, איז עס אַזוי: עס קומט פֿאָר, הויפּטזעכלעך, וועגן דריי ענינים, נעמלעך, וועגן „שכר ועונש", דאָס מיינט, וועגן אַ גן־עדן און גיהנום נאָכן טויט; וועגן קומען פון משיח און וועגן תחית המתים. די דאָזיקע דריי באַגריפן האָבן פאַרשידענע אויסטייטשן ביים רמב"ם אין זיינע דריי ווערק, אין „יד החזקה", אין „פירוש המשניות" און אין „מורה נבוכים". לאָמיר עס באַטראַכטן.

מיר וועלן נעמען צום ערשטן דעם באַגריף וועגן „שכר ועונש", באַ־לוינונג און באַשטראָפונג. אין „יד החזקה" און אין „מורה נבוכים" דערקלערט דער רמב"ם די באַגריפן אין אַ העכערן זין, זאָגנדיק, אַז אויף יענער וועלט איז ניטאָ קיין עסן און טרינקען און קיין קערפּערלעכער פאַרגעניגן. עס מיינט דעריבער באַלוינונג אין גייסטיקן זין, אין דעם, וואָס די נשמה וועט דערגרייכן די געטלעכקייט. די שטראָף פאַר רשעים איז דאָס וואָס זיי וועלן אָט דאָס ניט דערגרייכן. זיי וועלן ניט האָבן יענעם גרויסן פאַרגעניגן פון „גילוי שכינה", פון דער אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכקייט וואָס די צדיקים וועלן האָבן („מורה נבוכים" ח"ג, קאַפּיטל 27). אין דעם זין טייטשט אויך דער רמב"ם אויס דעם באַגריף פון „תחית המתים", אַז דער צדיק וועט אויפגעוועקט ווערן צו אַ נייעם לעבן פון דער נשמה און דאָס איז דער עולם הבא, וואָס עס איז צוגעזאָגט געוואָרן די צדיקים, אָבער ניט צו די רשעים.

אויך וועגן ענין משיח דערקלערט דער רמב"ם אין סוף פון זיין ספר „יד החזקה", אַז „אין די טעג פון ימות המשיח וועט ניט פאָרקומען קיין שום ענדערונג אין דער וועלט". אַלץ וועט זיין אַזוי ווי פריער, די איינציקע זאַך וועט זיין נאָר דאָס, וואָס די אידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות און זיך באַזעצן צוריק אין ארץ ישראל און ער זאָגט, אַז מען דאַרף זיך ניט אַריינלאָזן צופיל אין די לעגענדעס מיט וואָס דער ענין משיח איז אַרומגערינגלט געוואָרן. דעם ענין משיח זעט דער רמב"ם, אַלזאָ, אַזוי ווי עס איז איצט געשען, ווען די רעגירונגען פון דער וועלט האָבן דערלויבט, אַז די אידן זאָלן צוריק האָבן זייער לאַנד אין ארץ ישראל.

אָבער אין „פירוש המשניות" פון מסכת סנהדרין, אין זיין פאָררעדע צום פרק „חלק", דערקלערט דער רמב"ם, אַז עס זיינען דאָ דרייצן „יסודות" (גרונד־פּרינציפּן) אין וועלכע אַ איד מוז גלויבן, און צווישן די גרונד־פּרינציפּן רעכנט ער אויס: דאָס גלויבן אין „שכר ועונש", „קומען פון משיח" און „תחית המתים" און זיין אויסטייטשונג דאָרטן איז אין פשוט'ן זין, אַז עס איז דאָ אַ גן עדן און אַ גיהנום א. ד. גל. און ניט אין אַ העכערן זין, ווי ער דערקלערט עס אין די פריערדיגע דערמאָנטע ווערק.

דאָס זעט אין פלוג אויס מאָדנע, ווי אַ שטייגער, דער רמב"ם וואָלט

געהאַט פאַרשידענע מיינונגען וועגן אַט די זאַכן, אָבער ווען מען לייענט מיט קאָפּ דאָס וואָס ער דערקלערט איידער ער שטעלט פעסט די דרייצן „יסודות" זעט מען, וואָס ער איז אויסן דערמיט. דער רמב"ם אַלס גרויסער מענטשן־קענער האָט געוואוסט דעם כאַראַקטער פון פאַרשידענע מענטשן. ער האָט געוואוסט ,אַז עס זיינען דאָ פּראָסטע מענטשן, מיטעלע און העכערע, אין הינזיכט פון פאַרשטיין זאַכן. ער דערקלערט טאַקע דאָרטן, אַז אַזוי ווי מען גיט אַ קינד אַ שטיקל שאָקאָלאַד, כדי ער זאָל לערנען, אַזוי מוז מען געבן דעם פּראָסטן מענטש עפּעס, אַז ער זאָל טאָן וואָס מען וויל פון אים. דעם פּראָסטן מענטש דאַרף מען, אַלזאָ, געבן אַ שכר ועונש, אַ באַלוינונג און אַ באַשטראָפונג אויף זיין שטייגער, דורך עסן און טרינקען, דורך אַ גן־עדן פון פאַרגעניגנס און דורך אַ גיהנום פון שטראָף. דעם מיטל־דענקענדן מענטשן, קען מען שוין געבן אַלס באַלוינונג דאָס געניסן פון גייסטיקע זאַכן און אַלס שטראָף דאָס ניט געניסן אַט דאָס גייסטיקע. פאַר דעם גאָר העכערן מענטש איז דאָס טאָן אַ גוטע טאַט אַליין אַ באַלוינונג און די שטראָף פאַר טאָן אַ שלעכטע טאַט איז דער עגמת נפש וואָס ער האָט דערפון וואָס ער האָט געטאָן אַ שלעכטע טאַט. עס איז לויטן באַגריף פון תלמוד „שכר מצווה — מצווה ושכר עבירה — עבירה" (די באַלוינונג פון דער מצווה איז די מצווה אַליין און די שטראָף פאַר דער עבירה איז די עבירה גופא. (אבות, פרק ד'). לויטן רמב"ם הייסט עס, אַז יעדער איינער קען האָבן זיינע באַגריפן וועגן אַט די זאַכן לויט זיין פאַרשטאַנד און זיין אינטעליגענץ און אַלע זיינען זיי אין די גרענעצן פון אידנטום, אַלע זיינען זיי אידן, און גוטע אידן.

* * *

דער רמב"ם האָט געהאַט פיל צער, קראַנקייטן, טרויעריקע איבער־לעבונגען און אויך געליטן פיל נויט אין זיין יוגנט. אָבער אויף די עלטערע יאָרן איז אים געווען פיל בעסער, ווייל ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין סולטאַנ'ס הויף און דער גרויס וויזיר האָט פון אים שטאַרק גע־האַלטן און אים באַשטימט אַ גרויסן געהאַלט. ער האָט נאָך דעם ווי זיין פרוי איז געשטאָרבן, חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון איינעם, וואָס איז געווען אַ קרוב למלכות. אויך אין גייסטיקן זין האָט ער געהאַט פיל נחת, ווייל ער איז געוואָרן דער הויפּט־פירער פון אידנטום אין עגיפּטן און אין פיל קהילות אין דער וועלט האָט מען געזאָגט ביים דאַווענען אין „קדיש" די ווערטער „ובחיי מרנא ורבנא ר' משה בן מימון" (און ביים לעבן פון אונזער האַר און רבי ר' משה בן מימון).

דער רמב"ם איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 70 יאָר אין טבריה (ארץ ישראל), וואו ער איז געקומען פאַר אַ וויזיט. זיין טויט האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסן טרויער אין דער גאַנצער וועלט און אויף זיין מצבה האָט

מען אויפגעשריבן „פה טמון משה בן מימון מבחר האנושי“ (דאָ ליגט משה בן מימון, דער בעסטער פון דער מענטשהייט). אַנדערע אידן האָבן וועגן אים געזאָגט „ממשה ועד משה לא קם כמשה“ (פון משה (רבינו) ביז משה (בן מימון) איז ניט געווען נאָך אַזאַ איינער ווי משה (דער רמב״ם). ער איז נפטר געוואָרן דעם 13טן דעצעמבער, 1204.

די אידישע וועלט איז מיטן רמב״מ׳ס טויט שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן, אָבער עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אויף דער אַרענע האָט זיך באַוויזן אַ נייער גרויסער שטערן, און דאָס איז געווען ר׳ משה בן נחמן (רמב״ן).

8.

# די לערע פון רמב"ן וועגן האַרמאָניע פון שכל

**צו 16 יאָר שאַפט דער רמב"ן אַ גרויס תלמוד'יש ווערק. — ער ווערט אויך באַרימט אַלס דאָקטאָר נאָך אין זיינע 20עד יאָרן. — דער אַרויסגעצוואונגענער וויכוח מיט אַ משומד אין קעניגס אַנוועזנהייט אין דריי ערטער: אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אין דער קאַטעדראַלע און אין דער שול. — דער רמב"ן רעדט ווי אַ נביא און שאַנעוועט קיינעם ניט. — זיין קלוגער ענטפער צום קעניג וועגן יעזוס'עס געבורט. — דעם רמב"נ'ס שיטה פון „צען ספירות".**

מיר שטייען איצט ביים אָנהויב פון דרייצנטן יאָרהונדערט אין שפּאַניען. די עפּאָכע פון אויפקלערונג פון דער אַראַבישער וועלט איז איצט שוין ביים סוף. די צייט ווען אַראַבער און אידן (ריכטיקער: אידן און אַראַבער) האָבן געאַרבעט צוזאַמען אויף אַלע געביטן פון וויסנשאַפט און קונסט איז פאַראיבער. די אידן ווערן איצט פאַרפאָלגט פון די אַראַבישע רעליגיעזע פאַנאַטיקער אין אַלע שפּאַנישע פּראָווינצן, וואו די מאַכמעדאַנער האָבן נאָך די ממשלה. די זון פון בילדונג און אויפקלערונג, וואָס האָט זיך באַוויזן צו די קינדער פון ישמעאל, דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, האַלט ביים אונטערגיין און און עס זעט אויס, אַז ווידעראַמאָל וועלן די אַראַבישע שבטים זיין פאַרזונקען אין תהום פון אומוויסנקייט ווי פריער, נאָר מיט דעם איינעם אונטערשיד, וואָס פריער איז עס געווען פאַנאַטיזם פון געצן־דינסט און איצט איז עס פאַנאַטיזם פון דעם נייעם גלויבן פון איינעם פון זייערע מענטשן, דעם אַראַבישן קעמל־טרייבער, מאַכמעד. עס זעט אויס, אַז בלויז די אויבערפלעכע פון זיין לערע איז זיי געוואָרן נאָענט, אָבער נישט דער תוך, וועלכער איז גענומען געוואָרן פון אונז, פון אידנטום.

אין יענער צייט איז אין קריסטלעכער שפּאַניע שוין געווען פיל בעסער. דאָס איז געווען די צייט ווען דאָס קריסטנטום האָט זיך נאָך ניט געהאַט איינגעבירגערט אין שפּאַניען; ווען עס האָט ערשט געמאַכט די ערשטע שריט און איז נאָך אַליין ניט געווען גענוג זיכער וואו צו שטעלן איר פוס. דאָס איז געווען אין יענער צייט ווען דער פאַנאַטיזם פון די קריסטלעכע גאָט־זוכער האָט זיך נאָך ניט געהאַט צעשפּילט; ווען דאָס דינען צו דעם גאָט פון זייער פאָרשטעלונג האָט נאָך ניט געמיינט צו פאַרניכטן און פאַרברענען אויפן פייער אַלע די, וועלכע ווילן דינען גאָט אויף אַן אַנדערן אופן.

דאָס איז נאָך געווען אין דער צייט, אַן ערך 200 יאָר פאַר דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, ווען מען האָט נאָך די אידן צורו־געלאָזט אין דער קריסטלעכער שפּאַניע.

* * *

דאָס איז געווען נאָכן טויט פון רמב״ם, וואָס עס איז געווען אַ גרויסער קלאָפּ פאַר די אידן פון דער גאַנצער וועלט, פּונקט אַזוי ווי אַ גרויסע פייערדיקע זון, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געלויכטן, אַז מען האָט ניט געקאָנט קוקן אין איר, וואָלט פּלוצלונג אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן אַ פינסטערניש. די אידישע וועלט האָט איצט ניט אַזוי גיך געקענט קומען צו זיך. אָבער באַלד האָט זיך באַוויזן אַ נייער שטערן, אַ נײַ ליכט, וואָס אַפילו אויב ניט פון דער מאָס פון רמב״ם, איז ער געווען גענוג גרויס פאַר זיין דור. דאָס איז געווען ר׳ משה בן נחמן פון געראָנאַ, אין דער קריסטלעכער קאַטאַלאָניע.

ר׳ משה בן נחמן (ער ווערט אָנגערופן אין דער וועלט־ליטעראַטור „נאַכמאַנידעס״, פּונקט אַזוי ווי דער רמב״ם ווערט אָנגערופן „מאַימאָנידעס״, ביידע אויף די נעמען פון זייערע פאָטערס) איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1194, צען יאָר פאַרן טויט פון רמב״ם. ער האָט געלערנט ביי די גרעסטע רבנים פון יענער צייט, באַזונדערס ביי דעם גרויסן תלמודיסט ר׳ יהודה בן יקר. ער האָט אויך געלערנט מעדיצין ביים גרעסטן מעדיצינער וואָס האָט דעמאָלט געלעבט, ר׳ נתן בר׳ מאיר. אָבער ר׳ נחמן האָט געהאַט נאָך אַ נייגונג, עס האָט אים נעמלעך געצויגן, שוין פון די יונגע יאָרן אָן, צו וויסן די סודות פון קבלה און ער האָט דאָס געלערנט ביי אַ גרויסן מקובל פון יענער צייט, ר׳ עזריאל.

איידער מיר גייען ווייטער ווילן מיר קלאָר מאַכן עפּעס וועגן דעם ענין פון קבלה אין יענער צייט. ווי מיר האָבן געזען, זיינען אַלע אידישע פילאָזאָפן, אָנהויבנדיק פון ר׳ סעדיה גאון ביזן רמב״ם, געווען ראַציאָנאַליסטן, ד. ה. מענטשן וועלכע האָבן מיט מיסטיק און מעטאַפיזיק זיך ניט געוואָלט פאַרנעמען. עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו זאָגן, אַז דער ענין פון מיסטיק און קבלה איז געווען דעמאָלט ווייניק באַקאַנט און בלויז אַן ענין פון געציילטע מענטשן. דאָס וואָלט געווען ניט ריכטיק, ווייל מען דאַרף צוגעבן דאָס פּונקט פאַרקערטע. מיסטיק און קבלה־טענדענצן זיינען דעמאָלט געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער, צוליב די שלעכטע צייטן וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף די אידן אין אַלע לענדער, ווייל ווען אַ מענטש איז אין אַן עת צרה, ווערט ער מיסטיש און זוכט הילף פון געהיימע כוחות.

מיסטישע סעקטעס און קבלה׳איסטן זיינען געווען ביי אידן שוין זינט די לעצטע צייטן פון צווייטן בית המקדש. זיי האָבן עקזיסטירט אויך אין דער גאַנצער צייט, ווען די אידן האָבן נאָכן חורבן געמאַכט זייער היים

אין בבל. זיי האָבן באַזונדערס זיך צעבליט אין 7טן, 8טן און 9טן יאָר־הונדערט, ווען עס זיינען אַרויס אין דער עפנטלעכקייט פיל פון זייערע געהיימע ספרים, ווי דער „ספר יצירה", „ספר הבהיר", „ספר רזיאל המלאך" און פיל אַנדערע.

די טעטיקייט פון די מיסטיקער איז אַביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די ערשטע צוויי הונדערט יאָר פון נייעם טויזנט, ווען דאָס ליכט פון די פילאָזאָפן און ראַציאָנאַליסטן האָט געשיינט און די עקאָנאָמישע און גייסטיקע לאַגע פון די אידן איז געווען אויף אַ הויכער מדרגה, אָבער ווי נאָר די סצענע האָט זיך געביטן; גלייך ווי די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן אויסצובייטן די אויפקלערונג־טענדענצן אויף דעם פאַנאַטיזם פון זייער רעליגיע, און דערצו נאָך רודפ'ן אידן און צווינגען זיי צו שמד — האָט זיך די גאַנצע לאַגע געביטן און דעמאָלט האָט די מיסטיק, אָדער קבלה, געוואונען די אויבערהאַנט. זייט דעמאָלט זעען מיר, אַז פיל פון די גרויסע אידן הויבן זיך אָן צו אינטערעסירן מיט אָט דער געהיימער לערע, אָבער היות די גאַנצע עפּאָכע איז געווען אָנגעהויכט פון די פילאָזאָפן און דענקער, האָט אויך די קבלה אין יענער צייט געמוזט האָבן אַ מין פילאָזאָפישן אַראָמאַט. עס איז דעריבער געווען דעמאָלט די עפּאָכע פון דער פילאָזאָפישער קבלה און אַזוי איז אויך ר' משה בן נחמן געווען איינער פון די ערשטע פון די פילאָזאָפיש־אָנגעהויכטע קבלה'איסטן, ווי מיר וועלן עס ווייטער זען.

* * *

ר' משה בן נחמן, ווען ער איז אַלט געוואָרן 40 יאָר, איז געווען דער רב פון גערונא, די שטאָט וואו ער איז געבוירן געוואָרן (דערפאַר האָבן אים אַ טייל גערופן „גערונדי", אויפן נאָמען פון זיין שטאָט). שפּעטער איז ער געוואָרן דער הויפּט־רב פון גאַנץ קאַטאַלאָניען.

ר' משה בן נחמן איז אין די יונגע יאָרן געווען אַן עילוי. צו 16 יאָר האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ ווערק, אין וועלכן ער פאַרטיידיקט דאָס ווערק פון דעם גרויסן תלמודיסט פון יענער צייט, ר' יצחק אַלפאַסי (דער רי"ף), קעגן די אָנפאַלן פון איינעם פון זיין שטאָט, הרב ר' זרחיה הלוי גערונדע און אויך קעגן ראב"ד (ר' אברהם בן דוד), וועלכע האָבן געמאַכט אויסזעצונגען קעגן אים. דער רמב"ן האָט אין יענער צייט ביי אַזאַ יונגן עלטער שוין אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע קענטשאַפט אין תלמוד, אַז די גרעסטע תלמודיסטן זיינען ממש נתפעל געוואָרן פון אים. אין די 20ער יאָרן האָט ער אָנגעשריבן אַ פירוש אויף חומש, וואָס עס ווערט ביז איצט געדרוקט אין ס'רוב חומשים, און אויך אַ פירוש אויף דער גמרא. ער האָט אויך צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר גענומען פראַקטיצירן מעדיצין און איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע דאָקטוירים פון קאַטאַלאָניען.

דער רמב"ן וואָלט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין גרויס כבוד אין זיין שטאָט גערונא און וואָלט פאַרפאַסט דאָרטן זיינע אַנדערע ווערק וועגן

תלמוד און אויך וועגן זיין נייער אידיש־פילאָזאָפישער שיטה, ווען ניט אַ צופאַל, וואָס האָט אים צעשטערט זיין רו און אים פאַרטריבן פון זיין היים.

דאָס איז געווען אין יאָר 1263. איינער פון די אידן, וואָס האָט אַמאָל אַביסל געלערנט, האָט זיך גע׳שמד׳ט און איז צוגעשטאַנען צו דעם דאָמיני־קאַנער אָרדען, וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין שפּאַניען. דער דאָזיקער איד, וואָס האָט אַלס קריסט געקראָגן דעם נאָמען פּאַולוס קריסטיאַני (ביי די דאָמיניקאַנער האָט מען אים גערופן „פּרא פּאַבלאָ״, וואָס עס מיינט „ברודער פּאַבלאָ״), האָט געהעצט די דאָמיניקאַנער, אַרויס־צורופן די אידן צו האָבן מיט אים אַ רייע וויכוחים (דיסקוסיעס), אין וועלכע ער וועט באַווייזן די ריכטיקייט פון דער קריסטלעכער רעליגיע און אַז די אידן זאָלן באַווייזן פאַרוואָס זיי ווילן ניט אָננעמען דאָס קריסטנטום. אַזעלכע דיסקוסיעס זיינען געווען דעמאָלט אין דער מאָדע. די אידן האָבן אָבער דאָס ניט געוואָלט, ווייל אין דער צייט וואָס די קריסטן האָבן געקענט רעדן פריי און אַרויסזאָגן אַלץ וואָס זיי ווילן זאָגן, האָבן די אידן דאָס ניט געקענט. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז די אידן האָבן פאַרלוירן, דאָס האָט ווידער געפירט צו רדיפות אויף אידן. די דאָמיניקאַנער וואָס האָבן געוואוסט, אַז די אידן וועלן ניט וועלן זיך באַטייליקן אין אַזאַ דיסקוסיע און האָבן זיך דעריבער געווענדעט צום קעניג דזשיימס I פון אַראַגאָן, אַז ער זאָל זען אַז עס זאָל פאָרקומען אַזאַ וויכוח. די דאָמיניקאַנער האָבן אויך געבעטן דעם קעניג, אַז ער זאָל פאַראָרדענען אַז דער הויפּט־רב פון קאַטאַ־לאָניע, וואָס איז געווען דעמאָלט אַ טייל פון אַראַגאָן, זאָל זיין דער וועלכער זאָל האָבן דעם וויכוח מיטן משומד. די דיסקוסיע האָט געזאָלט פאָרקומען אין באַרצעלאָנאַ.

ווען דער רמב״ן האָט געזען, אַז ער קען זיך פון דער דיסקוסיע ניט אַרויסדרייען, האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג, אַז ער זאָל אים געבן פולע פרייהייט צו רעדן בעת דער דיסקוסיע וואָס ער וויל, אַזוי אַז ער זאָל קענען אַלץ אַרויסזאָגן און גאָרניט באַהאַלטן. דער קעניג האָט דאָס אים צוגעזאָגט.

דער וויכוח איז אַלזאָ פאָרגעקומען אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג און האָט אָנגעהאַלטן פיר טעג. דער רמב״ן האָט גערעדט אָפן און האָט אַזוי שטאַרק צעקלאַפּט די רייד פון משומד (און דערמיט אויך זיינע קאָלעגן די דאָמיניקאַנער), אַז יענער האָט זיך ביים סוף פון פערטן טאָג געבעטן ביים קעניג אַז ער זאָל ענדיקן דעם וויכוח, וואָס דער קעניג האָט אויך געטאָן. דער קעניג האָט דערקלערט דעם רמב״ן, אַז ער האָט געזיגט איבער די דאָמי־ניקאַנער און אַלס צייכן דערויף אים געגעבן 300 גאָלדענע דוקאַטן און אים אַוועקגעשיקט אַהיים מיט זיין ברכה.

דאָס האָט אָבער ניט געשמעקט די דאָמיניקאַנער און זיי האָבן אומעטום דערקלערט, אַז זיי האָבן געזיגט אין זייער וויכוח מיט די אידן און אַז די

אידן האָבן פאַרשפּילט. ווען דער רמב״ן האָט דאָס דערהערט, האָט עס אים פאַרדראָסן און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן דעם גאַנצן וויכוח, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן פון סעקרעטאַרן פון קעניג אין קעגנוואַרט פון קעניג. ער האָט זיך דעריבער געווענדעט צום קעניג מיט אַ ביטע צו שיקן אים אַ טעקסט פון דעם וויכוח. דער קעניג האָט צוליב געטאָן זיין געבעט און דער רמב״ן האָט איצט איבערגעשריבן אין פיל קאָפּיעס דעם וויכוח און דאָס פאַרשפּרייט צווישן אידן און ניט־אידן. די דאָמיניקאַנער האָבן איצט געמאַכט אַ געוואַלד, אַז דער רב האָט באַליידיקט די קריסטלעכע רעליגיע און זיי האָבן אים אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר באַליידיקן דאָס קריסטנטום. דער רמב״ן האָט זיך פאַרענטפערט, אַז אין דער שריפט איז איז ניטאָ אַ וואָרט וואָס ער זאָל ניט האָבן געזאָגט אין קעגנוואַרט פון קעניג און אַז דאָס וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט איז אַ קאָפּיע, וואָס ער האָט איבערגעשריבן פונעם טעקסט וואָס עס איז אים צוגעשיקט געוואָרן פון קעניג, וואו עס איז פאַרשריבן געוואָרן אַלץ, וואָרט ביי וואָרט, סיי דאָס וואָס ער האָט געזאָגט און סיי דאָס וואָס דער משומד האָט געזאָגט. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. די דאָמיניקאַנער האָבן געמוזט בלייבן גערעכט. עס האָט פאַר זיי ניט געלוינט אַז מען זאָל זאָגן אַז אַ רב האָט זיי באַזיגט. ענדלעך האָבן זיי אויסגעפירט, אַז דער רמב״ן זאָל אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד. אין יאָר 1267 האָט דער רמב״ן געמוזט פאַרלאָזן זיין היים אין שפּאַניען. ער האָט באַלד באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ ישראל, און ער האָט אַזוי געטאָן.

ווען דער רמב״ן איז געקומען קיין ארץ ישראל, האָט ער געפונען דאָס לאַנד שטאַרק חרוב. עס איז געווען אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן, ווען די ווילדע מאַסן האָבן צעשטערט און פאַרניכטעט אין ארץ ישראל אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. די אידישע קהילות פון לאַנד זיינען געווען זייער אָרעם. דער רמב״ן האָט דעריבער דאָ געפונען אַ גרויס פעלד צו אָרגאַניזירן די אידישע קהילות, צו שאַפן נייע אינסטיטוציעס און צוריק אויפצולעבן דעם ישוב פון ארץ ישראל. ער האָט צוריקגעבראַכט קיין ירושלים פיל פון די אידן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דאָרט אין די צייטן פון די אומרוען. ער האָט דאָרט געשאַפן אַ ישיבה, וואו ער האָט געלערנט מיט תלמידים און דאָרטן האָט ער אויך פאַרענדיקט זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן.

* * *

דער רמב״ן האָט געשאַפן פיל ספרים, אָבער ניט קיין ספּעציעלן ספר, וואו ער זאָל אַרויסזאָגן זיינע אידיש־פילאָזאָפישע געדאַנקען ,אַזוי ווי עס האָבן געטאָן די אידישע פילאָזאָפן פאַר אים, ווי, למשל, ר׳ סעדיה גאון ,רבנו בחיי, ר׳ יהודה הלוי, דער רמב״ם און אַנדערע. דער רמב״ן האָט די דאָזיקע געדאַנקען און מיינונגען אַרויסגעזאָגט צעוואָרפן איבער זיינע פאַרשידענע ווערק, איבערהויפּט אין זיין פּירוש אויף דער תורה. מיר וועלן דעריבער זיי צוזאַמענ־

נעמען פון די אַלע ערטער וואו ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט און דערמיט געבן אַ פולשטענדיק בילד פון זיין אידיש־פילאָזאָפישער שיטה.

אָבער איידער מיר גייען דאָס טאָן, ווילן מיר זיך אָפּשטעלן פריער אויף זיין „וויכוח" (דיסקוסיע) מיטן משומד „פּראַ פּאַבלאָ". מיר ווילן עס טאָן, ניט דערפאַר ווייל אין דעם וויכוח האָט דער רמב"ן אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען. ווייל וואָלט אויפן אָרט פון רמב"ן געשטאַנען אַן אַנדערער, וואָלט ער אויך געענטפערט דעם משומד די זעלבע ענטפערס, און געפרעגט די זעלבע פראַגן ווי דער רמב"ן. אָבער דאָס, וואָס דער רמב"ן האָט געזאָגט ביים וויכוח, איז אינטערעסאַנט פאַר אונז ניט אַזוי דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר ווי אַזוי ער האָט עס געזאָגט. און אַפילו בנוגע דעם וואָס ער האָט געזאָגט, איז אויך אינטערעסאַנט וועלכע ווערטער ער האָט געברויכט און ווי אַזוי ער האָט זיי געברויכט אין יענער צעהיצטער, אידן־פיינטלעכער סביבה.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן דאָס בילד. עס קומט פאָר אין אַ גרויסער קירכע, אָדער אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. דער קעניג זיצט אויבן־אָן אויפן טראָן אין זיינע קעניגלעכע קליידער און מיט דער קרוין אויפן קאָפּ. הינטער אים זיינע מיניסטאָרן, און לעבן זיי די גרעסטע גלחים פון יענער צייט, מיט די צלמים און קרוציפיקסן. אונטער זיי, ווידער, איז אויסגעזעצט אַ גרויסער עולם פון אָנגעזעענע קריסטן, גענעראַלן, באַנקירן און אַנפירער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער זאַל איז, אַלזאָ, פול מיט לויטער קריסטן. אין פראָנט פון אַלע זיצט דער משומד פּראַ פּאַבלאָ, אַ איד וואָס האָט אַמאָל געלערנט און קען די קליינע אותיות. ער איז אַרומגערינגלט פון זיינע „ברידער", די מאָנאַכן פון דאָמיניקאַנער אָרדען, אויך מיט צלמים. אין זאַל ברענען ליכט און די גאַנצע אַטמאָספערע איז פול מיט קריסטלעכקייט, פון אָנהויב ביזן סוף.

קעגנאיבער זיי, אויף דער אַנדערער זייט, זיצט, אָדער שטייט, איינער אַליין (און אפשר הינטער אים אַ קליינע צאָל אידן?) דער הויפּט־רב פון קאַטאַלאָניען, דער רמב"ן. ער דאַרף דאָס האָבן דעם וויכוח מיט דעם משומד, אָבער באמת, איז עס ניט בלויז מיטן משומד, ווייל עס מיינט אייגנטלעך מיט אַלע. ער דאַרף דאָס זאָגן זיי אַלע דעם אמת, דעם נאַקעטן אמת, וואָס זיי ווילן ניט הערן. ער דאַרף האָבן יענעם מוט פון אַ נביא, צו זאָגן אַלץ וואָס ער וויל זאָגן, קען זאָגן און דאַרף זאָגן.

און ער טוט עס! ער טוט עס אַזוי שטאַרק און אַזוי פעסט ביי זיך, אַז ער שאַנעוועט קיינעם ניט. ער שאַנעוועט ניט, קודם כל, דעם משומד. ער זאָגט אים אַריין טיף ביזן ביין, און דערמיט אַלע קריסטלעכע גייסטיקע פירער און ווייזט זיי אָן אויף זייערע נאַרישקייטן. אָבער ער שטעלט זיך דערביי ניט אָפּ און ער זאָגט דעם אמת אַמאָל אויך דעם קעניג.

און דאָס טוט ער אַזוי פיר טעג נאָכאַנאַנד, ביז דער משומד ברעכט זיך צוזאַמען און בעט אָפּצושטעלן די דיסקוסיע.

און אָט דאָס איז עס, וואָס עס איז וויכטיק פאַר אונז צו וויסן וועגן רמב״ן, איידער מיר גייען זיך באַקענען מיט זיינע פילאָזאָפישע מיינונגען. עס איז נויטיק צו וויסן, וואָס פאַר אַ גרויסער מענטש ער איז געווען; אַז ער איז דערשינען פאַרן קעניג ווי אַ נביא, וואָס זאָגט דאָס וואָס ער דאַרף זאָגן, ניט געקוקט צו וועמען ער זאָגט עס און וואו ער זאָגט עס; ער האָט געזאָגט זיינע ווערטער צו די גרעסטע גלחים, צו די ווירדען־טרעגער פון דער שפּאַ־נישער געזעלשאַפט, און צום קעניג אַליין. און אומעטום: אין דער גרויסער קאַטעדראַלע, אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, און אויך אין שול — אומעטום, וואו נאָר ער האָט עס געקענט זאָגן.

מיר וועלן זיך דעריבער איצט באַקענען מיט אַ טייל פון דעם וויכוח, איידער מיר גייען איבער צו זיינע אידיש־פילאָזאָפישע געדאַנקען.

* * *

צו ברענגען דעם גאַנצן וויכוח איז אוממעגלעך און אויך ניט נויטיק. דער וויכוח האָט געדויערט פיר טעג, און ניט אַלע רייד וואָס זיינען דאָרטן גערעדט געוואָרן, זיינען געוועזן פון לויטער „חכמה״, ווייל דער קריסטלעכער דיסקוטאַנט האָט נאָר געוואָלט באַווייזן, אַז יעזוס איז געווען משיח און אַז משיח איז שוין געקומען, און באַווייזן דערצו אויך, אַז דאָס ווערט געזאָגט אין חומש און אויך אין דער גמרא. דעריבער, אַלזאָ, דאַרפן די אידן, וואָס האַלטן זיךביים חומש און ביי דער גמרא, אויספאָלגן דאָס וואָס די חכמים האָבן געזאָגט און גלויבן אין יעזוס׳ן. כדי צו באַווייזן דאָס, האָט דער משומד געפרעגט דעם רמב״ן נאַרישע קשיות, אויף וועלכע דער רמב״ן האָט ניט געהאַט קיין חשק צו ענטפערן, אָבער ער האָט עס געמוזט טאָן, כדי צו באַווייזן אַלעמען, אַז יענער ווייסט ניט וואָס ער רעדט. דער משומד האָט אויך געמאַכט פיל אומזיניקע באַהויפּטונגען, וואָס דער רמב״ן האָט געמוזט צעקלאַפּן. אין די פאַלן האָט דער רמב״ן געמוזט פאָלגן די צווייטע עצה פון „משלי״, וואָס זאָגט: „ענטפער דעם נאַר אויף זיין נאַרישקייט״. אָבער ניט אַלע מאָל האָט דער רמב״ן אים געענטפערט. אַמאָל האָט דער רמב״ן צו אים געזאָגט, אַז אויף נאַרישע פראַגן האָט ער קיין ענטפער ניט; און גאָר אַמאָל האָט ער דעם ענטפער געגעבן אַפילו דעם קעניג אַליין, ווען ער האָט זיך אַריינגעמישט לטובת דעם משומד.

דער משומד האָט אָנגעהויבן מיט דעם, אַז עס שטייט אין דער גמרא, אַז אין טאָג ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, איז געבוירן געוואָרן משיח. אויב אַזוי, האָט ער גע׳טענה׳ט, זאָגט דאָך די גמרא אַליין, אַז משיח איז שוין געקומען, און דאָס איז געווען יעזוס.

דער רמב״ן האָט דערויף געענטפערט: אָבער יעזוס איז דאָך געבוירן געוואָרן 67 יאָר איידער דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, טאָ ווי אַזוי מיינט דאָס אייער יעזוס׳ן?

דער משומד: עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז די חכמי התלמוד האָבן

געהאַלטן פון יעזוס׳ן, טאָ פאַרוואָס האַלט איר, אידן, ניט פון אים?

דער רמב״ן: ווער זאָגט דאָס, אַז די חכמי התלמוד האָבן געהאַלטן פון יעזוס׳ן? יעזוס איז אומגעקומען פאַרן חורבן פון בית־המקדש. עס איז דערנאָך פאַרטיק געוואָרן די משנה, און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון די אמוראים, פון דער גמרא. עס האָט געדויערט אַן ערך ביזן יאָר 500 קריסטלעכע צייט־רעכענונג, ווען די גמרא איז פאַרענדיקט געוואָרן. פאַרוואָס, אַלזאָ, האָבן זיי, די חכמים און די אמוראים גאָרניט געזאָגט, אַז מען מוז גלויבן אין יעזוס׳ן?

דער משומד האָט איצט גענומען זיך וואַרפן מיט פסוקים און טייטשן זיי פאַלש אַזוי ווי עס האָט זיך אים געלוינט. דערנאָך האָט ער ווידער גע׳טענה׳ט, אַז עס שטייט אין דער גמרא, אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געפרעגט אליהו הנביא׳ן: „ווען וועט קומען משיח?״ האָט אים אליהו געענטפערט: „גיי פרעג אים אַליין״. האָט ר׳ יהושע בן לוי אים ווידער געפרעגט: „וואו זיצט ער?״ האָט אים אליהו הנביא געזאָגט: „ביי די טויערן פון רוים״. נו, זעט מען דאָך דערפון, אַז משיח איז שוין געקומען.

דער רמב״ן: ווי אַזוי זעט מען עס? ר׳ יהושע בן לוי האָט דאָך געפרעגט אליהו הנביא׳ן ווען וועט קומען משיח? ווייזט דאָך דאָס, אַז משיח איז נאָך ניט געקומען.

אויף איין שטעלע, ווען דער קעניג דזשעימס, דער ערשטער, פון אַראַגאָן, האָט זיך אַריינגעמישט בנוגע דער פראַגע צי יעזוס איז אַ זון פון גאָט? האָט דער רמב״ן אים געענטפערט:

— אייער מאַיעסטעט איז אַ קריסט, אַ קינד פון קריסטן. איר האָט אייער גאַנץ לעבן געהערט פון גלחים, וואָס האָבן געפרעדיקט וועגן יעזוס׳ן, אַז ער איז דער זון פון גאָט, און איר טראַכט שוין אַפילו ניט אַנדערש. דאָס איז אין וואָס איר גלויבט, אָבער עס לייגט זיך נישט אויפן שכל און עס איז אויך קעגן דער נאַטור. שטעלט זיך פאָר אַזאַ אומזין, אַז דער רבונו של עולם האָט שוין קיין אַנדער אַרבעט ניט, ווי צו מאַכן אַ אידישע פרוי שוואַנגער פון אים און אַז דאָס קינד זאָל זיין 9 חדשים אין איר בויך און געבוירן ווערן ווי אַלע קינדער, און דערנאָך זאָל ער אויסוואַקסן ווי אַלע קינדער, און מיט אַמאָל זאָל ער ווערן אַ זון פון גאָט און רעדן אַנדערע רייד, און דערפאַר זאָל מען אים פאַר׳משפט׳ן צום טויט און אים טאַקע טויטן, און ער זאָל זיך ניט קענען העלפן, און דאַן זאָל מען אים באַגראָבן — און ער זאָל ווערן צוריק לעבעדיק... אָט דאָס קען קיין אידישער מוח ניט פאַר־שטיין. אויב גאָט האָט געוואָלט שאַפן זיך אַ זון, האָט ער עס ניט געקענט טאָן אויף אַן אַנדער אופן און מאַכן אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען אַז עס איז גאָט׳ס זון? די גאַנצע מעשה איז דעריבער לויטער אייטעלקייט.

דער משומד האָט ענדלעך געבעטן, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די דיסקו־סיע. אָבער מען האָט געלאָזט וויסן דעם רמב״ן, אַז ער זאָל נאָך ניט

אָוועקפאָרן, ווייל דער קעניג מיט אַלע קריסטלעכע גרויסע לייט ווילן קומען שבת אין שול אַריין. דער רמב״ן איז, אַלזאָ, געבליבן אין שטאָט נאָך אַכט טעג. ענדלעך איז דער קעניג מיט זיין סוויטע געקומען שבת אין שול און דאָרטן האָט דער משומד פּרובירט אויסבעסערן זיין מערכה און געשטעלט דעם רמב״ן נייע פראַגן. דער רמב״ן האָט זיך אָבער איצט געפילט בעסער, ביי זיך אין דער היים און דערלאַנגט דעם משומד אַזוי, אַז עס איז אים פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. ווען דער קעניג האָט אים אַרויסגעהאָלפן, האָט דער רמב״ן אים ווידער אַמאָל ניט געשאָנעוועט און אויף אַן אײדעלן אופן צו אים געזאָגט, אַז אויב יעזוס איז געווען טאַקע אַ זון פון גאָט, האָט ער דאָס געדאַרפט באַווייזן אין יענער צייט צו די חכמים פון דער גמרא, וועלכע האָבן דעמאָלט געלעבט. אָבער ער האָט דאָס ניט געטאָן. ער האָט אַפילו ניט געקענט זיך אַליין ראַטעווען פון קרייץ און איז געשטאָרבן צוזאַמען מיט עטלעכע באַנדיטן. טאָ ווי אַזוי קען מען דאָס באַווייזן איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט?

זונטיק איז דער רמב״ן אַוועק צום קעניג און אים געבעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים. דער קעניג האָט אים געלויבט פאַר זיין שכל און טאַקט און האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט געפירט דעם וויכוח אויף אַ גלענצענדן אופן, און אַלס אויסדרוק פון פריינטשאַפט און אָנערקענונג, אים געגעבן די 300 גאָלדענע דוקאַטן.

* * *

דעם רמב״ן׳ס שיטה אין אידיש־פילאָזאָפישע פראַגן איז אַ וועג, וואָס האַלט פון האַרמאָניע פון שכל מיט געפיל. דער רמב״ן איז קעגן די ראַציאָנאַליסטישע שולע פון רמב״ם, אבן עזרא און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך באַגעשלעפּט נאָך די גריכישע פילאָזאָפן, פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל. ער איז געווען מער נוטה צו ר׳ יהודה הלוי, וועלכער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך ניט ווענדן צו די גריכן כדי צו פאַרשטיין אידישקייט, נאָר מען דאַרף גיין צו אונזער אייגענעם קוואַל. ער האַלט דעריבער, אַז אידישקייט איז אַ זאַך פון האַרץ, פון געפיל, וואָס מען קען ניט ראַציאָנאַליזירן. מען קען בלויז נוצן אַביסל שכל אין האַרמאָניע מיטן געפיל, אָבער ניט צופיל.

און דאָ האָט דער רמב״ן דער ערשטער אָנגעהויבן אַריינצוברענגען די באַגריפן פון קבלה אין דער פילאָזאָפיע פון אידישקייט. ער איז געווען פון די ערשטע צו שאַפן אַזאַ מין פילאָזאָפישע קבלה. דער רמב״ן האַלט, אַז עס זיינען פאַראַן דריי עיקרים פון דער אידישער אמונה. זיי זיינען: 1) אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט אַ „יש מאַין“ (אַן עפּעס פון גאָרניט); 2) אַז גאָט ווייסט אַלצדינג פון פריער־אויס; און 3) אַז גאָט האָט זיין השגחה איבער אַלעם (דרשות הרמב״ן, זייט נ״ה). דער רמב״ן גלויבט אין די נסים פון דער תורה. ער גלויבט אַפילו אין שדים און זאָגט, אַז זיי זיינען דער קעגנטייל פון מלאכים. דער רמב״ן גלויבט אין שכר ועונש אויף יענער וועלט

אַפילו פאַרן גוף. ער גלויבט אויך אין גלגול פון די נשמות (אָבער נאָר דריי מאָל). דאָ ברענגט דער רמב״ן אַריין די קאַבאַליסטישע באַגריפן וועגן „צען ספירות״ און זאָגט, אַז גאָט פירט טאַקע אָן מיט דער וועלט, אָבער נאָר דורך „צען ספירות״, דורך וועלכע ער גיט אַלעמען אַלץ וואָס עס איז פאַר אים נויטיק.

מיר זען אַלזאָ, אַז ביים רמב״ן האָט די קבלה פאַרטונקלט זיין פילאָ־זאָפיש דענקען. ווען ער האָט געהאַט זיין וויכוח מיטן משומד, האָט זיך ביי אים פאַרשטאַרקט זיין ראַציאָנאַליסטיש דענקען און אָט דאָס האָט אויס־גענומען אַפילו ביים קעניג, אָבער ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין און געשריבן זיין פירוש אויף דער תורה, האָבן די קאַבאַליסטישע, נעפלהאַפטע באַגריפן, פאַרטונקלט זיין קלאָרן שכל און עס איז אַרויסגעקומען אַ מיש־מאַש פון פילאָזאָפיע מיט מיסטיק. די זעלבע דערשיינונג זען מיר אויך שפּעטער ביי די אַנדערע פילאָזאָפישע קאַבאַליסטן.

דער רמב״ן האָט אַ חוץ זיין פירוש אויף חומש און אויף פיל מסכתות פון דער גמרא, אויך געשאַפן אַ ספר „האמונה והבטחון״, אָבער דאָרטן רעדט ער אַרום פיל זאַכן בלויז אויף אַ קאַבאַליסטישן אופן. ער האָט אויך געשאַפן פיל פיוטים און סליחות.

דער רמב״ן איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1270, אין דער שטאָט עכו. וועגן דעם וואו זיין קבר געפינט זיך, זיינען דאָ צוויי מיינונגען. לויט איין מיינונג איז עס אין חיפה נעבן קבר פון ר׳ יחיאל פון פאַריז. לויט דער צווייטער מיינונג איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין חברון, ניט ווייט פון דער מערת המכפלה.

ניט לאַנג נאָך זיין טויט האָט אויפגעשיינט אַ ניי ליכט, דאָס איז דער פילאָזאָפישער קאַבאַליסט ר׳ אברהם אַבולעפיא.

.9

# דער פילאָזאָף־קאַבאַליסט ר׳ אברהם אבולעפיא

**די עפּאָכע פון קבלה און מיסטיק אין אידישן לעבן. — ר׳ טודרוס אַבולעפיא און די קעניגין פון לאַנד. — ר׳ אברהם אַבולעפיא און זיין גרויסע פאַנטאַזיע. — וואָס איז אַזוינס „פילאָזאָפישע קבלה״? — ווי אַזוי ר׳ אברהם איז געגאַנגען צום פּאַפּסט מאַרטין דער פערטער און אים געזאָגט, אַז ער מוז ווערן אַ איד. — דער פּאַפּסט הייסט אים אַרעסטירן און האַלטן אים אויף ברויט מיט וואַסער.**

די סצענע בייט זיך ווידער אין שפּאַניע. דאָס קריסטנטום שטאַרקט זיך און דערמיט אויך אירע פאַנאַטישע אַנהענגער, וועלכער טוען נאָך דעם ביישפּיל פון די פאַנאַטישע מאַכמעדאַנער אין היגזיכט פון רודפ׳ן די אידן. דאָס ווירקט אויפן גייסטיקן מצב פון די אידישע קהילות און מען ווייסט ניט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. מען איז פאַרצווייפלט און מען וואַרט, אַז עס זאָל געשען אַ נס. דאָס גיט ווידער אַ געלעגנהייט צו די וואָס פאַרנעמען זיך מיט קבלה און מיסטיק אַרויסצוקומען פון זייערע באַהעלטענישן און צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין אידישן לעבן. דעריבער געשעט, אַז עס מערן זיך איצט כסדר די וואָס טראָגן זיך אַרום מיט משיח־פאַנטאַזיעס, מיט טייטשן פון פסוקים אויף אַ מיסטישן אופן און אויך אַזעלכע וואָס פאַרנעמען זיך מיט מאַכן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס פון גאָט׳ס נאָמען (מצרף זיין צירופין) און וועלכע גלויבן, אַז אין דעם ליגט די גאולה וואָס מען דערוואַרט, אַז זי זאָל קומען.

אין יענער צייט האָט געלעבט אין קאַסטיליען (אין שפּאַניען) אַ רייכער איד פון דער משפּחה אַבולעפיא. (די פאַמיליע האָט געשטאַמט פון טוניס און איז אַריבערגעקומען צו וואוינען אין שפּאַניען.) דער רייכער מאַן פון דער פאַמי־ליע האָט געהייסן טודרוס אַבולעפיא. ער איז געוואָרן אַזוי רייך, אַז ער האָט אַזש אָנגעשפּאַרט ביזן קעניגלעכן הויף פון קעניג סאַנטשאָ דער פערטער און איז געוואָרן זייער באַליבט ביי דער קעניגין מאַריאָ דע מאָלינאָ. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ער איז געוועזן איר דאָקטאָר. אַביסל שפּעטער האָט זי גע׳פועל׳ט ביים קעניג, אַז ער זאָל ווערן דער פינאַנץ־מיניסטער. אַ דאַנק דער קעניגין האָט מען אים אַיינגעלאַדן צו יעדער וויכטיקער מיסיע פון

קעניגלעכן הויף. אַזוי געפינען מיר אים אויך אין דער סוויטע פון דער קעניגלעכער פּאָר ווען זיי זיינען געפאָרן קיין באַיאָן צו זען זיך מיטן קעניג פיליפּ פון פראַנקרייך אויף צו שליסן מיט אים אַ שלום־אָפּמאַך. אָבער צוליב זיין נאָענטקייט צו דער קעניגין האָט ער פלוצים פאַרלוירן דעם חן אין קעניג׳ס אויגן און ער האָט אים געלאָזט אַרעסטירן. עס האָט אים גע־דראָט טויט־שטראָף. אָבער די קעניגין האָט זיך אַריינגעמישט און ער איז געראַטעוועט געוואָרן. צי ער איז ווייטער געווען נאָענט צום קעניגלעכן הויף, איז ניט באַקאַנט.

יעדנפאַלס, אַט דער ר׳ טודרוס אַבולעפיא האָט דערמיט וואָס ער איז געווען רייך און אָנגעזען ביים קעניג געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן. אַזוי ווי ער איז געווען אַ קאַבאַליסט, און אַזוי זיינען אויך געווען זיינע צוויי זין, ר׳ לוי און ר׳ יוסף אַבולעפיא, האָבן זיי געשאַפן אַן אינטערעס פאַר קבלה אין אידישן לעבן, און אַנשטאָט דעם וואָס מען האָט זיך פריער פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע, איז איצט געוואָרן אין דער מאָדע צו פאַרנעמען זיך מיט קבלה.

גאָר באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אין יענער צייט איינער פון דער דאָזיקער פאַמיליע, ר׳ אברהם אַבולעפיא. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1240 אין דער שטאָט סאַראַגאָסאַ, אָבער ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד האָבן זיך זיינע עלטערן באַזעצט אין טאָלעדאָ. דאָרטן האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער העברעאיש און תלמוד. ווען ער איז אַלט געווען 18 יאָר איז זיין פאָטער געשטאָרבן און ער איז געבליבן אָרעם און עלנד. ר׳ אברהם אַבולעפיא האָט אָבער געהאַט צוויי גרויסע אייגנשאַפטן, אַ שאַרפן קאָפּ און אַ גרויסע פאַנטאַזיע. אַלס שאַרפער מוח האָט ער שוין אין יענע יאָרן זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסער תלמודיסט, דערצו האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אויך אין דער לערע פון קבלה, ווי עס האָבן געטאָן אַלע מיטגלידער פון זיין משפחה. אַזוי ווי ער, אברהם, האָט געהאַט אַ גרויסע פאַנטאַזיע, האָט ער פאַרטראַכט אַ פּלאַן אַרויסצולאָזן זיך אין דער וועלט אַריין אויף צו זוכן די פאַרלוירענע צען שבטים. צו דעם צוועק האָט ער זיך געגרייט אַריבערצוגיין איבערן טייך סמבטיון, וועלכער וואַרפט פון זיך שטיינער אַ גאַנצע וואָך און רוט נאָר אין שבת (ווי עס איז די לעגענדע). ער איז דעריבער צום ערשטן געפאָרן קיין ארץ ישראל, כדי פון דאָרטן צו פאָרן ווייטער. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין גריכנלאַנד און האָט דאָרטן חתונה געהאַט. אָבער ער האָט זיך לאַנג מיט זיין יונג ווייבל ניט געפרייט, ווייל עס האָט אים געצויגן צו פאָרן ווייטער קיין ארץ ישראל און פון דאָרטן צו די „רויטע אידעלעך" (ווי עס הייסן די צען שבטים). אָבער ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, זיינען דאָרטן פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן צווישן די מאַכמעדאַנער און די קריסטן. עס איז געווען דער פערטער קרייץ־צוג.

ר׳ אברהם האָט איצט געזען, אַז ער קען ווייטער זיין רייזע איצט ניט מאַכן, האָט ער זיך אומגעקערט קיין גריכנלאַנד און מיט זיין יונגער פרוי געפאָרן קיין איטאַליען. דאָרטן האָט ער געלערנט ביים גרויסן גע־לערנטן פון יענער צייט, ר׳ הלל פון ווערא֗נאַ, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין קאַפּואַ (ניט ווייט פון רוים). ער האָט איצט זיך פאַרטיפט אין פילאָזאָפיע, איבערהויפּט אין „מורה נבוכים" און אין אַנדערע פילאָ־זאָפישע ווערק. ער איז דערנאָך צוריקגעפאָרן קיין שפּאַניען און זיך באַזעצט אין באַרצעלאָנאַ. עס האָט איצט אויסגעזען, אַז ער האָט אינגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע יוגנט־פאַנטאַזיעס וועגן די צען שבטים און אַז ער האָט זיך אויך אָפּגעטרייסלט פון דער קבלה און פאַרנומען זיך בלויז מיט ראַציאָ־נאַליסטישן דענקען, אָבער דאָס האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַלד האָט ער זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין קבלה און דאָס מאָל כמעט ביז משוגעת. ער האָט אָנגעהויבן איינצורעדן זיך, אַז דורך די צוזאַמענשטעלונגען פון נאָמען פון גאָט אויף פאַרשידענע אופנים קען מען אויסלייזן די וועלט און איז דערגאַנגען ביז צו טראַכטן, אַז ער הערט די רייד פון גאָט צו אים, אַז ער איז אַ נביא און ער... האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס משיח...

* * *

מען דאַרף אָבער ניט אָננעמען, אַז ר׳ אברהם אַבולעפיא איז געווען אַ צעדרייטער קאָפּ, ווייל אויב עס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט ער ניט פאַרנומען קיין אָרט אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק. פאַקטיש איז ר׳ אברהם אַבולעפיא געווען אַ גרויסער דענקער, אַ טיפער פילאָזאָף און דערצו אויך געהאַט אַ שניידנדע צונג. ער האָט אַנאַליזירט אַלע באַוועגונגען אין זיין צייט און ניט מורא געהאַט צו רעדן שאַרפע רייד סיי קעגן תלמוד, סיי קעגן קבלה און סיי קעגן דער פילאָזאָפיע, אָבער דערביי האָט ער אויך געשאַפן אַן אייגענע שיטה אין אידיש־פילאָזאָפישן דענקען, אַ מין נייע פילאָזאָפישע קבלה. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געוואַגט צו זאָגן, אַז די וואָס גיבן זיך אָפּ בלויז מיט לערנען גמרא, זיינען טרוקענע מענטשן וואָס ווייסן ניט מער ווי וועגן געזעץ. ער האָט דעריבער אויף אַ שפּאַ־סיקן אופן געזאָגט אויף תלמודיסטן וואָס פלעגן באַצייכנט ווערן אין דער רבני־שער וועלט אַלס „חכם מופלג ורב רבנן" (אַ גרויסער חכם און אַ רב פון רבנים), אַז די ראשי תיבות פון אָט די ווערטער איז „חמו"ר" (אַן אייזל).

אָבער אויך פון דער קבלה פלעגט ער אָפּלאַכן און פלעגט זאָגן, אַז די מקובלים זאָגן, אַז זיי האָבן איבערגענומען זייער לערע פון די נביאים און פון די חכמים, וועלכע האָבן אונז געלערנט, אַז עס זיינען דאָ „צען ספירות" (צען כוחות וואָס גאָט זאָל האָבן אויסגעשטראַלט פון זיך צו פירן די וועלט) און וועלכע זאָגן, אַז דורך די „צען ספירות" האָט גאָט געשאַפן די וועלט און זיי רופן אָן יעדע „ספירה" מיט אַ באַזונדערן נאָמען. אָבער, האָט ער געפרעגט, וואָס זיינען אַזוינס די „ספירות"? אָבער מאָדנע, אָט דאָס ווייסן זיי ניט. זיי האָבן

ניט קיין שום אָנונג אפילו צי די „ספירות״ זיינען קערפּערס אָדער גייסטיקע כוחות און צי זיי האָבן אַ פאָרם אָדער ניט... וואָס אַלזאָ זיינען די דאָזיקע „ספירות״?

און ר׳ אברהם קריטיקירט אויך די פילאָזאָפיע, איבערהויפּט די גריכישע פילאָזאָפיע און די אידן וואָס האַלטן פון איר און זאָגט, אַז „די פילאָזאָפיע איז קאַלט און גיט אונז גאָרניט, אַפילו ניט אַז גאָט זאָל האָבן געשאַפן די וועלט. עס הייסט ביי די פילאָזאָפן, אַז מען האָט בכיוון געשריבן „בראשית ברא״, כדי אָפּצונאַרן די מענטשן. לויט דער פילאָזאָפיע איז ניטאָ קיין שום השגחה און די וועלט פירט זיך אָן אַ פירער און עס איז ניטאָ קיין פאַרגעלטיקונג און באַשטראָפונג. אַזוי אַרום בלייבט גאָרניט נאָכן מענטשן, ווען ער שטאַרבט... אָט דאָס הייסט פילאָזאָפיע, שכל, ראַציע. אָבער וואָס טויג מיר אָט דאָס אַלץ, אַז עס גיט מיר גאָרניט.

און דאָ קומט ר׳ אברהם אַבולעפיא צו זיין שיטה אין אידישן דענקען. אַ שיטה וואָס ער האָט אַרומגערעדט און פאַרפעסטיקט אין 26 ווערק, וועלכע ער רופט אָן „ספרי נבואה״, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען פאַרלוירן געגאַנגען, אָבער דאָס רוב פון זיי געפינען זיך אין די ביבליאָטעקן פון פאַרשידענע לענדער אין מאַנוסקריפּט.

לאָמיר זעען וואָס אַזוינס עס איז די דאָזיקע שיטה.

* * *

אייגנטלעך וואָלטן מיר געדאַרפט אָט דאָ זיך אָפּשטעלן אויספירלעך אויף דעם ענין פון פילאָזאָפישער קבלה און באַזונדערס אויף ר׳ אברהם אַבולעפיא׳ס שיטה. אָבער דאָס איז זייער שווער און ניט דערפאַר, ווייל עס איז קבלה. ניין. קבלה קען מען פאַרשטיין אויב מען דערקלערט עס אויף אַ פּשוט מענטשלעכער שפּראַך. אַלץ וואָס עס ווערט געשאַפן פון מענטשן איז פאַר מענטשן. יעדע זאַך קאָן זיין קלאָר פאַר אַלע אויב מען דערקלערט עס ריכטיק. קבלה איז אויך געשאַפן געוואָרן פון מענטשן פאַר מענטשן און דעריבער אויב מען דערקלערט עס אויף אַן איינפאַכן אופן, איז עס ניט שווער צו פאַרשטיין. די צרה איז אָבער אַן אַנדערע, נעמלעך דאָס וואָס פילאָזאָפישע קבלה איז ניט מער ווי אַ רינג אין אַ קייט, אין דער געשיכטע פון קבלה וואָס ציט זיך שוין זייט צוויי טויזנט יאָר און אויב דערקלערן, דאַרף מען דערקלערן אַלץ. אָט דאָס וועלן מיר טאַקע טאָן שפּעטער, ווען מיר וועלן ריידן וועגן קבלה. איצט, אויף וויפיל עס איז נויטיק פאַר אונזער ענין, וועלן מיר דאָ פּרובירן בלויז צו געבן עטלעכע פונקטן פון דער פילאָזאָפישער קבלה (אָדער טעאָרעטישער קבלה) און אויך מיט וואָס זי איז אַנדערש פון דער „קבלה מעשית״ (פּראַקטישער קבלה) און, הויפּטזעכלעך, וואָס ר׳ אברהם אבולעפיא׳ס שיטה איז אַזוינס.

די ערשטע זאַך אין קבלה איז די הנחה פון „צען ספירות״, דאָס הייסט, אַז עס זיינען דאָ צען כוחות וואָס גאָט האָט אויסגעטיילט פון זיך און מיט

זיי האָט ער געשאַפן די וועלט און דורך זיי פירט ער זי אָן. אָט דער געדאַנק איז געוואָרן ביי זיי נויטיק צוליב דעם, וואָס מען איז געקומען דערצו, אַז גאָט איז אַבסאָלוט העכער פון יעדן באַגריף וואָס מיר האָבן; אַז וועגן אים איז ניט שייך אָרט און צייט, מאָס און גרענעץ, ווילן און שטערונג, ציל און תכלית, ווייל ער איז די פאָלקאָמענהייט אַליין. דערפאַר ווערט ער באַצייכנט אין דער קבלה אַלס דער „אין סוף" (אָן ענדע). אויב אַזוי, ווי קאָן מען זאָגן אויף גאָט, אַז ער האָט געשאַפן אַ וועלט וואָס האָט די אַלע באַגרענעצטע באַגריפן? אָבער אַזוי ווי די וועלט איז דאָך געשאַפן געוואָרן פון גאָט, אַלס אַ „יש מאַין", קומט די קבלה דערצו, אַז עס זיינען געווען כוחות וואָס גאָט האָט אויסגעטיילט פון זיך אויף צו שאַפן און צו פירן די וועלט און די בעלי קבלה האָבן אויסגערעכנט, אַז די כוחות זיינען צען. די צען כוחות האָבן זיי באַצייכנט מיט נעמען, און יעדע פון זיי געגעבן אַ פלאַץ אין דער רייע פון זייער וויכטיקייט. די צען ספירות זיינען (לויט זייער פלאַץ אין סדר פון די כוחות) אויסגעשטעלט אויף אַזאַ אופן: די ערשטע איז „כתר", די צווייטע „חכמה", די דריטע „בינה", די פערטע „חסד", די פינפטע „גבורה", די זעקסטע „תפארת" (שיינקייט), די זיבעטע „נצח" (אייביקייט), די אַכטע „הוד" (פראַכט), די ניינטע איז „יסוד" (גרונד), און די צענטע איז „מלכות".

אַ צווייטער הויפט־באַגריף פון קבלה איז דער אויסדרוק „סוד הצמצום" (דער סוד פון צוזאַמענפרעסן זיך). דאָס מיינט אַזוי: עס שטייט געשריבן „מלוא כל הארץ כבודו" (די גאַנצע וועלט איז פול פון גאָט'ס כבוד) און „לית אתר דפנוי מניה" (עס איז ניטאָ קיין אָרט אויף דער וועלט, וואָס איז אָן גאָט), ווייל גאָט איז דער כוח פון לעבן, פון טעטיקייט און פון אַלץ וואָס איז דאָ אין דער וועלט און אויב עס וואָלט געווען אַזאַ פלאַץ אָן גאָט, וואָלט דאָרטן קיין לעבן ניט געווען. איז אָבער אַ פראַגע: און וואָס איז מיט די שמוציקע ערטער, איז דאָרטן אויך גאָט? און וואָס איז אין די ערטער וואו עס איז דאָ די טומאה? וואו עס קומט פאָר זינד? איז דאָרטן אויך דאָ גאָט? אויב ניט, ווי אַזוי קומט אַלץ פאָר אָן אים? דער ענטפער וואָס די קבלה גיט דערויף איז אַזוי: „כביכול צמצום" (דער רבונו של עולם ציט זיך צוזאַמען), ער באַשרענקט זיך, כדי ניט צו זיין אויף יענע פלעצער, אָבער ווי קען זיין לעבן אָן אים? איז דער תירוץ, דורך די 10 ספירות וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן פון גאָט.

דאָ מוז מען בלייבן שטיין, ווייל אויב צו גיין ווייטער וועט עס אונז נאָר פאַרפירן אין זייטיקע דרכים. מיר ווילן בלויז נאָך צוגעבן, אַז אין קאָנטראַסט צו דער „פילאָזאָפישער קבלה" (קבלה עיונית) איז דאָ אויך אַ „פראַקטישע קבלה" (קבלה מעשית) וואָס פאַרנעמט זיך מיט צוזאַמענשטעלן גאָט'ס נאָמען אויף פאַרשידענע אופנים, כדי צו האָבן דערפון אַ פראַקטישן נוצן.

איצט קענען מיר גיין צוריק צו ר׳ אברהם אַבולעפיאַ׳ס שיטה. ר׳ אברהם אַבולעפיאַ האַלט ניט, אַז מען קען דערגרייכן צו פאַרשטיין גאָט דורך פילאָזאָפיע, אָדער דורך דעם ראַציאָנאַליסטישן דענקען. גאָט קען מען דערגרייכן נאָר דורך דער אינערלעכער אָנערקענונג, דורך אויפנעמען גאָט אין זיך. עס געשעט אָפּט אַזוי ווי אַ בליץ און דער מענטש דערפילט אין זיך גאָט. דאָס איז אַזוי ווי דער כוח פון נבואה, ווען גאָט באַווייזט זיך צום מענטשן. אָבער עס געשעט, אַז דער מענטש פאַרלירט צוריק די דערקענטעניש פון גאָט און ווערט אַפילו דערווייטערט פון גאָט, דאָך שפּעטער קומט פאָר אַ סינטעז פוןביידע מאָמענטן אין עפּעס וואָס עס איז דער באַריר־פּונקט פון ביידע — און דעמאָלט דערגרייכט ער דעם אמת, ווייל „די געטלעכקייט איז דער אמת און דאָס פעלן פון אמת איז דער שקר״, ווי ער דריקט זיך אויס.

אַלס רעזולטאַט פון דער אָנערקענונג האָט ער אָנגעשריבן אַ ספר מיטן נאָמען „שבע נתיבות החכמה״ אָדער „שבע נתיבות התורה״, וואו ער ווייזט אָן אויף זיבן וועגן ווי אַזוי צו קומען צו דער דערקענטעניש פון גאָט, און דער לעצטער וועג איז — דער כוח פון נבואה.

* * *

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, האָט זיך ר׳ אברהם אַבולעפיאַ אָפּגעגעבן אויך מיט דער פּראַקטישער קבלה פון צוזאַמענשטעלן די אותיות פון גאָט׳ס נאָמען, און אַז אַריינלאָזנדיק זיך אין אָט די פאַנטאַזיעס, איז ער דערגאַנגען ביז צו האַלטן זיך פאַר משיח. דעמאָלט איז אים איינמאָל איינגעפאַלן דורך צירופי אותיות, אַז ער דאַרף גיין צום פּאַפּסט וואָס איז דעמאָלט געזעסן אויפן הייליקן פּעטער׳ס שטול אין וואַטיקאַן און אים מאַכן פאַר אַ איד. ניט מער און ניט ווייניקער.

ר׳ אברהם אַבולעפיאַ האָט איצט פאַרטרויט דעם סוד צו זיינע תלמידים און זיי האָבן אים דערין דערמוטיקט. אין יענער צייט איז געווען פּאַפּסט, מאַרטין דער פערטער, וועלכער האָט געהערשט נאָך דעם פּאַפּסט ניקאָלאַי דער דריטער. ניקאָלאַי איז געווען אַ גרויסער שונא ישראל און האָט אויסגעטראַכט אויף אידן פיל גזרות. מאַרטין, וואָס איז געקומען נאָך אים (ער האָט געהערשט פון 1280 ביז 1285), איז געווען ניט ווייניקער רשע ווי זיין פאָרגייער. אָט דעם פּאַפּסט האָט ר׳ אברהם אַבולעפיאַ געוואָלט מאַכן פאַר אַ איד.

האָט ר׳ אברהם געפאַסט אַ גאַנצן חודש אלול, ער און זיינע תלמידים, דרייסיק טעג, געגאַנגען אַלע טאָג אין מקווה און געמאַכט צירופי אותיות און דערביי האָבן אַלע געזאָגט תהלים און געבעטן צו גאָט, אַז ר׳ אברהמ׳ען זאָל געלינגען אין זיין שליחות, און דערנאָך וועט מער קיין צרות ניט זיין אויף דער וועלט. דער טאָג צו גיין צום פּאַפּסט איז באַשטימט געוואָרן אויף ערב ראש השנה.

און אַזוי איז געווען. ערב ראש השנה פון יאָר ס״א פון אלף הששי, איז ר׳ אברהם אַוועק צום פּאַפּסט אין וואַטיקאַן און אים געזאָגט, אַז ער איז געקומען צו אים מיט אַ שליחות פון גאָט, אַז ער מוז שוין ווערן אַ איד... פאַרשטייט זיך, אַז דער פּאַפּסט האָט אים באַטראַכט פאַר אַ חסר־דעה און געהייסן אים אַרעסטירן. ר׳ אברהם איז אַזוי אָפּגעזעסן אויף ברויט און וואַסער 28 טעג, איבער די ימים טובים. ערשט דערנאָך האָט זיך דער פּאַפּסט מיישב געווען, צו וואָס זאָל ער האַלטן אַרעסטירט אַ משוגע׳נעם איד און האָט אים באַפרייט.

זייט דעמאָלט האָט ר׳ אברהם געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אין איטאַליען און האָט געליטן נויט, ווייל ער איז געווען צעקריגט מיט אַלע, סיי מיט די לערנער, סיי מיט די משכילים און סיי מיט די מקובלים. ווי עס זעט אויס איז ער געשטאָרבן ערגעץ־וואו אויף זיין וואַנדער־וועג אין יאָר 1292.

נאָך ר׳ אברהם אַבולעפיא׳ס טויט איז דאָס ליכט פון בילדונג און אויפ־קלערונג אויפגעגאַנגען גאָר אין אַנדער אָרט, אין פראַנקרייך, דורך דער דערשיינונג פון דעם גרויסן תלמודיסט, פילאָזאָף און דערפינדער, ר׳ לוי בן גרשון (רלב״ג).

.10

# ר׳ לוי בן גרשון (רלב״ג) — תלמודיסט, פילאָזאָף און דערפינדער

דער חרם פון די פאַנאַטיקער אויף דעם רלב״ג׳ם זיידע. — זיי פירן אוים, אַז דאָס מיידל וועלכע האָט אים געליבט זאָל מיט אים איבערררייסן. — די ווירקונג פון חרם אויפן איניקל, ר׳ לוי בן גרשון. — אַ גרויסער פילאָזאָף וואָס האָט פאַרשפּעטיקט מיט הונדערט יאָר. — די ענטפערם וואָס דער רלב״ג גיט דעם פּאָפּסט קלעמענס דעם פינפטן. — זיינע פרייע מיינונגען אין אידיש־פילאָזאָפישע פראַגן.

אין שפּאַניען איז עס ערב אינקוויזיציע און די לופט איז פול מיט קריסטלעכן פאַנאַטיזם. די צייט איז ענדע פון דרייצנטן יאָרהונדערט. קיין גרויסע גייסטער ווייזן זיך ניט מער, ניט ביי זיי און אויך ניט ביי אונז. אַ גרעסערע צאָל פון אידישע געלערנטע האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט דעם גרענעץ אין דער נאָענטער פּראָוואַנס (פראַנקרייך), וואו מען קען נאָך אָטעמען אַביסל פרייער, כאָטש אויך דאָרטן זיינען די קלויסטערס אָפן טאָג און נאַכט און די גלחים זיינען כסדר פאַרנומען מיט ברענען ווייַרויך און מיט אויסהערן ווידוי׳ס פון זינד...

אין יענער צייט האָט זיך געראַטעוועט פון קאַסטיליע, שפּאַניען, קיין פראַנקרייך איינער פון די דענקענדע גייסטער ביי אידן, ר׳ לוי בן אברהם, דער מחבר פון פיל ספרים וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און אַסטראָנאָמיע. זיין פרוי האָט אים אין פראַנקרייך געבוירן אַ זון, וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן גרשון. ר׳ לוי איז געווען אַ גרויסער דענקער און האָט פאַר־פאַסט עטלעכע ספרים, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט פרייע געדאַנקען וועגן דער אידישער אמונה. ער האָט דערמיט געצויגן אויף זיך דעם כעס פון רבנים און זיי האָבן אים שטאַרק גע׳רודפ׳ט. די רדיפות זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ר׳ לוי איז געווען אין נאַרבאָנאַ, אין הויז פון זיינעם אַ פריינט (ר׳ שלמה שולמי, אַ רייכער איד, אַ פּאָעט און גע־לערנטער), האָט דער רשב״א (ר׳ שלמה בן אדרת, אַ באַוואוסטער גרויסער תלמודיסט) ניט גערירט ביז ער האָט גע׳פועל׳ט ביי ר׳ שלמה׳ן, אַז ער זאָל אים אַרויסטרייבן פון הויז. שפּעטער איז ר׳ לוי אַוועק וואוינען צו זיינעם אַ קאָזין, ר׳ שמואל בן ראובן, האָט דער רשב״א אים אויך דאָרטן

שטאַרק פאַרפאָלגט. ר׳ לוי איז אין יענער צייט, נאָכן טויט פון זיין ווייב, געווען פאַרוויקלט אין אַ ליבע מיט אַ שיין אידיש מיידל, צו וועלכער ער האָט געשריבן שירים און ער איז געווען וועגן איר זייער באַגייסטערט. דאָס מיידל, ווייזט אויס, איז אין אָנהויב אויך געווען פאַרליבט אין אים, אָבער צוליב די פאַרפאָלגונגען אויף אים האָט זי אים פאַרלאָזן. ר׳ לוי האָט איצט געגומען וואַנדערן איבער פראַנקרייך. די פאַרפאָלגונגען קעגן אים האָבן אָבער ניט אויפגעהערט ביז דער רשב״א האָט אַרויסגעגעבן אַ חרם אויף אים. ר׳ לוי׳ס זון, גרשון, איז דער מחבר פון ספר „שער השמים״ וועגן נאַטור־וויסנשאַפט. ער איז געווען אַן אייניקל פון רמב״ן.

ר׳ לוי בן גרשון, דעם לעצטנס זון, איז ווען דער חרם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף זיין זיידן אַלט געווען 17 יאָר. דער חרם אויפן זיידן האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך צו טראָצן קעגן די אַלע אידישע פאַנאַטיקער און אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען אָפן און פריי, אָן שום מורא פאַר קיינעם.

און דאָס טאַקע האָט ער געטאָן שפּעטער אין זיין ספר „מלחמות ד׳״ און אין זיין פירוש אויף תורה. אָבער כאָטש ער זאָגט דאָרט אַרויס פרייע געדאַנקען, איז עס אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע אידן און איז געדרוקט אין די חומשים לעבן דעם פירוש פון רש״י און פון אַנדערע.

* * *

ר׳ לוי בן גרשון איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1288, אין באַניוואַש (פראַנקרייך). ער האָט געלערנט תורה ביי די גרעסטע רבנים פון זיין צייט. אויסער דעם האָט ער געלערנט אויך וויסנשאַפטן, באַזונדערס אַסטראָנאָמיע און מעדיצין, ביי גרויסע געלערנטע אין פראַנקרייך. אַזוי ווי ער האָט געהאַט געניאַלע פעאיקייטן, האָט ער זיך אַזוי פאַרפאָלקאָמט סיי אין די אידישע לימודים און סיי אין די ניט־אידישע, אַז ער איז נאָך אַלס יונגערמאַן באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער תלמודיסט, פילאָזאָף און דערפינדער.

ביי אידן איז ר׳ לוי בן גרשון באַקאַנט אונטערן נאָמען רלב״ג, וואָס עס איז די ראשי תיבות פון זיין נאָמען (ר׳ לוי בן גרשון). אין דער געלערנטער וועלט אָבער איז ער באַוואוסט אַלס „גערסאָנידעס״ (אויפן נאָמען פון זיין פאָטער גרשון) און אויך אַלס לעאָן דע באַניוואַש (אויפן נאָמען פון דער שטאָט וואו ער איז געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך), און אויך אַלס „מאַגיסטער לעאָ העבריאוס״ (וואָס עס מיינט דער מאַגיסטער (מאַסטער) לעאָ דער איד).

ר׳ לוי בן גרשון איז געווען איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין זיין צייט. ער איז געווען אַ מין אידישער לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, ווייל אַזוי ווי דער לעצטער איז ער אויך געווען געניאַל אויף פיל געביטן. ער האָט געקענט זיין אַ גרויסער רב אין אַ קהילה, אָבער ער האָט דאָס ניט געוואָלט.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער פילאָזאָף, וואָס פיל פאַרגלייכן אים צום רמב״ם. אַנדערע ווידער זאָגן, אַז ער איז געווען נאָך גרעסער. דער רלב״ג האָט אין אַ געוויסער הינזיכט פאַרשפּעטיקט מיט הונדערט יאָר, ווייל ווען ער וואָלט געקומען פריער, ווען די פילאָזאָפיע איז נאָך געווען אין דער מאָדע, וואָלט זיין שטערן פיל שטאַרקער געלויכטן. דאָס איז דערפאַר וואָס ר׳ לוי בן גרשון איז אין פיל פון זיינע פאַרשונגען פרייער ווי דער רמב״ם און דאָרטן וואו יענער האָט גערעדט פאַרשטעלט, רעדט ער עס אַרויס אָפן. מען קען דעריבער מיט זיכערקייט זאָגן, אַז ער איז געווען דער פרייסטער גייסט אין יענער צייט. דער רלב״ג האָט זיינע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט באַזונדערס אין דעם ספר וואָס מיר האָבן דאָ פריער דערמאָנט „מלחמות ד׳״ (די מלחמות פון גאָט), האָבן די פרומע אידן און די פאַנאַטיקער איבערגעקרימט דעם נאָמען פון ספר און עס אָנגערופן „מלחמות על ה׳״ (מלחמות אויף גאָט), אָבער דאָס ספר איז דאָך אָנגענומען געוואָרן סיי ביי אידן און סיי ביי ניט־אידן.

איידער מיר גייען ווייטער צו ברענגען די מיינונגען פון ר׳ לוי בן גרשון און זיין אידיש־פילאָזאָפישער שיטה, ווילן מיר פריער באַקענען אונזערע לייענער מיט אים אַליין, כדי צו זען וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש ער איז געווען.

* * *

דער רלב״ג האָט געוואוינט דאָס רוב פון זיינע יאָרן אין דער שטאָט אַוויניאָן (אין פּראָוואַנס, דאָס אַמאָליקע פראַנקרייך). אין יענער צייט האָט אין דער זעלבער שטאָט אויך געוואוינט דער פאַפּסט קלעמענס דער פינפטער, און פון דאָרטן אָנגעפירט זיין ממשלה איבער די קריסטן אין דער גאַנצער וועלט.

פאַרוואָס דער פאַפּסט האָט געוואוינט אין אַוויניאָן און ניט אין וואַטיקאַן, אין רוים, ווי אַלע פאַפּסטן ביז אים — איז אַ באַזונדער קאַפּיטל געשיכטע. אין פראַנקרייך האָט דעמאָלט געהערשט דער קעניג „פיליפּ דער שיינער״ (אַזוי איז ער באַקאַנט אין דער היסטאָריע), וועלכער האָט געזיגט איבער פיל לענדער. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אין וואַטיקאַן זאָל מען ניט פירן קיין אינטריגעס קעגן זיין פּאָליטיק און צונעמען ביי אים די מלוכה, האָט ער אַזוי לאַנג געאַרבעט ביז ער האָט אויסגעפירט, אַז אַנהויבנדיק פון פאַפּסט קלעמענס דעם פינפטן זאָלן די פאַפּסטן וואוינען אין אַוויניאָן, וואָס איז געווען אונטער זיין נאָז. אין יענע צייטן איז אַוויניאָן געווען די פריילעכסטע שטאָט אין פראַנקרייך, ווייל די בעלער וואָס דער פאַפּסט האָט געפראַוועט האָבן צוגעצויגן צו זיך פילע מענטשן. די מוזיק האָט שטענדיק געשפּילט און סצענעס פון טענץ אין די גאַסן זיינען ניט געווען אַ זעלטענהייט. אין אַוויניאָן איז אויך געווען אַ גרויסע אידישע קהילה, ווייל די אידן האָבן זיך געפילט זיכערער אין אַט דער שטאָט וואו דער פאַפּסט איז דאָ, ווי דאָרטן וואו עס האָבן געהערשט די בישאָפן אָדער סתם גלחים.

איינמאָל האָבן די מענטשן אַרום דעם פּאַפּסט אים געזאָגט וועגן דעם געלערנטן אידן, ר׳ לוי בן גרשון, וועלכער וואוינט אין אַוויניאָן און איז דער באַרימטער דאָקטאָר פון גאַנצן געגנט. דער פּאַפּסט האָט אים געהייסן רופן צו זיך. ווען דער רלב״ג איז געקומען, האָט דער פּאַפּסט, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן, באַלד פאַרפירט מיט אים אַ געשפּרעך וועגן רעליגיע און צו אים געזאָגט:

— באַווייז מיר פאַרוואָס אַזאַ קלוגער מענטש ווי דו זאָל זיך ניט שמד׳ן?

דער רלב״ג איז איצט געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט מורא געהאַט, אַז וואָס ער זאָל ניט ענטפערן דעם פּאַפּסט, זאָל מען עס ניט אויס־טייטשן אַלס אַ באַליידיקונג, וואָס דאָס וועט מיינען, אַז אַ רב האָט באַליידיקט דעם הויפּט פון דער קריסטלעכער רעליגיע און עס קען דעריבער נאָך, חס ושלום, קומען צו שחיטות אויף אידן. האָט דער רלב״ג זיך אָנגערופן צום פּאַפּסט:

— זאָל מיר אייער הייליקייט דערלויבן צו דערציילן אייך אַ מעשה׳לע.

— ביטע זייער — האָט דער פּאַפּסט אים געענטפערט.

— דאָס מעשה׳לע גייט אַזוי — האָט דער רלב״ג געזאָגט צום פּאַפּסט — אַ פּאָטער איז אַמאָל געגאַנגען מיט אַ זון אין וועג, איז זיי אָנטקעגן געקומען אַ בעטלער און געבעטן ביים פּאָטער אַ נדבה. האָט דער פּאָטער זיך צעשריען אויף אים: „אַוועק, דו שנאָרער. איך ווייס פון פיל בעטלערס וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ סך געלט ווען זיי זיינען געשטאָרבן. איך וועל דיר דעריבער גאָרניט געבן, ווייל דו מוזט אויך זיין אַזאַ איינער״.

דער בעטלער איז אַוועק אַ פאַרשעמטער און זיך גוט אויסגעוויינט און דערנאָך געזאָגט:

— ניט נאָר העלפט ער ניט אַן אָרעמאַן, נאָר ער באַליידיקט אים נאָך, און אַז אַ בעטלער האָט אַמאָל איבערגעלאָזט אַ סך געלט, זיינען דען דערפאַר אַלע בעטלער שולדיק? אַ זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן.

ווען דער פּאָטער האָט דאָס געהערט, רופט ער זיך אָן צום זון:

— ער באַליידיקט מיך! פאַרוואָס שווייגסטו? פאַרוואָס נעמסטו זיך ניט אָן פאַר מיר?

ענטפערט אים דער זון אַזוי:

— טאַטע, דאָס בעסטע פאַר מיר איז צו שווייגן. ווייל זאָל איך זאָגן, זאָגן אַז דו ביסט ניט גערעכט, טויג ניט, ווייל עס וועט דאָך הייסן, אַז איך רעד קעגן מייך טאַטן; זאָל איך ווידער זאָגן, אַז דו ביסט יאָ גערעכט, טויג אויך ניט, ווייל עס איז ניט דער אמת, איז דעריבער דאָס בעסטע פאַר מיר צו שווייגן.

דער פּאַפּסט האָט פאַרשטאַנען וואָס דער רלב״ג מיינט מיט דעם מעשה׳לע, אַז ער וויל אים ניט ענטפערן, ווייל ווי אַזוי ער וועט ענטפערן וועט ניט טויגן. ער האָט אָבער געזען, אַז דער רלב״ג איז זייער קלוג און

ער האָט אים צוגענומען צו זיין זיין פּערזענלעכער דאָקטאָר. דערביי האָט ער אים געזאָגט, אַז ער דערלויבט אים צו רעדן צו אים פריי וואָס נאָר ער וויל וועגן רעליגיע. דער רלב״ג האָט אים דערויף געענטפערט:

— איך גלויב, אַז עס וועט ניט טויגן, וואָרים וואָס קען דערפון אַרויס־קומען? אויב איר זאָלט מיר אויפווייזן מיט שכל די פעלערן פון מיין רעליגיע און איך דאָס זעלבע אייך די פעלערן פון אייער רעליגיע, וועל איך קריגן דערפון ספקות אין קאָפּ און ווערן אַ שלעכטער איד און איר וועט קריגן צווייפלען אין קאָפּ און ווערן אַ שלעכטער פּאַפּסט, איז שוין בעסער אַזוי ווי עס איז איצט.

פונדעסטוועגן האָט דער פּאַפּסט מיט אים געוואָלט שמועסן וועגן אידנטום און קריסטנטום און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויסדרייען און זיך ניט צוריקהאַלטן פון אַרויסצוזאָגן אָפן זיינע מיינונגען.

האָט דער רלב״ג אים געענטפערט, אַז ער שטימט איין דערויף נאָר אונטער איין באַדינג, אַז דער פּאַפּסט זאָל ניט פירן מיט אים קיין געשפּרעכן ווען ער איז אָנגעטאָן אין זיינע פּאַפּסטלעכע קליידער און אויך ניט ווען ער זיצט אויפן טראָן. בלויז דאַן ווען ער וועט זיין אין אַן אַנדער צימער (ניט אין טראָן־צימער) און טראָגן פּשוטע קליידער, ווי אַ געוויינלעכער מענטש, וועט ער מיט אים רעדן. דער פּאַפּסט האָט דערצו איינגעשטימט. זייט דעמאָלט פלעגט דער פּאַפּסט מיט אים פאַרפירן געשפּרעכן אין אַן אַנדער צימער וואו ער איז געווען אָנגעטאָן אין פּראָסטע קליידער, אָבער דער רלב״ג האָט אַלע מאָל זיך אַרויסגעדרייט דורך אַ מעשה׳לע אָדער אַ וויץ.

די לעגענדע ווייסט צו דערציילן זייער פיל וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן פּאַפּסט און רלב״ג. מיר וועלן ברענגען דאָ עטלעכע פון זיי. די ערשטע לעגענדע גייט אַזוי:

איינמאָל האָט דער פּאַפּסט געפרעגט דעם רלב״ג:

— גלויבסטו אַז רעליגיע איז אַ שטעקן וואָס פירט דעם מענטש אויף אַ גלייכן וועג?

— ניט אַלע מאָל — האָט געענטפערט דער רלב״ג.

דער פּאַפּסט איז געווען איבערראַשט צו הערן אַזעלכע רייד פון אַ רב און געזאָגט צו אים:

— ווי קומט עס וואָס דו, אַ רב ביי אידן, גלויבסט ניט, אַז רעליגיע איז אַ שטעקן אין וועג?

— עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן וועגן — האָט דער רלב״ג אים געענטפערט — ס׳איז דאָ אַ גלייכער וועג און אַ קרומער וועג. עס איז פאַראַן אַ וועג וואָס גייט איבער יבשה און אַ וועג וואָס פירט איבערן ים. צו אַ וועג וואָס איז גלייך דאַרף מען ניט קיין שטעקן. צו אַ קרומען וועג העלפט ניט קיין שטעקן. אויף דער יבשה קען נאָך צוניץ קומען אַ שטעקן, אָבער וואָס קען העלפן אַ שטעקן אויפן ים?

— הייס עס — האָט דער פויפסט צו אים געזאָגט — אַז דו גלויבסט ניט אַז גאָט קען פירן דעם וואָס פאָרט אויפן ים אין אַ גלייכן וועג?

— איך גלויב — האָט דער רלב״ג געענטפערט — אָבער פונדעסטוועגן ווען שיף־קאַפּיטאַנען זאָלן האָבן אַזאַ שטעקן וואָס זאָל זיי ווייזן דעם וועג; ווען זיי זאָלן, למשל, האָבן אַזאַ מאַשינקע, וואָלט עס זיי מער צוניץ געקומען ווי רעליגיע.

— נו, ביסט דאָך אַ קלוגער מענטש, טאָ שאַף אַזאַ מאַשינקע, אַזאַ שטעקן אויפן ים — האָט דער פּאָפּסט צו אים געזאָגט אין אַ טראַציקן מוט.

— איך האָב שוין געטראַכט דערפון — האָט דער רלב״ג אים געענט־פערט — אפשר וועט עפּעס דערפון אַרויסקומען.

מיט דריי חדשים שפּעטער האָט דער רלב״ג געבראַכט צום פּאָפּסט אַזאַ מאַשינקע און האָט זי אים געוויזן.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער פּאָפּסט אים געפרעגט.

— עס איז אַ מאַשינקע, וואָס איז אַ שטעקן אויפן ים. עס איז אַ קאָמפּאַס מיט געוויסע איינריכטונגען וואָס ווייזט דעם קאַפּיטאַן אין וועלכער ריכטונג צו פאָרן.

— ווי רופסטו עס? — האָט דער פּאָפּסט אים געפרעגט.

— איך וואָלט עס גערופן „יעקב׳ס שטעקן״, אויפן פסוק אין חומש, ווען יעקב האָט געזאָגט: „כי במקלי עברתי את הירדן״ (מיט מיין שטעקן בין איך אַריבער דעם ירדן).

דער פּאָפּסט האָט עס נאָך אַמאָל באַקוקט און געהייסן רופן צו זיך דריי שיפּס־קאַפּיטאַנען און זיי געוויזן די מאַשינקע. דער רלב״ג איז געווען דערביי און האָט זיי דערקלערט ווי אַזוי די מאַשינקע אַרבעט. באַלד דער־נאָך האָבן די קאַפּיטאַנען געבעטן דעם רלב״ג, אַז ער זאָל מאַכן פאַר זיי דריי אַזעלכע „יעקב־שטעקנס״, וואָס ער האָט אויך געטאָן. שפּעטער איז די מאַשינקע אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ וויכטיקע דערפינדונג פאַר יעדער שיף און אויך קאָלאָמבוס, איידער ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, האָט זיך פאַרשאַפט אַזאַ מאַשינקע. אָבער די מאַשינקע, הייסט עס, איז ניט געווען די איינציקע זאַך וואָס דער רלב״ג האָט אויפגעטאָן אויף אַרויסצוהעלפן שיפּס־קאַפּיטאַנען אין זייערע רייזעס. ער האָט אויך געשאַפן מאַפּעס פון די ימים און אָנגעוויזן גענוי די וועגן ווי אַזוי אַ קאַפּיטאַן דאַרף פירן זיין שיף איבער די פאַרשידענע ימים.

* * *

אַ צווייטע לעגענדע גייט אַזוי:

דער פּאָפּסט קלעמענס דער פינפטער איז געווען זייער אַ כיטרער מענטש, און אויב ער האָט זיך גענומען עפּעס אין קאָפּ אַריין, האָט ער מער ניט גערוט ביז ער האָט דאָס אויסגעפירט. אָט טאַקע דערפאַר האָט דער קעניג פיליפּ דער שיינער אַזוי מורא געהאַט פאַר אים און אים געהאַלטן

אין זיין לאַנד. (אויך די פּאַפּסטן נאָך קלעמענס דעם פינפטן האָבן פאַר אַ סך יאָרן געמוזט וואוינען אין פראַנקרייך. אין דער געשיכטע פון די פּאַפּסטן ווערן אָט די יאָרן אָנגערופן „דער גלות בבל פון די פּאַפּסטן״, (ווייל עס האָט געדויערט 70 יאָר ביז די פּאַפּסטן זיינען געקומען צוריק קיין רוים פונקט אַזוי ווי די 70 יאָר פון גלות בבל). אַלזאָ, דער פּאַפּסט האָט שטאַרק געוואָלט, אַז דער רלב״ג זאָל ווערן אַ קריסט. עס האָט אים ניט געפּאַסט, אַז דער גרעסטער דאָקטאָר און וויסנשאַפטסמאַן פון זיין צייט, זאָל זיין גאָר אַ איד. האָט ער פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו רופן צו זיך אַ באַרימטע שיינהייט פון אַוויניאָן, אַ מיידל, וועלכע האָט גע׳שמ׳ט מיט איר שיינקייט און חן און אַ טאָכטער פון אַ רייכן מאַן און איר בעטן, אַז זי זאָל מאַכן אַזוי, אַז דער רלב״ג זאָל זיך פאַרליבן אין איר און אַז זי זאָל אַרויסשטעלן אַלס באַדינגונג פון צולאָזן אים צו זיך, אַז ער זאָל זיך שמד׳ן. דער פּאַפּסט האָט טאַקע באַלד געפונען אַזאַ שיין מיידל און איר געהייסן רופן צו זיך. איר נאָמען איז געווען מאַרי דע גראַנדאַ.

אין אַ שיינעם מאַי־אָוונט פון יאָר 1318 איז צום פּאַלאַץ פון פּאַפּסט אין אַוויניאָן צוגעפאָרן אַ רייכע קאַרעטע און פון איר איז אויסגעשטיגן אַ יונגע מיידל, וואָס האָט גע׳שמ׳ט מיט איר שיינקייט און אויך מיט איר חכמה און איר געלערנטקייט אין גאַנץ פּראָוואַנס. דאָס איז געווען מאַרי דע גראַנדאַ.

מאַרי איז אַלט געווען דעמאָלט אַ יאָר צוואַנציק, אָבער גערעדט האָבן מענטשן פון איר שיינקייט אומעטום, זייט זי איז אַלט געוואָרן 16 יאָר און איז געוואָרן אַנטוויקלט ווי אַ רייפע יונגע פרוי. זי איז געווען די טאָכטער פון איינעם פון די רייכסטע מענטשן, ניט בלויז אין אַוויניאָן, נאָר אין גאַנצן לאַנד און איר פאָטער האָט געשטיצט מיט גרויסע סומען געלט די קאַטוילישע קירכע און דעריבער געהאַט דאָרטן אַ גרויסע דעה.

די וועכטער פון פּאַפּסט׳ס פּאַלאַץ, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ פאַראָרדנונג פון פּאַפּסט זי אַריינצולאָזן, האָבן זי צוגעפירט ביז צום טראָן־זאַל. דאָרטן האָט דער וועכטער דאָס געמאָלדן צום פּאַפּסט. זי איז איצט אַריין אין זאַל און געגאַנגען ביז נאָענט צום פּאַפּסט׳ס שטול, וואו זי איז געפאַלן צו זיינע פיס און געקושט די זוים פון זיין קלייד.

— שטיי אויף, מיין שיינהייט! — האָט דער פּאַפּסט צו איר געזאָגט מיט אַ שמייכל.

מאַרי איז אויפגעשטאַנען און אַ רויטלעכע פאַרשעמטקייט האָט באַגאָסן איר איידל געזיכט.

— דו ביזט טאַקע אַזוי שיין און אפשר נאָך שענער ווי מען האָט דיך פאַר מיר געשילדערט — האָט דער פּאַפּסט צו איר געזאָגט — אָבער זיי ווייסן, אַז גאָט האָט דיר ניט געגעבן אָט די שיינקייט אומזיסט, נאָר אויף צו דינען אים דערמיט. ביזטו גרייט דערצו?

— יאָ, הייליקער פאָטער, אַפילו מיט מיין גאַנץ לעבן — האָט מאַרי אים אונטערטעניק געענטפערט.

— דער ענטפער איז גוט. דאָס שאַפט אַ גרונט צו דעם, וואָס איך וויל דיר ווייטער זאָגן — האָט דער פּאַפּסט צו איר גערעדט — זעץ דיך, און הער אויס וואָס כ'האָב דיר צו זאָגן. עס ליגט אויף דיר אַ פליכט צו דערפילן, און דאָס איז, אַריינצוברענגען אַ ניט־גלויביקן אין אונזער גלויבן. עס איז אָבער ניט סתם אַ מענטש, נאָר אַ זשעניע, איינער פון די גרעסטע פון אונזער צייט. ער איז דאָקטאָר לעאָ, מיין דאָקטאָר, וועלכער איז איצט באַרימט אַלס דער גרעסטער דאָקטאָר מעדיצין אין גאַנץ פּראָוואַנס. דערצו איז ער אויך איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפן און דערפינדער. ער איז אַ איד און דערצו אַ רבֿ אויך. עס איז מיין שטרעבונג שוין אַ לאַנגע צייט, אַז ער זאָל איבערגיין צום קריסטנטום, אָבער עס העלפט ניט. ער דרייט זיך אַרויס פון מיינע רייד דורך אַ מעשה'לע, אַ משל, אַ גלייך־ווערטל א. ד. גל. פאַרשטייט זיך, אַז צווינגען אים, אַז ער זאָל בייטן זיין רעליגיע, וויל איך ניט. האָב איך געטראַכט דערפון, אַז דו, מאַרי דע גראַנדאַ, וועסט אפשר קענען דאָ העלפן.

— איך! — האָט מאַרי זיך אינגאַנצן אַ טרייסל געטאָן — אויב נאָר איך זאָל קענען מיט עפּעס העלפן, וואָלט איך מיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן דערפאַר, הייליקער פאָטער, אָבער ווי אַזוי?

— דורך דיין ליבע, מיין קינד... אויב ער זאָל זיך פאַרליבן אין דיר, קענסטו אים שטעלן אַ באַדינג, אַז ער קען דיך האָבן נאָר אויב ער וועט איבערגיין צום קריסטנטום.

— דאַרף ער זיך דאָך פאַרליבן אין מיר? — האָט מאַרי געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

— וועלכער מאַן וועט דאָס קענען ביישטיין דיין רייץ, איבערהויפּט ווען דו וועסט אים אַרויסווייזן ליבע?

— איך בין גרייט, פאָטער, צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן פאַר אונזער רעליגיע.

— אַ קרבן? כ'ווייס ניט צי דו דאַרפסט זיין אַ קרבן, ווייל ער איז אַ זעלטן־שיינער מאַן, פון אַ יאָר דרייסיק, הויך, ברונעט, מיט אַ קליינער שוואַרצער באָרד אַרום די באַקן, וואָס גיט אים צו נאָך מער חן און זיינע שוואַרצע אויגן פינקלען, ווי צוויי בריליאַנטן. דו האָסט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען?

— ניין.

— איך וועל אים באַלד אַריינרופן.

— וואָס זאָל איך אים זאָגן?

— פילסטו זיך אינגאַנצן געזונט, מאַרי?

— ניין, איך לייד פון קאָפּ־ווייטיקן.

— נו, גוט, ווערסטו אים בעטן, אַז ער זאָל דיך היילן. איך וועל אים געבן דערויף מיין דערלויבעניש.

דער פּאַפּסט האָט באַלד געהייסן אַריינגרופן דאָקטאָר לעאָ׳ן און ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער אים פאָרגעשטעלט פאַר מאַרי דע גראַנדאָ, וועלכע איז גלייך געוואָרן באַגייסטערט פאַר אים.

דער פּאַפּסט האָט איצט געזאָגט צו דאָקטאָר לעאָ:

— איר פּאַטער איז אַ גרויסער פריינט פון דער קירכע. זי ליידט פון קאָפּ־ווייטיקן און איז געקומען צו מיר. זי וויל, אַז איך זאָל דערלויבן מיין דאָקטאָר איר צו היילן. איך גיב דיר אַלזאָ, לעאָ, מיין דערלויבעניש דערויף.

— אַ דאַנק! — האָט דאָקטאָר לעאָ אים געענטפערט און איז אַוועק.

באַלד דערנאָך האָט דאָקטאָר לעאָ גענומען באַזוכן מאַרי דע גראַנדאָ, כדי זי צו היילן. ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז זי איז ניט קראַנק און אַז זי איז אויסן גאָר עפּעס אַנדערש; אַז זי וויל פאַרפירן אַ ליבע מיט אים און אים ברענגען דערצו, אַז ער זאָל זיך שמד׳ן. דער רלב״ג האָט דעריבער באַשלאָסן זי אויסצומיידן.

מאַרי איז אָבער שוין געוואָרן פאַרליבט אין דאָקטאָר לעאָ אויף אַן אמת און זי האָט געשיקט צו אים שליחים און בריוו, אַז ער זאָל קומען צו איר, אָבער דער רלב״ג האָט איר געענטפערט, אַז זי איז ניט קראַנק און ער איז זייער פאַרנומען. דאָך איז ער געקומען צו איר פון צייט צו צייט, כדי זי זאָל ניט רעדן שלעכטס אויף אים פאַרן פּאַפּסט.

אָבער דאָס געפיל פון ליבע האָט אַ טבע, אַז עס קומט אַריין אין האַרצן, אַפילו ווען מען היט זיך אויס דערפון. אַזוי האָט אויך פּאַסירט, אַז טיף אין האַרצן האָט דער רלב״ג אָנגעהויבן צו פילן עפּעס צו איר. אָבער גראָד דערפאַר האָט ער באַשלאָסן, אַז ער טאָר דעם געפיל קיינמאָל ניט נאָכגעבן און זי מער ניט זען. איינמאָל, ווען דער דראַנג איר צו זען איז ביי אים געוואָרן זייער שטאַרק, האָט ער געשיקט צו איר אַ קונסט־מאָלער, אַז ער זאָל זי מאָלן, כדי צו האָבן אַ בילד פון איר.

אָבער ווען דער קונסט־מאָלער איז געקומען צו מאַרי׳ן און האָט איר געזאָגט זיין פאַרלאַנג, האָט זי צו אים געזאָגט:

— גיי און זאָג דיין מאַסטער, אַז אויב ער וויל מיך זען, זאָל ער אַליין קומען צו מיר.

ווען דער קונסט־מאָלער האָט דאָס איבערגעגעבן צום רלב״ג, האָט ער אים געהייסן גיין נאָכאַמאָל צו איר און איר אַזוי זאָגן:

— דער מאַסטער האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז ער וועט האָבן אַ בילד פון אייך אַפילו ווען איך וועל אייך ניט מאָלן.

דער רלב״ג האָט איצט געטראַכט וועגן אַזאַ מאַשינקע און זיך דערטראַכט

צו דער „קאַמעראַ אָבסעקורא" (פינסטערער צימער), וואָס איז דער פונ־דאַמענט פון פאָטאָגראַפיע.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער רלב"ג אַוועק צו מאַרי'ן. ווען זי האָט אים דערזען האָט זי זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט. ער האָט איצט געהאַט מיטגענומען די מאַשינקע און האָט איר געהייסן אַריינקוקן אין איר. ווען זי האָט אַזוי געטאָן, האָט ער געגעבן אַ צי ביי אַ הענטל און זי איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן. ער האָט דערנאָך, אין דער היים, דאָס אַנטוויקלט, געמאַכט עטלעכע בילדער פון איר און צוגעשיקט איר אַזאַ בילד. ווען זי האָט דאָס דערזען, האָט זי גענומען שרייען, אַז עס איז ניט אַנדערש ווי כשוף און איז געלאָפן דערמיט צום פּאָפּסט. דער פּאָפּסט האָט עס באַטראַכט און געהייסן דאָקטאָר לעאָ צו ברענגען די מאַשינקע און אים דערקלערן ווי אַזוי זי אַרבעט. דאָקטאָר לעאָ האָט דאָס געטאָן. דער פּאָפּסט האָט איצט געזאָגט:

— עס איז ניט קיין כשוף! עס איז אַ גרויסע דערפינדונג, וואָס וועט שפּילן אַ ראָלע וואָס אַמאָל מער אין דער וועלט. ווי רופט איר אָן, דאָקטאָר לעאָ, אייער דערפינדונג?

— איך רוף עס אָן פאָטאָגראַפיע, פון די צוויי גריכישע ווערטער: „פהאָטאָ" — ליכט, און „גראַפיע" — שרייבן. די שריפט פון דער ליכט אין דער פינסטערניש.

— אַ גוטער נאָמען! זאָל עס אַזוי בלייבן! — האָט דער פּאָפּסט געזאָגט.

דער רלב"ג האָט געהאַלטן דאָס בילד פון מאַרי ביי זיך, ביז אַ יאָר פאַר זיין טויט, ווען ער האָט עס צעריסן און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין איר.

אַזוי ווייט די לעגענדע. וויפיל פּראָצענט אמת עס איז דאָ אין איר, איז שווער צו זאָגן.

* * *

איצט, אַז מיר ווייסן שוין ווער דער רלב"ג איז געווען, וועט זיין אינטע־רעסאַנט צו באַקענען זיך מיט זיין אידיש־פילאָזאָפישער שיטה.

מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז דער רלב"ג איז געווען דער פרייסטער גייסט ביי אידן. דאָס איז, נאַטירלעך, געמיינט געוואָרן אין די ראַמען פון דער אידישער רעליגיע. דער רלב"ג האָט געוואַגט צו פרעגן קשיות און אַרויסצוזאָגן מיינונגען, וואָס אַ רב פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי ער איז געווען, האָט עס ביז איצט ניט געטאָן. כדי צו באַקענען זיך מיט זיינע אידייען לאָמיר זען וואָס ער שרייבט אין זיינע ווערק וועגן אידיש־רעליגיעזע ענינים.

באַלד אין אָנהויב דאַרף מען זאָגן, אַז דער רלב"ג האַלט כמעט אינגאַנצן פון פלאַטאָנ'ס שיטה וועגן דער גאָטהייט און די וועלט. ער האַלט, אַז עס

איז געווען אַ פריערדיקער שטאָף פון וועלכן גאָט האָט געשאַפן די וועלט. די שאַפונג פון דער וועלט איז געווען נאָר אין פאָרם, אָבער ניט אין שטאָף. דאָס מיינט אַלזאָ, אַז דער רלב״ג האַלט, אַז גאָט האָט ניט געשאַפן די וועלט אַ „יש מאַין״ (אַן עפּעס פון אַ גאָרניט), נאָר „יש מיש״ (אַן עפּעס פון אַן עפּעס). עס איז געווען פריער אַ שטאָף („חומר״) פון וועלכן גאָט האָט געשאַפן די וועלט. גאָט האָט ניט געשאַפן דעם שטאָף, ער האָט בלויז געגעבן דערצו אַ צורה, די פאָרם. דער רלב״ג איז נאָר ניט מסכים מיט פּלאַטאָנ׳ען אין איין זאַך, נעמלעך: לויט פּלאַטאָנ׳ען האָט דער שטאָף זיך אויך באַ־וואויגן, אמת, ניט לויט אַ געוויסער סיסטעם, אָבער באַוועגונג פון שטאָף איז שוין געווען. גאָט האָט, אַלזאָ, געשאַפן די פאָרם און די באַוועגונגען מיט אַ סיסטעם (ווי, למשל, דער גאַנג פון דער זון, די לבנה, די שטערן, זייער אָרט און צייט). דער רלב״ג האַלט אָבער, אַז דער שטאָף איז געווען בלויז אַ שטאָף אָן שום באַוועגונג און גאָט האָט נישט בלויז געשאַפן די פאָרם, נאָר אויך באַוועגונג. ער האָט געגעבן צום טויטן שטאָף לעבן און באַוועגונג. עס איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער רלב״ג האָט אַזוי געהאַלטן. זיינע קעגנער טענה׳ן צו אים אַזוי: אויב דו גלויבסט אין אַ גאָט וואָס האָט געשאַפן הימל און ערד און אַלץ וואָס עס איז דאָ אויף איר; אויב דו גלויבסט, אַז גאָט האָט געשאַפן דעם גאַנצן קאָסמאָס, די זון, די לבנה, די שטערן און אַלע אַנדערע הימלישע קערפּערס, פאַרוואָס, אַלזאָ, זאָלסטו באַגרענעצן די מאַכט פון גאָט צו זאָגן, אַז ער האָט געשאַפן עפּעס פון עפּעס און דערמיט שאַפן נייע קשיות, ווי: וואָס איז געווען דער עפּעס וואָס איז געווען פריער? און ווער האָט עס געשאַפן? איז דען ניט בעסער שוין צו זאָגן ווי די אידישע טראַדיציע זאָגט, אַז גאָט האָט געשאַפן אַלץ אַ „יש מאַין״ (אַן עפּעס פון אַ גאָרניט) און דערמיט ניט צולאָזן קיין נייע קשיות וועגן דעם פריערדיקן שטאָף? שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס די תורה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „בראשית ברא״, וואָס עס מיינט אַלצדינג.

אָבער דער רלב״ג זאָגט אין זיין ספר „מלחמות ה׳״ אַרויס אָפן, אַז ער האַלט זיך ניט אָפּ פון אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען אַפילו ווען עס שטייט אין דער תורה אַנדערש. ער זאָגט דאָרטן אַזוי: „אין אונזערע פאָרשונגען וועט ניט זיין עפּעס וואָס וועט שטערן אונז צו קומען צום תכלית פון אמת, אַפילו ניט די תורה אַליין, ווייל מיר שטרעבן נאָר צום אמת, און מיר וועלן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּשטעלן, נייערט אויב מיר וועלן זען, אַז דער אמת איז ניט אַזוי״. אַזוי אָפן און פריי האָט נאָך קיינער פון די אידישע פילאָזאָפן פאַרן רלב״ג ניט געוואָגט צו רעדן.

אין זיין פירוש אויף דער תורה טייטשט דער רלב״ג אויס „שיר השירים״ ניט אין בוכשטעבלעכן זין, נאָר אויף אַן אַלעגאָרישן אופן, אַז דאָס מיינט מען דעם קאַמף פון מענטש אין זיך. „שלמה״ איז דער שכל. מיט „ירושלים״ מיינט מען דעם מענטש. „בנות ירושלים״ זיינען די כוחות פון מענטש,

און ער דענקט, אַז דאָס איז נאָר אַ שילדערונג פון גאַנג פון מענטש אויף דער וועלט. אין אַזאַ זין טייטשט ער אויך אויס „קהלת". אין ספר „איוב" גיט ער צו זיינע טענות צו די טענות פון איוב׳ס פריינט.

אָבער מיט דעם אַלעם גלויבט דער רלב״ג אין „השארת הנפש", דאָס הייסט, אַז די נשמה בלייבט לעבן נאָכן טויט. ער גלויבט אויך אין די נסים וואָס עס ווערן דערציילט אין חומש און אין די נביאים, און אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן פון גאָט.

וועגן דער פראַגע פון „ידיעה און בחירה", צי גאָט ווייסט אַלץ פון פריער, און אויב אַזוי, צי עס איז מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַ פרייען ווילן, זאָגט דער רלב״ג, אַז יעדע זאַך איידער זי ווערט פאַרווירקלעכט, איז אין צושטאַנד פון אַ מעגלעכקייט. עס איז מעגלעך, אַז עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן און מעגלעך אַז ניט. דעריבער האָט גאָט די „ידיעה", דאָס וויסן, צי עס וועט פאַרווירקלעכט ווערן. אָבער דער מענטש ווייסט ניט דערפון און ער האָט די ברירה, די בחירה, צו טאָן וואָס ער וויל טאָן. ער האַלט אויך אין ענין פון „גמול ועונש", באַלוינונג און באַשטראָפונג, אַזוי ווי דער רמב״ם, אַז עס מיינט אויף אַ גייסטיקן אופן.

דער רלב״ג האָט נאָך ביים לעבן אַרויסגערופן קעגן זיך אַ גרויסע קעגנער׳שאַפט מצד די פרומע רבנים. אָבער עס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים אויך פילאָזאָפן, ווי למשל ר׳ שמואל בר׳ יהודה פון מאַרסעיל און אַנדערע.

דער רלב״ג איז נפטר געוואָרן, לויט אַ טייל היסטאָריקער, אין יאָר 1344. אַזוי אַרום האָט ער געלעבט ניט מער ווי 56 יאָר. אָבער אַנדערע היסטאָריקער, ווי למשל ר׳ אברהם זכותי אין „ספר היוחסין", זאָגט, אַז ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1370. אויב אַזוי, איז ער געשטאָרבן אַ זקן פון 82 יאָר.

.11

# ר׳ חסדאי קרעסקאס — תלמודיסט, פילאָזאָף און דיפּלאָמאַט

**די טרויעריקע לאַגע פון די אידן אין שפּאַניע ערב דער אינקוויזיציע. — די גרויסע צאָל משומדים. — אַ רב וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ פּאַפּסט. — די אידישע געריכטן אין שפּאַניע האָבן געהאַט דאָס רעכט אַרויס־צוגעבן טויט־אורטיילן. — קרעסקאַס׳עס ווערק קעגן רמב״ם און קעגן רלב״ג.**

מיר שטייען איצט ביי דער ענדע פון 14טן און דעם אָנהויב פון 15טן יאָרהונדערט. די לופט אין שפּאַניען איז פול מיט קריסטלעכקייט. עס זיינען אַנטשטאַנען עטלעכע נייע קריסטלעכע אָרדענס, אָבער די גרעסטע פון אַלע איז נאָך אַלץ דער דאָמיניקאַנער אָרדען, וועלכער יאָגט זיך אַריינצוברענגען וואָס מער נשמות אין קריסטלעכן גלויבן, איבערהויפּט אידן. און דער אָרדען טוט עס דורך פאַרשידענע אופנים, דורך וויכוחים (דיספּוטן) וואָס די אָנ־הענגער פון אָרדען פירן אָפט מיט אידן; דורך אונטערקויפן איינפלוסריי־כע אידן מיט אָנגעזעענע רעגירונגס־אַמטן און דורך אָפּקויפן אַנדערע פשוט מיט געלט. צווישן די וואָס זיינען וויליק צו פאַרקויפן זייערע נשמות פאַר זילבערנע און גאָלדענע מטבעות, זיינען צום באַדויערן דאָ זייער פיל בעלנים. אָבער מען דאַרף זיך דערויף ניט וואונדערן. עס איז איצט דער אָנהויב פון דער ירידה אין שפּאַניען. פּונקט אַזוי ווי עס איז פריער געווען אַן אויפשטייג און אַן אויפבלי פון אידישן לעבן, ווען גרויסע גייסטער זיינען אויפגעשטאַנען אומעטום, אַזוי איז איצט צוליב די טאָפּלטע רדיפות, סיי פון די מאַכמעדאַנער און סיי פון די קריסטן, געקומען אַן אַראָפּגאַנג־צייט — אַן עפּאָכע ווען עס האָט עפּעס גענומען פוילן אין אידישן לעבן און עס מערט זיך די צאָל פון די משומדים, וואָס פיל פון זיי ווילן זיך פלייסן אויף צו ווייזן זייערע נייע קריסטלעכע „ברידער״, אַז זיי זיינען אמת׳ע איבערגעגעבענע אָנהענגער פון יעזוס׳ן און דערפאַר טראַכטן זיי אויס בלבולים אויף אידן און טוען אָן די אידישע קהילות פיל צרות.

צווישן אַט די משומדים איז אין יענער צייט געווען איינער, אַ רב, שלמה הלוי פון בורגוש, וועלכער האָט געקענט גוט לערנען און האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון שאלות און תשובות מיט דעם גרעסטן גאון פון תלמוד אין יענער צייט, ר׳ יצחק בר׳ ששת (ריב״ש). אין די „שאלות

ותשובות״ פון יענעם גאון געפינט זיך נאָך איצט אַן אָנפראַגע וואָס אַט דער רב האָט געפרעגט און וואָס דער ריב״ש האָט אים דערויף געענטפערט. ער איז געווען זייער אָנגעזעען ביי אידן, און צו פערציק יאָר האָט ער שוין געהאַט אַ גרויסן נאָמען, אָבער די דאָמיניקאַנער האָבן זיך פאַרלייגט אים אונטערצוקויפן און עס איז זיי געלונגען. מען האָט אים פאָרגעלייגט רייכ־קייט און אויך אַז ער וועט קריגן אַ מיניסטער־שטעלע אויב ער וועט זיך שמד׳ן. מען האָט אים באַלד געגעבן אַ פּרעכטיקע וואוינונג נעבן דעם קעניגלעכן הויף מיט אַ קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי פערד מיט פילע באַ־דינער. דער דאָזיקער רב, וועלכער איז געווען אַ קאַריעריסט, האָט זיך טאַקע גע׳שמד׳ט און אָנגענומען דעם נאָמען פּאַולוס דע סאַנטע מאַריע. ער איז באַלד געוואָרן אַן אַריינגייער אין קעניגלעכן הויף. אָבער ער האָט זיך גיך אַרומגעזען, אַז ער וועט קיין מיניסטער־שטעלע ניט קריגן, ווייל די לאַגע בייט זיך דאָרט זייער אָפט, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען זיך אויפן וועג צו ווערן אַ ... פּאַפּסט. אַזוי ווי ער איז געווען אַ פאַרדאַרבענער מענטש און דערצו אַ גרויסער חונף (כוינעף) האָט ער זיך קודם כל אַוועקגעלאָזט קיין פּאַריז, וואו ער איז אַריינגעטראָטן אין אַ טעאָלאָגישן סעמינאַר אויף צו לערנען צו זיין אַ גלח. ווען ער האָט געענדיקט איז ער אַוועק קיין אַוויניאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען די רעזידענץ פון די פּאַפּסטן און דאָס וואָס ער האָט געקענט העברעאיש און די אידישע קליינע אותיות האָט אים געשטעלט העכער פון אַלע אַנדערע גלחים. אין יענער צייט איז די קריסט־לעכע קירכע געווען צעטיילט, ווייל אין רוים, וואו דער וואַטיקאַן איז גע־וואָרן פאַר אַ געוויסער צייט ליידיק, האָט זיך געמאָלדן אַ נייער פּרעטענדענט אויף פּעטער׳ס שטול. אין אַוויניאָן איז דעמאָלט געזעסן אויפן טראָן דער פּאַפּסט בענעדיקטוס דער דרייצנטער. דער געוועזענער רב און איצט גלח האָט שטאַרק גע׳חנפ׳עט אַט דעם פּאַפּסט, וועלכער האָט אים דערפאַר געגעבן אַ בישאָף־אַמט. אָבער ער האָט געשטרעבט צו ווערן נאָך גרעסער; ער האָט געוואָלט ווערן אַ קאַרדינאַל און שפּעטער גאָר אַ פּאַפּסט. דאָס צו דערגרייכן האָט ער געהאָפט דורך אָנטאָן אידן צרות. ער האָט דעריבער געשיקט בריוו צו אַלע גרויסע רבנים, אַז זיי זאָלן זיך שמד׳ן און צוזאַמען דערמיט אויך גע׳מסר׳ט פילע פון די גרויסע רבנים און גרויסע געזעלשאַפטלעכע טוער ביי אידן צו דער רעגירונג, אַז זיי זיינען פאַררעטער און אַז מען דאַרף זיי אַלע אומברענגען.

דער שמד פון אַט דעם רב האָט זייער שלעכט געווירקט אויף די אידן בכלל און אויף דער אידישער יוגנט בפרט, איבערהויפּט האָט עס געווירקט שלעכט אויף די אנוסים, די מאַראַנען, וועלכע האָבן נאָך געשטרעבט צוריק זיך אומצוקערן צום אידנטום. איצט, אַז זיי האָבן געזען, אַז אַ רב האָט פריייוויליק זיך גע׳שמד׳ט, האָבן זיי שוין מער ניט געטראַכט פון ווערן צוריק אידן.

אין יענער צייט האָט געלעבט אין שפּאַניע אַ גרויסער תלמודיסט, פילאָזאָף און דיפּלאָמאַט ר׳ חסדאי בן אברהם (אַנדערע זאָגן אַז זיין פאָטערס נאָמען איז געווען יהודה) קרעסקאַס (אויף העברעאיש איז עס „קרשקש״). ער איז געבוירן געוואָרן אין באַרצעלאָנאַ אין יאָר 1340. און ווען ער איז אויסגעוואַקסן האָט ער געלערנט ביי די גרעסטע רבנים פון זיין צייט און געקראָגן סמיכה אויף רבנות אָבער ער האָט קיין רב ניט געוואָלט זיין. ער האָט אויך געלערנט פילאָזאָפיע ביי די אָנגעזעענסטע פילאָזאָפן פון יענער צייט. ר׳ חסדאי האָט זיך אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן פון זיין לעבן גענומען צו מסחר און האָט מצליח געווען און איז געוואָרן זייער רייך. ער איז צוליב זיין גרויסער געלערנטקייט אָפּט איינגעלאַדן געוואָרן אין הויף פון קעניג וואו מען האָט זיך מיט אים באַראַטן וועגן פאַרשידענע מלוכה־ענינים. ער איז אויך אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין איינער פון די פּרנסים פון דער אידישער קהילה פון באַרצעלאָנאַ. דער קעניג האָט אים אויך אָפּט געשיקט אין אַן אַנדער לאַנד מיט אַן אָפיציעלער שליחות.

און געווען איז דאָס אין יאָר 1380. אין יענער צייט האָט געלעבט אין שפּאַניע אַ איד מיטן נאָמען יוסף פּיגאָן, וועלכער איז געווען זייער אָנגעזען ביים קעניג דאָן אינריקו דער צווייטער פון קאַסטיליע. אָט דער איד איז געווען דער הויפּט־קאָלעקטאָר פון די רעגירונגס־שטייערן איבערן לאַנד. אָבער עס זיינען געווען אַזעלכע אידן וואָס האָבן אים מקנא געווען און אים גע׳מסר׳ט, אַז ער איז ניט ערלעך און גיט ניט אָפּ דאָס גאַנצע געלט צום קעניג. דער קעניג האָט אים דערפאַר געהייסן אַרעסטירן און אויך אָרויפּ־געלייגט אויף אים אַ גרויסע געלט־שטראָף. אָבער יוסף פּיגאָן האָט באַוויזן זיין אומשולד און דער קעניג האָט אים באַפרייט. דער דאָזיקער איד איז געווען פאַרביטערט קעגן די אידן וואָס האָבן אים גע׳מסר׳ט און ער האָט זיך איצט נוקם געווען אין פיל פון זיי און זיי גע׳מסר׳ט צו דער רעגירונג און מען האָט זיי אַרעסטירט. דאָס האָט אָנגערירט זייער פיל פון די אָנגעזעענסטע אידן און אויך רבנים. אין יענער צייט האָבן די אידן געהאַט אויטאָנאָמיע, מיט אייגענע געריכטן, און געקענט אַרויסגעבן אָפילו טויט־אורטיילן. האָבן עטלעכע רבנים פאַר׳משפּט יוסף פּיגאָן צום טויט, הינטער זיינע אויגן, אַלס מסור און פּראָוואָקאַטאָר. דערווייל איז דער קעניג אינריקו דער צווייטער געשטאָרבן און עס איז געוואָרן קעניג זיין זון דזשאָן דער ערשטער. אין טאָג פון זיין קאָראָנאַציע האָבן עטלעכע אידן באַשלאָסן אויס־צופירן דעם טויט־אורטייל אויפן מסור. זיי האָבן דערצו איבערגערעדט דעם הויפּט פון דער פּאָליציי צו גיין מיט זיי אויסצופירן דעם טויט־אורטייל, און זיי זיינען אַוועק צום איד יוסף פּיגאָן אין זיין הויז און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מיט אַ שווערד. ווען דער קעניג האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געברענט פון צאָרן דערויף וואָס מען האָט געטויט אַ פריינט פון זיין פאָטער, און ער האָט געהייסן אַרעסטירן אַלע פירער פון דער אידישער

קהילה אין באַרצעלאָנאַ, דערונטער אויך די רבנים און ר׳ חסדאי קרעסקאַס.
עס האָט זיי אַלע געדראָט טויט־שטראָף.

צום ערשטן האָט דער קעניג געהייסן אויספירן אַ טויט־אורטייל איבער די אידן וואָס האָבן פּאַקטיש דער׳הרג׳עט יוסף פּיגאָן. מען האָט איצט אָנגעווענדעט פּיל מי צו באַפרייען די אַנדערע וואָס זיינען געווען אַרעסטירט. נאָך פּיל אַרבעט האָט דער קעניג ענדלעך באַפרייט די אַרעסטירטע פירער, אָבער ער האָט אָפּגעשאַפט די רעכט פון די אידן אויסצופירן טויט־אורטיילן און די הויפּט־רבנים האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד. נאָך פינף חדשים אין געפענגעניש איז ר׳ חסדאי אַוועק קיין סאַראַגאָסאַ אין אַראַגאָן און זיך דאָרטן באַזעצט. איידער ער האָט פאַרלאָזט באַרצעלאָנאַ, האָט ער אויך איבערגעלעבט אַ גרויסע דערשיטערונג ווען די דאָמיניקאַנער האָבן אַלס נקמה אויפן טויט פון דעם איד יוסף פּיגאָן, וועלכער האָט זיי געשטיצט אָפּט מיט געלט, געכאַפּט דעם איינציקן זון פון ר׳ חסדאי, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען ניט מער ווי 20 יאָר, און אים געשטעלט פאַרן נסיון פון אָננעמען קריסטנטום אָדער אומקומען. דער זון האָט אויסגעקליבן דעם טויט און איז געשטאָרבן אויף קידוש השם.

* * *

ר׳ חסדאי קרעסקאַס האָט פאַרפאַסט פיל ווערק, אָבער דאָס וויכטיקסטע פון אַלע איז זיין ספר „אור ה׳״ וועגן אידיש־פילאָזאָפישע ענינים. ער האָט אויך געשריבן איינווענדונגען (השגות) אויפן „מורה נבוכים״ פון רמב״ם און לויט ווי ער זאָגט אין זיין הקדמה צום ספר „אור ה׳״, האָט ער געהאַט בדעה צו שרייבן אַ גרויס ווערק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע ענינים פון אידישן גלויבן, אָבער ער האָט עס ניט באַוויזן אָנצושרייבן.

קרעסקאַס טרעט אַרויס שטאַרק קעגן די וואָס ווילן אַרויסהעלפן אידיש־קייט דורך די גריכישע פילאָזאָפן. זיין ספר „אור ה׳״ איז געצילט איבער־הויפּט קעגן צוויי אידישע פילאָזאָפן, וואָס האָבן געלעבט פאַר אים — דער רמב״ם און דער רלב״ג. ער האַלט, אַז די תורה דאַרף ניט האָבן קיין שטיצע פון אַריסטאָטעל׳ן אָדער פון פּלאַטאָנ׳ען. ער זאָגט אויך, אַז אַ איד דאַרף גלויבן אַז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן פון גאָט און אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט פון גאָרניט, אַ „יש־מאין״. ער זאָגט אָבער ווייטער, אַז אויב אַ איד גלויבט ניט אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, אָדער אויב איינער גלויבט אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט, נאָר ער גלויבט ניט אַז עס איז אַ „יש־מאין״, ווערט ער נאָך דערמיט ניט אויס איד.

ר׳ חסדאי טרעט אויך אַרויס קעגן די 13 פונקטן פון רמב״ם אַלס „יסודות״ פון אונזער אמונה און זאָגט, אַז די יסודות פון אידישן גלויבן זיינען ניט מער ווי זעקס. די זעקס פונקטן זיינען, לויט זיין מיינונג, פאָלגנדע: 1) אָנערקענען אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; 2) אָנער־קענען אַז גאָט האָט זיין השגחה איבער אַלעם (עס רעדט זיך דאָ ניט בלויז

וועגן „השגחה כללית״, וואָס עס מיינט, אַן אַלגעמיינע השגחה איבער אַלעס, נאָר אויך פון אַ „השגחה פּרטית״, אַ השגחה אויף יעדן איינעם באַזונדער); 3) אַז גאָט איז אַ כל־יכול, ער קען אַלץ טאָן, וואָס עס איז נאָר אין זיין ווילן; 4) גאָט האָט געגעבן פון זיך צו געוויסע מענטשן אַ כח פון נבואה און אַז די נביאים האָבן גערעדט אין נאָמען פון גאָט; 5) אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן דעם אויסוואַל צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס, און 6) אַז די וועלט האָט אַ תכלית, אַ ציל, עס איז דאָ אַ זין אין שאַפן פון דער וועלט.

ר׳ חסדאי דערקלערט דעם ענין פון „ידיעה״ און „בחירה״, מיט וואָס עס האָבן זיך פאַרנומען אַלע פילאָזאָפן פון יענער צייט, אַזוי ווי דער רמב״ן, אַז גאָט ווייסט טאַקע אַלץ פאָראויס, אָבער זיין וויסן מיינט ניט, אַז עס האָט אַ ווירקונג אויפן מענטש, אַז ער זאָל אַזוי טאָן, ווייל דער מענטש ווייסט ניט פון גאָט׳ס וויסן און ער קען טאָן וואָס ער וויל, אָבער גאָט וואָס ווייסט וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט, ווייסט, צי דער מענטש וועט אויסקלייבן פאַר זיך דעם גוטן וועג אָדער דעם שלעכטן וועג ביז די ענדע פון זיינע טעג.

ר׳ חסדאי דענקט אויך, אַז גאָט האָט אויסגעקליבן די אידן אַלס זיין פאָלק און ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אידן, אַלס דאָס געבענטשטע לאַנד, און אַז עס שטייט העכער פון אַלע אַנדערע לענדער.

ר׳ חסדאי האָט זיך פאַרנומען אויך מיט אַ נייעם געביט פון פאָרשונג, נעמלעך: וואָס איז דער ציל פון דער וועלט? וואָס איז דער זין פון לעבן? צוליב וואָס האָט גאָט געשאַפן די וועלט און אַלץ וואָס עס איז דאָ אויף איר? און וואָס איז די ראָלע פון מענטש אויף דער וועלט אַזוי לאַנג ווי ער לעבט?

דערויף ענטפערט ער אויף אַ מיסטישן אופן: אַז עס זיינען דאָ דריי וועלטן — די העכערע וועלט, די מיטעלע וועלט און די נידעריקע וועלט און אַז דער ציל איז, אַז אַ מענטש זאָל שטייגן פון דער נידעריקער וועלט צו דער מיטעלער וועלט ביז צו דער גאָר הויכער. די נידעריקע וועלט איז דער חומר; די העכערע וועלט איז שוין פון מער רוחניות און די גאָר הויכע וועלט איז די וועלט פון געטלעכקייט. דער ציל איז, אַז דער מענטש זאָל שטרעבן צו קומען נאָענט צו גאָט און צו האָבן זיינע מידות. און דאָס קען געשען, לויט ר׳ חסדאי, ווען מען וועט אָפּהיטן די תורה.

ר׳ חסדאי האַלט אויך פון „השארת הנפש״, אַז די נשמה בלייבט לעבן נאָכן טויט, אָבער ער מאַכט עס ניט פאַר אַן עיקר פון אידישקייט. ער גלויבט אין שכר ועונש, אָבער ער טייטשט עס אויך אויס אין גייסטיקן זין. ער האַלט דאָס אויך ניט פאַר קיין עיקר פון אידישקייט.

ער האַלט אויך ניט פאַר אַן עיקר, אַז אַ איד דאַרף גלויבן אַז עס וועט קומען משיח. אויב אַ איד גלויבט ניט דערין, איז ער נאָך דערמיט ניט אויס איד. דאָס זעלבע זאָגט ער אויך וועגן תחית המתים. אַ איד דאַרף

גלויבן, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט ווען גאָט וועט מאַכן לעבן די טויטע, איבערהויפּט די צדיקים, אָבער דער וואָס גלויבט ניט אין דעם איז נאָך דערמיט ניט אויס איד.

בכלל, זאָגט ר׳ חסדאי, איז דאָס אַלץ וואָס מען האָט דאָ אויסגערעכנט וויכטיקע פּונקטן פון אידישן גלויבן, אָבער עס איז ביי אידן נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „עיקרים״, ווייל אידישקייט איז ניט קיין גלויבן, נאָר אַ פאַרשטענ־דעניש פון גאָט. דעריבער קען מען איינעם וואָס האַלט ניט פון איין „עיקר״ אָדער פון אַ צווייטן, נאָך ניט אָנרופן אפיקורס אָדער זאָגן אים אַז ער איז ניט קיין איד.

ר׳ חסדאי איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1410 אין עלטער פון 70 יאָר. נאָך זיין טויט איז אויפגעשטיגן דאָס ליכט פון אַן אַנדערן פילאָזאָף, זיינער אַ תלמיד, ר׳ יוסף אַלבו.

.12

# ר׳ יוסף אַלבו און זיין „ספר העיקרים״

**די שווערע עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געלעבט. — די צייט פון דער שוואַרצער פּעסט, אין וועלכער מען האָט באַשולדיקט די אידן. — די „עפּידעמיע״ פון משומדים און שפּאַניען אין 14טן יאָרהונדערט. — דער וויכוח פון ר׳ יוסף אַלבו מיט אַ צווייטן משומד, אַ געוועזענער רב. — ר׳ יוסף אַלבו׳ס דריי עיקרים פון אידנטום.**

די לאַגע פון די אידן אין שפּאַניען איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות און פאַרפאָלגונגען, וואָס האָבן געפירט אויך צו שחיטות און הריגות. די אַנדערע העלפט פון 14טן יאָרהונדערט האָט זיך אויך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס דעמאָלט האָט געהערשט די שרעק־לעכע קראַנקייט, די „שוואַרצע פּעסט״, אין אייראָפּע, וועלכע איז געקומען נאָך דער עפּאָכע פון די „קרייץ־צוגן״.

די „שוואַרצע פּעסט״ מגפה האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1347 און האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1350, אָבער אירע פאָלגן האָבן זיך געלאָזט פילן ביז דער ענדע פון 14טן יאָרהונדערט און אַפילו אויך שפּעטער, אין אָנהויב פון 15טן יאָרהונדערט.

די „שוואַרצע פּעסט״ („בובאָניק פּלעיג״, ווי די קראַנקייט ווערט אָנגע־רופן אין ענגליש, איז אַ מין טיפוס, וואָס ווערט פאַראורזאַכט פון פליי, וואָס טראָגן איבער די מיקראָבן פון ראַצן און וועוויאַרקעס), וועלכע האָט געבושעוועט דריי יאָר, האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין שפּאַניע, דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך און אין פיל אַנדערע לענדער. מען נעמט אָן, אַז עס זיינען דעמאָלט אומגעקומען אַן ערך פון 25 מיליאָן מענטשן. די דאָזיקע מגפה האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף גאַנץ אייראָפּע, און פיל גלחים האָבן עס אויסגענוצט צו העצן די מאַסן, אַז דערין זיינען שולדיק די אידן, וועלכע טוען אריין גיפט אין די ברונימער, פון וועלכע מען שעפּט וואַסער, כדי אומצוברענגען די קריסטן. זיי האָבן דערביי אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס די מגפה האָט אָנגעטאָן ווייניקער צרות אין די קוואַרטאַלן וואו די אידן האָבן געוואוינט און וואו די צאָל פון די אידישע קרבנות איז געווען פיל קלענער. דאָס איז געווען פשוט דערפאַר, וואָס די אידן, וועלכע האָבן געלעבט לויט די סאַניטאַרישע געזעצן פון דער תורה, זיינען געווען מער היגיעניש. אָבער די בלבולים פון די גלחים האָבן געפירט דערצו, אַז אין

באַרצעלאָנאַ איז אָנגעפאַלן דער המון, אין חודש מאַי, אויף די אידן און געמאַכט דאָרטן אַ פּאָגראָם און צוואַנציק מענטשן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן. אין דער שטאָט טריגאַ זיינען בעת אַזאַ פּאָגראָם מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער שוין אומגעקומען 300 אידן און אַזוי זיינען פאָרגעקומען שחיטות און הריגות אויך אין אַנדערע שטעט. מיט נאָך אַ צייט שפּעטער איז שוין חרוב געוואָרן אינגאַנצן די גרויסע אידישע קהילה פון סיביליאַ מיט אַן ערך פון 4,000 אידן און עס זיינען כסדר געווען שחיטות און הריגות אויף אידן אין קאָרדאָוואַ, בורגעזש, וואַלענסיאַ און באַרצעלאָנאַ. שולדיק אין דעם אַלעם זיינען געווען, אַ חוץ די גלחים, אויך די משומדים, אָט די אידן, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט פאַר געלט צו די קריסטלעכע פירער, איבערהויפּט צו די דאָמיניקאַנער און זיינען געוואָרן די גרעסטע מוסרים און האָבן אָממיינסטן אָנגעטאָן צרות די אידן.

* * *

אין יענע טרויעריקע טעג איז געבוירן געוואָרן ביי אידישע אָרעמע עלטערן דער שפּעטער באַקאַנטער אידישער פילאָזאָף און דאָקטאָר פון מעדיצין, ר׳ יוסף אַלבו. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט מאָנרעאַל, לויט דער מיינונג פון מערסטע היסטאָריקער, אין יאָר 1380 (דער דאַטום פון טאָג און חודש איז ניט באַוואוסט). ווען ער איז אויסגעוואַקסן איז ער געווען אַ תלמיד פון די גרעסטע רבנים אין זיין צייט און האָט אויך געלערנט ביי פיל פון די אָנגעזעענסטע פילאָזאָפן, אָבער איבערהויפּט איז ער געווען אַ תלמיד פון ר׳ חסדאי קרשקש (קרעסקאַס). לויט אַ טייל היסטאָריקער איז ער אויך געווען אַ באַרימטער בעל־דרשן און האָט כסדר געוועקט דעם עולם אָפּצוהיטן אידישקייט און ניט אַרונטערפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער פיינטלעכער קריסטלעכער אַגיטאַציע. ר׳ יוסף אַלבו איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פיגורן אין אידישע שפּאַניע.

אין יענער צייט האָט דער פּאַפּסט בענעדיקטוס דער דרייצנטער פון אַוויניאָן באַפוילן די רבנים און אידישע געלערנטע צו האָבן אַ וויכוח (דיספּוט) מיט אַ נייעם אידישן משומד, וועלכער האָט דערקלערט, אַז אים וועט געלינגען צו באַזיגן די אידן. דער דאָזיקער משומד איז געווען אַן אַנדער אידישער רב, יהושע פון לורקי. עס איז אינטערעסאַנט, אַז ווען דער רב, שלמה הלוי, האָט זיך גע׳שמד׳ט, האָט אָט־דער רב, יהושע פון לורקי, אים געשריבן אַ זידל־בריוו דערויף וואָס ער האָט פאַרלאָזן דעם אידישן גלויבן. שלמה הלוי, וועלכער האָט שוין איצט געהייסן פּאָול דע סאַנטאַ מאַריאַ, האָט אים געענטפערט אויף זיין בריוו, און עס איז אַוועק צווישן זיי אַ בריוו־וועקסל וואָס האָט געפירט דערצו (אַוודאי מיט דער הילף פון די דאָמיניקאַנער גלחים, וועלכע האָבן דעמאָלט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט אונטערצוקויפן געלערנטע אידן), אַז אויך דער דאָזיקער רב האָט זיך גע׳שמד׳ט און האָט אָנגענומען דעם נאָמען „מאַעסטראָ גראָנימאָ דע סאַנטאַ

פע״. אַט־דער נייער משומד האָט דאָס צוגערעדט דעם פּאַפּסט בענעדיקטוס דעם דרייצנטן, אַז ער זאָל רופן די אָנגעזעענסטע אידן צו אַ וויכוח אין דער שטאָט טאָרטוסאַ. צווישן די רבנים און אָנגעזעענע אידן, וועלכע מען האָט גערופן, איז אויך געווען ר׳ יוסף אַלבו.

ר׳ יוסף אַלבו האָט אָנגעשריבן אַ וויכטיק ווערק „ספר העיקרים״ וועגן אידיש־פילאָזאָפישע ענינים. וועגן דעם ספר גופא וועלן מיר רעדן שפּעטער, אָבער דאָ ווילן מיר זיך באַנוצן מיט איין קאַפּיטל פון דעם ספר, דאָס איז קאַפּיטל 25 (אָפּטיילונג דריי) וואָס איז נאָך געווען אין די ער׳שטע דרוקן פון „ספר העיקרים״ (שפּעטער האָט די קריסטלעכע צענזור דאָס קאַפּיטל אַרויסגעוואָרפן), אין וועלכן ער באַשרייבט דעם וויכוח.

דער דיספּוט איז פאָרגעקומען, ווי שוין געזאָגט, אין דער שטאָט טאָר־טוסאַ, לויט אַ פאַראָרדענונג פון קעניג דאָן פערדינאַנד אויף דער ביטע פון פּאַפּסט. ער האָט זיך אָנגעהויבן דעם 7טן פעברואַר, 1413, און האָט אָנגעהאַלטן 4 טעג. צווישן די אַנדערע אָנגעזעענע אידן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין וויכוח, איז אויך געווען דער אָנגעזעענער איד אין יענער צייט, דאָן ווידאַל באַנבינשטי. דער סוף פון דעם וויכוח איז געווען, אַז די רבנים און די אָנגעזעענע אידן האָבן באַזיגט דעם משומד און דער פּאַפּסט בענעדיקטוס דער דרייצנטער האָט אַליין צוגעגעבן, אַז דער משומד האָט אויף פיל פראַגן פון די אידן ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

צום וויכוח איז געקומען ניט נאָר דער פּאַפּסט בענעדיקטוס דער דרייצנ־טער פון אַוויניאָן, נאָר אויך דער קעניג פון אַראַגאָן. דער וויכוח איז פאָרגעקומען אין פּאַלאַץ פון בישאָף פון טאָרטוסאַ. אַ טאָג פאַרן וויכוח האָט דער פּאַפּסט גערופן צו זיך די אידן און צו זיי געזאָגט: „איר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן! דער מאַעסטראָ געראָנימאָ (דער משומד) וויל באַווייזן פון תלמוד, אַז משיח איז שוין געקומען. נו, זאָל ער דאָס באַווייזן. זאָל מען זען צי ער זאָגט דעם אמת. אָבער איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר אים, ווייל ביים דיספּוט זיינען ביידע צדדים גלייך״.

צומאָרגנס, ווען די אידישע דעלעגאַציע איז געקומען צום דיספּוט, האָט זי געפונען דעם פּלאַץ זייער אויסגעפּוצט. זיבעציק שטולן זיינען געווען אָנגעגרייט פאַר דער היעראַרכיע פון דער קירכע (קאַרדינאַלן, אַרצי־בישאָפן און בישאָפן). אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער, אויסער זיי איז געווען אַן עולם פון אָנגעזעענע קריסטן ביז אַן ערך טויזנט מענטשן. אויבנאָן זיינען געזעסן דער קעניג פון אַראַגאָן און דער פּאַפּסט.

באַלד האָט דער פּאַפּסט געזאָגט צו אַלע:

— דער וויכוח איז ניט וועגן דעם וועלכע רעליגיע איז בעסער, די קריסטלעכע צי די אידישע. עס איז ביי מיר קיין ספק ניט, אַז די קריסטלעכע איז בעסער און די אידישע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן מיטן קומען פון קריסטוס׳ן. אָבער געראָנימאָ וויל באַווייזן פון תלמוד, אַז די תלמוד׳יסטן האָבן געהאַלטן,

אַז משיח איז שוין געקומען. דעריבער זאָלן בײדע צדדים רעדן נאָר װעגן דער טעמע — און ער האָט געגעבן דאָס װאָרט צו געראָנימאָ׳ן.

דער משומד האָט איצט אָנגעהויבן מיט שטעלן פון תלמוד, װאו עס רעדט זיך װעגן משיח, און די רבנים האָבן אים געענטפערט. דאָס האָט געדױערט גאַנצע פיר טעג. דער נײַער משומד האָט שפּעטער געהאַט דעם זעלבן סוף װי דער משומד װאָס האָט דיספּוטירט מיט דעם רמב״ן. די רבנים האָבן אים אַזוי צעקלאַפּט, אַז ער האָט ניט געװאוסט װאָס צו ענטפערן און דער פּאַפּסט האָט צוגעגעבן, אַז דאָס װאָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַ־װײַזן, האָט ער ניט באַװיזן.

אָבער אין לעצטן טאָג האָט געראָנימאָ געבעטן בײַם פּאַפּסט צו דער־לויבן אים צו האָבן אַ װיכוח מיט ר׳ יוסף אַלבו, דעם אידישן פילאָזאָף, װעגן דעם װעלכע רעליגיע איז בעסער, די קריסטלעכע צי די אידישע. דער פּאַפּסט האָט אים דאָס דערלויבט.

מיר װילן דאָ ברענגען בקיצור װאָס ר׳ יוסף אַלבו זאָגט װעגן דעם אין זײַן „ספר העיקרים״. ער דערציילט אַזוי:

דער משומד האָט גע׳טענה׳ט צו ר׳ יוסף אַלבו:

— איך װעל באַװײַזן, אַז קריסטוס׳עס תורה איז אַ פּיל העכערע װי די אידישע. ערשטנס, װײַל אין משה׳ס תורה װערט דערציילט װעגן די אָבות און אַנדערע לויטער מעשיות, אָבער אין קריסטוס׳עס תורה רעדט זיך בלויז װעגן העכערע זאַכן. צװײטנס, אין משה׳ס תורה רעדט זיך נאָר װעגן גאָט אויף אַ פּאַרשטעלטן אופן, אָבער אין קריסטוס׳עס תורה װערט דערמאָנט די דרײַ־אײניקײט, טאַטע, זון און הײליקער גײסט. דריטנס, אין משה׳ס תורה שטײט נאָר װעגן באַלוינונג און באַשטראָפונג אויף דער װעלט, אָבער אין קריסטוס׳עס לערע רעדט זיך װעגן באַלוינונג אויך אויף יענער װעלט. פערטנס, רעדט זיך אין דער תורה װעגן קרבנות פון בהמות, אָבער אין קריסטוס׳עס לערע איז אַ קרבן העכסטנס נאָר פון ברויט און װײַן.

דערויף האָט אים ר׳ יוסף אַלבו געענטפערט: ערשטנס, זאָגט איר — משה׳ס תורה און קריסטוס׳עס תורה. אָבער דאָס איז דאָך פאַלש, װײַל אין קריסטוס׳עס בוך װערט דאָך געזאָגט, אַז ער האָט געזאָגט, אַז „ער איז ניט גע־קומען ענדערן אַפילו אַ האָר פון משה׳ס תורה, ניט צוצוגעבן און ניט אַראָפּצו־נעמען״. טאָ װי אַזוי קענט איר גאָר רעדן פון קריסטוס׳עס תורה? דער עװאַנגע־ליוס איז ניט קײן תורה, עס איז נאָר מעשיות װעגן קריסטוס׳ן.

צװײטנס, דאָס װאָס איר זאָגט, אַז אין משה׳ס תורה זײַנען דאָ מעשיות און אין קריסטוס׳עס לערע רעדט זיך נאָר װעגן העכערע זאַכן, הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס. אין משה׳ס תורה װערן ניט געשריבן קײן מעשיות מיט לויב־געזאַנגען װעגן משה׳ן, אָבער אין אײער עװאַנגעליוס זײַנען די מעשיות און לויב־געזאַנגען כסדר װעגן יעזוס׳ן, דאָס איז דאָס גאַנצע בוך.

דריטנס, וואָס איר זאָגט וועגן דעם וואָס משה האָט צוגעזאָגט פּאַרגי־טיקונג און באַשטראָפונג אויף דער וועלט און יעזוס האָט צוגעזאָגט אויף יענער וועלט, איז עס פּשוט. משה האָט ניט געוואָלט אָפּנאַרן די אידן און זיי געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן זיך גוט אויפפירן, וועט דאָס לאַנד האָבן אַ שפע און זיי וועלן געניסן דערפון אויף דער וועלט, אָבער צוזאָגן גליקן אויף יענער וועלט, קאָן יעדער איינער, וואָרים גיי לייקן עס אָפּ!

פערטנס, וועגן קרבנות. איר רעדט פון ברויט און וויין, אָבער איר זאָגט דאָך, אַז ווען מען עסט, צו דער סעודה, ברויט און וויין, אַז דאָס ברויט איז דאָס פליש פון יעזוס'ן און דער וויין — זיין בלוט. נו, לייגט זיך אַזאַ זאַך אויפן שכל? און וואָס הייסט עס, אַז מען עסט יעזוס'עס פליש און מען טרינקט זיין בלוט?

ר' יוסף אַלבו האָט געגעבן דעם משומד נאָך אַנדערע ענטפערס, ביז ער איז אינגאַנצן צעמישט געוואָרן און געבעטן דעם פּאַפּסט אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין פון זאַל.

* * *

ר' יוסף אַלבו האָט אָנגעשריבן עטלעכע ווערק, אָבער דאָס וויכטיקסטע פון זיי איז זיין „ספר העיקרים" וועגן אידיש־פילאָזאָפישע ענינים. דער געדאַנק צו שרייבן דאָס ספר איז געבוירן געוואָרן ביי אים צוליב דעם וואָס אין זיין צייט, ווען עס איז געווען ביי די אידן אין שפּאַניע אַ שמד־עפּידעמיע, האָבן זיך אויך גע'שמד'ט עטלעכע פון די אויפגעקלערטע אידן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פרומע און פאַנאַטישע אידן האָבן גענומען טענה'ן, אַז אויפקלערונג און השכלה פירט צו שמד. זיי האָבן פאַרקוקט דעם פאַקט, וואָס עס זיינען געווען מער משומדים צווישן די לומדים ווי צווישן די אויפ־געקלערטע, און אויך דאָס וואָס אַפילו גרויסע רבנים האָבן זיך גע'שמד'ט. די פאַנאַטיקער האָבן אַלזאָ אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן אויפקלערונג און בילדונג. קעגן זיי איז אַרויסגעטראָטן ר' יוסף אַלבו מיט זיין „ספר העיקרים", מיטן צוועק אויפצואווייזן וואָס עס איז אַן עיקר ביי אידן און וואָס עס איז ניט און אַז אויפקלערונג פירט ניט צו קיין שמד, נאָר פאַרקערט, דערווייטערט דעם אידן פון קריסטנטום. דעם ספר האָט ער אָנגעשריבן אין יאָר 1425.

אין אָט־דעם „ספר העיקרים" טרעט ר' יוסף אַלבו אַרויס קעגן רמב"מ'ס 13 פונקטן פון אידישקייט. ער רעדט אַרום אַלע ענינים, אין וועלכע אַ איד מוז גלויבן און קומט צום באַשלוס, אַז עס זיינען נאָר דאָ דריי עיקרים. זיי זיינען: 1) גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; 2) אַז גאָט האָט געגעבן די אידן די תורה און 3) אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי שכר ועונש, פאַרגעלטיקונג און באַשטראָפונג. אמת, די דריי פונקטן קענען דינען אויך אַלס עיקרים פאַר אַלע רעליגיעס, ד. ה. אויך פאַר קריסטנטום און מאַכמעדאַנענטום. אָבער דער אונטערשיד איז אין די וואָרצלען און צווייגן וואָס עס קומען אַרויס פון גלויבן אין די דריי פונקטן.

דאַן רעדט ר׳ יוסף אַלבו אַרום די וואָרצלען און צווייגן פון די דריי עיקרים, וואָס עס איז שייך צום אידישן גלויבן. פון ערשטן פונקט, פון גלויבן אין גאָט, שטאַמען די געבאָטן צו פירן זיך ווי אַנשטענדיקע מענטשן און ניט צו מאָרדן און ראַבעווען — דאָס איז דער ערשטער צווייג. דאַן קומט אַ צווייטער צווייג, אַז עס זאָל זיין אַן איינגעאָרדנט געזעלשאַפטלעך לעבן און אַז אַלע זאָלן עס אָפּהיטן. דער דריטער צווייג איז, אַז די מענטשן זאָלן שטרעבן צום העכערן און אויסצובעסערן זיך אין דער געזעלשאַפט אין וועלכער זיי לעבן, אַזוי אַז מען זאָל געבן אַנערקענונג צו דעם וואָס עס איז גוט, שיין און דערהויבן.

פון צווייטן עיקר, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן פון גאָט, זיינען די צווייגן צו דערקענען גאָט און צו באַגרייפן דעם ענין פון נבואה און דעם אויפטו פון נביאים. דער מחבר רעדט אַרום אין עטלעכע קאַפּיטלען וואָס עס מיינט פאַרן איד צו פאַרשטיין די דאָזיקע ענינים.

דער דריטער עיקר פון שכר ועונש איז צוגעזאָגט געוואָרן אונז אין פיר פאַרשידענע צייטן: אויף דער וועלט; אויף יענער וועלט; אין די טעג פון קומען פון משיח און אין די טעג פון תחית המתים. ר׳ יוסף אַלבו גלויבט אין דעם אַלעם. בכלל זאָגט ער, אַז פון די דריי עיקרים קומען אַרויס אַכט צווייגן און צוזאַמען איז עס עלף פונקטן. אָבער עיקרים זיינען נאָר די ערשטע דריי. די איבעריקע אַכט צווייגן זיינען ניט קיין עיקרים. דער אונטער־שיד צווישן די עיקרים און די צווייגן איז, לויט ר׳ יוסף אַלבו, דאָס, וואָס אויב אימיצער גלויבט ניט אין די צווייגן, איז ער נאָך דערמיט ניט אויס איד. אויב לויטן רמב״ם קומט אויס, אַז אויב אימיצער גלויבט ניט אין קומען פון משיח, איז ער שוין דערמיט אויסערן אידנטום, זאָגט דערויף ר׳ יוסף אַלבו, אַז עס איז ניט אַזוי, אויב איינער לייקנט אין קומען פון משיח, איז ער נאָך דערמיט נישט אויס איד.

ר׳ יוסף אַלבו איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1444. נאָך זיין טויט איז אויפגעשטיגן אַ נייער שטערן אין שפּאַניע, איינער פון די לעצטע, דאַן יצחק אַבאַרבאַנעל (אין העברעאיש: אברבנאל).

13.

# דאָן יצחק אַברבנאל — תלמודיסט, פילאָזאָף און פינאַנץ־מיניסטער

**די הינטער־קוליסן סצענעס איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינקוויזיציע אין שפּאַניען. — פאַרוואָס די דאָמיניקאַנער האָבן אַזוי געוואָלט די אינקוויזיציע. — דאָן יצחק אַברבנאל'ס אויסטייטשונגען פון רמב"ם. — זיין מיינונג ניט צו נעמען ערנסט דאָס וואָרט „עיקר". — די מאָדע אין יענער צייט צו שרייבן „אַקסיאָמען".**

מיר שטייען איצט שוין אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט, ווען די דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבן שוין לאַנג אַרויסגעקראָגן פון קעניג אַ צייט־ווייליקע דערלויבעניש פאַר דער אינקוויזיציע, האָבן זיך גענומען איינפירן דאָס אין לעבן. עס איז געווען אַ טיפע פּסיכאָלאָגישע אורזאַכע דערצו. די דאָמיניקאַנער, וועלכע זיינען געווען מיינסטנס פּראָסטע מענטשן פון אָרעמען שטאַנד, האָט פאַרדראָסן וואָס די נייע קריסטן (אַזוי האָט מען גערופן די גע'שמד'טע אידן) זיינען רייך און שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין לאַנד, פיל מער ווי זיי, די אמת'ע קריסטן. דער פאַקט איז געווען, אַז די אידן אין שפּאַניען זיינען געווען זייער פעאיק און זיך שטאַרק אויסגעטויגט אויפן געביט פון האַנדל און רייך געמאַכט דאָס לאַנד. מיטן איבערגיין פון פיל פון זיי צו קריסטנטום, האָבן די דאָזיקע רייכע אידן געהאַט נאָך מער מעגלעכקייטן אויס־צוברייטערן זייער האַנדל און זיי האָבן דעריבער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אָט־די „נייע קריסטן" האָבן געוואוינט אין די גרויסע שטעט, וואו זיי האָבן אויסגעמאַכט אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג און דערצו אין דעם רייכן טייל פון שטאָט. די דאָזיקע „מאַראַנען" (די געצוואונגענע משומדים) האָבן אָבער אין דער שטיל אויך אָפּגעהיט אידישקייט און אַלס קריסטן זיינען זיי אַמאָל — כדי יוצא צו זיין — אויך אַריינגעגאַנגען אין אַ קירכע. דאָס האָט די אָרעמע פאַנאַטישע דאָמיניקאַנער ניט געשמעקט און זיי האָבן אָנגעשטעלט שפּיאָנען נאָכצוקוקן ווי אַזוי די „נייע קריסטן" פירן זיך אויף. פאַקטיש האָט די רעגירונג פון לאַנד אין אָנהויב ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל אויפשטעלן דאָס אינקוויזיציע־געריכט, אָבער די דאָמיניקאַנער האָבן געאַרבעט מעשים, ביז זיי האָבן דאָס גע'פועל'ט ביי די נייע הערשער פון לאַנד, דער קעניג פערדינאַנד און די קעניגין איזאַבעלאַ. איבערהויפּט האָבן זיי געקענט אויספירן אַלץ ביי דער קעניגין, וועלכע איז געשטאַנען אינגאַנצן

אונטערן איינפלוס פון די גלחים און באַזונדערס פון איינעם פון זיי, טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ. פונדעסטוועגן, ווען עס איז געקומען אונטערצושרייבן דעם דעקרעט, וואָס זאָל באַשטימען דעם אָרט און דעם טאָג פון דעם אינקוויזיציע־געריכט, האָט דער קעניג פערדינאַנד געזאָגט, אַז ער איז גרייט אַזאַ דעקרעט באַלד אונטערצושרייבן, אָבער די קעניגין האָט זיך צוריקגעהאַלטן. איזאַבעלאַ איז געווען קליגער פון איר מאַן. דער קעניג האָט געטראַכט דאָס ערשטע דער־פון, וואָס אויב מען וועט ביי די פאַר׳משפט׳ע קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס, וועט דערפון די רעגירונגס־קאַסע ווערן פיל רייכער. איזאַבעלאַ אָבער האָט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט וואָס מען וועט צעשטערן דעם רייכן קלאַס פון

אַ אידישע דעפּוטאַציע ביים קעניג פערדינאַנד און די קעניגין איזאַבעלע.

לאַנד, וועט דאָס לאַנד ווערן פיל אָרעמער און זי האָט דעריבער אַ לאַנגע צייט צוריקגעהאַלטן דעם קעניג פון אונטערשרייבן דעם דעקרעט. ענדלעך איז ביים קעניגלעכן פאָר־פאָלק געבליבן, אַז זיי זאָלן זיך ווענדן צום פּאַפּסט אין רוים און הערן זיין מיינונג. אין רוים איז דעמאָלט געווען דער פּאַפּסט סעקטוס דער פערטער, וועלכער האָט שטאַרק ליב געהאַט געלט. ער האָט באַלד געפרעגט, צי די קאַסע פון וואַטיקאַן וועט אַריינקריגן אַ טייל פון די קאָנפיסקירטע פאַרמעגנס און ווען מען האָט אים געענטפערט, אַז יאָ, האָט ער אונטערגעשריבן דעם דעקרעט צו שאַפן אַן אינקוויזיציע־געריכט אויף צו משפט׳ן די „נייע קריסטן״, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אָפּנאַרן

די גלחים און אין ניט אָפּהיטן די קריסטלעכע רעליגיע. דעם דעקרעט האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נאָוועמבער, 1478. פונדעסטוועגן האָבן נאָך אַלץ דער קעניג און די קעניגין געוואַרט צוויי יאָר מיטן אויספירן דאָס אין לעבן. אָבער ענדלעך האָט די אינקוויזיציע זיך אָנגעהויבן, צום ערשטן אין סיביל, דעם 2טן יאַנואַר, 1481. דעמאָלט האָבן די דאָמיניקאַנישע גלחים צום ערשטן אָנגעצונדן די פייערן פון „אויטאָ דאַ פע". איידער עס איז אַריבער אַ יאָר, ביז ערשטן נאָוועמבער פון יאָר 1481, האָבן שוין די דאָזיקע „הייליקע" געהאַט פאַרברענט 280 פון די אָנגעזעענסטע מאַראַנען, וועלכע זיינען געגאַנגען אין די פייערן מיט דעם רוף „שמע ישראל" אויף זייערע ליפּן...

* * *

אין יענער צייט האָט געלעבט אין שפּאַניע איינער פון די לעצטע גרויסע אידישע גייסטער. דאָס איז געווען דאָן יצחק אברבנאל (אַבראַוואַנעל), וועלכער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, פילאָזאָף און פינאַנץ־מיניסטער אין קעניגלעכן הויף.

די אברבנאל־פאַמיליע איז געווען אַ גרויסע, רייכע און אַריסטאָקראַ־טישע פאַמיליע אין שפּאַניע און האָט געצויגן איר יחוס ביז צו דוד המלך. די פאַמיליע האָט אַפילו געהאַט אַ ספּעציעלן שטעמפּל, וואָס איז איבער־געגאַנגען פון דור צו דור. דער פאַרנאָמען „דאָן" איז געווען ווי דער טיטל „גראַף" אָדער „באַראָן".

דאָן יצחק איז געווען דער זון פון דוד יהודה, וועלכער איז אַנטלאָפן פון שפּאַניע קיין פּאָרטוגאַל. דאָן יצחק איז געבוירן געוואָרן שוין אין ליסאַבאָן, אין יאָר 1437. ער האָט געקראָגן די בעסטע דערציאונג סיי אין אידישער וויסנשאַפט און סיי אין אַלגעמיינע לימודים און האָט געלערנט ביי די גרעסטע אידישע און ניט־אידישע געלערנטע פון יענער צייט.

ווען דאָן יצחק איז אויסגעוואַקסן האָט ער זיך פאַרנומען מיט האַנדל און איז געוואָרן זייער רייך. באַלד האָט דער קעניג אַלפאָנסאָ דער פינפטער גערופן אים אין הויף און אים געמאַכט פאַרן פינאַנץ־מיניסטער.

אין יענער צייט האָט אַלפאָנסאָ איינגענומען די שטאָט אַרזילאַ אין מאַראָקאָ און צווישן די געפאַנגענע זיינען געווען 250 אידן. דאָן יצחק האָט איצט ניט גערוט ביז ער האָט אויסגעלייזט די אידן, געבראַכט זיי צו זיך און האָט זיי אויסגעהאַלטן צוויי יאָר ביז זיי האָבן זיך געקענט נעמען צו פאַרדינען אויף אַ לעבן.

אָבער נאָכן טויט פון קעניג אַלפאָנסאָ האָט זיין זון דזשאָן געוואָרפן אַן אומ'חן אויף אַלע מיניסטאָרן, וואָס האָבן באַדינט זיין פאָטער, ווייל מען האָט געמאַכט אַ מסירה, אַז זיי פּלאַנען אַ בונט קעגן אים. דער קעניג האָט דעמאָלט אומגעבראַכט פיל פון זיין פאָטערס פריינט. דאָן יצחק איז

דעמאָלט אַנטלאָפן קיין שפּאַניע און זיך באַזעצט אין טאָלידאָ. דער קעניג פון פּאָרטוגאַל האָט דערנאָך קאָנפיסקירט זיין גאַנץ גרויס פאַרמעגן.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער קעניג פערדינאַנד און איזאַבעלאַ פון שפּאַניען האָבן געשיקט נאָך אים און אים געבעטן, אַז ער זאָל איבער־נעמען דעם מיניסטעריום פון פינאַנץ. דאָן יצחק האָט דעם אַמט אָנגענומען און איז 8 יאָר געווען פינאַנץ־מיניסטער און ער האָט רייך געמאַכט שפּאַניע. ער איז דאָס געווען דער פינאַנץ־מיניסטער וועלכער האָט געגעבן קאָלאָמבוס'ן געלט אויף זיין רייזע צו אַנטדעקן אַמעריקע.

ענדלעך איז אין יאָר 1492 אַרויס דער באַפעל, אַז די אידן פון שפּאַניען זאָלן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דאָן יצחק האָט געבעטן דעם קעניג און די קעניגין און געוויינט פאַר זיי, אַז זיי זאָלן צוריקרופן די גזירה. ער האָט אַפילו זיי געוואָלט אָוועקגעבן זיין גרויס פאַרמעגן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. דער קעניג און די קעניגין האָבן אָבער געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבן ווייטער פינאַנץ־מיניסטער אין זייער הויף, אָבער ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אַ איד אַזוי ווי אַלע אידן און מוז גייך מיט אַלע. ער האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד צוזאַמען מיט אַנדערע אידן און זיך באַזעצט צום ערשטן אין נעאַפּאָל, וואָס איז געווען אַ באַזונדערער שטאַט. דאָרטן איז ער געוואָרן דער ראַטגעבער פון קעניג פערדינאַנד. שפּעטער, ווען דער קעניג פון פראַנקרייך קאַרל דער ערשטער האָט איינגענומען נעאַפּאָל, האָט דאָרטן געהערשט דער זון פון פערדינאַנד, קעניג אַלפאָנס דער צווייטער, צו וועלכן דאָן יצחק אברבנאל איז געבליבן געטריי און ווען דער קעניג האָט געמוזט אַנטלויפן קיין סיציליע, איז דאָן יצחק מיט אים מיטגעגאַנגען אין „גלות אַריין" און איז געווען מיט אים ביז צו זיין טויט, אין יאָר 1495.

* * *

דאָן יצחק אברבנאל האָט געשאַפן פיל ווערק, אָבער די אָנגעזעענסטע פון זיי זיינען: זיין פירוש אויף תנ"ך און דאָ ספר „ראש אמנה" וועגן אידיש־פילאָזאָפישע ענינים. איןָ זיין פירוש אויף תנ"ך האָט ער זיך באַנוצט אויך מיט די קריסטלעכע קוועלן און ער ברענגט די ווערק פון היראָנימוס, ניקאָלאַי דע לירא און אַנדערע, און דאָרטן וואו זיי זיינען גע־רעכט, גיט ער דאָס צו. ער איז אויך געווען דער ערשטער פון די קאָמענטאַ־טאָרן פון תנ"ך, וואָס האָט געשריבן אַן איינלייטונג צו יעדן ספר. אַזוי, למשל, אין זיין הקדמה צום ספר ישעיה, שרייבט ער, ווען עס איז געשריבן געוואָרן, רעדט אַרום דעם סטיל פון דעם נביא און אויך וואָס עס זיינען געווען זיינע אידעאַלן. אַזוי טוט ער אויך ביי די אַנדערע נביאים.

דאָן יצחק אברבנאל איז ניט געווען קיין טיפער דענקער. ער האָט געקענט אַלע פילאָזאָפישע שיטות און ער רעדט וועגן זיי, אָבער עפּעס אייגענעס אויף דעם געביט פון אידישער פילאָזאָפיע האָט ער ניט געשאַפן. ער איז געווען זייער פרום און האָט ניט געהאַלטן פון דער גריכישער פילאָ־

זאָפיע, איבערהויפּט נאָך צו נוצן די פילאָזאָפיע אַלס יסוד פון אידנטום. דאָך האָט ער זיך אָנגענומען פאַרן רמב״ם און טרעט אַרויס שאַרף קעגן ר׳ חסדאי קרעסקאַס׳ן און יוסף אַלבו׳ן פאַר זייערע אָנפאַלן אויפן רמב״ם. ער קומט אויך אַרויס מיט אַ נייער דערקלערונג וועגן רמב״מ׳ס שיטה אין אידנטום און זאָגט, אַז דאָס וואָס דער רמב״ם האָט אַוועקגעשטעלט דרייצן עיקרים פון אידנטום, וועלכע באַשטייען פון וויכטיקע פונקטן, ווי גלויבן אין גאָט און פון אַנדערע ניט וויכטיקע פונקטן, ווי תחית המתים, האָט ער ניט געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז ער שטעלט זיי אַלע אויף איין מדרגה. ניין, זאָגט דער אברבנאל, ניט אַלץ וואָס עס איז באַצייכנט געוואָרן מיטן וואָרט „עיקר״ מיינט דאָס זעלבע. מען דאַרף, זאָגט ער, ניט פאַרשטיין דאָס וואָרט „עיקר״ אַלס יסוד פון אידנטום, אָדער צו זאָגן, אַז דאָס זיינען די פּרינציפּיעלע זאַכן פון אידנ־טום און אַז אויב מען האַלט ניט פון זיי איז מען ניט קיין איד. דאָס איז ניט ריכטיק. עס מיינט נאָר צו זאָגן, אַז די דרייצן פונקטן זיינען די וויכ־טיקסטע אין דער אידישער אמונה. אָבער ניט, אַז אויב איינער האַלט ניט פון איין עיקר פון די דרייצן עיקרים, איז ער שוין מער קיין איד ניט. ווען איינער פון די געלערנטע אין יענער צייט האָט דעם אברבנאל אויפגעוויזן, אַז דער רמב״ם זאָגט בפירוש נאָכדעם ווי ער רעכנט אויס די דרייצן עיקרים, אַז „אויב איינער גלויבט ניט אין איינעם פון די עיקרים איז ער שוין אַרויס פון כלל ישראל, ווערט אָנגערופן מין און אַפּיקורס און מען דאַרף אַזאַ איינעם פיינט האָבן, אים פאַר׳מיאוס׳ן ביי מענטשן און אים פאַרניכטן״, וואָס עס שטימט ניט מיט דעם טייטש פון דאָן יצחק אברבנאל? — האָט דאָן יצחק אברבנאל דערויף ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

דער דאָזיקער געלערנטער טענה׳ט אויך קעגן דאָן יצחק אַברבנאל, אַז ר׳ יוסף אַלבו איז גערעכט געווען, ווען ער האָט גע׳טענה׳ט קעגן רמב״ם און ער זאָגט, אַז מיר זעען אַז מען האָט ניט געטאָן קיין שלעכטס צום אמורא ר׳ הלל, וועלכער האָט געוואָגט צו זאָגן, אַז משיח וועט ניט קומען. זיינע קעגנער האָבן בלויז געזאָגט: „גאָט זאָל מוחל זיין ר׳ הלל׳ן פאַר זיינע רייד״, אָבער מען האָט אים ניט געטאָן קיין שום שלעכטס; מ׳האָט אים ניט גערופן „אַפּיקורס״ און אַוודאי ניט פאַרניכטעט. דער רמב״ם איז אַלזאָ מיט זיינע דרייצן פונקטן געגאַנגען צו ווייט.

נאָכדעם ווי דאָן יצחק אברבנאל זאָגט אין זיין ווערק, אַז דאָס וואָרט „עיקר״ ביים רמב״ם דאַרף מען ניט נעמען צו ערנסט און דערקלערט פאַרוואָס דער רמב״ם האָט געשאַפן די 13 עיקרים און אויך פאַרוואָס אַנדערע אידישע גע־לערנטע האָבן געשאַפן אַזעלכע עיקרים, מאַכט ער אַן אַנטדעקונג, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ביי ניט־אידישע געלערנטע איז דעמאָלט געווען אַ מאָדע איינצושטעלן אַ געוויסע צאָל פון אַקסיאָמען אין זייערע אָפּהאַנדלונגען. עס איז געווען אַזוי איינגעפירט צו שרייבן אַלע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, האָבן די אידישע געלערנטע זיי נאָכגעטאָן און אויך געשאַפן אַזעלכע

אַקסיאָמען אין דער פאָרם פון „עיקרים" אָדער „יסודות", אָבער, זאָגט דער אַבּרבנאל, מיר, אידן, דאַרפן דאָס ניט, ווייל „די געטלעכע תורה האָט זיך איר אייגענעם וועג. מיר דאַרפן ניט אָנקומען צו דעם מנהג פון די ניט־אידישע געלערנטע אין אַזעלכע ענינים. דעריבער דאַרף מען דאָס וואָרט „עיקר" ביים רמב"ם ניט נעמען צו ערנסט".

* * *

דאָן יצחק אַברבנאל האָט אויף די עלטערע יאָרן פאַרלאָזן סיציליע און זיך באַזעצט אין קאָרפו. דערנאָך האָט ער געוואוינט אין מאָנאָפּאָל. מיט אַכט יאָר שפּעטער איז ער אַוועק קיין ווענעדיג און האָט דאָרטן געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע אין די פאַרהאַנדלונגען צווישן די הערשער פון ווענעדיג מיט דעם קעניג פון פּאָרטוגאַל וועגן בשמים־האַנדל. די העכערע מאַכט פון ווענעדיג האָט באַלד דערזען, אַז ער איז אַ גרויסער שטאַטס־מאַן און אים איינגעלאַדן אין דער רעגירונג, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע טעג. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1508, אין עלטער פון 71 יאָר און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין פּאַדואַ, אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער האָט אַ שונא באַלאַגערט די שטאָט און חרוב געמאַכט פיל בנינים און צווישן זיי דעם אידישן בית־עולם, אַזוי אַז מען ווייסט איצט ניט מער וואו זיין קבר איז.

מיט דאָן יצחק אַברבנאל ענדיקט זיך פּאַקטיש די גאָלדענע עפּאָכע פון שפּאַניע, וועלכע איז געווען די ערשטע עפּאָכע אין אידיש־פילאָזאָפישן דענקען. אָבער אין מיטן פון דער דאָזיקער עפּאָכע איז געווען אַ גרויסע געשעעניש וואָס דאַרף דערמאָנט ווערן. דאָס איז געווען די אַנטדעקונג פון „ספר הזוהר", וואָס האָט זייט דעמאָלט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער קאַבאַליסטישער וועלט. דער „זוהר" איז אָבער ניט בלויז אַן ענין פאַר קאַבאַליסטן. ער אַנטהאַלט אין זיך אַן אייגנאַרטיקע אידיש־פילאָזאָפישע שיטה. דעריבער וועלן מיר וועגן „זוהר" און זיין איינפלוס רעדן אויספירלעך אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.14

# די אַנטפּלעקונג פון „ספר הזוהר"

**ר' משה דע ליאון וואָס האָט דער ערשטער געבראַכט דעם ספר צו דער עפנטלעכקייט און געזאָגט, אַז עס איז פון תנא ר' שמעון בן יוחאי. — די טענות קעגן אים. — וואָס די אלמנה פון ר' משה דע ליאון און זיין טאָכטער האָבן דערציילט. — וואָס דער „ספר הזוהר" שטעלט אַזוינס מיט זיך פאָר? — זעקס פילאָזאָפישע פונקטן. — די מיינונג פון „זוהר" אַז די ערד דרייט זיך נאָך איידער קאָפּערניקוס האָט עס געזאָגט. — אַ רעזיומע פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניען.**

דאָס איז געווען אין מיטן פון 14טן יאָרהונדערט. די גזרות און רדיפות אויף אידן אין שפּאַניען האָבן זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג און דערמיט האָט אויך אויפגעהערט דאָס קלאָרע דענקען און עס איז געגעבן געוואָרן פלאַץ פאַר מיסטישע רעיונות און מעטאַפיזיק. אין יענער צייט האָט זיך פאַרשטאַרקט ביי אידן דאָס לערנען קבלה־ספרים. עס זיינען געווען אַפילו פילאָזאָפישע דענקער פון גרויסן פאַרנעם, וועלכע האָבן געהאַט קאַבאַ־ליסטישע נייגונגען. באַזונדערס האָבן זיך אין יענער צייט אויסגעצייכנט מיט זייערע ווערק וועגן קבלה דריי קאַבאַליסטן: ר' יצחק אבן לאַטיף (אָדער אַלאַטיף); ר' יוסף בן אברהם גיקטאַליאַ (ער איז געווען אַ תלמיד פון ר' אברהם אַבולעפיא) און ר' משה בן שם טוב דע ליאון (געבוירן געוואָרן אין יאָר 1250). דער לעצטער פלעגט אַרומפאָרן איבער די שפּאַנישע פּראָווינצן, זיך אויפהאַלטן אַ געוויסע צייט אין אַ שטאָט און שאַפן דאָרטן ספרים אויף קאַבאַליסטישע טעמעס, ווי די ספרים: „שושן עדות", „ספר הרמון", „ספר המשקל" און אַנדערע. אין די ספרים פלעגט ער פאַר־טייטשן די מצוות פון דער תורה אויף אַ קאַבאַליסטישן אופן.

אָבער פּלוצלונג איז ער אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט מיט אַ ספר, וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען „ספר הזוהר" און עס איז אָנגעגעבן געוואָרן אויפן פאָדער־בלאַט, אַז דער מחבר איז געווען דער תנא ר' שמעון בן יוחאי, פון דער צייט פון דער משנה.

ר' שמעון בן יוחאי איז געווען אַ תנא פון צווייטן דור פון די תנאים, וועלכע האָבן געלעבט נאָכן חורבן פון צווייטן בית־המקדש און איז געווען אַ תלמיד פון ר' עקיבא'ן, וועלכער האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן. שפּעטער איז ער גע'מסר'ט געוואָרן פון איינעם צו דער רוימישער מאַכט, אַז ער האָט

גערעדט קעגן דער רוימישער רעגירונג. ווען מען האָט אים געוואָלט אַרעסטירן, האָט ער זיך, צוזאַמען מיט זיין זון ר׳ אלעזר, באַהאַלטן אין אַ הייל, וואו ער האָט געלעבט דרייצן יאָר, ביז אַנדריאַנוס איז געוואָרן קייזער. ער איז געשטאָרבן אין מירון, נעבן צפת, אין ל״ג בעומר. דערפאַר פייערט מען אין ארץ ישראל זיין יאָרצייט אין ל״ג בעומר אין דער שטאָט מירון, דורך אָנצינדן פאַקלען און זינגען לידער. ווי עס זעט אויס, איז ר׳ שמעון בן יוחאי געשטאָרבן אין יאָר 148 פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז דער „זוהר״ איז אַנטפּלעקט געוואָרן איבער עלף הונדערט יאָר נאָך ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס פטירה.

ווען מען האָט געפרעגט ר׳ משה דע ליאון, ווי אַזוי דאָס ספר איז געקומען פלוצים צו אים, האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַז ווען דער רמב״ן איז געווען אין ארץ ישראל, האָט ער געפונען דאָרטן דאָס ספר און עס געשיקט צו אים מיט אַ ספּעציעלן שליח. אָבער אַ שטורעם־ווינט האָט פאַרטראָגן די שיף מיטן שליח ביז אַליקאַנטי, אין וואַלענסיע (שפּאַניע). ענדלעך אָבער איז עס אָנגעקומען אין זיינע הענט. באַלד ווי דער ספר איז באַקאַנט געוואָרן, האָבן אַלע מקובלים (און אויך ניט מקובלים) זיך געאיילט צו קריגן אַ קאָפּיע פון אים (דעמאָלט האָט מען נאָך ספרים איבערגעשריבן מיט דער האַנט). עס האָבן זיך באַלד געשאַפן צוויי מיינונגען, סיי ביי די מקובלים און סיי ביי ניט־מקובלים. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געגלויבט, אַז דאָס ספר שטאַמט טאַקע פון ר׳ שמעון בן יוחאי. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז דאָס ספר איז ניט פון ר׳ שמעון בן יוחאי און אַז ער אַליין, ר׳ משה דע ליאון, האָט עס געשריבן. נאָך אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן פון אַן אומבאַקאַנטן מקובל אין בבל, אין 9טן, אָדער אַם־שפּעטסטן, אין צענטן יאָרהונדערט און איז ניט געווען באַקאַנט ביז איצט. ר׳ משה דע ליאון האָט עס דורך אַ צופאַל אַריינגעקראָגן אין זיינע הענט און אַנשטאָט דעם אמתן מחבר, האָט ער אַרויפגעשטעלט דעם נאָמען ר׳ שמעון בן יוחאי, כדי עס זאָל זיך בעסער פאַרקויפן.

אין יענע טעג איז געקומען קיין שפּאַניע אַ מקובל פון ארץ ישראל, וועלכער איז געווען אַ תלמיד און אַ חבר פון רמב״ן. זיין נאָמען איז געווען ר׳ יצחק פון עכו, וועלכער איז אַנטלאָפן פון דאָרטן נאָך דער שחיטה, וואָס די מאַכמעדאַנער האָבן געמאַכט אויף קריסטן און אויף אידן. ווען ער האָט געזען דאָס „ספר הזוהר״, האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס זיין רבי, ר׳ משה בן נחמן, האָט אים גאָרניט געזאָגט וועגן דעם. ער האָט דעריבער גערעדט מיט ר׳ משה דע ליאון און יענער האָט פאַר אים געשוואוירן, אַז דאָס ספר איז פון ר׳ שמעון בן יוחאי און האָט אים צוגעזאָגט צו ווייזן אויך דעם אָריגינאַל. דערווייל איז ר׳ משה דע ליאון קראַנק געוואָרן אויפן וועג אַהיים צו זיין שטאָט אַווילאַ און איז געשטאָרבן אין דער שטאָט אַרבעלאַ. דאָס איז געווען אין יאָר 1305. ר׳ יצחק פון עכו

האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן און ווייטער געפּאָרשט וועגן דעם „ספר הזוהר". ער איז דעריבער געפאָרן קיין אַווילאַ, וואו ר' משה דע ליאון האָט געלעבט און גערעדט מיט צוויי אָנגעזעענע מענטשן פון יענער שטאָט, ר' דוד רפאַן און ר' יוסף דע אַווילאַ, און געבעטן צו העלפן אים צו דערגיין דעם אמת וועגן „זוהר". שפּעטער האָט איינער אים דערקלערט, אַז ער ווייסט אויף זיכער אַז ר' משה דע ליאון האָט קיינמאָל ניט געקראָגן דאָס „ספר הזוהר" פון רמב"ן און אַז ער האָט עס אַליין אָנגעשריבן. דער צווייטער האָט גערעדט מיט דער אלמנה פון ר' משה דע ליאון און מיט זיינער אַ דערוואַקסענער טאָכטער, אַ בתולה, וועלכע זיינען דעמאָלט, נאָך ר' משה'ס טויט, געווען אין גרויס נויט. ר' יוסף דע אַווילאַ האָט צוגעזאָגט דער אלמנה צו געבן איר אַ גרויסע סומע געלט און אויך חתונה צו מאַכן איר טאָכטער מיט זיין זון, אויב זי וועט זיי זאָגן דעם ריינעם אמת וועגן „ספר הזוהר". די אלמנה האָט אים דערציילט, אַז איר מאַן האָט דאָס ספר אַליין פאַרפאַסט. ער האָט עס ניט איבערגעשריבן פון קיין שום מאַנוסקריפּט. אויף דער פראַגע פון דער פרוי צו איר מאַן, פאַרוואָס ער גיט אָן אַלס נאָמען פון מחבר ר' שמעון בן יוחאי און פאַרוואָס ער וויל ניט אָנגעבן זיין נאָמען אויפן ספר? האָט איר מאַן איר געענטפערט, אַז אויב ער וועט זאָגן אַז עס איז פון ר' שמעון בן יוחאי, וועלן פיל מער קויפן דעם ספר. אַזוי האָט אויך געזאָגט שפּעטער די טאָכטער.

פונדעסטוועגן איז דער „זוהר" אויפגענומען געוואָרן שפּעטער ביי די מקובלים אַלס אַ הייליק ספר. אָבער עס האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געצווייפלט צי דאָס ספר שטאַמט טאַקע פון ר' שמעון בן יוחאי. דער ערשטער, וואָס האָט דאָס אַרויסגעזאָגט אָפן, איז געווען ר' יוסף וויקאַר, אַ פילאָזאָף און אַ מקובל, אין אָנהויב פון 15טן יאָרהונדערט. דאָס האָט אויך שפּעטער גע'טענה'ט ר' אליהו דעלמידיגאָ אין זיין ספר „בחינת הדת" און אַזוי האָבן געזאָגט נאָך פיל אַנדערע געלערנטע ביז ר' יעקב עמדין, וועלכער טרעט גאָר שטאַרק אַרויס אין זיין ספר „מטפחת ספרים" קעגן זוהר און זאָגט, אַז דאָס ספר איז געשאַפן געוואָרן ערשט נאָכן תלמוד. צווישן די ראיות וואָס ער ברענגט זיינען פאָלגנדע: 1) אין זוהר ווערן דערמאָנט נעמען פון אמוראים, וואָס האָבן געלעבט פיל שפּעטער ווי ר' שמעון בן יוחאי. 2) די כראָנאָלאָגיע פון די פאַקטן שטימט אויך ניט. עס ווערן דערמאָנט פיל זאַכן וואָס זיינען געשען ערשט שפּעטער. 3) עס זיינען דאָרטן דאָ דינים, וואָס זיינען קעגן דער גמרא. 4) עס זיינען דאָ דאָרטן פיל גרייזן אין לשון. 5) פיל זאַכן שטימען ניט מיטן אמת.

* * *

לויט ווי עס איז איצט אָנגענומען, איז דאָס „ספר הזוהר" זיכער ניט די שאַפונג פון ר' שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט געלעבט מיט איבער עלף הונדערט יאָר צוריק איידער דאָס ווערק איז באַקאַנט געוואָרן. שוין די שפּראַך פון זוהר, וואָס איז אַראַמעאיש-סיריש איז ניט געווען אומגענגלעך

אין די צייטן פון ר׳ שמעון בן יוחאי, ווען די אידן, און בפרט די פירער, האָבן גערעדט אַ ריינעם העברעאיש. שוין אָפּגערעדט פון די אַנדערע ראיות, וואָס אַלע ווייזן, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן ערשט נאָכן שליסן פון תלמוד. ווי עס זעט אויס, איז דאָס ווערק געשאַפן געוואָרן פון אַן אומבאַקאַנטן מקובל, אין דער צייט פון דער אויפבליאונג פון קבלה אין בבל, אין אַכטן אָדער אָנהויב ניינטן יאָרהונדערט. אין יענער צייט האָט מען גערעדט אין בבל אָט דעם אַראַמעאיש־סירישן דיאַלעקט, וואָס איז ענלעך צום לשון פון תלמוד און צו פיל ספרים וואָס עס זיינען געשאַפן געוואָרן נאָכן תלמוד. דאָס ספר איז צוליב געוויסע סיבות אין בבל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן און איז געבליבן אומבאַקאַנט. דורך אַ צופאַל האָט זיך ר׳ משה דע ליאון דערוואוסט פון דעם ספר און האָט עס אָפּגעקויפט און כדי צו מאַכן אַ רושם און אויך אַ סך געלט, האָט ער אָנגעגעבן אַלס נאָמען פון מחבר, ר׳ שמעון בן יוחאי.

איצט לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ ווערק עס איז אַזוינס דער „ספר הזוהר״. אַזוי ווי מיר האָבן דאָס ווערק איצט, איז עס שוין ניט איין ספר, נאָר אַ גאַנצע רייע פון ספרים. עס איז שוין דאָ אַ חוץ דעם „זוהר״ אויך „תיקוני זוהר״, אַ „זוהר חדש״, דאַן די צוויי „אידראָ׳ס״ („אידראַ״ מיינט אויף זוהר־לשון אַ „זיצונג״, אַ פאַרזאַמלונג פון חכמים), „אידרא רבא״ און „אידרא זוטא״ (גרויסע פאַרזאַמלונג און קליינע פאַרזאַמלונג). דאַן קומט נאָך אַ ספר, וואָס הייסט „ספרא דצניעותא״ (דאָס ספר פון צניעות) און אַ ספר „רעיא מהימנא״ (אויף העברעאיש „רועה נאמן״ — באַגלויבטער פאַסטוך) און אַזוי נאָך פיל אַנדערע. די אַלע ווערן געדרוקט אַמאָל צוזאַמען און אַמאָל באַזונדער. עס איז קיין ספק ניט, אַז שפּעטער זיינען לויטן נוסח און לשון פון זוהר צוגעקומען פיל אַנדערע אַזעלכע שאַפונגען, וואָס עס איז שווער איצט פעסטצושטעלן, ווען זיי זיינען געשאַפן געוואָרן און דורך וועמען.

איצט וועגן אינהאַלט פון „זוהר״. מיר וואָלטן זיך ניט אָפּגעשטעלט דאָ אויפן „זוהר״, וועלכעס איז אין תוך אַ קאַבאַליסטיש ווערק, ווען עס וואָלט ניט געהאַט אין זיך אַ פילאָזאָפישע שיטה, כאָטש די פילאָזאָפישע געדאַנקען זיינען צוזאַמענגעוועבט מיט קאַבאַליסטישע באַגריפן. דער תוך פון דער שיטה פון „זוהר״ איז פאָלגנדער:

1. די סיפורי מעשיות, וואָס זיינען דאָ אין דער תורה, ווי די פון אברהמ׳ען, יצחק׳ן און יעקב׳ן און אויך אַלע אַנדערע, זיינען ניט סתם געשיכטן, נאָר טיפע סודות, וועלכע ניט אַלע קענען פאַרשטיין. און „ווי איז צו דעם מענטש, וואָס זעט אין זיי נאָר גלאַט מעשיות, אָן צו זען דעם טיפן אינהאַלט וואָס איז פאַרבאָרגן אין זיי״ (זוהר בהעלותך, ח״ג, קנ״ב ע״א).

2. גאָט איז פאַרן שאַפן פון דער וועלט געווען אין אַ צושטאַנד פון עקזיסטירנד און ניט־עקזיסטירנד („נמצא ובלתי נמצא״), דעמאָלט איז כביכול׳ס נאָמען געווען „מי״ (אויפן לשון פון זוהר „קדמאי סתימאי״), אָבער

נאָכן שאַפֿן פֿון דער וועלט איז גאָט געוואָרן אינגאַנצן עקזיסטירנד (נמצא בתכלית) און האָט צוגעקראָגן דעם נאָמען „אלה". צוזאַמען מיט „מי" פֿון פֿריער, איז עס „אלהים". דאָס מיינט דער פּסוק „שאו מרום עיניכם וראו „מי" ברא „אלה", נאָך דעם ווי „מי" האָט געשאַפֿן די וועלט, איז ער געוואָרן „אלה" — צוזאַמען „אלהים" (זוהר ח"ב, פּרשת תרומה, קס"ב ע"ב).

3. דער „זוהר" האַלט זיך ביי דער אָנגענומענער קאַבאַליסטישער שיטה פֿון צען ספֿירות, מיטן אָנהויב פֿון „אין סוף" (זוהר ח"ג, אידרא זוטא, רפ"ח).

4. די נשמה פֿון מענטש שטאַרבט ניט, נאָר גייט צוריק אין הימל אַריין, צום אוצר פֿון די נשמות פֿון וואַנען זי איז געקומען און ווען זי קומט צוריק אָן זינד, אָדער מיט ווייניק זינד, איז אַ גרויסע שמחה ביי די נשמות. אָבער ניט אַזוי איז עס, ווען זי קומט צוריק פֿאַרשמוצט פֿון זינד (זוהר, אידרא זוטא).

5. לויטן „זוהר" זיינען דאָ קעגן די צען ספֿירות פֿון קדושה אויך צען ספֿירות פֿון טומאה. דאָס איז די ממשלה פֿון שטן. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער כוח פֿון שלעכטס איז פּונקט אַזוי שטאַרק ווי דער כוח פֿון גוטס און אַז דער מענטש מוז שטאַרק קעמפֿן מיט זיך, אַז עס זאָל אים ניט ציען צו שלעכטס.

6. דער „זוהר" רעדט אויך וועגן די צייטן פֿון משיח און תחית המתים, וואָס עס וועט קומען נאָך דעם, און עס ווערן געשילדערט בילדער פֿון ימות המשיח און פֿון דער צייט פֿון תחית המתים.

* * *

אָבער, אויב די פֿילאָזאָפֿיע פֿון „זוהר" איז ניט קיין באַזונדערס טיפֿע, זיינען אָבער דאָ אייניקע שטעלן אין „זוהר", וואָס מאַכן אונז צו שטוינען. אַזוי ווערט דאָרטן גערעדט צום ערשטן מאָל וועגן דעם, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, אַ זאַך, וואָס קאָפּערניקוס האָט ערשט אַנטדעקט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿופֿצנטן יאָרהונדערט. עס ווערט געבראַכט פֿון ספֿר דר' המנונא סבא, אין „זוהר" די פֿאָלגנדע ווערטער: „די גאַנצע וועלט דרייט זיך ווי אַ באָל און אַ טייל מענטשן זיינען אויבן און אַנדערע אונטן און עס איז דעריבער אַזוי, אַז ווען עס איז ליכטיק ביי אַ טייל, איז פֿינסטער ביי אַנדערע און עס זיינען דאָ ערטער וואו עס איז שטענדיק טאָג און עס איז דאָרטן נאַכט נאָר אַ קורצע צייט". דאָס מיינט, ווי עס איז ביים נאָרד־פּאָל זומער צייט און ביים סאַוט־פּאָל, ווינטער־צייט. ווי ווייט מיר ווייסן איצט, האָבן שוין פֿון דעם געדאַנק, אַז די ערד דרייט זיך געוואוסט דעמאָלט געוויסע פּערסישע געלערנטע, וועלכע האָבן די לערע איבערגענומען פֿון אינדישע פֿאָרשער, און עס איז געווען באַקאַנט אין בבל אין 8טן און 9טן יאָרהונדערט. אויך געפֿינען זיך אין „זוהר" געוויסע שטעלן, וועלכע קענען אויסגעטייטשט ווערן ווי דער גלויבן אין „דריי אייניקייט"...

דער „זוהר" איז שפּעטער שטאַרק פֿאַרשפּרייט געוואָרן. באַזונדערס

איז ער מיטן אויפקומען פון חסידות אָנערקענט געוואָרן אַלס הייליק ספר. דער „זוהר" איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף לאַטיין, פראַנצויזיש און ענגליש.

* * *

מיט דער פילאָזאָפישער שיטה פון „זוהר" ענדיקן זיך די שאַפונגען פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע. דעריבער, איידער מיר גייען איבער ווייטער, צום צווייטן טייל פון דער אידישער פילאָזאָפיע, פון נאָך דער שפּאַנישער עפּאָכע ביז היינט צו טאָג, ווילן מיר מאַכן אַ רעזיומע פון דער דאָזיקער עפּאָכע, וועלכע האָט געדויערט איבער 500 יאָר — פון 950 ביז 1492. דאָס וועלן מיר טאָן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.15

# זיינען די אידישע פילאָזאָפן געווען פריידענקער?

**די ענדע פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" פון די אידן אין שפּאַניען. — די דיסקוסיעס אין פילאָזאָפיע אַלס גייסטיקער שפּיל ביי דער אַראַבישער אינטעליגענץ. — פאַרוואָס האָבן פּלאַטאָ און אַריסטאָטעל אַזוי אויסגענומען ביי די אַראַבער אין יענער צייט? — וואָס איז אַזוינס סכאָלאַסטיק?**

מיר טרעטן איצט צו צו מאַכן אַ סך הכל פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין שפּאַניען, וועלכע האָט געדויערט איבער 500 יאָר (פון 950 ביז 1492) און וועלכע האָט אונז איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה אויף פילע געביטן, ווי רעליגיע־פאָרשונג, פּאָעזיע, וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען און אַ גרויסע ביבליאָטעק אויפן געביט פון קאָמענטאַרן איבער דער תורה און איבערן תלמוד, און אַזוי אויך „שאלות ותשובות" פון די גרויסע רבנים און פירער פון אידנטום אין יענער צייט. מיר וועלן דאָ קודם כל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די שאַפונגען פון די פילאָזאָפישע דענקער וועגן אידנטום, מיט וועלכע מיר פאַרנעמען זיך איצט.

מיר האָבן אין דער סעריע וועגן די אידישע פילאָזאָפן אַרויסגעפירט פערצן פון די הויפּט־פילאָזאָפישע פאָרשטייער פון יענער עפּאָכע. זיי זיינען: ר' סעדיה גאון, רבנו בחיי, ר' שלמה בן גבירול, ר' אברהם אבן עזרא, ר' משה אבן עזרא, ר' יהודה הלוי, דער רמב"ם, רמב"ן, ר' אברהם אַבולעפיא, רלב"ג, ר' חסדאי קרעסקאַס, ר' יוסף אַלבו, ר' יצחק אברבנאל און ר' משה דע ליאון. אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די 14 זיינען געווען די איינציקע פון דער גאַנצער 500־יעריקער עפּאָכע. ניין, עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע, אין די צענדליקער, און אפשר אין די הונדערטער, וועלכע האָבן, עפּעס מער אָדער ווייניקער, צוגעטראָגן צו די שאַפונגען פון יענער צייט. עס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קאָלעקטיוו וואָס פאַרנעמט אין אידנטום כמעט אַזאַ ענלעכן פּלאַץ, ווי, למשל, דער קאָלעקטיוו פון תלמוד. עס איז געווען די רייכסטע און שענסטע עפּאָכע אויפן געביט פון קלאָר מאַכן וואָס דאָס אידנטום איז אַזוינס און וואָס עס דאַרף זיין פאַר די קומענדיקע דורות. דער קאָלעקטיוו פון תלמוד האָט געשאַפן דינים, דעם קאָדעקס, דעם אוצר פון דער אידישער געזעצגעבונג, און דער קאָלעקטיוו פון דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין

שפאַניע האָט אונז געגעבן די טיפע פאַרשטענדעניש, די הויכע מאָראַל און דאָס אינערלעכע ליכט פון אידנטום.

צו זיין גערעכט צו דער גרויסער צאָל פון די יעניקע וועלכע מיר האָבן ניט געבראַכט, ווילן מיר דאָ אָנגעבן כאָטש אַ קורצע רשימה פון אייניקע פון זיי. אַזוי האָט אין צייט פון ר׳ סעדיה גאון געלעבט ר׳ דוד אלמקמץ און ר׳ דונש בן תמים. ר׳ דוד אמלקמצ׳עס ווערק וועגן אידנטום זיינען פאַרלוירן געגאַנגען און עס ווערט נאָר געבראַכט שטיקלעך פון זיי אין די ווערק פון אַנדערע. ער איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ סעדיה גאון און זיין געדאַנקען־גאַנג אין זיין ספר איז כמעט אויפן זעלבן אופן ווי דער ספר „האמונות והדעות" פון זיין רבי׳ן. וועגן אים אַליין איז ווייניק באַוואוסט. אַ טייל זאָגן, אַז ער איז געווען אַן אַראַבער, ד. ה. אַ מאַכמעדאַנער, וועלכער האָט זיך מגייר געווען און איז געוואָרן אַ איד. נאָך אַנדערע האַלטן אים פאַר אַ קאַראַאימער, אָבער דאָס איז ניט באַוויזן געוואָרן. אויך דאָס ווערק פון ר׳ דונש בן תמים איז אַוועקגעקומען, אָבער פון די געבראַכטע ציטאַטן ווייסן מיר, אַז ער האָט געשאַפן אַ פירוש אויפן „ספר יצירה" אין אַ פילאָזאָפישן זין און אויך געווען אַן אָנהענגער פון ר׳ סעדיה גאון. צי ער האָט אין יענעם ספר אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקע שיטה, איז ניט באַקאַנט.

שפּעטער געפינען מיר, אַז אין דער צייט פון ר׳ יהודה הלוי איז אויך געווען באַוואוסט אַ גרויסער דענקער, ר׳ יוסף בן צדיק, וועלכער האָט געמאַכט אַ שטיקל רושם מיט זיין ספר „עולם קטן". וועגן אים ווייסט מען, אַז ער איז געווען אַ רב אין דער שטאָט קאָרדאָוואַ. ער איז געווען אַ פריינט פון ר׳ יהודה הלוי און פון ר׳ אברהם אבן עזרא.

מיטן וואָרט „עולם קטן" (אַ קליינע וועלט) האָט ער געמיינט דעם מענטש. ער האַלט זיך נאָענט צו דער שיטה פון ר׳ יהודה הלוי, אַז דער איד דאַרף זוכן די לייזונג פון אַלע פראַגן נאָר אין דער תורה אַליין און ניט אין דער גריכישער פילאָזאָפיע. אַ צווייטער גרויסער פאָרשער אין יענער צייט איז געווען דער ראב״ד (זיין פולער נאָמען איז געווען ר׳ אברהם בן דאוד הלוי. דער נאָמען איז אייגנטלעך „בן דוד", אָבער אויף אַראַביש קומט עס אויס בן „דאוד"). ער האָט געשאַפן אַ ספר מיטן נאָמען „האמונה הרמה", אַ ווערק וואָס דער מחבר האָט בכיוון פאַרפאַסט קעגן דעם ספר „מקור חיים" פון ר׳ שלמה בן גבירול, דערויף וואָס יענער האַלט פון פלאַטאָנ׳ס שיטה. דער ראב״ד איז ניט קעגן פילאָזאָפיע בכלל, ווייל ער אַליין האַלט פון אַריסטאָטעל׳ס שיטה, לויט דער אויסטייטשונג פון אַראַבישן געלערנטן איבן סינאַ. עס איז אייגנטלעך אַן אָפּהאַנדלונג, וועלכע פילאָזאָפישע שיטה איז בעסער, און דער ראב״ד האַלט, אַז אַריסטאָטעל׳ס שיטה איז דער אמת׳ער וועג אין פילאָזאָפיע. דאָס בוך איז אָבער ניט טיף. עס איז נאָר אַ זאַמלונג פון פילאָזאָפישע שמועסן, אַ ווערק פון אַביסל חקירה.

מיר באַגעגענען אויך שפּעטער אַ גאַנצע רייע פון דענקער, וועלכע מען

האָט גערופן „אַלעגאָריסטן", ווייל זיי האָבן אויסגעטייטשט די תורה אויף אַן אַלעגאָרישן אופן. לויט זיי איז אויסגעקומען, אַז מיט אברהם און שרה מיינט די תורה „חומר" און „צורה" (שטאָף און פאָרם). מיט די 12 זין פון יעקב האָט מען געמיינט די 12 מזלות, און נאָך און נאָך אַזעלכע טייטשן. אָבער אָט־די גרופּע האָט געהערשט נאָר אַ קורצע צייט, אין אָנהויב פון 14טן יאָרהונדערט.

אַביסל שפּעטער געפינען מיר, אין דער צייט פון רשב"א, דעם פילאָזאָף ר' הלל פון וועראָנאַ, וועלכער האָט פאַרטיידיקט דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפישע שיטה קעגן די וועלכע זיינען אָנגעפאַלן אויף אים. ער האָט אָנגעשריבן אַ ספר „תגמולי נפש", וואו ער פאַרנעמט זיך מיט די ענינים פון גאָטהייט, באַלוינונג און באַשטראָפונג און אַנדערע פראַגן. אָבער עס איז ניט קיין ערשט־ראַנגיק ווערק.

צווישן די לעצטע פילאָזאָפישע דענקער זיינען געווען ר' אהרן הקראי, ר' יוסף אבן כספּי, ר' שם טוב בן שם טוב, דער דרשן ר' יצחק עראמא, ר' יחיאל איש פּיסא און דער לעצטער, ר' יוסף שלמה דעלמידיגאָ (יש"ר מקנדיא). די אַלע זיינען ניט געווען קיין אָריגינעלע דענקער, אַזעלכע וועלכע האָבן אַן אייגענע שיטה. אויסער די וואָס מיר האָבן געבראַכט זיינען געווען נאָך פילע אַנדערע, צווייט־קלאַסיקע און דריט־קלאַסיקע, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ דור פון חכמים, פאָרשער און געלערנטע, וואָס האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער פאָרשונג פון אידנטום.

* * *

אָבער זאָל קיינער ניט מיינען, אַז די אַלע פילאָזאָפן און פילאָזאָפישע דענקער זיינען געווען ניט פרום און האָבן ניט אָפּגעהיט די מצוות פון דער תורה אָדער פון דער גמרא. צו דענקען אַזוי וואָלט געווען אַ טעות. די אַלע פילאָזאָפן זיינען געווען גוטע און פרומע אידן, וועלכע האָבן ניט עובר געווען אַפילו אויף אַ האָר אויף די געבאָטן און מנהגים פון אידישקייט. זיי האָבן זיך געפירט ווי אַלע פרומע אידן. זיי האָבן נאָר פילאָזאָפירט און געפאָרשט אין די ענינים פון אידנטום, אָבער זיי זיינען אויף אַ האָר ניט געווען פריי אין זייערע מעשים.

און נאָך מער, אַפילו אין גייסט זיינען זיי אויך ניט געווען פריי. עס וועט דעריבער זיין אַ טעות צו טראַכטן וועגן אייניקע פון זיי, וואָס האָבן זיך פריי אויסגעדריקט (ווי דער רמב"ם, דער רלב"ג און אַנדערע), אַז זיי זיינען געווען פריידענקער, ווי מיר פאַרשטייען עס איצט. דאָס איז דורכאויס פאַלש. די פרייע אויסדרוקן זיינען געווען ניט מער ווי אַ פאָרם פון שרייבן, ווי די משכילים פלעגן אַמאָל זאָגן — „לתפארת המליצה". עס איז געווען אַזאַ מין פאָרם פון זאָגן, אַז זיי זוכן נאָר דעם אמת, אַפילו ווען עס זעט אויס, אַז עס איז קעגן דער תורה און אויב דער אמת איז אַנדערש ווי דאָס וואָס שטייט אין דער תורה, קען מען די ווערטער פון דער תורה אויסטייטשן

אַזוי, אַז עס זאָל שטימען צום אמת. עס איז געווען מער שיין גערעדט ווי פריי גערעדט. דעריבער מאַכן די וואָס ווילן זיך אָנכאַפּן אָן די דאָזיקע רייד פון די אידישע פילאָזאָפן כדי צו באַווייזן, אַז זיי זיינען געווען פרייגעזאָנען, אַ גרויסן טעות, ווייל אין אמת׳ן זיינען זיי געווען זייער ווייט דערפון.

דער בעסטער באַווייז דערויף איז דאָס וואָס דער רמב״ם ווערט פאַר־רעכנט ביי אידן פאַר אַ קדוש וטהור. ער איז דער אָנערקענטסטער פוסק און מיר רירן זיך ניט אָן אים. אויב דער רמב״ם פסק׳נט אַ דין, איז עס אַזוי. עס קען אַמאָל זיין אַ האַרבער רמב״ם, וועלכן מען זוכט צו פאַרענטפערן, אָבער דער רמב״ם איז געבליבן דער פוסק. אַזוי איז אויך זיין פירוש אויף משניות אָנערקענט געוואָרן ביי אַלע אידן. און וואָס שייך דעם „מורה נבוכים" האַלט מען עס פאַר אַ נעבן־זאַך.

אויך דער רלב״ג, וואָס האָט זיך אַזוי פריי און שאַרף אויסגעדריקט אין זיין ווערק וועגן אידישע ענינים, איז אָנערקענט געוואָרן אַלס גרויסער צדיק און זיין פירוש אויף תנ״ך איז געדרוקט אין די חומשים נעבן רש״י׳ס. דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַט אַ געזונטן חוש צו וויסן וואָס עס איז ביי יענע פאַרשער געווען תוך און וואָס נאָר אַ שפיל פון ווערטער.

אין אַלגעמיין גענומען איז געווען דאָס גאַנצע פאַרנעמען זיך פון די אידישע פילאָזאָפן מיט די פילאָזאָפישע (ריכטיקער: טעאָלאָגישע) אָפּהאַנד־לונגען; אָט די גאַנצע דיסקוסיעס וועגן וועלט־באַשאַף, וועגן גאָט און זיינע אייגנשאַפטן, און אַזוי אויך וועגן מענטש, צי ער האָט אַ פרייען ווילן און צי עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי באַלוינונג און באַשטראָפונג און אויך וועגן דער צוקונפט פון מענטש און באַזונדערס פון איד — ניט מער ווי אַ גייסטיקער שפיל. אַזאַ מין מאָדע פון דער אינטעליגענץ אין יענער צייט, אַ גייסטיקער צייט־פאַרטרייב.

שוין דאָן יצחק אַברבנאל האָט אונז אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז מען זאָל ניט נעמען אַזוי ערנסט די „עיקרים" וואָס אַ טייל פון די דאָזיקע פילאָזאָפן האָבן געשאַפן אין אידנטום, און אַפילו ניט די דרייצן עיקרים פון רמב״ם, ווייל עס איז דעמאָלט געווען אַזאַ מאָדע אין דער אַראַבישער וועלט צו שרייבן אויף אַזאַ אופן. עס איז געווען איינגעפירט ביי די אַראַבער צו שרייבן פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען מיט הנחות (אַקסיאָמען), לויט אַ מוס־טער פון איינס, צוויי, דריי און אַזוי ווייטער. דאָס איז געווען דעמאָלט דער אָנגענומענער וועג פון שרייבן פילאָזאָפישע טראַקטאַטן. די אידישע אינטעליגענץ פון יענער צייט האָט דעריבער קאָפּירט אָט די מעטאָדע פון דער אַראַבישער אינטעליגענץ און אויך אַזוי געשריבן וועגן אידישע ענינים. מען האָט געשאַפן אַקסיאָמען, הנחות, וועלכע מען האָט אָנגע־רופן „עיקרים" אָדער „יסודות" און מען האָט זיי אָוועקגעשטעלט איינעם נאָך דעם אַנדערן מיט ציפערן. אָבער עס איז ניט געמיינט געוואָרן, אַז דאָס זיינען טאַקע די באַשטימטע, פעסטע גרונד־פרינציפּן פון אידנטום,

וואָס אויב מען האַלט ניט פון זיי, איז מען ניט קיין איד. נאָך מער, אַפילו דאָס וואָס דער רמב״ם זאָגט בפירוש, אַז אויב מען גלויבט ניט אין איינעם פון די דרייצן עיקרים וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, איז מען שוין קיין איד ניט, האָט מען אויך ניט גענומען ערנסט, נאָר פיל גיכער פאַר אַן אויסדרוק צו באַפעסטיקן זיינע „עיקרים״, וועלכע זיינען שפּעטער פון אַנדערע געלערנטע צוריקגעוויזן געוואָרן, ווייל זיי האָבן אויפגעקלערט, אַז זיי זיינען ניט די אמת׳ע גרונד־פּרינציפּן פון אידנטום און עס קען זיין פיל וויניקער עיקרים. און אַזוי האָבן אַנדערע גאָר געזאָגט, אַז מיר, אידן, האָבן בכלל ניט קיין עיקרים...

* * *

אָבער ניט בלויז וועגן די עיקרים אַליין, נאָר בכלל וועגן גאַנצן ענין פון פילאָזאָפיע ביי די אידישע פילאָזאָפן, קען מען זאָגן דאָס זעלבע. עס איז געווען מער מאָדע ווי תוך־זאַך, מער שפּיל ווי ערנסט. עס איז דעמאָלט געווען ביי דער אַראַבישער אינטעליגענץ אַ מאָדע צו רעדן וועגן די פילאָ־זאָפיעס פון פלאַטאָנ׳ען און אַריסטאָטעל׳ן, און די אידן האָבן עס נאָכגעטאָן.

כדי צו פאַרשטיין דאָס, דאַרף מען וואַרפן אַ בליק אויף דער גאַנצער אַראַביש־אידישער עפּאָכע און פאַרשטיין פאַרוואָס פּונקט אָט־די צוויי פילאָ־זאָפן, פלאַטאָן און אַריסטאָטעל, האָבן פון דער גאַנצער רייע פון גריכישע דענקער, דעמאָלט אַזוי אויסגענומען ביי דער אַראַבישער וועלט.

מיר האָבן שוין געהאַט פריער דערקלערט, אַז די צוויי גרויסע פילאָזאָפן, פלאַטאָן און אַריסטאָטעל, זיינען געקומען ווען עס איז אין גריכנלאַנד געווען אַ גייסטיקער בין־השמשות, ווען די געצן־דינסט האָט שוין מער ניט באַ־פרידיקט די בעסערע מוחות און עס האָט זיך געשאַפן אַ חלל, אַ וואַקיום, וואָס האָט געפאָדערט אַ לייזונג. די פילאָזאָפיעס פון פלאַטאָנ׳ען און זיין תלמיד אַריסטאָטעל (כאָטש זיי צעגייען זיך אַביסל), האָבן זיך גוט צוגעפּאַסט צו יענער עפּאָכע. זייענדיק געוואוינט צו פיל־געטעריי, האָט פלאַטאָן געקענט טראַכטן פון אַ גאָט וואָס האָט געשאַפן די וועלט פון אַן עפּעס (וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט פון אַ פריערדיקן) און אַז דער עפּעס האָט זיך אויך באַוואויגן, און אַז גאָט נאָר געשאַפן די פאָרם און ניט דעם שטאָף, ווייל צו דעם אידישן באַגריף פון אַ „כל יכול״, וואָס האָט געשאַפן אַ „יש מאַין״, זיינען זיי נאָך ניט געווען גרייט.

אין דער אַראַבישער אויפלעבונג־עפּאָכע, ווען עס איז אויך געווען אַזאַ חלל, צי אַ וואַקיום, צוליבן אָפּטרייסלען זיך פון געצנדינסט און פון ניט צושטיין נאָך צו די לערעס וואָס עס האָט געפּרעדיקט דער קעמל־טרייבער מאַכמעד (וואָס האָט אַלץ גענומען פון אידישע קוועלן), זיינען די לערעס פון פלאַטאָן און פון אַריסטאָטעל פאַר דער אינטעליגענץ געווען ווי געוואונטשן. אַזוי ווי זיי אַליין, די אַראַבער, האָבן קיין אייגענע פילאָזאָפישע דענקער ניט אַרויס־געגעבן, האָבן זיי זיך געקלאַמערט אין די צוויי גריכישע מייסטערס פון אַזאַ ענלעכער עפּאָכע ווי זייערע.

און די אידישע אינטעליגענץ האָט עס נאָכגעטאָן. עס איז געוואָרן אַ מאָדע־זאַך פאַר אינטעליגענטע מענטשן (פונקט ווי עס איז איצט אַ מאָדע צו רעדן וועגן פסיכאָלאָגיע און סעקס), אָבער די אידישע דענקער האָבן עס ניט געדאַרפט און ניט געקענט דערצו מסכים זיין, ווייל אונזער באַגריף פון וועלט־באַשאַף, דער „בראשית ברא" איז פיל שענער, קלאָרער און בעסער, און פאַרענטפערט פיל גיכער אַלע קשיות וועגן וועלט און גאָט, ווי די פון פלאַטאָן און אַריסטאָטעל.

אָבער גלייכצייטיק מיט דער מאָדע פון דער דיסקוסיעס אין פילאָזאָפיע איז אויך געוועזן אַ מאָדע, ביי די דאָזיקע אַראַבישע אינטעליגענטן, צו גלויבן אין דער השפעה פון די שטערן אויף די מענטשן, אין אַסטראָלאָגיע, און די אידן האָבן עס אויך נאָכגעטאָן. דעריבער זעען מיר, אַז אַזעלכע געניאַלע קעפ ווי דער רמב"ם, דער אבן עזרא, דער רלב"ג און אַנדערע, גלויבן דערין גאַנץ שטאַרק און רעדן פון די מזלות ווי וועגן אַ באַשטימטן פאַקט. דאָס ווייזט, ווי ווייט אַ מאָדע קען אַמאָל האָבן אַן איינפלוס, אַפילו אויף דענקנדע מענטשן.

אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט ווערט באַצייכנט דער גאַנצער אַרט דענקען פון 9טן יאָרהונדערט ביזן 15טן יאָרהונדערט, אַלס סכאָלאַסטיק, דאָס מיינט, אָפּהאַנדלונגען אין טעאָלאָגיע וואָס פירן ניט צו קיין שום ציל. עס זיינען בלויז אַזעלכע שמועסן, אָפּט אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס, וואָס פירן צו גאָרנישט. עס איז אַזאַ מין פשט'לען זיך, וואָס האָט אַ ווערט נאָר אַלס שפּיל פון געדאַנק. דאָס קען אויך געזאָגט ווערן וועגן די אידישע פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען פון יענער צייט. עס איז אויך אַזאַ מיר סכאָלאַסטיק, וואָס איז טאַקע שאַרפזיניק און שיין פאַרן אויג, אָבער עס מיינט גאָרניט. דאָס אמת'ע דענקען האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיטן קומען פון פילאָזאָף דעקאַרט (רינאַטוס קאַרטיזיס), וועלכער האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין פילאָזאָפישן דענקען.

אַ תלמיד פון אָט־דעם גרויסן פילאָזאָף אין אידישן לעבן איז געוועזן דער באַוואוסטער אידישער דענקער ברוך שפינאָזאַ. מיט אים הויבט זיך אָן דער צווייטער טייל פון אידיש־פילאָזאָפישע שיטות וואָס ציט זיך ביז היינט. די נייע עפּאָכע איז אַנדערש פון דער ערשטער עפּאָכע אין זייער פיל הינזיכטן און באַזונדערס דערמיט, וואָס זי איז ניט געוועזן ווי די ערשטע עפּאָכע, בלויז פון איין לאַנד, שפּאַניע, נאָר שוין פון דער גאַנצער וועלט. ברוך שפינאָזאַ האָט אויך אָנגעהויבן אַ נייעם וועג אין דער אידישער פילאָזאָפיע. אָבער וועגן ברוך שפינאָזאַ'ן און זיין פילאָזאָפישער שיטה, וועלן מיר רעדן אויספירלעך אין צווייטן טייל פון פילאָזאָפישער עפּאָכע.

16.

# אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען אין ערשטן טייל פון דער פילאָזאָפישער עפּאָכע

## 1.

## מ פ ר ש י ם

אין ערשטן טייל פון דער „פילאָזאָפישער עפּאָכע" האָבן מיר אַ סאָרט פון שאַפן וואָס ווערט אָנגערופן „מפרשים", דאָס הייסט: פאַרטייטשער, קאָמענטאַטאָרס, אַזעלכע וואָס שאַפן ווערק אויפצוקלערן און געבן צו פאַרשטיין געוויסע זאַכן. אַזעלכע מפרשים און אויסטייטשערס זיינען געווען ביי אונז על פי רוב די סאַמע אָנגעזעענסטע און וויכטיקסטע רבנים און געלערנטע. די אַרבעט וואָס זיי האָבן געטאָן איז געווען אויסצוטייטשן די תורה, די נביאים און כתובים און אויך דעם תלמוד.

דעם אויבנאָן צווישן די מפרשים פאַרנעמט רש"י (ר' שלמה יצחקי), וועלכער האָט געשאַפן זיין באַרימטן פירוש אויף תורה, אויף די נביאים און אויף כתובים און אויך אויפן תלמוד. עס איז אַ פירוש, וואָס איז פּשוט, גלאַטיק, קורץ און צו דער זאַך. עס איז אַן אָנגענומענע מיינונג, אַז ווען נישט דער פירוש רש"י, וואָס מיר האָבן צום תנ"ך און צום תלמוד, וואָלטן פיל ערטער געווען פאַר אונז אומפאַרשטענדלעך און דאָס לערנען סיי אין די הייליקע שריפטן און סיי אין דער גמרא, וואָלט אָנגעקומען זייער שווער.

רש"י האָט געלעבט אין עלפטן יאָרהונדערט. פאַר רש"י'ן זיינען אויך געווען אויסטייטשער, ווי רבנו חננאל און אַנדערע, אָבער רש"י'ס פירוש איז גלייך אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע אידן, אַזוי אַז ווען מען הויבט אָן מיט אַ קינד צו לערנען חומש, לערנט מען מיט אים — חומש מיט רש"י.

רש"י האָט אויך געשאַפן אַ פירוש אויף תלמוד, אָבער אויף אייניקע מסכתות האָט מען נישט זיין פירוש, דאָס איז דערגענצט געוואָרן דורך אַנדערע, דורך דעם פירוש פון זיין אייניקל, דער רשב"ם, אויף בבא בתרא און דורך דעם פירוש פון „ר"ן" אויף נדרים א. אַ.

דער וויכטיקסטער פירוש נאָך רש"י אויף דער משנה איז פון רמב"ם און אין אַ שפּעטערדיקער צייט — פון ר' עובדיה מברטנורא.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ חוץ רש"י'ס פירוש אויף תורה, זיינען פאַראַן נאָך פיל אַנדערע פירושים. מען רעכנט, אַז די צאָל פון די פירושים דערגרייכט די צאָל פון דריי הונדערט. פון די סאַמע וויכטיקסטע נאָך רש"י

זיינען: דער אבן עזרא, דער רד״ק, דער רלב״ג, דער רמב״ן, דער פירוש פון ר׳ יצחק אברבנאל, דער פירוש וואָס רופט זיך „ספורנו״, דער פירוש פון ר׳ משה אלשיך, דער פירוש פון „אור החיים״ און נאָך אַנדערע.

***

נישט אַלע מפורשים רופן אָן זייערע אויסטייטשן מיטן נאָמען „פירוש״. דער רמב״ן רופט עס אָן „חידושים״. נאָך אַנדערע האָבן אויך אַזוי גערופן זייערע קאָמענטאַרן. פון מענדעלסאָנען אָן, רופט מען אָן די קאָמענטאַרן מיטן נאָמען „ביאור״.

אַלע פאַרשידענע קאָמענטאַרן קאָן מען איינטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס: 1) די וואָס ריידן קורץ און צו דער זאַך און טייטשן אויס דעם פּסוק אויף אַן איינפאַכן אופן; 2) אַזעלכע וואָס ברענגען אַריין אגדות פון דער גמרא און לאָזן זיך אַריין מער אין אַ וועג פון דרש; 3) אַזעלכע וואָס האָבן אייגענע מיינונגען וועגן געוויסע ענינים און ברענגען עס אַרויס. די וויכטיקסטע און אָנגענומענסטע זיינען די וואָס זיינען אויסן נאָר צו געבן דעם פשט און דאָס אויך אין קורצע ווערטער. ווי געזאָגט, איז דער גרעסטער מייסטער אויף דעם געביט געווען — רש״י.

אין דער גמרא האָבן מיר צוויי פירושים, פון ביידע זייטן בלאַט. אויף דער רעכטער זייט איז דער פירוש רש״י און אויף דער לינקער זייט איז — תוספות. ווער איז „תוספות״? פון וואַנען איז ער געשאַפן געוואָרן?

דער ענטפער איז, אַז „תוספות״ איז נישט געשאַפן געוואָרן פון איין מחבר, נאָר פון — אַ גאַנצע רייע פון רבנים. „תוספות״ מיינט אַ צוגאַבע. עס איז אַ צוגאַבע צום פירוש רש״י. די שעפער פון „תוספות״ ווערן אָנגערופן „בעלי התוספות״ און זיי זיינען על פי רוב געווען רש״י׳ס קינדער אָדער תלמידים.

די „בעלי התוספות״ זיינען געווען די גרעסטע רבנים פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד, אין דער צייט נאָך רש״י. זיי ווערן אַמאָל דערמאָנט ביים נאָמען, אָבער על פי רוב — נישט. דער רוב שטעלן פון די פון פראַנקרייך זיינען פון ר׳ אליעזר פון טוך (פראַנקרייך), אָבער אין יענער צייט האָבן אויך אַנדערע רבנים פון פראַנקרייך געשריבן זייערע באַמערקונגען. אויך אין דייטשלאַנד זיינען געווען רבנים וועלכע האָבן געשריבן באַמערקונגען און איינווענדונגען. צווישן די ערשטע בעלי התוספות זיינען געווען רש״י׳ס איידעמס: ר׳ מאיר בר׳ שמואל מרומרוג (ער שרייבט זיך טיילמאָל אונטער, הר״מ); ר׳ יהודה בר׳ נתן (הריב״ן), ר׳ יוסף און דער הויפּט פון זיי — ר׳ יעקב בר׳ מאיר תם (רבנו תם). אין יענער צייט האָבן אויך געלעבט ר׳ יצחק בר׳ אשר הלוי (הריב״א), דער ראש פון די בעלי התוספות פון דייטשלאַנד. אָבער אַלע שטעלן וואָס קומען אַריין אין „תוספות״ זיינען שפּעטער רעדאַקטירט געוואָרן פון דריי רבנים פון פראַנק־

רייך: ר׳ משה פון איבורא, ר׳ אליעזר פון טוך און ר׳ פרץ בר׳ אליהו פון קורבייל. דער „תוספות״ איז געשאַפן געוואָרן אין אַ צייט פון מער ווי 200 יאָר און די צאָל פון די בעלי התוספות, וואָס ווערן דערמאָנט אין „תוספות״, איז — 44. זייער פיל שטעלן פון „תוספות״ שטאַמען פון רבנו תמ׳ס תלמי־דים, ווייל ווי עס ווערט איבערגעגעבן (אין מהרש״ל אין זיין הקדמה צום ספר „ים של שלמה״) איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען עס האָבן געלערנט ביים רבנו תם 80 תלמידים, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות. אומעטום וואו עס ווערט דערמאָנט אין תוספות „כתב בקונטרס״ מיינט מען דערמיט רש״י׳ן, ווייל ער האָט געפלעגט שרייבן זיינע פירושים אין אַ פאָרם פון קליינע העפטן. אין „תוספות״ זיינען פאַראַן קשיות און תירוצים, וואָס באַלייכטן דעם גאַנצן ענין פון פלפול אין דער גמרא.

***

אַזוי ווי עס זיינען דאָ קאָמענטאַרן אויף תנ״ך און תלמוד, אַזוי זיינען אויך דאָ קאָמענטאַרן אויף די קאָמענטאַרן, דאָס הייסט, אַ פירוש אויף אַ פירוש. עס זיינען דאָ פירושים אויף פירוש רש״י, ווי למשל דער פירוש פון ר׳ אליהו מזרחי; דער פירוש פון „גור אריה״ פון ר׳ יהודה ליווא פון פראָג; דער פירוש „לבוש האורה״ פון ר׳ מרדכי יפה; „שפתי חכמים״ פון ר׳ שבתי באַס און נאָך אַנדערע. אַזוי זיינען דאָ פירושים אויפן אבן עזרא׳ס פירוש, ווי דאָס ספר „אוהל יוסף״ פון ר׳ יוסף בר׳ אליעזר הספרדי און נאָך אַנדערע. עס זיינען דאָ אויך פירושים אויפן רמב״ם און אויף אַנדערע. יעדנפאַלס די אָפּטיילונג פון מפורשים פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין אונזער ליטעראַטור און זי איז אַלע מאָל געווען אויסן צו העלפן אונז צו פאַרשטיין די תורה און דעם תלמוד.

## 2.

## פוסקים און שאלות ותשובות (שו״ת)

„פוסקים״ — מיט דעם נאָמען ווערן באַצייכנט ביי אונז, אַלע די יעניקע וואָס האָבן די אויטאָריטעט צו פסק׳ענען וועגן אַן ענין ביי וועלכן עס איז דאָ אַ מיינונגס־פאַרשידנהייט. דאָס וואָרט נעמט זיך פון „פסק״, וואָס מיינט, אַן אורטייל. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע זיינען געווען געציילטע, אַזוינע צו וועלכע דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט זיך צוגעהערט און אונטער וועמענס אורטייל אַלע האָבן זיך אונטערגעוואָרפן.

אָבער ווער איז געווען אַזאַ אויטאָריטעט? און ווי אַזוי איז איינער געוואָרן אַן אָנערקענטער פוסק? — דער ענטפער דערויף איז, אַז עס איז נישט געווען אַזאַ אינסטיטוציע וואָס האָט אַרויסגעגעבן „פוסקים״. עס

איז אויך נישט געווען אַזאַ מין מאָס, לויט וועלכער עמיצער איז דאָס געוואָרן. עס איז אָבער געווען אַלע מאָל דער אורטייל פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט אָנערקענט איינעם פאַר אַ פוסק און ער איז עס געוואָרן.

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט שאלות ותשובות. רבנים האָבן זיך געווענדעט מיט שאלות צו איינעם, וועלכער איז געווען באַוואוסט אַלס אַ גרויסער גאון אין לערנען; איינער וואָס קען די גאַנצע תורה, סיי די שבכתב און סיי די שבעל פה אויפן קאָפּ און עס זיינען פאַר אים קלאָר אַלע דינים און הלכות פון אלף ביז תיו און אויך אַלץ וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט פון קלענסטן ביזן גרעסטן. אַזאַ איינער איז געוואָרן אַן אויטאָריטעט, אַז מען זאָל זיך צוהערן צו זיין אורטייל וועגן געוויסע דינים. דאָס האָבן געטאָן די רבנים אין אַלע לענדער. די תשובות וואָס דער גאון האָט געגעבן אויף די שאלות זיינען אָנגענומען געוואָרן און ער איז געוואָרן אַ „פוסק", איינער וואָס מען קען זיך פאַרלאָזן אויף אים.

דער אָנהויב איז געווען אין דער צייט פון די גאונים. יעדער גאון, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפיץ פון אַ גרויסער ישיבה, איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַזאַ אויטאָריטעט און דעריבער האָבן זיך די רבנים צו אים געוואָנדן מיט שאלות, אויף וועלכע ער האָט זיי געענטפערט. אַזוי ווי די ענטפערס (די תשובות) זיינען געווען ריכטיקע און לאָגישע, איז דער גאון בּיסלעכווייז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ פוסק. שפּעטער זיינען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן די „שאלות ותשובות הגאונים", דאָס הייסט, דאָס וואָס די גאונים האָבן געפּסק'נט וועגן פאַרשידענע דינים.

אין די שפּעטערדיקע דורות זיינען געווען צווישן די פוסקים, ר' חננאל אין דער מדינה קירואן אין אַפריקע, וואו עס איז געווען אַ גרויסע ישיבה, וואָס עס האָט געגרינדעט רבנו חושיאל. דערנאָך קומט רבנו נסים מיט זיין ספר „מגלת סתרים", וואו עס זיינען דאָ אויספירונגען בנוגע הלכות, וואָס ווערן אָנערקענט. שפּעטער, ווען דער אידישער צענטער האָט זיך אַריבער־געטראָגן פון בבל קיין שפּאַניע (און אויך טיילווייז קיין פראַנקרייך), טרעפן מיר אין ביידע לענדער פיל פוסקים, ווי ר' שמואל הנגיד (געשטאָרבן אין יאָר 1055). עס דערשיינט דאָס „ספר ההלכות" פון רבנו יצחק בן יהודה אבן גיאת (1089). אין יענער צייט איז אויך געשריבן געוואָרן דער „ספר האלפס" פון ר' יצחק אלפסי (ווערט אָנגערופן פאַרקירצט — הרי"ף), וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער אידישער וועלט און ער איז באַלד אָנערקענט געוואָרן אַלס פוסק. פון די ווייטערדיקע אָנערקענטע פוסקים זיינען געווען: דער רמב"ם (נפטר געוואָרן אין יאָר 1206), וועלכער האָט פעסטגעשטעלט די הלכות אין זיין ספר „היד החזקה", צו וועלכן די אידן פון דער גאַנצער וועלט ווענדן זיך ווען זיי ווילן וויסן, ווי אַזוי עס איז דער דין. אין דייטשלאַנד האָט געשמ'ט אין עלפטן יאָרהונדערט רבנו גרשום מאור הגולה (נפטר געוואָרן אין יאָר 1040), וועלכער האָט

זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיינע תקנות, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן פון אַלע אידן. די וויכטיקסטע פון זיי זיינען: 1) אַז מען זאָל נישט הייראַטן מער ווי מיט איין פרוי. 2) אַז אַ מאַן קאָן נישט געבן אַ גט זיין ווייב אויב זי וויל עס נישט. 3) אַז אַ מאַן דאַרף אָפּגעבן אַלץ וואָס זיין ווייב האָט אים אַריינגעבראַכט — צו איר פאָטער, אויב זי שטאַרבט אין ערשטן יאָר נאָך דער חתונה. 4) נישט צו קויפן קיין שום קריסטלעך־רעליגיעזע זאַכן פון גויים אָדער פון גלחים. 5) נישט צו עפענען אַ פרעמדן בריוו אָן יענעמס דערלויבעניש און נאָך פיל אַנדערע תקנות.

שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך ספרים פון הלכות, ווי דאָס ספר פון הראב״ד (ר׳ אברהם בן דוד פון פּושקיירי — פראַנקרייך) מיטן נאָמען „בעלי נפש״, וועגן ענינים פון נידה און טבילה; דאָס ספר העטור פון ר׳ יצחק בר אבא מרי פון מאַרסעיל (נפטר געוואָרן 1222); „ספר הראב״ן״ פון ר׳ אלעזר בן נתן (נפטר געוואָרן צום סוף פון 12טן יאָרהונדערט) וועגן דינים פון איסור והיתר; „הלכות נדרים״ און אַנדערע פון רמב״ן (נפטר געוואָרן אין יאָר 1270); „תורת הבית״ (הארוך והקצר) פון ר׳ שלמה בן אדרת (רשב״א) (נפטר — 1310); ספר החינוך, וואָס איז אָן אַ נאָמען פון מחבר; „ספר סמ״ג״ (ספר מצוות גדולות) פון ר׳ משה בן יעקב מקוצי (נפטר געוואָרן 1260); ספר המכריע פון ר׳ ישעיה מטראני (1250); דאָס ספר „תשב״ץ״ פון ר׳ שמשון בן צדוק (נפטר געוואָרן ענדע 14טן יאָרהונדערט); דער „ריב״ש״ פון ר׳ יצחק בן ששת (צום סוף פערצנטן יאָרהונדערט); דער רא״ש (רבנו אשר בן יחיאל — נפטר געוואָרן 1328); „מרדכי״ פון ר׳ מרדכי בן הלל פון נירענבורג (געשטאָרבן אויף קידוש השם אין יאָר 1398); ספר מצוות קטן (סמ״ק) פון ר׳ יצחק בר׳ יוסף פון קורביל (ענדע 13טן יאָרהונדערט); תשובות פון ר׳ מאיר בר׳ ברוך (מהר״ם פון רוטענבורג) און נאָך פיל אַנדערע.

צום ענדע פון 13טן יאָרהונדערט איז דערשינען אַ ווערק מיטן נאָמען „שאלות ותשובות מן השמים״ פון ר׳ יעקב הלוי פון מאַרוויש. דער מחבר דערציילט אין דער הקדמה, אַז ער האָט געפרעגט די שאלות דעם הימל און פון דאָרטן האָט ער געקראָגן אַ תשובה.

די נייע וויכטיקסטע ספרים פון די פוסקים זיינען: 1) די טורים פון רבנו יעקב בן רבנו אשר (נפטר געוואָרן 1340). די טורים באַשטייען פון 4 ספרים: א) טור אורח חיים וועגן מצוות תפילין, ציצית, מזוזות א. ד. גל. ב) טור יורה דעה וועגן שחיטה, מליחה, בשר בחלב און אַנדערע דינים. ג) טור חושן משפט וועגן געלט־ענינים צווישן מענטשן, און ד) טור אבן העזר, וועגן די ענינים פון גטין און קדושין. 2) דאָס ספר „בית יוסף״ פון ר׳ יוסף קארו (נפטר געוואָרן אין יאָר 1575). דאָס ספר איז געווען פריער אַ פּירוש צו די טורים, אָבער שפּעטער איז עס אַרויס אַלס אַ באַזונדער ספר, „שלחן ערוך״ און איז אָנגענומען געוואָרן פון אַלע אידן אַלס דאָס בוך פון הלכות, לויט וועלכן מען פּסק׳נט די דינים.

צום „ספר הטורים" האָט געשריבן אויך אַ פירוש ר' יואל סירקיש. זיין פירוש הייסט „בית חדש" און מען רופט עס בקיצור, דער ב"ח; דערנאָך דער גאון ר' יהושע פאַלק זיין פירוש „דרישה ופרישה" (צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט).

צום „שלחן ערוך" האָבן געשריבן פירושים: ר' דוד בר' שמואל הלוי, מיטן נאָמען „טורי זהב" (נפטר געוואָרן צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט); ר' אברהם גומבינער (אויך אין דער זעלבער צייט) אונטערן נאָמען „מגן אברהם; „באר הגולה" פון ר' משה רבקש פון ווילנע — ווייזט אָן די שטעלן פון וואַנען דער שלחן ערוך" האָט גענומען די דינים; „פרי חדש" פון ר' חזקיה בן דוד דע סילואַ (סוף 17טן יאָרהונדערט) וועגן אַ טייל דינים פון שלחן ערוך; „פרי מגדים" (סוף 18טן יאָרהונדערט) אַ פירוש אויף די טיילן פון שלחן ערוך וואָס הייסן „אורח חיים" און „יורה דעה" — און אַזוי נאָך פיל אַנדערע. פון די לעצטע פירושים אויף דעם שלחן ערוך: זיינען: דער „שפתי כהן" פון ר' שבתי בן ר' מאיר הכהן (דער ש"ך); דער „כרתי ופלתי" פון ר' יונתן אייבעשיץ און דער „קצות החושן" פון ר' אריה לייב הכהן.

איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פוסקים אין דער לעצטער צייט איז געווען ר' משה איסערליש (דער רמ"א), וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער ישיבה אין קראקא אויף זיינע אייגענע הוצאות און האָט אַליין אויסגעהאַלטן אַלע תלמידים, ווייל ער איז געווען זייער רייך. דער רמ"א איז אָנערקענט געוואָרן פאַרן גרעסטן פוסק אין פוילן און אַלע פסק'ענען לויט זיינע אָנווייזונגען. פון אים איז באַקאַנט זיין „דרכי משה" אויף די „טורים", „הגהות צום שולחן ערוך", „שאלות ותשובות" און אַנדערע.

.3

## העברעאישע אויפלעבונג און דיכטונג אין שפּאַניען — די בעלי־הדקדוק

די העברעאישע אויפלעבונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר פאַרן טויזנט אין בבל, האָט געהאַט איר אַנטוויקלונג אין שפּאַניען, וואו זי איז געשטיגן צו דער העכסטער מדרגה. עס זיינען אויפגעשטאַנען גרויסע דיכטער, וועלכע האָבן געשאַפן הויכע פּאָעטישע ווערק סיי אויפן רעליגיעזן געביט (שירי קודש) און סיי סעקולערע (שירי חול).

אין יענער צייט איז אויך איינגעפירט געוואָרן אין דער אַראַבישער דיכטונג צו שרייבן לידער מיט גראַמען, לויט פאַרשידענע פאָרמען און די אידן האָבן עס באַלד איבערגענומען. ווי עס איז באַקאַנט האָט מען אין דער ביבלישער עפּאָכע נישט געשריבן מיט קיין גראַמען. מען האָט בלויז

זיך באַנוצט מיט דער פאָרם פון א״ב, ד. ה. מען האָט געשריבן לידער וואָס יעדע שורה הויבט זיך אָן מיט אַן אות, כסדר לויטן אלף־בית. אויף אַזאַ אופן זיינען געשריבן געוואָרן פיל קאַפּיטלען פון תהלים און אַזוי איז אויך געשריבן געוואָרן, למשל, די קינה „איכה״.

די צייט פון גראַמען („חרוזים״ אויף העברעאיש) הויבט זיך אָן מיט די „פייטנים״ (די וועלכע האָבן געשאַפן די פיוטים און יוצרות). דאָס איז געווען אין דער צייט פון די גאונים. די ערשטע צו שרייבן אַזוי, זיינען געווען די פייטנים ינאי און אליעזר הקליר, אויך פון ר׳ סעדיה גאון זיינען געבליבן רעליגיעזע לידער אין גראַמען. דאָס איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין שפּאַניען פון יאָר טויזנט ביזן יאָר 1492, ווען די אידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניען. די צייט וואָס ווערט אָנגערופן די גאָלדענע עפּאָכע, ווייל דעמאָלט האָבן געלעבט די באַרימטע דיכטער: ר׳ אברהם אבן עזרא, ר׳ משה אבן עזרא, ר׳ שלמה בן גבירול, ר׳ יהודה הלוי און פיל אַנדערע.

ווי געזאָגט, איז דער אָנהויב פון דער באַנייטער העברעאישער דיכטונג געווען מיט רעליגיעזע לידער, פון זיי איז אַ גרויסער טייל געוואָרן „פיוטים״ און אויך „זמירות״, וואָס אידן זינגען שבת צו די דריי מאָלצייטן און אויך שבת צו נאַכט. שפּעטער האָבן די דיכטער אויך געשאַפן פיל אַנדערע לידער, נישט אויף רעליגיעזע טעמעס, ווי ליבע־לידער, וויג־לידער און אַנדערע. איינער וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין שרייבן ליבע־לידער איז געווען דער דיכטער ר׳ משה בן עזרא (געשטאָרבן אין יאָר 1139), וועלכער האָט געשאַפן זיין „ספר התרשיש״, אַ בוך וואָס איז לויטער ליבע־לידער. ליבע־לידער האָבן אויך געשריבן די אַנדערע גרויסע דיכטער פון שפּאַניען. בכלל גענומען, זיינען דעמאָלט אַנטשטאַנען פיל אידישע דיכטער, וואָס האָבן געשאַפן ביידע — שירי קודש און שירי חול. מען נעמט אָן, אַז אין די קנאַפּע 300 יאָר פון דער גאָלדענער עפּאָכע פון די אידן אין שפּאַניען, זיינען דאָרט אויפגעשטאַנען אַן ערך פון אַ הונדערט העברעאישע דיכטער. נישט אַלע האָבן זיך אָבער מיט עפּעס באַזונדערס אויסגעצייכנט. די באַ־גאַבטע פון זיי זיינען די, וועלכע מיר האָבן דאָ פריער געבראַכט. אין יענער צייט זיינען אויך אין אַנדערע לענדער געווען באַדייטנדע העברעאישע דיכטער, וועלכע האָבן געשאַפן סיי „שירי קודש״ און סיי „שירי חול״. צווישן די וואָס האָבן אין אַנדערע לענדער באַזונדערס געשאַפן וועלטלעכע לידער, איז געווען עמנואל הרומי (געשטאָרבן אין יאָר 1330) און ר׳ ישראל נגארא (אין טערקיי). דער לעצטער האָט געשאַפן סיי רעליגיעזע לידער און סיי ליבע־לידער.

און עס איז געווען אויך אין יענער צייט ווען עס האָט זיך באַוויזן ביי די אידן אַ גאַנצע ריי פון גראַמאַטיקער (בעלי דקדוק), וואָס האָבן גע־שאַפן ווערק אויף פעסטצושטעלן די גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך. אויך אָט די אַרבעט איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך אין בבל אין דער

צייט פון די גאונים און זי איז פאַרגעזעצט געוואָרן מיט פיל מער שטאַרקייט אין שפּאַניען.

צווישן די מדקדקים פון דער שפּאַנישער עפּאָכע האָבן מיר די נעמען פון ר' שמואל הנגיד; ר' דונש בן תמים; ר' מנחם סרוק און זיין קעגנער ר' דונש בן לברט; ר' יהודה חיוג; ר' יצחק און ר' משה גיקטיליא; ר' יונה אבן גנאח; ר' יהודה אבן בלעם; ר' משה און ר' דוד קמחי; ר' יוסף כספי; ר' יוסף זרקי; ר' דוד אבן יחייא און פיל אַנדערע.

די דאָזיקע מדקדקים האָבן געפאָרשט און געזוכט די יסודות פון דער העברעאישער שפּראַך און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ העברעאישע גראַמאַטיק, מיט וועלכע אַלע העברעאישע שרייבער און דיכטער באַנוצן זיך ביזן היינטיקן טאָג.

4.

## פאַלשע משיחים

אין אידישן לעבן זיינען כמעט אין אַלע דורות געווען פאַלשע משיחים און עס איז דעריבער געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור פון זיי און וועגן זיי.

די דאָזיקע פאַלשע משיחים האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַלע מאָל שטאַרק געגלויבט, אַז גאָט וועט שיקן צו זיי זיין משיח, כדי כדי זיי אויסצולייזן פון גלות. יעדעס מאָל ווען די צרות אויף אידן האָבן זיך פאַרשטאַרקט, אַזוי אַז עס איז שוין פול געוואָרן די מאָס און די ליידן זיינען שוין געוואָרן אוממעגלעך אַריבערצוטראָגן, האָט דאָס פאָלק געהאָפט און געגלויבט באמונה שלמה, אַז איצט מוז שוין גאָט שיקן צו זיי זיין גאולה. אַזאַ מאָמענט איז געווען זייער גינסטיק פאַר אַ פאַלשן משיח צו קומען צו די אידן און זאָגן צו זיי, אַז ער איז דער משיח פון גאָט און אַז גאָט האָט אים געשיקט אויסצולייזן די אידן. דאָס פאָלק וואָס האָט געהאָפט, געוואַרט און געגלויבט, אַז איצט דאַרף משיח קומען, האָט אים געגלויבט און איז פאַר אַ געוויסער צייט מיטגעריסן געוואָרן מיט אים. נאַטירלעך, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז געווען פאַלש, אַ בלויזע פאַרפירעריש און אַז ער איז נישט משיח. דאָס האָט געשאַפן אַ געפיל פון אַנטוישונג ביי פיל פון די וואָס האָבן אין אים געגלויבט, אָבער מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אַפילו ווען עס האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן בולט פאַר אַלע, אַז דער וואָס האָט זיך אָנגערופן משיח איז נישט דאָס, האָבן נאָך אַלץ פיל פון זיינע אָנהענגער אין אים געגלויבט אויף אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן אַפילו איבערגעגעבן דעם גלויבן אין אים צו זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

די פאַלשע משיחים האָבן זיך געטיילט אויף צוויי גרופּן, אויף אַזעלכע

וואָס האָבן באמת אַליין געגלויבט, אַז זיי זיינען משיחים און אַז זיי האָט גאָט געשיקט אויסצולייזן די אידן — און אויף אַזעלכע וואָס האָבן לכתחילה געוואוסט, אַז דאָס איז נישט אמת, אָבער זיי האָבן געוואָלט שפּילן אָט די ראָלע און עס האָט זיי נישט געקימערט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן און אפשר האָבן אַ טייל פון זיי באמת געמיינט, אַז עס וועט זיי געלונגען עפּעס צו דערגרייכן.

אַזעלכע פאַלשע משיחים זיינען אויפגעשטאַנען ביי אידן אַפילו פאַרן חורבן. אַזוי דערציילט יאָזעפוס אין זיין בוך „געשיכטע פון די אידן", אַז אַזעלכע משיחים האָבן געהאַט אַנהענגער, און אין אַ געוויסן זין גע־שטערט די אידן צו שאַפן אַ שלום מיט די רוימער.

זייט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג זיינען געווען אין יעדן דור איין פאַלשער משיח אָדער עטלעכע. שוין אין יאָר 44 איז געווען אַ פאַלשער משיח מיטן נאָמען טהעאדאס, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען צו העלפן די אידן. אַ צווייטער פאַלשער משיח איז אויפגעשטאַנען אין עגיפּטן, אין יאָר 55, וועלכער האָט געזאַמלט אַן אַרמיי צו קעמפן מיט רוים, אָבער דער רוימישער היי־קאָמישיאָנער פעליקס האָט אים מיט זיין אַרמיי אין אַ קורצער צייט פאַרניכטעט.

אין דער גאונישער עפּאָכע זיינען געווען אַ גאַנצע רייע פון אַזעלכע משיחים, אַלע גרינדער פון סעקטעז, ווי אַבו עיסאַי פון אספּאהאַן (אין יאָר 705), זיין תלמיד יודגאַן (אין יאָר 750) און נאָך איינער פון סיריען, סירינ' (אין יאָר 740) און אַזוי פיל אַנדערע וואָס האָבן זיך דערקלערט פאַר משיחים און געהאַט אַנהענגער, ווי מיר האָבן עס שוין פריער דערקלערט.

אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן זיינען געווען זייער פיל פאַלשע משיחים. אַזוי איז געווען איינער אין פראַנקרייך (אין יאָר 1087), אַ צווייטער אין שפּאַניען אין קאָרדאָוואַ (אין יאָר 1117), נאָך איינער אין מאַראָקאָ אין פאַס (אין יאָר 1127) און אַזוי נאָך פיל אַנדערע (אַ טייל ווערן דערמאָנט אין „אגרת תימן" פון רמב"ם).

אין יאָר 1160 איז אויפגעשטאַנען אַ פאַלשער משיח מיטן נאָמען דוד אל רואי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין קורדיסטאַן. ער האָט אַרויס־געלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע אידן פון אַזיען, אַז ער איז משיח און אַז עס איז געקומען די צייט אויסצולייזן די אידן און גערופן צוצושטיין צו אים און פירן אַ מלחמה מיטן פערסישן קעניג. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט טאַקע פאַרפירט אַזאַ מלחמה אין וועלכער ער מיט אַלע זיינע אַנהענגער זיינען פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער דאָך האָבן שפּעטער פיל פון זיינע אַנהענ־גער געזאָגט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און געגרינדעט אַ סעקטע וואָס האָט געהאַלטן פון אים. די סעקטע האָט זיך גערופן „מנחמים".

אין יאָר 1502 האָט זיך ווידער באַוויזן אַ נייער משיח אין דייטשלאַנד מיטן נאָמען אשר לעמלין. ער האָט געזאָגט די זעלבע ווערטער, אַז ער

איז משיח וואָס איז געקומען אויסצולייזן די אידן און פיל האָבן אין אים געגלויבט. אשר איז געווען אַזוי זיכער, אַז ער איז משיח, אַז ער האָט פאַרזיכערט זיינע נאָכפאָלגער ווינטער־צייט, אַז זיי וועלן נאָך באַקן מצות צוזאַמען מיט אים אין אַ באַפרייט ירושלים אין זעלבן יאָר. אָבער דער משיח איז פּלוצלונג געשטאָרבן. די אַנטוישונג וואָס זיין טויט האָט אַרויס־גערופן ביי זיינע אָנהענגער האָט געפירט דערצו, אַז פיל פון זיי האָבן זיך געשמדט.

אין יאָר 1524 איז ווידער געקומען אַ פאַלשער משיח, וועלכער האָט זיך גערופן דוד הראובני און דערציילט, אַז ער איז אַ ברודער פון קעניג כאַיבאַר אין אַראַביען, וואו עס זיינען דאָ פיל אידן און אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון זיי אַלס שליח צום פּאַפּסט און צו אַלע אייראָפּעאישע קעניגן, אַז מען זאָל אים געבן געווער צו קעמפן קעגן די מאַכמעדאַנער. ער איז אַפילו אָנגעקומען צום פּאַפּסט קלעמאַנט דעם זיבעטן און איז אויפגענומען געוואָרן פון פּאָרטוגעזישן קעניג. אָבער זיין סוף איז געווען נישט קיין גוטער, ווייל דאָס העכערע געריכט אין שפּאַניען האָט אים פאַר׳משפט פאַר פאַלשקייט צום טויט און ער איז פאַר׳סמ׳ט געוואָרן אין אַ געפענגעניש אין שפּאַניען.

אין יענער צייט איז געווען נאָך אַ פאַלשער משיח מיטן נאָמען שלמה מולכו, וועלכער איז שפּעטער אויך פאַר׳משפט געוואָרן צום טויט דורך פאַרברענען.

די לעצטע צוויי פאַלשע משיחים זיינען געווען: 1) שבתי צבי פון סמירנא, אין טערקיי אין יאָר 1626, וועלכער האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן, ווייל אין אים האָבן ווירקלעך געגלויבט אַפילו רבנים און געלערנטע פון זיין צייט. דער סוף איז אָבער געווען, אַז ער האָט זיך געשמדט אויפן מאַכמעדאַנישן גלויבן. אויך אין אים האָבן געגלויבט פיל פון זיינע אָנהענגער אַפילו נאָך זיין טויט. אַ טייל פון זיינע תלמידים האָבן זיך שפּעטער אויך דערקלערט פאַר משיחים, אָבער זיי האָבן שוין קיין גרויסן דערפאָלג נישט געהאַט. 2) יעקב פראַנק, אַ תלמיד פון שבתי צבי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין פּאָדאָליען, אין יאָר 1726, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. אָט דער גרינדער פון די פראַנקיסטן־באַוועגונג האָט צוגעצויגן צו זיך אַ גרויסן עולם פון פּראָסטן אידישן המון. אָבער אויך זיין סוף איז געווען, אַז ער צוזאַמען מיט טויזנט פון זיינע אָנהענגער, האָבן זיך געשמדט און זיינען געוואָרן קריסטן.

פון אַ טייל פאַלשע משיחים זיינען געבליבן ספרים, איבערהויפּט פון די לעצטע צוויי און פון זייערע תלמידים. אַזוי איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן די פאַלשע משיחים.

# די פילאָזאָפישע עפּאָכע

## II

(פון גירוש שפּאַניען ביז צו דער היינטיקער צייט)

.1

# ברוך שפּינאָזאַ און זיין פילאָזאָפישע שיטה

**דער מצב פון דער אידישער קהילה אין אַמסטערדאַם אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט. — די דריי רבנים וואָס האָבן דאָרט געווירקט. — דער חרם אויף שפּינאָזאַ'ן. — די רבנים וועלכע האָבן דערקלערט אַז זיי האָבן עס ניט געטאָן. — האָט דער חרם געהאַט אַ ווירקונג אויף שפּינאָזאַ'ס אידישן געדאַנקען־גאַנג? — ווער איז געווען דער פילאָזאָף דעקאַרט און וואָס איז זיין שיטה? — שפּינאָזאַ'ס „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" און דאָס בוך „עטיקאַ". — זיינע האַרבע רייד קעגן אידן און אידישקייט.**

פאַר דער צייט פון איבער הונדערט יאָר זינט דעם גירוש פון די אידן פון שפּאַניען, וואָס איז פאָרגעקומעןביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט (1942) ביזן אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט, האָט די אידישע וועלט ניט געקענט קומען צו זיך. די אידן פון שפּאַניען האָבן געהאַט פאַר זיך די אויפגאַבע איינצואָרדענען זיך אין די נייע ערטער וואוהין זיי זיינען געלאָפן: אין איטאַליען, טערקיי, האָלאַנד און פּוילן, און קליינע צאָלן אין נאָך אַנדערע ערטער. בכלל, זיינען די אידן איצט געגאַנגען אומעטום, וואו מ'האָט זיי נאָר אַריינגעלאָזט, און אַזוי אויך אין די ניי־אַנטדעקטע לענדער אויף יענער זייט פון אַטלאַנטיק — אין בראַזיליע, און שפּעטער אין אַמעריקע.

איינע פון די לענדער, וואָס האָט אויפגענומען די אידן מיט פיל גאַסט־פריינטלעכקייט, איז געווען האָלאַנד. דאָס לאַנד האָט געעפנט ברייט אירע טויערן פאַר די אידישע פליטים און באַלד זעען מיר אין האָלאַנד אַ גרויסע אידישע קהילה, מיט אָנגעזעענע אידן, מיט פּרנסים, מיט פיר פּרעכטיקע שולן אַלס געבעט־הייזער, אין וועלכע עס האָבן געווירקט פיר רבנים אָדער „חכמים", און מיט אַ גרויסער ישיבה פון זיבן קלאַסן מיטן נאָמען „עץ חיים". אין אָט־דער ישיבה האָט מען געלערנט אַלע אידישע לימודים, איבערהויפּט תנ"ך און העברעאיש, און די תלמידים פון זיבעטן קלאַס האָבן ניט נאָר געלערנט אַלע לימודים אויף העברעאיש, נאָר אויך צווישן זיך גערעדט העברעאיש. די לימודים פון תלמוד און פּוסקים האָט מען דאָרטן געלערנט ווייניק. דערמיט איז די ישיבה געווען ענלעך מער צו אַ מאָדערנער ישיבה ביי אונז אין אַמעריקע און ניט אַזוי ווי די ישיבות אין פּוילן און אין רוסלאַנד.

אין אַט־דער ישיבה האָט אויך געלערנט און געענדיקט זיינע לימודים דער יונגער תלמיד און „עילוי״ ברוך שפּינאָזאַ, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער באַרימטער אידישער פילאָזאָף. אָבער וועגן אים וועלן מיר רעדן אויספירלעך שפּעטער. פריער אָבער ווילן מיר דאָ זיך באַקע־נען מיטן גייסטיקן מצב פון דער אידישער קהילה אין אַמסטערדאַם אין יענער צייט, מיט אירע פרנסים און אירע רבנים (אָדער „חכמים״, ווי מען האָט זיי גערופן ביי די ספרדים), און בכלל מיטן גייסטיקן מצב פון דער ערשטער נייער קהילה נאָכן גירוש פון שפּאַניע.

* * *

די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אידן, וועלכע זיינען געקומען קיין אַמסטערדאַם פון די לענדער וואו מען האָט זיי אַרויסגעטריבן, האָבן גע־בראַכט מיט זיך ניט נאָר רעשטלעך פון זייערע פאַרמעגנס וואָס מען האָט זיי דערלויבט אַרויסצופירן, נאָר אויך די מנהגים און דעם לעבנס־שטייגער פון די אידן אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל אין יענער צייט.

צווישן די מנהגים זיינען געווען פאָלגנדע: די פרנסים און שטאָט־פירער זיינען געווען די רייכע אידן, אָנגעזעענע באַלעבאַטים, אַפילו ווען זיי זיינען ניט געווען קיין גרויסע לערנער און יעדע גרופּע פון אידן, יעדע לאַנדסמאַנשאַפט, האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע שול (ווי מיר האָבן עס איצט אויך דאָ אין אַמעריקע), אַזוי זיינען געווען שולן פון די פּאָרטו־געזישע אידן און שולן פון די וואָס זיינען געקומען פון די פאַרשידענע פּראָווינצן פון שפּאַניען, ווי פון אַראַגאָן, קאַסטיליען און אַנדערע געגנטן. ווי עס זעט אויס, זיינען געווען אין אַמסטערדאַם דריי שפּאַנישע שולן און איין פּאָרטוגעזישע שול. עס איז ביי זיי אויך געווען איינגעפירט ניט צו האָבן קיין רב (אָדער אַ חכם) פאַר דער גאַנצער שטאָט, ווי עס איז געווען שפּעטער אין מזרח־אייראָפּע, נאָר אַז יעדע שול זאָל האָבן איר אייגענעם „חכם״. אַזוי אַז עס זיינען געווען דעמאָלט אין אַמסטערדאַם פיר אַזעלכע „חכמ׳ס״ (כאַכאַמס), זיי האָבן געהייסן: ר׳ יצחק אבוהב, ר׳ מנשה בן ישראל, ר׳ שאול מאָר־טיירא, און ר׳ דוד פּאַרדאָ.

דער ערשטער, ר׳ יצחק אַבוהב, איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל אין יאָר 1606. ער איז געקומען קיין אַמסטערדאַם צוזאַמען מיט זיין מוטער, ווען ער איז געווען נאָך אַ קינד פון 7 יאָר, און האָט געלערנט דאָרטן ביים גרויסן רב פון יענער צייט, ר׳ יצחק עוזיאל. ר׳ יצחק אַבוהב איז ניט געוואָרן אַ גרויסער למדן, ווי זיין רבי האָט דערוואַרט אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכנט, נאָך אַלס בחור, מיט זיינע דרשות. ער האָט געהאַט אַ געשליפן צינגל, און איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אַלס פלאַם־פייערדיקער רעדנער און דעריבער נאָך גאָר יונג געוואָרן דער חכם פון דער פּאָרטוגעזישער קהילה. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 88 יאָר. קיין וויכטיקע ספרים זיינען נאָך אים ניט געבליבן.

ווענן אים שרייבט איינער פון זיין צייט, אַז ער, „אַבוהב, האָט געהאַט אַ שוואַכן כאַראַקטער און פלעגט יעדן איינעם חנפ׳ענען און זאָגן גוטע ווערטער״.

דער אַנדערער חכם, ר׳ מנשה בן ישראל, איז אויך געקומען קיין אַמסטערדאַם אַלס קליין קינד. מיט זיינע עלטערן איז געווען אַזאַ מעשה: אין אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט איז פּאָרטוגאַל אַרונטערגעפאַלן אונטער שפּאַניען און האָט אויפגעהערט צו זיין אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. אין יענער צייט איז די אינקוויזיציע אויף די מאַראַנען געוואָרן זייער פאַרשטאַרקט און אין יאָר 1605 האָט מען געבראַכט צו דער אויטאָ דאַ פע 150 מאַראַנען, וועלכע מען האָט געכאַפּט ביי געוויסע עבירות פון אָפהיטן אידישקייט. ווען אַלע זיינען שוין געווען צוגעגרייט דערצו, אַז מען זאָל זיי וואַרפן אין פייער אַריין, האָט פּלוצים דער קעניג פיליפּ דער דריטער געהייסן צוריקהאַלטן די אינקוויזיטאָרן פון פאַרברענען די מאַראַנען און דערקלערט, אַז „אויב זיי וועלן צוזאָגן אַז זיי וועלן שוין זיין גוטע קריסטן און, דער עיקר, אויב זיי וועלן איינצאָלן אין דער רעגירונגס־קאַסע די סומע פון הונדערט טויזנט רענדלעך און נאָך הונדערט טויזנט וועלן זיי געבן צו די מיניסטאָרן און צו די גלחים פון דער אינקוויזיציע, וועט מען זיי לאָזן לעבן״. פאַרשטייט זיך, אַז די אידן האָבן געגעבן דאָס געלט, ווייל אויב ניט, וואָלט מען עס דאָך ביי זיי סיי־ווי־סיי קאָנפיסקירט. שפּעטער האָט מען גע׳פּועל׳ט ביים פּאַפּסט און ער האָט צוגעשיקט אַ פּאַפּיר, אין וועלכן ער איז מוחל די דאָזיקע מאַראַנען.

די דאָזיקע מאַראַנען זיינען אַרויס פון די אינקוויזיטאָרישע הענט ממש נאַקעט און באָרוועס, ווייל זיי האָבן אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, אַ חוץ דעם, זיינען זיי געווען צעבראָכענע מענטשן גייסטיק און פיזיש פון די פּייניקונגען פון די אינקוויזיטאָרן חדשים לאַנג אין געפענגעניש און פון די טויט־שרעק וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט ווען מען האָט זיי געפירט צום אויטאָ־דע־פע. דעריבער זיינען אַלע 150 פאַמיליעס באַלד אַנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל און דאָס רוב פון זיי קיין אַמסטערדאַם, וואו די אידן האָבן געלעבט פריי, שוין צוואַנציק יאָר און האָבן געהאַט דאָרטן אַ פיינע אידישע קהילה. צווישן די, וועלכע זיינען געקומען אַהין, קיין אַמסטערדאַם, איז געווען אויך ר׳ יוסף בן ישראל מיט זיין פרוי און מיט אַ קליין קינד מיטן נאָמען מנשה. דער קליינער מנשה האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער מתמיד. ער האָט געלערנט ביי „חכם״ ר׳ יצחק עוזיאל גמרא און פוסקים, כאָטש קיין גרויסן פאַרשריט אין די קעגנשטאַנדן האָט ער ניט געמאַכט. ער האָט אויך געלערנט ביי אַנדערע לערער וועלטלעכע לימודים, ווי שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, לאַטיין און האָלענדיש.

ווען ר׳ מנשה בן ישראל איז אויסגעוואַקסן, האָט ער אַזוי ווי ר׳ יצחק אַבוהב זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע דרשות און עס האָט ניט לאַנג גענומען און ער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אַ „חכם" פון אַ שפּאַנישער קהילה און יעדן שבת פלעגט אַ גרויסער עולם אויך פון אַנדערע שולן קומען הערן זיינע דרשות.

ר׳ מנשה בן ישראל איז באַוואוסט אַלס דער יעניקער, וואָס איז געפאָרן צו קראָמוועל׳ן צו פועל׳ן ביי אים, אַז ער זאָל צוריק אַריינלאָזן די אידן אין ענגלאַנד. ר׳ מנשה האָט געגלויבט, אַז די ענגלענדער שטאַמען אָפּ פון די פאַרטריבענע צען שבטים און אָט מיט די רייד האָט ער געווירקט אויף ענגלישע גלחים און אויף די וואָס זיינען געווען נאָענט צו מלכות צו ווירקן אויף קראָמוועל׳ן, אַז די אידן ווען נאָר זיין אַ ברכה פאַרן לאַנד. ער האָט אויך אָנגעשריבן וועגן דעם אַ בוך אויף שפּאַניש „עספּעראַנצא דע איזראַעל" (די האָפענונג פון די אידן), וואָס עס איז שפּעטער איבערגע־זעצט געוואָרן אויף העברעאיש אונטערן נאָמען „מקוה ישראל". ענדלעך איז ר׳ מנשה בן ישראל געפאָרן קיין לאָנדאָן און האָט גערעדט אין פּאַרלאַמענט, אַז מען זאָל די אידן צוריק אַריינלאָזן אין לאַנד. דאָס איז געווען אין יאָר 1655. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און קראָמוועל האָט געעפנט די טויערן פון ענגלאַנד פאַר די אידן. ר׳ מנשה בן ישראל האָט פאַרפאַסט נאָך ווערק, ווי „נשמת חיים", „תשועת ישראל" און אַנדערע. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1657.

דער דריטער „חכם", ר׳ שאול מאָרטיירא, איז געוואָרן „חכם" אין אַמסטערדאַם דורך אַ צופאַל. ר׳ שאול האָט אויך געשטאַמט פון אַ פּאָרטו־געזישער פאַמיליע, אָבער ער איז געבוירן געוואָרן אין ווענעדיג (איטאַליע), וואוהין זיינע עלטערן האָבן עמיגרירט. ער איז געווען אין זיין יוגנט אַ פּריינט פון אַ באַרימטן דאָקטאָר אין יענער צייט, ר׳ אליהו מאָנטאַלטאָ, וועלכער איז געווען אַ הויף־דאָקטאָר אין פראַנקרייך ביי דער קעניגין מאַריאַ דע מעדיטשי. דער דאָקטאָר איז געשטאָרבן פּלוצים בעת ער איז געווען אויף אַ רייזע מיט דער קעניגין און איר זון, און די קעניגין האָט געהייסן, אַז זיין פריינט ר׳ שאול מאָרטיירא צוזאַמען מיט אַ זון פון נפטר און אויך זיין פעטער ר׳ יהושע זאָלן ברענגען זיין קערפּער קיין אַמסטערדאַם, וואו מען זאָל אים ברענגען צו קבורה אויף אַ אידישן בית־עולם. צוליב דעם וואָס מאָרטיירא איז געקומען מיט אַ שליחות פון דער פראַנצויזישער קעניגין, האָט דאָס אויסגענומען ביי פיל פון די דאָרטיקע אידן און איין שול האָט אים אויפגענומען אַלס חכם. ער איז אָבער ניט געווען אַזאַ גרויסער רעדנער ווי ר׳ יצחק אַבוהב און ווי ר׳ מנשה בן ישראל. פון אים איז געבליבן אַ קליין ספר׳ל „גבעת שאול", אַ זאַמלונג פון זיינע דרשות.

דער פערטער חכם, ר׳ דוד פאַרדאָ, האָט ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע אין אַמסטערדאַם אין יענער צייט. פון אים זיינען קיין ספרים ניט

געבליבן (עס זיינען דאָ עטלעכע ספרים פון איינעם ר׳ דוד פּאַרדאָ, אָבער דער מחבר איז אַן אַנדערער). אָבער די אַלע חכמים זיינען געווען לערער אין דער ישיבה „עץ חיים" און זיינען דעריבער געווען ברוך שפּינאָזאַ׳ס רביים אין אידישע לימודים.

איצט, אַז מיר ווייסן שוין ווי אַזוי די קהילה און אירע „חכמים" זיינען געווען, קענען מיר זיך אומקערן צוריק צו ברוך שפּינאָזאַ.

ברוך שפּינאָזאַ׳ס עלטערן זיינען געקומען קיין אַמסטערדאַם פון שפּאַניען, פון אַ שטעטל וואָס האָט געהייסן שפּינאָזאַ, און דערפאַר האָבן זיי זיך גערופן „דע שפּינאָזאַ", פון שפּינאָזאַ. זיין פאָטערס נאָמען איז געווען מיכאל דע שפּינאָזאַ. ער איז געווען ניט קיין גרויסער בעל־תורה און אויך ניט קיין פאַרמעגלעכער מענטש, אָבער ער האָט געפירט אַ שיין באַלעבאַטיש הויז און איז דערפאַר געווען זייער אָנגעזען אין שטאָט. זיין זון ברוך איז געבוירן געוואָרן דעם 24טן נאָוועמבער, 1632, אין דער שטאָט אַמסטערדאַם. ברוך, ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן „עילוי". ער האָט געלערנט אין דער ישיבה „עץ חיים" און האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. ווען ער איז אַלט געווען 6 יאָר, איז זיין מוטער געשטאָרבן, און דער פאָטער האָט געהיראַט מיט אַן אַנדערער פרוי, פון וואָס דער יונגער ברוך איז ניט געווען זייער שטאַרק צופרידן. ברוך איז בטבע געווען אַ שטיל־שווייגנדער און דאָס וואָס ער האָט געהאַט אַ שטיף־מאַמע אין הויז, וועלכע איז ניט געווען צו גוט צו אים, האָט נאָך מער געווירקט אויף זיין געמיט און אים געמאַכט גאָר צו זיין איינגעהאַלטן מיט רייד. ווען ער איז אַלט געוואָרן 23 יאָר, איז זיין פאָטער געשטאָרבן. עס זעט אויס, אַז ער האָט אים געלאָזן אַ שטיקל ירושה, ניט קיין גרויסע, אָבער אַ סומע פון וועלכער ער האָט געלעבט באַשיידן אַ צייט לאַנג, און לויט אַנדערע, אַפּילו ביז זיין טויט, ווייל ער האָט ווייניק געדאַרפט.

ברוך שפּינאָזאַ האָט, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די ישיבה, אַליין ווייטער געלערנט. ער האָט שטודירט און געקענט גוט שפּאַניש, לאַטיין, האָלענדיש און אויך אינזשענירינג. באַזונדערס האָט ער זיך פאַרנומען מיט אידישער פילאָזאָפיע און האָט גוט געקענט אַלע ווערק וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון די אידישע פילאָזאָפן אין שפּאַניען, איבערהויפּט דעם רמב״ם, דעם אבן עזרא און דעם רלב״ג. ער האָט אויך געלייענט די פילאָזאָפישע ווערק פון ניט־אידישע געלערנטע. באַזונדערס האָט ער זיך אינטערעסירט מיט די ווערק פון דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף רענע דעקאַרט (קאַרטעזיוס), וועלכע האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ רושם אויף דער יוגנט מיט זייער אַנדערש־קייט פון דעם אופן, ווי עס האָבן געדענקט די פילאָזאָפן ביז יענער צייט (וועגן דעקאַרט׳ס שיטה וועלן מיר רעדן שפּעטער). שפּינאָזאַ האָט אויך געלערנט ביי דעם גרויסן געלערנטן פראַנץ וואַן דען ענדען, וועלכער האָט געלייענט לעקציעס פאַר דער יוגנט אין אַמסטערדאַם. וואַן דען ענדען

האָט ליב געהאַט אָפּצולאַכן פון רעליגיע. עס קען זיין, אַז דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף ברוך שפינאָזאַ, אָבער ער האָט וועגן דעם מיט קיינעם ניט גערעדט און אַוודאי ניט געשריבן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אויסדריקן פרייע געדאַנקען.

אין יענער צייט פלעגט שפינאָזאַ אַריינקומען אָפט אין שול. מען ווייסט אויף זיכער, אַז נייַן חדשים נאָך זיין פאָטערס טויט איז ער נאָך געקומען אין שול און געזאָגט קדיש נאָכן פאָטער, און איין מאָל אַפילו מנדב געווען בעת אַן „עליה" אַ קליינע סומע צום פאָטערס אָנדענקען. דאָס איז געווען אין יאָר 1655.

אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער, דעם 12טן יולי, 1956, האָט מען אויסגערופן אַ חרם אויף ברוך שפינאָזאַ, אַ חרם מיט שוואַרצע ליכט און קללות און חרמות. פאַרוואָס? מיט וואָס האָט זיך דאָס ברוך שפינאָזאַ, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן 24 יאָר, און איז געווען אַ באַשיידענער יונגערמאַן, זייער באַלערנד און באַליבט כמעט ביי אַלע, זיך אַזוי פאַרזינדיקט, אַז מען זאָל אויסרופן אויף אים אַ חרם? וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן אָדער געזאָגט?

אָט־דאָס איז אַ רעטעניש וואָס פיל היסטאָריקער און ביאָגראַפן פון ברוך שפינאָזאַ זוכן צו פאַרשטיין, וואָרים ברוך שפינאָזאַ האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט געהאַט פאַרעפנטלעכט קיין שום שריפט און אַזוי־אַרום איז ניט געווען קיין אורזאַך צו זאָגן, אַז ער האָט געפּרעדיקט אַפּיקורסות.

דאָס וואָס אַ טייל זאָגן, אַז ער האָט זיך פאַרליבט אין וואַן דען ענדענ'ס טאָכטער, איז ניט מער ווי אַ לעגענדע, ווייל דאָס גאַנצע מיידל איז דעמאָלט אַלט געווען דרייצן יאָר און איז געווען דערצו אַ גרויסע מיאוס'קייט. אויך דאָס וואָס אַ טייל גיבן־אָן, אַז ער זאָל האָבן אויסגעדריקט זיך פאַר צוויי חברים מיט אַפּיקורסישע רייד איז אויך ניט מער ווי אַ בבא־מעשה. יעדנפאַלס קומט נאָך ניט דערפאַר צו לייגן אין חרם אַריין. אַ פאַקט איז אויך, אַז אַפילו נאָכן חרם איז ברוך שפינאָזאַ ניט אַוועק פון אידישן גלויבן און האָט זיך ניט דערווייטערט פון אידן. ער האָט זיך ניט גע'שמד'ט און האָט אַלץ ווייטער זיך געהאַלטן פאַר אַ איד.

פאַרוואָס, אַלזאָ, איז אים געקומען צו לייגן אין חרם אַריין? און ווער האָט עס געטאָן? האָבן עס געטאָן די רבנים, די חכמים, אָדער די פירער פון דער קהילה, די פּרנסים?

פון אַ לאַנגער אויספאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דעם ענין איז צו זען, אַז די רבנים, די „חכמים" האָבן עס ניט געטאָן. ר' מנשה בן ישראל איז דעמאָלט ניט געווען מער אין אַמסטערדאַם, נאָר אין לאָנדאָן. וועגן ר' יצחק אַבוהב ווייסט מען, אַז זיין זון האָט עדות געזאָגט פאַרן פּראָטעסטאַנטישן גייסטלעכן קולירוס, אַז זיין פאָטער האָט ניט געהאַט צו טאָן מיטן חרם. ר' שאול מאָרטיירא האָט אַזוי ליב געהאַט זיין תלמיד ברוך

שפינאָזאַ, אַז ער האָט דערקלערט אַז ער וועט גאָרניט טאָן אים ווי צו טאָן, און אין דער אמת'ן זיינען די נעמען פון די דריי געבראַכטע רבנים (אָדער חכמים) ניט דערמאָנט אונטערן חרם. עס שטייט נאָר „בהסכמת הרבנים" (מיט דער הסכמה פון די רבנים), אָבער זייערע נעמען זיינען נישטאָ אונטערן טעקסט פון חרם. אויב אַזוי, איז די פראַגע נאָך שטאַרקער, ווער האָט אויס־גערופן דעם חרם אויף שפינאָזאַ'ן און פאַרוואָס ?

מיר וועלן פּרואוון דאָס קלאָר צו מאַכן לויט די מאַטעריאַלן וואָס זיינען געבליבן פון יענער צייט.

* * *

ווי מיר האָבן שוין דערקלערט, איז די פירונג פון די פרנסים און די גבאים אין אַמסטערדאַם אין דער צייט פון ברוך שפינאָזאַ, געווען גאַנץ אַנדערש ווי די פירונג פון די גבאים און קהל'שע פאַרזאָרגער אין מזרח־אייראָפּע, ווי רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, רומעניע און אַנדערע לענדער. אין מזרח־אייראָפּע איז געווען איינגעפירט, אַז עס איז געווען איין רב אין שטאָט, אַפילו אין אַ גרויסער שטאָט. ער איז ניט געווען דער רב פון אַ שול, נאָר דער רב פון שטאָט. אין גאָר גרויסע שטעט, וואו עס זיינען געווען עטלעכע רבנים, איז געווען אַ רבנישע אינסטיטוציע, וואָס האָט געהייסן „דער ראַבינאַט", וועלכע האָט געהאַט אַ דעה איבער אַלע אידישע ענינים פון דער שטאָט. אַזוי האָבן זיך די רבנים טאַקע אונטערגעשריבן „אב"ד דק"ק..." וואָס האָט געמיינט: „אב בית דין דקהילה קדושה" און דאַן איז געקומען דער נאָמען פון דער שטאָט. דער רב אָדער דער ראַבינאַט איז געשטאַנען העכער פון די פרנסים אָדער גבאים, די פירער פון די שולן און פון דער שטאָט. דער רב איז געווען די ערשטע אויטאָריטעט און האָט דעריבער געהייסן „מרא דאתרא" — דער בעל הבית פון דער שטאָט. די שטאָט־פירער, ווי די גבאים, די פאָרשטייער פון דער קהילה און אַלע אַנדערע, האָבן ביי יעדער זאַך צום ערשטן געמוזט פרעגן וואָס דער רב זאָגט און אויב ער האָט געזאָגט „ניין", איז געווען ניין. אַ רב האָט געקענט אַמאָל זיך אָנבייזערן אַפילו אויף אַ קהל־פאָרשטייער. גאַנץ אַנדערש אָבער איז עס געווען ביי די ספרדים, ווען זיי האָבן געלעבט אין שפּאַניען. דאָרטן האָבן די שטאָט־פירער, די פרנסים, געהאַט די גאַנצע דעה איבער אַלעם. זיי זיינען געווען די ערשטע אויטאָריטעט און דער רב האָט געמוזט פאָלגן זיי און זיך צוהערן צו זייערע רייד.

דאָס, אייגנטלעך, האָט געשטאַמט נאָך פון דער צייט אין בבל ווען עס האָט דאָרט געהערשט (ביז יאָר 1000) אַן עקזילאַרך, וועלכער האָט געהאַט כמעט די מאַכט פון אַ אידישן הערשער און האָט געקענט אויסטיילן שטראָפן, אַפילו ביז טויט־שטראָף. ווען די אידן זיינען אַוועק פון בבל קיין שפּאַניע, האָבן די דאָרטיקע „נשיאים" אָדער פּרעזידענטן פון דער קהילה ווייטער אָנגעהאַלטן די זעלבע מאַכט, מער אָדער ווייניקער. און אָט דעם מנהג האָבן זיי אויך איבערגעטראָגן קיין אַמסטערדאַם, וואוהין זיי זיינען געקומען נאָך



ברוך שפּינאָזאַ

דעם גירוש שפּאַניען. (אויך ביי אונז, דאָ אין אַמעריקע, האָבן די ערשטע ספרדים וואָס זיינען געקומען אַהער איינגעפלאַנצט דעם דאָזיקן שעדלעכן מנהג, אַז דער פּרעזידענט פון אַ שול שטייט איבערן רב און ער זאָגט דעם רב וואָס צו טאָן, און אַזוי איז עס געבליבן ביזן היינטיקן טאָג — אַ זאַך צו וואָס מיר, אידן וועלכע זיינען געקומען פון מזרח־אייראָפּע, זיינען ניט געוואוינט, ווייל ביי אונז איז דער רב געווען דער פירער פון דער קהילה און ניט די גבאים).

אַלזאָ, אין אַמסטערדאַם האָט אין יענער צייט געהערשט אַ מורא׳דיקער רעזשים פון די פּרנסים, וועלכע האָבן געפירט די שטאָט מיט אַן אייזערנעם פויסט, כמעט מיט אַ דיקטאַטארישער מאַכט און געטאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. דער „לוש סיניוריש דיל מעמד" (די פירער פון דער קהילה, ווי זיי

האָבן זיך גערופן) האָט דעמאָלט זיך געפירט, אַז ער פלעגט לייגן אין חרם אַריין מענטשן וועלכע האָבן מיט עפּעס וואָס אָנגערירט זייער כבוד, און די רבנים (די „חכמים") האָבן שטילערהייט געמוזט צושטימען דערצו. דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט אוריאל אַקאָסטאַ, מיט אַ צען יאָר פריער, וועלכן מען האָט גע׳רודפ׳ט דערפאַר וואָס ער האָט געוואָגט אַרויסצוזאָגן אַביסל פרייע געדאַנקען וועגן „השארת הנפש" און „תחית המתים", געדאַנקען וואָס זיינען געווען ניט פרייער ווי די פון רלב"ג, אָבער ער, אַקאָסטאַ, האָט אויך באַליידיקט די פּרנסים. דערפאַר האָט מען אים צוויי מאָל געלייגט אין חרם אַריין און שפּעטער געטריבן צו זעלבסטמאָרד אין בליענדן עלטער פון 44 יאָר.

מיר זעען אויך, אַז די פּרנסים האָבן זיך באַנוצט מיט דעם חרם־מיטל אַזוי שטאַרק (ווייל קיין אַנדערע מיטלען, ווי אַמאָל אין שפּאַניען, האָבן זיי ניט געהאַט), אַז עס זיינען געווען פילע אָנקלאַגן קעגן דער קהילה וועגן דעם אין האָלענדישן געריכט און ענדלעך האָט די רעגירונג זיך געזען געצוואונגען צוצונעמען ביי דער קהילה אָט־דעם מיטל און אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל צום „סיניוריש דיל מעמד", אַז ער זאָל זיך מער מיט דעם מיטל פון חרם ניט באַנוצן.

דערמיט ווערט קלאָר, אַז דער חרם אויף שפּינאָזאַ׳ן האָבן די פּרנסים אַליין פאַרטראַכט און דערנאָך אים אויסגערופן און די רבנים (אָדער די חכמים) האָבן געשוויגן, ווי זיי האָבן אַלע מאָל געטאָן ווען די קהילה־פאַרשטייער האָבן געלייגט אימיצן אין חרם.

* * *

אָבער אַפילו אויב שפּינאָזאַ האָט מיט עפּעס אָנגערירט דעם כבוד פון דעם „מעמד" (אָדער אימיצן פון זיי), האָט דאָך געמוזט זיין אַ זאַך, וואָס שפּינאָזאַ האָט דערמיט געזינדיקט קעגן דער אידישער רעליגיע, ווייל אין חרם ווערט געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשפּרייט „אַפּיקורסות און אומגלויבן". מעגלעך, אַז שפּינאָזאַ, וועלכער האָט שוין דעמאָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט פרייע געדאַנקען, האָט עפּעס געלאָזט פאַלן אַ וואָרט דאָ און דאָרטן. דערפאַר האָט מען אים דאָס פריער באַשטראָפט מיט אַ מין קליינעם חרם, וואָס הייסט „נדוי", אָן שוואַרצע ליכט און אָן צערעמאָניע און אויך בלויז אויף דרייסיק טעג. די רבנים וועלכע האָבן געהאַלטן פון אים האָבן דערוואַרט, אַז ער זאָל נאָך די דרייסיק טעג קומען צו זיי און זאָגן „חטאתי", כ׳האָב געזינדיקט. זיי האָבן אים אַפילו געלאָזט וויסן, אַז ער וועט דערנאָך קריגן פון דער קהילה 1,000 רענדלעך אַ יאָר אויף צו לעבן. אַלץ וואָס זיי האָבן פון אים געוואָלט איז געווען, אַז ער זאָל ניט רעדן קיין שלעכטס אויף דער אידישער רעליגיע און זאָל פון צייט־צו־צייט קומען אין שול אַריין. אָבער שפּינאָזאַ, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, האָט דאָס ניט געוואָלט. באַלד האָט פּאַסירט, אַז איינער פון די אידישע פאַנאַטיקער איז אָנגעפאַלן אויף

אים מיט אַ מעסער ווען ער איז אַרויס פון טעאַטער. שפּינאָזאַ איז ניצול געוואָרן פון טויט, אָבער דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אַמסטערדאַם און וואוינען אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון אַמסטערדאַם, אין אַ הויז פון אַ קריסט־לעכער פאַמיליע. ווען די פּרנסים האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי באַשלאָסן אויסצורופן אויף אים דעם חרם. אין אָנהויב פון חרם ווערט טאַקע געזאָגט, אַז ער ווערט אויסגערופן פון די „אנשי מעמד", מיט דער צושטימונג (אָדער שווייגן) פון די רבנים.

דער חרם האָט אויף שפּינאָזאַ'ן ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק, ווייל ער האָט ליב געהאַט די איינזאַמקייט און האָט סיי־ווי געוואָלט לעבן אָפּגע־זונדערט פון אַלע. לויט דעם חרם האָט מען אים ניט געטאָרט מצרף זיין צו מנין, אויך ניט מל'ע זיין זיינע זין, און ניט באַגראָבן אים אויפן אידישן בית־עולם. אַזוי ווי שפּינאָזאַ האָט סיי־ווי ניט געוואָלט גיין אין שול אַריין און אַזוי ווי ער האָט ניט חתונה געהאַט און ניט געהאַט קיין קינדער, האָט עס גאָרניט געמיינט פאַר אים. און וואָס שייך וועגן קבורה, האָט אים ניט אינטערעסירט וואו זיינע ביינער וועלן ליגן נאָך זיין טויט.

שפּינאָזאַ האָט דערנאָך געלעבט ביזן יאָר 1670 אין פאַרשידענע קליינע ערטער נעבן אַמסטערדאַם. שפּעטער האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין האַאַג, וואו ער האָט געלעבט ביזן יאָר 1677 (ער איז געשטאָרבן פּלוצלונג דעם 21טן פעברואַר). ער איז געווען אַ לונגען־ליידנדער די לעצטע יאָרן און האָט זיך פאַרנומען מיט שלייפן גלאָז. אָבער עס איז אַ סברא, אַז ער האָט עס ניט געטאָן אויף צו פאַרדינען אויף צום לעבן, ווייל ער האָט געהאַט גענוג פון דער קליינער ירושה וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזן. אויסער דעם האָבן אים אויך פריינט געשטיצט. ער האָט ביים לעבן אַרויס־געגעבן בלויז איין בוך מיטן נאָמען „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט". (דאָס ווערק, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן פריער, אין יאָר 1663 וועגן דעקאַרט'ס שיטה, איז געווען נאָר אַ האַנט־בוך פאַר סטודענטן). אָט־דאָס נייע בוך, דער „טראַקטאַט", האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם אין דער קריסטלעכער וועלט, ווייל עס איז נאָך ביז דעמאָלט קיינער ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף קעגן רעליגיע ווי שפּינאָזאַ. די גלחים האָבן דעריבער געאַרבעט מעשים, ביז זיי האָבן גע'פּועל'ט, אַז מען זאָל עס פאַרבאָטן צו פאַרקויפן. שפּינאָזאַ האָט דעריבער ניט געוואָלט פאַרעפנטלעכן מער קיין שום ווערק, און געלאָזן אַ צוואה, אַז מען זאָל אַרויסגעבן זיינע ווערק נאָך זיין טויט. זיינע פריינט האָבן טאַקע נאָך זיין טויט אַרויסגעגעבן זיין בוך „עטיקאַ".

מיר זעען אַלזאָ, אַז די ערשטע אַרבעט פון שפּינאָזאַ'ן איז געווען צו דערקלערן געניי די פילאָזאָפישע שיטה פון דעקאַרט'ן. דערפון זעט מען, אַז די שיטה איז אים געווען צום־נאָענטסטן. עס איז דעריבער אינטערעסאַנט צו וויסן אַביסל מער וועגן אָט־דעם פילאָזאָף, דעקאַרט, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, און אויך וואָס אַזוינס עס איז זיין שיטה.

ווי ווייט עס איז באַקאַנט, איז רענע קאַרטעזיוס דעקאַרט געבוירן געוואָרן אין יאָר 1596, אין פראַנקרייך, ביי פרומע קאַטוילישע עלטערן. ער האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט אין אַ יעזואיטישער שולע, און כאָטש ער האָט שפּעטער געפירט אַן אָפּגעזונדערט, איינזאַם לעבן, איז ער דאָך געבליבן אַ פרומער קאַטאָליק. ער האָט אַפילו געבעטן צו דער הייליקער מוטער, אַז זי זאָל אים העלפן צו קענען פאַרמולירן זיינע געדאַנקען. ער האָט אויך געגלויבט אין חלומות און פלעגט זאָגן, אַז מען האָט אים געוויזן אין חלום ווי אַזוי צו שאַפן זיין שיטה אין פילאָזאָפיע. אָבער דאָך איז אָנגענומען אין דער וועלט, אַז דעקאַרט האָט געוויזן אַ נייעם וועג אין פילאָזאָפיע, פּונקט אַזוי ווי קאָלאָמבוס אין געאָגראַפיע און בעיקאָן אין פיזישער וויסנשאַפט. ער ווערט גערופן „דער פאָטער פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע". פאַרוואָס עס איז אַזוי, וועלן מיר דאָ דערקלערן.

די הויפּט־שטאַרקייט פון דעקאַרט׳ס שיטה איז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן פון פילאָזאָפיע אַ פעסטגעשטעלטע וויסנשאַפט, באַגרינדעט אויף שטאַרקע יסודות. ער, וואָס איז געווען אין תוך אַ מאַטעמאַטיקער, האָט פּרובירט אַריינצוברענגען מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען און אַקסיאָמען אין דער פילאָזאָפיע. דעריבער האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין באַקאַנטער ערשטער הנחה וואָס זאָגט: „איך דענק, דאָס איז אַ באַווייז, אַז איך עקזיסטיר" (די הנחה איז באַקאַנט אין דער פילאָזאָפישער וועלט לויט איר לאַטיינישער פאָרמולאָ: „קאָגיטאָ, ערגאָ סום").

ווייטער קומט ער צו די הנחות, אַז אין דער וועלט געפינען זיך שטאָף (מאַטעריע) און שכל (גייסטיקעס). אַז אַ שטיין קען ניט טראַכטן און מוז האָבן אַן אָרט. אָבער ניט נאָר אַ שטיין מוז ליגן אויף אַן אָרט, נאָר אויך יעדע מאַטעריע. דאָס גייסטיקע אָבער דאַרף ניט קיין אָרט. אַ מענטש טראַכט מיט זיין שכל וואָס איז ניט געבונדן צו אַ געוויסן פּלאַץ. אַזוי אַרום ווייסן מיר, אַז עס איז דאָ גייסטיקעס אויף דער וועלט. דאָס פירט אונז צום געדאַנק, אַז עס איז דאָ אַ הויפּט־גייסטיקער כח, וואָס אונזער געדאַנק איז אַ טייל פון אים, און היות ווי גייסטיקעס דאַרף ניט קיין אָרט און אויך ניט קיין צייט, איז דערפון געדרונגען, אַז דער גייסטיקער כח איז איבער דער מאַטעריע. דעריבער קענען מיר קומען צום באַשלוס, אַז דאָס גייסטיקע שטייט העכער ווי דאָס מאַטעריעלע און דערפון צום פועל יוצא, אַז עס איז דאָ אַ גייסטיקער כח, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט און אַז אָט־דער כח האָט ניט שום פיזישע פאָרם אָדער געשטאַלט. דאָס מיינט, אַז מען קען זיך די העכסטע גייסטיקע קראַפט, די געטלעכקייט, ניט פאָרשטעלן אין דעם געשטאַלט פון אַ מענטש, וואָס איז אַ געמיש פון גייסט און מאַטעריע.

אויפן גרונד פון דער טעאָריע שפינט דעקאַרט ווייטער און בויט אויס דערויף אַ גאַנצע נייע פילאָזאָפישע שיטה. אויפן גרונד פון דער דאָזיקער שיטה האָט ברוך שפינאָזאַ אויסגעבויט זיין שיטה וועגן גאָט און וועלט. אָבער

שפינאָזאַ האָט געמאַכט נאָך אַ שריט ווייטער, מיט אַ ווייטערדיקער הנחה, אַז די וועלט איז איין גאַנצעס און אַז דאָס וואָס מיר רופן אָן מאַטעריע איז דאָס וואָס מיר רופן אָן גייסט, איז איינס און דאָס זעלבע. עס איז אַלץ איין גאַנצעס, ווייל שטאָף און מאַטעריע זיינען נאָר צוויי פאָרמען פון איין זאַך, און אַזוי ווי דאָס העכסטע גייסטיקע איז די העכסטע קראַפט פון דער וועלט, איז אויך דער שטאָף, די מאַטעריע, דאָס העכסטע, ווייל עס איז אַלץ איינס. לויט דעם איז ביי אים אויסגעקומען, אַז גאָט איז די וועלט און די וועלט איז גאָט — די שיטה פון פאַנטעאיזם.

אָבער ווען מיר טראַכטן זיך אַריין טיפער זעט מען, אַז שפינאָזאַ האָט געקראָגן דעם ערשטן שטויס דערצו גאָר פון די ווערק פון די אידישע פילאָזאָפן אין שפּאַניען און באַזונדערס פון ספר „מקור חיים״ פון ר׳ שלמה בן גבירול, וואו עס רעדט זיך אַרום אויספירלעך וועגן אָט־דער דאָזיקער איינהייט און גאַנצקייט פון גאָט און וועלט — און באַזונדערס גאָר פון די קאַבאַליסטישע ספרים, וועלכע האָבן געשאַפן דעם באַגריף „לית אתר פנוי מניה״ (עס איז ניטאָ קיין אָרט אין דער וועלט אָן אים). אַזוי זעען מיר, אַז אין בראשית (כ״א, ל״ג) וואו עס שטייט געשריבן אַז ווען אברהם אבינו האָט געשלאָסן אַ שלום מיט אבימלכ׳ן און געפלאַנצט אָן „אשל״ (אַזאַ בוים) אין באר שבע, האָט ער דאָרטן אויסגערופן דעם נאָמען פון גאָט „אל עולם״, ווייל (אַזוי דערקלערן די מקובלים) „אל״ איז „עולם״ און „עולם״ איז „אל״ (גאָט איז וועלט, און וועלט — גאָט).

שפינאָזאַ האָט טאַקע גענומען פון דעקאַרט׳ן דעם געדאַנק, אַז עס זיינען דאָ מאַטעריעלע עקזיסטענצן און גייסטיקע עקזיסטענצן, אָבער ער האַלט, אַז דער מקור פון אַלעם איז די העכערע גייסטיקייט וואָס מיר רופן אָן געטלעכקייט. וועגן די גייסטיקע כוחות פון מענטש זאָגט שפינאָזאַ, אַז זיי טיילן זיך אויף דריי טיילן: אויף פאָרשטעלונגס־קראַפט (דאָס וואָס מיר באַגרייפן דורך דער פאַנטאַזיע — אָבער דאָס קען זיין פאַלש); דאַן דאָס וואָס מיר באַגרייפן דורך דעם שכל, אָן איינפלוס פון די אויפנאַמס־חושים (וואָס עס קען שוין זיין נעענטער צום אמת), און דאָס, וואָס מיר פילן אַז עס איז אַזוי, אָדער עס וועט אַזוי זיין דורך אָן אינערלעך געפיל, דורך אינטואיציע (וואָס עס איז דער אמת). דערמיט איז ער געווען דער ערשטער דאָס צו אָנערקענען, פיל פריער פאַר דעם אידישן פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן.

פון אָט־די הנחות איז שפינאָזאַ געקומען שפּעטער צו נייע מיינונגען וועגן דער ראָלע פון רעליגיע אין לעבן פון מענטש און באַזונדערס וועגן דער ראָלע פון דער אידישער רעליגיע פאַר די אידן. אָבער גראָד ער, וואָס האָט פריער געהאַט אָוועקגעשטעלט די הנחה, אַז מען דאַרף ביים באַטראַכטן לעבנס־דערשיינונגען „ניט לאַכן און ניט וויינען, נאָר פאַרשטיין״, לאָזט זיך דאָ גראָד פאַרפירן פון זיינע באַליידיקטע געפילן צוליבן חרם און רעדט אויס אַלדאָס בייז אויף די אידן און אידישקייט, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

* * *

ברוך שפינאָזאָ האָט געהאַט אַ גוטן גרונד, צוליבן חרם וואָס די אַמסטער־דאַמער קהילה האָט אויף אים אויסגערופן, צו זיין פאַרביטערט קעגן די ראשי־קהל, אָבער איז דען דאָס גענוג אורזאַך צו זיין אין כעס אויף אַלע אידן? און קען דען דאָס זיין אַ סיבה צו האַסן ניט נאָר די אידן, נאָר אויך דאָס אידנטום?

לויט שפינאָזאָ׳ס אייגענער פילאָזאָפיע האָט ער אַזעלכע געפילן פון האַס, אויב זיי האָבן געפונען אַ פּלאַץ ביי אים אין האַרצן, געדאַרפט באַ־קעמפן, ווייל ער, שפינאָזאָ, איז דאָך געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך געגריבלט אין שורש פון אַזעלכע געפילן און איז געקומען צום שלוס, אַז יעדער סאָרט פון עמאָציע, ליבע אָדער האַס, פאַרטונקלט נאָר דאָס ריינע דענקען און מען קען ניט קומען צו קיין שום ריינעם פאַרנינפטיקן באַשלוס כל זמן מען באַזייטיקט ניט אָט־די שטערונגען, דאָס הייסט, דעם איינפלוס וואָס אַזעלכע געפילן האָבן אויפן געדאַנק. דאָס האָט שפינאָזאָ גאַנץ גוט געוואוסט און אַלס גרויסער פילאָזאָף און טיפער דענקער האָט ער זיך באַמיט טאַקע אַזוי צו טאָן, דהיינו: אָפּצוטיילן די געפילן פון די געדאַנקען און צו קאָנטראָלירן און באַזייטיקן יעדן סאָרט פון האַס וואָס דער חרם האָט געקענט אַרויסרופן ביי אים צו די אידן און אידנטום. אָבער — די מעשה איז, וואָס געפילן קען מען ניט אַזוי לייכט באַזייטיקן, אַפילו ווען מען איז אַ גרויסער דענקער. זיי גנב׳ענען זיך אַריין אין ים פון מחשבות און מישן זיך דאָרטן אויס מיט זיי און עס דוכט זיך שוין, אַז זיי זיינען גאָר ריכטיקע געדאַנקען. אַמאָל האָט ברוך שפינאָזאָ געפירט אַ קאַמף מיט זיך אַליין און האָט עפּעס גוטס געזאָגט וועגן אידן, באַלד דערנאָך זיינען געקומען די געפילן פון האַס און ער האָט שוין געענדיקט מיט כעס אויף די ליפּן. אַן אַנדערש מאָל ווידער הויבט ער אָן מיט האַס, כאַפּט זיך און דרייט אויס דעם דישל צו רעדן גוטס. אָט־דאָס איז כסדר דער גאַנצער געדאַנקען־גאַנג פון שפינאָזאָ׳ן בנוגע אידן און אידנטום.

* * *

אין זיין ווערק „טראַקטאַטוס טהעאָלאָגיקאָ פּאָליטיקוס" (טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט) הויבט שפינאָזאָ אָן דערפון, אַז די פילאָזאָפיע שאַדט ניט צום ריינעם גלויבן. דעריבער איז ניט נאָר דערלויבט פאַר אַ מענטש צו באַשעפטיקן זיך מיט פילאָזאָפישע ענינים, נאָר פאַרקערט נאָך, „אויב ער טוט דאָס ניט, נעמט ער עפּעס צו ביים קאָלעקטיוו, אין וועלכן ער לעבט און שטערט דערמיט די אמת׳ע ריינע גאָטס־פאַרכטיקייט". ווייטער דערקלערט שפינאָזאָ (באַלד אין אָנהויב פון דעם ווערק): „מיר קענען נאָר דאַן וויסן (ווען מ׳גיט זיך אָפּ מיט די ענינים), אַז מיר געפינען זיך אין גאָט און גאָט לעבט אין אונז, דערמיט וואָס מיר זעען, אַז ער האָט פון זיין

גייסט אויסגעטיילט צו אונז, נעמלעך, דאָס העכערע דענקען״. אינטערעסאַנט איז, אַז אָט די ווערטער, וועלכע ברוך שפּינאָזאַ שטעלט אַוועק באַלד אין אָנהויב פון זיין ווערק, זיינען גענומען גאָר פון „יוחנן דעם טובל׳ער״ (דזשאהן דהי באַפּטיסט). דערמיט ווייזט שוין שפּינאָזאַ וואו זיינע געפילן זיינען און אַז אין קעגנזאַץ צו זיינע אייגענע רייד, אויסצוהיטן זיך אַז די געפילן זאָלן ניט פאַרטונקלען די געדאַנקען, לאָזט ער זיינע געפילן גאַנץ שטאַרק הערשן. אָבער לאָמיר גיין ווייטער.

שפּינאָזאַ רעדט איצט אַרום די פראַגע, פאַרוואָס מענטשן גלויבן אין נאַרישקייטן, אין זאַבאַבאָנעס און אין אָבערגלויבן, און ער ווייזט אויף, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס דער מענטש לעבט ניט גליקלעך אויף גאָט׳ס וועלט. ער ווערט כסדר געשליידערט צווישן שרעק און האָפענונג, דעריבער איז ער גענויגט צו גלויבן אין יעדער זאַך וואָס קען אים, לויט זיין פאַרפירטער מיינונג, עפּעס העלפן. אַפילו אַזאַ גרויסער קריגס־פירער ווי אַלעקסאַנדער פון מוקדון האָט געגלויבט אין כשוף־מאַכער און האָט זיי גערופן, אַז זיי זאָלן אים זאָגן דעם אויסגאַנג פון אַ קריג איידער ער האָט זי אָנגעהויבן. דערפון קומט שפּינאָזאַ צו רעדן וועגן די אָבערגלויבנס וואָס יעדע רעליגיע האָט און פירט אויס, אַז דער איסלאַם (דער מאַכמעדאַנישער גלויבן) האָט די גרעסטע צאָל פון אַזעלכע אָבערגלויבנס.

ווייטער זאָגט שפּינאָזאַ, אַז קיין רעליגיע איז ניט שולדיק אין די שלעכטע זייטן וואָס זי האָט, ווייל דאָס איז די שולד פון די פירער און אויך דאָס וואָס די פאָרשטייער פון די רעליגיעס קריטיקירן איינער דעם אַנדערן, איז זייער שלעכט, ווייל דערמיט פאַרגעסן זיי צו לערנען די מאַסן די אמת׳ע פּרינציפּן פון דער רעליגיע און פאַרנעמען זיך גאָר מיט זייטיקע זאַכן. ער זאָגט וועגן אָט־די פירער, אַז „זיי רעדן הויכע רייד וועגן דער ביבל, אָבער זיי נעמען זיך ניט די מי צו פאַרשטיין דעם אמת׳ן זין פון דער ביבל און צו לערנען דאָס מיטן פאָלק״. שפּינאָזאַ איז אין כעס אויף די אידישע פילאָזאָפן וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די רייד פון פּלאַטאָנ׳ען און אַריסטאָטעל׳ן אין די ווערטער פון די נביאים. „עס איז געווען ווייניק פאַר זיי וואָס זיי האָבן זיך נאָכ־געשלעפּט נאָך די גריכן און זייערע נאַרישקייטן, האָבן זיי נאָך געגומען די דאָזיקע נאַרישע רייד און זיי אַריינגעלייגט אין מויל פון די נביאים״. דאָ רעדט שפּינאָזאַ נאָך, ממש די ווערטער פון ר׳ יהודה הלוי און אַלע אַנדערע אידישע פילאָזאָפן וואָס זיינען געווען קעגן דעם אויסטייטשן פון דער תורה לויט דער גריכישער פילאָזאָפיע.

שפּינאָזאַ לאָזט זיך איצט אַריין אין אַ לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם וואָס עס איז אַזוינס נבואה און ווער עס איז אַ נביא. ער האַלט ניט פון דעם וואָס דער רמב״ם זאָגט, אַז נבואה איז אַן אַנטפּלעקונג פון גאָט צו אימיצן אין חלום פון דער נאַכט, נאָר ער גלויבט, אַז גאָט האָט טאַקע בפועל ממש גערעדט מיט משה׳ן. אַזוי איז אויך קיין ספק ניט, אַז גאָט האָט זיך באַוויזן

אויפן באַרג סיני און גערעדט צום אידישן פאָלק. אויך שמואל הנביא האָט געהערט גאָט׳ס שטימע ווען ער האָט גערעדט צו אים. שפּינאָזאַ האַלט, אַז דאָס דאַרף מען ניט אויסטייטשן אַנדערש, נאָר אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין חומש און אין די נביאים.

אָט־דאָס איז, דוכט זיך, גאַנץ וואויל און גוט, ממש ווערטער וואָס אַ פרומער איד קען דערפון זיין צופרידן, אַזוי אַז איינער הויבט זיך שוין אָן צו וואונדערן: אויב שפּינאָזאַ האָט אַזוי געדענקט, פאַרוואָס האָט מען אים געלייגט אין חרם אַריין? ער רעדט דאָך ווי אַ פרומער איד, טאָ וואָס האָט מען געוואָלט פון אים? און וואו איז דאָ זיין האַס קעגן אידן און אידנטום? אָבער וואַרט אַ ווײַלע און איר וועט באַלד זען גאָר עפּעס אַנדערש.

* * *

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען לאָזט זיך שפּינאָזאַ אַריין אין אַן אויפקלערונג וועגן דעם, וואָס עס איז די העכסטע מדרגה פון נבואה און ווער עס האָט זי דערגרייכט און ער קומט צום באַשלוס, אַז די העכסטע מדרגה פון נבואה האָט דערגרייכט ניט משה רבנו, נאָר — הערט און שטוינט — יעזוס, ווייל צו אים האָט זיך גאָט באַוויזן אין זיין גאַנצן געשטאַלט, ניט פאַרשטעלט און האָט אים געזאָגט וואָס צו לערנען מיט די מענטשן, כדי זיי זאָלן דערגרייכן די העכערע לייטזעליקייט און דורך יעזוס׳ן איז עס געקומען צו זיינע תלמידים, פאולוס און אַנדערע. דעריבער זאָגט שפּינאָזאַ, אַז „די רייד פון קריסט יעזוס זיינען די ווערטער פון גאָט״ און „די העכערע גייסטיקייט האָט אָנגענומען אַ מענטשלעך געשטאַלט אין יעזוס׳ן, וועלכער איז געוואָרן דאָס ליכט פון די פעלקער״. אַחוץ יעזוס איז ניט געווען קיינער צו וועלכן גאָט האָט זיך באַוויזן בפועל ממש, ווייל צו אַלע אַנדערע האָט ער זיך באַוויזן נאָר אויף אַ פאַרשטעלטן אופן און דערפאַר האָבן אַלע נביאים גערעדט נאָר מיט משלים און רעטענישן, ווייל זיי האָבן גאָט אַליין ניט געזען און ניט געוואוסט וואָס ער וויל פון זיי. עס איז ביי זיי געווען נאָר אַ פאַנטאַזיע און זיי האָבן עס ניט באַגריפן מיטן קלאָרן שכל.

נו, איצט זעען מיר וואוהין שפּינאָזאַ האָט געצילט אין אָנהויב פון בוך מיט זיינע גוטע, פרומע רייד וועגן רעליגיע. עס איז קלאָר, אַז ער איז געווען איינגאַנצן אונטער געפילן פון האַס צו אידן און אידנטום ווען ער האָט געשריבן די ווערטער. וואָרים אַלס אַ גרויסער דענקער האָט ער ניט געקאָנט האָבן פון „נייעם טעסטאַמענט״ קיין שום באַוויז וואָס פירן צו אַזעלכע באַשלוסן. וואו איז דען דאָ אין גאַנצן נייעם טעסטאַמענט עפּעס אַ דער־קלערונג, אַז גאָט האָט גערעדט צו יעזוס׳ן און דערצו נאָך אויף אַזאַ קלאָרן אופן? דאָס איז אַלזאָ געווען ניט מער ווי בכיוון ווי צו טאָן די אידן און דערפאַר האָט ער זיך אויך אויסגעדריקט, אַז וואָס יעזוס האָט באַגריפן אין אַ שעה, האָט משה ניט באַגריפן אין 24 שעה — ווערטער געצילט נאָר להכעיס די אידן.

און אַזוי גייט ער כסדר און וואַרפט פיילן אין דער אידישער גאַס. ער זוכט מיט אַלע כוחות נאָר צו פאַרקלענערן דעם גייסטיקן ווערט פון די נביאים, פון דער אידישער לערע און פון אידן בכלל.

צו זען ווי ניט אויסגעהאַלטן שפּינאָזאַ איז אין זיינע רייד און ווי ווייט ער ווערט געפירט פון זיין בליגדן האַס צו אידן, קען מען באַזונדערס פון דעם, וואָס ער שרייבט ווייטער (אין צווייטן קאַפּיטל) וועגן די נביאים. מיר האָבן פריער געזען ווי ער רעדט מיט כעס וועגן די גריכישע פילאָזאָפן (אין ערשטן קאַפּיטל) און וועגן די גריכישע נאַרישקייטן און איז קעגן דעם, וואָס מען האָט געמאַכט פּראָבעס אַריינצובריינגען די גריכישע פילאָ־זאָפיע אין די רייד פון די נביאים. אין צווייטן קאַפּיטל אָבער שרייבט ער שוין גאָר פאַרקערט, אַז די נביאים (אַלע וואָס זיינען געווען פאַר יעזוס׳ן) האָבן ווייניק באַגריפן. די נבואה האָט זיי ניט פאַרפאַלקאָמט צו דערגרייכן דעם אמת פון דער וועלט און אַז פיל מער פון זיי האָבן באַגריפן די פילאָזאָפן. „די נביאים האָבן ניט באַגריפן גאָט, ווען די פילאָזאָפן דערגרייכן גאָט, דורך דער פאַרמיטלונג פון וויסן וואָס עס קען ניט זיין פאַלש" (דאָרטן). ווייטער זאָגט ער, אַז די נביאים זיינען געווען פאַרביטערטע מענטשן, מרה־שחורה׳ניקעס, און דערפאַר האָבן זיי געדאַרפט, אַז מען זאָל זיי פריילעך מאַכן, און ער פאַרטיידיקט פּרעה׳ן, אחאב׳ן און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פון די נביאים און זיי אַפילו געוויזן אַ ווידער־שטאַנד.

* * *

אָבער דערמיט האָט שפּינאָזאַ זיין האַס נאָך אַלץ ניט איינגעשטעלט און ער זשיפּעט אַלץ ווייטער, ווי אַ שלאַנג, קעגן די אידן און אידנטום.

דאָס וואָס די אידן זאָגן, אַז נאָר זיי אַליין האָבן זוכה געווען צו נבואה און צו האָבן נביאים, זאָגט ער, איז ניט ריכטיק, ווייל גאָט וויל דאָס גליק פון אַלע פעלקער און ניט בלויז פון איין פאָלק אַליין. אמת, עס זיינען טאַקע דאָ פּסוקים אין תנ"ך וואָס ווייזן, אַז גאָט האָט אויסגעוויילט די אידן פון אַלע אַנדערע פעלקער און האָט זיי באַגליקט מיט אַ העכערער לייטזעליקייט און זיי געגעבן זיין תורה. אָבער עס איז ניט אַזוי. ווייל מיר זעען פון דער תורה, אַז גאָט האָט די אידן ניט צוגעזאָגט פאַרן אָפּהיטן די מצוות קיין שום אַנדער גליק ווי דאָס וואָס מען קען האָבן אויף דער וועלט, אָבער ניט קיין שום העכערע לייטזעליקייט, וואָס ער קען געבן. גאָט איז לייט־זעליק צו אַלע פעלקער, און דאָס וואָס ער האָט אויסגעקליבן די אידן צו געבן זיי די תורה, איז נאָר געווען אַ צייטווייליקע זאַך. די געזעצן זיינען אויך ניט געווען קיין גוטע און זיי זיינען געגעבן געוואָרן צו די אידן נאָר כדי זיי צו פּייניקן און צו מאַכן זיי צו ליידן. דערביי ברענגט ער אַ פּסוק פון יחזקאל (כ׳, כ"ה) „וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים ומשפטים לא יחיו בהם", וואָס ער פאַרטייטשט אויף אַ פאַלשן אופן.

ווייטער דערקלערט שפינאָזאַ, אַז אויך דאָס וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אַלע אַלטע פעלקער פון אַמאָל און רעכנט זיך פאַר דעם פאָלק וואָס וועט לעבן אייביק, איז ניט ריכטיק. די אידן עקזיסטירן נאָר צוליב דער שנאה פון די פעלקער צו זיי. „בלויז דער אַנטיסעמיטיזם האַלט אויף זייער קיום". „וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין די רייד", שרייבט שפינאָזאַ, „קום איך אַלץ מער צו דער איבערצייגונג, אַז גאָט האָט ניט געוואָלט געבן די אידן גוטע געזעצן, נאָר זיך נוקם זיין אין זיי פאַר זייערע שלעכטע מעשים, אַזוי ווי עס האָט שוין געשריבן וועגן דעם דער רוימישער שרייבער טאַציטוס. און באמת מוז מען זיך וואונדערן דערויף, אַז גאָט האָט זיי, די אידן, געגעבן אַזעלכע געזעצן כדי צו שטראָפן זיי פאַר זייערע זינד". „דערפון — שרייבט ער ווייטער — קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס די אידן האָבן אין דער צייט פון די שופטים און אין דער גאַנצער צייט פון ערשטן בית המקדש ניט אָפּגעהיט גאָט'ס געבאָטן און האָבן געדינט צו עבודה זרה".

אָט אַזוי האָט געשריבן אַ איד וואָס איז געווען אַ דענקנדער מוח, נאָך־דעם ווי ער אַליין האָט דערקלערט, אַז גאָט האָט גערעדט צו משה'ן פנים אל פנים און נאָכדעם ווי ער אַליין לויבט פיל פון די מצוות פון די אידן, ווי מצוות מילה און מצות שבת און נאָך אַנדערע, אַלס וואונדערבאַרע געזעצן, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דעם קיום פון אידישן פאָלק.

אויף איין אָרט איז אָבער דאָ אַ שטעלע וואָס קלינגט זייער מאָדנע, כמעט ווי אַ מין נביאות. דאָס איז אין דריטן טייל פון בוך, וואו ער זאָגט: „ווען ניט די אידישע רעליגיע וואָס שוואַכט אָפּ דעם כח פון אידישן פאָלק, וואָלט איך געגלויבט באמונה שלמה, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, אַ דאַנק דער ענדערונג פון די צייטן, אומשטענדן און אַנדערע סיבות, ווען די אידן וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד צו גרינדן דאָרטן אַ מדינה און אויך גאָט וועט זיי צוריק אויסוויילן און זיי וועלן זיין צו אים פאַר אַ פאָלק". דערנאָך גיט ער צו: „אויב די אידן גלויבן באמת, אַז זיי זיינען אַן „עם סגולה", אַן אויסגעקליבן פאָלק, בין איך ניט קעגן דעם. אָבער אין הינזיכט פון גייסטיקן דערפאָלג איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן איין פאָלק און אַ צווייטן און די אידן זיינען ניט בעסער ווי אַנדערע פעלקער".

איר זעט בחוש ווי דער קלאָרער שכל ראַנגלט זיך ביי שפינאָזאַ'ן מיט האַס־געפילן. אַמאָל האָט דער שכל די אויבערהאַנט, אָבער על פי רוב זיגט דאָס געפיל פון האַס.

* * *

שפינאָזאַ'ס גוטע רייד וועגן יעזוס'ן און קריסטנטום זיינען אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט פרייד פון די קריסטלעכע גייסטלעכע. אָבער שפּעטער איז שפינאָזאַ'ס לערע פאַר אַ צייט פאַרגעסן געוואָרן. דער קולט פון שפינאָזאַ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ווען עס האָט אים ווידער אַנטדעקט דער דייטשער שריפטשטעלער הערדער און דערנאָך אויך געטהע, וועלכער איז געוואָרן

זיין הויפּט פּאָן־טרעגער. וועגן שפּינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע זיינען געשריבן געוואָרן טויזנטער ביכער און עס איז מערקווירדיק, וואָס ניט אַלע מאָל שטימען די געלערנטע איין אין דער אויסטייטשונג פון זיין פילאָזאָפישער שיטה, אַזוי ווייט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס האַלטן אים פאַר אַ גלויביקן אין גאָט, און אַנדערע, פאַרקערט, וואָס זאָגן, אַז ער איז אַן אַטעאיסט. דער רוב אָבער איז ביי דער מיינונג, אַז ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער פּאַנטעאיסטישער שיטה.

נאָך שפּינאָזאַ׳ס טויט איז ווידער געווען אַ לאַנגע צייט אַ שטילשטאַנד אין אידישן דענקען, ביז עס איז געקומען דער דענקער משה מענדעלסאָן.

2.

# משה מענדעלסאָן און די נייע צייט

**אַ שטילשטאַנד אַרום הונדערט יאָר אין אידישן שאַפן. — משה מענדעלסאָן און דער אָנהויב פון אַ נייער תקופה. — די שווערע לאַגע פון די אידן אין יענער צייט אין דייטשלאַנד. — מענדעלסאָן דערציילט זיין כלה אַ מעשה׳לע וועגן זיין הויקער. — זיין פריינטשאַפט מיטן גרויסן שריפטשטעלער לעסינג. — ער קריגט אָנערקענונג פון קעניג פרידריך און אויך פון פיל גרויסע גייסטער. — מענדעלסאָנ׳ס דייטשע איבערזעצונג פון חומש און דער „ביאור״. — זיינע אַנדערע ווערק „פעדאָן״ און „ירושלים״. — די באַציאונג פון עמנואל קאַנט צו מענדעלסאָנ׳ען. — מענדעלסאָן און די פילאָזאָפן לייבניץ און וואָלף. — אין וואָס באַשטייט מענדעלסאָנ׳ס שיטה? — זיין אַרויסטריט קעגן שפינאָזאַ׳ן.**

נאָך שפינאָזאַ׳ס טויט האָט זיך ניט גלייך באַוויזן אַן אַנדערער גרויסער אידישער שטערן אין אידישן לעבן. די אידישע אימיגראַנטן פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל זיינען איצט געווען פאַרנומען מיט זוכן נייע לענדער, ווייל אין קליינעם האָלאַנד איז ניט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע. דעריבער זעען מיר, אַז פיל האָבן עמיגרירט קיין דייטשלאַנד און אַנדערע ווידער קיין פּוילן און רוסלאַנד און נאָך אַנדערע קיין ענגלאַנד, ווייל נאָך דער דערלויבעניש פון קראָמוועל׳ן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ אידישער ישוב אויף די בריטישע אינזלען. די עקאָנאָמישע זייט פון די אידן איז איצט געווען זייער שלעכט און אויפן גייסטיקן געביט איז געווען נאָך ערגער. קיין נייער אידישער דענקער פון אַ גרויסן פאַרנעם האָט זיך ניט באַוויזן און די תלמידי־חכמים זיינען געווען פאַרנומען אָדער מיט תלמוד׳ישן פּלפּול אין די נייע ישיבות אין דייטשלאַנד און אין פּוילן, אָדער מיט קבלה און מיסטיק. בכלל איז די צייט געווען גינסטיק פאַר מיסטישע לערעס נאָך אַזויפיל צרות וואָס די אידן האָבן געהאַט אַריבערצוטראָגן, ווי גזרות ת״ח און אַנדערע, וואָס עס האָט אויך געבראַכט צו דער דערשיינונג פון פאַלשן משיח, שבתי צבי. אויך אויפן געביט פון שאַפן אין דער העברעאישער שפּראַך זיינען קיין אָנגעזעענע פיגורן ניט געווען, ניט אויפן געביט פון דקדוק, ניט אין פּאָעזיע און ניט אין אַנדערע פאָרמען.

אָבער דער כלל, אַז „נצח ישראל לא ישקר״, די אייביקייט פון אידישן

פאָלק וועט ניט אויפהערן, האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיק. עס קען זיין ביי אונז אַ געוויסע צייט פון שטילקייט, פון פּאַסיוויטעט, אָבער באַלד טוט זיך ווידער אויפוועקן דער אידישער געניוס און קומט צום לעבן. אַזוי איז געווען אין אַלע צייטן אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע און אַזוי איז עס אויך געווען איצט.

נאָך דער קורצער צייט פון נאָענט צו הונדערט יאָר, האָט זיך ווידער באַוויזן אַ נייער אידישער גרויסער גייסט און מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פון שאַפן אין אידישן לעבן אויף פאַרשידענע געביטן. עס איז געווען דער אָנהויב פון חסידיזם, וואָס האָט געפירט צו אַן אַנדערן עקסטרעם — די הכשׂלה, און דערנאָך צו אידישן נאַציאָנאַליזם און צום סאָציאַליזם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט, וואָס איז געווען פאַרשידנאַרטיק אין אירע פילאָזאָפישע שיטות אין אידנטום, און וועלכע האָט זיך ניט קאָנצענטרירט נאָר אין איין לאַנד, ווי פריער אין שפּאַניען, נאָר האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער פיל לענדער, ווי דייטשלאַנד, איטאַליע, ענגלאַנד און פּוילן. אין דעם זין קען מען זאָגן, אַז די נייע תקופה, וועלכע האָט איר אָנהויב מיטן קומען פון אידישן פילאָזאָף מענדעלסאָן, איז געווען איינע פון די רייכסטע אין דער אידישער געשיכטע, ווייל זי איז געווען פילפאַרביק אין מיינונגען און אין שאַפן פון פילאָזאָפיש־אידישע שיטות, וואָס יעדע איינע פון זיי איז געווען פון גרויסער באַדייטונג.

מיר וועלן זיך איצט אומקערן צו דער צייט, אין 18טן יאָרהונדערט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער נייער גרויסער גייסט נאָך שפּינאָזאַ׳ן, דאָס איז געווען משה מענדעלסאָן (ער ווערט אויך גערופן משה בן מנחם, משה דעסויער, אָדער בלויז „דער דעסויער״).

* * *

משה מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 6טן סעפּטעמבער פון יאָר 1729 (לויטן העבּרעאישן דאַטום איז עס געווען י״ב אלול, תפ״ט) אין דער שטאָט דעסוי, אין דייטשלאַנד, ביי פרומע אידישע עלטערן. זיין פאָטער, מנחם, איז געווען אַ איד אַ מלמד און אויך אַ סופר פון ספר־תורה׳ס און מזוזות. זיין מוטער האָט געהייסן שרה. אַלס אינגל האָט משה געלערנט ביי זיין פאָטער. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט אים דער פאָטער געשיקט לערנען צום רב פון שטאָט, ר׳ דוד פרענקעל, אַ גרויסער גאון, דער מחבר פון ספר „קרבן העדה״. ביי אים האָט ער, משה, געלערנט גמרא און אויך חקירה־ספרים, איבערהויפּט דעם ספר „מורה נבוכים״.

עס איז דאָ אַ לעגענדע וואָס דערציילט, אַז דער יונגער משה האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין דעם „מורה נבוכים״, אַז ער איז אַזש קראַנק געוואָרן און דערפון האָט זיך אויך אויסגעבויגן זיין חוט־השדרה (דער רוקן־ביין) און עס איז געוואָרן אַ הויקער. עס זאָל אויך הייסן, אַז די דאָזיקע קראַנקייט האָט אויך פאַרענדערט צום שלעכטן זיין גאַנצן אויסזען. ווי אין יעדער



משה מענדעלסאָן

לעגענדע איז אויך דאָ אַוודאי צונויפגעמישט אַביסל אמת מיט אַ סך פאַנטאַזיע. עס איז מעגלעך, אַז אין זיין יוגנט איז מענדעלסאָן קראַנק געוואָרן אויף דעם רוקן מאַרך־ביין און צוליב דעם וואָס מען האָט ניט באַצייטנס דאָס פאַרכאַפּט (צוליב אַ פאַרזען פון די עלטערן אָדער פון די דאָקטוירים), האָבן זיך די ביינער ביי אים אויסגעבויגן און עס איז געוואָרן אַ הויקער. אָבער צו זאָגן, אַז דערין איז שולדיק געווען דער „מורה נבוכים”, צי גאָר דער רלב״ג, קלינגט מאָדנע. טויזנטער אידן האָבן שטודירט דעם „מורה נבוכים” אין זייער יוגנט און ניט געקראָגן דערפון קיין הויקער. עס וואָלט געווען אַ שלעכטע רעפּוטאַציע פאַרן רמב״ם אַז מען זאָל קריגן אַ הויקער פון שטודירן זיינע ווערק. אַפילו די לעגענדע, וואָס דערציילט ווייטער, אַז מענדעלסאָן זאָל האָבן געזאָגט אַז „כאָטש דער רמב״ם איז שולדיק אין מיין שלעכטן אויסזען, האָב איך אים דאָך ליב און כאָטש ער האָט אָפּגעשוואַכט מיין קערפּער, האָט ער אָבער געשטאַרקט מיין גייסט”, איז אויך געווען, אויב ער האָט עס ווירקלעך געזאָגט, ניט מער ווי אַ שפּאַס.

אַ שרייבער פון יענער צייט, וואָס האָט גוט געקענט מענדעלסאָנען, דער

שריפטשטעלער אייכעל, וואָס האָט געשריבן מענדעלסאָנ׳ס ביאָגראַפיע, שילדערט אים אַזוי: „אַ נידעריקער אין וואוקס מיט גרויסע פיס און אַ הויכער ברוסט, אַ דאַרער קערפּער, פעך־שוואַרצע האָר, אַ טונקל געזיכט פון ניט קיין באַזונדערן רייץ. פונדעסטוועגן האָט ער אויסגענומען ביי אַלע, ווייל זיין קלוגשאַפט האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע גרויסע, ברענענדיקע אויגן. ער פלעגט רעדן שטיל, פּאַמעלעך, קורץ און צו דער זאַך, און ער האָט ליב געהאַט געזעלשאַפט״.

אין יאָר 1743, ווען דער רב פון דעסוי, ר׳ דוד פרענקעל, איז גערופן געוואָרן צו זיין רב אין בערלין, איז מענדעלסאָן אויך אַהין געפאָרן, כדי צו זיין נעבן זייער רבי׳ן. איינער פון די בעלי־בתים, ר׳ חיים בראַמבערג, האָט אויף דעם פאַרלאַנג פון רב אָפּגעגעבן אים אין זיין הויז אַן אַטיק, וואו ער זאָל וואוינען אָן אַ גראָשן געלט. מענדעלסאָן האָט אויך געגעסן ביי אים קעסט יאָרן לאַנג, כדי ער זאָל קענען שטודירן. מענדעלסאָן האָט טאָקע דעמאָלט שטודירט שפּראַכן, ווי פראַנצויזיש, ענגליש און לאַטיין, און אויך וויסנשאַפטלעכע קעגנשטאַנדן.

אין יענער צייט האָט זיך מענדעלסאָן באַקאַנט מיט אַ רייכן איד מיטן נאָמען ר׳ בערמאַן צילץ, וועלכער האָט אויך געקענט גוט לערנען. מענדעלסאָן האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיינע טיפע געדאַנקען און ער האָט אים צוגענומען אַלס לערער פאַר זיינע קינדער. דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט אין לעבן פון מענדעלסאָנען, ווייל זיין בעל־הבית, זעענדיק ווי טיף ער פאַרשטייט יעדע זאַך און אַז ער האָט אויך אַ שיינע האַנט־שריפט, האָט אים אַוועקגענומען פון לערנען מיט די קינדער און אים געמאַכט פאַרן גאַנצן אויפזעער איבער זיין געשעפט, אַ פירמע פון פאַרבן, און אים באַשטימט אַ הויכן געהאַלט. אין אַ קורצער צייט שפּעטער איז מענדעלסאָן געוואָרן אַ שותף פון דער פירמע און איז געוואָרן רייך, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט ווייטער צו שטודירן. ער האָט גע־האַנדלט בייטאָג און געלערנט ביינאַכט. אין יענער צייט האָט זיך מענדעלסאָן באַקאַנט מיט דעם גרויסן שריפטשטעלער גאָטהאָלד אפרים לעסינג און עס איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי אַ גרויסע פריינטשאַפט.

וועגן דעם ווי אַזוי מענדעלסאָן האָט חתונה געהאַט, איז דאָ אַזאַ לעגענדע:

אין יאָר 1762, ווען מענדעלסאָן איז שוין אַלט געווען 33 יאָר, האָט מען אים גערעדט אַ שידוך מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן איד, ר׳ אברהם גוגענהיים פון האַמבורג. דאָס מיידל, פרומעט, איז געווען אַ שיינע און אַ געלערנטע. דער פאָטער פון דער כלה האָט געקענט מענדעלסאָנען אַלס גרויסן דענקער, אָבער ער האָט ניט געזאָגט זיין טאָכטער ווי אַזוי דער חתן זעט אויס. ווען עס איז באַשטימט געוואָרן צו שרייבן תנאים, איז מענדעלסאָן געקומען קיין האַמבורג. אָבער ווען די כלה האָט אים דערזען, איז זי געוואָרן שטאַרק אַנטוישט און איז אַריינגעלאָפן צום פאָטער מיט אַ געוויין, פאַרוואָס

ער האָט איר ניט געזאָגט פריער אַז דער חתן האָט אַ הויקער און איז בכלל ניט שיין. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וויל ניט דעם שידוך. דער פאָטער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אַריינצורופן דעם חתן, וועלכער האָט געוואַרט אין אַן אַנדער צימער, און אים דאָס צו זאָגן. מענ־דעלסאָן האָט זיך ניט פאַרלוירן און געבעטן דעם פאָטער צו זאָגן דער כלה, אַז ער וויל נאָר בלויז רעדן מיט איר עטלעכע ווערטער און דערנאָך קען זי טאָן וואָס זי וויל. דער פאָטער האָט דאָס געזאָגט דער כלה. האָט זי אים געבעטן אַריינצוקומען צו איר. ווען משה מענדעלסאָן איז איבער־געטראָטן איר שוועל, האָט ער צו איר אַזוי געזאָגט:

— הערט מיך אויס, אידישע טאָכטער, עס שטייט געשריבן אין דער גמרא, אַז 40 טעג איידער אַ מענטש ווערט געבוירן רופט מען אויס אין הימל מיט וועמען ער זאָל חתונה האָבן. איך געדענק זייער גוט אָט־דעם מאָמענט, ווען מען האָט אויסגערופן, אַז איך זאָל הייראָטן מיט אייך, אָבער איך בין געווען שוין דעמאָלט אַ פּראַקטישער מענטש און געזאָגט צום מלאך, אַז איך וויל זען מיין כלה. האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס פּירט זיך ניט אַזוי, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך אַ רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען און ער האָט מיר געוויזן מיין כלה, נעמלעך אייך. ווען איך האָב אייך דערזען בין איך געוואָרן אַנטוישט, ווייל איר האָט געהאַט אַ הויקער און ניט איך. האָב איך דאַן געזאָגט צום מלאך: אַזוי ווי זי וועט זיין מיין ווייב און איך וועל דאַרפן טראָגן אַלע אירע עול׳ן, ווי דעם עול פון פּרנסה, דעם עול פון זיין אַ טאַטע פון אירע קינדער און נאָך אַנדערע עול׳ן, וואָס יעדער עול באַזונדער איז אַ הויקער, לאָמיך שוין אויך טראָגן איר אמת׳ן הויקער, ווייל פאַר אַ פרוי פּאַסט עס ניט און פאַר מיר אַלס מאַן מאַכט עס ניט אויס. האָט דער מלאך צוגעשטימט און מיר געגעבן אייער הויקער און אַזוי־אַרום זענט איר געוואָרן אַ שיין מיידל. אָבער, מיין טייערע, אויב איר ווילט ניט דעם שידוך, וועל איך דאַך ניט זיין אייער מאַן און דאַרף ניט טראָגן קיין עול פאַר אייך, טאָ נעמט צוריק אייער הויקער וואָס איך טראָג אים שוין אַזוי לאַנג פאַר אייערטוועגן.

די כלה האָט איצט פאַרשטאַנען דעם טיפן געדאַנק פון דער דאָזיקער מעשה׳לע, אַז מען דאַרף ניט קוקן אויפן אויסזען פון אַ מאַן, נאָר אויף זיין גייסט און אויף זיין גרייטקייט צו העלפן דער פרוי און זי האָט אים געזאָגט, אַז ער איז גערעכט און אַזוי איז זי באַלד אַריין צו איר פאָטער און אים געזאָגט, אַז זי וועט זיין מענדעלסאָנ׳ס כלה, און אַז ער זאָל צוגרייטן די תנאים.

אַזוי ווייט די לעגענדע.

* * *

עס איז כדאי צו וואַרפן אַ בליק אויף דער צייט, אין וועלכער מענ־דעלסאָן האָט געלעבט און באַזונדערס אויף דער באַציאונג צו אידן וואָס עס

האָט געהערשט דעמאָלט אין פּרייסן אונטער דער הערשאַפט פון פרידריך דעם צווייטן, וועלכער האָט זיך גערופן ניט אַנדערש ווי „דער גרויסער און ליבעראַלער קעניג". עס איז די אידן געווען ביטער דאָס לעבן אין יענער צייט אין גאַנץ אייראָפּע, אָבער מער ווי אַלץ אין פּרייסן, ווייל דאָרט זיינען זיי ממש געווען ווי געבונדן אין אייזערנע קייטן צוליב די אכזרי'שע פונקטן פון דעם רעגלאַמענט, וואָס פרידריך האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1750. לויט דעם רעגלאַמענט זיינען די אידן איינגעטיילט געוואָרן אויף צווי קלאַסן: „שוטץ־יודען" און „געדולדעטע יודען". די „שוטץ־יודען" האָבן געהאַט אַ ביסל פּריווילעגיעס (פאַר גוט געלט, פאַרשטייט זיך). די „געדולדעטע יודען" זיינען ממש געווען הפקר. אויך די „שוטץ־יודען" זיינען ניט געווען גלייך אין די פּריווילעגיעס, ווייל אין דעם לאַגער זיינען געווען, לויט דער „דייטשער גרינדלעכקייט", דריי גרופּן: 1) „גענעראַל־פּריווילעגירטע", וועלכע האָבן געמעגט פאַרן אומעטום, זיי אַליין און זייער הויזגעזינד; 2) „אָרדענטלעכע שוטץ־יודען", וועלכע האָבן געמעגט וואוינען אין פּרייסן, אָבער נאָר דאָרטן וואו עס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין אַ שריפט פון דער רעגירונג און אויך מיט וואָס זיי מעגן זיך פאַרנעמען. אָט־די גרופּע האָט ניט געקענט איבער־געבן די רעכט צו אַלע קינדער; און 3) „אויסעראָרדענטלעכע שוטץ־יודען", וועלכע האָבן אַליין געקענט וואוינען אין אַ געוויסן פּלאַץ, אָבער די קינדער האָבן שוין ניט געהאַט די זעלבע רעכט. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זיינען צוגערעכנט געוואָרן דאָקטוירים, קונסט־מאַלער און אַלע אַנדערע פון די פרייע פּראָפעסיעס. צו די „געדולדעטע יודען" האָבן אויך געהערט רבנים, שוחטים, חזנים און אַנדערע כלי־קודש. זיי האָבן ניט געטאָרט טאָן קיין שום אַנדער אַרבעט אָדער האַנדל און אַפילו טאָן אַ שידוך איינער מיטן אַנדערן איז אויך געווען זיי פאַרבאָטן (כדי ניט צו פאַרמערן זיך). דעם אויפזען איבער דעם אַלעם האָט געהאַט דאָס „גענעראַל דירעקטאָריום" אין אינערן־מיניס־טעריום. דאָס דירעקטאָריום האָט אויך געריסן פון די אידן פּאָדאַטקעס אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך. מען האָט געמוזט באַצאָלן „שוטץ־געלט", דערנאָך מיליטער־שטייער, געלט־שטייער, אַקציז־שטייער, „געמיינדע־שטייער", „פייער־לעשער־שטייער" און נאָך און נאָך... דערנאָך זיינען געווען געלט־שטראָפן. פאַר הייראַטן אָן דערלויבעניש איז געווען אַ גרויסע געלט־שטראָף. דאָס מעלדן פון געבורט פון אַ קינד איז באַגלייט געווען פון אַ גרויסער סומע געלט און אַ חוץ אַלעמען האָבן אידן געמוזט צאָלן „קאָפּ־שטייער" ביים פאָרן פון איין שטעטל אין אַ צווייטן. אויסער דעם האָט פרידריך פאַראָרדנט, ווען ער האָט זיך געהאַט אויסגעבויט אַ גרויסע פאָרצעלאַן־פאַבריק, אַז די אידן זאָלן זי אויסהאַלטן און עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיי אַ „פאָרצעלאַן־שטייער", וואָס מען האָט געמוזט צאָלן ביי יעדער טראַנסאַקציע גרויס אָדער קליין. די אידן האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו האַנדלען, צו קויפן הייזער, צו האָבן לאַנד. זיי האָבן ניט געטאָרט זיין אין צעכן, זיי האָבן

אויך ניט געטאָרט האַנדלען מיט שפּייז א. ד. גל. פאַרהייראַטע אידן האָבן אַפילו געמוזט זיך לאָזן וואַקסן אַ באָרד, כדי מען זאָל זיי דערקענען, וואָס דאָס איז געווען אַזאַ מין געלע לאַטע. אָט־דאָס איז געווען די לאַגע פון די אידן לויטן געזעץ. סאָציאַל האָבן די אידן געפילט ווי מען רודפ'ט זיי אויף שריט און טריט. דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען אין דייטשלאַנד אַזוי שטאַרק, אַז עס איז ממש געווען פאַר אידן שווער צו אָטעמען.

אין יענער צייט האָט מענדעלסאָן זיך דערוואָרבן די קענטעניש פון דער דייטשער שפּראַך און איז געוואָרן אין איר אַזאַ מייסטער, ווי קיינער נאָך ניט פריער פאַר אים. ער האָט צוזאַמען מיט לעסינג'ן אַרויסגעגעבן אַ ביכל מיטן נאָמען „פּאָפּ, איין מעטאַפיזיקער" אַלס ענטפער אויף דער פראַגע פון דער בריטישער אַקאַדעמיע צי דער ענגלישער דיכטער פּאָפּ (POPE) איז געווען גערעכט אין זיינע מעטאַפיזישע וויזיעס. מענדעלסאָן האָט דעמאָלט אויך אַרויסגעגעבן אַ בראָשורע אויף דער אָנפראַגע פון דער אַקאַדעמיע, צי מען קען מעטאַפיזישע ענינים באַשטעטיקן דורך פּאַקטישע באַווייזן, ווי, למשל, דורך מאַטעמאַטיק און ער האָט געקראָגן פאַר דער אַרבעט דעם פּרייז פון 50 דוקאַטן. צוליב דער אַרבעט האָט זיך מענדעלסאָן באַ־קענט מיט מאַרקיז דע אַרגענס, וועלכער האָט מענדעלסאָנען אומעטום פאַר־געשטעלט אַלס דער „אידישער פילאָזאָף". דער מאַרקיז, וואָס איז געווען פילאָזאָפיש געשטימט און אַ גוטער קאַטאָליק, האָט זיך געווענדעט צום קעניג פרידריך מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל געבן מענדעלסאָנען די רעכט צו וואוינען אומעטום. דערביי האָט ער געשריבן: „איך, אַ קאַטוילישער פילאָ־זאָף, בעט ביי אַ פּראָטעסטאַנטישן פילאָזאָף (פרידריך האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פילאָזאָפישן דענקער), אַז ער זאָל דערלויבן אַ אידישן פילאָזאָף צו וואוינען אומעטום". פרידריך האָט זיין ביטע דערפילט. דאָס האָט געווירקט, אַז אויך די אידישע געמיינדע (קהילה) פון בערלין האָט מענדעלסאָנען באַפרייט פון צאָלן שטייער. מענדעלסאָן איז איינגעלאַדן געוואָרן מיטצואַרבעטן אין דעם וויכטיקן זשורנאַל פון יענער צייט „ליטעראַטור בריעפע" און האָט באַלד מיט זיינע אַרבעטן זיך געמאַכט אַ גרויסן נאָמען אין גאַנץ דייטשלאַנד.

אָבער איז מענדעלסאָן געווען אַ אידישער פילאָזאָף, אָדער נאָר בלויז אַ פילאָזאָפישער שרייבער? די פראַגע איז צי האָט מענדעלסאָן געשאַפן אַן אייגענע פילאָזאָפישע שיטה אין אידנטום און וואָס איז זי? מיר וועלן פּרואוון ענטפערן אויף דער פראַגע.

* * *

משה מענדעלסאָן איז פּאָפּולער געוואָרן צוליב זיין איבערזעצונג פון חומש אויף דייטש, באַגלייט פון אַ „ביאור" (דערקלערונג, פאַרטייטשונג) פון די שווערע פסוקים פון דער תורה אונטערן נאָמען „נתיבות השלום". ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן איינלייטונג צום חומש, וואָס איז פון אַ גרויסער וויסנשאַפטלעכער באַדייטונג. אין דער אַרבעט פון דעם „ביאור" האָבן אים

געהאַלפֿן ר׳ הירץ ווייזל, וועלכער איז געווען איינער פֿון די געלערנטע אידן אין יענער צייט, און ר׳ שלמה דובנאָ, אַ גרויסער תלמיד־חכם, וועלכער פֿלעגט אָפֿט אַריינקומען צום ווילנער גאון, און פֿון וועלכן דער לעצטער האָט שטאַרק געהאַלטן.

מענדעלסאָן אַליין איז געווען אַ פֿרומער איד. אַפֿילו זיינע קעגנער האָבן צוגעגעבן, אַז ער האָט שטרענג אָפּגעהיט אידישקייט און אין זיין הויז האָט מען ניט עובר געווען אַפֿילו אויפֿן קלענסטן דין פֿון שלחן־ערוך. דאָס האָבן אַלע געוואוסט, אָבער די מיינונג איז געווען, אַז ער אַליין איז פֿריי־געזאָגט. מען האָט אויך געהאַט צו אים טענות, אַז אין זיינע ווערק לייקנט ער אַז אידן זיינען אַ פֿאָלק און אַז ער איז דעריבער געווען דער ערשטער וואָס האָט געוויזן דעם וועג פֿאַר די רעפֿאָרמער, צו זאָגן, אַז אידן זיינען ניט מער אַ פֿאָלק, נאָר בלויז אַ רעליגיעזע געזעלשאַפֿט, וואָס עס האָט געמאַכט מעגלעך, אַז עס זאָלן אַנטשטיין די נייע רעפֿאָרם־טעמפּלען מיט „דייטשע אידן פֿון משה׳ס גלויבן״ און דערנאָך אויך אַזעלכע פֿראַנצויזישע אידן, ענגלישע, פּוילישע, איטאַליענישע, אַמעריקאַנישע און אַנדערע. אָבער צי די טענות זיינען אמת, וועלן מיר זען ווייטער.

אָבער גאָר צום ערשטן דאַרף מען פֿעסטשטעלן, אַז מענדעלסאָנ׳ס דייטשע איבערזעצונג און דער „ביאור״ זיינען געווען אַ גרויסע דערשיינונג פֿאַר דער אידישער יוגנט ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין רוסלאַנד, אין דער ליטע און אין פּוילן. גאַנצע דורות האָבן זיך שפּעטער אויפֿגעצויגן אויף דעם „ביאור״ און אויך זייער פֿיל פֿון דער אידישער יוגנט אין רוסלאַנד און אין דער ליטע האָבן זיך אויסגעלערנט דייטש פֿון מענדעלסאָנ׳ס דייטשער איבערזעצונג פֿון חומש דורך פֿאַרגלייכן די העברעאישע פּסוקים מיט דער דייטשער איבערזעצונג. אַזוי אַרום איז מענדעלסאָן געווען אַ הויפּט־כוח פֿון דער נייער „השכלה״־באַוועגונג, וואָס עס האָט זיך נאָך אים אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד דורך די „מאַספֿים״ און די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום זיי, ווי נפתלי הירץ ווייזל און אַנדערע. אָט דער נייער שטראָם האָט זיך שפּעטער איבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן און עס איז אַנטשטאַנען די „השכלה״־באַוועגונג, וואָס איז געווען אַ פֿאָרגייער פֿאַר די נייע שטרעמונגען — נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם.

מענדעלסאָן האָט זיינע הויפּט־אידייען און געדאַנקען, סיי וועגן זיין פֿילאָזאָפֿישער שיטה בכלל און סיי וועגן אידן און אידנטום בפֿרט, אַרויסגע־זאָגט אין זיינע פֿאַרשידענע ווערק, אין וועלכע ער רעדט אַרום די אַלע זאַכן באריכות. מיר וועלן דעריבער באַקענען די לעזער מיט די דאָזיקע ווערק פֿון מענדעלסאָנען.

* * *

דאָס ערשטע וויכטיקע ווערק פֿון מענדעלסאָנען איז זיין „פֿעדאָן״ (PHAEDON) וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1767. נאָכדעם

ווי מענדעלסאָן איז באַוואוסט געוואָרן אַלס דער „גרויסער אידישער פילאָ־זאָף" האָבן פיל פּראָפעסאָרן זיך געווענדעט צו אים, אַז ער זאָל זיי אויפקלערן דעם ענין פון לעבן נאָכן טויט. דאָס מיינט, צי דער גלויבן אַז די נשמה בלייבט לעבן נאָכן טויט איז ריכטיק. אַ גרויס ווערק וועגן דער פראַגע האָט אָנגעשריבן נאָך מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָן. אין יענעם ווערק דערקלערט דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף דעם ענין פון לעבן און טויט, דורך אַ דיסקוסיע צווישן דעם פילאָזאָף סאָקראַטעס און זיינע תלמידים. די תלמידים פרעגן פראַגן און סאָקראַטעס ענטפערט זיי. מענדעלסאָן האָט אויפן גרונד פון יענעם ווערק געשאַפן אַן אייגן ווערק דורך דעם וואָס ער האָט גענומען פון דאָרטן אייניקע געדאַנקען און צוגעגעבן דערצו אייגנס.

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין אַ הויכער פּאָעטישער שפּראַך און עס האָט באַלד נאָכדעם ווי עס איז דערשינען אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטע־רעס, אַזוי אַז עס איז געוואָרן אַ „בעסט סעלער". עס האָט זיך געדרוקט דריי מאָל אין פאַרלויף פון דריי יאָר (אין די יאָרן 1767 — 1768 און 1769). עס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן. אין דעם בוך ווערט די דיסקוסיע געפירט אויף אַזאַ אופן, אַז מען קאָן זאָגן, אַז עס איז יאָ דאָ אַ לעבן נאָכן טויט און מען קאָן זאָגן, אַז עס איז נישטאָ, און ווי איינער וויל, קאָן ער טראַכטן, ווייל ס'זיינען ניטאָ קיין באַשטימטע באַווייזן אויף יאָ פונקט אַזוי ווי עס זיינען נישטאָ אויף ניט. דאָס ווערק האָט אויך געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אין דער געלערנטער וועלט. זייט דעמאָלט האָט מען מענדעלסאָנען גערופן דער „דייטשער פּלאַטאָן".

איצט וועלן מיר ברענגען דאָ אַ בילד וואָס עס שילדערט אַ שריפט־שטעלער, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט, ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1777, נאָכן דערשיינען פון בוך, אַ באַגעגעניש צווישן מענדעלסאָנען און דעם גרויסן דייטשן פילאָזאָף, עמנואל קאַנט, פון וועלכן מען קען זען ווי אַזוי די דייטשע יוגנט האָט זיך דעמאָלט פאַרהאַלטן צו אידן.

עס איז געווען אַזוי: דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף עמנואל קאַנט האָט, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט מענדעלסאָנ'ס בוך „פעדאָן", אים געשריבן אַ בריוו, אַז ער וויל זיך מיט אים באַגעגענען. עמנואל קאַנט, דער גרויסער דייטשער פילאָזאָף, האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן אין קעניגסבערג, וואו ער איז געווען אַ פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט. ער האָט ניט חתונה געהאַט און איז אויך קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרן פון קעניגס־בערג און אין ערגעץ ניט געגאַנגען. זיין גאַנצע באַוועגונג איז געווען בלויז אין די עטלעכע בלאָק, וואו ער איז געגאַנגען אין דער פרי פון זיין היים צו דער אוניווערזיטעט און דערנאָך צוריק. אַזוי האָט ער געלעבט גאַנצע פערציק יאָר. יעדער איינער, וואָס האָט געוואָלט זען קאַנט'ן, האָט געמוזט קומען צו אים קיין קעניגסבערג. דעריבער איז אויך מענדעלסאָן

אין איין פרימאָרגן אָפּגעפאָרן קיין קעניגסבערג און איז גלייך אַוועק אין דער אוניווערזיטעט, כדי צו הערן זיין לעקציע צו די סטודענטן.

מענדעלסאָן איז אַריין אין דער אוניווערזיטעט אויף אַ שטילן, באַשיידענעם אופן און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. באַלד האָבן די סטודענטן באַ־מערקט עפּעס אַ הויקערדיק אידל מיט אַ שפּיציק בערדל שטיין ביי דער טיר און אָנגעהויבן אויסצורופן שפּאָס־ווערטער אויף אידן און אויך אויף אים. דערנאָך האָבן זיי גענומען טופען מיט די פיס און לאַכן אויפן קול. מענדעלסאָן איז דאָך געבליבן רואיק, גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס. כדי צו ווייזן זיי, אַז ער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אויפן פּראָפעסאָר קאַנט, האָט ער ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער געפעלט זיי ניט, גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט. עטלעכע סטודענטן זיינען צוגעקומען און אים גע־פרעגט אויף וועמען ער וואַרט, האָט ער געענטפערט, אַז ער וואַרט אויף פּראָפעסאָר קאַנט׳ן. די סטודענטן האָבן איצט ווידער גענומען כיכיקען און לאַכן און טופען מיט די פיס און ווידער אויסגערופן באַליידיקנדע ווערטער וועגן אידן. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז קאַנט איז אַריינגעקומען. איצט זיינען די סטודענטן באַצויבערט געוואָרן פון קאַנט׳ס ווערטער, וועלכער האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער וועלט און האָבן גאָר פאַרגעסן אָן דעם איד. ווען קאַנט האָט געענדיקט זיין לעקציע, האָט מענדעלסאָן זיך געגעבן אַ הויב־אויף פון זיין שטול און איז צוגעלאָפן צו קאַנט׳ן. די סטודענטן האָבן איצט ווידער גענומען לאַכן און שפּאָטן, אָבער באַלד האָט קאַנט אים אויסגעשטרעקט די האַנט און אויסגערופן: „מאָזעס מענדעלסאָן!" און אַ וואונדער איז געשען: אַן עלעקטרישער שטראָם איז איצט דורכגעלאָפן דורכן עולם. אַלע סטודענטן האָבן איצט מיט גרויס דרך־ארץ גענומען זאָגן איינער צום אַנדערן: „דער אידישער פילאָזאָף", „דער דייטשער פּלאַטאָן", און באַלד האָבן אָט־די סטודענטן געמאַכט אַ וואַרע, זיך צעטיילט אויף צוויי מחנות מיט אַ פּלאַץ אין מיטן, פאַר די צוויי פילאָזאָפן, וועלכע האָבן איצט געאָרעמט דורכגעשפּאַצירט דורך דער שטוינענדער און פאַרשעמטער סטודענטן־מאַסע...

* * *

אַ צווייט וויכטיק ווערק פון משה מענדעלסאָן איז זיין „יערוזאַלעם" (ירושלים), אָדער ווי עס איז דער פולער נאָמען אויף דייטש „יערוזאַלעם, אָדער איבער רעליגיעזע מאַכט אונד יודענטום", געדרוקט אין בערלין צום ערשטן מאָל אין יאָר 1883. פון דעם בוך זיינען אויך דערשינען עטלעכע אויפלאַגעס און עס איז אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף פיל שפּראַכן. אין דעם ווערק רעדט מענדעלסאָן מייסטנס וועגן אידנטום, און ער בויט דאָרטן אויס זיין פילאָזאָפישע שיטה, וועלכע איז באַגרינדעט אויף די פילאָזאָפישע לערעס פון די פילאָזאָפן לייבניץ און וואָלף, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט.

כדי צו פאַרשטיין מענדעלסאָנ׳ס שיטה וועלן מיר דאָ געבן אין קורצן

אַ פּאָר שטריכן וועגן די דערמאָנטע צוויי פילאָזאָפן און וועגן דעם אין וואָס עס באַשטייט זייערע לערעס, אָדער אפשר ריכטיקער: זייער לערע, ווייל דער פילאָזאָף וואָלף האָט נאָר דערגענצט לייבניצ׳ן, אַזוי אַז אין דער פילאָזאָפישער וועלט ווערט די דאָזיקע לערע באַצייכנט אַלס די „לייבניץ־וואָלף שיטה״.

דער פילאָזאָף גאָטפריד ווילהעלם לייבניץ איז געבוירן געוואָרן אין לייפּציג דעם 6טן יולי, 1646, און איז געשטאָרבן אין עלטער פון 60 יאָר אין יאָר 1714, אין האַנאָווער. לייבניץ האָט נאָך געזען שפינאָזאַ׳ן אַ פּאָר חדשים פאַר דעם לעצטנס טויט און מיט אים געפירט אַ דיסקוסיע וועגן זיין (שפינאָזאַ׳ס) שיטה. שפּעטער האָט לייבניץ אָנגעשריבן אַ ווערק, אין וועלכן ער האָט אינגאַנצן צעקלאַפּט די שיטה פון שפינאָזאַ׳ן און אויפגעוויזן, אַז זי איז פאַלש. ער לאָזט זיך אין דעם ווערק אַריין אין טיפע חקירות וועגן דער גאָטהייט און וועגן אונטערשייד צווישן דעם געדאַנקען־גאַנג פון די גריכישע פילאָזאָפן און די מיינונגען פון שפינאָזאַ׳ן. אַ צייט שפּעטער האָט לייבניץ אָנגעשריבן אויף פראַנצויזיש (אויפן פאַרלאַנג פון דער באַראָ־נעסע סאָפיאַ שאַרלאָטע, וועלכע איז דערנאָך געוואָרן די פרוי פון קעניג פרידריך דער ערשטער פון פּרייסן) אַ בוך, וואו ער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען, אין אַ פּיל איינפאַכערע שפּראַך. אין זיין צווייטן ווערק וויזט ער אויף, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט נאָר פאַר דער טובה פון די מענטשן. מען קען ניט זאָגן, זאָגט ער, אַז די פירונג פון דער וועלט איז אין דער בעסטער אָרדנונג, אָבער לויט די אומשטענדן איז זי די בעסטע, ווייל ווען עס וואָלט געווען לויטער גוט, דענקט לייבניץ, וואָלטן די מענטשן עס ניט געקענט אויפנעמען. דערפאַר זעען מיר אַ פּראָצעס פון אַנטוויקלונג אין דער וועלט. דערמיט איז לייבניץ, דער ערשטער געקומען צום געדאַנק פון עוואָלוציע. אַפילו דאָס שלעכטע וואָס איז דאָ אין דער וועלט, גלויבט לייבניץ, האָט גאָט בכיוון געשאַפן, כדי עס זאָל זיין אַ שטראָף פאַר די רשעים. אמת, עס ליידן דערפון אויך די צדיקים, אָבער דאָס איז אַ זאַך וואָס איז ניט מעגלעך צו פאַרמיידן. לייבניץ באַגרינדעט דעם גלויבן אין גאָט; דעם פרייען אויסוואַל פון מענטש, און די באַלוינונג און באַ־שטראָפונג — אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות. דערמיט איז דער בוך, אויב מען וויל אַזוי זאָגן, ענלעך צום ספר „האמונות והדעות״ פון ר׳ סעדיה גאון. אָבער לייבניץ גייט ווייטער. ער גלויבט, אַז דער מענטש גייט צו פאַרפול־קאָמונג ניט נאָר אויפן טעכנישן געביט, נאָר אויך אין מידות און מאָראַל. ער האַלט, אַז דער גייסט שטייגט אַלע מאָל העכער ביז ער קומט־צו צו אַ פּונקט וואָס איז דאָס העכסטע, דעמאָלט גייט ער צוריק, אָבער נאָר כדי צו קענען שפּעטער ווידער שטייגן הויך און נאָך העכער ווי פריער.

לייבניצ׳ס שיטה איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן דער דייטשער אינטעליגענץ און האָט ביי אַלע שטאַרק אויסגענומען. דערצו איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס אַ נייער פילאָזאָף, קריסטיאַן וואָלף, האָט ניט נאָר געהאַלטן פון לייבניצ׳ס שיטה, נאָר האָט נאָך צוגעגעבן צו איר אַ נייעם פּירוש.

קריסטיאַן וואָלף איז געבוירן געוואָרן אין ברעסלוי דעם 24טן יאַנואַר פון יאָר 1679 און איז געשטאָרבן אין עלטער פון 75 יאָר, אין יאָר 1754, אין דער שטאָט האַלע (דייטשלאַנד). וואָלף איז געווען זייער אָנגעזען אַלס פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין דער אוניווערזיטעט פון האַלע און די יוגנט האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן. אין יענער צייט האָבן פּאַסירט פאַלן, ווען די סאָלדאַטן זיינען אַנטלאָפן פון דער אַרמיי, ווייל דער רעזשים אונטער דעם דעספּאָטישן קעניג פרידריך ווילהעלם דעם ערשטן, איז געווען אַ שרעק־לעכער. דער קעניג האָט אָבער פאַרדעכטיקט, אַז דאָס איז די שולד פון פּראָפעסאָר וואָלף און אים חושד געווען, אַז ער פּרעדיגט צו דער יוגנט, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן פון דער אַרמיי. דער קעניג האָט דעריבער באַפוילן צו די פירער פון דער אוניווערזיטעט, אַז זיי זאָלן באַזייטיקן וואָלפ׳ן פון זיין פּאָסטן און דערצו האָט ער אויפגעפּאָדערט דעם פּראָפעסאָר אַז ער זאָל גלייך פאַרלאָזן די שטאָט, אויב ניט, וועט ער אים אַליין אויפהענגען אויף אַ בוים. פּראָפעסאָר וואָלף האָט דעמאָלט געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט האַלע, אָבער נאָך דעם קעניגס טויט איז ער צוריקגעקומען קיין האַלע און איז געוואָרן צוריק פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט און אָנגעהאַלטן דעם פּאָסטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

וואָלף האָט אויסגעבויט אַ טעאָריע אויפן גרונד פון לייבניץ׳עס לערע, אַז גאָט האָט געשאַפן די וועלט צום נוצן פון מענטשן. דעריבער דאַרף מען אין יעדער דער׳שיינונג פון לעבן זען נאָר אַ צייכן פון גוטס, אַפילו ווען מען זעט עס ניט אויפן ערשטן בליק. דערפון קומט אַרויס די לערע פון אַ מאָראַל, אַז אַלע מענטשן דאַרפן שטרעבן אויסצובעסערן אַלע זייערע מעשים, כדי דערמיט אויסצובעסערן די וועלט, ווייל ווען עמעצער טוט עפּעס גוטס, טוט ער דערמיט שטאַרקן די וועלט פון גוטס; און פאַרקערט, ווען עמעצער טוט עפּעס שלעכטס, שטערט ער דערמיט דעם גוטן סדר פון דער וועלט.

אויף דעם גרונד פון די צוויי שיטות, פון לייבניץ און פון וואָלף, האָט מענדעלסאָן אויסגעבויט זיין שיטה וועגן דער וועלט בכלל און פון אידנטום בפרט. מענדעלסאָן, וועלכער איז געווען זייער באַפריינדעט מיט קאַנט׳ן, האָט ניט געהאַלטן מיט זיין מיינונג, וועלכע איז געווען אינגאַנצן קעגן דער לייבניץ־וואָלף שיטה. מענדעלסאָן האָט געהאַלטן פון די לייבניץ־וואָלף געדאַנקען און אויפן גרונד פון זיי אויסגעבויט זיין נייעם בנין, וואָס ער באַטראַכט פון באַזונדערער וויכטיקייט בנוגע דעם פאַרשטיין פון אידנטום.

אָבער וואָס עס איז אַזוינס די שיטה און ווי אַזוי פאַרשטייט מענדעלסאָן לויט דעם די לערע פון אידנטום — דאָס וועלן מיר באַלד זען.

* * *

משה מענדעלסאָן האָט אויפגעבויט זיין שיטה וועגן אידנטום הויפּטזעכלעך אויפן גרונד פון די אידישע פילאָזאָפן פון דער שפּאַנישער עפּאָכע, באַזונדערס

אויף דער שיטה פון רמב״ם און אויך אויפן גרונד פון די דייטשע פילאָזאָפן, לייבניץ און וואָלף.

אין זיין ווערק „ירושלים״ גיט אָפּ משה מענדעלסאָן אַ גרויסן טייל דערפון אויף צו באַווייזן די עקזיסטענץ פון גאָט, לויט די רייד פון די אידישע פילאָזאָפן פון דער שפּאַנישער עפּאָכע. דערביי צעקלאַפּט ער די שיטה פון שפּינאָזאַ׳ן אַז גאָט און וועלט איז איינס. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט דער אַלטער פראַגע וועגן „ידיעה״ און „בחירה״, ד. ה. אויב גאָט ווייסט פאָראויס וואָס דער מענטש וועט טאָן, ווי אַזוי קען דער מענטש זיין פריי צו טאָן וואָס ער וויל, גוטס אָדער שלעכטס? און ער ענטפערט דאָס אויפן וועג פון די פילאָזאָפן פון דער שפּאַנישער עפּאָכע, אַז דאָס וויסן פון גאָט באַאיינפלוסט ניט דעם מענטש ווי אַזוי צו האַנדלען. נאָך מער, גאָט ווייסט אַפילו פריער־אויס צי דער רשע וועט תשובה טאָן און צי ער וועט אים מוחל זיין, אָבער דאָס אַלץ האָט ניט קיין השפּעה אויפן מענטשס פרייען ווילן צו טאָן וואָס ער וויל. דאָס איז אין גייסט פון ר׳ סעדיה גאון, רבנו בחיי, ר׳ חסדאי קרעסקאָס און אַלע אַנדערע.

נאָכדעם טרעט מענדעלסאָן אַרויס קעגן דער מאַטעריאַליסטישער שיטה, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין זיין צייט, אַז דער מענטש איז ניט מער ווי אַ מאַשין און עס קומט אַ צייט ווען די מאַשין ווערט אַלט, אָפּגענוצט און זי צעפאַלט זיך, און ער זאָגט, אַז אויב דער מענטש וואָלט געווען בלויז אַ מאַשין, ווי אַזוי קען דער מענטש האָבן בילדער און באַגריפן פון אַלעם וואָס רינגלט אים אַרום? ווי אַזוי האָבן מענטשן טאַלאַנט צו שרייבן? צו מאָלן? צו מוזיק? צו סקולפּטור און צו אַנדערע קונסטן?

ערשט איצט קומט מענדעלסאָן צו דער פראַגע, וואָס עס איז אַזוינס דאָס אידנטום און ער רעדט אַרום דעם ענין פון דער „תורה״ און ווייזט אויף, אַז „תורה״ מיינט לערע, וויסן, און אַז דאָס אידנטום איז ניט קיין רעליגיע ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס, נאָר אַ לערע און אַ וויסן. „אַ איד״, זאָגט מענדעלסאָן, „דאַרף ניט גלויבן אין קיין שום זאַך וואָס דער שכל איז עס ניט מחייב, און דאָך זאָל ער דערביי ניט עובר זיין אויף קיין עיקר פון אידנטום״ („ירושלים״, צווייטער טייל). מיר געפינען ניט אין קיין פּלאַץ אין דער תורה, אַז אַ איד דאַרף גלויבן אַפילו אין די צען געבאָט, וואו עס הויבט זיך אָן דער ערשטער געבאָט מיט די ווערטער „אָנכי ה׳ אלקיך״, עס מיינט ניט, אַז אַ איד דאַרף אַזוי גלויבן, נאָר אַז ער דאַרף דאָס וויסן, וואָרים אַלס אַ לערע וואָס דאַרף אַפּעלירן צום שכל קען די תורה אונז ניט זאָגן: „דו זאָלסט גלויבן״. דעריבער זעען מיר, אַז אומעטום וואו עס רעדט זיך וועגן גאָט, שטייט דאָרטן דאָס וואָרט „ידיעה״, ווי למשל, „וידעת היום... כי ה׳ הוא האלקים״. ווייטער, וועגן די דרייצן עיקרים וואָס עס זיינען געשאַפן געוואָרן פון רמב״ם, זאָגט מענדעלסאָן, אַז מען זעט אַז זיי זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן פון פאָלק, ווייל אָט האָט קרעסקאָס זיי פאַרקלענערט

אויף בלויז 6 עיקרים און דערנאָך ר׳ יוסף אַלבו — אויף דריי און די מקובלים, ווידער, האָבן געזאָגט, אַז מיר האָבן בכלל ניט קיין עיקרים, ווייל יעדע מצווה איז אַן עיקר.

מענדעלסאָן טרעט דערנאָך אַרויס קעגן שפּינאָזאַ׳ן, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז די געזעצן פון דער תורה זיינען ניט קיין גוטע און אַז זיי זיינען געגעבן געוואָרן די אידן כדי צו פּייניקן זיי, און ער ווייזט אויף פּונקט פאַרקערט — און דאָ גייט ער אין דער שיטה פון לייבניץ־וואָלף — אַז די געזעצן זיינען גראָד גוטע און אַז בכלל פירט זיך די וועלט לויט גוטע געזעצן. ניט אַלע מאָל ווייסן מיר אַפילו פאַרוואָס עס איז אַזוי און ניט אַנדערש. טיילמאָל, דוכט זיך אונז, אַז געוויסע זאַכן זיינען ניט אין אָרדנונג, אָבער זיי זיינען יאָ, ווייל גאָט האָט אַזוי געוואָלט.

דער איד האָט די תורה. זי איז געגעבן געוואָרן פון גאָט צו די אידן, ווייל אַזוי האָט גאָט געוואָלט, פּונקט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט שאַפן זיין וועלט מיט אירע געזעצן. אָט־די תורה ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור, אָבער דאַרטן זיינען ניטאָ קיין שלעכטס פאַר אידן. אַ סימן — מיר עקזיסטירן מיט אָט דער תורה זייט זי איז אונז געגעבן געוואָרן. מיר זיינען ניט אונטערגעגאַנגען צוליב דער תורה, נאָר פאַרקערט, דאַרטן וואו מען היט אָפּ די תורה איז אונזער עקזיסטענץ פיל שטאַרקער און מער געזיכערט. אָבער די תורה לייגט אויף אונז ניט אַרויף קיין עול פון גלויבן, זי וויל נאָר, אַז מיר זאָלן פאַרשטיין, מיר זאָלן באַנעמען מיטן שכל, אַז עס איז דאָ אַ גאָט; אַז ער איז איינער; אַז ער האָט געשאַפן הימל און ערד; אַז ער גיט לעבן צו אַלעם וואָס איז דאָ אויף דער וועלט; אַז ער האָט אונז געגעבן די תורה און אונז אויסגעקליבן אַלס זיין פאָלק. די אַלע זאַכן קען אַ איד פאַרשטיין מיט זיין שכל און דאַרף דערביי ניט אָנקומען צו גלויבן, ווייל גלויבן מיינט אין זאַכן וואָס זיינען קעגן שכל. אידנטום איז פאַרשטאַנד, ווויסן און אַ לערע, ניט קיין גלויבן.

און מענדעלסאָן באַטאָנט, אַז אויב אַ איד וואָס היט אָפּ אידנטום קען, למשל, ניט גלויבן אין אַ געוויסער זאַך, וואָס עס לייגט זיך ביי אים ניט אויפן שכל, ווי למשל אין תחית המתים, איז ער נאָך דערמיט ניט אויס איד, ווייל מען קען זיין אַ איד אויב מען גלויבט ניט אין זאַכן וואָס לייגן זיך ניט אויפן שכל.

אָבער דאָ מאַכט מענדעלסאָן אַ שריט ווייטער, וואָס עס איז שוין געפערלעך פאַרן קיום פון אידנטום. ער באַהויפּטעט, אַז די אידישע תורה איז געווען, אַחוץ אַ וויסן, אַ מלוכה־רעליגיעזע געזעצגעבונג, דאָס מיינט ניט, אַז אין דער תורה זיינען דאָ סיי מלוכה און סיי רעליגיעזע עלעמענטן, נאָר אַז זיי זיינען איין זאַך (זייט 460). גאָט איז אין יענע אַלטע צייטן געווען דער אידישער קעניג און די אידן — זיינע אונטערטאַנען. ווער עס האָט עובר געווען אויף דער תורה, האָט אַלזאָ עובר געווען אויף אַ מלוכה־געזעץ און

ער דאַרף דערפאַר באַשטראָפט ווערן. אָבער ניט אַזוי איז עס אין חוץ־לארץ, אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישראל. דעריבער איז דער וואָס היט אָפּ שבת אין חוץ־לארץ אין אַן אַנדערער לאַגע ווי איינער וואָס האָט אָפּגעהיטן שבת אין ארץ־ישראל, ווייל אין ארץ־ישראל איז עס געווען ניט נאָר אַ רעליגיעזער געזעץ, נאָר אויך אַ לאַנדס־געזעץ און מען קען דערפאַר באַשטראָפט ווערן. אָבער אין חוץ־לארץ איז עס נאָר אַ רעליגיעזער געזעץ און דערפאַר קען מען ניט באַשטראָפן.

אויב אַזוי, פרעגט מענדעלסאָן אַליין ווייטער, אויב די תורה איז אַ מלוכה־געזעץ, פאַרוואָס דאַרף מען זי אָפּהיטן אין גלות? און ער ענטפערט, אַז אַ טייל געזעצן (די „מצוות התלויות בארץ" — מצוות וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט ארץ־ישראל) זיינען טאַקע בטל געוואָרן, אָבער אַנדערע מצוות היטן מיר אָפּ צוליב זייער רעליגיעזער זייט, צוליב דער ירושה צו אונז פון אונזערע עלטערן און אויך ווייל זיי זיינען גוטע געזעצן.

* * *

מענדעלסאָן ווערט באַטראַכט, און מיט רעכט, אַלס דער פאָטער פון דער השכלה־באַוועגונג. דאָס איז אמת. ווייל עס זיינען געווען ניט אַזוי ווייט זיינע ווערק „פעדאָן" און „ירושלים", וואָס האָבן געהאַט אַ ווירקונג, ווי זיין „ביאור" און בכלל זיינע נייע מיינונגען, וועלכע האָבן געגעבן אַ שטויס דער אידישער יוגנט אין זיין צייט, און אויך דעם דור נאָך אים, צו אַ נייעם וועג פון געדאַנקען וועגן אידן און אידנטום. מען קען זאָגן וועגן מענדעלסאָנען דאָס זעלבע ווערטל וואָס מען האָט געזאָגט וועגן פעטער דעם גרויסן, אַז ער האָט געעפנט אַ פענסטערל צו דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור. אויך מענדעלסאָן האָט אין אַ געוויסן זין געעפנט פאַר דער אידישער יוגנט אַ פענסטערל צו דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור, און דאָס ניט אַזוי ווייט פאַר דער דייטשער אידישער יוגנט, ווי פאַר דער מזרח־אייראָפּעאישער, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיי געוויזן דעם וועג צו בילדונג, צו וויסן.

אויך מיט זיין געדאַנקען־גאַנג וועגן אידנטום אַלס לערע און וויסן, כאָטש דאָס איז אין גרונד גענומען פון רמב"מ'ס ווערטער אין „מדע", האָט ער פיל אויפגעטאָן אין זיין צייט, ווען דאָס אידנטום איז הויפּטזעכלעך באַ־שטאַנען פון שאלות ותשובות, דרשות און קבלה. זיינע מיינונגען וועגן וועלט און אידנטום האָבן דעריבער אָפּגעקלונגען ניי פאַר דער אידישער יוגנט און עס האָט אָנגעהויבן הערשן אַ נייער גייסט אין דער אידישער גאַס.

נאַטירלעך, האָבן די אָרטאָדאָקסן דאָס ניט געוואָלט ליידן און זיינען אַרויס אין קאַמף קעגן אים. זייער הויפּט־טענה איז געווען, אַז כאָטש מענדעלסאָן אַליין איז אַ פרומער איד און כאָטש אין זיינע ווערק איז ניטאָ קיין שום זאַך וואָס זאָל זיין קעגן אידישקייט, האָט אָבער זיין שיטה געפירט דערצו, אַז אייניקע פון זיינע קינדער האָבן זיך גע'שמד'ט און דאָס זעלבע איז אויך

געשען צו אַ טייל פון זיינע תלמידים. דאָס זאָל אַלזאָ זיין אַ באַוויז, אַז זיין לערע איז שעדלעך פאַרן אידנטום. די דאָזיקע טענה קלינגט אָבער לעכערלעך, ווייל אין גאַנג פון דער אידישער געשיכטע האָט ליידער פּאַסירט זייער אָפט, אַז קינדער פון גרויסע אידישע גייסטער האָבן פאַרלאָזן דעם אידישן גלויבן. אין דער צייט פון דער שפּאַנישער עפּאָכע האָבן מיר צו פאַרצייכענען פיל פאַלן ווען קינדער פון גרויסע גייסטיקע פירער, ווי רבנים, פילאָזאָפן און דענקער, האָבן זיך אויסגעגליטשט און אויסגעטוישט דאָס רענדל ... אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן מיר געהאַט פאַלן ווען קינדער פון גרויסע רבנים און אַפילו פון חסידישע רביים, זיינען אַריבער אויף דער גוי'אישער זייט. אָבער דאָס האָט ניט אָנגערירט דעם כבוד פון זייערע עלטערן. אין דער הינזיכט פּאַסט זיך דאָ צו דערציילן דעם פאָלקס־אַנעקדאָט וועגן אַזעלכע פאַלן, וואָס גייט אַזוי:

אַ חסידישער איד וואָס האָט געהאַט איין אייניציקן זון, אַ גרויסן לערנער, האָט זיך פלוצלונג דערוואוסט, אַז זיין בן יחיד האָט זיך גע'שמד'ט. האָט ער געוויינט און געקלאָגט, זיך געריסן קריעה און געזעסן שבעה ווי נאָך אַ טויטן. נאָך דער שבעה איז ער געפאָרן צו זיין רבי'ן איבערצורעדן מיט אים וועגן דעם. דער חסיד איז געקומען צום רבי'ן מיט אַ טענה:

— רבי, וואָס זאָל איך טאָן? כ'האָב געהאַט איין אייניציקן זון און ער האָט זיך גע'שמד'ט! רבי, העלפט מיר!

זיפצט דער רבי אָפּ און זאָגט:

— וואָס קען איך טאָן, אַז אויך מיך האָט געטראָפן אַזאַ אומגליק. כ'האָב אויך געהאַט איין אייניציקן זון און ער האָט זיך אויך גע'שמד'ט.

ווערט שוין דער חסיד אינטערעסירט און שרייט אויס:

— רבי, איר זענט דאָך נאָענט צו גאָט, האָט איר זיך דאָך געקענט ווענדן צו גאָט וועגן דעם?

— כ'האָב טאַקע אַזוי געטאָן, — האָט געזאָגט דער רבי — כ'האָב זיך טאַקע געווענדעט צו גאָט.

דער חסיד איז שוין געוואָרן גאָר נייגעריק און געזאָגט צום רבי'ן:

— נו! נו! וואָס האָט אייך גאָט געזאָגט, רבי?

דער רבי האָט איצט אָפּגעזיפצט:

— וואָס גאָט האָט מיר געזאָגט? ער האָט מיר געזאָגט: וואָס קען איך דיר העלפן, אַז מיט מיר האָט אויך געטראָפן אַזאַ אומגליק. כ'האָב אויך געהאַט אַן איין־אייניציקן זון און ער האָט זיך אויך גע'שמד'ט ...

דאָס איז אַן אַנעקדאָט. דער געדאַנק הינטער דעם אָבער איז, אַז שמד־פאַלן קענען נישט דינען אַלס באַוויז אַז די עלטערן זיינען דערין שולדיק ...

* * *

אָבער ניט נאָר אָרטאָדאָקסן, נאָר אויך נאַציאָנאַליסטן האָבן געהאַט טענות צו מענדעלסאָנען. אַזוי, למשל, איז פּרץ סמאָלענסקין אַרויסגע־

טראַטן קעגן אים אין זיין ווערק „עת לטעת" מיט אַ טענה, אַז אין זיין בוך „ירושלים" לייקנט ער אָפּ אינגאַנצן דעם אידישן נאַציאָנאַליזם און זאָגט, אַז די אידן זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע געמיינדע.

אַזאַ טענה צו מענדעלסאָנען האָט סמאָלענסקין אויך אַרויסגעבראַכט אין זיין ווערק „התועה בדרכי החיים", אָבער אויך די טענה איז אַ פאַלשע און עס איז שווער צו פאַרשטיין פון וואַנען ביי סמאָלענסקינען האָט זיך געשאַפן אַזאַ מיינונג וועגן מענדעלסאָנען, ווייל סיי אין „ירושלים" און סיי אין די אַנדערע ווערק פון מענדעלסאָנען, זיינען אַזעלכע ווערטער ניטאָ און ניט נאָר אַזעלכע רייד, נאָר אַפילו ניט קיין רמז אויף אַזעלכעס. באמת געזאָגט, האָט מען דעמאָלט נאָך גאָרניט גערעדט וועגן אידישן נאַציאָנאַליזם. אין יענער צייט האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן דעם, צי אַ איד וואָס וויל זיין וועלטלעך מוז זיך אָפּזאָגן צוליב דעם פון אידנטום, און מענדעלסאָן האָט געהאַלטן, אַז ניין, מען דאַרף זיך פון אידנטום ניט אָפּזאָגן און אַז מען קען זיין גאַנץ וועלטלעך און אויך זיין אַ גוטער איד.

* * *

מענדעלסאָן איז ניט געווען קיין גרויסער פילאָזאָף און האָט קיין נייע שיטה ניט געשאַפן. ער האָט אָבער איבערגעאַרבעט און איבערגעבויט אַלטע שיטות און זיי געמאַכט אויסקוקן ווי ניי. דאָס האָט ער געטאָן מיט די גריכישע פילאָזאָפן אין זיין „פעדאָן", דאָס זעלבע אויך מיט די אידישע פילאָזאָפן און אַזוי אויך מיט די דייטשע פילאָזאָפן אין זיין ווערק „ירושלים" און אין אַנדערע ווערק. ער האָט, איבערהויפּט, אויפגעטאָן אַ נייעס דערמיט וואָס ער האָט צוגעפירט דעם געביט פון אידישער טעאָלאָגיע צו דער טיר פון וויסן און די טיר אַביסל געעפנט. ער האָט ניט אַרויסגעפירט די אידישע טעאָלאָגיע אויף דער אַנדערער זייט, נאָר בלויז געוויזן דעם וועג ווי אַזוי צו פאַרשטיין אידישקייט אַלס וויסנשאַפט, אָן דעם עלעמענט פון גלויבן. אָבער אין זיין צייט האָבן שוין געהערשט אין דער אידישער וועלט גאַנץ אַנדערע מחשבות און שטרעמונגען. איבער דער גרענעץ פון דייטשלאַנד, אין פּאָדאָליען, האָט דעמאָלט געלעבט אַ איד, אַ למד־וואָווניק, אַ איד אַ נסתר וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קבלה און האָט געשאַפן גאָר אַ נייע שיטה אין אידנטום. דאָס איז געווען ר' ישראל בעל שם טוב, דער גרינדער פון חסידות. אָבער וועגן אים — אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.3

# ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער גרינדער פון חסידות

**די פאַרשידענע „בעל שמ׳ס" און פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי געהייסן. — ר׳ ישראל בעל שם טוב. — די מאָדנע לעגענדע וועגן זיין געבורט און וועגן ר׳ אָדם. — זיין חתונה מיט אַ שוועסטער פון בראָדער רב. — ער לעבט זיבן יאָר אין איינזאַמקייט און פאַרנעמט זיך מיט פירן ליים אין שטאָט אַריין. — צו 36 יאָר באַשליסט ער צו אַנטפּלעקן זיך און ער ווערט באַרימט. — האָט דער בעש"ט געקענט לערנען? — וואָס איז געווען זיין פילאָזאָפישע ריכטונג? — דער בעל שם טוב אַלס נאַטור־פילאָזאָף. — מיט וואָס זיין ריכטונג איז אַנדערש פון שפּינאָזאַ׳ס. — זיין לערע וועגן מענטשן.**

מיר געפינען זיך איצט אין דעם 17טן יאָרהונדערט. דער אידישער אימיגראַנטן־שטראָם וואָס איז געגאַנגען פון שפּאַניען אין ענדע פון 15טן יאָרהונדערט אין אַ צאָל פון איבער דריי הונדערט טויזנט נפשות און האָט געזוכט נייע וואוין־ערטער, איז אַוועק אַ חוץ קיין האָלאַנד, אויך קיין דייטשלאַנד, פּוילן און טערקיי. אַ קליינע צאָל איז אויך אַוועק קיין איטאַליע. מער־ווייניקער איז דער גייסטיקער כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אימיגראַציע געווען אַזעלכער: קיין דייטשלאַנד איז אַוועק דער טייל וואָס האָט געזוכט בילדונג און וויסן, און מיר זעען דעם רעזולטאַט דערפון אין דער דערשיינונג פון מאָזעס מענדעלסאָן און צוזאַמען מיט אים פיל אַנדערע געלערנטע. קיין טערקיי איז אַוועק מער דער עלעמענט וואָס איז גענייגט צו קבלה און מיסטיק, און דעריבער האָבן מיר געזען די דערשיינונג אויף דער דאָרטיקער ערדע פון דעם פאַלשן משיח, שבתי צבי (געבוירן אויגוסט 1626 — געשטאָרבן סעפּטעמבער 1676), וועלכער האָט אַריינגעבראַכט פיל אומרואיקייט אין אידישן לעבן אין זייער פיל לענדער. דער שטראָם ווידער פון די אידן, וואָס איז געגאַנגען קיין פּוילן, איז געווען שוין מער אַ לומדישער און עס זיינען געשאַפן געוואָרן דאָרטן פיל ישיבות, פון וועלכע עס זיינען אַרויסגעקומען גרויסע רבנים. אין אָט־דער סביבה אין פּוילן איז איצט אַנטשטאַנען אַ נייער גייסט, וועלכער, כאָטש ער איז געשטאַנען מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון תלמוד און קבלה, האָט ער דאָך

געשאַפן אַ נייע פילאָזאָפישע שיטה, וואָס איז דערצו אויך געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג אין אידישן לעבן. מיר מיינען דאָ דעם גרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל שם טוב, וואָס ווערט אין קורצן באַצייכנט מיט דעם וואָרט „בעש״ט״. מיר וועלן דאָ ריידן בלויז פון בעש״ט אַלס שאַפער פון אַ נייער פילאָזאָפישער שיטה אין אידנטום, אָבער נישט פון זיין חסידות־באַוועגונג וואָס איז גאָר אַן אַנדערע זאַך אין גאַנצן. (וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער אין קאַפּיטל „אַנדערע שאַפונגען אין דעם צווייטן טייל פון דער פילאָזאָפישער עפּאָכע״).

פאַרוואָס האָט דער דאָזיקער איד וואָס האָט געהייסן ר׳ ישראל געקראָגן דעם נאָמען „בעל שם טוב״? וואָס מיינט עס? — עס מיינט אַ היילער, ווייל אַזוי האָט מען גערופן, זינט דעם צענטן יאָרהונדערט, די יעניקע וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט היילן מענטשן לויט קבלה׳שע באַגריפן. וועגן דעם נאָמען „בעל שם״ זיינען דאָ צוויי מיינונגען. איין מיינונג איז, אַז „בעל שם״ מיינט דער וואָס פאַרנעמט זיך מיטן „שם״, מיטן נאָמען פון גאָט, וואָס מען דאַרף וויסן לויט דער קבלה ווי אַזוי אויסצולייגן כדי צו קענען היילן יעדע קראַנקייט באַזונדער. אַ צווייטע מיינונג איז, אַז דאָס וואָרט „בעל שם״ מיינט איינער וואָס האָט אַ שם, אַ נאָמען, איינער וואָס איז באַוואוסט, פּאָפּולער. עס הייסט, אַז ער איז באַקאַנט אַלס אַ היילי־קער. ווי געזאָגט, זיינען געווען ביי אידן אַ סך אַזעלכע. עס זיינען באַקאַנט אין דער געשיכטע אַן ערך צוואַנציק, וואָס מען האָט זיי גערופן „בעל שם״. פיל פון זיי זיינען געווען גרויסע רבנים און באַוואוסטע גאונים, ווי, למשל, ר׳ אליהו בר׳ יהודה אהרן, דער רב פון דער שטאָט כעלם, וועלכער איז געווען דער עלטער־זיידע פון גאון ר׳ צבי אַשכנזי, דער מחבר פון ספר „חכם צבי״ אין 16טן יאָרהונדערט. אין זעלבן יאָרהונדערט האָט אויך געלעבט אַ „בעל שם״ מיטן נאָמען ר׳ אליהו בר׳ משה ליאַנץ, רב פון דער שטאָט וואָרמס אין דייטשלאַנד. עס זיינען געווען נאָך פיל אַנדערע „בעל שמ׳ס״ אין 17טן און אויך שפּעטער אין 18טן יאָרהונדערט. אָבער ר׳ ישראל בעל שם טוב איז ניט געווען קיין רב, פאַרקערט, ער האָט גאָר געגאָלטן אַ שטיק צייט פאַר אַ גרויסן עם־הארץ און אַ גראָבן יונג און ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז ניט אַזוי. „ר׳ ישראל בעל שם טוב״ האָט אים דאָס פאָלק גערופן. ניט סתם „בעל שם״, נאָר „בעל שם טוב״, וואָס עס מיינט איינער וואָס האָט אַ גוטן נאָמען.

אָבער ווער איז געווען אָט־דער בעל שם טוב? פון וואַנען איז ער געקומען? און ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל פון אים אַזוי האַלטן און אים רופן „בעל שם טוב״? נאָך מער, ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז איינער וואָס איז געווען ווייניק באַקאַנט סיי אין דער לומדישער און סיי אין דער קבלה׳שער וועלט, זאָל ווערן דער שאַפער פון אַ פילאָזאָפישער שיטה אין אידנטום? — אָט־די פראַגן וועלן מיר זוכן צו

פאַרענטפערן ווייטער, ווען מיר וועלן קלאָר מאַכן וואָס עס איז געווען זיין פילאָזאָפישע שיטה אין אידנטום.

* * *

וועגן ר׳ ישראל בעל שם טוב איז ניט לאַנג נאָך זיין טויט אַרויס אַ ספר וואָס הייסט „שבחי הבעש״ט״, וואָס איז פול מיט לעגענדעס וועגן אים. אָבער לעגענדעס זיינען פאַרשידנאַרטיק. פאַראַן אידעלע, וועלכע זיינען ווי פּאָעטישע שאַפונגען און פאַראַן גראָבע, וואָס זיינען נאַרווילדע פאַנטאַזיעס. (דער אידישער דענקער ר׳ אברהם אבן עזרא האָט אין זיין הקדמה צום פירוש פון „איכה״ זייער גוט באַצייכנט די צוויי סאָרטן פון לעגענדעס מיט זיין געלונגענעם אויסדרוק „יש מהם כמשי דקים, ויש מהם עבים כשקים״ — פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע וואָס זיינען אַזוי דין ווי זייד און פאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען אַזוי דיק ווי זעק). די לעגענדעס פון ספר „שבחי הבעש״ט״ געהערן צום לעצטן סאָרט. זיי באַשטייען פון מורא׳דיקע פאַנטאַזיעס. אַלס באַוויז וועלן מיר דאָ ברענגען איינע פון זיי, וואָס האָט אַ שייכות צום געבורט פון בעש״ט. די לעגענדע גייט אַזוי:

דער פאָטער פון בעש״ט, דער רב, ר׳ אליעזר, האָט געוואוינט אין דער מדינה וואַלאַכיע. ער און זיין פרוי זיינען געווען שוין גאָר אַלטע לייט. איינ־מאָל איז אַ באַנדע רויבער אַריין אין שטאָט, און האָבן אים גענומען געפאַנגען און זיין פרוי איז געלונגען צו אַנטלויפן אין אַן אַנדערער שטאָט. כדי צו פאַרדינען אויף פרנסה איז זי געוואָרן אַ הייבאַם. אים ווידער, דעם רב, האָבן די רויבער אַוועקגעפירט אין אַ ווייט לאַנד, וואו עס זיינען קיין אידן ניט געווען און אים פאַרקויפט צו אַ רייכן מאַן. דער רב האָט געדינט זיין בעל־הבית געטריי און איז דעריבער געוואָרן דער גאַנצער אויפזעער פון זיין הויז. ער האָט דאַן געבעטן זיין בעל־הבית צו לאָזן אים היטן שבת, האָט דער בעל־הבית אים דאָס צוליב געטאָן. דער רב האָט איצט געוואָלט אַנטלויפן פון דאָרטן, אָבער מען האָט אים געוויזן אין חלום, אַז ער זאָל נאָך וואַרטן.

ווייטער גייט די לעגענדע אַזוי: זיין בעל־הבית האָט אים אַוועקגעשענקט צום וויצע־קעניג פון לאַנד. איינמאָל האָט דער קעניג געפירט אַ גרויסע מלחמה, האָט דער קעניג געשיקט נאָך דעם וויצע־קעניג, אַז ער זאָל אים געבן אַן עצה אין דער פירונג פון דער מלחמה, אָבער דער וויצע־קעניג האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דעם קעניג און דער קעניג איז געוואָרן בייז אויף אים. ווען ער איז אַהיים געקומען, האָט ער דערציילט זיין קנעכט, ר׳ אליעזר׳ן, וואָס עס האָט פּאַסירט. האָט ר׳ אליעזר אים דערקלערט וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגן ווי אַזוי מען דאַרף פירן די מלחמה, האָט דאָס דער וויצע־קעניג צומאַרגנס געזאָגט דעם קעניג. די דאָזיקע מיינונג האָט ביים קעניג שטאַרק אויסגענומען, אָבער ער האָט געוואָלט וויסן פון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ קלוגער איינפאַל. האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז דאָס

האָט אים געזאָגט זיין דינער. האָט דער קעניג גערופן דעם דינער צו זיך און ער איז געוואָרן זיין בעל יועץ (ראַטגעבער), און ווען דער וויצע־קעניג איז געשטאָרבן האָט ער, דער דינער, פאַרנומען זיין אָרט און דער קעניג האָט אים, ר׳ אליעזר׳ן, געגעבן זיין שיינע און יונגע טאָכטער פאַר אַ ווייב... אָבער ר׳ אליעזר האָט זי ניט אָנגערירט. האָט זי אים געפרעגט: „פאַרוואָס באַרירסטו מיך ניט?" — האָט ער איר געזאָגט, אַז ער איז אַ איד און ער טאָר ניט, ווייל זי איז ניט קיין אידישע. האָט זי אים געגעבן אַ סך געלט און אָפּגעשיקט אַהיים. אָבער אויפן וועג זיינען אים באַפאַלן רויבער און האָבן צוגענומען ביי אים אַלצדינג. האָט זיך באַלד באַוויזן צו אים אליהו הנביא און צו אים געזאָגט, אַז אין דעם זכות וואָס ער האָט זיך ניט צוגערירט צו דער שיינער און יונגער פּרינצעסין וועט ער האָבן אַ זון וואָס וועט באַלייכטן די וועלט. ר׳ אליעזר האָט איצט באַלד געפונען זיין ווייב און זיי האָבן געהאַט אויף די עלטערע יאָרן אַ זון, ר׳ ישראל, וואָס איז געוואָרן דער בעל שם טוב...

דאָס איז נאָר איין לעגענדע. אָבער עס זיינען פאַראַן נאָך פילע אַנדערע לעגענדעס אַזעלכע וואָס איינע איז ווילדער פון דער אַנדערער. היות ווי עס איז דאָ וועגן בעש״ט זייער ווייניק היסטאָרישער מאַטעריאַל, האָט דאָס געפירט דערצו, אַז איינער פון די לעצטע משכילים פון פאַריקן יאָרהונדערט (ר׳ אפרים דיינאַרד אין זיין ספר „עלטה") איז אַרויסגעקומען מיט אַ דער־קלערונג, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט אמת. דאָס מיינט, אַז עס איז אינגאַנצן קיין בעש״ט ניט געווען און אַז אַלץ איז פון עמעצן אויסגעטראַכט געוואָרן... אָבער דאָס איז שוין ווידער אַ צו ווייטע פאַנטאַזיע אויף דער אַנדערער זייט, ווייל כאָטש עס זיינען ניטאָ קיין סך היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן בעש״ט, זיינען זיי אָבער גענוג אויף צו באַווייזן, אַז אַזאַ מענטש האָט געלעבט אין דער צייט פון ענדע 17טן ביז אין מיטן 18טן יאָרהונדערט, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער אין גאַנג פון אונזער פאָרשונג.

אַלזאָ, לאָמיר פּרובירן דאָ צו פאַרצייכענען וואָס די היסטאָריקער ווייסן צו דערציילן וועגן ר׳ ישראל בעל שם טוב. לאָמיר אָנהויבן פון זיין קינדהייט אָן.

ווי עס איז צו זען פון פאַרשידענע קוועלן פון יענער צייט, איז ר׳ ישראל געבוירן געוואָרן אין יאָר 1696 (אָדער 1698 — דאָס איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן) אין דעם שטעטל אָקופּ (אָדער טלוסט) ניט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, וואָס עס איז דעמאָלט געווען אויף דער גרענעץ פון פוילן מיט טערקיי. ר׳ ישראל׳ס עלטערן זיינען, ווי עס ווייזט אויס, גע־שטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען יונג און ער איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, אויף וועלכן די אידן פון שטעטל האָבן רחמנות געקראָגן. אין וואָס די רחמנות האָט זיך אויסגעדריקט, און וואָס עס איז געשען מיט אים — ווערט ניט דערציילט. עס זעט ניט אויס, אַז עמעצער פון די באַלעבאַטים

זאָל אים האָבן אַריינגענומען און אים געגעבן אַ היים, ווייל דאָס ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט. אין „שבחי הבעש״ט" ווערט דערציילט, אַז „זיין שטייגער איז געווען צו לערנען עטלעכע טעג און דערנאָך צו אַנטלויפן פון חדר און אַז מען האָט אים געזוכט און געפונען זיצנדיק איינער אַליין אין וואַלד און מען פלעגט אים ברענגען צוריק צום מלמד, אָבער אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער ווידער אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין". עס קען זיין, אַז דעם פאַר׳חלומ׳טן און וויזיאָנערישן אינגל איז נישט אַריין אין קאָפּ די שווערע גמרא מיטן גאַנצן פּלפּול און אַזוי ווי ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אָן אייגענע, האָט אים מער געצויגן צו איינזאַמקייט... מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין ברענגען די קינדער אין חדר אַריין און דערנאָך זיי אָפּפירן צוריק אַהיים, ווי אויך צו זאָגן מיט זיין די „קדושה" און אַנדערע תפילות און ער פלעגט דאָס זאָגן מיט זיי מיט אַ זיסן קול און איז דעריבער געוואָרן ביי זיי שטאַרק באַליבט. ווען ער איז עלטער געוואָרן, איז ער געוואָרן אַן אונטער־שמש אין שול. דאָרטן האָט ער געהאַט זיין אייגענעם ווינקל. בייטאָג, ווען אַלע פלעגן דאַווענען אָדער לערנען, פלעגט ער דרימלען, און ביינאַכט פלעגט ער אויפשטיין צו לערנען און אַריינקוקן אין ספרים.

איצט דערציילט דער „שבחי הבעש״ט" ווייטער אַ ווילדע מעשה. ווען דער בעש״ט איז אַלט געוואָרן 14 יאָר איז געקומען צו אים אַ מענטש מיטן נאָמען „רבי אדם" (אַזאַ נאָמען איז קיינמאָל ניט געווען ביי אידן) מיט אַ פּאַק כתבים, וואָס יענער האָט זיי געדאַרפט איבערגעבן, לויט זיין פאָטערס צוואה, צו איינעם מיטן נאָמען ישראל בן אליעזר, ווייל זיי „געהערן זיך אָן מיטן שורש פון זיין נשמה". אין „שבחי הבעש״ט" ווערט דערציילט אויספירלעך ווי אַזוי דער פרעמדער האָט זיך באַקענט מיט ר׳ ישראל׳ן, ווען ער פלעגט אויפשטיין ביינאַכט צו עבודת הבורא; ווי אַזוי ער האָט אים איבערגעגעבן די כתבים און ווי אַזוי זייט דעמאָלט פלעגן זיי ביידע, ר׳ ישראל און דער פרעמדער, אַוועקגיין אין אַ באַזונדער שטיבל אויסער דער שטאָט און לערנען אין די כתבים און אַז זיי פלעגן פאַסטן תעניתים און זיך טובל זיין אין מקוה איידער זיי האָבן זיך געזעצט לערנען אין אָט־די כתבים.

ווי די אַנדערע קוועלן גיבן איבער, איז געשען ווייטער אַזוי:

ווען די באַלעבאַטים פון שטעטל האָבן געזען, אַז דער בחור ישראל גייט אין גוטן וועג, האָבן זיי אים געגעבן אַ ווייב, ווי עס איז געווען אַ מנהג אין יענער צייט חתונה צו מאַכן אַ בחור צו 14־15 יאָר. אָבער אַ קורצע צייט שפּעטער איז זיין ווייב געשטאָרבן. דעמאָלט איז ר׳ ישראל אַוועק קיין מזרח־גאַליציע, אין געגנט פון דער שטאָט בראָד, און איז דאָרטן געוואָרן אַ מלמד. דער יונגער מלמד האָט ביי אַלעמען אויסגענומען מיט זיין ערלעכקייט און תמימות, אַזוי אַז ווען עס האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ סכסוך צווישן מענטשן איז מען געקומען צו אים, אַז ער זאָל אויסגלייכן צווישן די

ר׳ ישראל בעל שם טוב

קריגנדע צדדים. איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט געדאַרפט אויס־גלייכן אַ סכסוך צווישן צוויי צדדים, וואָס איינער איז געווען ר׳ אפרים, דער פאָטער פון באַרימטן רב ר׳ אברהם גרשון פון בראָד. נאָכן אויסגלייכן דעם סכסוך האָט זיך ר׳ אפרים צעשמועסט מיט ר׳ ישראל׳ן און ער איז אים געפעלן געוואָרן, און היות ווי ר׳ אפרים האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ גרושה, האָט ער אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל מיט איר חתונה האָבן. ר׳ ישראל האָט מסכים געווען, אָבער בתנאי אַז עס זאָל בלייבן אַ שטיקל צייט בסוד. דערוויל איז ר׳ אפרים געשטאָרבן און דער זון, דער רב, האָט געפונען צווישן די פאַפירן פון פאָטער די תנאים, וואָס ער האָט געמאַכט מיט ר׳ ישראל׳ן. אָבער ער האָט ניט געוואוסט ווער דער חתן איז.

איין שיינעם טאָג האָט ר׳ ישראל זיך אָנגעטאָן ווי אַ פויער אין אַ קורץ פעלצל, מיט אַ ברייטן גאַרטל, און האָט זיך אַריינגעלאָזט צום רב און מיט אַ גראָב קול צו אים געזאָגט: „גיב מיר מיין כלה, ווייל איך וויל מיט איר חתונה האָבן״! האָט דער רב זיך דערשראָקן און געפרעגט ביי זיין שוועסטער צי זי וויל חתונה האָבן מיט אַזאַ גראָבן מענטש. האָט זי געזאָגט, אַז אויב איר טאַטע האָט אַזוי געוואָלט, איז עס ריכטיק. האָט מען באַשטימט די חתונה, אָבער פאַר דער חתונה האָט דער חתן אויסגעזאָגט דער כלה ווער

ער איז. אָבער ער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס מוז בלייבן אַ סוד נאָך אַ געוויסע צייט, ביז עס וועט קומען דער טאָג ווען ער וועט זאָגן אַלעמען ווער ער איז און האָט שטרענג פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל אים צוזאָגן קיינעם דאָס נישט צו זאָגן. זי האָט אים דאָס צוגעזאָגט.

נאָך זייער חתונה האָט דער רב ניט געוואָלט האָבן ביי זיך אין שטאָט אַזאַ עם־הארץ פאַר אַ שוואָגער, האָט ער פאַרגעלייגט זיין שוועסטער צי זי וויל זיך מיט אים אָפּ׳גט׳ן, האָט זי געזאָגט „ניין״. האָט דער רב איר געקויפט אַ פערד און וואָגן און זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן ערגעץ אַנדערש־וואו. האָבן זיי אַזוי געטאָן. האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ דאָרף צווישן די שטעט קוטעוו און קאסעוו אין די קאַרפּאַטן בערג. ר׳ ישראל פלעגט פאַרברענגען זיין צייט אין „התבודדות״ (מיט זיך אַליין) צווישן די בערג. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט צו אים קומען זיין ווייב מיט איר פערד און וואָגן, ער פלעגט אויסגראָבן ליים און אָנשיטן אויפן וואָגן און זי פלעגט פירן די ליים אין שטאָט אַריין און עס פאַרקויפן. פון דער דאָזיקער אַרבעט פלעגן זיי האָבן פרנסה בדוחק, אָבער קיין סך האָט ר׳ ישראל ניט געדאַרפט, ווייל ער פלעגט פאַסטן זייער אָפט און ווען ער האָט ניט געפאַסט פלעגט ער עסן אַ טרוקן שטיקל ברויט. אַזוי האָט ר׳ ישראל געלעבט זיבן יאָר. ענדלעך האָט ר׳ ישראל׳ס ווייב ניט געקענט מער דאָס אויסהאַלטן און זיך געווענדעט צו איר ברודער ר׳ אברהם גרשון נאָך הילף. האָט דער רב צוגענומען ר׳ ישראל׳ן פאַר אַ שמש ביי זיך, אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויס־געוויזן, אַז ער טויג ניט דערצו. האָט דער רב געדונגען פאַר אים אַ שענק אין אַ דאָרף ניט ווייט פון קוטעוו, מיט וואָס עס האָט זיך פאַרנומען זיין ווייב. שפּעטער האָט זיך ר׳ ישראל באַזעצט אין דער שטאָט טלוסט און זיך ווידער פאַרנומען מיט מלמדות. דאָס איז געווען אַזוי ביז ער איז אַלט געוואָרן 36 יאָר. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן אויסצוזאָגן אַלע ווער ער איז. דאָס הייסט אויף חסידישן לשון — „נתגלה צו ווערן״.

אָבער ווער איז געווען ר׳ ישראל בעל שם טוב? האָט ער געקענט לערנען און זיך נאָר געמאַכט אַז ער קען ניט? אויב עס איז אַזוי, פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אַלע? און איבערהויפּט וואָס האָט ער אַזוינס געפּרעדיגט? וואָס איז געווען זיין פילאָזאָפישע שיטה אין אידנטום? — מיר וועלן פּרובירן צו ענטפערן אויף אָט־די אַלע פראַגן לויט דעם וואָס מיר ווייסן וועגן בעש״ט.

די לערע וואָס דער בעש״ט (ר׳ ישראל בעל שם טוב) האָט געפּרעדיגט, האָט זיך זייער גיך פאַרשפּרייט צווישן עולם און ער האָט געקראָגן זייער פיל אַנהענגער. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1698 און נפטר געוואָרן אין 1760, האָט ער געלעבט בסך־הכל 62 יאָר, און היות ער איז „נתגלה געוואָרן״ (זיך אַנטפּלעקט צו דער וועלט) ווען ער איז אַלט געווען שוין 36 יאָר, הייסט עס, אַז ער איז געווען טעטיק

בסך־הכל ניט מער ווי 26 יאָר. אָבער דאָך זעען מיר, אַז ווען ער איז אַוועק פון דער וועלט האָט ער געלאָזן נאָך זיך אַ גרויסע חסידישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום זיין לערע. פריער, הייסט עס, זיינען געקומען פּראָסטע מענטשן, דערנאָך זיינען געקומען אויך למדנים, אָבער בלויז אויף „טשיקאַווע" צו הערן וואָס ער „פּרעדיגט" אַזוינס, אָבער זיי זיינען שוין געבליבן ביי אים. זיי זיינען געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט, אַז זיי זיינען געוואָרן זיינע חסידים.

אָבער וואָס האָבן זיי אַזוינס געהערט פון זיין מויל? מיט וואָס האָט ער ביי זיי אַזוי אויסגענומען?

עס איז זיכער, אַז די דאָזיקע גרויסע לערנער האָט ער ניט גענומען דורך ווייזן זיי קונצן אין לערנען, דורך זאָגן אַ שיעור אין ש״ס און פּוסקים, ווייל עס איז באמת נאָך אַ פראַגע צי ער האָט געקענט לערנען. מיר זאָגן דאָס ניט אויף צו מינערן זיין ווערט, ווייל אויף צו שאַפן אַ פילאָזאָפישע שיטה דאַרף מען ניט דווקא זיין אַ גאון אין ש״ס און פּוסקים, און דער בעש״ט האָט אָן ספק געשאַפן אַזאַ שיטה. אָבער מיר זאָגן עס, כדי פעסט־צושטעלן פאַקטן. אין „שבחי הבעש״ט" ווערט ניט דערציילט צווישן די פאַרשידענע שבחים, וואָס זיינען דאָרט דאָ וועגן אים, אַז ער האָט געלערנט ביי געוויסע לערנער, ביי רבנים און קענער פון תלמוד. פאַקטיש איז ער געווען אין די יונגע יאָרן אַ באַהעלפער, דערנאָך אַ דרדקי־מלמד, דאַן אַן אונטער־שמש — נו, צו דעם אַלעמען דאַרף מען ניט קענען גוט לערנען. עס ווערט דערמאָנט איין מאָל אין „שבחי הבעש״ט", אַז ער איז געווען אויך אַ שוחט. אויב דאָס איז אמת, האָט ער געמוזט קענען די דינים פון שחיטה און האָבן דערצו פון אַ רב אַ „קבלה", דאָס מיינט, אַז ער האָט געדאַרפט קענען לערנען. עס ווערט אויך געבראַכט פון אַ טייל היסטאָריקער, אַז אַ יאָר פאַר זיין טויט האָט ער אָנטייל גענומען אין וויכוח פון דריי רבנים מיט די פאַרשטייער פון די פראַנקיסטן אין לעמבערג (דעם 16טן יולי 1759) פאַר די אויגן פון די גלחים. עס זיינען געווען פון דער אידישער זייט: ר׳ חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, דער רב פון לעמבערג; ר׳ בער פון יאַזלאָוויץ און ר׳ ישראל בעל שם טוב. זאָגן די חסידים, אַז דאָס ווייזט, אַז ער איז געווען אַ רב און אַ גרויסער רב. אָבער די מתנגדים זאָגן, אַז מען האָט אים אויסגעקליבן בלויז דערפאַר ווייל ער האָט געקענט פּויליש און האָט דעריבער געקענט פירן דעם וויכוח פאַר די אויגן פון די גלחים.

חסידים דערציילן ווידער אַזאַ מעשה:

נאָך אין די צייטן פון בעש״ט האָבן מענטשן געצווייפלט צי ער קען לערנען. איינמאָל האָט אויף אַ זיצונג פון „ועד ארבע ארצות" („קאָנגרעס פון פיר לענדער" — אַזאַ אידישע אינסטיטוציע אין פּוילן אין יענער צייט) דער פּרנס (פּרעזידענט) הרב הנגיד ר׳ אברהם אבלי פון לובלין געזאָגט צו די פאַרזאַמלטע, אַז אַזוי ווי אַלע רעדן פון די מופתים פון בעש״ט און

היות ווי מען זאָגט, אַז ער איז אַן עם־הארץ, פאַרשטייט ער ניט ווי אַזוי אַזאַ איינער קען זיין אַ פירער ביי אידן. דעריבער לייגט ער פאָר, אַז מען זאָל שיקן נאָך אים און מען זאָל אים פאַרהערן אין לערנען צו זען צי ער קען. האָט מען טאַקע געשיקט אַ שליח נאָך דעם בעש״ט, אַז ער זאָל קומען צו דער אסיפה. איז ער געקומען. האָט דער פרנס צו אים געזאָגט:

— לויט אייער פירונג, קומט אויס, אַז אויף אייך רוט דער „רוח הקודש" (הייליקער גייסט), אָבער מענטשן זאָגן, אַז איר זייט אַן עם־הארץ. טאָ לאָמיר זען צי איר קענט עפּעס: אַזוי ווי היינט איז ראש חודש, ווילן מיר אייך פרעגן אַ דין. ווען איינער פאַרגעסט צו זאָגן ביים דאַוונען „יעלה ויבוא" (וואָס מען זאָגט אום ראש חודש), דאַרף ער נאָך אַמאָל דאַוונען כדי צו זאָגן אָט־די תפילה אָדער ניט?

האָט דער בעש״ט אים דערויף אַזוי געענטפערט:

— דער דין איז ניט נויטיק, ניט פאַר אייך און ניט פאַר מיר, ווייל איר, כאָטש איר האָט שוין געדאַוונט אַ צווייטן מאָל, האָט איר ביים אַנדערן מאָל אויך פאַרגעסן צו זאָגן „יעלה ויבוא", און איך וועל ניט פאַרגעסן אַפילו ביים ערשטן מאָל.

דער פרנס האָט זיך דערשראָקן, זעענדיק אַז ער ווייסט אַז ער האָט פאַרגעסן צו זאָגן „יעלה ויבוא" אויך ביים צווייטן מאָל, און האָט אים מער גאָרניט געזאָגט.

* * *

אָבער דאָך איז קלאָר, אַז קיין גרויסער גאון אין לערנען איז דער בעש״ט ניט געווען. אין דער הינזיכט זיינען אין זיין צייט געווען פיל גרעסערע פון אים. די לעגענדע וויל אָבער האָבן, אַז ער איז געווען גרויס אין קבלה און אַז דאָס האָבן מיט אים געלערנט גרויסע פאַרשטאָרבענע גייסטער, ווי אחיה השילוני, אליהו הנביא און אַנדערע. איז דאָס אַן ענין פאַר חסידים צו גלויבן דערין. פאַר דענקענדע מענטשן אָבער איז דער בעש״ט געווען אַ דערשיינונג פון אַ נאַטור־פילאָזאָף, ווי עס זיינען געווען אַ סך אַזעלכע אין גאַנג פון דער געשיכטע.

וואָס איז אַזוינס אַ נאַטור־פילאָזאָף? דאָס איז אַ דענקענדע פּערזענלעכ־קייט, וועמען עס ציט צו דער נאַטור, כדי צו לערנען פון איר ווי אַזוי זי צו פאַרשטיין. אַזעלכע מענטשן קענען האָבן געלערנט אין ביכער אָדער ניט געלערנט. פאַר זיי זיינען די ביכער גאָרניט. זיי ציט צו דער נאַטור צו לערנען דירעקט פון איר; זיי ציט צום וואַלד, צו די בערג, אָדער היילן. זיי ציט צו לערנען פון די בלומען, גרעזעלעך, פייגעלעך, ווערימלעך; זיי ווילן לערנען פון זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג. מיט איין וואָרט, זיי ווילן לערנען פון דעם „רבי'ן" פון אַלע, פון דער נאַטור.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען דאָ אַ גאַנצע רייע

פון אַזעלכע נאַטור־פילאָזאָפן. מיר וועלן דעריבער דאָ ברענגען בלויז איינעם וואָס איז געווען נאָענט צו אונזער צייט און געלעבט אין אונזער גרויס לאַנד, אַמעריקע. מיר מיינען דאָ הענרי דעיוויד טאָראָ (1862 — 1817). טאָראָ איז גראַד געווען אַ גראַדויִר פון האַרוואַרד (אין יאָר 1837). ער איז געווען אַ פריינט פון עמערסאָנ׳ען אין זיין שטעטל קאָנקאָרד, מאַסס. אָבער אים האָט געצויגן צו דער נאַטור. דעריבער האָט ער געאַרבעט נאָר דעמאָלט ווען ער האָט זיך געניטיקט אין געלט, און אין יאָר 1845 האָט ער זיך אויסגעבויט אַ שטיבל אין וואַלדען פאַנד, לעבן קאָנקאָרד, און האָט דאָרטן געוואוינט איינער אַליין. ער האָט באַאָבאַכטעט די נאַטור אַרום אים און האָט אָנגעשריבן פיל ווערק. דאָס וויכטיקסטע איז „וואַלדען״. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ ווערק מיטן נאָמען „ווינטער״ און אַ ווערק „זומער״ און פיל אַנדערע. אין די ווערק באַשרייבט ער וואָס ער האָט געלערנט פון דער נאַטור.

דער בעש״ט איז אויך געווען אַזאַ נאַטור־פילאָזאָף. ער איז געווען אַ גרויסער גייסט, אַ געניוס, וואָס האָט ניט געפונען קיין רו אין די לערעס פון די ביכער. אים האָט געצויגן די נאַטור, די וועלט און די סודות וואָס עס זיינען דאָ אין איר און ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון אַלע, כדי צו פאַרטיפן זיך אין זיך. אַזאַ נאַטור־פילאָזאָף איז אויך שפּעטער געווען דעם בעל־שמ׳ס אור־איניקל, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וועמען ס׳האָט אויך געצויגן צו די וועלדער און פעלדער, כדי צו לערנען פון זיי...

דער בעש״ט איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן אויך פון די מיסטישע לערעס, פון דער קבלה, וואָס עס איז געווען פאַרשפּרייט שטאַרק אין יענער צייט און הויפּטזעכלעך פון דער לערע פון אר״י, וועלכער האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. ער האָט מיט זיין התבודדות (אָפּזונדערן זיך) אויך נאָכגעטאָן דעם אר״י און זיינע תלמידים.

איצט קומען מיר צו צום הויפּט־פּונקט, נעמלעך — וואָס איז געווען אַזוינס דעם בעש״ט׳ס שיטה? און מיט וואָס האָט ער אַזוי אויסגענומען ביים עולם?

מיר וועלן פּרובירן דאָס קלאָר צו מאַכן אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך.

* * *

דעם בעש״ט׳ס שיטה טיילט זיך אויף צוויי טיילן: זיין אויפפאַסונג פון דער געטלעכקייט און זיין לערע פאַר מענטשן.

צום ערשטן, זיין אויפפאַסונג פון דער געטלעכקייט. אין דער הינזיכט איז זיין שיטה אַ פּאַנטעאיסטישע, דאָס הייסט, די לערע וואָס זאָגט, אַז גאָט איז וועלט און וועלט איז גאָט. אָבער אין פּאַנטעאיזם זיינען אויך דאָ פאַרשידענע אויפפאַסונגען און דעריבער איז אַנדערש די פּאַנטעאיסטישע שיטה פון בעש״ט פון דעם פּאַנטעאיזם פון שפּינאָזאַ, וואָרים אין גרונד גענומען האָבן אַלע פאַרשידענע פּאַנטעאיסטישע שיטות זייער מקור אין דער קבלה,

ווייל עס איז די קבלה, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט דעם כלל „לית אתר פנוי מניה" (עס איז ניטאָ אַן אָרט וואָס איז ליידיק פון אים), דאָס מיינט, אַז קיין אָרט אין דער וועלט איז נישטאָ אָן גאָט. גאָט איז אומעטום. די קאַבאַליסטן זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו זאָגן, אַז אַפילו אין שמוציקע ערטער, אָדער אין ערטער פון זינד, איז אויך דאָ די געטלעכקייט, נאָר זי טוט זיך בלויז צוריקציען, איינשרימפּען (כביכול צמצום) אויף אַ ווײַלע. דעריבער איז שפּינאָזאַ'ס שיטה, אַז אַלץ איז גאָט, אין גרונד גענומען, אויך גענומען פון דער קבלה. אָבער דער אר"י און שפּעטער דער בעש"ט האָבן דער פּאַנטעאיסטישער שיטה געגעבן אַן אייגענע אויסטייטשונג און לויטן בעש"ט קומט אויס, אַז ניט אַלץ איז גאָט, נאָר אַז איבער אַלעם רוט גאָט. ניט אַז גאָט איז אַלץ, נאָר אַז גאָט איז איבער אַלץ.

דאָס מיינט אַזוי: ניט דער בוים, שטיין, וואַסער און ווערימל איז גאָט, נאָר גאָט רוט איבער דעם אַלעם און עס איז ער, וואָס גיט זיי דעם כוח פון לעבן, פון בליען, פון זיין. אַלץ איז געשאַפן פון גאָט און אַלץ לעבט דורך אים, פון דעם כוח וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין זיין באַשאַף און איבער וועלכן ער רוט כסדר און אייביק, דערפאַר איז גאָט אומעטום.

אָט־דאָס איז דעם בעש"ט'ס לערע וועגן גאָט, ווי עס האָט זי אַזוי גוט פאַרשטאַנען ר' נחומ'קע טשערנאָבילער אין זיין ספר „מאור עינים". דאָס איז דער גרונד, אָבער דערפון קומען אַרויס פאַרשידענע טייטשונגען און געדאַנקען וועגן „עבודת הבורא" (דינען גאָט) און וועגן דער פירונג פון מענטשן צו גאָט.

אָבער די דאָזיקע לערע וועגן גאָטהייט איז ניט געווען די הויפּט־צוציאונגס־קראַפט, וואָס האָט דעם בעש"ט אַזוי באַליבט געמאַכט ביים פאָלק, ווייל די לערע איז נאָר געווען פאַר יחידים, דערפאַר איז עס געווען דער אַנדערער טייל פון זיין לערע, די וועגן מענטשן, וואָס האָט אַזוי אויסגענומען ביי אַלע. די לערע באַשטייט פון פאָלגנדע פונקטן:

1. דאָס ערשטע איז פריילעכקייט, צו דינען גאָט פון פרייד (מתוך שמחה). דער בעש"ט האָט פאַרוואָרפן די גאַנצע לערע פון האר"י וועגן „סיגופים", דאָס מיינט, צו פּייניקן דעם קערפּער. ער האָט געלערנט דעם עולם צו זיין שטענדיק פריילעך; צו פאַרטרייבן יעדע זאָרג פון האַרצן; ניט אַריינצופאַלן אין עצבות, וואָס איז ערגער נאָך ווי עבודה זרה, און צו האָבן בטחון אין גאָט, אַז ער וועט העלפן — און כדי צו זיין פריילעך, זאָל מען זיך אַפילו אַרויסהעלפן מיט קינסטלעכע מיטלען, ווי, למשל, מיט אַ גלעזל משקה, ווייל עס שטייט „ויין ישמח לבב אנוש". אָבער כאָטש דער בעש"ט איז געווען אַן אָפּטימיסט און גערופן צו פרייד אין לעבן, פונדעסטוועגן האָלט ער, אַז דאָס שלעכטס וואָס איז דאָ אויף דער וועלט איז מער ווי דאָס גוטע. אָבער טאַקע דערפאַר מוז זיך דער מענטש שטאַרקן איבער דעם אַלעם און זיין פריילעך, וואָרים אויב ניט, דאַרף מען כסדר טרויערן.

2. אַ מענטש דאַרף אויך כסדר אָנערקענען דעם אמת און גיין מיט דעם אמת. „אויב אַ מענטש צווייפלט אין עפּעס, האָט ער שוין ניט גאָט מיט זיך" — האָט ער זיך איינמאָל אויסגעדריקט.

3. נאָענטקייט פון מענטש צו מענטש. עס איז געווען איינס פון בעש"ט'ס פּונקטן אין זיין לערע, אַז מענטשן דאַרפן זיך האַלטן נאָענט איינער צום אַנדערן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען פון איין משפחה. די דאָזיקע נאָענט־קייט און פאַרברידערונג האָט ער דורכגעפירט ביי זיינע אָנהענגער אויפן שענסטן אופן און עס האָט צווישן די חסידים טאַקע געהערשט אַ־דער גייסט פון ברודערשאַפט. מען האָט געזאָגט איינער דעם אַנדערן „דו" און עס איז נישט געווען קיין חילוק צווישן רייך און אָרעם, צווישן אַ למדן און אַ פּראָסטן מענטש. אַלע זיינען געווען צוזאַמענגעגאָסן ווי איין משפחה. אמת'ע דעמאָקראַטיע.

4. דער בעש"ט האָט אויך געשאַפן די אינסטיטוציע פון „צדיק" אָדער פון „צדיקיזם" — איינער, צו וועלכן די חסידים קענען זיך ווענדן אין צייט פון נויט. עס הייסט, אַז דער צדיק, ווייל ער איז אָפּגעהיט פון יעדער זינד, מער ווי געוויינלעכע מענטשן, איז נענטער צו גאָט און קען בעטן פאַר עמעצנס געזונט אָדער פאַר זיינע אַנדערע נויטן. מיט דער צייט איז פון דער אינסטיטוציע פון „צדיק" געוואָרן אַ מין קאָמבינאַציע פון אַ רעליגיעזער אויטאָריטעט, צוזאַמען מיט אַ פּסיכאָלאָגישן ראַט־געבער. דער בעש"ט האָט איינגעזען, אַז אַ איד דאַרף האָבן עמעצן צו וועמען זיך צו ווענדן אין אַ צייט פון נויט. דער רב פון שטאָט איז נאָר אַן אויטאָריטעט פאַר רעליגיעזע ענינים, פאַר אַ שאלה אָדער אַ בוררות. דער „צדיק" האָט דעריבער אויסגעפילט די פונקציע פון אַן אויטאָריטעט פאַר פערזענלעכע ענינים פון יעדן איינציקן, ווי אין פאַל פון אַ קראַנקייט, אָדער פון דאגות הפּרנסה, אָדער אַ שידוך, צי אין ענין פון עקרות, און אין פיל אַנדערע פאַלן. דער „צדיק" האָט געזאָגט אַ גוט וואָרט, האָט געטרייסט, האָט צוגע־זאָגט הילף, האָט געשטאַרקט דעם בטחון און האָט אויך געגעבן אַן עצה ווען מען איז געווען פאַרצווייפלט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

מיט די אַלע זאַכן האָט דער בעש"ט גיך געפונען פאַר זיך אָפן די הערצער פון די גרויסע מאַסן, וועלכע האָבן געזוכט הילף און זי אין ערגעץ ניט געקראָגן, און זיי האָבן געשטראָמט צו אים אין די גרויסע מאַסן. זיין לערע איז באַלד געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג פאַר טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אידן, צו וועלכע זיין וואָרט האָט דערגרייכט. אָבער וועגן דעם וועלן מיר ריידן באַזונדערס שפּעטער.

* * *

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט דער בעש"ט געזאָגט אויפן גרונד פון אידנטום. ער האָט זיין לערע וועגן דער גאָטהייט באַגרינדעט אויף די ווערטער פון פּסוק „מלוא כל הארץ כבודו" (די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין

הערלעכקייט) און לויט דעם ווי די מקובלים טייטשן דאָס אויס. זיין שיטה וועגן פריילעכקייט האָט ער געפּרעדיגט אויפן גרונד פון פּסוק „והיית אך שמח“ (דו זאָלסט זיין נאָר פריילעך) און אַזוי אויך די לערע וועגן „צדיק“ אויפן גרונד פון דער גמרא „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים“ (דער צדיק הייסט און גאָט פירט עס אויס) און אַזוי אויך אַלע אַנדערע לערעס.

דער בעש״ט האָט ניט געלאָזן נאָך זיך קיין ספרים און דאָס אַלץ וואָס מען ווייסט פון אים איז פון זיינע רייד צו די תלמידים. ער האָט נאָכדעם ווי ער איז „נתגלה געוואָרן“ (אויסגעזאָגט ווער ער איז) זיך באַזעצט אין מעזשיבוש (פּאָדאָליע) און האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסן עולם חסידים. זיינע אָנהענגער און פאַרערער האָבן זיך געשאַפן אייגענע געבעט־הייזער, „שטיב־לעך“ אָדער קלויזן, ווי זיי האָבן עס גערופן און זיך געפירט אויף אַן אייגענעם אופן. זיי האָבן ניט געקוקט דערויף צו דאַוונען בציבור און געזאָגט, אַז גאָט הערט זיך צו צו יעדן איינעם, אַפילו ווען ער דאַוונט אַליין. זיי האָבן אויך ניט מקפּיד געווען צו דאַוונען אין צייט און אַזוי אויך פלעגן זיי ניט איינשטיין ביים דאַוונען אויף איין אָרט, נאָר לויפן פון אָרט צו אָרט און שאָקלען זיך שטאַרק.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד קעגן זיי פון די קעגנער, וועלכע האָבן זיך באַצייכנט מיטן נאָמען „מתנגדים“ און עס איז באַוואוסט, אַז דער ווילנער גאון איז געווען דער ראש פון די מתנגדים, וועלכע האָבן געפירט ביטערע קאַמפן קעגן די חסידים. אויסער די מתנגדים האָבן די חסידים געהאַט קעגנער אין די „משכילים“, וועלכע האָבן אָפּגעלאַכט פון דער „צדיק“־אינסטיטוציע.

נאָכן בעש״ט׳ס טויט איז די זון פון אידישן וויסן אויפגעגאַנגען אין אַן אַנדער אָרט, אין גאַליציע, מיטן אויפשטייגן פון ר׳ נחמן קראָכ־מאַל (געבוירן אין 1785), וועלכער האָט אין זיינע ווערק „מורה נבוכי הזמן“ (דער לערער פון די צייט־פאַרבלאָנדזשעטע) געשאַפן אַ נייע פילאָזאָ־פישע שיטה אין אידנטום. אָבער וועגן אים אין קומענדיקן קאַפּיטל.

.4

# ר׳ נחמן קראָכמאַל און זיינע תלמידים

**דאָס שווערע לעבן פון אַ יונגען אידישן גאון אין גאַליציע. — מען מאַכט אים חתונה צו 14 יאָר. — זיין נייער וועג צו לערנען מיט תלמידים דורך שפּאַצירן אויף די פעלדער. — די ווירקונג וואָס עס האָט אויף אים די פילאָזאָפישע שיטה פון פילאָזאָף העגעל. — ווי אַזוי ער טייטשט אויס די אידישע תורה לויט העגעל׳ס לערע.**

אין אידישן לעבן זעען מיר די זאָנדערבאַרע דערשיינונג, אַז עס איז ניטאָ קיין איין דור, וואָס זאָל זיין אָן תורה און חכמה. יעדע גענעראַציע האָט אירע גרויסע אידן, אירע פירער, סיי אויפן געביט פון לומדות, ווי גרויסע רבנים און גאונים, און סיי אויפן געביט פון פאָרשונג און אידישן וויסן. אויך איצט, נאָכן טויט פון ר׳ ישראל בעל שם טוב זעען מיר די זעלבע זאַך. באַלד נאָכן אונטערגאַנג פון דער זון פון בעש״ט אין פּאָדאָליע, איז אויפגעגאַנגען אַ נייע זון אין גאַליציע. דאָס איז געווען דאָס אויפשטייגן פון דעם גרויסן געלערנטן און דענקער ר׳ נחמן קראָכמאַל. אָבער ער איז ניט געווען אַ זון בלויז פאַר זיין דור, נאָר אויך פאַר פיל אַנדערע דורות נאָך אים, ווי עס זיינען געווען אַלע גרויסע גייסטער ביי אידן, די פאָרשער פון אידנטום.

אָבער ווער איז געווען ר׳ נחמן קראָכמאַל ?

ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געבוירן געוואָרן אין בראָד (גאַליציע) אין יאָר 1785. זיין פאָטער, ר׳ שלום, איז געווען אַ רייכער איד און אָנגעזען אין שטאָט. דער יונגער נחמן האָט געקראָגן אַ דערציאונג ווי אַלע אידישע קינדער אין יענער צייט, אין חדרים און שפּעטער אין בית־המדרש. אין בראָד האָט שוין אָבער דעמאָלט געהערשט דער גייסט פון השכלה, דעריבער האָט זיין פאָטער אויך געהאַלטן צו אים אַ לערער, ביי וועלכן ער האָט געלערנט שפּראַכן און אַריפמעטיק. ווען נחמן איז אַלט געווען 14 יאָר, האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט אַ טאָכטער פון אַ גביר פון שטעטל זשאָלקיעוו. דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיטן לערער ברוך ניי, פון וועלכן ער האָט גענאָשט די ערשטע ידיעות אין וויסנשאַפט. ניי האָט אויך געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק און דער יונגער נחמן האָט געשלונגען די ספרים ווי אַ דורשטיקער ווען ער קומט צו אַ קוואַל פון וואַסער. אַזוי ווי ער איז געווען בטבע שוואַך געבויט, איז ער קראַנק געוואָרן, און שפּעטער, ווען ער איז געזונט געוואָרן,

איז ער אַלץ געבליבן אַ חלוש, אַ שוואַכער, און אַזוי איז ער געווען זיין גאַנץ לעבן. ער האָט וויטער געגעסן קעסט ביי זיין רייכן שווער און פלעגט אַלע טאָג קומען אין בית־המדרש אַריין לערנען. אָבער צוזאַמען דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע פּעריאָדע אין זיין לעבן. דאָס איז געווען די פּעריאָדע פון אַ לערער־פילאָזאָף, ווייל ער האָט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן זיין וויסן אויך צו אַנדערע און דעריבער זעען מיר איצט אַ נייע דערשיי־נונג: ר׳ נחמן קראָכמאַל רינגלט אַרום זיך די בעסטע בחורים פון שטעטל, גייט מיט זיי אַרויס פון בית־המדרש אויפן פעלד און רעדט צו זיי ווי אַמאָל די גריכישע פילאָזאָפן צו זייערע תלמידים. די בחורים פרעגן פראַגן און ער ענטפערט. זיי שטעלן אים ווידער אַנדערע קשיות און ער ענטפערט ווידער אויף זיי. און אַזוי גייט עס אָן שעה׳ן לאַנג. מיט דער צייט וואַקסט די צאָל פון זיינע תלמידים און עס איז שוין דאָ צווישן זיי, ניט נאָר בית־המדרש בחורים, נאָר אויך יונגע איידעמס, אַזעלכע ווי ער, וועלכע ער נעמט אַוועק פון די גמרות צו שפּאַצירן אויף די פעלדער און צו הערן זיינע רייד. אָבער ניט נאָר בחורים און יונגע איידעמס, נאָר אַפילו אינגלעך וואָס האָבן אַ באַגער צו וויסן רינגלען אים אַרום, און אַפילו אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך עלף יאָר ניט אַלט געווען. אָבער דאָס געפעלט ניט די פרומע לייט פון דער שטאָט, וועלכע זאָגן, אַז ער מאַכט קאַליע די בחורים און די איידעמס. עס הויבן זיך אָן רדיפות קעגן אים און עס געפינען זיך אויך אַזעלכע פאַנאַטיקער וואָס רייסן זיך אַריין אין זיין הויז און מאַכן אַ רעוויזיע אין זיינע ספרים, צי עס געפינען זיך דאָרטן ניט קיין טריף־פּסול׳ס. דער טומל ווערט שטאַרקער, אָבער דער שווער נעמט זיך אָן פאַר אים און באַשיצט אים קעגן אָט־די פאַנאַטיקער.

אין יענער צייט איז געווען רב אין זשאָלקיעוו דער באַוואוסטער גאון ר׳ צבי הירש חיות, וועלכער האָט שטאַרק מקרב געווען דעם נייעם עילוי, וועלכער ווייסט אַזוי פיל און האָט שטענדיק נייע געדאַנקען. אָבער פּונקט דעמאָלט האָט קראָכמאַל זיך באַקענט מיט אַ „חכם" (כאַכאַם) פון די קאַראַאימער מיטן נאָמען קאקוסאוו און זיך דורכגעשריבן מיט אים. ווען דאָס איז באַוואוסט געוואָרן אין שטעטל, איז עס געווען ווי פּרישער בוימל אויפן פייער. די פאַנאַטיקער האָבן געהאַט אַ נייע טענה, אַז ער איז נוטה צו די קאַראַאימער, אָבער דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר לעכערלעך, ווייל קראָכמאַל האָט נאָר דיסקוטירט מיטן „חכם" געוויסע ענינים פון דער תורה.

מיטן גאַנג פון דער צייט האָט ר׳ נחמן קראָכמאַל אויפגעצויגן אַ גאַנצן דור פון געלערנטע, וועלכע רעכענען זיך פאַר זיינע תלמידים און וועלכע רעדן וועגן זייער רבי׳ן, ר׳ נחמן קראָכמאַל, מיטן גרעסטן יראת הכבוד. צווישן זיי זיינען געווען ר׳ מאיר הלוי לעטעריס (1800 — 1871), דער באַ־וואוסטער העברעאישער שרייבער און פּאָעט, וועלכער האָט רעדאַגירט די מסורה פון תנ״ך פאַר דער „ענגלישער באַיבל סאָסייעטי" און האָט אויך

איבערגעזעצט אויף ענגליש דעם „מחזור״; דער גרויסער תלמודיסט ר׳ שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (1790 — 1867), באַקאַנט אונטערן פסעוודאָנים שי״ר, אַ גרויסער געלערנטער, וועלכער איז געווען רב אין טאַרנאָפּאָל און שפּעטער אויך אין פּראָג, און געשאַפן פיל וויכטיקע ווערק אין אידישער פאָרשונג. וועגן ראַפּאָפּאָרט׳ן לעגט מען דערציילן, אַז ער פלעגט אָפט פאָרן פון לעמבערג קיין זשאָלקיעוו, כדי צו הערן ר׳ נחמנ׳ס רייד.

ר׳ נחמן האָט אויך, אין אַ געוויסער מאָס, געהאַט אַ השפּעה אויפן רב פון דער שטאָט זשאָלקיעוו, ר׳ צבי הירש חיות, צו וועלכן ער איז אָפט אַרויפגעקומען. ער האָט אויך פון וויטן געווירקט, דורך בריוו, אויף ר׳ יום־טוב ליפּמאַן צונץ (1799 — 1886), אַ באַוואוסטער געלערנטער, וועל־כער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער נייער פאָרשונג פון אידישער וויסנשאַפט און וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר קראָכמאַל׳ס אַ תלמיד. אַזוי איז אויך דער טאַטע פון דער השכלה אין רוסלאַנד, ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל), געקומען צו אים ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, כדי צו שמועסן מיט אים אין אידישער וויסנשאַפט, און אַזוי זיינען געקומען צו אים נאָך פיל אַנדערע געלערנטע, וועלכע האָבן באַטראַכט אַלס זייער ערשטן וועג־ווייזער און לערער, דעם טיפן דענקער ר׳ נחמן קראָכמאַל.

די לאַגע פון ר׳ נחמן קראָכמאַל אין זיין שווערס הויז איז אָבער ערגער געוואָרן נאָכן טויט פון זיין שוויגער, צען יאָר נאָך זיין חתונה, ווייל דער שווער איז פאַראָרעמט געוואָרן, ר׳ נחמן האָט איצט געמוזט זוכן פאַר זיך אַ קוואַל פון פּרנסה און איז געפאָרן צוריק קיין בראָד אין זיין געבורט־שטאָט. עטלעכע מאָל האָט מען זיך צו אים געווענדעט פון פאַרשידענע שטעט, אַז ער זאָל ווערן אַ רב, אָבער ער האָט ניט געוואָלט. אויך איצט, ווען ער איז געבליבן ממש אָן ברויט, האָט ער אָפּגעזאָגט אַ פאַרלאַנג פון דער קהילה פון בערלין, אַז ער זאָל זיין ביי זיי אַ רב. ער האָט דערויף געענטפערט, אַז ער וויל ניט זיין פאַרפליכטעט צו קהל. ער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען ביי זיין טאָכטער אין הויז (זי איז געווען פאַר־הייראַט צו אַ דאָקטאָר מיטן נאָמען האָראָוויץ). ביי איר אין הויז האָט ער געשריבן אַ סך פון זיינע אַרבעטן, באַזונדערס זיין באַרימט ווערק „מורה נבוכי הזמן״ (דער לערער פון די פאַרבלאָנדזשעטע אין אונזער צייט) וואָס איז ערשט דערשינען נאָך זיין טויט. אין אַ צוואה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט האָט ער געבעטן מען זאָל דעם מאַנוסקריפּט שיקן צו זיין פריינט און תלמיד לעאָפּאָלד צונץ, וועלכער האָט עס טאַקע אַרויסגעגעבן אין לעמבערג, עלף יאָר נאָך קראָכמאַל׳ס טויט, אין יאָר 1851. דער ספר „מורה נבוכי הזמן״ האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דעם דור, וואָס איז געקומען נאָך קראָכמאַל׳ן, אפשר נאָך מער ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זיינע פּערזענלעכע געשפּרעכן מיט די תלמידים, ווייל אין דעם ווערק זעט מען ווי ער איז געשטאַנען איב־

גאַנצן אונטערן איינפלוס פון העגעל׳ן און ווי אַזוי ער באַמיט זיך אויסטייטשן דאָס אידנטום לויט העגעל׳ס געדאַנקען־גאַנג.

אָבער וואָס מיינט דאָס? ווער איז געווען העגעל? און וואָס איז געווען זיין לערע? מיר וועלן זיך באַמיען דאָס צו דערקלערן אויף ווי ווייט עס איז מעגלעך, אין פשוט׳ע ווערטער.

* * *

העגעל איז געווען אַ גרויסער דייטשער פילאָזאָף. זיין פולער נאָמען איז געווען געאָרג ווילהעלם פרידריך העגעל (געבוירן אין יאָר 1770 און געשטאָרבן אין יאָר 1830). ער איז געווען פּראָפעסאָר אין די גרעסטע דייטשע אוניווערזיטעטן, ווי אין יענאַ, היידעלסבערג און בערלין, און געשאַפן פיל פילאָזאָפישע ווערק. ער האָט זיך אינטערעסירט ניט נאָר מיט פילאָ־זאָפיע, נאָר אויך מיט היסטאָריע, רעליגיע, פּאָליטיק, קונסט און עקאָנאָמישע וויסנשאַפט און האָט פּרובירט צו שאַפן אַ סינטעזע פון די אַלע וויסנשאַפטן אין איין טעאָריע. ער ווערט אין דייטשלאַנד פאַררעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע פילאָזאָפן פון 19טן יאָרהונדערט, אָבער זיין פילאָזאָפיע איז געווען געמישט מיט טעאָלאָגיע און מיט שטאַרקער באַגייסטערונג פאַרן קריסטנטום.

לויט העגעל׳ן איז דער מענטשלעכער שכל די הויפּט־קראַפט אין דער וועלט. אָבער דער שכל אַליין איז ניט באַלד אין אָנהויב דאָס וואָס ער דאַרף זיין, ווייל יעדער געדאַנק האָט אין זיך די זאָמען פון אַ קעגן־געדאַנק („יעדער טעזיס האָט די זאָמען פון אַן אַנטי־טעזיס") און דעריבער מוז פון אָט־די צוויי קעגנזאַצן געבוירן ווערן אַ מין פשרה־געדאַנק („אַ סינטעזע") וואָס איז דער ריכטיקער געדאַנק. אָט־דאָס זעען מיר אין גאַנג פון דער וועלט, אין דער געשיכטע, אין קונסט, אין פאַמיליע־לעבן און אין מלוכה־אַפּאַראַט. מיר זעען, אַז די מינעראַלע שטאָפן און זייערע קעגנזאַצן האָבן געגעבן די מעגלעכקייט צו דער שאַפונג פון גרינצייג און פרוכטן און פון זיי און זייערע קעגנזאַצן צו דער שאַפונג פון לעבעדיקע וועזנס, פון וועלכע דאָס העכסטע איז דער מענטש און דער מענטש האָט געשאַפן דעם שכל וואָס איז אויך אַ סינטעזע. אַזוי אַרום זיינען געדאַנק און מאַטעריע ניט צוויי באַזונדערע זאַכן, נאָר איינס און דאָס זעלבע. דאָס זעען מיר אויך אין גאַנג פון לעבן, ווי עס איז דאָ אַ סינטעזע פון איינצלנעם און די געזעל־שאַפט דורך דער פאַמיליע. די פאַמיליע ווידער צוזאַמען מיט די גרעסטע געזעלשאַפטן האָבן געשאַפן דעם שטאַט, די מלוכה — און דאָ קומט העגעל צום געדאַנק, אַז דער שטאַט, די מלוכה, איז דעריבער די העכסטע פאַר־טראַכטונג פון מענטש, און אויב אַזוי, איז דער שטאַט העכער ווי דער יחיד. דאָס מיינט, אַז אויב די אינטערעסן פון שטאַט זיינען קעגן די אינטערעסן פון יחיד, דאַרף זיך דער יחיד אונטערוואַרפן דעם שטאַט.

און פון דאַנען מאַכט העגעל אַ שריט ווייטער און זאָגט, אַז — דער שטאַט דאַרף אָנגעפירט ווערן פון איין מענטש, פון אַ דיקטאַטאָר, און ניט

דורך אַ דעמאָקראַטיע, ווייל נאָר אַזוי קען ער דערגרייכן פאָלקאָמענהייט (אַט־דער געפערלעכער געדאַנק איז געוואָרן די גרונד־פילאָזאָפיע פון די נאַציס, פונקט אַזוי ווי פון לעניג׳ען און זיינע חברים. זיי אַלע שטיצן זיך אויף דער דאָזיקער פילאָזאָפיע פון העגעל׳ן און האַלטן זיך פאַר העגעליאַנער).

מיטן זעלבן געדאַנקען־גאַנג פון סינטעזע גייט העגעל ווייטער אויך בנוגע רעליגיעס און קומט צום אויספיר, אַז דאָס קריסטנטום איז די סינטעזע פון אַלע רעליגיעס און דעריבער איז עס דאָס לעצטע וואָרט און דאָס העכסטע אין דער וועלט.

איז דאָס אפשר אַ גוטע פילאָזאָפיע פאַר די יעניקע וואָס זוכן צו פאַרכאַפּן מאַכט און אויך פאַר פרומע קריסטן, אָבער ווי קומט אַזאַ פרומער איד, ווי ר׳ נחמן קראָכמאַל דאָ אַהער? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו אַזאַ דורכאויס ניט־אידישער טעאָריע? גראָד זיינען אין יענער צייט, נאָך קאַנט׳ס טויט, אויפגעשטאַנען אין דייטשלאַנד אַ גאַנצע רייע פון פילאָזאָפן, ווי פיכטע, שעלינג, שלייערמאַכער און שלעגעל, וועלכע האָבן געפּרעדיגט אַנדערע פילאָזאָפישע שיטות. פאַרוואָס, אַלזאָ, האָט ר׳ נחמן קראָכמאַל אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון העגעל׳ס שיטה? און ווי אַזוי פּאַסט זיך דאָ אַריין די אידישע תורה און די אידישע וויסנשאַפט? מיר וועלן פּרובירן דאָס צו דערקלערן.

* * *

צום אַלעם ערשטן דאַרף מען וויסן, אַז העגעל׳ס פילאָזאָפיע איז אין יענער צייט אַריין אין דער מאָדע, אַזוי, אַז די גאַנצע יוגנט איז ממש פאַר־כאַפּט געוואָרן פון די געדאַנקען. ביי דער אידישער יוגנט האָט העגעל אויסגענומען דערמיט, וואָס כאָטש ער איז געווען שטאַרק קריסטלעך, איז ער אָבער ניט געווען קיין אַנטיסעמיט, ווי עס זיינען געווען אַנדערע. אַזוי איז פיכטע, למשל, אָפן אַרויסגעטראָטן קעגן געבן אידן גלייכע רעכט. שלייער־מאַכער האָט טאַקע געפירט ליבעס מיט אידישע מיידלעך, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף אַלע אידן פאַרשיקן ערגעץ־וואו. אין זעלבן גייסט האָט אויך גערעדט שלעגעל, כאָטש ער האָט דאַן געפירט אַ ליבע מיט דאָראָטעאַ׳ן, מענדעלסאָנ׳ס טאָכטער, וועלכע איז אַנטלאָפן צו אים פון איר מאַן און צוויי קינדער. שעלינג, וועלכער איז געווען אַ קאָלעגע־פּראָפעסאָר פון העגעל׳ן, איז אייגנטלעך געווען דער אָנהויבער פון העגעל׳ס שיטה, אָבער דער לעצטער האָט זי נאָך מער פאַרפאָלקאָמט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אַזאַ שאַרפער קאָפּ, ווי ר׳ נחמן קראָכמאַל, האָט זיך פאַראינטערעסירט אין העגעל׳ס לערע, אָבער אַזוי ווי קראָכמאַל איז געווען אַ פרומער איד, האָט ער אַרויסגענומען פון איר דאָס וואָס העגעל זאָגט וועגן קריסטנטום און האָט אַריינגעשטעלט דאָרטן — אידנטום. דאָס האָט ער געטאָן אין זיין ספר „מורה נבוכי הזמן“.

איצט לאָמיר זען וואָס עס זאָגט ר׳ נחמן קראָכמאַל אין אָט־דעם ספר, וועגן זיין שיטה.

ר׳ נחמן קראָכמאַל זאָגט אַזוי:

די תורה איז אַ סינטעזע פון גלויבן און וויסן. אין אָנהויב, ווען דער איד געפינט זיך נאָך אין אַ נידעריקן צושטאַנד פון גייסט, דאַרף ער גלויבן און דאַרף טאָן אַלץ וואָס מען הייסט אים. דאָס מיינט, אָפּהיטן אַלע מצוות פון דער תורה. שפּעטער, ווען ער ווערט מער פאַרשטענדלעך, קומט ער צום גייסטיקן קוואַל פון דער רעליגיע, צום געלייטערטן שכל.

קראָכמאַל האַלט, לויט העגעל׳ן, אַז אַ פאָלק שטייגט ביז עס קומט צו אַ הויכער מדרגה, אָבער דאָס שטייגן האָט אין זיך שוין די זאָמען פון קעגנזאַץ, פון אַראָפּגאַנג. דערנאָך קומט די סינטעזע, די פּשרה, צווישן ביידע צושטאַנדן, און דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין אידישן פאָלק, אָבער דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן ניט נאָר נאַציאָנאַלע ווערטן, נאָר אַלגעמיין־מענטשלעכע, ווייל די געזעצן פון דער תורה זיינען ניט נאָר נאַציאָנאַל, נאָר אויך אוניווערסאַל, דעריבער איז דאָס אידנטום אַ טייל פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער קולטור. דאָס אידנטום איז אַ היסטאָריש־קולטורעלער פאַרזוך אויפן וועג צו דערגרייכן דאָס אַבסאָלוט־גייסטיקע. די איינצלהייטן דערקלערט קראָכמאַל אויספירלעך, אויף אַ ברייטן אופן, אין זיין בוך „מורה נבוכי הזמן“, וואָס איז איינגעטיילט אין 17 קאַפּיטלען. עס ווערן דאָרטן באַהאַנדלט די פאַרשידענע פאָרמען פון דער אידישער רעליגיע. ער רעדט אַרום פריער דעם טעם פון די אידישע געזעצן, די ימים־טובים, דעם תנ״ך, די אַפּאָקריפן, די צייט פון די אנשי כנסת הגדולה, די פילאָזאָפיע פון אַלעקסאַנדריע, די קבלה און פיל אַנדערע ענינים; דערנאָך גייט ער אַוועק צו די פילאָזאָפישע ענינים. עס איז אַ ספר אויפן שטייגער ווי דער „מורה נבוכים“ פון רמב״ם, אָבער ניט פון אַזאַ טיפן פאַרנעם. דער „מורה נבוכי הזמן“ האָט אָבער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער יוגנט אין זיין צייט און אויך שפּעטער, אין גאַליציע, ליטע און פוילן.

ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געשטאָרבן יונג, אין עלטער פון 55 יאָר. נאָך ר׳ נחמן קראָכמאַל זעען מיר אַ נייעם פאַרזוך אויף אויסצוטייטשן דאָס אידנטום און דאָס איז דורך רעפאָרם, אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט איר אָנהויב אין דייטשלאַנד.

5.

# די רעפאָרמער און זייער צוגאַנג צום אידנטום

**דער ערשטער פּאַרזוך צו ענדערן דעם נוסח פון דאַווענען אין דייטשלאַנד. — דער באַשלוס פון דער סנהדרין אין פּאַריז, אַז די אידן זיינען נישט קיין פאָלק. — מען שטעלט אַריין אַן אָרגל און די רבנים פּראָטעסטירן. — די נייע רעפאָרם־טעאָרעטיקער אברהם גייגער און שמואל האָלדהיים. — זיי דערלויבן חתונה צו מאַכן אידן מיט ניט־אידן און שאַפן אָפּ „כל נדרי".**

אין גאַנצן פאַרלויף פון גאַנג פון אידישן דענקען, אין דער צייט פון טויזנטער יאָרן, האָט מען שטענדיק באַטראַכט דאָס אידנטום ווי איין גאַנצעס; אַלס אַזעלכעס וואָס מען קען דערפון גאָרנישט אַראָפּנעמען. אויב עס זיינען דאָ אין אידנטום זאַכן, וואָס קלינגען ניט גוט פאַרן מאָדערנעם אויער, ווי די גלויבנס וואָס זיינען אַריינגעשלעפּט געוואָרן פון אַנדערע אומקולטורעלע פעלקער, אַ שטייגער ווי דער גלויבן אין אַ גיהנום און אַ גן־עדן, אָדער דער גלויבן אין „תחית המתים" (אַז די טויטע וועלן אין אַ געוויסער צייט צוריק לעבעדיק ווערן), האָט מען דאָס אַלע מאָל פּרובירט צו פאַרענטפערן אויף פאַרשידענע אופנים און ענדלעך האָבן די ראַדיקאַלע דענקער ביי אונז געזאָגט, אַז נאָך אַלעמען איז דאָס ניט פון די סאַמע וויכטיקע זאַכן; עס איז ניט קיין עיקר און אויב אַ איד וויל דערין ניט גלויבן, איז אויך ניט קיין אומגליק, ווי עס האָבן געטאָן פריער דער רלב"ג און ר' יוסף אַלבו און שפּעטער משה מענדעלסאָן. אָבער אָפּשניידן אַ שטיק פון אידנטום און עס אַוועקוואַרפן; פּרובירן צו לייזן די פראַגע פון אידנטום דורך אַן אָפּעראַציע — דאָס האָט קיינער ניט געוואַגט.

אָבער דאָס איז דאָך געשען דורך די רעפאָרמער, וואָס זיינען איצט אויפגעשטאַנען אין דייטשלאַנד. איצט איז צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן אַ פּראָבע אָפּצורייסן שטיקער פון אידנטום און — ניט קיין זייטיקע זאַכן, נאָר ממש פון סאַמע תוך, פון דער נשמה פון אידנטום.

און געשען איז דאָס אויך אויף אַ מאָדנעם אופן, גאָר ניט לויטן סדר העולם. ווי עס פירט זיך געוויינלעך, ווערט אַן ענין פריער פאַרטראַכט און דערנאָך ערשט אויסגעפירט אין לעבן. פריער קומט די טעאָריע און דערנאָך די פּראַקטיק. אין פאַל פון די רעפאָרמער, אָבער, איז עס געווען פאַרקערט: פריער איז געקומען די פּראַקטיק און ערשט דערנאָך האָט מען זיך אַוועק־געזעצט זוכן אַ תירוץ פאַרוואָס מען האָט עס געטאָן. יעדנפאַלס, די אָנפירער

פון דער פּראַקטיק, וואָס איז געקומען פריער, זיינען געווען צוויי: דוד פרידלענדער און ישראל יאַקאָבסאָן. נאָך זיי זיינען ערשט געקומען די טעאָרעטיקער, אויך צוויי: אברהם גייגער און שמואל האָלדהיים. מיר וועלן דאָס אַלץ גענוי דערקלערן.

* * *

דאָס איז געווען אין ענדע פון 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט, ווען אין אייראָפּע האָט זיך גענומען וועקן דער גייסט פון „עמאַנציפּאַציע", צו געבן די אידן די גלייכע רעכט. דאָס הייסט, אַז די אידן זאָלן זיין גלייכע בירגער מיט די ניט־אידן אין אַלע לענדער וואו זיי וואוינען. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1789, אין דער צייט פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן די לאָזונג פון די רעוואָלוציאָנערן, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך פאַרן געזעץ. אָבער די דאָזיקע עמאַנציפּאַציע האָט באַלד געבראַכט צו אַ רעאַקציע און מען האָט די גלייכע רעכט פון די אידן צוריקגעצויגן. און ווידער איז געקומען אַ פּעריאָד פון עמאַנציפּאַציע און דערנאָך ווידער אַ רעאַקציע. לויטן גאַנג פון דער געשיכטע זיינען געווען אַזעלכע פיר עפּאָכן. די ערשטע עפּאָכע פון עמאַנציפּאַציע איז געווען די פראַנצויזישע און האָט זיך געצויגן פון 1789 ביזן יאָר 1815. אין דער עפּאָכע האָט פראַנקרייך געגעבן די אידן גלייכע רעכט, דערנאָך איז געקומען נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט געהערשט איבער אַ טייל לענדער אין אייראָפּע, און געגעבן אויך די אידן פון יענע לענדער גלייכע רעכט. דאָס איז געווען אין האָלאַנד, אין געוויסע טיילן פון איטאַליען און אין דייטשלאַנד. באַלד דערנאָך איז געקומען אַ רעאַקציע, ווען עס האָבן געזיגט די כוחות פון די קעגנער פון עמאַנציפּאַציע (פון 1815 ביז 1848) און האָבן ביי די אידן אומעטום די גלייכע רעכט צוגענומען, אַחוץ אין פראַנקרייך און אין האָלאַנד.

דערנאָך קומט די צווייטע עפּאָכע פון עמאַנציפּאַציע, פון 1848 ביז 1881, ווען די אידן קריגן צוריק אין מערב־אייראָפּע די רעכט אַלס בירגער צוגלייך מיט די ניט־אידן און עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג אויך צווישן די רוסישע אידן אויף צו געווינען גלייכע רעכט. ניט לאַנג דערנאָך קומט אַ צווייטע עפּאָכע פון רעאַקציע, פון גרויסע אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען אין פילע לענדער און פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, וואָס עס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער רוסישער רעוואָלוציע, אין יאָר 1917, ווען קערענסקי און די אַנדערע ליבעראַלן האָבן געגעבן די אידן גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע בירגער.

אויף אָט־דער קאַנווע פון די געשעענישן וועט אונז זיין מעגלעך צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון די געשעענישן ביי די אידן אין דייטשלאַנד, וואָס עס האָט געבראַכט צו דער רעפאָרם־באַוועגונג פריער אין דער פּראַקטיק און דערנאָך צו דער טעאָריע, אַלס אַ שיטה אין אידנטום.

* * *

אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט און אויך אין די פּאַרלאַמענטן פון אַלע אַנדערע לענדער, וואו מען האָט באַטראַכט די פראַגע פון עמאַנציפּאַציע פון די אידן, איז אומעטום געשטאַנען די פראַגע: וואָס זיינען די אידן? זיינען די אידן אַ באַזונדער פאָלק, אָדער איינוואוינער פון לאַנד צוגלייך מיט אַלע אַנדערע? געמיינט האָט די פראַגע אַזוי: אויב די אידן זיינען אַ באַזונדער פאָלק מיט אַן אייגן נאַציאָנאַל לעבן, דעמאָלט קומט זיי ניט קיין גלייכע רעכט מיט אַנדערע בירגער. אויב אָבער זיי זיינען איינוואוינער פון לאַנד אַזוי ווי אַלע אַנדערע איינוואוינער, קומט זיי גלייכע רעכט. די קעגנער פון עמאַנציפּאַציע האָבן כסדר גע'טענה'ט, אַז די אידן האַלטן זיך באַזונדער פון די ניט־אידן; אַז זיי באַטראַכטן זיך אין יעדן לאַנד ווי ציטווייליקע איינוואוינער און וואַרטן, אַז עס זאָל קומען צו זיי משיח און זיי ברענגען צוריק אין זייער לאַנד, אין ארץ ישראל; אַז דאָס זאָגן זיי אין זייערע געבעטן דריי מאָל אַ טאָג. אָט די קעגנער האָבן ניט גערוט ביז די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער „סנהדרין" פון 71 (צוויי־דריטל רבנים און איין דריטל אָנגעזעענע אידן), וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אין יאָר 1807 צונויפגערופן אין פּאַריז. צווישן אַנדערע פראַגן האָט מען אויך פאַרלאַנגט פון די סנהדרין, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסזאָגן צי די אידן זיינען אַ פאָלק, וואָס עס מיינט, אַז אַלס אַזעלכע קומט זיי ניט קיין גלייכע רעכט מיט די אַנדערע בירגער, אָדער זיי זיינען טיילן פון דער באַפעלקערונג פון יעדן לאַנד און דעריבער קומט זיי גלייכע רעכט. מיט אַ שווער האַרץ און אַ טרויעריק געמיט האָט די סנהדרין, וועלכע האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די רדיפות אויף אידן, געמוזט זאָגן, אַז אידן זיינען ניט אַ פאָלק. דער פועל יוצא איז געווען, אַז מען האָט פאַרלאַנגט פון די אידן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע באַזונדערע רעכט און שטרעבונגען אַלס פאָלק. דאָס האָט זיך איבערגע'חזר'ט שפּעטער אין אַלע לענדער, וואו מען האָט די אידן געגעבן גלייכע רעכט.

אין יענער צייט איז אַרויסגעקומען, איינער פון די ערשטע אין דער הינזיכט, דוד פרידלענדער, אַ תלמיד פון מענדעלסאָנען, וועלכער איז געווען דעמאָלט דער פּרנס פון דער אידישער קהילה אין בערלין, מיט אַ דערקלע־רונג, אַז מיר, אידן, דאַרפן אַרויסוואַרפן פון אונזערע תפילות אַלץ וואָס עס ווייזט אַז מיר זיינען אַ פאָלק. ער האָט דעריבער געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַרויסנעמען פון אונזערע געבעטן אַלע שטעלן וואו עס רעדט זיך וועגן אומקערן זיך קיין ציון און ירושלים. ער האָט אויך געזאָגט, אַז די שפּראַך פון די תפילות דאַרף מען אויך ענדערן, אַז עס זאָל ניט זיין העברעאיש, נאָר דייטש און אַז אויך די פאָרם און אויסזען פון אונזערע שולן דאַרף געענדערט ווערן, אַז זיי זאָלן אויסזען אַזוי ווי די געבעט־הייזער פון די ניט־אידן. אָבער אויב דוד פרידלענדער איז נאָר געווען איין שוואַלב, וואָס מאַכט נאָך

קיין זומער ניט, האָט ער באַלד צוגעקראָגן צו זיך אַ שותף צו דעם געדאַנק. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי אין יאָר 1812 האָט מען אונטער נאַפּאָלעאָנ׳ס השפעה אויך געגעבן גלייכע רעכט צו די אידן פון אַלע אַנדערע דייטשע פּראָווינצן, ווי וועסטפאַליען, פראַנקפורט, ברוינשוויג און נאָך אַנדערע. דעמאָלט איז צוגעשטאַנען צו פרידלענדער׳ן איינער וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה. דאָס איז געווען ישראל יאַקאָבסאָן פון ברוינשוויג.

ישראל יאַקאָבסאָן איז געווען פריער מיניסטער פון פינאַנץ אין הויף פון גרויספירשט קאַרל פערדינאַנד פון ברוינשוויג, און אַזוי ווי ברוינשוויג איז איצט געוואָרן אַ טייל פון דער וועסטפאַליען רעגירונג אונטערן קעניג זשעראָם נאַפּאָלעאָן (נאַפּאָלעאָנ׳ס ברודער), איז ער דערהויבן געוואָרן צו זיין פינאַנץ־מיניסטער פון גאַנץ וועסטפאַליען. אָט־דער יאַקאָבסאָן האָט איצט גענומען אויסצופירן למעשה דאָס וואָס עס האָט זיך גערעדט אין פּאַרלאַמענט וועגן דער אידישער אָפּגעזונדערטקייט און האָט גענומען ענדערן דעם נוסח פון דאַוונען. ער האָט צוליב דעם צוועק געעפנט ביי זיך אין הויז אַ שול, וואו מען האָט געזאָגט געוויסע תפילות אויף דייטש. עס איז דאָרטן געווען אַ כאָר פון מענער און פרויען, וואָס האָבן געזונגען געוויסע שטעלן. דערנאָך האָט אַ פּרעדיגער געהאַלטן אַ רעדע אויף דייטש און ער האָט אויך איינגעפירט קאָנפירמאַציע פאַר אינגלעך און מיידלעך פון דרייצן יאָר. בכלל האָט יאַקאָבסאָן זיך באַמיט, אַז זיין שול אָדער סינאַגאָגע זאָל זיין פּונקט אַזוי ווי אַ פּראָטעסטאַנטיש געבעט־הויז. אין יענער צייט האָט אויך פרידלענדער געגרינדעט אַזאַ סינאַגאָגע אין בערלין אין הויז פון באַנקיר יעקב בער (דער פאָטער פון באַרימטן מוזיקער מעיערבער). אָבער דאָרטן האָט מען שוין אַריינגעשטעלט אין דער סינאַגאָגע אַן אָרגל.

די שענסטע זאַך איז אָבער געווען דאָס וואָס די פּרייסישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַזעלכע סינאַגאָגעס, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אַז עס זאָל זיך שאַפן אַ נייע סעקטע ביי אידן און האָט דעריבער פאַרמאַכט ביידע שולן אין 1816. אָבער דער געדאַנק פון שאַפן אַ „טעמפּל“ (ווי די רעפאָרמער האָבן עס שוין גערופן) איז געוואָרן פּאָפּולער ביי די אַסימילאַטאָריש־גענויגטע אידן און עס האָט זיך באַלד נאָכדעם געשאַפן אַזאַ טעמפּל אין האַמבורג, פאַר וועלכן צוויי אידישע געלערנטע האָבן געשאַפן אַ נייעם סידור. אין דעם סידור קומען אַריין אַ טייל תפילות אויף העברעאיש, אָבער פיל תפילות זיינען געענדערט געוואָרן. אַנדערע האָט מען אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט. די שטעלן, וואו עס רעדט זיך פון אומקערן פון די אידן קיין ציון און ירושלים, זיינען אויסגעמעקט געוואָרן און עס זיינען צוגעקומען תפילות אויף דייטש. די תפילות אויף העברעאיש זיינען געווען „שמע ישראל“ און די „שמונה עשרה“. געוויסע שטעלן האָט געזונגען דער כאָר אין באַגלייטונג פון אָרגל. דער „פּרעדיגער“ האָט גערעדט אויף דייטש.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד

מצד די פרומע. די אָרטאָדאָקסיע האָט איצט אָנגעהויבן אַ שטאַרקן קאַמף קעגן די „טעמפּל״־לייט און די רבנים פון האַמבורג, אַלטינאַ און די נאָענטסטע שטעט האָבן אַרויסגעגעבן אַן איסור צו דאַוונען אין אַזעלכע געבעט־הייזער. אָבער די רעפאָרמער האָבן אויך ניט געשוויגן און געקראָגן רבנים וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען מעג דאַוונען אויף אַן אַנדער שפּראַך אַ חוץ לשון קודש און מען מעג אויך האָבן אַן אָרגל אין שול. איינער, אַ תלמודיסט אליעזר ליבערמאַן, האָט אַרויסגעגעבן דעם היתר און ער האָט געקראָגן נאָך פיר רבנים, וואָס שטימען איין מיט אים — צוויי פון איטאַליע און צוויי פון אונגאַרן. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די רבנים, וואָס האָבן גע׳אסר׳ט, האָבן געזאַמלט 40 אונטערשריפטן פון רבנים וואָס שטימען איין מיט זיי, צווישן זיי ר׳ עקיבא אייגער, ר׳ משה סופר (דער מחבר פון חתם סופר) פון פרעסבורג און אַנדערע. אָבער מיט דער צייט האָט דער טעמפּל פון האַמבורג צוגעקראָגן נייע מיטגלידער און עס האָט זיך געשאַפן אַזעלכע טעמפּלען אויך אין אַנדערע שטעט, ווי לייפּציג און אין קאַרלסרוהע, און אַפילו אין אַן אַנדער לאַנד, אין דער הויפּט־שטאָט פון דענעמאַרק, אין קאָפּענהאַגען.

* * *

דער דור פון פרידלענדער און יאַקאָבסאָן איז אַוועק צוזאַמען מיט זיי און אויף זייער אָרט זיינען געקומען נייע. דאָס מאָל צוויי געלערנטע, וועלכע זיינען געוואָרן די טעאָרעטיקער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, אָדער אַנדערש גערעדט: זיי האָבן געזוכט צו געפינען אַ טעאָריע פאַר דעם וואָס פריד־לענדער און יאַקאָבסאָן האָבן געטאָן אין דער פּראַקטיק.

דער ערשטער איז געווען אברהם גייגער. ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1870, אין פראַנקפורט־אַם־מאַין. ער האָט געלערנט אין דער יוגנט אין אַ ישיבה, דערנאָך אין די אוניווערזיטעטן פון היידעלבערג און ווין פילאָזאָפישע און סעמיטישע שפּראַכן. שוין אַלס בחור פון 17 יאָר ער האָט ער אָנגעשריבן אַ נייעם פירוש אויף דער משנה, מיט אַ קריטישן אונטערשלאַג. באַלד נאָכדעם ווי ער איז אַריינגע־טראָטן אין דעם היידעלבערגער אוניווערזיטעט, האָט ער אָנגעשריבן אַ ווערק „וואָס האָט מאַכמעד גענומען פון אידנטום״ (1832), וואָס האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי פיל געלערנטע. ווען ער האָט געענדיקט זיין שטודיום, איז ער געוואָרן רב אין וויסבאַדען. גייגער האָט איצט גענומען טראַכטן וועגן רעפאָרמען אין אידנטום. ער האָט געוואָלט אַ אידנטום אויס־געבויט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות און האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ צייט־שריפט וועגן דעם („וויסנשאַפטלעכע ביישריפט פאַר אידישער טהעאָלאָגיע״). שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין ברעסלאַו, וואו ער איז געוואָרן דער שטאָט־פּרעדיגער. גייגער האָט איצט זיך גענומען אָפן פאַרטיידיקן די רעפאָרמען פון פרידלענדער און יאַקאָבסאָן, וואָס זיינען שוין געווען איינ־

געפירט אין פיל טעמפלען. צו אים איז איצט צוגעשטאַנען נאָך אַ יונגער רב, שמואל האָלדהיים.

האָלדהיים איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1806 און האָט געלערנט אין דער ישיבה פון קעמפען, נעבן פויזען. ער האָט דערנאָך אויך שטודירט אין אוניווערזיטעט און איז אויך געקומען צום געדאַנק, אַז מען דאַרף מאַכן רעפאָרמען אין אידנטום. ער איז שפּעטער געוואָרן רב הכולל פון מעקלענ־בורג און האָט גענומען איינפירן דעם נייעם סידור ביי זיך. אָבער די אָרטאָדאָקסן האָבן אים געגעבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

עס האָט גאָר ניט לאַנג געדויערט און עס האָט זיך געמערט די צאָל פון די רבנים אָדער „ראַבינער" פון אַזעלכע טעמפּלען. עס איז דעריבער נויטיק גע־וואָרן אַ פאַרשטענדיקונג צווישן זיי אַלע. צו דעם צוועק איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע רעפאָרם־ראַבינער (אָדער „ראַבאַיס") אין ברוינשוויג, אין יאָר 1844. דאָרטן זיינען געווען די הויפּט־רעדנער: אברהם גייגער פון

דר. אברהם גייגער

ברעסלאָו און שמואל האָלדהיים פון מעקלענבורג. די ערשטע פראַגע וואָס עס איז געשטאַנען פאַר די פאַרזאַמלטע איז געווען, צי מען מעג דאַוונען אַחוץ אויף לשון קודש אויך אויף אַן אַנדער שפּראַך. אברהם גייגער האָט וועגן דעם געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע און האָט באַוויזן פון תלמוד, אַז עס דאַרף ניט זיין נאָר אויף לשון קודש, ווייל עס ווערט געזאָגט „שמע — בכל לשון שאתה שומע" (אַ איד מעג זאָגן די תפילה פון „שמע" אויף יעדער

שפּראַך וואָס ער פאַרשטייט). אויף דער צווייטער פראַגע, צי מען דאַרף איבערלאָזן לשון קודש אַלס די שפּראַך פון געבעט, האָט גייגער געענטפערט אַז ניט, ווייל דאָס מיינט, אַז מיר האָבן אַן אייגענע שפּראַך און זיינען דעריבער אַ פאָלק, ווייל לויט דעם פסק פון די סנהדרין פון פּאַריז זיינען מיר ניט מער קיין פאָלק, דעריבער האָבן מיר ניט קיין אייגענע שפּראַך. נאָך אים האָט גערעדט האָלדהיים און באַוויזן, אַז אויף דייטש וועט דער וואָס בעט צו גאָט גיכער וויסן וואָס ער רעדט. עס זיינען דאַן אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע פיר רעזאָלוציעס: 1) אַז דער באַשלוס פון די סנהדרין אין פּאַריז (אַז אידן זיינען ניט אַ פאָלק) בלייבט אין קראַפט. 2) אַז מען מעג חתונה מאַכן אידן מיט ניט־אידן וואָס גלויבן אין איין גאָט (ווי, למשל, די יוניטאַרער). 3) אַז עס זאָלן בלייבן די רעפאָרמען פון סידור לויט דעם ווי עס האָט זיי איינגעפירט האָלדהיים אין מעקלענבורג, און 4) אַז מען זאָל אָפּשאַפן דאָס זאָגן „כל נדרי" אין דער נאַכט פון יום־כפור.

אַזעלכע רעפאָרם־קאָנווענשאָנס זיינען איצט פאָרגעקומען איינע נאָך דער אַנדערער אין פאַרלויף פון דריי יאָר. אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן האָט אברהם גייגער געוואָלט, אַז מען זאָל מאַכן רעפאָרמען אין די דינים פון שבת, כדי מתיר צו מאַכן אַ גאַנצע רייע פון אַרבעטן, וואָס אַ איד זאָל מעגן טאָן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דעבאַטע. אָבער צום סוף האָט מען אָפּגעשאַפט דעם צווייטן טאָג פון די ימים־טובים פון פסח, שבועות און סוכות און באַשלאָסן, אַז מען זאָל פייערן נאָר איין טאָג (אַזוי ווי אין ארץ־ישראל).

אין יאָר 1846 איז געקומען קיין אַמעריקע איינער פון די יונגע רעפאָרמער, ראַבאַי אייזיק מאיר וויס, וועלכער איז געוואָרן רב אין אָלבאַני. ער האָט געוואָלט דאָרטן איינפירן רעפאָרמען אין שול, אָבער מען האָט אים ניט געלאָזט. ער איז דאַן אַוועק (אין 1854) קיין סינסינעטי, וואו ער איז געוואָרן אַ ראַבאַי אין שול און האָט דאָרטן איינגעפירט די רעפאָרמען און אויך געשאַפן די רעפאָרם־באַוועגונג אין אַמעריקע און אויך דעם „היברו יוניאָן קאָלעדזש" (1875).

אָט אַזוי זעען מיר ווי די עמאַנציפּאַציע האָט געפירט צו דער רעפאָרם־באַוועגונג, אָבער זי האָט אָבער אויך געפירט צו אַ רענעסאַנס־באַוועגונג אויפן געביט פון אידישער וויסנשאַפט, ווען אַפילו פאַר אַ קורצער צייט, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

6.

# די עפּאָכע פון „אידישע וויסנשאַפט"
# אין דייטשלאַנד

**די גרינדער פון קאָנסערוואַטיוון אידנטום אַלס מיטל־וועג צווישן רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע. — די פיר גרויסע דענקער: זכריה פראַנקל, לעאָפּאָלד צונץ, מאַרקוס יאָסט און היינריך גרעץ. — נאָך זיי קומען צען גרויסע אידישע פילאָזאָפן.**

אין אַכצנטן יאָרהונדערט, איבערהויפּט אין דער צווייטער העלפט, האָט געהערשט אַ מין ערב פּאָליטישער פרילינג אין אייראָפּע. זייט דעם 16טן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן אין אייראָפּע אַ שטרעבונג צו באַפרייען און אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם עול און שימל פון מיטל־אַלטער. צום ערשטן האָט זיך אָנגעהויבן די רענעסאַנס־עפּאָכע, וואָס איז געווען אַ צייט פון אויפלעבונג פון דער קונסט אויף פאַרשידענע געביטן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון 16טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפאָר־מאַציע־באַוועגונג, צו באַפרייען זיך פון עול פון דער רעליגיעזער הערשאַפט פון רוים, וואָס ס'האָט געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער פּראָטעס־טאַנטישער באַוועגונג צום סוף פון 16טן און אָנהויב 17טן יאָרהונדערט. אין 18טן יאָרהונדערט האָט שוין אייראָפּע געמאַכט אַ שריט ווייטער צו באַפרייען זיך אויך פון דער זעלבסט־הערשאַפט פון די קעניגן אין פאַרשידענע לענדער, וואָס עס האָט געפירט צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין יאָר 1789. די רעוואָלוציע האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ אייראָפּע און האָט אויפ־געוועקט פאַרשלאָפענע גייסטיקע כוחות אויף פאַרשידענע געביטן. אָט די אויפטרייסלונג האָט געפירט אויך צו דער עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין פיל לענדער און אויך צו דער אַנטשטייאונג פון גרויסע דענקער, ביי ניט־אידן און אויך ביי אידן.

אָבער אַזוי ווי יעדע באַוועגונג האָט איר קעגן־באַוועגונג, איר רעאַקציע, זעען מיר צוזאַמען מיט דער רעפאָרם־באַוועגונג נאָך צוויי דערשיי־נונגען: ערשטנס, אַ קעגן־באַוועגונג צום רעפאָרם־אידנטום אין געשטאַלט פון אַ קאָנסערוואַטיוון אידנטום, אַ מיטל־וועג צווישן רעפאָרם און אָרטאָ־דאָקסיע; און אַ באַוועגונג פון פאָרשן און זוכן אין אידישן וויסן — אַ מין איבער'חזר'ונג פון דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע. די תקופה ווערט טאַקע באַצייכנט אַלס די „עפּאָכע פון אידישער וויסנשאַפט" אין דייטשלאַנד.

לאָמיר איצט זען וואָס די עפּאָכע האָט בייגעטראָגן צו וויסנשאַפט פון אידנטום און פון וועמען זי איז באַשטאַנען און אויך ווער עס זיינען געווען די שאַפער פון דעם קאָנסערוואַטיוון אידנטום.

די הויפּט־פיגורן פון דער עפּאָכע זיינען געווען פיר אידישע געלערנטע, וועלכע האָבן מיט דער רעפאָרם־באַוועגונג זיך ניט געוואָלט אידענטיפיצירן און אַזוי אויך ניט מיט דער אָרטאָדאָקסיע און האָבן דעריבער אויסגעקליבן יעדער איינער פאַר זיך אַ געוויסן געביט פון אידישער פאָרשונג. זיי זיינען געווען: זכריה פראַנקל, לעאָפּאָלד צונץ, יצחק מרדכי יאָסט און היינריך גרעץ. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף זייערע שאַפונגען און אויף זייער באַדייטונג פאַר דער אידישער וויסנשאַפט. זיי זיינען אין תוך געגומען ניט געווען קיין אידישע פילאָזאָפן. דאָס מיינט, אַז זיי האָבן ניט געשפונען ווייטער דעם פאָדעם פון פילאָזאָפישער פאָרשונג וואָס איז אָנגעגאַנגען זייט דעם אָנהויב פון דער שפּאַנישער עפּאָכע, כדי אויסצוקלערן וואָס עס איז אַזוינס דאָס אידנטום. זייערע בייטראָגן זיינען געווען מער פּראַקטישע, אָבער דאָך פון אַ גרויסן ווערט. אַזוי, למשל, האָט פראַנקל פיל בייגע־טראָגן צו פאַרשטיין די משנה; צונץ האָט געשאַפן וויכטיקע אַרבעטן וועגן דער אידישער ליטורגיע, און די לעצטע צוויי, יאָסט און גרעץ, האָבן גענומען פאַר זיך דעם געביט פון אידישער געשיכטע. באַזונדערס האָט דער לעצטער, גרעץ, דאָס געטאָן מיט גרויס דערפאָלג. אויסער דעם האָבן זיי אַלע צוזאַמען אויך געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם וואָס מיר רופן איצט אָן, קאָנסער־וואַטיוו אידנטום.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף יעדן פון זיי באַזונדער.

* * *

ר׳ זכריה פראַנקל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1801 אין פּראָג. ער האָט אַ סך געלערנט אין זיין יוגנט און געקראָגן סמיכה אויף רבנות. דער־נאָך האָט ער שטודירט וויסנשאַפטן אין פּראָג און אין בודאַפּעסט און גע־קראָגן דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע. באַלד דערנאָך איז ער געוואָרן קרייז־ראַבינער אין בעהמען. זיין הויפּט־אָרט איז געווען אין דער שטאָט טעפּליץ, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב מיט גרויס כבוד. שפּע־טער איז ער געווען רב אין דרעזדען. נאָך שפּעטער האָט ער געקראָגן אַן איינלאַדונג צו זיין רב הכולל אין בערלין, אָבער די פּרייסישע רעגירונג האָט אים, אַלס אויסלענדער, ניט געוואָלט אָנערקענען אַלס רב הכולל. ער איז דעריבער געבליבן אין דרעזדען. אָבער שפּעטער איז ער אַריבער קיין ברעסלאַו, וואו ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון ראַבינער־סעמינאַר ביז צום טאָג פון זיין טויט, אין יאָר 1875.

ר׳ זכריה פראַנקל איז געגאַנגען אויפן וועג פון מאָדערנער אָרטאָדאָקסיע אין אידנטום. דאָס הייסט, ניט ווי די רעפאָרמער וואָס ווילן גרויסע ענדע־

רונגען אין דער אידישער רעליגיע און ניט ווי די אָרטאָדאָקסיע וואָס זאָגט, אַז מען טאָר גאָרניט ענדערן אין דער אידישער אמונה. ער איז פּאַקטיש געווען דער אָנהויבער פון דעם וואָס עס ווערט איצט אָנגערופן „קאָנסער־וואַטיווע אידישקייט" און דעריבער באַטראַכטן אים די וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דעם קאָנסערוואַטיוון אידנטום אַלס זייער ערשטן דענקער, גרינדער און פירער. ער איז געווען ביי דער רעפאָרמערס קאָנווענשאָן, וואו גייגער האָט דערקלערט, אַז צו דאַווענען אויף לשון קודש איז ניט קיין חיוב. פראַנקל האָט דאָרטן אָפן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז עס איז ניט אַזוי, אַז עס איז יאָ אַ מוז. ער האָט ביי זיך אין שול ניט געוואָלט מאַכן קיין גרויסע ענדערונגען, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָפּגעשאַפט דאָס זאָגן פּיוטים ביים דאַווענען און אויך איינגעפירט עטלעכע תפילות אויף דייטש.

אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס ר' זכריה פראַנקל האָט בייגעטראָגן צום אידישן וויסן זיינען זיינע אַרבעטן איבער די תרגומים, דאָס הייסט, די פאַרשידענע איבערזעצונגען וואָס עס זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער תורה אויף אַראַמעאיש, סיריש, גריכיש און לאַטייניש נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן. אין דער הינזיכט איז ער געווען ממש דער ערשטער וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דעם געביט.

אַ צווייטער געביט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען איז געווען די פאָרשונג וועגן משנה און תלמוד. אין דער הינזיכט האָט ער פאַרפאַסט פיל וויכטיקע ווערק, ווי זיין ווערק „דרכי המשנה" און פיל אַנדערע. אויך אויף דעם געביט איז ער געווען אַן ערשטער, וואָס האָט געוויזן דעם וועג פאַר אַנדערע ווי אַזוי אָנצוגיין מיט די פאָרשונגען.

* * *

לעאָפּאָלד צונץ, אָדער ווי זיין העברעאישער נאָמען איז געווען — יום־טוב ליפּמאַן צונץ, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1794 אין דער שטאָט דעטמאָלד (דייטשלאַנד). ער האָט אויך אין דער יוגנט געלערנט אַ סך תורה און שפּעטער שטודירט אין אוניווערזיטעטן. ער האָט געפונען אַ חבר צו זיך אין יצחק מרדכי יאָסט (פון וועלכן מיר וועלן רעדן שפּעטער) און מיט אים צוזאַמען געלערנט אי תלמוד און אידישע ספרים און אי וועלטלעכן וויסן. שפּעטער האָט ער געלערנט אין דעם אוניווערזיטעט אין האַלע, וואו ער האָט געקראָגן דעם טיטל „דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע". אין די יונגע יאָרן האָט צונץ געליטן נויט, אָבער שפּעטער איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון לערער־סעמינאַר אין בערלין (אין יאָר 1840) און דאָרטן האָט ער אויסגעלעבט זיינע יאָרן.

צונץ איז אויך געווען פון די וואָס האָבן ניט געוואָלט צושטיין צו די רעפאָרמער, כאָטש פון אַ טייל קלענערע ענדערונגען אין דער אידישער רעליגיע האָט ער יאָ געהאַלטן. אויך אים קען מען רעכענען צווישן די ערשטע דענקער פון קאָנסערוואַטיוון אידנטום.

אָבער וואָס איז איבערהויפּט וויכטיק אין צונצ׳ס בייטראָגן צום אידישן וויסן, זיינען זיינע אַרבעטן אויף אַ געביט, וואו ער איז אויך געווען אַן ערשטער. זיין ערשטע גרויסע אַרבעט איז געווען זיין ווערק וועגן די דרשות וואָס מען האָט געהאַלטן ביי אידן אין שולן פון גאָר אַלטע צייטן אָן ביז צו זיין צייט. אין דעם ווערק וועגן דרשות צעגלידערט ער דעם אינהאַלט פון די פאַרשידענע דרשות און ווייזט אויף, אַז זיי זיינען געווען נוצלעך כדי צו לערנען דעם עולם מאָראַל און כדי צו געבן אים צו פאַרשטיין די טיפע געדאַנקען, וואָס עס זיינען באַהאַלטן אין דער ביבל.

אַ פיל וויכטיקער ווערק איז זיין גרויסע אַרבעט „סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע דעם מיטעלאַלטערס״ וועגן די פיוטים און יוצרות וואָס מען זאָגט ביי אידן אין שול, יום־טוב צייט ביים דאַווענען. אין דעם ווערק דערקלערט ער דעם אָנהויב פון פיוט, די פאַרשידענע מנהגים ביים דאַווענען, ווער די פייטנים זיינען געווען און זייער לעבנס־געשיכטע. דאָס איז אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס וועט בלייבן אייביק פאַר די פאָרשער פון פיוט ביי אידן, אויף צו וויסן ווער עס איז געווען דער שאַפער פון יעדן פון די יוצרות באַזונדער און וואָס פאַר אַ ווערט זיי האָבן און ווען זיי זיינען אַנטשטאַנען.

צונץ האָט געשאַפן נאָך פיל אַנדערע ווערק, וואָס זיינען פון גרויסער באַדייטונג. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 92 יאָר, אין יאָר 1886.

* * *

ר׳ יצחק מרדכי יאָסט, אָדער ווי ער רופט זיך מיט זיין דייטשן נאָמען מאַרקוס יאָסט, איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט בערנבורג (דייטשלאַנד), אין יאָר 1793. ער האָט אויך געקראָגן אַ דערציאונג אין חדרים און ישיבות און צוזאַמען מיט לעאָפּאָלד צונץ געלערנט אין פיל ערטער, איבערהויפּט אין דער גימנאַזיע פון ברוינשווייג. ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין אוני־ווערזיטעט, איז ער געווען זייער אָרעם. דעמאָלט האָט ישראל יאַקאָבסאָן, דער אָנפירער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג, אים געוואָלט שטיצן כדי פון אים צו מאַכן אַ רעפאָרם־ראַבינער, אָבער יאָסט האָט עס ניט געוואָלט. ער איז געווען קעגן רעפאָרם און האָט אים דערקלערט, אַז דאָס אידנטום דאַרף מען בויען לויט דער וויסנשאַפט, אָבער ניט לויט רעפאָרמען אין סידור. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ לערער אין דער באַרימטער אידישער שולע אין יענער צייט „פילאַנטראָפּין״ פון פראַנקפורט־אַם־מאַין און האָט דעם פּאָסטן אָנגעהאַלטן ביזן טאָג פון זיין טויט, אין יאָר 1860.

אָבער כאָטש יאָסט איז געווען קעגן רעפאָרם און די רעפאָרמערס, האָט ער אָבער אויך ניט געוואָלט, אַז עס זאָל אַלץ בלייבן אין אידישן לעבן אַזוי ווי די אָרטאָדאָקסיע וויל האָבן. דעריבער קען מען אים אויך צורעכענען צו דער ריכטונג פון קאָנסערוואַטיוון אידנטום.

יאָסט האָט אויסגעקליבן פאַר זיין געביט פון פאָרשונג די אידישע

געשיכטע, וואָס עס איז אויך געווען דעמאָלט אַ ניי פעלד פאַר פאָרשונג. ער האָט אָנגעשריבן אַ ווערק פון 9 בענדער אונטערן נאָמען „געשיכטע דער איזראַעליטען זייט דער צייט דער מאַקאַבעער ביז אויף אונזערע טאַגע" (אַרויס אין בערלין אין די יאָרן 8־1820), אַ ווערק וואָס האָט ניט גאָר שטאַרק אויסגענומען, ווייל פיל פאַקטן שטימען ניט, אָבער דאָך האָט זיך דאָס ווערק שטאַרק פאַרשפּרייט סיי צווישן אידן און סיי צווישן קריסטן, און מיט אַלע חסרונות איז עס דאָס ערשטע ווערק פון דער געשיכטע פון אידישן פאָלק. אין דער הינזיכט איז יאָסט געווען אַן ערשטער און אַ פּיאָנער.

שפּעטער האָט יאָסט אַרויסגעגעבן אַ צווייט גרויס ווערק אונטערן נאָמען „געשיכטע דער אידענטום אונד זיינער סעקטען" אין דריי טיילן, וואָס איז שטאַרק געליבט געוואָרן פון אַלע, ווייל דאָס איז אַ ווערק פון גאָר גרויסער באַדייטונג. יאָסט האָט געשאַפן נאָך אַנדערע ווערק וועגן פאַרשידענע ענינים, באַזונדערס זיין ווערק „די געשיכטע פון די אידן אין דער נייער צייט" (פון 1815 ביז 1845), וואו ער גיט איבער די געשעענישן פון דער צייט פון זיין לעבן.

* * *

דער לעצטער פאָרשער פון דער דאָזיקער עפּאָכע איז געווען היינריך גרעץ, אָדער ווי זיין העברעאישער נאָמען איז געווען צבי הירש גרעץ. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1817 אין דער שטאָט קסיאָן אין פּויזען. ער האָט אויך געהאַט אַזאַ דערציאונג, ווי זיינע אַלע פריערדיקע חברים, אין ישיבות און אין אוניווערזיטעטן. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַפילו געניגט צו אָרטאָדאָקסיע, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אַנדערש, אָבער דאָך איז ער שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן די רעפאָרמער און באַזונדערס קעגן אברהם גייגער׳ן. ער איז דעריבער אויך געווען פון די ערשטער דענקער פון קאָנסערוואַטיוון אידנטום.

גרעץ האָט אין די יונגע יאָרן געליטן נויט, ערשט שפּעטער האָט ער געקראָגן אַ שטעלע אַלס לערער אין דער ראַבינער־שולע אין ברעסלוי אונטער דער פירערשאַפט פון זכריה פראַנקל. אין יאָר 1869 איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר אין דער אוניווערזיטעט פון ברעסלוי, וואו ער איז געבליבן באַשעפטיקט זיין גאַנץ לעבן. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1891, אין מינכען.

גרעץ האָט זיך פון זיין פריער יוגנט אַן געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַן אמת׳ע גרויסע אידישע געשיכטע, וואָס זאָל זיין פון אַ גרויסן פאַרנעם און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט אין יאָר 1853. באַלד דערנאָך איז אַרויס דער ערשטער באַנד אונטער דעם נאָמען „די געשיכטע פון די אידן". דאָס ערשטע בוך איז פון חורבן בית שני ביז צו דער אָפּשליסונג פון תלמוד. נאָכדעם ווי ער האָט געקראָגן די שטעלע אַלס לערער אין סעמינאַר, האָט ער זיך ערשט גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט פון שרייבן די געשיכטע

ביז ער האָט אין יאָר 1871 געהאַט פאַרענדיקט זיין גאַנצע אַרבעט, וועלכע באַשטייט פון עלף בענדער.

גרעצ׳ס „אידישע געשיכטע״ איז אַ ווערק פון גאָר גרויסער באַדייטונג. גרעץ האָט געאַרבעט איבער דעם ווערק כסדר בייטאָג און ביינאַכט. ער האָט געזאַמלט און געקליבן מאַטעריאַל פון אַלע קוועלן, וואָס עס איז פאַר אים נאָר געווען מעגלעך זיי צו דערגרייכן. ער האָט גענומען ניט נאָר פון דער



היינריך גרעץ

גאַנצער גרויסער אידישער ליטעראַטור, נאָר אויך פון דער ניט־אידישער ליטעראַטור, וואו נאָר עס רעדט זיך וועגן אידן. דערצו האָט ער געשריבן זיין ווערק אין אַ מוסטערהאַפט־שיינער שפּראַך, אין אַ פּאָעטישן סטיל, און דערצו אויך פּאָפּולער, אַזוי אַז זיין ווערק איז צוגענגלעך צו אַלע. נאַטיר־לעך איז אויך זיין ווערק ניט אָן חסרונות, איבערהויפּט ווען ער איז געקומען צו דער עפּאָכע פון חסידות מיט וועלכער ער איז ניט געווען באַקאַנט. עס איז אים אויך געווען פרעמד דאָס לעבן פון די אידן אין דער לעצטער צייט אין רוסלאַנד און אין פּוילן, אָבער דאָס מינערט ניט דעם פאַקט, אַז ער האָט מיט זיין ווערק באַרייכערט די אידישע פאָרשונג און וויסנשאַפט.

פאַרשטייט זיך, אַז די פיר דענקער זיינען ניט געווען די איינציקע. עס זיינען געווען פיל אַנדערע, אָבער פון קלענערער באַדייטונג.

די עפּאָכע פון אידישער וויסנשאַפט אין דייטשלאַנד איז געווען אַ קורצע.

זי האָט קוים געדויערט אַ יאָרהונדערט. אָבער אין דער עפּאָכע זיינען געשאַפן געוואָרן פיל, פיל וויכטיקע ווערק און דער עיקר — דאָס קאָנסערוואַטיווע אידנטום. אויסער דעם זיינען אין דער דאָזיקער עפּאָכע אַנטשטאַנען ניט ווייניקער ווי צען אידישע פילאָזאָפן, יאָ, אַ גאַנצער מנין, וואָס האָבן אויס־געטייטשט דאָס אידנטום, סיי לויט די שיטות אין פילאָזאָפיע פון די מאָדערנע ניט־אידישע פילאָזאָפן און סיי לויט אייגענע אידישע שיטות. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען פון גאָר גרויסער באַדייטונג. אַנדערע ווידער — פון אַ קלענערן פאַרנעם. דאָך זיינען אַלע געווען זייער טיף אין זייער דענקען. וועגן די ערשטע פיר פילאָזאָפן: שלמה פאָרמשטעכער, שלמה שטיינהיים, מאָריץ לאַזאַרוס און שמואל הירש וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

7.

# די פיר אידישע „רעפאָרם־פילאָזאָפן" אין דייטשלאַנד

**עס שיילן זיך אַרויס אין דייטשן אידנטום דריי ריכטונגען: רעפאָרם־ליבעראַלע אידן; קאָנסערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסישע. — די לערע פון שלמה שטיינהיים. — ער פּרעדיגט רעפאָרם, אָבער זיין האַרץ איז אַנדערש־וואו. — די שיטה פון שלמה פאָרמשטעכער. — זיין מיינונג, אַז פּראָטעסטאַנטיזם איז די אמת'ע קריסטלעכע רעליגיע. — מאָריץ לאַזאַרוס און זיין מאָראַל־לערע. — די שיטה פון סעמיועל הירש צו פאַראייניקן אידנטום מיט קריסטנטום. — נייע פילאָזאָפישע שיטות אויפן אָרטאָדאָקסישן געביט.**

אין אידישן לעבן אין דייטשלאַנד האָבן זיך, ווי מיר האָבן שוין דער־קלערט, פון אָנהויב ביזן מיטן פון 19טן יאָרהונדערט פאָרמולירט דריי פעסט־געשטעלטע שיטות אין אידנטום, וועלכע האָבן אויסגעבויט זייערע לערעס אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות. די ערשטע איז געווען די רעפאָרם־ליבעראַלע שולע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע פון דענקער, וואָס האָבן אויף זייער שטייגער בייגעטראָגן פיל וויכטיקע ווערק צו דער וויסנשאַפט פון אידנטום; די צווייטע ריכטונג איז געווען די קאָנסערוואַטיווע, פון די, וואָס האָבן געהאַלטן פון טראַדיציאָנעלן אידנטום און געוואָלט קליינע ענדערונגען אין דער אידישער רעליגיע; די דריטע איז געווען אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע, אָבער אויך די ריכטונג איז אויפגעבויט געוואָרן אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות. מיר וועלן דאָ צוערשט באַהאַנדלען די שיטות פון די ערשטע פיר דענקער, וועלכע זיינען געווען פון דער רעפאָרם־ליבעראַלער שולע. זייערע נעמען זיינען לודוויג שטיינהיים, שלמה פאָרמשטעכער, שמואל הירש און מאָריץ לאַזאַרוס.

מיר וועלן אַרומרעדן יעדן איינעם באַזונדער.

* * *

לודוויג (אָדער שלמה) שטיינהיים איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1789 אין ברוכהויזען, וועסטפאַליען, דייטשלאַנד. ער איז געווען פון פאַך אַ דאָקטאָר פון מעדיצין און האָט פּראַקטיצירט אין אַלטאָנאַ. ער האָט אין זיינע

יוגנט־יאָרן געקעמפט צוזאַמען מיט זיין פריינט גבריאל ריסער (אַ באַרימטער פובליציסט) פאַר אידישער עמאַנציפּאַציע אין דייטשלאַנד. שטיינהיים האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע ווערק וועגן אידישע פראַגן, ווי „די געזאַנגען פון עובדיה בן אמוץ פון גלות" (אַ בוך לידער) און „סיני", אַ בוך פון אַרטיקלען וועגן פאַרשידענע אידישע ענינים, אָבער איבערהויפּט האָט ער זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין בוך „די אָפּענבאַרונג נאָך דער לעהר־בעגריפע דער סינאַגאָגע", אין 4 בענדער. אָט־דאָס בוך האָט אים אַוועקגעשטעלט אין דער רייע פון די אידישע דענקער וועגן דער פּראָבלעם פון אידנטום. דער מחבר, וועלכער האָט געקראָגן אַ גוטע אידישע דערציאונג אין תנ"ך און תלמוד, ווייסט, אַז דער וועג פון די רעפאָרמער איז אַ פאַלשער, דאָך ציט עס אים צו זיי. דאָס האָט געשאַפן אַ ריס אין זיין נשמה, וואָס ער האָט געזוכט צו היילן מיט זיין דערמאָנט ווערק.

שטיינהיים איז אַן אָנהענגער פון קאַנט׳ס פילאָזאָפישער שיטה, וואָס זאָגט אַז מיר האָבן ניט קיין שום וויסנשאַפטלעכן וועג צו קענען פעסטשטעלן גייסטיקע באַגריפן, אָבער פונדעסטוועגן איז פאַר אונז נויטיק, צוליב דער מאָראַל דערפון, צו גלויבן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט; אַז עס איז דאָ אַ נשמה און אַז דער מענטש האָט אַ פרייען ווילן. צו דעם גיט שטיינהיים צו נאָך אַ פערטן גלויבן, נעמלעך, אַז די תורה איז צו אונז, אידן, געגעבן געוואָרן פון גאָט, ווייל גאָט האָט געוואָלט געבן זיין לערע צו די מענטשן און ער האָט דערצו אויסגעקליבן דאָס אידישע פאָלק. אויף דעם פונדאַמענט האָט שטיינהיים אויסגעבויט זיין גאַנצע שיטה. ער וויל איינגלידערן זיין פערטן גלויבן אין בנין פון קאַנט׳ן. ער זאָגט אין קורצן אַזוי: „אַלץ וואָס מיר ווייסן איז דאָך פון דעם וואָס די פינף חושים זאָגן אונז. מיר ווייסן אָבער אויך, אַז די פינף חושים קענען אונז אָפּנאַרן, אויסער דעם איז באַקאַנט, אַז צו גייסטיקע זאַכן קען מען מיט די פינף חושים גאָר ניט צוטרעטן. הייסט עס, אַז מיר פאַרשטייען און באַגרייפן גייסטיקע זאַכן נאָר מיטן שכל, אָבער דער שכל הינקט אויך אַמאָל אונטער, דעמאָלט מוזן מיר אָנקומען צום גלויבן, ווייל עס איז פאַר אונז אַזוי בעסער און ווייל דאָס וואָס מיר ווילן גלויבן לייגט זיך מער־וויניקער אויפן שכל. אַלזאָ, אויב אַזוי, פאַרוואָס ניט גלויבן אויך, אַז גאָט האָט געוואָלט זיך אַנטפּלעקן צו די מענטשן, כדי צו לערנען זיי זיינע וועגן?"

אָט־די אַנטפּלעקונג, זאָגט שטיינהיים, איז געשען אויפן באַרג סיני דורך געבן די אידן די צען געבאָט און דערנאָך די תורה. אמת, דאָס קען מען ניט באַווייזן, דאָס איז לויטער גלויבן, אָבער דער גלויבן איז פאַר־שטענדלעך און איז ניט קעגן שכל. אויב אַזוי, איז עס אַ זאַך וואָס מיר באַגרייפן מיט אונזער שכל פונקט אַזוי ווי מיר באַגרייפן אַלע אַנדערע זאַכן דורך די חושים. אָבער כאָטש שטיינהיים האָט אַזוי געפרעדיקט האָט ער געלעבט ווייט פון אידן, דאָס רוב פון זיינע טעג אין דער שווייץ, און האָט אָפט אויך

אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו די רעפאָרמער. ער איז געשטאָרבן אין ציריך (שווייץ) אין יאָר 1866 און איז באַגראָבן געוואָרן אויף אַ קריסטלעכן בית־עולם.

* * *

שלמה (אָדער סאָלאָמאָן) פאָרמשטעכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1809, אין דער שטאָט אָפענבאַך (דייטשלאַנד). ער האָט געקראָגן אַ דער־ציאונג אין דער אידישער תורה און אויך אין וויסנשאַפטן. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ ראַבינער אין זיין היים־שטאָט אָפענבאַך ביי די רעפאָרמער און אויף דעם פּאָסטן איז ער געשטאַנען 47 יאָר, פון יאָר 1842 ביזן יאָר 1889, ווען ער איז געשטאָרבן.

שלמה פאָרמשטעכער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער רעפאָרם־באַווע־גונג און איז געפאָרן צו אַלע זייערע קאָנפערענצן. ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע ווערק, אָבער דאָס וויכטיקסטע פון אַלע איז זיין גרויסע אַרבעט „רעליגיאָן דעס גייסטעס" (אַרויסגעגעבן אין פראַנקפורט אין יאָר 1841), וואו ער באַמיט זיך צו שאַפן אַ נייע שיטה אין אידנטום. פאָרמ־שטעכער איז געווען אַן אָנהענגער פון שעלינג׳ס שיטה. פרידריך ווילהעלם יאָזעף פאָן שעלינג איז געווען אַ דייטשער פילאָזאָף, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון העגעל׳ן און איז געווען זיין באַקאַנטער פריינט. שעלינג האָט אין זיינע ווערק געשאַפן אַ טעאָריע, אַז די וועלט, די נאַטור האָט אין זיך עפּעס שכל׳דיקס און אַז אין גאַנג פון דער וועלט זעט מען עפּעס וואָס איז פּלאַנירט געוואָרן — און אפילו דאָרטן וואו מיר זען עס ניט, איז עס אויך דאָ, נאָר בלויז מיר זעען עס ניט. אויפן גרונד פון דער טעאָריע האָט פאָרמשטעכער גענומען אויסטייטשן אויך די אידישע רעליגיע און ער זאָגט, פּונקט אַזוי ווי שעלינג, אַז צוזאַמען מיט דער נאַטור איז דאָ אַ גייסטיקער כוח וואָס ווייזט זיך אַרויס אַמאָל פאַר אונז, אָבער ווען אפילו ניט, איז ער אויך דאָ. דאָס איז אַ מין געטלעכע קראַפט, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער וועלט. דער מענטש דאַרף זוכן צו דערקענען אָט־דעם גייסטיקן כוח און דאָס דאַרף זיין די רעליגיע פון מענטש. עס דאַרף זיין זיין אויפגאַבע צו דערקענען דעם גייסטיקן כוח פון דער וועלט וואָס עס איז דאָ אין דער נאַטור. לויט פאָרמשטעכער׳ן איז פון אָנהויב די אידישע רעליגיע געווען אַזאַ רעליגיע פון גייסט. דאָס איז געווען דעמאָלט ווען זי האָט געקעמפט קעגן געצן־דינסט און אויסגערופן די הערשאַפט פון אוניווער־סאַלן אמת. שפּעטער, ווען די אידן זיינען אַוועק אין גלות, האָבן זיי מיט־גענומען מיט זיך דעם קאַמף פאַרן אַבסאָלוטן אמת אין אַלע לענדער, וואו זיי זיינען געקומען. אָבער נאָך שפּעטער, זאָגט ווייטער פאָרמשטעכער, איז אָנשטאָט דער טעאָקראַטיע פון דער מדינה געקומען אַ טעאָקראַטיע פון דער רעליגיע. די אידישע רעליגיע האָט אין זיך דעם שורש פון אמת, אָבער עס איז די אידן ניט מעגלעך געווען דאָס צו אַנטוויקלען אין גלות צוליב

דעם אַנטיסעמיטישן דרוק פון דער וועלט. איצט אָבער, ווען די אידן ווערן עמאַנציפּירט און גלייכגעשטעלט אין זייערע רעכט מיט די ניט־אידן, האָט די אידישע רעליגיע אַ גרעסערע מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען אויפן אופן פון זוכן דעם אַבסאָלוטן אמת און אין איר אוניווערסאַלער מיסיע, אין דער־וואַרטונג פון אַ משיח, וואָס עס מיינט אויף צו שאַפן אַ בעסערע וועלט.

ווייטער דערקלערט פאָרמשטעכער, אַז דאָס אידנטום האָט אַרויסגעגעבן פון זיך צוויי רעליגיעס: דאָס קריסטנטום און דעם איסלאַם. ביידע רעלי־גיעס האַלטן זיך נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין זיך אין תוך דעם גרונד־אמת פון אידנטום. דער איסלאַם האָט פשוט גענומען שטיקער פון אידנטום און אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט פון געצנדינסט. קריסטנטום האָט אויס־געמישט אידנטום מיט געצנדינסט, און דערפאַר איז צווישן די צוויי עלעמענטן פאָרגעקומען אַ שטענדיקער געראַנגל, אָבער פּראָטעסטאַנטיזם האָט באַפרייט דאָס קריסטנטום פון אַ גרויסן טייל פון געצנדינסט־עלעמענטן. דאָס אידנטום דאַרף איצט זיך אויך באַפרייען פון אַלטע געזעצן, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אין גלות. דערמיט האָט ער געמיינט, אַז מען זאָל גיין אויפן וועג פון רעפאָרמען.

פאָרמשטעכער האָט שפּעטער אויך אַרויסגעגעבן אַנדערע ווערק. ער האָט געלעבט ביז אַ טיפן עלטער פון 80 יאָר און איז געשטאָרבן אין יאָר 1889, אין אָפענבאַך.

* * *

מאָריץ (אָדער מרדכי) לאַזאַרוס איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט פילען, אין געגנט פון פּויזן (דייטשלאַנד), אין יאָר 1824. ער איז געווען דער זון פון אַ רב, ר׳ אהרן לעווין לאַזאַרוס, פון זיין געבורטס־שטאָט. זיין פאָטער האָט זיך גע׳יחוס׳ט דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ תלמיד פון גרויסן גאון ר׳ עקיבא אייגער, דער רב פון ליסא (פּויזן). מאָריס לאַזאַרוס האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט, ווי אַלע אידישע קינדער אין זיין צייט, אין חדרים. שפּעטער איז ער אַריין אין גימנאַזיע (ווען ער איז שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר) אין בראַנזוויק. ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן קורס אין צוויי יאָר און איז אַריין אין דער אוניווערזיטעט פון בערלין, וואו ער האָט געלערנט פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און היסטאָריע. ווען ער האָט גע־ענדיקט אַלס דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, האָט ער געהייראָט מיט זיין ערשטער פרוי, און ווען זי איז געשטאָרבן, האָט ער געהייראָט מיט אַ קריסטין, וועלכע האָט זיך מגייר געווען. זי האָט אָנגענומען דעם נאָמען נאַהידאַ רות רעמי. זי איז געווען אַ שרייבערין און האָט פאַרפאַסט עטלעכע ביכער.

מאָריץ לאַזאַרוס האָט זיך אויסגעצייכנט אויף איין געביט, פאַר וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנץ לעבן, דאָס איז צו שאַפן אַ נייע אָפּטיילונג

אין דער פסיכאָלאָגיע, וועלכע הייסט: פעלקער־פסיכאָלאָגיע. דאָס מיינט, צו קענען פעסטשטעלן די פסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן פון יעדן פאָלק באַזונדער. ער האָט אויף דעם געביט אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען „פעלקער־פסיכאָלאָגיע״, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. שפּעטער האָט ער צוגעצויגן צו דער אַרבעט זיין שוואָגער דר. ה. שטיינטאַהל (מיר וועלן רעדן פון אים ווייטער), אָבער כאָטש ער איז געווען אַ פּיאָנער אין דעם געביט פון פעלקער־פסיכאָלאָגיע, האָבן זיך אָבער ניט געפונען קיין פאָרשער וואָס זאָלן די לערע אַנטוויקלען. אַנדערע, ווידער, האָבן פאַרקערט נאָך, די גאַנצע אַרבעט אָפּגעוואָרפן און דערקלערט, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ באַזונדערע פסיכאָלאָגיע פון פעלקער, ווייל אַלע מענטשן זיינען גלייך, כאָטש זיי געהערן צו פאַרשידענע פעלקער און לענדער.



מאָריץ לאַזאַרוס

לאַזאַרוס האָט געשריבן נאָך אַנדערע ווערק פון גרויסער באַדייטונג, דערונטער זיין ווערק, „די עטיק פון אידנטום״, וואו ער אַנטוויקלט אַ נייע טעאָריע וועגן דער ראָלע פון אידישן געדאַנק. פון דעם ווערק איז ביי זיין לעבן אַרויס בלויז דער ערשטער באַנד. דער צווייטער באַנד איז אַרויס שוין נאָך זיין טויט, אין יאָר 1911. אין דעם ווערק דערקלערט לאַזאַרוס, אַז ער באַטראַכט דאָס אידנטום אַלס אַ הויכע מאָראַל־לערע און ער וויל קלאָר מאַכן אָט־די לערע דורך די שטעלן וואָס זיינען דאָ וועגן דעם אין תלמוד און אין אַנדערע אידישע קוועלן. ער שטיצט זיך אויף דער מאָראַל־לערע פון פילאָזאָף עמנואל קאַנט, אָבער ער דערקלערט, אַז די אידישע מאָראַל־לערע שטייט העכער פון אַלע פילאָזאָפיעס.

לאַזאַרוס האַלט אויך, אַז דער עיקר וואָס עס מאַכט אַ איד צו זיין דאָס, וואָס ער איז, איז זיין רעליגיע. גייענדיק מיט דער שיטה פון פעלקער־פסיכאָלאָגיע האַלט ער, אַז ווען מענטשן וואוינען צוזאַמען אין איין לאַנד, שאַפט זיך ביי זיי די זעלבע פסיכאָלאָגישע אייגנשאַפטן. דעריבער זיינען די דייטשע אידן — דייטשן, כאָטש זייער רעליגיע איז אַנדערש. ווייטער דערקלערט ער, אַז די אידישע רעליגיע פּרעדיגט די פליכט פון האַרצן און אַז די אידישע תורה אַנטהאַלט אין זיך די מאָראַל־לערע פון גאָט צו די מענטשן.

לאַזאַרוס איז פון יאָר 1868 ביז 1872 געווען פּראָפעסאָר אין קעלנער אוניווערזיטעט. ער האָט זיך דעמאָלט שטאַרק געמישט אין אידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן און האָט אויך געהאַלטן הויכע אַמטן אין פאַרשידענע אידישע אינסטיטוציעס. ער איז אויך געווען אַ גוטער רעדנער. ער איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון 79 יאָר, אין יאָר 1903, אין מעראַן, טיראָל.

* * *

דער פּערטער פון דער גרופּע רעפאָרם־פילאָזאָפן, שמואל הירש, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1815 אין טהאַלפאַנג, פּרייסן, דייטשלאַנד. ער האָט געקראָגן אַ אידישע דערציאונג אין זיין שטאָט. דערנאָך האָט ער שטודירט אין די אוניווערזיטעטן פון באָן, בערלין און לייפּציג. אין יאָר 1838 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס ראַבינער אין דער קאָנגרעגעישאָן פון דעסוי, אָבער ער האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן צו זיין איינער פון די רעפאָרמער און האָט געמוזט שפּעטער רעזיגנירן. אין יאָר 1843 איז ער באַשטימט געוואָרן פון קעניג פון האָלאַנד אַלס טשיף־ראַבאַי פון פירשטנטום לוקסעמבורג, וואָס האָט דעמאָלט באַלאַנגט צו האָלאַנד. דאָרט האָט ער אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אַלס רעפאָרם־ראַבאַי.

אין יאָר 1886 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון די רעפאָרם־אידן אין פילאַדעלפיע צו זיין דער ראַבאַי אין זייער טעמפּל „כנסת ישראל". דאָ האָט ער נאָך מער אַרויסגעוויזן זיינע רעפאָרם־נייגונגען. האָט איינגעפירט זונטאָג־דיקע גאָטעס־דינסטן און אַנדערע רעפאָרם־אַקטיוויטעטן.

* * *

ראַבאַי סעמיועל הירש האָט אָנגעשריבן צוויי ביכער וועגן אידנטום, וועלכע מוזן קומען אין באַטראַכט, ווען מען רעדט פון דער געשיכטע פון אידישן פילאָזאָפישן געדאַנק. די ביכער זיינען „רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע דער יודען" אין צוויי טיילן (1842) און „די משיח לערע פון די אידן" (1843) אַ חוץ אַנדערע ווערק. דר. הירש איז אַ העגעליאַנער, דאָס מיינט, אַז ער האַלט פון העגעל'ס פילאָזאָפיע. אַזוי ווי עס איז געווען אַן אָנהענגער פון דער דאָזיקער פילאָזאָפישער שיטה ר' נחמן קראָכמאַל און פיל אַנדערע אידישע געלערנטע. אָבער הירש טייטשט אויס אַנדערש די ראָלע פון אידנטום אין דער וועלט לויט העגעל'ס שיטה, ווי עס טוט עס ר' נחמן קראָכמאַל. לויט

העגעל׳ס שיטה קומט אויס, אַז יעדער געדאַנק (טעזע) שאַפט אַ קעגן־געדאַנק (אַנטי־טעזע) און דערנאָך קומט פון זיי ביידע אַרויס דער פשרה־געדאַנק (סינטעזע). לויט דעם קומט ביי העגעל׳ן אויס, אַז קריסטנטום איז די סינטעזע פון צוויי געדאַנקען, פון געדאַנק פון געצן־דינסט און פון דעם געדאַנק קעגן געצן־דינסט. ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געגאַנגען מיט העגעל׳ן דעם גאַנצן וועג, אָבער צום סוף האָט ער אַוועקגעשטעלט אידנטום אויפן אָרט פון קריסטנטום. דר. הירש טוט עס אָבער אַנדערש. ער האַלט, אַז געצן־דינסט איז געווען די טעזע, דער ערשטער געדאַנק פון דער מענטשהייט. דער קעגן־געדאַנק איז געווען דאָס קריסטנטום. ער האַלט, אַז יעזוס האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן דעם אידישן געדאַנק איבער דער גאַנצער וועלט און דערמיט אָפּשאַפן דעם דינסט צו די געצן. יעזוס האָט געוואָלט אַ „מלכות שמים״, אַ הימליש קעניגרייך, וואָס איז אין גאַנצן אין אידישן גייסט. ער זאָגט ווייטער, אַז מיטן אויסדרוק, וואָס יעזוס האָט געברויכט, אַז ער איז גאָטס זון, האָט ער געמיינט צו זאָגן, אַז די אידן זיינען גאָטס קינדער לויטן תלמודישן אויסדרוק „בנים אתם למקום״ (איר זענט קינדער צו גאָט) און, אַז ער האָט געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז ער איז דער ערשטער, וואָס וויל גיין אויפן וועג צו ברענגען די הימלישע קעניגרייך אויף דער וועלט אין קעגנזאַץ צו געצן־דינסט. דאָס געפינט מען אין עוואַנגעליוס ביי מאַטוס׳ן. קאַליע געמאַכט דאָס האָט פאַולוס, וועלכער האָט אָנגענומען דעם באַגריף ׳בן אלקים׳ אין פשוט׳ן זין. אין אָט־דעם וועג פון פאולוס איז געגאַנגען דער קאַטאָליציזם, אָבער דער פּראָטעסטאַנטיזם איז אַ צוריקקער צו יעזוס׳ן. די סינטעזע וועט זיין לויט אים אַ פאַרשמעלצונג פון אידנטום מיטן קריסטנ־טום און זיי ביידע וועלן צוזאַמען פרעדיקן דאָס הימלישע קעניגרייך. אָבער אַפילו דעמאָלט, האַלט הירש, וועט אויך בעסער זיין, אַז דאָס אידנטום זאָל זיך ניט אויפלייזן אין גאַנצן און אַפילו ניט אויפגעבן דעם געדאַנק פון אומקערן זיך קיין ציון, ווייל די אידן דאַרפן ווייטער שטיין אויף זייער הויכער מיסיע פון שטרעבן צו אַ הימלישער קעניגרייך, ווייל דער דאָזיקער געדאַנק איז ריין־אידיש.

ראַבאַי סעמיועל הירש האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט אין שיקאַגאָ, וואו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1889.

* * *

אין קעגנזאַץ צו די 4 רעפאָרם־פילאָזאָפן, זיינען דעמאָלט אויפגעשטאַנען אַנדערע אידישע דענקער, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען אַוועק אין גאָר אַ פאַרקערטער ריכטונג, צו אָרטאָדאָקסיע. אין דער זעלבער צייט זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גאָר פאַרלאָזן די גרענעצן פון אידנטום. מיר ווילן דעריבער באַטראַכטן איצט צוויי נייע פילאָזאָפן פון אָרטאָדאָקסישן חדר, דר. ה. שטיינטהאַל און הרב ר׳ שמשון רפאל הירש, און אויך אייניקע וואָס זיינען אין גאַנצן אַוועק פון אונז.

8.

# ר' שמשון רפאל הירש און דאָס „פראַנקפורטער אידישקייט"

**די נייע ריכטונג צו שאַפן אַן עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע. — דער בעל־תשובה ה. שטיינטהאַל. — ר' שמשון רפאל הירש, און זיינע באַרימטע 19 בריוו. — די 3 משומדים: בערנע, היינע און מאַרקס. — ווי אַזוי בערנע און היינע האָבן באַדויערט זייער „נאַרישן שריט".**

אין 19טן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד, איז פאָרגעקומען נאָך אַ נייעס אין אידישן לעבן. גראָד אין דער צייט ווען די רעפאָרם־באַוועגונג האָט זיך געשטאַרקט און אַרויס־געגעבן עטלעכע פילאָזאָפן, וועלכע האָבן געשאַפן טעאָריעס וועגן אידנטום אין רעפאָרמאַטאָרישן גייסט, איז גלייכצייטיק אויפגעשטאַנען אַ באַוועגונג ניט בלויז פאַר אַ קאָנסערוואַטיוון אידנטום, אַ אידנטום אויפן באָדן פון דער אידישער טראַדיציע אָבער מיט געוויסע קליינע ענדערונגען אין די תפילות און די דינים, נאָר אויך אַ נייע באַוועגונג פון אַ אידנטום פון עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישן פליגל, אָבער אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן.

מיר האָבן שוין אַרויסגעבראַכט פריער אייניקע פון די הויפט־פירער פון די רעפאָרם־אידן, און אַזוי אויך אייניקע פון דעם קאָנסערוואַטיוון לאַגער. איצט ווילן מיר דאָ ברענגען צוויי אידישע פילאָזאָפן (צו די פיר וואָס מיר האָבן שוין געבראַכט פריער), וועלכע זיינען אַוועק אויפן וועג פון שאַפן אַן אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע, אַן אָרטאָדאָקסיע אויף אַ וויסנשאַפטלעכן באָדן.

אַלס ערשטן דאַרף מען רעכענען איינעם, וואָס איז געוואָרן אַ בעל־תשובה, אַ פילאָזאָפישער דענקער, וועלכער האָט פאַרלאָזן די וועגן פון רעפאָרם, און כאָטש ער איז שוין געווען אין די עלטערע יאָרן, האָט ער געפּרעדיקט פולשטענדיקע אָרטאָדאָקסיע. דאָס איז געווען דער געלערנטער היימאַן (אָדער חיים) שטיינטהאַל.

שטיינטהאַל איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט גרעבציג, אין דער פּראָווינץ אַנהאַלט, אין דייטשלאַנד, אין דעם יאָר 1823. ער האָט געקראָגן אַ גוטע אידישע דערציאונג, און שפּעטער געלערנט אין דער אוניווערזיטעט פון בערלין פילאָזאָפיע און שפּראַכן. נאָך שפּעטער איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין בערלינער אוניווערזיטעט. אין יענער צייט האָט ער צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, מאָריץ לאַזאַרוס, געאַרבעט איבער דער טעאָריע

פון „פעלקער פסיכאָלאָגיע״. מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער געלייענט לעקציעס איבער דער ביבל אין דער „לער־אַנשטאַלט פיר די וויסענשאַפט דעס יודענטומס״ אין בערלין, פון וועלכער ער איז געווען איינער פון די גרינדער. שטיינטהאַל האָט אַ חוץ איראָפּעאישע שפּראַכן, אויך געקענט גרינטלעך פיל אַזיאַטישע שפּראַכן, ווי כינעזיש, אַביסיניש, און פיל אַנדערע.

אין זיינע יונגע יאָרן איז שטיינטהאַל געווען גענויגט צו די רעפאָרמער, און ער האָט אַרויסגעגעבן פיל תלמידים, וואָס זיינען געווען באַוואוסטע רעפאָרם־ראַבאַיס, ווי אַ שטייגער ראַבאַי עמיל דזש. הירש, און פיל אַנדערע. אויך אין זיין ווערק „איבער יודען און יודענטום״, וואָס איז אַרויס אין דריי אויפלאַגן, רעדט ער אין גייסט פון די רעפאָרמער. ער זאָגט דאָרט אַרויס געדאַנק, אַז כדי צו דערהאַלטן די אידישע רעליגיע, מוז מען מאַכן אין איר ענדערונגען און אַראָפּוואַרפן פון איר דעם שימל. אָבער אין די שפּעטער־דיקע יאָרן האָט ער חרטה געהאַט אויף זיינע רייד, און ער איז געוואָרן אַ בעל־תשובה. אין אַ קליינער בראָשורע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, שרייבט ער: „דער יסוד פון דער אידישער רעליגיע איז די תפילה ׳אלוקינו ואלוקי אבותינו׳. רעליגיע איז ניט אַ זאַך, וואָס ווערט געשאַפן נאָר פאַר אַ געוויסער צייט, נאָר אַ זאַך וואָס וואַקסט וואָס אַמאָל אויס מערער און שטאַרקער פון דור צו דור. די, וואָס דערציען זייערע קינדער אין גייסט פון רעפאָרם, גיבן זיי ניט קיין שום רעליגיע און עס וואָלט שוין בעסער געווען אַן אַנדער רעליגיע ווי גאָר ניט קיין רעליגיע. די רעליגיעזע דערציאונג איז דער עיקר פון אידנטום און קיין איד טאָר עס ניט אַוועקנעמען פון זיינע קינדער״. ער טרעט דאָרט אויך אַרויס קעגן די וואָס ווילן ענדערן דאָס דאַווענען און זאָגט, אַז „מיר קענען טאַקע אַליין אויך שאַפן תפילות און פיוטים און אפשר נאָך שענערע ווי די וואָס זיינען דאָ אין מחזור, אָבער זיי וועלן ניט אָנגענומען ווערן, ווייל זיי האָבן ניט דעם שטעמפּל פון טראַדיציע. אונזער שפּראַך פון געבעט מוז זיין נאָר אויף לשון קודש און ניט אויף קיין שום אַנדער שפּראַך. עס קען זיין נאָר אין דער היסטאָרישער שפּראַך, אין וועלכער אונזערע טאַטעס און זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אויסגעגאָסן זייערע הערצער צו גאָט. מיר דאַרפן וויסן אַז מיר זיינען ניט געבוירן געוואָרן נעכטן, נאָר מיר האָבן אַ „היסטאָרישע טראַדיציע״.

שטיינטהאַל איז געשטאָרבן אין בערלין, אין יאָר 1899, אין עלטער פון 78 יאָר.

* * *

אָבער ווען היימאַן שטיינטהאַל האָט אָנגעהויבן ווי אַ רעפאָרמער און געענדיקט ווי אַן אָרטאָדאָקס, איז ער אָבער דאָך ניט געוואָרן דער פאָרשטייער פון דער אָרטאָדאָקסיע, וואָס איז איצט אַלס קעגנזאַץ צום רעפאָרם־אידנטום

אַנטשטאַנען אין דייטשלאַנד. אָט־די אָרטאָדאָקסיע האָט באַלד געפונען איר פאָרשטייער אין אַ יונגן געלערנטן, אַ גרויסן רב און אַ פילאָזאָף. דאָס איז געווען ר׳ שמשון רפאל הירש.

ר׳ שמשון רפאל הירש איז געבוירן געוואָרן אין האַמבורג, אין יאָר 1808. זיין זיידע איז געווען ר׳ מענדל פראַנקפורטער, אַ באַוואוסטער דיין אין אַלטאָנאַ. דער יונגער שמשון רפאל איז געווען אַ תלמיד פון דעם אידישן געלערנטן ר׳ יצחק בערנאַס פון האַמבורג, וועלכער איז געווען אַן אָרטאָדאָקס. עס איז געווען טאַקע בערנאַס וועלכער האָט אויף אים געווירקט, אַז ער זאָל פאַראייניקן תורה מיט חכמה, אידישן וויסן מיט וועלטלעכן וויסן אין אַלטן אידישן גייסט. ביי בערנאַס׳ן האָט הירש אויך געלערנט ווי אַזוי צו פרעדיקן

ר׳ שמשון רפאל הירש

פאַר אַן עולם אין דייטש, אַזוי ווי די מאָדערנע רעדנער פון יענער צייט. אין יאָר 1825 האָט שמשון רפאל געלערנט אין דער באַרימטער ישיבה פון ר׳ יעקב עטינגער. דערנאָך האָט ער שטודירט פילאָזאָפיע אין דער אוני־ווערזיטעט פון באָן. דאָרטן האָט ער זיך געטראָפן מיט אברהם גייגער, און אַ געוויסע צייט זיינען זייביידע געווען נאָענטע חברים, אָבער ווען גייגער האָט גענומען פרעדיקן רעפאָרמען אין אידנטום, האָבן זיך זייערע וועגן צעטיילט.

נאָכן ענדיקן זיין שטודיום איז הירש געוואָרן ראַבינער פון דיסטריקט פון אָלדענבורג, און היינריך גרעץ האָט ביי אים געלערנט דריי יאָר. אין יאָר 1841 איז ער געוואָרן הויפט־רב פון באַדען און אומגעגנט און אין יאָר 1846 — רב פון ניקאָלסבורג, מערען. אין יאָר 1851 האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין פראַנקפורט אַלס רב ביי אַ קליינער גרופּע פון עקסטרעמע

אָרטאָדאָקסן, וועלכע איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „איזראַעליטישע רעליגיאָנס־געזעלשאַפט". אָבער באַלד איז די געמיינדע פון וועלכער ער איז געווען רב געוואַקסן אַזוי, אַז אין גיכן האָט זי געציילט 500 מיטגלידער, צווישן זיי די סאַמע רייכסטע פון שטאָט. ער האָט זיי צוגעצויגן צו זיך אַ דאַנק זיינע פייערדיקע רעדעס, צו וועלכע עס זיינען געקומען יונג און אַלט.

הרב הירש האָט גענומען איצט פּרעדיקן אַן עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע שיטה, וואָס ניט אַלע אָרטאָדאָקסן זיינען דערצו מסכים. זיין שיטה איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען „פראַנקפורטער אידישקייט". עס האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן אים און דעם רב פון דער שטאָט, הרב דר. מרדכי הורוויץ, צוליב זיינע צו־עקסטרעמע וועגן.

אין יענער צייט האָט הרב שמשון רפאל הירש פאַרעפנטלעכט זיינע 19 בריוו וועגן אידישקייט, אין וועלכע ער פּרעדיקט זיין נייע לערע. די בריוו האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אַפילו אויף זיינע קעגנער, ווייל זיי זיינען זייער אינהאַלטסרייך און שיין געשריבן.

הירש האַלט, אַז די אידן זיינען ניט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט, אָדער ווי ער רופט עס אָן אַ „רעליגיאָנס־נאַציאָן". די תורה, זאָגט ער, איז געגעבן געוואָרן צו די אידן אין דער מדבר דערפאַר כדי צו ווייזן זיי, אַז זייער נאַציאָנאַליטעט באַשטייט ניט פון זיין צוגעבונדן צו אַ לאַנד אָדער אַ טעריטאָריע, נאָר צו דער תורה אַליין, וועלכע איז די נשמה פון יעדן איד. ווען די אידן זיינען אַוועק אין גלות, האָט דאָס ניט געשטערט זיי צו פאַרשפּרייטן ווייטער אידישקייט און צו לערנען דאָס צו דער וועלט. ווייטער זאָגט הירש, אַז דער פרייער ווילן וואָס דער מענטש האָט איז דער קוואַל פון יעדע שלעכטס און עס וואָלט בעסער געווען ווען דער מענטש וואָלט עס ניט געהאַט. דער מענטש דאַרף דעריבער קעמפן דערפאַר, אַז ער זאָל זיין ריין אַן זינד און אַז גאָטס נאָמען זאָל אומעטום אָנערקענט ווערן. אָבער אַזוי ווי אַ יחיד אַליין קען דאָס ניט טאָן, און פאַרלאָזן זיך אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל עס טאָן, קען מען אויך ניט, ווייל זי באַשטייט פון צופיל שלעכטע מענטשן, דאַרף מען דעריבער גרינדן קליינע גרופּן פון בעסערע מענטשן, וואָס זאָלן דאָס טאָן. זיי דאַרפן לערנען די מענטשן וואָס גוט איז און וואָס שלעכטס און אויך אויסצורופן גאָטס נאָמען. דערפאַר דאַרף אָט־די געזעלשאַפט האָבן אייגענע געזעצן, וואָס זאָל זיי אָפּטיילן פון אַנדערע אַלס אַ הייליקע גרופּע. אָט־דאָס איז די אויפגאַבע פון אידישן פאָלק. די עקסטראַ געזעצן זיינען די געזעצן פון דער תורה. דעריבער טאָר מען ניט צווייפלען אין דער הייליקער תורה און אין די שאַפונגען פון תלמוד און אַנדערע הייליקע ספרים, און דערפאַר איז יעדער איינער וואָס צווייפלט אין אָט־די זאַכן, אָדער וואָס וויל מאַכן ענדערונגען, שוין דערמיט אַליין אויסער די גרענעצן פון אידישקייט.

שפּעטער האָט הרב שמשון רפאל הירש אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן

נאָמען „חורב״, וואָס איז אַ ווייטערדיקע אויסטייטשונג פון זיין שיטה און אַ צוגאָב צו די 19 בריוו.

הרב שמשון רפאל הירש האָט שפּעטער אָפּגעטיילט זיין געמיינדע פון דער אָרטאָדאָקסיע אין פראַנקפורט און האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשורע וועגן דעם פאַרוואָס דאָס איז נויטיק צו טאָן. ער האָט אויך געשאַפן פיל אַנדערע ווערק. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 80 יאָר, אין יאָר 1888, אין פראַנקפורט־אַם־מאַין. זיין שיטה פון עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע איז שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן פון הרב יצחק ברייער, נתן בירנבוים און אַנדערע.

* * *

אָבער אַזוי ווי עס איז דאָ אַן אַנדער זייט צו יעדער מטבע, אַזוי איז אויך אַ פאַקט, אַז יעדע עקסטרעמע באַוועגונג פירט צו אַ צווייטן, קעגנזייטיקן עקסטרעם. מיר זעען דאָס איצט אין אידישן לעבן אין דעם זעלבן 19טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד. אַלס עקסטרעם צו דער ווייט־גייענדיקער אָרטאָדאָקסיע, זעען מיר אין לעבן פון די אידן אַ שטרעבונג צו עקסטרעמער אַסימילאַציע, פון אָפּזאָגן זיך פון אַלע אידישע פאָרמען, און דאָס דערגייט אַזוי ווייט ביז — שמד. אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ האָט איצט געזוכט נאָר צו חבר׳ן זיך מיט ניט־אידן. דאָס האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן מיט די דריי סאַלאָנען, וואָס דריי אידישע טעכטער האָבן געגרינדעט אין בערלין. די דריי אידישע פרויען זיינען געווען: הענריעטע הערץ, דאָראָטעאַ מענדעלסאָן און רחל לעווין. דאָרט האָט מען זיך געטראָפן מיט די אינטעליגענטע קריסטן, ווי שרייבער, מוזיקער און אָפיצירן, און דורך יענע הייזער איז די טיר געווען אָפן צום קריסטלעכן גייסטלעכן מיטן טויף־וואַסער אין זיינע הענט. די צאָל פון די משומדים איז דעמאָלט געשטיגן כסדר, אָבער דער פאַרדרוס איז איבערהויפּט דערויף, וואָס זי האָט מיטגעשלעפּט און געשטעלט אויסער די גרענעצן פון אידנטום דריי גרויסע אידישע כוחות: לודוויג בערנע, היינריך היינע און קאַרל מאַרקס.

לודוויג בערנע, אַ גרויסער סאַטיריקער און עסייאיסט, איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1786, אין פראַנקפורט־אַם־מאַין. ער, לייבל, ווי זיין נאָמען איז פריער געווען, איז געווען אַ ישיבה־בחור. זיין פרומער פאָטער, ר׳ יעקב ברוך, וועלכער האָט געקענט גוט לערנען, האָט אים געשיקט אין אַ ישיבה און אויך אַליין מיט אים געלערנט תנ״ך און תלמוד ביז 18 יאָר. שפּעטער האָט ער שטודירט מעדיצין און יוריספּרודענץ און אַ דאַנק זיין פאָטערס איינפלוס האָט ער געקראָגן אין יאָר 1811 אַן אַמט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון פראַנקפורט. אָבער אין יאָר 1815 איז ער געקומען קיין בערלין. אַ פריינט האָט אים מיטגענומען אין דעם סאַלאָן פון הענריעטע הערץ און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז מיט דריי יאָר שפּעטער האָט ער זיך גע׳שמד׳ט, אָבער דאָס איז געווען אַ טאַט וואָס ער האָט באַדויערט זיין גאַנץ לעבן און וואָס ער האָט אַליין באַצייכנט אַלס אַ „נאַרישן שריט״, ווייל

דער פרייז וואָס ער באַצאָלט פאַר וועלן זיין אַן „עכטער דייטש", איז אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט ניט צו־שטאַרק אָנגענומען געוואָרן. מען האָט אים כסדר פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אין תוך אַ „איד" און ער האָט זיך אַלע מאָל געדאַרפט פאַרענטפערן דערויף. ער האָט כסדר געשריבן שאַרפע קריטישע אַרטיקלען אין דער צייט־שריפט „די וואגע" און אין יאָר 1830 איז ער אַוועק קיין פאַריז, וואו ער האָט געשריבן שאַרפע, בייסנדיקע „בריוו פון פאַריז", אין וועלכע ער האָט קריטיקירט די דייטשן. בערנע האָט אָפט באַרירט די אידן־פראַגע. ער האָט זיך אַמאָל אויך אָנגענומען פאַר די אידן, אָבער ער האָט דאָס אידנטום אַלץ פאַרוואָרפן, כאָטש ער האָט דערפון שטאַרק געליטן. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1837 אין פאַריז.

ניט בעסער איז אויך געווען דער גורל פון זיין חבר און פריינט, דער גרויסער פּאָעט, היינריך היינע, געבוירן אין יאָר 1799, אין דיסעלדאָרף (דייטשלאַנד). ער האָט שטודירט אין גימנאַזיע פון דיסעלדאָרף, אָבער זיינע לערער זיינען געווען — גלחים. היינע פלעגט אָפט קומען קיין האַמבורג, וואו עס האָט געוואוינט זיין משפחה. ער האָט געוואוסט פונם קאַמף וואָס עס גייט דאָרטן אָן וועגן דעם רעפאָרם־טעמפּל, אָבער ער האָט פון קיין רעפאָרמען אין אידישן לעבן ניט געהאַלטן. ער האָט געזען, אַז די טעמפּל־אידן טוען נאָר נאָך די גויים און זיי ווילן שאַפן אַ שול, וואָס זאָל אויסזען ווי אַ קירכע, און דאָס איז אים געווען דערווידער. עס איז אים שוין בעסער געווען געפעלן דער אַלטער טיפּ איד, וואָס האָט אין זיך פיל אייגנאַרטיקייט און גייסטיקייט. ווען היינע איז געווען אין פּויזען און האָט דאָרטן געזען דעם אַלטן טיפּ איד, האָט ער געשריבן וועגן דעם צו אַ פריינט, אַז „כאָטש די דאָרטיקע אידן טראָגן אויף זייערע קעפּ די ווילדע שטריימלעך און האָבן אפשר אויך ווילדע רעיונות אין זייערע מוחות, זיינען זיי אים דאָך ליבער פון די דייטשע אידן מיט די צילינדערס אויף זייערע קעפּ און מיט די נאַרישע רעיונות אין מוח".

אַן אַנדער מאָל האָט ער געזאָגט וועגן די רעפאָרמער, אַז זיי זיינען „מענטשן וואָס האָבן געקראָגן זייער בילדונג פון קאָמעדיאַנטן און ווילן אויספּוצן דאָס אידנטום מיט אַ נייער אויסערלעכער פאָרם דורך שאַפן אַ פאַרקירצט עוואַנגעליש קריסטנטום, וואָס האָט אַ אידישע פירמע, אָבער אַזאַ פירמע וועט ניט אויסהאַלטן. די וועקסלען וואָס זיי שטעלן־אויס אויף דער פילאָזאָפיע, וועט מען ניט קענען איינלעזן און דער סוף וועט זיין אַ גרויסער באַנקראָט".

היינע האָט דעמאָלט שטודירט לאָאַ אין געטינגען, אָבער לויטן געזעץ האָט ער ניט געקענט ווערן אַ פּראָפעסאָר פאַר יוריספּרודענץ סאַידן ער וועט זיך שמד'ן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין זיין נשמה. ער האָט אויך ניט געקענט ווערן אַן אַדוואָקאַט אָדער קריגן אַ רעגירונגס־שטעלע אַלס איד. אויך אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע האָט ער געזען, אַז דאָס

היינריך היינע

וואָס ער איז אַ איד, שטערט אים אויף שריט און טריט, אָבער דאָך האָט ער דעם שריט פון שמד ניט געוואָלט מאַכן. ביז ער איז איינמאָל מיד געוואָרן פון דעם אינערלעכן קאַמף און איז אַוועק צו אַ גייסטלעכן. ער איז געוואָרן אַ קריסט, אָבער ער האָט ווייטער געליטן פונם קאַמף אין זיך.

נאָך זיין שמד שרייבט ער צו אַ פריינט: „ווען דאָס געזעץ וואָלט דער־לויבט צו גנב'ענען זילבערנע לעפל, וואָלט איך זיך ניט גע'שמד'ט"... אָבער היינע האָט געמאַכט אַ טעות, אויב ער האָט געמיינט צו האָבן פראַקטישע נוצן פון שמד. ער האָט קיין שום שטעלע ניט געקראָגן און ווייטער געלעבט אין אָרעמקייט. דערפאַר אָבער איז ער געשטיגן אַלס דיכטער און וואָס אַמאָל אַלץ מער, אַזוי אַז פיל האָבן אים גאָר אין גיכן אַוועקגעשטעלט נעבן דייטש־לאַנדס ליבלינג — געטהע.

היינע, וואָס האָט געליטן נאָך מער ווי בערנע פון זיין „נאַרישן שריט",

האָט אין די לעצטע יאָרן שטאַרק געלויבט דאָס אידנטום און האָט אָפּט אויסגעדריקט זיין באַדויערן פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזן די רייען פון גרויסן אידישן פאָלק, אָבער קיין שום לייזונג צו דער אידן־פראַגע האָט ער ניט געשאַפן און אַזוי אויך ניט קיין שום אַרבעט וועגן דעם וויסן פון אידנטום. היינע איז געשטאָרבן אין פאַריז, אין יאָר 1856.

דער דריטער פון דער רייע, קאַרל מאַרקס, האָט געפירט דעם יחוס ביז רש״י. קאַרל מאַרקס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1818 אַלס אַ זון פון אַן אַדוואָקאַט אין טריער (דייטשלאַנד), וואָס האָט זיך גע׳שמד׳ט און אויך אָפּגע׳שמד׳ט זיין פאַמיליע. מאַרקס האָט שטודירט פילאָזאָפיע אין דער אוני־ווערזיטעט פון באָן און האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ פּראָפעסאָר פון דעם געביט, אָבער ער איז עס ניט געוואָרן, ווייל אים האָט פאַרכאַפּט דער געדאַנק וועגן דעם פּראָצעס פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין גרויס ווערק „קאַפּיטאַל״. עס האָט אים אויך געצויגן צו שאַפן און אויסצובויען די קאַדרעס פון די אַרבעטער אַלס אַ באַוואוסטזיניקן קלאַס, און צוזאַמען מיט ענגעלס׳ן האָט ער אויסגעבויט די גרויסע אַרמייען פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין פיל לענדער.

צו אידן און אידנטום האָט זיך מאַרקס באַצויגן גלייכגילטיק, אָדער כמעט מיט האַס, ווי ער האָט עס געטאָן אין זיינע צוויי אַרטיקלען „צו דער אידן־פראַגע״, אין דער „רהיינישער צייטונג״ אין קעלן, און דערנאָך אין די דייטש־פראַנצויזישע יאָר־ביכער, וואו ער האָט זיך אַפילו אויסגעדריקט, אַז „דער אידישער גאָט איז — געלט״. דעריבער קען מען מאַרקס׳ן, מיט זיין גאַנצער גרויסקייט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, ניט אַריינשטעלן אין דער רייע פון די אידישע דענקער.

אָבער באַלד זעט מען אַ נייע דערשיינונג, אַ נייער שטראָם פון געדאַנקען ביי אידישע פילאָזאָפן — דאָס זיינען דריי אידישע דענקער, וועלכע האָבן געפּרעדיקט אַ נאַציאָנאַל־מיסטישע ריכטונג און געגעבן גאָר אַ נייע אויס־טייטשונג פון אידנטום. די דריי זיינען געווען: הערמאַן קאָהען, פראַנץ ראָזענצווייג און דער פראַנצויזיש־אידישער געלערנטער אַנרי בערגסאָן.

.9

# דריי גרויסע פילאָזאָפן וועגן דער הויכער אידישער מאָראַל

**די לערע פון הערמאַן קאָהען. — זיינע ביכער וועגן עטיק פון אידנטום. — פראַנץ ראָזענצווייג, וועלכער זעט די גרויסקייט פון אידנטום אין די אידן גופא און דאָס אידישע פאָלק אַלס הייליק און אייביק פאָלק. — אַנרי בערגסאָן, וועלכער פאַרפלאָנטערט זיך אין מיסטיק און לויבט דאָס קריסטנטום, אָבער ווען די נאַצים קומען אַריין קיין פאַריז, טוט ער אָן די געלע לאַטע.**

דער 19טן יאָרהונדערט איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער. עס איז געווען אַ צייט, ווען די נאַטור האָט אַרויסגעגעבן פיל געניאַלע כוחות, סיי ביי ניט־אידן און סיי ביי אידן. עס איז געווען אַ יאָרהונדערט פון אַ גרויסער גייסטיקער שפע. אין דער אידישער גאַס האָט זיך דאָס אָנגעזען באַזונדערס דערמיט, וואָס עס זיינען אויפגעשטאַנען גרויסע דענקער, איינער נאָכן אַנדערן. אַזוי זעען מיר, אַז צוזאַמען מיט די דענקער פון דער רעפאָרם־ריכטונג, פון די קאָנסערוואַטיווע אידן און פון די עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע, זיינען דערשינען אויף דער אַרענע, אין דייטשלאַנד, צוויי נייע גרויסע אידישע דענקער און אַ דריטער, אין פראַנקרייך — און אַלע פון אַ נייעם שניט, נעמלעך: אַזעלכע וואָס באַטראַכטן דאָס אידנטום פון אַ הויך־מאָראַלישן און עטישן שטאַנדפּונקט. אַזוי אַרום קומען־צו צו די זעקס פריערדיקע פילאָזאָפן נאָך דריי גרויסע, טיפע דענקער. זיי זיינען: הערמאַן קאָהען, פראַנץ ראָזענצווייג —ביידע פון דייטשלאַנד, און אַנרי בערגסאָן פון פראַנקרייך. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן גענויער אויף יעדן פון זיי באַזונדער.

* * *

הערמאַן קאָהען איז געבוירן געוואָרן אין גאָסוויג, אַנהאַלט, דייטשלאַנד, אין יאָר 1842. ער האָט געלערנט אין דער גימנאַזיע פון דעסוי. דערנאָך

האָט ער שטודירט אין אַ אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ברעסלוי און אין די אוניווערזיטעטן פון ברעסלוי, בערלין און האַלע. אין יאָר 1873 איז ער געוואָרן אינסטרוקטאָר אין דער אוניווערזיטעט פון מאַרבורג און איז דאָרט כסדר געשטיגן ביז צום טיטל פּראָפעסאָר. ער האָט געלערנט מיט די תלמידים אין דער אוניווערזיטעט ביזן יאָר 1912, ווען ער האָט רעזיגנירט. עטלעכע יאָר איידער ער האָט רעזיגנירט, האָט ער געלעקטשורט אויך אין דעם „לעהר־אַנשטאַלט פיר די וויסענשאַפט דעס יודענטומס" אין בערלין. ער האָט רעפערירט וועגן אידישן וויסן און אויך וועגן אַלגעמיינע פילאָזאָפישע ענינים

הערמאַן קאָהען ווערט פאַררעכנט פאַר דעם באַגייער פון קאַנט׳ס שולע, אָדער ווי מען רופט זי אָן די „נעאָ־קאַנט" שולע (די נייע קאַנט־לערע). מיט דעם נאָמען איז שוין שפּעטער אויך געוואָרן באַקאַנט זיין אוניווערזיטעט אַלס

פּראָפ. הערמאַן קאָהען

די „מאַרבורג שולע פון דער נייער קאַנטישער פילאָזאָפיע". הערמאַן קאָהען האָט אין דער הינזיכט פון וועלט־אויפפאַסונג געהאַלטן זיך ביי עמנואל קאַנט׳ס לערע, אָבער ווען עס איז געקומען צו מאָראַל און עטיק, האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ פון קאַנט׳ס שיטה די אידישע לערע, די רייד פון די נביאים.

וועגן זיין נעאָ־קאַנטישער שיטה האָט הערמאַן קאָהען אָנגעשריבן דריי גרויסע ווערק: „לאָגיק דער רייגער ערקענטניס", „עטהיק דעס רייגען

ווילען" און „עסטעטיק דעס ריינען געפיל", אין וועלכע ער האָט פאָרמולירט קלאָר זיין פילאָזאָפישע שיטה. אָבער וואָס עס אינטערעסירט אונז דאָ באַזונדערס, זיינען זיינע אַרבעטן וועגן אידנטום, וואָס זיינען פיל אין צאָל. ער האָט פאַרעפנטלעכט נאָך אין יאָר 1880 זיין ווערק „איין בעקענטעניס אין דער אידען־פראַגע", דאַן, מיט אַכט יאָר שפּעטער, אַ צווייט ווערק „די נעכסטען־ליבע אין תלמוד", און דאַן איינס נאָכן אַנדערן די ווערק: „דאָס פּראָבלעם דער יודישען זיטען־לעהרע", „ליעבע און גערעכטיגקייט און די באַגריפען גאָט און מענטש", „רעליגיאָן און זיטליכקייט", „דאָס גאָטעסרייך", און באַזונדערס זיין ווערק „די רעליגיאָן דער פערנונפט אויס דען קוועלען דעס יודענטום". איצט, לאָמיר זען וואָס הערמאַן קאָהען לערנט אונז אין זיינע ווערק און וואָס עס איז זיין פילאָזאָפישע שיטה אין אידנטום.

הערמאַן קאָהען שטיצט זיך אין גאַנצן אויף עמנואל קאַנט'ס פילאָזאָפישער שיטה, וועלכע איז אין גרונט־גענומען געווען אַ מין טעאָלאָגישע עטיק. אָט־די דאָזיקע עטיק און מאָראַל־לערע, צו וועלכער קאַנט קומט אַלס אויספיר אין זיין „קריטיק דער ריינען פערנונפט" באַטראַכט קאָהען פאַר דאָס וויכטיקסטע פון קאַנט'ס גאַנצן פילאָזאָפישן בנין — און אָט־דאָ קומט אַריין דאָס אידנטום, וואָס האָט געפּרעדיקט כסדר גערעכטיקייט און אַ העכערע מאָראַל. קאָהען זעט דאָס אין די רייד פון די נביאים, וועלכע האָבן געפּרעדיקט אַן עטישן סאָציאַליזם, און נאָך מער, אין די האָפענונגען פון יעדן איד פאַר אַ בעסערער וועלט פון לויטער גערעכטיקייט וואָס דריקט זיך אויס אין זיין גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ משיח, וואָס וועט שאַפן אַזאַ וועלט פון גערעכטיקייט. די שטרעבונג צו גערעכטיקייט ביי אידן, האַלט קאָהען, איז פאַרוואָרצלט אין גאָט, אַלס דער אייביק־גערעכטער, אַלס דער „שופט צדק" (ריכטער פון גערעכטיקייט), וועלכער איז דער צענטראַל־פונקט פון יעדער גערעכטער פאָדערונג. אין דער הינזיכט האָט ער פאַרשטאַנען דעם משיח־געדאַנק פיל טיפער ווי די רעפאָרמער און אַפילו ווי די קאָנסערוואַטיווע פון זיין צייט. ער זעט אין דעם די נאַציאָנאַלע האָפענונג פון אידישן פאָלק אויף אַ צייט פון אייביקער גערעכטיקייט; ער זעט אויך ווי די אידן ליידן די גאַנצע צייט אין גלות צוליב אָט־דעם אידעאַל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מיסטעריעזן כוח, וואָס באַהערשט דאָס אידישע פאָלק.

דאָס האָט געבראַכט קאָהענען צו באַטראַכטן דאָס אידנטום פאָרן גרעסטן מאָראַלן כוח אין דער וועלט. ער איז דעריבער וואָס אַמאָל אַלץ נעענטער געוואָרן צו די אידעאַלן פון אידנטום און זיך גענומען פילן וואָס אַמאָל מער אַלס איד. ער ווערט ממש אַ גלויביקער און זעט אין אידנטום גאָט'ס וואָרט צו די מענטשן.

אָבער אין דער זעלבער צייט זעט ער אויך אין אידנטום, אַז עס איז געגעבן געוואָרן צו גאָט'ס פאָלק, ווייל נאָר אַזאַ פאָלק האָט געקענט שאַפן אַזעלכע הויכע אידעאַלן. דערמיט הויבט ער אָן צו זען די נאַציאָנאַלע זייט

פון אידנטום, וואָס דאָס מיינט, דעם אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אידישן פאָלק, דעם טרעגער פון אָט־די הויכע אידעען און אידעאַלן.

הערמאַן (אָדער יחזקאל) קאָהען איז געשטאָרבן אין יאָר 1918, אין בערלין, אָבער ער האָט נאָך זיך געלאָזן אַ זייער חשוב׳ן תלמיד, אַ גרויסן דענקער, וואָס איז געגאַנגען טיילוויז אין זיין וועג. דאָס איז געווען דער פילאָזאָף פראַנץ ראָזענצווייג, פון וועלכן מיר וועלן באַלד רעדן.

* * *

פראַנץ ראָזענצווייג איז געבוירן געוואָרן אין קאַסעל (דייטשלאַנד), אין יאָר 1886. ער איז געווען אַ קינד פון אַ רייכער אַסימילירטער פאַמיליע. ער האָט שטודירט אין גימנאַזיע און דערנאָך אין אוניווערזיטעטן, אָבער אַזוי ווי ער האָט קיין שום אידישע דערציאונג ניט געהאַט, איז ער שוין געווען גרייט, אין אַ געוויסער צייט אין זיין יוגנט, אָפּצוזאָגן זיך פון אידנטום. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַ דענקער פון קינדהייט אָן, האָט ער זיך געטראַכט, אַז איידער ער זאָגט זיך אָפּ פון אידנטום, דאַרף ער פריער וויסן פון וואָס ער זאָגט זיך אָפּ. דאָס האָט אים געמאַכט צו שטודירן און וועלן וויסן וואָס דאָס אידנטום איז אַזוינס. באַלד האָט ער געזען, אַז אין אידנטום ווערט גערעדט זייער פיל פון גערעכטיקייט. דאָס האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל פאָרן שטודירן ביי הערמאַן קאָהען אין „לעהר־אַנשטאַלט פיר וויסענשאַפטען דעס יודענטומס" און ער איז געוואָרן הערמאַן קאָהען׳ס אַ תלמיד און אַ נאָענטער פריינט.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָט מען ראָזענ־צווייג׳ן אַלס יונגן מענטש גענומען אין דער אַרמיי און געשיקט אויפן שלאַכטפעלד אין באַלקאַן. דאָרטן האָט ער ליגנדיק אין די טראַנשייעס פאַר־טראַכט זיין הויפּט־ווערק „שטערן פון אויסלייזונג". ער האָט עס געשריבן אויף פאָסט־קאַרטלעך פון דער דייטשער רעגירונג און געשיקט אַהיים צו זיין ווייב מיט אַן אָנזאָג עס צו באַהאַלטן. ווען ער איז געקומען צוריק אַהיים, האָט ער גענומען פּרעדיקן, אַז מען זאָל געבן אַ אידישע דערציאונג דער אידישער יוגנט וואָס איז אַזוי ווי ער פרעמד פון אידנטום. ער האָט דעמאָלט צוזאַמען מיט אַנדערע געשאַפן דאָס „פרייעס אידישעס לער־הויז", וואו אידישע קינדער פון אַסימילירטע עלטערן זאָלן קענען קריגן אַ אידישע דערציאונג.

ראָזענצווייג האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אידישער יוגנט אין דייטשלאַנד, אָבער ער איז אין יאָר 1922 קראַנק געוואָרן אויף אַ פּאַראַליז, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט כסדר. דאָך האָט ער געקעמפט מיט דער קראַנקייט און אָנגעשריבן פיל אַנדערע וויכטיקע אַרבעטן און אפילו פּרובירט, צוזאַמען מיט מאַרטין בובער, איבערצוזעצן אויפסניי די ביבל.

נאָך זיין טויט, אין יאָר 1929, האָט זיין פרוי יהודית, וועלכע איז געווען

אים זייער איבערגעגעבן, אַרויסגעגעבן, צוזאַמען מיט זיינע פריינט, עטלעכע פון זיינע ווערק.

פון אים איז דערשינען אויסער זיין ווערק „שטערן פון דערלייזונג" אויך זיין פילאָזאָפישע אַרבעט „העגעל און דער שטאַט", אַ חוץ פיל אַנדערע פילאָזאָפישע עסייען אין פאַרשידענע זשורנאַלן.

פראַנץ ראָזענצווייג אַנטוויקלט אין זיין בוך „שטערן פון אויסלייזונג" אַ טעאָריע וועגן אידנטום וואָס איז אייגנאַרטיק און וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט דער עקזיסטענציאַליזם־טעאָריע, וואָס איז געוואָרן אין דער מאָדע אין פיל לענדער פון אייראָפּע, און וועלכע וואַרפט אָפּ דעם גרונט־געדאַנק פון אַלע פילאָזאָפישע שיטות אין דער פילאָזאָפיע, פון די גריכישע צייטן אָן ביז העגעל'ן. ראָזענצווייג האַלט, אַז די דריי גרונט־באַגריפן: גאָט, וועלט און מענטש, זיינען אין עצם איין זאַך און ס'איז נאָר אַ פראַגע ווער עס ווירקט אויף וועמען. די אַלטע פילאָזאָפיע האָט געזאָגט: די וועלט האָט געשאַפן דעם מענטש און דער מענטש האָט זיך געשאַפן דעם באַגריף פון גאָט; די טעאָלאָגן און מיסטיקער האָבן צוגעשריבן אַלץ צו גאָט און די מאָדערנע שולע פון פילאָזאָפיע שטעלט ווידער אַוועק דעם מענטש אין אָנהויב פון אַלעם. ראָזענצווייג זאָגט אָבער, אַז עס איז ניט וויכטיק דער אָנהויב אַלס דער שורש פון אַלעם, וויכטיק איז נאָר דער איצט — דאָס וואָס עס איז דאָ, דאָס וואָס עקזיסטירט, דאָס וואָס עס איז געוואָרן. אין דעם זין זעט ער אויך דאָס אידנטום און זאָגט, אַז עס איז ניט דאָס וויכטיקסטע אין לעבן פון די אידן, נאָר וויכטיק איז דאָס אידישע לעבן אַליין. פאַר ראָזענצווייג'ן איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר דאָס וואָס דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירט אָן אַלע אַטריבוטן פון אַ פאָלק, נעמלעך, אָן אַ לאַנד און אָן אַ שפּראַך.

אַפילו גייענדיק צוריק צום אָנהויב, זיינען די אידן ניט געוואָרן קיין פאָלק אין זייער לאַנד, אין כנען, נאָר אין מצרים און אין דער מדבר. די אידן זיינען אויך ניט געווען שטאַרק צוגעבונדן צו זייער לאַנד און פיל האָבן אויסגעוואַנדערט ווען זיי זיינען נאָך געווען אין זייער לאַנד. אויך די נביאים האָבן צו זיי געזאָגט, אַז זיי וועלן פאַרטריבן ווערן, דאָס ווייזט, אַז ניט די אַטריבוטן פון לאַנד און שפּראַך האָבן אויפגעהאַלטן דאָס אידישע פאָלק, נאָר עפּעס אַנדערש. וואָס איז דאָס? און ראָזענצווייג ענטפערט, אַז דאָס איז געווען די נאָענטקייט צו גאָט. אָט־דאָס האָט דער איד שטענדיק געהאַט אין זיך און דאָס האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעוואוירן. אָבער אַפילו לאַנד און שפּראַך זיינען ביים אים געוואָרן אַנדערע באַגריפן ווי ביי אַנדערע פעלקער. דאָס לאַנד איז געוואָרן דאָס הייליקע לאַנד (ארץ הקדושה) און די שפּראַך — די הייליקע שפּראַך (לשון הקודש), און דערמיט וואָס ער האָט זיי געמאַכט הייליק, זיינען זיי שוין געוואָרן אַ טייל פון זיין הייליק לעבן אַלס אַ „גוי קדוש", אַ הייליק פאָלק. דערפאַר קען קיינמאָל קיין אַנדער לאַנד ניט ווערן זיין

פּאַטערלאַנד און קיין אַנדער שפּראַך קען ניט פאַרנעמען דאָס אָרט פון זיין שפּראַך. דאָס ווייזט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אַן אייביק פאָלק. דערפאַר וויל ראָזענצווייג, און האָפט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך אומקערן אין זיין הייליקן לאַנד און הייליקער שפּראַך און דערמיט צוריקגיין צו זיין מקור פון אַ הייליק פאָלק, כדי צו זיין דאָס אייביקע פאָלק.

צו גאַנץ אַנדערע געדאַנקען, אָבער דאָך ענלעך אין טאָן, קומט דער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן, וואָס האָט געוואוינט אין פּאַריז. אָבער וועגן אים וועלן מיר דאָ ווייטער רעדן אויספירלעך.

* * *

אַנרי בערגסאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1859 אין פּאַריז. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַנגעזעענער אידישער פאַמיליע פון וואַרשע. דער ראש פון דער משפחה איז געווען ר׳ שמואל זביטאָווקער, אַן אַנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין פּוילן. בערגסאָן האָט געקראָגן זיין בילדונג אין פראַנקרייך און שטודירט אין דער אוניווערזיטעט פון פּאַריז. שוין אין די יונגע יאָרן איז בערגסאָן באַשטימט געוואָרן אַלס לעקטשורער אין קאָלעדזש דע פראַנס. שפּעטער איז ער געוואָרן דאָרטן פּראָפעסאָר און ער האָט געלערנט ביזן יאָר 1921. ער איז אין יענער צייט געווען אַ מיטגליד פון דער פראַנ־צויזישער אַקאַדעמיע און אויך געקראָגן עטלעכע ערן־טיטלען. ער האָט אויך אין יענע יאָרן באַזוכט און איז אויפגעטראָטן מיט לעקציעס אין אַמעריקע.

בערגסאָן האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען שוין מיט זיין ערשט ווערק, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1889 אין פראַנצויזיש מיטן נאָמען „צייט און פרייער ווילן". ער רעדט דאָרט אַרום די פראַגע וועגן פרייען ווילן פון מענטשן פון שטאַנדפּונקט פון ווי לאַנג עס געדויערט. אָט דעם געדאַנק האָט ער שפּעטער אויסגעברייטערט אין זיין ווערק „שאַפנדע עוואָלוציע", וואו ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז צייט איז דער הויפּט־שטאָף פון רעאַליטעט, ווייל דער עצם פון אונזער גאַנצער עקזיסטענץ באַשטייט פון ענדערונגען און דעריבער איז דער פרייער ווילן ניט עפּעס אַ באַשטימטע זאַך.

לויט בערגסאָנען קומט אויס, אַז מיטן שכל ווייסן מיר קיינמאָל ניט וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. דעריבער קומט צו הילף דעם מענטש אַ געהיימער כוח, וואָס איז פאַראַן אין אים, וואָס ער באַצייכנט מיטן אויסדרוק „עלאַן וויטאַל". דאָס איז דער לעבנס־אימפּולס, וואָס איז ווי אַ קאָמפּאַס פאַר אַ שיפס־קאַפּיטאַן אויפן ים און וועלכער זאָגט אונז אַלע מאָל אונטער וואָס עס דאָס ריכטיקע און וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. דערמיט איז בערגסאָן אַריין אין גדר פון מיסטישער פילאָזאָפיע. ער דערקלערט טאַקע, אַז מען דאַרף אַרבעטן צו דערגרייכן דעם אמת מיט אַלע כוחות, נעמלעך, מיט מעטאַפיזיק און מיסטיק, מען טאָר גאָרניט אויסלאָזן.

אַ שריט ווייטער האָט בערגסאָן געמאַכט אין זיין ווערק „צוויי קוואַלן פון מאָראַל און רעליגיע" אויף פראַנצויזיש, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1933.

דאָרטן שטעלט ער שוין אַוועק מיטיציזם העכער פון שכל. אין דעם ווערק קומט ביי אים אויס, אַז די אינטואיציע פון מיסטיק איז אַ וועג־ווייזער פאַרן פילאָזאָף. עס איז דאָ, זאָגט ער, צוויי מאָראַל־לערערס, אַ פאַרשלאָסענע, און אַן אָפענע (אַזוי ווי עס הייסט ביי אונז „נגלה" און „נסתר"), צוויי סאָרטן פון רעליגיעזער אויפפאַסונג, אַ סטאַטישע און אַ דינאַמישע. די „פאַרשלאָסענע מאָראַל" גייט דורך דער השפעה פון די נאַטירלעכע פליכטן פון דער געזעלשאַפט און פירט אַן מיט דער נשמה פּונקט אַזוי ווי די צוציאונגס־קראַפט פון דער ערד צו מאַטעריעלע זאַכן. די „אָפענע מאָראַל" קומט פון דער לערע און טעטיקייט פון אַ גרויסן מאָראַלישן געניוס. דערפון גייט ער איבער צו רעדן וועגן אידנטום און קריסטנטום — און היות ווי ער שטעלט אַוועק די באַהאַלטענע מאָראַל העכער ווי די אָפענע, קומט ביי אים אויס, אַז קריסטנטום וואָס פּרעדיקט די באַהאַלטענע מאָראַל איז העכער ווי דאָס אידנטום. אין דער הינזיכט איז ער געוואָרן באַאיינפלוסט פון דער קבלה פון האר"י און זיינע תלמידים, וועלכע שטעלט אויך נסתר העכער פון נגלה און וועלכע האָבן אויך גענומען פון דער קריסטלעכער מיסטיק געוויסע באַגריפן (אַפילו די דריי־אייניקייט, אויסטייטשנדיק עס אויף אַ אידישן אופן, אין דעם שפּרוך פאַר טאָן אַ מצווה אין פאָרם פון „לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה על ידי ההוא טמיר ונעלם" (צו פאַראייניקן גאָט און זיין שכינה דורך דעם פאַרהוילענעם), און אַזוי אויך אַנדערע באַגריפן וואָס זיינען אין גרונט־גענומען קריסטלעך).

אָבער ווען אַפילו בערגסאָן איז אין פלאַנטער פון זיין מיסטישן געדאַנקען־גאַנג געקומען דערצו, צו זען די מאָראַל פון קריסטנטום העכער פון אידנטום, גיט ער דאָך אַליין צו אין זיין לעצט ווערק, אַז קריסטנטום באַשטייט פון צוויי טיילן, פון אידנטום און פאַגאַניזם (געצן־דינסט) און אַז די הויכע מאָראַל פון קריסטנטום איז גענומען פון אידנטום. קומט דאָך שוין ממילא אויס, אַז עס איז געווען דאָס אידנטום וואָס האָט געפּרעדיקט די דאָזיקע הויכע מאָראַל.

אָבער בערגסאָן איז געבליבן אַ איד און אַפילו אַ גרויסער איד. ער האָט מקדש השם געווען ווען די נאַציס זיינען אַריינגעקומען אין פאַריז און פאַר־אָרדנט, אַז אַלע אידן מוזן זיך רעגיסטרירן און אָנטאָן די געלע לאַטע. בערגסאָן, אַ קראַנקער און אַלטער מאַן, איז ער דעמאָלט אַוועק צו די נאַציס און זיי דערקלערט, אַז ער איז אַ איד און האָט אָנגעטאָן אַ געלע לאַטע, כאָטש עס איז געווען אַ ווילן ביי דער דאָזיקער היטלער־באַנדע אים צו שאַנעווען.

אַנרי בערגסאָן איז געשטאָרבן פון ניומאָניע אין פאַריז, אין יאָר 1941, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן אידישן בית־עולם.

* * *

ווי מיר זעען, האָבן די לעצטע דריי פילאָזאָפן באַטראַכט דאָס אידנטום פון גאָר אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט, נעמלעך, פון דער גרויסער מאָראַל וואָס

זי פּרעדיקט. דאָס איז דער תוך פון הערמאַן קאָהען׳ס לערע. דאָס ווייזט אונז אויך פראַנץ ראָזענצוויג און דערמיט באַשעפטיקט זיך אויך דער לעצטער פון זיי, אַנרי בערגסאָן. עס איז אויך צו באַמערקן ביי די אַלע דריי אַן אונטערטאָן, צו באַטאָנען די אידישע נאַציאָנאַליטעט און דעם אידישן חלום פון ׳שיבת־ציון, אויף אומצוקערן זיך קיין ארץ־ישראל.

מיר קומען דערמיט איצט צו צום צענטן פון זיי — דער פּיאָנער אויף צוויי געביטן מיטאַמאָל: דער רופער און וועקער פון אידישן נאַציאָנאַליזם; צום געדאַנק פון צוריק אויפבויען די אידישע היימלאַנד און צוגלייך דער מאָנער פאַר אַן אויסגלייך צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דער ערשטער בויער פון סאָציאַליזם. דאָס איז געווען די זעלטענע און פאַרבנרייכע פּערזענלעכקייט פון משה העס.

## 10.

# משה העס און זיין ווערק „רוים און ירושלים"

**אַ נייע שטימע צווישן די פילאָזאָפן פון אידנטום אין דייטשלאַנד. — משה העס אַנטלויפט פון זיין רייכן פאָטער, ווייל ער וויל ניט עקספּלואַטירן די אַרבעטער. — זיין נייע לערע פון סאָציאַליזם פאַר דעם אַרבעטס־מאַן. — ווי אַזוי ער האָט געהייראַט מיט דער פּראָסטי־טוטקע, סיביל, וועלכע איז אים געוואָרן אַ געטרייע פרוי. — ער לערנט מיט קאַרל מאַרקס און ענגעלס און שאַפט אַ בוך צוזאַמען מיט מאַרקס'ן. — זיינע נבואות וועגן קומען פון דר. הערצל און פון אַ נייער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.**

אין מיטן פון גאַנצן גערעַנגל פון אידעען און אידעאַלן, וואָס עס האָט געהערשט ביי די אידן אין דייטשלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט, האָט זיך פלוצים דערהערט גאָר אַן אַנדער שטימע, וועלכע האָט געקלונגען ניי, סיי מיט איר אָנווענדונג לגבי דער צוקונפט פון די אידן און סיי מיט איר פאָדערונג פאַר גערעכטיקייט פאַר אַלע אונטערדריקטע מענטשן, ניט נאָר אידן, נאָר בכלל פאַר אַלע, באַזונדערס פאַרן אַרבעטס־מענטש.

דאָס איז געווען די שטימע פון צענטן פילאָזאָף אין דער רייע פון נייעם מנין פון אידישע פילאָזאָפן. דאָס קול פון אַ נייעם משה — משה העס.

משה העס האָט זיך ניט געגריבלט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון די אידן. אויב ער האָט עס אַמאָל געטאָן, איז עס געווען נאָר כדי צו לערנען פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט אויף דער צוקונפט. ער האָט אויך ניט געשריבן קיין שווערע ביכער וועגן דער פילאָזאָפיע פון אידנטום. פאַר אים איז געווען קלאָר, וואָס עס וועט זיין דער גורל פון אידנטום און פון אידישן פאָלק אין דער צוקונפט, אויב עס וועט ניט גיין אויף אַ נייעם וועג אין זיין עקזיסטענץ צווישן די פעלקער. משה העס האָט געזען, אַז סיי דאָס אידנטום און סיי זיין טרעגער, דאָס אידישע פאָלק, קענען האָבן אַ קיום נאָר אין לאַנד פון די אָבות, אָבער אויב דאָס זאָל ניט געשען, אויב דאָס אידישע פאָלק זאָל, חלילה, זיין פאַר׳משפט צו בלייבן אין גלות ווייטער אויף דורות־לאַנג, וועט עס ניט לאַנג מער אויסהאַלטן, כאָטש ביידע, דאָס פאָלק און די תורה האָבן אויסגעהאַלטן 18 הונדערט יאָר פון גלות אונטער די געטאָ־מויערן. ווייל איצט איז עס אַנדערש, איצט אין דער פרייער וועלט וועט עס קיין סך הונדערטער יאָרן מער ניט קענען עקזיסטירן.

אָבער העס האָט ניט געזען בלויז דעם גורל פון אונטערדריקטן אידישן פאָלק אַליין, נאָר בכלל אַלע אונטערדריקטע מענטשן, באַזונדערס די אַרבעטער, און ער האָט אויך געהאַט פאַר זיי אַ רפואה צו דער מכה, אַ הייל־מיטל צו זייערע ליידן, און דאָס איז — קאַמף קעגן די באַדריקער. ער איז געווען דערייבער פון די ערשטע אין די רייען פון סאָציאַליזם, פון די, וואָס ווילן שאַפן אַ נייע וועלט פאַר דעם אַרבעטס־מאַן. אָט־די ביידע אידעאַלן האָט ער רעקאָמענדירט פאַרן אידישן אַרבעטער. ער איז געווען דער ערשטער אידישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט.

* * *

משה העס איז געבוירן געוואָרן אין באָן (דייטשלאַנד) אין יאָר 1812. זיין פאָטער, אַ רייכער אינדוסטריאַליסט, האָט אים אַ נאָמען געגעבן מאָריץ, אָבער ער האָט שפּעטער געביטן דעם נאָמען אויף מאָזעס, צו ווייזן דערמיט זיין צוגעבונדנקייט צו די אידן. אין איינער פון זיינע שפּעטערדיקע שריפטן האָט ער אַפילו באַדויערט וואָס זיין נאָמען איז ניט נאָך מער אידיש, ווי, למשל, איציק. ווען ער איז אַלט געווען 9 יאָר, איז ער אַריבער צו לעבן אין הויז פון זיידן, אַ גרויסער תלמודיסט, וואָס האָט קיין רב ניט געוואָלט ווערן. אָט־דער זיידע האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקע השפעה אויף דעם יונגן אייניקל.

צו 18 יאָר, אין יאָר 1830, איז העס אַריינגעטראָטן אין דער אוניווער־זיטעט פון באָן, אָבער ער האָט זיינע לימודים דאָרטן ניט געענדיקט, ווייל עס האָט זיך אין אים דעמאָלט אָנגעהויבן צו וועקן אַ נייער שטראָם פון געדאַנקען וועגן העלפן די אונטערדריקטע. דערפון איז ער געקומען אויפן געדאַנק פון שאַפן אַ נייע אָרדענונג, אין וועלכער דער אַרבעטער, דער מאַן וואָס שאַפט אַלע פּראָדוקטן, זאָל האָבן אַ גרעסערן טייל אין דעם וואָס ער פּראָדוצירט, ווי ער האָט געהאַט דעמאָלט, ווען די אַרבעטס־געבער זיינען רייך געוואָרן פון דעם אַרבעטערס פּראַצע און ווען דער אַרבעטער האָט קוים געהאַט אויף טרוקן ברויט. דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס צו פאַר־טראַכטן זיך וועגן אַן אַנדער סאָציאַלער אָרדענונג. ער איז דעמאָלט אַוועק קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ קורצע צייט און זיך באַקענט מיטן אַרבעטער־לעבן. שפּעטער איז ער אַוועק קיין פּאַריז. דאָס איז געווען אין יאָר 1840. זיין רייכער פאָטער האָט אים כסדר געשריבן בריוו, אַז ער זאָל קומען אַהיים און העלפן אים פירן זיינע פאַבריקן, אָבער העס האָט דערפון ניט געוואָלט הערן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט עקספּלואַטירן די אַרבעטער, ווי עס האָט געטאָן זיין פאָטער און אַלע אַנדערע רייכע אינדוסט־ריעלער פון יענער צייט. העס האָט זיך איצט פאַרנומען מיט ליטעראַרישע אַרבעטן, אָבער ער האָט געהאַט ווייניק דערפון אויף צו לעבן. זיין רייכער פאָטער האָט אים אָבער ניט געוואָלט שטיצן, כדי ער זאָל מוזן קומען צוריק אַהיים. בלויז זיין מוטער האָט אים צוגעשיקט אַ קליינע סומע געלט יעדן ערשטן פון חודש.



משה העס

איינמאָל איז זיין מוטער קראַנק געוואָרן און די קליינע סומע וואָס זי פלעגט אים אַרויסשיקן האָט זי דאָס מאָל ניט געקענט שיקן. העס איז געבליבן איצט ממש אָן געלט און געהונגערט גאַנצע צוויי טעג. ווען ער איז אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט אַרויס אין גאַס אַ הונגעריקער, איז אים אַנטקעגנ־געקומען אַ יונג מיידל, אַ פּראָסטיטוטקע, וואָס האָט אים גערופן צו גיין מיט איר אַהיים. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין געלט, האָט זי אים געזאָגט, אַז ער קען איר געבן בלויז איין פראַנק. דערויף האָט העס איר געענטפערט

— ווען איך זאָל האָבן ביי זיך איין פראַנק, וואָלט איך אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן, כדי עפּעס צו עסן, ווייל כ׳האָב שוין צוויי טעג ניט געגעסן.

— איר מיינט עס ערנסט? — האָט די פּראָסטיטוטקע אים געפרעגט.

— יאָ, — האָט העס צו איר געזאָגט — דאָס איז דער ריינער אמת — און ער האָט איר געוויזן זיינע ליידיקע הויזן־קעשענעס.

— אויב אַזוי, איז דאָך אויף אייך מער רחמנות ווי אויף מיר — האָט

זי געזאָגט — קומט אַהיים צו מיר. איך האָב אויך ניט קיין סך שפּייז אין הויז, אָבער ברויט האָב איך, אַ שטיקל פּוטער אויך און אפשר אויך אַ שטיקל קעז, און אַ גלאָז מילך איז אויך דאָ. קומט!

אַ הונגעריקער איז העס מיט איר געגאַנגען און זי האָט אים געגעבן צו עסן. נאָכן עסן האָט ער זי געפרעגט ווער זי איז און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז אַנטלאָפן פון אירע פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע זיינען צו־פרום.

— פונקט אַזוי ווי איך — האָט ער געזאָגט צו איר — איך בין אויך אַנטלאָפן פון מיינע עלטערן, ניט ווייל זיי זיינען צו־פרום, נאָר ווייל זיי זיינען מיר דערווידער מיט זייער רייכקייט.

ווען משה העס האָט זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין, האָט די פּראָסטי־טוטקע אַרויסגענומען אירע לעצטע צוויי פראַנק און אים דערלאַנגט. ער האָט עס ניט געוואָלט נעמען און צו איר געזאָגט, אַז ער קען ביי איר דאָס לעצטע געלט ניט נעמען, אָבער זי האָט דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל ניט אַוועקגיין אָן געלט און אַז ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ווען ער וועט זיין הונגעריק זאָל ער קומען צו איר. דאָס האָט אויף העס׳ן אַזוי געווירקט, אַז ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט, און צו איר געזאָגט:

— דו ביזט די איידלסטע פרוי וואָס איך האָב ביז איצט געטראָפן. דו ביזט ניט קיין פּראָסטיטוטקע, נאָר אַ זעלטענע פרוי. איך גיי שוין פון דאַנען ניט אַוועק. איך וועל דאָ בלייבן און מיט דיר וואוינען: איך וועל מיט דיר חתונה האָבן און דו זאָלסט אויך מער ניט גיין אין גאַס אַריין צו פאַרקויפן דיין לייב צו פרעמדע מענער. איך וועל אַרבעטן פאַר דיר. מאָרגן אין דער פרי וועל איך גיין זוכן אַרבעט אַזוי ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער אין אַ פאַבריק און איך וועל דיך אויסהאַלטן. דו וועסט זיין מיין לעגאַל ווייב. איך האָב דיך ליב געקראָגן פאַר דיין איידעלער האַנדלונג.

און אַזוי האָט ער געטאָן. ער איז שוין געבליבן וואוינען ביי סיביל פריטש, אַזוי האָט זי געהייסן. ער האָט איצט געזוכט און געקראָגן אַרבעט אַלס אַ פּראָסטער אַרבעטער און האָט מיט סיביל׳ן געהייראַט און זי איז געוואָרן זיין געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי ביז צו איר טויט.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען זיינע עלטערן האָבן זיך דערוואוסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטיטוטקע, האָט ניט נאָר זיין רייכער פאָטער מיט אים אינגאַנצן איבערגעריסן, נאָר אויך זיין מוטער, און דאָס האָט אים זייער שטאַרק וויי געטאָן.

* * *

משה העס איז ניט געווען בלויז אַ אידישער פילאָזאָף און דענקער, נאָר פיל מער ווי דאָס. ער איז געווען אַ נביא אין דער הינזיכט, וואָס ער האָט פאָראויסגעזאָגט זאַכן וואָס וועלן קומען. ער קאָן פאַרגליכן ווערן אין אַ געוויסער הינזיכט צו דר. טעאָדאָר הערצל, וועלכער איז געקומען שפּעטער און פאָראויסגעזען דאָס שאַפן פון אַ אידיש ניי לאַנד, אָבער העס

איז געקומען פיל פריער פאַר אים און איז געווען דער טאַטע פון צוויי גרויסע באַוועגונגען, סיי פון סאָציאַליזם און סיי פון ציוניזם. העס איז געווען דער פּיאָנער און דער ערשטער פון די יעניקע וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַרן סאָציאַליזם אין אייראָפּע, דער רבי פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט שפּעטער אויסגעבויט דעם סאָציאַליסטישן בנין. ער איז אָבער אויך געווען דער פאָרגייער און וויזיאָנער פאַר לעאָן פּינסקער און דר. הערצל צו זען די נויטווענדיקייט, אַז די אידן זאָלן זיך צוריקקערן צו זייער אייגן לאַנד, קיין ארץ־ישראל, קיין ציון, מיט ירושלים אַלס די הויפּט־שטאָט.

העס האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט שרייבן ווערק און אַרטיקלען. זיין ערשט בוך איז געווען „די הייליקע געשיכטע דער מענטשהייט פון איין יונגען שפּינאָזיסט". ער האָט זיך גערופן דעמאָלט אַ „יונגער שפּינאָזיסט", אָבער אין דעם בוך שטייט ער מער אונטערן איינפלוס פון העגעל׳ן. ער איז אַקטיוו אין די קאָמוניסטישע גרופּן וואָס פאָרמירן זיך אין פּאַריז. ער טרעפט זיך איצט מיט פרידריך ענגעלס און קאַרל מאַרקס און האָט אויף זיי אַ גרויסן איינפלוס. ער אַרבעט צוזאַמען מיט קאַרל מאַרקס איבער אַ בוך וועגן „די דייטשע אידעאָלאָגיע" (1845) און איז אויך דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פאַר דער „רהיינישער צייטונג", פון וואָס ער מאַכט אַ לעבן. ער באַמיט זיך צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דייטשלאַנד, וואוהין ער קומט אָפט. אָבער נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848, ווען עס איז אַנטשטאַנען די רעאַקציע, ווערט ער פאַר׳משפט, אין אָפּוועזנהייט, צו טויט. ער אַנטלויפט פון דייטשלאַנד און וואַנדערט איבער אייראָפּע, אָבער ער קומט צוריק קיין פּאַריז, וואו עס איז זיין שטענדיקע היים, צו זיין ליבער פרוי סיביל.

העס טרעט איצט אויף זייער אָפט אויף מיטינגען פון אַרבעטער און פון סתם אינטעליגענטע מענטשן. ווען מען האָט אים אַמאָל געפרעגט וואָס עס איז זיין מיינונג וועגן דער לערע פון פילאָזאָפיע און וואָס זי מיינט פאַר דער מענטשהייט, האָט ער דערויף געענטפערט פשוט:

— אַלע פילאָזאָפיעס זיינען נאָר אויף אַזוי פיל גוט, אויב זיי ברענגען גליק צו דער מענטשהייט. אויף דער וועלט דאַרף הערשן גליק פאַר יעדן איינעם. די מיטלען דערצו זיינען: ליבע, פרייהייט און גלייכהייט. דאָס רייכטום פון דער געזעלשאַפט דאַרף געהערן צום שטאַט, וואָס עס מיינט צו אַלע און דאַרף קאָנטראָלירט ווערן פון אַלע, דאָס מיינט ווידער פון שטאַט.

* * *

פון גורל פון אונטערדריקטן אַרבעטער־קלאַס איז העס געקומען צו טראַכטן וועגן דעם מצב פון די אונטערדריקטע צווישן די אונטערדריקטע — די אידן.

צום ערשטן זיינען אים געווען אָפּשטויסנד די רעפאָרמער. וועגן זיי

האָט ער זיך אויסגעדריקט: „די דאָזיקע בירגערלעכע אידישע טיפּן זוכן נאָר גלייכע רעכט פאַר זיך און זיינען גרייט דערפאַר אָוועקצוגעבן די גאַנצע גרויסע אידישע ירושה. זיי זיינען פאַרשאָלטענע עגאָאיסטן און איך קען זיי ניט פאַרטראָגן".

דערפאַר האָט ער זיך באַגייסטערט ווען ער האָט אין אַ חסידים־שטיבל געזען ווי חסידים טאַנצן, אַ האַנט אויף יענעמס אַקסל, אין אַ ראָד:

— אָט־די אידן זיינען די אמת'ע אידן, זיי האָבן געשאַפן אויך אַ קאָמונע אויף זייער שטייגער, אַ פאָרם פון צוזאַמענלעבן און זיי טראָגן דאָס אידישע וואָרט אין זייערע הערצער, ניט געקוקט דערויף אויף וויפיל מען פאַרפאָלגט זיי. זיי זיינען די טרעגער פון דער גרויסער אידישער ירושה. דער חסידישער טיפּ איז אַ רוסיש־פּוילישער פּראָדוקט, דער דייטשער איד אָבער איז גרייט צוליבן אידן־האַס צו פאַרלייקענען אַלץ וואָס עס איז אידיש, אָבער דאָס העלפט אים ניט. דער דייטשער איד וויל ניט פאַרשטיין, אַז די דייטשן האַסן ניט די רעליגיע פון די אידן, נאָר די אידן אַליין, די אידישע נעזער... רעפאָרם, עמאַנציפּאַציע און אַפילו שמד וועט ניט העלפן... די דייטשן האַסן דעם איד אַפילו ווען ער שמד'ט זיך...

דאָס האָט געשריבן משה העס, ווי אַ נבואה מיט אַזוי פיל צענדליקער יאָרן פריער איידער עס איז געקומען צו דער מאַכט די היטלער־באַנדע, וועלכע האָט אַזוי אָפן געפּרעדיקט האַס, שנאה און רציחה קעגן אידן אַפילו ווען זיי שמד'ן זיך.

ווען מען האָט געפרעגט העס'ן וואָס עס איז די רפואה צו דעם אַלעמען, האָט ער געענטפערט דערויף אין זיין ניי ווערק „רוים און ירושלים" (אַרויס־געגעבן אין יאָר 1862):

„אידן דאַרפן ניט באַהאַלטן זייער נאַציאָנאַל פּנים. זיי האָבן זיך דערמיט ניט וואָס צו שעמען. פאַרקערט, זיי דאַרפן דערמיט שטאָלצירן, ווייל פון אידנטום איז אויסגעוואַקסן אונזער גאַנצע היינטיקע הומאַניטאַרע לעבנס־אָנשויאונג. עס איז ניטאָ אַזוינס אין דער קריסטלעכער מאָראַל און דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, וואָס די וואָרצלען דערפון זאָלן זיך ניט געפינען אין אידנטום. אַ דאַנק דעם אידנטום האָבן מיר די היינטיקע ציוויליזאַציע. אַזוי ווי די נאַטור פּראָדוצירט ניט סתם פּרוכטן, ניט סתם חיות און ניט סתם פלאַנצונגען, נאָר פאַרשידענע קאַטעגאָריעס, אַזוי זיינען אויך דאָ ניט סתם מענטשן, נאָר פאַרשידענע מענטשן און פאַרשידענע פעלקער, אָבער די אידן זיינען געווען און זיינען — די קרוין פון דער נאַטור.

„צוויי מאָל איז אָבער דאָס אידישע פאָלק כמעט אונטערגעגאַנגען, אָבער יעדעס מאָל איז געשען אַ נס. ווען די אידן זיינען געווען אין מצרים און מען האָט פון זיי געמאַכט שקלאַפן, האָט גאָט געשיקט צו זיי משה'ן; שפּעטער, ווען זיי זיינען געווען אין בבל, נאָכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש, ווען זיי האָבן געקענט זיך אויסמישן צווישן אַלע געצן־דינער, האָט גאָט

געשיקט צו זיי זיינע נביאים און באַזונדערס דעם נביא יחזקאל און אויך אַלע אַנדערע. אויך איצט, ווען עס דראָט אַ געפאַר דעם אידישן פאָלק וועט גאָט שיקן צו זיי זיין נביא וואָס זאָל זיי ראַטעווען, כדי דאָס אידישע פאָלק זאָל צוריק אויפלעבן.

„נו, געוויס, דעראָבערן ארץ־ישראל פאַר די אידן קאָן מען נאָך ניט, אָבער מען דאַרף האַלטן די אידישע מאַסן גרייט אויף אַ פּאָליטישער ווידער־געבורט און וועקן די האָפענונג דאָרטן וואו זי שלאָפט; אויב שפּעטער וועלן די וועלט־פאַסירונגען מאַכן מעגלעך אַ פּראַקטישן אָנהויב פון אַ אידישער מלוכה, זאָלן מיר זיין גרייט און דעמאָלט וועט אויך ביי די אידן אויפשטיין דער ריכטיקער מאַן פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע".

קלינגען ניט די ווערטער ווי אַ נביאות אויף דעם קומען פון הערצלען און אויף דערויף, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען די מלוכות וועלן אומקערן צו די אידן ארץ־ישראל, ווי עס איז איצט טאַקע געווען?

* * *

משה העס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרנומען מיטן ישוב פון ארץ־ישראל. ער האָט גע'פועל'ט צו קריגן אַ גרעסערע סומע געלט פאַר דער אַגריקולטור־שולע „מקוה ישראל" פון באַרימטן טוער פון דער „אַליאַנץ איזראַעליט", קאַרל נעטער. ער האָט אויך געטראַכט פון באַזעצן עטלעכע הונדערט אידן פון רומעניע און פוילן אין ארץ־ישראל, וואו זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט. משה העס איז געשטאָרבן אין פּאַריז אין יאָר 1875. אין זיין צוואה האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל זיין קערפּער ברענגען צו קבורה לעבן זיין גרויסן זיידן. דערביי האָט ער אויך איבערגעלאָזט זיין „אני מאמין" אין די ווערטער „דאָס אידנטום איז ניט קיין פּאַסיווע רעליגיע, נאָר אַן אַקטיווע דערקענטעניש, וואָס איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט דער אידישער נאַציאָנאַליטעט אין אידישן היימלאַנד".

זיין השפעה טראָגט זיך דאַן אַריבער קיין רוסלאַנד, וואו עס זיינען געווען טעטיק פאַרשידענע גרופּן פאַרן ישוב פון ארץ־ישראל, פון וועלכע עס איז שפּעטער אַרויסגעקומען דער גרויסער דענקער אחד העם.

.11

# אחד העם און זיין בייטראַג צום אידנטום

**זיין ערשטע קריטישע אַרבעט וועגן קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. — זיין נייער ציוניזם: ארץ ישראל אַלס גייסטיקער צענטער. — ווי אַזוי אחד־העם האָט באַגרינ־דעט די אידישע עטיק. — ווי אַזוי, לויט אחד־העמ'ען, קען איינער זיין אַ גוטער איד, אַפילו ווען ער איז ניט רעליגיעז. — זיין פריערדיקע קעגנערשאַפט צו דר. הערצל'ס „אידענשטאַט" און זיין שפּעטערדיקע געענדערטע מיינונג.**

דער געדאַנק, וואָס עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין משה העס' ווערק „רוים און ירושלים", אַז די אידן זאָלן זיך נעמען צוריק אויפבויען זייער אַלטע היים, האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי פיל מענטשן אין פיל לענדער. אַזוי האָט, למשל, דער גרויסער רב און גאון, ר' צבי קאַלישער, גענומען שטאַרק פרעדיקן דעם געדאַנק פון „ישוב ארץ־ישראל" און האָט געגרינדעט אַ געזעלשאַפט מיט אַט דעם נאָמען אין פראַנקפורט־אַם־מאַין. דעם געדאַנק האָט אין יענער צייט אויך געפרעדיקט דער העברעאישער שרייבער פרץ סמאָלענסקין אין זיין מאָנאַט־שריפט „השחר". עס איז דעמאָלט אויך דערשינען אַ ראָמאַן פון דער באַרימטער ענגלישער שרייבערין דזשאָרדזש עליאָט מיטן נאָמען „דניאל דיראָנדאָ" (אין יאָר 1876), וואו זי שילדערט די פאָרווירקלעכונג פון ציון־געדאַנק. די דאָזיקע נייע באַוועגונג האָט באַלד געקראָגן אַ נאָמען „חיבת ציון", און דאָ און דאָרטן האָבן זיך געגרינדעט חברה'ס און אָרגאַניזאַציעס אויף צו שאַפן אידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1881 האָט דר. לעאָן פינסקער פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור מיטן נאָמען „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן", וואו ער זאָגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז מיר, אידן, דאַרפן ניט וואַרטן ביז די פעלקער וועלן אונז געבן עמאַנצי־פּאַציע, ווייל מיר דאַרפן עס אַליין טאָן. מיר דאַרפן זיך אַליין באַפרייען און זיך גלייכשטעלן מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט דורך שאַפן זיך אַ היים אין ארץ־ישראל. גלייכצייטיק הויבט זיך אָן דעמאָלט אַזאַ באַוועגונג צווישן דער רוסישער אידישער יוגנט, איבערהויפּט צווישן די אידישע סטודענטן. אַ גרופּע פון זיי האָט אין יאָר 1882 באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן אין גרופּן קיין ארץ־ישראל צו שאַפן דאָרטן קאָלאָניעס. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געטראָגן דעם נאָמען ביל"ו (פון

„בית יעקב לכו ונלכה״ — יעקב׳ס הויז, קומט און לאָמיר גיין — אַ פסוק אין תנ״ך, ראשי תיבות — „ביל״ו״).

אין יענער צייט האָט זיך באַוויזן אויף דער אידישער אַרענע אין רוסלאַנד אַ נייער אידישער דענקער, ר׳ אשר גינצבערג, וועלכער האָט פריער גענומען אַ שטאַרקן אַנטייל אין דער „חיבת ציון״ באַוועגונג אין אָדעס, אונטער דער פירערשאַפט פון לעאָן פינסקער. אשר גינצבערג האָט אָבער באַלד די דאָזיקע אַרבעט קריטיקירט און האָט אויפגעוויזן, אַז „דאָס איז ניט דער וועג״ („לא זה הדרך״. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרטיקל פון אשר גינצבערג, וועלכער האָט פון איצט אָן אָנגענומען דעם פסעוודאָנים „אחד העם״). אָבער די וויכטיקסטע בייטראָגן פון אחד־העמ׳ען צו דער פאָרשונג פון אידישן וויסן זיינען ניט אין זיין קריטיק איבער דער טעטיקייט פון די „חובבי ציון״, נאָר אין זיין פאָרשונג איבער דער אידישער עטיק, דאָס אָפּטיילן זי פון דער רעליגיע און דאָס אַוועקשטעלן זי אויף דעם יסוד פון אידישן נאַציאָנאַליזם. אָבער וועגן דעם וועלן מיר רעדן באַלד אויספירלעך.

* * *

ר׳ אשר גינצבערג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1856 אין שטעטל סקווירע (קיעווער גובערניע). זיין פאָטער ר׳ ישעיה איז געווען אַ איד אַ חסיד און אַ למדן. ער איז אויך געווען אַ גרויסער בעל־יחוס. אויך זיין מוטער איז געווען אַ קרובה פון באַוואוסטן רבי׳ן, ר׳ ישראל ריזשינער.

אשר גינצבערג האָט געקראָגן אַ דערציאונג ווי אַלע אידישער קינדער אין יענער צייט אין חדרים און ישיבות, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען אַן „עילוי״, האָט ער שוין אין די גאָר יונגע יאָרן געהאַט דורכגעלערנט פיל מסכתות פון ש״ס און אויך פוסקים. אין די אָוונטן פלעגט ער פאַרברענגען אין חסידים־שטיבל און געהערט חסידישע מעשיות. פון לערנען אויך וועלטלעכע לימודים איז קיין רייד ניט געווען. דאָס איז געווען פאַרבאָטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָט זיין פאָטער זיך איבערגעצויגן אין אַ דאָרף, וואו ער האָט געקויפט אַ מאַיאָנטעק (אַ גוט). דער פאָטער האָט דעמאָלט צוגענומען צו אים אַ מלמד, אָבער צו 16 יאָר האָט מען אים חתונה געמאַכט מיטן זשיטאָמירער רב׳ס טאָכטער, וועלכע איז אויך געווען פון גרויסן יחוס. נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון זיין שטרענגן פאָטערס רשות, האָט זיין גייסט, וואָס האָט געשטרעבט צו וויסן, ערשט געקענט קריגן זיין באַפרידיקונג אין אידישע חקירה־ספרים, ווי דער „מורה נבוכים״, „כוזרי״, „ספר העיקרים״ און אַנדערע. שפּעטער איז ער געפאָרן קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך גענומען צו לערנען וועלטלעכע לימודים און האָט אין אַ קורצער צייט דורכגעמאַכט אַלע לימודים פון אַ גימנאַזיע און זיך צוגעגרייט אַריינ־צוטרעטן אין אַן אוניווערזיטעט. איבערהויפּט האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק דער רוסישער שריפטשטעלער פּיסאַרעוו, מיט וועלכן ער האָט זיך באַקענט. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין וויען, כדי אַריינצוטרעטן

אין אוניווערזיטעט, אָבער אין מיטן וועג, אין בראָד, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אידישע אימיגראַנטן וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמען כדי צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. די אימיגראַנטן זיינען געשטאַנען דעמאָלט אונטער דער אויפזיכט פון דער אַליאַנץ (די חברה „כל ישראל חברים", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאַריז, וואו דער באַרימטער עסקן קאַרל נעטער האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן איינצוואָרדענען זיי אין זייער ניי לאַנד). ער איז געפאָרן מיט יענע אימיגראַנטן צוזאַמען אין באַן ביז וויען און דאָס האָט געלאָזן אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק.

קומענדיק קיין וויען, איז ער טאַקע אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט אַריינפּאַסן אין דער סביבה פון די יונגע קריסטלעכע סטודענטן און ער פאָרט צוריק אַהיים. אָבער אויך אין דאָרף געפינט ער ניט מער קיין מנוחה פאַר זיך און פאָרט צוריק קיין אויסלאַנד. ער פאָרט איצט קיין בערלין, דערנאָך קיין ברעסלאַו און שטודירט דאָרטן צוויי יאָר. ער דערוויסט זיך איצט, אַז די פּאָגראָמען פאַרשטאַרקן זיך אין רוסלאַנד און אַז די אידישע מאַסן זוכן פלעצער וואוהין צו אַנטלויפן. ער פאָרט דעריבער צוריק קיין רוסלאַנד, קומט קיין אָדעס, וואו ער טרעט אַריין אין דער חברה „חובבי ציון", און ער אַרבעט צוזאַמען מיט דר. לעאָן פּינסקער, מרדכי בן הלל הכהן, משה לייב ליליענבלום, מענדעלע מוכר ספרים און אַנדערע, אויף צו שאַפן קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. שפּעטער אָבער קומט ער צום געדאַנק, אַז מיט דער אַרבעט פון גרינדן אידישע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל וועט מען ווייניק דערגרייכן און ער הויבט אָן צו טראַכטן וועגן אַ נייעם ציוניזם, וועגן שאַפן אַ גייסטיקן צענטער אין ארץ־ישראל, וואָס זאָל האָבן זיין השפּעה אויפן גלות. אין דעם זין פאַרעפנטלעכט ער אַ גאַנצע רייע פון אַרטיקלען. דאָס זיינען געווען שאַרפע עסייען, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אָבער שפּעטער האָט ער אָנגעשריבן זיין גרויסע אַרבעט „על שתי הסעיפים", וואו ער אַנטוויקלט אַ גאַנץ נייעם געדאַנק וועגן דעם וויסן פון אידנטום און דערמיט האָט ער געשאַפן אַ נייע עפּאָכע, ניט ווייניקער ווי מענדעלסאָן אין זיין צייט.

לאָמיר איצט זען וואָס אחד־העם פּרעדיקט אין יענער אַרבעט און וואָס עס זיינען זיינע געדאַנקען אין דער פאָרשונג פון אידנטום.

* * *

איידער מיר גייען ווייטער ווילן מיר דאָ דערקלערן, אַז אחד־העם איז ניט געווען קיין פילאָזאָף אין דעם זין ווי מען פאַרשטייט דאָס וואָרט. ער האָט ניט געשאַפן קיין ווערק, אין וועלכע ער פאַרנעמט זיך מיט די פּראָבּ־לעמען פון דער גאָטהייט, פרייער ווילן, באַלוינונג און באַשטראָפונג און אַנדערע אַזעלכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די אידישע פילאָזאָפן האָבן זיך פאַרנומען פון די אַלטע צייטן אָן. ניין, מיט דעם פאַרנעמט ער זיך



אחד העם

נישט. אחד־העם איז אַ דענקער, אַ פילאָזאָפישער דענקער, דאָס מיינט, איינער וואָס דענקט וועגן פילאָזאָפישע ענינים; אַן עסייאיסט און טיילמאָל גאָר אַ פובליציסט, אָבער פון אַ העכערער מדרגה. אין אַ געוויסן זין קען מען אים פאַרגלייכן צו ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן און צו אַנדערע עסייאיסטן פון יענעם דור. אָבער ניט פון די עסייאיסטן וואָס באַהאַנדלען אַלגעמיינע פראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן, נאָר פון די יעניקע וואָס באַהאַנדלען פראַגן וואָס רירן־אָן דעם מענטש אין איצטיקן מאָמענט. אין דעם זין איז ער געווען אַ וועג־וויַיזער („מורה דרך") פאַרן יונגן אידישן דור.

אחד־העמ׳ס אַרבעטן באַשטייען פון טיפזיניקע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן אויף אַ פּרעכטיקן, אייגנאַרטיקן העברעאיש, וועלכע ער האָט געדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטונגען. יעדעס מאָל, ווען זיינס אַן אַרטיקל איז ערגעץ־וואו דערשינען, האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם. יעדעס אַרטיקל איז געווען אַ שלאַגער.

שפּעטער האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע זיינע אַרבעטן און זיי זיינען דערשינען אין פיר בענדער אונטערן נאָמען „על פרשת דרכים" (אויפן

שיידוועג). (אַ חוץ פון זיינע בריוו וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זעקס בענדער נאָך זיין טויט אין ירושלים).

די אַרבעטן און געדאַנקען פון אחד־העם׳ען קען מען טיילן אויף צוויי טיילן: אויף נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע. דאָס מיינט אַזעלכע אַרבעטן, אין וועלכע ער ווייזט אויף וואָס מען דאַרף ניט טאָן און אויף אַזעלכע, וואו ער זאָגט עפּעס פּאָזיטיווס. דער רוב פון זיינע אַרבעטן זיינען פון נעגאַטיוון כאַראַקטער און נאָר אַ קלענערע צאָל איז פון פּאָזיטיוון אינהאַלט.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף ביידע סאָרטן אַרבעטן, סיי די נעגאַטיווע און סיי די פּאָזיטיווע און איבערגעבן דעם אינהאַלט פון זיי און אויך די ווירקונג וואָס זיי האָבן געהאַט אויפן לעבן.

ווי שוין געזאָגט, האָט אחד־העם אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט אַן אַרבעט וואָס טראָגט דעם טיטל „לא זה הדרך״ (דאָס איז ניט דער וועג), וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „המליץ״, אין יאָר 1889. אין דעם אַרטיקל ווייזט ער אויף, אַז דער וועג פון אומקערן זיך קיין ציון איז ניט דורך שאַפן קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, ווייל דערמיט וועט מען גאָרניט דערגרייכן. אחד־העם האָט ניט געגלויבט, אַז דורך שאַפן קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, איינע נאָך דער אַנדערער, וועט מען ענדלעך קומען דערצו, אַז ארץ־ישראל זאָל צוריק ווערן אונזערס. דערפאַר איז ער שפּעטער, ווען טעאָדאָר הערצל איז אַרויסגעקומען מיט זיין „אידענשטאַט״, אויך געווען קעגן פּאָליטישן ציוניזם. אַנשטאָט דעם, אָבער, האָט ער געפּרעדיקט אַ גייסטיקן ציוניזם.

אחד־העם איז אויך שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן די אידן וואָס ווילן פאַרן פּרייז פון עמאַנציפּאַציע, פון גלייכע רעכט מיט די ניט־אידן, פאַרוואַרפן און זיך אָפּזאָגן פון אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע ווערטן. ער דונערט איבער זיי און רופט זיי אָן „קנעכט אין דער פרייהייט״ (עבדות בתוך חירות), וואָס עס מיינט, צו וועלן קריגן פּאָליטישע פרייהייט אין אַ לאַנד וואו די אידן וואוינען, אויפן חשבון פון זייער גייסטיקער פאַרשקלאַפונג.

אחד־העם איז אָבער אויך קעגן דעם, אַז רעליגיע, דאָס הייסט דאָס אָפּהיטן די דינים פון „שלחן ערוך״, זאָל פאַרנעמען דעם אויבן־אָן פון איד; אַז עס זאָל הייסן, אַז אַ איד איז נאָר דער וועלכער היט אָפּ די דינים פון דער תורה. דאָס דערקלערט אחד־העם פאַר פאַלש און ער שאַפט אויף דעם פּלאַץ אַ נייע פאָרם פון אידנטום. אָבער דערמיט קומען מיר צו צו רעדן וועגן זיינע פּאָזיטיווע אָנשויאונגען.

* * *

דאָס וואָס אחד־העם האָט ווירקלעך בייגעטראָגן צום אידנטום אין אַ פּאָזיטיוון זין, איז געווען דאָס וואָס ער האָט דעם גאַנצן געביט פון אידישע מאָראַל און עטיק, אָפּגעטיילט פון דער אידישער רעליגיע און עס צוגעשריבן צו דעם נאַציאָנאַלן גייסט פון אידישן פאָלק. ער איז קעגן דער מיינונג,

אַז אַלץ וואָס עס האַלט צוזאַמען די אידן איז זייער רעליגיע און אַז קוים פאַלט דאָס אַוועק, אויב איינער איז ניט רעליגיעז, ווערט ער דערמיט אויס איד. דאָס, זאָגט אחד־העם, איז פאַלש. ער באַטראַכט ווייטער דעם גאַנצן לאַנגן וועג פון דער אידישער רעליגיע ביים אידישן פאָלק און קומט צום אויספיר, אַז די אידישע עטיק האָט גאַרניט צו טאָן מיט דער אידישער רעליגיע און אַז עס איז געווען עפּעס טיפערס ווי די אידישע אמונה וואָס האָט די אידן געהאַלטן צוזאַמען. ער ווייזט אָן, אַז דאָס איז דאָס „פּינטעלע איד״, דער נאַציאָנאַלער געפיל פון געהערן איינער צום אַנדערן, דער „כל ישראל חברים״ און „ישראל ערבים זה בזה״; דאָס וואָס יעדער איד איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַנדערן; דאָס וואָס ווען מען שלאָגט אַ איד ערגעץ־וואו אין דער וועלט טוט עס אַלע אידן וויי — אָט־דער געפיל, דער פאַרבאַרגענער שורש פון בלוט־נאָענטקייט, איז טיפער און שטאַרקער ווי דער כח פון רעליגיע וואָס איז היינטיקע ציַיטן שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דעריבער זעען מיר, אַז דאָס פּינטעלע איד לעבט דאָך, און טאַקע שטאַרק, אפילו אין די הערצער פון די וואָס זיינען ניט רעליגיעז. אחד־העם טיילט דעריבער אָפּ די אידישע עטיק פון דער אידישער רעליגיע און באַטראַכט זי אַלס אַ נאַציאָנאַלן כח פון אידישן פאָלק. דערביי ווייזט ער אויך אויף ווי אַזוי די אידישע עטיק איז אַנדערש, למשל, פון דער קריסטלעכער עטיק, ווייל די לעצטע, די קריסטלעכע עטיק, איז אַ געמאַכטע, אַ געקינצלטע, אין דער צייט ווען די אידישע עטיק איז דער תוך פון אידישן פאָלק. דערנאָך קומט אחד־העם צום אויספיר, אַז אַ איד וואָס איז ניט רעליגיעז און וויל ניט און קען ניט זיך אונטערוואַרפן די דינים פון „שלחן ערוך״, דאַרף ניט טראַכטן וועגן זיך, אַז ער איז ניט מער קיין איד און אַז ער שטייט שוין אויסער די גרעניצן פון אידנטום. ניין, זאָגט אחד־העם, אַ איד וואָס איז אַ פריידענקער איז פּונקט אַזוי אַ איד, ווי אַ רעליגיעזער איד, ווייל רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך, כאָטש די אידישע רעליגיע האָט אין זיך נאַציאָנאַלע שטריכן און אייגנשאַפטן פון אידישן פאָלק. דערפאַר זעען מיר אַז די עטיק, די מאָראַל פון אידנטום, ליגט ניט אין דער רעליגיע גופא, נאָר אין איד אַליין. ער איז דער טרעגער פון דער העכערער מאָראַל. ער איז דאָס דער וואָס טוט עס, וואָס פירט עס אויס אין לעבן. דעריבער קען אַ איד ניט האַלטן פון דער אידישער רעליגיע און דאָך האַלטן פון דער עטיק.

אָט־די נייע לערע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער יוגנט, וועלכע איז געווען ניט רעליגיעז, אַז זי זאָל בלייבן אין די ראַמען פון אידישן פאָלק און ניט אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט, ווי עס האָבן געטאָן אין אַ דור פריער פיל פון די בעסטע אידישע מענטשן. זיי האָבן עס געטאָן דערפאַר ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז אויב זיי קענען ניט אָפּהיטן מער די אידישע רעליגיע, זיינען זיי שוין געוואָרן אויס אידן.

אחד־העם האָט אויך אין זיין צייט, ווען ער האָט ניט געזען קיין שום

מעגלעכקייטן פאַרן פּאַקטישן אויפבוי פון ארץ־ישראל, באַטאָנט דעם גע־דאַנק, אַז ארץ־ישראל זאָל זיין אונזער גייסטיקער קוואַל און אַז מיר זאָלן זיך באַמיען צו שאַפן דאָרטן אַ „מרכז רוחני" (גייסטיקער צענטער) וואָס זאָל דינען אַלס אַ ליכט־טורם פאַר די אידן אין גלות. אויך אין דער אידייע האָט ער געהאַט פיל נאָכפאָלגער, אָבער נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אין יאָר 1917, האָט אחד־העם שוין אָנגעהויבן צו זען, אַז די פאַרווירקלעכונג פון פּאָליטישן ציוניזם איז גאָרניט אַזוי וייט און האָט אין דער הינזיכט אַביסל געענדערט זיין מיינונג. ער האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און האָט געוואוינט אין תל־אביב, אין דער גאַס וואָס מען האָט אָנגערופן אויף זיין נאָמען. ער איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט אין יאַנואַר, 1927, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה נעבן קבר פון מאַקס נאָרדוי.

* * *

אחד־העמ׳ס אידייען באַהערשן היינט צו טאָג אַלע ניט־רעליגיעזע עלעמענטן אין אידישן פאָלק, וועלכע פילן זיך פאַר אידן און טאַקע גוטע אידן, כאָטש זיי זיינען ניט מקיים אַלע דינים פון „שלחן ערוך", אָבער עס איז אַ פראַגע צי אין די גלות־לענדער וואָלטן אידן, צווישן די פעלקער, געקאָנט בלייבן אידן אָן רעליגיע. דערפאַר זעען מיר אַ צייכן פון דער צייט אין דער דערשיינונג פון דר. טעאָדאָר הערצל, דער טאַטע און שעפער פון פּאָליטישן ציוניזם און דער וויזיאָנער פון „אידען־שטאַט", וואָס האָט זיך אין יענער צייט באַוויזן אויף דער אידישער אַרענע.

.12

# טעאָדאָר הערצל און זיין „יודנשטאַט”

**הערצל'ס דערשיינונג, וועלכע איז געווען אין דער ריכטיקער צייט. — ווי אַזוי הערצל האָט צום ערשטן געזוכט אַ לייזונג צום אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע. — זיין „יודענשטאַט” אַלס ענטפער אויף דער אידן־פראַגע. — די באַדייטונג פון זיין „אַלט־ניי־לאַנד”. — ווי אַזוי ער איז געקומען צום געדאַנק, אַז דאָס לאַנד מוז זיין נאָר ארץ ישראל.**

עס איז געווען בערטראַנד ראָסעל, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אידייען דאַרפן ווערן רייף פּונקט אַזוי ווי פרוכטן אויף אַ בוים. אַזוי ווי עפּל, ווען זיי ווערן צייטיק, פאַלן זיי צו דער ערד, אַזוי געשעט אויך מיט אידייען, אַז ווען זיי ווערן רייף, קומט דער יעניקער, וועלכער ברענגט זיי אַרויס אין לעבן און דערפירט זיי צו מעשים. די צייט איז שטענדיק שוואַנגער מיט אידייען, וואָס מוזן אויסגעטראָגן ווערן, פּונקט אַזוי ווי אַ פרוי טראָגט־אויס איר קינד. אויב אַן אידייע קומט אַביסל פאַר דער צייט, איז עס אַזוי ווי דער געבורט פון אַ זיבעלע. אַמאָל טרעפט אָבער, אַז די אידייע קומט אויף דער וועלט שוין גאָר צו פרי, און דעמאָלט איז עס ווי אַ מפּיל. עס הייסט, אַז עס איז געקומען פאַר דער צייט. אַ פאַקט אָבער איז, אַז ווען אַן אידייע ווערט אויסגעטראָגן און רייף צו קומען אויף דער וועלט, ברענגט זי עמעצער אַרויס צו דער ליכטיקער שיין, און ער איז אַזוי ווי אַן אַקושער וואָס גיט געבורט צו אַ קינד. דערנאָך קומט אַן אַנדערער, וואָס ציט אויף די אידייע און מאַכט זי לעבנס־פעאיק, אַז זי זאָל קאָנען פאַרנעמען אַן אָרט אין לעבן, פּונקט אַזוי ווי איינער וואָס אַדאָפּטירט אַ קינד, ציט עס אויף צו זיין פעאיק אין לעבן. דאָס קומען פון דר. טעאָדאָר הערצל מיט זיין „אידענשטאַט” איז געווען אַזאַ אידייע, וואָס איז אויסגעטראָגן געוואָרן דורך דער צייט, פון משה העס, לעאָן פינסקער, די „חובבי ציון” און אַלע אַנדערע וויזיאָנערן און טוער פון דער באַוועגונג אויף צוריק אויפבויען די אידישע היים אין ארץ־ישראל. ווען הערצל איז געקומען איז ער געווען פּונקט אין צייט און דערפאַר איז זיין „אידענשטאַט” אויפגענומען געוואָרן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, ווי אַן אידייע, מיט וועלכער מען האָט זיך די גאַנצע צייט אַרומגעטראָגן, און איצט איז געקומען איינער, וואָס האָט זי געמאַכט קלאָר, דייטלעך און זעלבסט־פאַרשטענדלעך. דער שעפער האָט אויך אָנגעצייכנט אַלע וועגן און שטעגן

טעאָדאָר הערצל

וואָס פירן צו איר פאַרווירקלעכונג, און דאָס אַלץ אויף אַ קלאָרן און פשוט׳ן אופן. דאָס איז געווען דער רוף פון דר. טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אַזוי הויך אין דער גאַנצער אידישער וועלט: „אויב איר ווילט, איז דאָס ניט קיין לעגענדע!"

* * *

טעאָדאָר הערצל איז ניט געווען קיין פילאָזאָף און וועגן דער פילאָזאָפיע פון אידנטום האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט. אָבער דאָס איז געווען ביז ער האָט דערהערט אין זיך יענעם רוח־הקודש׳דיקן רוף צו שרייבן זיין קליין ביכעלע, וואָס איז געוואָרן שפּעטער די ביבל פון נייעם פּאָליטישן ציוניזם. הערצל האָט מיט דעם ווערק געוואָלט געבן אַן ענטפער צו ביידע, סיי צו דער אידן־פראַגע און סיי צו דער פּראָבלעם פון אידנטום.

דר. טעאָדאָר הערצל איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעסט (אונגאַרן) אין יאָר 1860. ער איז געווען דער איינציקער זון פון יעקב און דזשאַנעט הערצל (זיין מוטערס נאָמען איז מיידלוויז געווען דיאַמאַנט). ער האָט געקראָגן אַ אידישע דערציאונג אין אַ אידישער נאָרמאַל האַי־סקול און שפּעטער געלערנט אין דער טעכנישער שולע פון בודאַפּעסט, אָבער זיין אידיש וויסן

איז געווען ניט מער ווי פון אַ זונטאָג־שול נעבן אַ רעפאָרם־טעמפּל. אין 1876 איז ער אַריינגעטראָטן אין גימנאַזיע און באַלד פון אָנהויב איז זיין אינטערעס געווען מער אין ליטעראַטור ווי אין עפּעס אַנדערש.

נאָכדעם ווי די הערצל־פאַמיליע האָט זיך איבערגעצויגן קיין ווין, איז ער אַריינגעטראָטן אין דער ווינער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ (לאָאָ). ער האָט געענדיקט אין יאָר 1884 אַלס דאָקטאָר פון געזעץ, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער באַר אַסס׳ן און אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אַלס לאָיער. אָבער זיין אינטערעס אין ליטעראַטור איז געווען שטאַרקער און ער האָט זיך דערמיט פאַרנומען מער ווי מיט זיין לאָאָ אָפּיס. ענדלעך איז ער געוואָרן אַ וועכנטלעכער מיט־אַרבעטער פון „בערלינער טאַגעבלאַט" און אין יאָר 1887 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פעליעטאָן־רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינער צייטונג" אין ווין. ער האָט דעמאָלט אויך געשריבן פּיעסן און עטלעכע פון זיי אויפגעפירט. ער איז שפּעטער אַריבער צו דער „נייע פריייע פּרעסע" און איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער דאָזיקער גרויסער צייטונג. אָבער אין יענער צייט האָט ער געגומען לייענען ווערק, וועלכע האָבן באַהאַנדלט די אידן־פראַגע און די פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט און האָט געגומען וועקן דאָס „פּינטעלע איד" ביי אים אין האַרצן. אין יענער צייט האָט ער זיך באַקענט מיט די פּלענער אויף צו שאַפן אידישע קאָלאָניעס אין בראַזיל, מיט וואָס עס האָט זיך פאַרנומען אין יענער צייט זיינער אַ פריינט, באַקסער. אין דער „נייע פריייע פּרעסע" איז אין יענער צייט אויך דערשינען אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן די אידישע קאָלאָניעס פון באַראָן דע הירש אין אַרגענטינע. עס האָט אויך געלעבט אין יענער צייט אַ גע־שמד׳טער איד וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור וועגן אַ פּראָיעקט צו שאַפן אידישע קאָלאָניעס אין אַראַביע, וועלכע זאָלן מיט דער צייט קאָנען ווערן אַ אידישע מדינה. אַזעלכע פּלענער און אידייען האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן אין דער לופט. הערצל אַליין האָט דעמאָלט באַטראַכט די פראַגע וועגן שאַפן אַ אידישע מדינה אין פּאַלעסטינע אין אַן אַרטיקל אין דער „נייע פריייע פּרעסע" און איז געקומען צום אויספיר, אַז „די היסטאָרישע היימלאַנד פון די אידן האָט ניט מער קיין ווערט פאַר זיי".

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אים דער אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע ווייטער ניט געלאָזט רוען. באַזונדערס האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק די סצענע ווען מען האָט ביי דרייפוס׳ן עפנטלעך צוגענומען זיינע הויכע טיטלען און אים אָפּגעשטעמפּלט אַלס שפּיאָן, און גאָר באַזונדערס ווי אַזוי דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט דעמאָלט זיך דערצו באַצויגן דערמיט וואָס עס האָט כסדר באַטאָנט דאָס וואָס דרייפוס איז אַ איד און געוואָרפן פיל שמוץ אויף אַלע אידן. דעמאָלט איז ביי הערצל׳ען געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו

שרייבן זיין דראַמע „דאָס נייע געהעטאָ". דאָס האָט ביסלעכווייז געפירט דערצו, אַז ער האָט אין יאָר 1896 מיטאַמאָל זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן זיין „יודענשטאַט", וואו ער ברענגט אַרויס קלאָר מיט אַלע איינצלהייטן זיין אידייע וועגן שאַפן אַ אידישע מדינה, וואוהין אַלע גע'רודפ'טע אידן זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט אויסצולעבן זיך פריי אַלס אידן, און ניט מער גע'רודפ'ט ווערן פון אַנטיסעמיטישע קריסטן.

* * *

אין זיין „יודענשטאַט" האָט הערצל ניט געזוכט צו געבן אַן ענטפער בלויז צו דער אידן־פראַגע, נאָר אויך צום אידנטום. ער קומט צום ערשטן אַרויס מיטן געדאַנק, אַז די אידישע פּראָבלעם דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס אַ פּאָליטישע וועלט־פראַגע, מיט וועלכער עס דאַרפן זיך פאַרנעמען די לענדער פון דער וועלט. ער שטעלט דאָרטן פעסט, אַז היות די אידן וועלן ניט פאַרשווינדן פון דער וועלט, ווי די אַנטיסעמיטן ווילן און האָפן, און היות אַסימילאַציע איז ניט די לייזונג צו דער פראַגע, ווייל עס איז נאָר מעגלעך פאַר אַ קליינעם טייל פון אידישן פאָלק, הויפּטזעכלעך פאַר יענע קרייזן וואָס האָבן שוין דערגרייכט צו אַ הויכער שטופע אין דער געזעלשאַפט, מוז מען דעריבער זוכן אַן אַנדער לייזונג. די רדיפות און גזירות וועלן ניט פאַרענטפערן די אידן־פראַגע. זיי טוען נאָר דאָס פאַרקערטע, זיי ברענגען די אידן צוריק צו זייער אייגענער לערע און צו זייער אָפּגעזונדערטקייט. דאָס אידישע פאָלק האָט אין זיך נאָך גענוג לעבנס־קראַפט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן יעדן ווילן עס צו פאַרניכטן. עס קאָנען אַראָפּפאַלן בלעטער פון בוים, אַפילו צווייגן, אָבער דער בוים וועט בלייבן. ווייטער, זאָגט הערצל, זעען מיר, אַז די איצטיקע עקאָנאָמישע לאַגע אין דער וועלט האָט געשאַפן אַ אידישן מיטל־קלאַס, וואָס פירט אַ שטאַרקע קאָנקורענץ מיטן קריסטלעכן מיטל־קלאַס. אַזוי אַרום גייט אַן אַ קאַמף צווישן ביידע לאַגערן. די אידן ווערן אויך פאַרפאָלגט פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטייט אויף צוזאַמען מיט דער קליינער און גרויסער בודזשואַזיע. די גלייכע רעכט וואָס אידן האָבן איז ניט אומעטום גענוג שטאַרק צו פאַרמיידן אַנטיסעמיטישע אַרויסטרע־טונגען און איז אַנדערש אין יעדן לאַנד באַזונדער. דער איינציקער וועג צו לייזן די אידן־פראַגע און דערמיט אויך צו העלפן אייראָפּע און אַנדערע לענדער צו באַפרייען זיך פון אַנטיסעמיטיזם איז — אַז די אידן זאָלן אויס־וואַנדערן אין אַן אייגן לאַנד, וואו זיי זאָלן לעבן פאַר זיך אַליין באַזונדער, אַלס אַ פאָלק. אין דעם זין האָט ער פאַרגעשלאָגן צו שאַפן אַ „געזעלשאַפט פון אידן" און אַ „אידישע קאָמפּאַניע", וועלכע זאָלן זיין די אויספירער פון דעם פּלאַן. די ערשטע — אַלס לעגאַלע פאַרטרעטערשאַפט פון די אידן און די צווייטע — אַלס אַן עקאָנאָמישער אינסטרומענט אויף צו שאַפן אַזאַ אידיש היימלאַנד. די „געזעלשאַפט פון די אידן" וועט קומען אין באַרירונג מיט די פאָרשטייער פון די גרויסמאַכטן און אַנדערע הערשנדע כוחות מיטן

צוועק צו פאַרווירקלעכן די אידייע. דאָס מיינט, אויף צו קריגן אַ טעריטאָריע, וואוהין די אידן פון אַלע לענדער אין אייראָפּע זאָלן קאָנען אויסוואַנדערן.

דאָס איז דער תמצית פון בוך. אָבער צו גלייכער צייט זעט הערצל אין זיין פּראָיעקט פון אַ טעריטאָריע פאַר די אידן אַ לייזונג, ניט נאָר צו דער אידן־פראַגע, נאָר אויך צום אידנטום. ער זעט, אַז די אידן וועלן ניט קאָנען זיין אידן און אויספירן אַלע פונקציעס פון אידישקייט אין גלות און ער קומט צום געדאַנק, אַז כדי די אידן זאָלן קאָנען זיין אמת'ע אידן, וועט דאָס נאָר מעגלעך זיין ווען זיי וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד.

נאָך מער ברענגט דאָס הערצל אַרויס אין זיין צווייטן ווערק, „אַלט־נײַ־לאַנד", וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך זיין באַזוך אין פּאַלעסטינע אין יאָר 1898. אין דעם בוך גיט הערצל אַ בילד ווי אַזוי דאָס לאַנד וועט אויסזען מיט 21 יאָר שפּעטער. אין „אַלט־נײַ־לאַנד" שילדערט ער פּאַלעסטינע אַלס אַ פרוכטבאַר לאַנד. עס זיינען דאָ גרויסע שטעט, די אַגריקולטור פון לאַנד שטייגט וואָס אַמאָל. עס האָט די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע. עס איז אויך געגראָבן געוואָרן אַ קאַנאַל צווישן „ים המלח" (דער טויטער ים) און מיטללענדישן ים און די כעמישע מינעראַלן פון „טויטן ים" ווערן פון דאָרטן אַרויסגענומען און געשיקט קיין אייראָפּע. דער מחבר גייט אָן ווייטער מיט שילדערן די גרויסע טעכנישע און אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון לאַנד און דערנאָך קומט ער צום גייסטיקן לעבן און ווייזט, ווי אַזוי די אידן לעבן זיך אויס גייסטיק אַלס אידן, אָן מורא פאַר פאַרפאָלגונגען און אָן רדיפות מצד אַנדערע. אַזוי אַרום קומט ביי אים אויס, אַז נאָר אין אַ אידיש לאַנד וועט אידנטום האָבן אַ קיום און קאָנען זיך אַנטוויקלען צו זיין דאָס וואָס עס וויל און דאַרף זיין — אַ „ליכט פאַר די פעלקער".

* * *

אָבער כאָטש דר. טעאָדאָר הערצל האָט אָנגעשריבן זיין ווערק „אַלט־נײַ־לאַנד" מיט דעם גרונט־געדאַנק, אַז פּאַלעסטינע (ווי ארץ־ישראל האָט דעמאָלט געהייסן) איז די טעריטאָריע וועגן וועלכער ער האָט גע'חלומ'ט אין זיין „יודענשטאַט", האָט אָבער אין אמת'ן הערצל, ווען ער האָט געשריבן זיין „יודענשטאַט", גע'חלומ'ט וועגן אַ טעריטאָריע פאַר אידן בכלל און ניט נאָר וועגן ציון. דעריבער ווען עס איז געקומען דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט איז ער געווען שטאַרק פאַר אים. ערשט די „ציוני ציון" פון דער גאַנצער וועלט האָבן אים געוויזן, אַז ביי אידן איז דער געדאַנק פון אומקערן זיך צוריק צו אַ היימלאַנד פאַרבונדן דורכאויס מיט ציון און ירושלים און ניט מיט סתם אַ טעריטאָריע. דעמאָלט ערשט האָט הערצל דאָס פאַרשטאַנען און האָט געביטן זיין מיינונג. פּונקט אַזוי האָט ער אויך ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז העברעאיש איז די שפּראַך פון די אידן, וועלכע דאַרף הערשן אין דער נייער אידישער מדינה.

* * *

די וואָס גאָט בענטשט דערמיט, אַז זיי זאָלן קומען צו דער מענטשהייט מיט גרויסע אידייען און אידעאַלן, ווערן געטיילט אין צוויי לאַגערן. דער ערשטער טייל באַשטייט פון אַזעלכע וואָס זיינען די טרעגער פון גרויסע אידייען, אָבער ווען עס פעלט דערצו דער כח צו טאָן עפּעס אויף צו פאַרווירקלעכן זיי. זיי האָבן די גרויסע פאַנטאַזיע, אָבער ניט די עקזעקוטיווע קראַפט. אין דעם פאַל געשעט אָמאָל, אַז עס קומט איינער וואָס האָט יאָ דעם עקזעקוטיוו כח און נעמט זיך אונטער אויסצופירן די אידייע, דעם חלום פון דעם בעל החלומות און עס מאַכן פאַר אַ ווירקלעכקייט. דעמאָלט ווערט דער וואָס האָט פאַרטראַכט די אידייע גרויס אין די אויגן פון דער מענטשהייט. אָבער אויב עס קומט ניט אַזאַ איינער, אויב עס דערשיינט ניט אַזאַ עקזעקוטיווער כח, בלייבט די אידייע איבער אין די ביכער און דער גרויסער חלומ׳ער ווערט באַטראַכט פאַר אַ פאַנטאַזיאָר. עס איז דעריבער אַ גרויסע מתנה פון גאָט צו איינעם ווען ער גיט אים אי דעם כח פון פאַנטאַזיע און אויך דעם עקזעקוטיוון כח אויף אויסצופירן זיינע חלומות. אָט אַזאַ גרויסע דאָפּלטע מתנה האָט געקראָגן דר. טעאָדאָר הערצל און דעריבער האָט ער זיך באַלד נאָכן שרייבן זיין בוך זיך גענומען אויף אויסצופירן זיין אידייע אין לעבן.

דערמיט הויבט זיך אָן די געשיכטע פון ציוניזם, די קאָנגרעסן, די פאַרשידענע אויפשטייגן און דורכפאַלן פון דער אידייע. דאָס איז אַלץ באַקאַנט און מיר זיינען ניט אויסן דערמיט זיך דאָ צו פאַרנעמען. מיר ווילן נאָר אָנווייזן דערויף, אַז הערצל האָט געקאָנט איינשפּאַנען און געווינען פאַר זיך די הערצער פון פיל פון די בעסטע אידישע כוחות פאַר זיין אידעאַל, וועלכע האָבן שוין מער ניט גערוט — ביז דער דאָזיקער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט אין יאָר 1948, ווען עס איז אַנטשטאַנען די אידישע מדינה.

.13

# אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען אין צווייטן טייל פון דער פילאָזאָפישער עפּאָכע

.1

## די אַנטוויקלונג פון קבלה

נאָך די צוויי עפּאָכען פאַר קבלה, אין בבל פון 8טן ביזן 10טן יאָר־הונדערט, וואו זי האָט ערשט געשטעלט די ערשטע טריט און אין שפּאַניען אין 14טן און אין 15טן יאָרהונדערט, וואו זי איז אויך צוגלייך אַ פילאָזאָפישע פאָרשונג, הויבט זיך אָן אַ נייע צייט פאַר קבלה, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן נאָענט צו פיר הונדערט יאָר, פון ענדע 15טן ביז כמעט צו ענדע פון 19טן יאָרהונדערט. אין דער צייט טיילט זיך די קבלה אויף דריי גרופּן אָדער קרייזן, אין דריי פאַרשידענע לענדער, אין ארץ־ישראל, אין איטאַליען און אין פּוילן. מיר וועלן ריידן דאָ אויספירלעך וועגן יעדן קרייז באַזונדער.

### א. דער צפת'ער קרייז

ביי דער ענדע פון פופצנטן יאָרהונדערט איז פּלוצים די שטאָט צפת אויסגעוואָקסן אַלס שטאָט פון מקובלים. דאָרט האָט זיך באַזעצט דער גרויסער מקובל ר׳ יצחק לוריא אשכנזי, אָדער ווי ער ווערט גערופן ביים פאָלק: „האר״י הקדוש״, מיט זיינע תלמידים, וועלכע האָבן זיך גערופן די „גורי־האר״י״ און האָבן זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט קבלה, מיט נסתר. די שיטה פון האר״י איז באַשריבן געוואָרן אויספירלעך פון זיין נאָענטסטן תלמיד, ר׳ חיים וויטאל, אין זיינע ספרים „פּרי עץ חיים״, „שפע טל״ און „שמונה שערים״. די „גורי־האר״י״ זיינען געוועזן ממש די ערשטע צו שאַפן קאַבאַליסטישע לידער, טיילוויז אין אַראַמיש און טיילוויז אין העברעאיש. עס איז מערקווירדיק, אַז אין אַלע זייערע דיכ־טונגען פילט זיך אַ קריסטלעכער איינפלוס. עס ווערט געזונגען צו דער „מטרוניתא״ („גאָט־מוטער״) און עס ווערט אויך שטאַרק אונטערשטראָכן די „טריניטי״־אידייע. איבערגעטראָגן אויפן אידישן גלויבן, ווי בכלל אַנדערע קריסטלעכע שפּורן.

דער צפת'ער קרייז איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע דיכטער־מקובלים: ר׳ דוד איבן אבו זימרא, ר׳ אליעזר אסקארי, ר׳ אברהם מימון, ר׳ ישראל

נאגארא, ר׳ משה אלשיך (דער מחבר פון באַקאַנטן פירוש אויף דער תורה), ר׳ חיים הכהן, ר׳ מנחם די לאָנסאַנאָ, ר׳ יוסף ידידיה קארמי און ר׳ אהרן ברכיה די מאדענא, אַ חוץ פאַרשטייט זיך, פון דעם רבי, ר׳ יצחק לוריא און זיין הויפּט־תלמיד ר׳ חיים וויטאל.

אַ סך פון די תפלות און שירים פון דער גרופּע זיינען אַריין אין סידור און זיינען אָנגענומען געוואָרן ביים פאָלק. באַזונדערס געפינען זיך זייערע שאַפונגען אין סידור „האר״י״. אַ טייל פון זייערע דיכטונגען זיינען געוואָרן „זמירות״ פון שבת און זיי ווערן געזונגען עד היום פון פיל פרומע אידן אין דער גאַנצער וועלט.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די דיכטער פון צפת׳ער קרייז:

שלמה איבן אבו זימרא איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניען אין יאָר 1479. ווען ער איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז ער צוזאַמען מיט אַלע אידן אַרויס־געטריבן געוואָרן פון שפּאַניען (אין יאָר 1492). ער איז מיט זיינע עלטערן אַוועק קיין צפת (ארץ ישראל), וואו ער האָט געלערנט ביי ר׳ יוסף סאַראַגאָסאָ. שפּעטער איז ער געוואָרן רב אין קאַאירא (עגיפּטן) און דערנאָך — אויבער־ראַבינער איבער עגיפּטן. דעם אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן 40 יאָר. פון דער ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט, זיינען אַרויסגעקומען אַזעלכע גאונים ווי ר׳ בצלאל אשכנזי און ר׳ יצחק לוריא, דער גרינדער פון דעם צפת׳ער קרייז. צו 90 יאָר זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין רב און פאָרט אַוועק קיין ירושלים, וואו ער איז געוואָרן אָנערקענט אַלס איינער פון ראַבינאַט אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ יוסף קאַרא, דער מחבר פון שולחן ערוך (ווערט אויך גערופן דער בית יוסף). ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 110 יאָר.

ר׳ אליעזר אַסקאַרי איז געווען אַ חבר פון ר׳ יוסף קאַראָ און האָט אויך געוואוינט אין צפת. ער איז געווען דער גרינדער פון דער ברודערשאַפט־געזעלשאַפט „סוכת שלום״. ער האָט פאַרפאַסט אַ ווערק „סוכת חרדים״ און איז געווען אַן אָנהענגער פון ר׳ יצחק לוריא.

ר׳ אברהם מימון איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ משה קורדובורא און האָט אויך געלעבט אין צפת אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט.

ר׳ ישראל נאַגאַרא איז געבוירן געוואָרן אין דמשק און געשטאָרבן צום סוף פון 16טן יאָרהונדערט אין עזה, וואו ער איז געווען רב. פילע פון זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף פערסיש, טערקיש און אַראַביש. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ווערק „זמירות ישראל״ (צוויי טיילן). ער איז אויך געווען אַ חזן און געשאַפן אַליין מעלאָדיען, וואָס די ספרדים זינגען נאָך עד היום. לעצטנס האָט מען אין אַמעריקע אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע פאַרשפרייטע ניט־געדרוקטע לידער אונטערן נאָמען „חזמונים״.

ר׳ יצחק לוריא פלעגט זאָגן וועגן ר׳ ישראל נאַגאַראַ׳ס לידער: „זיינע לידער זיינען זייער אָנגעזען אין הימל״.

ר׳ משה אלשיך איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ יוסף קאַראָ און לערער פון ר׳ חיים וויטאַל. ער איז געווען רב אין צפת אין דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט.

ר׳ חיים הכהן פון אַלעפּאָ איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ חיים וויטאַל. ער האָט צונויפגעשטעלט דעם סידור האר״י.

ר׳ מנחם בן יהודה די לאָנסאַנאָ איז נפטר געוואָרן אין ירושלים אין יאָר 1608. ער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט, לעקסיקאָגראַף, ביבליאָגראַף, גראַמאַטיקער און אַ דרוקער. ער האָט געשאַפן אַ ווערק „שתי ידות״.

ר׳ יוסף ידידיה בן יקותיאל קאַרמי איז נפטר געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט. ער האָט געשטאַמט פון איטאַליען און איז געווען אַ חזן. ער איז געווען אַ גרויסער קאַבאַליסט און אַן אָנהענגער פון ר׳ יצחק לוריא׳ס לערעס.

ר׳ אהרן ברכיה בן משה ממודינאַ איז געווען אַ שוואָגער פון ר׳ יוסף ידידיה קאַרמי און איז אויך געווען אַ חזן. ביידע האָבן געשאַפן אייגענע פּיוטים און שירים אין קאַבאַליסטישן זין.

## ב. דער איטאַליענער קרייז

אַ גאַנץ אַנדערער קרייז איז געווען דער פון די מקובלים פון איטאַליען. די גרופּע באַשטייט אַממערסטן פון דיכטער, וואָס האָבן געלעבט אין איטאַליען אין 17טן יאָרהונדערט. זיי זיינען: משה זכותא, דניאל אַלמאַ, ישראל בנימין באַסאַני, אליעזר בן גרשון חפץ, משה חיים לוצאַטאָ, אפרים לוצאַטאָ, שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל) און אַנדערע.

דער דאָזיקער קרייז איז שוין גאָר אַן אַנדערער. ער שטייט דירעקט אונטער דער השפּעה פון דער רענעסאַנס-באַוועגונג. דאָס רוב דיכטער פון דעם קרייז זיינען מענטשן פון גרויסער בילדונג. אין קעגנזאַץ צום צפת׳ער קרייז זיינען דאָ פאַראַן ווייניקער תלמודיסטן און רבנים, אָבער דערפאַר פיל מער מיט וועלטלעכער בילדונג, און זייער באַציאונג צו קבלה און מיסטיק איז גאָר אַן אַנדערע.

מיר וועלן ברענגען דאָ אַ פּאָר שטריכן וועגן יעדן פון די קאַבאַליסטן, פון איטאַליענישן קרייז:

ר׳ משה בן מרדכי זכותא, געבוירן געוואָרן אין אַמסטערדאַם אין יאָר 1625, פון שפּאַנישער אָפּשטאַמונג. אַ חבר פון ברוך שפּינאָזאַ. געקראָגן אַ תלמודישע און וועלטלעכע דערציאונג. ווען ער האָט זיך גענומען צו קבלה, האָט ער געפאַסט 40 טעג, כדי צו פאַרגעסן לאַטיין. ער איז געווען רב אין ווענעדיג און אין מאַנטואַ. קבלה האָט ער געלערנט ביי ר׳ חיים וויטאַל׳ס אַ תלמיד, ר׳ בנימין הלוי. ער איז אויך אַ צייט-לאַנג געווען אַן אָנהענגער פון שבתי צבי. ער האָט געשאַפן פיל ספרים.

דניאל בן אברהם אַלמאָ איז געווען רב און פּראָפעסאָר פון דער ראַבינער־שולע אין פערראַראַ. ער איז אויך געווען אַן אָנהענגער פון שבתי צבי. ער איז דער מחבר פון ספר „עדן ערוך“.

בנימין בן ישעיה באַסאַני איז געווען רב אין רעדזשיאָ, אַ יוגנט־פריינט פון ר׳ משה חיים לוצאַטאָ און אויך אַן אָנהענגער פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

ר׳ משה חיים לוצאַטאָ איז באַרימט ווי אַ גרויסער דיכטער און מאָראַל־לערער. ער איז אַ מחבר פון פיל ספרים. מען האָט אים חושד געווען אַז ער איז געווען אַן אָנהענגער פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

אפרים לוצאַטאָ האָט שטודירט מעדיצין אין איטאַליען. שפּעטער גע־פאָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער איז געווען דאָקטאָר אין שפּיטאָל פון דער פּאָרטו־געזישער געמיינדע. ער איז געווען אַ באַגאַבטער דיכטער און געצויגט צו מיסטיק. ער האָט געשאַפן אַ ווערק „אלה בני הנעורים“, פון האַלב־מיסטישע און גאַנץ־מיסטישע לידער. באַזונדערס איז כאַראַקטעריסטיש זיין ליד „אודה על פשעי“, וואו ער רעדט פון זיין געוויסן־ביסן אויף יוגנט־זינד.

שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל) איז אַ גוט־באַקאַנטע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען איינער פון די געציילטע אידישע געלערנטע אין זיין צייט; געווען פּראָפעסאָר פון דער ראַבינער־שולע אין פּאַדואַ; איינער פון די גרינדער פון דער מאָדערנער אידישער וויסנשאַפט. געווען נוטה צו מיסטיק און געשריבן קאַבאַליסטישע לידער.

אליעזר בן גרשון חפץ האָט געשאַפן ווערק אויף פילאָזאָפישע מאָטיוון מיט דער קאַבאַליסטיש־פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע. זיינע לידער זיינען אַ הימן צו דער געטלעכקייט (ווי גרויס איז דיין ווירקונגס־קראַפט, שדי!), אָדער צו דער נשמה, אָדער „צום טאָג פון געבורט“ (אין אַ פילאָזאָפישן זין) א. ד. גל.

פון אָט־די קורצע שטריכן וועגן דעם איטאַליענישן קרייז איז צו זען, אַז זיי זיינען געווען געלערנטע אין וועלטלעכן זין. זיי זיינען דעריבער נענטער צו דער שפּאַנישער עפּאָכע.

## ג. דער פּוילישער קרייז

גאָר אַן אַנדערער איז דער פּוילישער קרייז. ער הויבט זיך אָן מיט דער אַנטשטייאונג פון בעל שם טוב (בעש״ט) און ציט זיך דורך דער גרינדונג פון די פאַרשידענע רבי׳שע דינאַסטיעס אין דער נייער חסידישער באַוועגונג.

דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרן אין דער אַנדערער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. די הויפּט־אידייע פון זיין שיטה באַשטייט פון צוויי פּונקטן: דינען גאָט פון האַרצן און לעבן מיט פרייד. אַרום דער שיטה האָט זיך געשאַפן נייע לידער און נייע ניגונים — לידער פון בענקשאַפט און ניגונים פון פרייד אין אַ קאַבאַליסטישן זין.

אַ טייל פירער פון דעם קרייז זיינען: דער מעזריטשער מגיד, ר׳ יעקב יוסף פולנאָהער, ר׳ פנחס׳ל קאָרעצער, ר׳ אהרן קאַרלינער, ר׳ שניאור זלמן מליאַדי און די ליובאַוויטשער דינאַסטיע, ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער ר׳ נחמן בראַסלאָווער און דאַן די דינאַסטיעס פון די גאַליציאַנער און פוילישע רביים: די ריזשינער דינאַסטיע, די סאַדיגורער דינאַסטיע, די מונקאַטשער ועל כולם דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק, גאַליציען, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־זיילן פון חסידיזם. פון די פוילישע רביים דאַרף מען דער־מאָנען: דעם „חוזה״ פון לובלין, דעם איד הקדוש, דער רבי ר׳ בונם פון פּשיסכאַ, דער קאָצקער רבי, ר׳ מענדעלע און די דינאַסטיע פון גער (גורא קאַלוואַריאַ).

דער לעצטער קרייז באַלאַנגט צו דער חסידות־באַוועגונג, וואָס איז קאַבאַליסטיש אויף איר אופן.

.2

## מוסר־ספרים

אַ באַזונדערע צווייג אין דער אידישער ליטעראַטור זיינען די ספרים, וועלכע לערנען דעם איד צו האָבן גוטע מידות און אין וועלכער עס ווערט אויך געזאָגט מוסר און שטראָף־רייד צו די וואָס זינדיקן אָדער אַפילו צו די וואָס פאַרשווענדן זייער לעבן אויף דער וועלט מיט גאָרנישט, אָן תורה און אָן חכמה. די ספרים ווערן ביים פאָלק אָנגערופן „מוסר־ספרים״. זיי זיינען דערשינען פון צייט צו צייט ביי אידן פון גאָר אַלטע צייטן אָן, אַזוי אַז עס איז איצט שוין דאָ פון זיי אַ גאַנצע ליטעראַטור. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז ספרים מיטן נאָמען „ספר המוסר״ אַליין זיינען פאַראַן ביי אונז אַן ערך צוואַנציק, געשריבן פון פאַרשידענע מחברים פון גאָר אַלטע צייטן ביז איצט.

מיט זאָגן מוסר־רייד צום עולם האָבן זיך פאַרנומען ביי אונז אַלע אונזערע גדולים, ווי דער רמב״ם, דער רמב״ן, ר׳ יצחק אברבנאל און פיל אַנדערע. אָבער עס איז דאָ אַ גאַנצע רייע פון אַזעלכע ספרים, וועלכע זיינען באַזונדערס באַליבט ביים פאָלק און האָבן זיך אַמאָל געפונען כמעט אין יעדן אידישן הויז, ווי למשל, ראשית חכמה פון ר׳ אליהו בר׳ משה די ווידאַש; שבט מוסר פון ר׳ אליהו בר׳ משה הכהן, אַ דיין פון איזמר (סמירנא), געדרוקט צום ערשטן מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; „קב הישר״ פון ר׳ צבי הירש בר׳ אהרן שמואל קיידאַנאָווער; מסילת ישרים פון ר׳ משה חיים לוצאַטאָ און „חשבון הנפש״ פון ר׳ מענדיל לעווין. פון די גאָר אַלטע ספרים דאַרף מען דערמאָנען דעם „תיקון מדות הנפש״ פון ר׳ שלמה בן גבירול און אַפילו דעם „חובת הלבבות״, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ מוסר־ספר.

צו די מוסר־ספרים וואָס די אידישע פרויען האָבן אין זיי אַממערסטן געלייענט, דאַרף מען רעכענען דעם „צאינה וראינה" פון ר' יעקב בר' יצחק אשכנזי פון פראָג, וואָס כאָטש עס איז אַ מין פירוש אויף דער תורה אין אידיש, איז ער דאָך ביי די פרויען אָנגענומען ווי אַ מוסר־ספר. דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן ספר מנורת המאור פון ר' יצחק אבוהב, וועלכעס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אידיש פון פאַרשידענע מחברים, און עטלעכע מאָל געוואָרן איבערגעדרוקט.

עס איז דאָ אויך אַ ספר מנורת המאור פון ר' ישראל בר' יוסף אלנקוה, וואָס איז אַ מוסר־ספר אויפן שטייגער פון ראשית חכמה, איינגעטיילט אין שערים און יעדער שער אין עטלעכע פרקים און איז אויך עטלעכע מאָל געדרוקט געוואָרן און איז באַליבט געוואָרן ביי פשוטע אידן און באַזונדערס ביי פרויען.

**
*

אָבער דאָס איז אַלץ בלויז וועגן ספרים וואָס זאָגן מוסר, אָבער אין יאָר 1842 האָט זיך געפונען אַן אָנגעזעענער פירער ביי אידן, ר' ישראל סאַלאַנטער (ליפקין), וועלכער האָט דערקלערט, אַז לייענען מוסר־ספרים אַליין איז נישט גענוג, מען דאַרף שאַפן חברות פאַר מוסר און ער האָט טאַקע געשאַפן אַ באַוועגונג וואָס רופט זיך „מוסרניקעס". די ערשטע חברה האָט ער געשאַפן אין ווילנא. שפּעטער האָט ער געגרינדעט נאָך אַזאַ חברה אין קאָוונאַ. ער האָט באַלד געוואונען פאַר זיין אידייע פיל אידישע בחורים און איידעמס אויף קעסט, וועלכע זיינען געוואָרן באַגייסטערט פאַר זיינע רייד און האָבן זיך פאַרנומען מיט זאָגן מוסר צום עולם און אויך צו לערנען מיט ישיבה־בחורים יעדן טאָג אַ פרק אין מוסר. ביסלעכווייז האָט די נייע באַוועגונג זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט און פיל ישיבות האָבן איינגעפירט דאָס לערנען מוסר אַלס אַ טייל פון די לימודים. איינער פון די הויפּט־אָנפירער מיט דער באַוועגונג איז געווען ר' יצחק בלאָזער, אַ תלמיד פון ר' ישראל סאַלאַנטער. עס האָט זיך באַלד אויך געפונען אַ איד אַ גביר מיטן נאָמען לאַכמאַן, וואָס האָט געגעבן 10 טויזנט רובל אויף צו שאַפן אַזאַ ישיבה אין סלאָבאָדקע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר' יצחק בלאָזער. אָט־די ישיבה האָט עקזיסטירט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די מוסר־באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן פון זיך פיל אָנגעזעענע טוער פאַר דער אידייע, ווי ר' שמואל לובצער פון ווילנא; ר' אלכסנדר משה לפידות פון ראזין; ר' יעקב יוסף — דער געוועזענער רב הכולל פון ניו־יאָרק; ר' נפתלי אַמסטערדאַם פון סלאָבאָדקע און באַזונדערס ר' שמחה זיסל פון קעלם, וואָס האָט אין דער קעלמער ישיבה געזאָגט יעדן טאָג אַ פאַרציע מוסר.

אין אָנהויב האָט די מוסר־באַוועגונג געהאַט אויסצושטיין אַ קאַמף פון אַ טייל פון די גרויסע רבנים, וועלכע זיינען געווען קעגן דער שיטה. צווישן די קעגנער איז אויך געווען ר' יצחק אלחנן פון קאָוונאַ. אָבער ביסלעכווייז

האָט די קעגנערשאַפֿט אויפֿגעהערט און היינט צו טאָג געפֿינען זיך „מוסר־ניקעס“ אין פֿיל לענדער וואו אידן וואוינען. אַזאַ ישיבה איז אויך דאָ אין ניו־יאָרק און איינע אָדער צוויי אין מדינת ישראל. די מיטגלידער פֿון דער באַוועגונג באַגנוגענען זיך אָבער נישט בלויז מיט זאָגן מוסר צו אַנדערע, נאָר זיי טוען עס אויך. עס זאָל הייסן, אַז זיי האָבן ביי זיך אַזעלכע נאָטיץ־ביכלעך, וואו זיי פֿאַרשרייבן וועלכע מידות זיי דאַרפֿן זיך נאָך דערוואָרבן און פֿון וועלכע שלעכטע אייגנשאַפֿטן זיי דאַרפֿן זיך דערווייטערן און קוקן אַלע מאָל אין זיי אַריין, כדי צו זען וואָס זיי האָבן שוין דער־גרייכט אין זייער טעטיקייט. די הויפּט־אייגנשאַפֿטן, וואָס די „מוסרניקעס“ זוכן צו דערוואָרבן, זיינען: צו האָבן מנוחת הנפֿש; צו טאָן אַלץ מיט אַ סדר; צו האָבן געדולד; צו האַלטן זיך און אויך די קליידער ריין; צו זיין באַשיידן; צו זוכן אַלע מאָל גערעכטיקייט; צו זיין עקאָנאָמיש; צו זיין ענערגיש אין לערנען און אין טאָן טובות צו מענטשן; צו קאָנען שוויגן ווען מען דאַרף; אויסצוהערן יענעמס רייד ביז ער ענדיקט און צו זאָגן שטענדיק דעם אמת.

# שלום־וואָרט

## .1

## איז אידישקייט סטאַטיש אָדער דינאַמיש ?

נאָך אין גאָר אַלטע צייטן איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע : וואָס אַזוינס איז אידישקייט ? איז אידישקייט אַ פאַרשטיינערטע זאַך, אַ באַרג מיט געזעצן, וואָס דער איד דאַרף אָפּהיטן, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט, און צי ער פאַרשטייט זיי אָדער נישט, אָדער עס איז אַן ענין פאַר דעם מענטשן, וואָס דאַרף עס פילן און זיך דערין אויסלעבן ? מיט אַנדערע ווערטער : איז אידישקייט אַ סטאַטישע זאַך, אָדער אַ דינאַמישער כח ? איז עס אַן אָפּגעשטאַנען טייכל, אָדער אַ לעבעדיקער ים־שטראָם ? — און פון די גאָר אַלטע צייטן אָן, פון די סאַמע עלטסטע קוואַלן, טאַקע פון די צייטן פון תנ״ך און שפּעטער פון משנה און תלמוד איז געקומען צו אונז דער ענטפער : אידישקייט איז אַ דינאַמישע קראַפט ! אידישקייט איז אַ קוואַל פון לעבן. אידישקייט איז אַ לערע, וואָס איר הויפּט־פּרינציפּ איז די צופּאַסונג צום לעבן.

אידישקייט גיט דעם אידן דריי זאַכן : 1) אַ העכערן אינהאַלט אין לעבן ; 2) אַ וועג ווי אַזוי צו לעבן אַליין ; און 3) אַ וועג ווי אַזוי צו לעבן מיט מיט־מענטשן.

דער העכערער וועג פירט דורך ליבע צו גאָט. אידישקייט פּרעדיקט נישט נאָר אַז גאָט איז איינציק און אַז גאָט איז נישט קיין גוף און אויף אים איז נישט חל אַלע באַגריפן, וואָס זיינען שייך צו אַ גוף ; נאָר אַז ער איז דער מקור פון אַלעם און איבער אַלעם און מיר קאָנען אים נישט פאַר־שטיין, ווייל כאָטש מיר זיינען געשאַפן פון אים, האָבן מיר אָבער נישט קיין אַנונג וועגן אים.

וואָס עס איז שייך צו דער צווייטער לערע, ווי אַזוי דער מענטש זאָל זיך פירן בנוגע זיך אַליין, האָבן מיר אין דער תורה אַ גאַנצע רייע פון געזעצן וואָס זיינען געצילט פאַר דעם צוועק. אַזעלכע אויסדרוקן ווי : „ושמרתם לנפשותיכם״ (איר זאָלט אָפּהיטן אייערע לייבער), „ובחרת בחיים״ (דו זאָלסט אויסוויילן דאָס לעבן) און נאָך אַנדערע, ווייזן אַן אויף דער דאָזיקער ריכטונג. פיל פון די געזעצן פון דער תורה האָבן אַ סוף פסוק : „למען ייטב לך ולבניך אחריך״ — כדי עס זאָל זיין גוט דיר און צו דיינע קינדער נאָך דיר.

דער דריטער וועג פון אידישקייט איז ווי אַזוי צו לעבן מיט מיט־מענטשן, ווי אַזוי דער יחיד זאָל האַנדלען בנוגע אַ יחיד און ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען בנוגע אַ רבים און אויך, ווי אַזוי אַן עדה זאָל זיך אויפפירן. מיר געפינען וועגן דעם אַזעלכע געזעצן, ווי : „צדק צדק תרדוף״ (דו זאָלסט זיך יאָגן נאָך ערלעכקייט) ; דו זאָלסט נישט האָבן קיין צוויי מאָסן ; דו זאָלסט

נישט באַרויבן דיין ברודער דורך נעמען גרויסע פּראָצענטן; דו זאָלסט נישט זאָגן פאַלש עדות אויף דיין פריינט; דו זאָלסט נישט גלוסטן אַלץ וואָס עס געהער צו דיין פריינט; דו זאָלסט ליב האָבן דעם פרעמדן, און אַזוי ווייטער, אַלץ געזעצן וואָס עס זיינען שייך צווישן איין מענטש און אַן אַנדערן. אין אַט דער גרופּע פון געזעצן גייען אַריין אויך די, וואָס זיינען שייך צום לעבן פון אַן עדה. און אין זיי גייען אויך אַריין די ימים־טובים, וועלכע זיינען אַלע מאָל געווען ביי אידן, פאָלקס־פאַרוויילונגען.

אָט דאָס אַלץ איז די פילאָזאָפיע פון אידנטום.

די פילאָזאָפיע פון אידנטום איז אַ לעבנס־פילאָזאָפיע. זי איז גאַנץ אַנדערש פון דער גריכישער און אַנדערע פילאָזאָפיעס דערמיט, וואָס זי גריבלט זיך נישט אין דער אַנטשטייאונג פון די דערשיינונגען, נאָר אָנערקענט זיי אַלס פאַקט און טראַכט, ווי אַזוי זיי אויסצוניצן לטובת דעם מענטשן. די גריכן האָבן גע׳חקר׳ט וועגן דער גאָטהייט און דערפאַר נישט געהאַט קיין גאָט און ממילא אויך נישט קיין בענקשאַפט צו גאָטהייט. די אידן האָבן אָט דעם גאַנצן טייל פון דער חקירה פאַרוואָרפן. זיי האָבן אָנגעזאָגט נישט צו פרעגן „מה למעלה ומה למטה?" — וואָס איז אויבן און וואָס איז אונטן. זיי האָבן אָנגענומען די גאָטהייט אַלס דאָס העכסטע אין דער וועלט און אויפגעהויבן הויך דאָס שטרעבן צו דער געטלעכקייט. דערמיט האָבן זיי איבערגעיאָגט די גריכן. די גריכן זיינען געווען טרוקענע מוחות, בעת די אידן זיינען אויך געווען פאָעטישע דענקער און פיין־פילנדיקע זינגער, און דערפאַר האָט נאָר ביי אידן געקאָנט געשאַפן ווערן אַזאַ וועלט־בוך פאַר אינערלעכער היילונג ווי „תהלים", ווען פון די גריכן איז געבליבן נאָר טויטע חקירות, וואָס זאָגן גאָרנישט.

דעריבער זעען מיר, אַז דאָס אידנטום האָט איינגענומען די וועלט. אידנטום איז געוואָרן די מוטער פון אַלע רעליגיעס אין דער ציוויליזירטער וועלט.

2.

## וואָס די אידן און אידנטום האָבן געגעבן דער וועלט

עס איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן דעם, וואָס די אידן און דאָס אידנטום האָבן געגעבן דער וועלט, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: דער אָנטייל פון די אידן און אידנטום אין דער וועלט־ציוויליזאַציע.

אָן פיל צו טראַכטן, וויס יעדער איינער, אַז די אידן האָבן געגעבן דער וועלט, צום ערשטן, די קאָנסטיטוציע פון אונזער ציוויליזאַציע; דעם פונדאַמענט אויף וואָס אונזער גאַנצער לעבן איז אויסגעבויט, נעמלעך: די צען געבאָט. די „עשרת הדברות", וואָס גאָט האָט געגעבן צו די אידן דורך משה רבינו אויפן באַרג סיני, זיינען נישט געווען צו די אידן אַליין, נאָר צו דער גאַנצער וועלט, צו אַלע פעלקער און נאַציאָנען וואָס ווילן פירן אַ

ציוויליזירט לעבן. אָט די געזעצן זיינען דער יסוד פון יעדער ציווילער געזעל־שאַפט. אָן זיי איז — אַנאַרכיע, ווילדקייט און אויסגעלאַסנקייט. אָן זיי איז נישטאָ קיין שום ציוויליזירט לעבן.

***

נאָך די צען געבאָט קומט די תורה, וואָס איז אויך ווי די צען געבאָט געגעבן געוואָרן צו די אידן און דורך זיי און פון זיי — צו דער וועלט, צו אַלע פעלקער וואָס לעבן אויף איר.

וואָרום וואָס איז די תורה? — אַ וועג פון לעבן, אַ לערע ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט מיט אונזערע מיט־מענטשן אין האַרמאָניע און אין אַ גוטן גייסט.

די נביאים זיינען געווען די שליחים פון גאָט צו ברענגען צו זיי זיין וואָרט. די נביאים האָבן גערעדט נישט נאָר צו די אידן, נאָר אויך צו אַלע פעלקער. זיי האָבן איינגעזען, אַז עס קאָן נישט זיין אַ וועלט פון גערעכטיקייט, אויב אַלע פעלקער וועלן נישט אַזוי טאָן. אויב די אידן זאָלן זיך פירן לויט גערעכטיקייט און די גאַנצע וועלט — נישט, וועלן נישט די אידן און נישט די וועלט קאָנען עקזיסטירן. דעריבער איז אַלע מאָל געווען דאָס וואָרט פון די נביאים צו אַלע פעלקער.

און כתובים — אויך דאָס האָבן די אידן געגעבן דער וועלט. דאָס ספר תהלים איז אַ געבעט און געזאַנג־בוך פאַר אַלע. „איוב" איז די גרויסע טראַגעדיע פון דער גאַנצער מענטשהייט. „משלי" זיינען קלוגע רייד פאַר אַלע מענטשן אויף גאָטס ערד צו געבן זיי אַ וועג אין לעבן — און אַזוי זיינען אויך אַלע אַנדערע ספרים.

***

און דערנאָך האָבן די אידן אויך געגעבן דער וועלט דאָס קריסטנטום און מאַכמעדאַנענטום, וועלכע זיינעןביידע אידישע שאַפונגען.

איינער פון די סאַמע גרויסע גייסטער פון קריסטנטום אין דער הייַנטיקער צייט, דער ערשט־נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער רעוו. דר. דזשאָן האָינס האָלמס, האָט אין זיינער אַן עסעי „קריסטנטום'ס חוב צו אידנטום — פאַר־וואָס נישט אָנערקענען עס?" אַרויסגעבראַכט דעם גאַנצן אמת וועגן דעם עצם פון קריסטנטום, וואָס איז אין שורש גענומען אין גאַנצן פון אידנטום, נאָר מיט אַ צומישונג פון געצן־דינעריי. פון זיין גרויסן אַרטיקל וועלן מיר דאָ ברענגען אַ פּאָר הויפּט־שטריכן:

„...די קריסטלעכע רעליגיע, דאַרף מען וויסן, איז אין אמת'ן אידיש אין איר שורש און אינהאַלט. עס איז נאָר אַ צופאַל, וואָס זי איז נישט געבליבן דאָס, וואָס זי איז געווען אין אָנהויב — אַ טייל און אַ חלק פון דער אידישער וועלט. איצט, אַז זי איז איינע פון די באַזונדערע רעליגיעס פון דער מענטשהייט, דאַרף מען דערמאָנען כסדר ווער אירע עלטערן זיינען געווען און מען דאַרף אָפּגעבן כבוד צו איר אָפּשטאַם.

...דאָס ערשטע וואָס מען דאַרף געדענקען איז, אַז יעזוס איז געווען אַ איד און זיין פאָטער האָט געהייסן יוסף.

...יעזוס איז נישט נאָר געווען אַ אידיש קינד פון געבורט, נאָר זיך אויפגעפירט ווי אַ איד. זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע אידן און אַזוי האָבן זיי אויפגעצויגן זייער זון ישוע. ער איז געגאַנגען מיט זיי שבת אין שול אַריין דאַווענען און הערן לייענען די תורה. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו פּרעדיקן זיינע אידייען, ווי ווייט עס איז באַקאַנט, דורך ריידן צום עולם אין שול פון כפר נחום און אויך אין אַנדערע שולן. ער פלעגט לייענען פאַרן עולם שטעלן פון ישעיה הנביא.

...איצט וועגן קריסטנטום. מיר האָבן אַלץ גענומען פון די אידן. אונזער קירכע איז נאָכקאָפּירט די אידן. מיר האָבן אַ קירכע, ווייל מיר האָבן קאָפּירט די שול. מיר היטן אָפּ זונטאָג, ווייל מיר האָבן פאַרביטן דעם שבת פון די אידן אויף זונטאָג. דער אונטערשייד איז, וואָס שבת איז דער לעצטער טאָג פון דער וואָך נאָך זעקס טעג אַרבעט, ווי עס שטייט אין דער תורה, און זונטאָג איז דער ערשטער טאָג פון דער וואָך, פאַרן אָנהויב פון דער אַרבעטס־וואָך. אָבער זונטאָג־רו איז אין תוך שבת־רו. די הויפּט־אידייע פון רוען אַ טאָג אין וואָך, איז גענומען פון די אידן.

...איצט לאָמיר אַ קוק טאָן וואָס עס איז אַזוינס קריסטנטום אַליין. וואָס עס לערנט אונז דער נייער טעסטאַמענט. לאָמיר נעמען צוויי הויפּט־פּונקטן פון קריסטנטום, וואָס זיינען דער עיקר פון דער קריסטלעכער לערע. דאָס ערשטער איז די „גאָלדן רול", די העכסטע לערע, דער גרעסטער געבאָט. אָבער די דאָזיקע הויכע מאָראַלישע לערע, וועלכע באַשטייט פון ליב האָבן דיין פריינט, דיין מיט־מענטש, איז נישט בלויז קריסטלעך, וואָרים פּונקט דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אין אַלע אַנדערע רעליגיעס פון דער מענטשהייט: הינדואיזם, זאַראָאַסטריזם, בודיזם, קאָנפוציאַניזם, מאַכמעדאַניזם. אין דער גריכישער לערע, אין דער רוימישער לערע, אין אידנטום און אין קריסטנטום.

די דאָזיקע הויכע לערע, ווי זי ווערט פאָרמולירט אין נייעם טעסטאַמענט, באַשטייט פון פאָלגנדע ווערטער: „אַלץ וואָס דו ווילסט, אַז אַ מענטש זאָל טאָן צו דיר, זאָלסטו טאָן צו אים". דער אידישער העכסטער געבאָט איז נעגאַטיוו: „וואָס דו ווילסט נישט, אַז יענער זאָל טאָן צו דיר, זאָלסטו נישט טאָן צו אים. דאָס איז די גאַנצע תורה, דאָס איבעריקע איז נאָר דערקלערונגען", — עס איז דאָס זעלבע.

דאַן גייט דאָס געבעט וואָס ווערט אָנגערופן אויף ענגליש „לאָרד'ס פּרעיער". אָבער אָט די תפילה איז גענומען פון אידישע קוועלן. יאָ, עס איז נישטאָ קיין איין שורה אין דער גאַנצער תפילה וואָס איז נישט גענומען געוואָרן פון אידן.

...און אַזוי זיינען אויך פיל אַנדערע שטעלן וואָס מיר געפינען אין נייעם טעסטאַמענט גענומען פון אידישע קוועלן, ווי למשל, די שטעלע „גע־

בענטשט זיינען די וואָס טרויערן, ווייל זיי וועלן האָבן נחת״, איז גענומען פון אַן ענלעכע שטעלע אין ישעיה ס״א—ב׳ און פון תהלים ל״ז—י״א און אַזוי קאָן מען אָנווייזן אויף נאָך פיל אַנדערע שטעלן.

ווען די קריסטן קומען זיך צונויף אין קירכע, וואָס זיינען זייערע בעסטע תפילות? — נאָך אַלץ די קאַפּיטלעך תהלים און אַנדערע ענלעכע געבעטן און געזאַנגען, וועלכע זיינען דירעקט און אומדירעקט געקומען פון אידישע קוועלן. דעריבער לאָמיר דאָס אָנערקענען און זאָגן, אַז קריסטנטום איז אין שורש — אידנטום, און אויב די קריסטלעכע רעליגיע האָט געהאָלפן אין ציוויליזירן די וועלט — דאַרף מען אייגנטלעך זאָגן, אַז דאָס איז דער אידישער בייטראָג צו דער וועלט-ציוויליזאַציע״.

**
*

דאָס זעלבע איז אויך וועגן דער אַנדערער גרויסער רעליגיע: מאַכמעדאַנענטום.

ווען מען לייענט דעם קוראַן, וואָס עס איז די ביבל פון איסלאַם, זעט מען כסדר, ווי אַלץ וואָס ער דערציילט איז גענומען פון אידישע קוועלן, אַמאָל פּונקט אַזוי ווי אין דער תורה און אין די נביאים און אַמאָל צעדרייט, איבערגעענדערט און שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט אויך דאָרטן פיל פון די לעגענדעס פון תלמוד, וואָס ער האָט געהערט פון זיינע אידישע פריינט און באַזונדערס פון זיינע צוויי אידישע סעקרעטאַרן, וועלכע האָבן פאַר אים אויפגעשריבן דעם קוראַן (מאַכמעד אַליין האָט ביז זיין טויט נישט געקענט לייענען און שרייבן). אין קוראַן רעדט זיך אויך אָפט וועגן די אידן און אויך שליחות׳ן צו די אידן. ווען ער וויל, אַז די אידן זאָלן גלויבן אין אים, אַז ער איז אַ שליח פון גאָט, זאָגט ער צו זיי: „איר, בני ישראל, געדענקט דאָס גוטע וואָס כ׳האָב אייך געטאָן און היט אָפּ דעם אָפּמאַך מיט מיר און איך וועל אויך אָפּהיטן מיין אָפּמאַך מיט אייך, ווייל איך בין געשיקט געוואָרן צו באַווייזן, אַז אייער תורה איז ריכטיק״ (קוראַן 39). אַזוי זען מיר, אַז מאַכמעד האָט גענומען פון די אידן דעם נוסח און צייט פון די תפילות, נאָר אָנשטאָט וואָס די אידן בעטן צו גאָט דריי מאָל אַ טאָג, האָט ער געהייסן זיינע אָנהענגער בעטן פינף מאָל אַ טאָג. מיר זען אויך, אַז ווען מאַכמעד האָט געמיינט אַז די אידן וועלן האַלטן מיט אים, האָט ער געהייסן זיינע אָנהענגער פאַסטן יום-כפור, אָבער ווען די אידן האָבן נאָך אַלץ נישט געהאַלטן פון אים, האָט ער געהייסן זיינע אָנהענגער צו פאַסטן פריער אין חודש ראַמדאַן. ווען ער איז געווען גוט צו די אידן, האָט ער געהייסן בעטן מיטן פּנים צו ירושלים; שפּעטער האָט ער געהייסן בעטן מיטן פּנים צו מעקקאַ. אָבער מאַכמעד האָט גענומען פיל פון די אידישע געזעצן, ווי למשל, די מצווה פון מילה (אָבער ערשט צו דרייצן יאָר); נישט צו עסן חזיר-פליישׁ און פיל אַנדערע געבאָטן.

דער אידישער געלערנטער דר. אברהם גייגער, איז געווען דער ערשטער

אויפצואווייזן, ווי גרויס עס איז דער טייל וואָס אידנטום פאַרנעמט אין איסלאַם. ער האָט דאָס געטאָן אין זיין ווערק אויף דייטש „וואָס האָט מאהאַמעד אויס דעם יודענטום אויפגענומען" (באָן 1833). זייט דעמאָלט זיינען שוין דערשינען פיל ווערק וועגן דער פראַגע, אַזוי אַז עס איז היינט צו טאָג שוין קלאָר פאַר אַלע, אַז פונקט אַזוי ווי קריסטנטום איז אויך מאַכמעדאַנענטום אַ אידישער פּראָדוקט, און אַז ביידע גלויבנס, קריסטנטום און איסלאַם, זיינען 2 טעכטער פון דער אידישער רעליגיע.

וואָס די אידן האָבן אויפגעטאָן און בייגעשטייערט צו דער איצטיקער וועלט־ציוויליזאַציע אויף די געביטן פון וויסנשאַפט, ליטעראַטור, פּאָליטיק, האַנדל און אינדוסטריע, מעדיצין, פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע, ווי אויך אויף פיל אַנדערע געביטן, וואָלט פאַרנומען גאַנצע ביכער. עס זיינען שוין דאָ פיל אַרבעטן אויף דעם געביט און עס קאָנען נאָך זיין פיל נייע. אין גרונד גענומען איז עס שוין אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז דער יסוד פון אונזער איצטיקער וועלט־ציוויליזאַציע איז אַ אידישע. אָט דאָס איז דער כח פון אידנטום. דאָס האָט אויך געהאַט מיט אַ צייט צוריק דערקענט דער פּאַפּסט פּיוס דער צענטער, ווען ער האָט געזאָגט: „אין גייסטיקן זין זיינען מיר אַלע סעמיטן", וואָס עס האָט געמיינט צו זאָגן — אידן.

* * *

מיטן איצטיקן אומקערן זיך פון די אידן צוריק אין זייער היים, ארץ־ישראל, הויבט זיך אָן אַ נייע גרויסע עפּאָכע אין אידישן לעבן און אין לעבן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. אין דער היינטיקער צעשרויפטער און רואינירטער וועלט הערשט אַ גרויסער וואַקום, אַ ליידיקייט. די וועלט זוכט איצט אַ ניי וואָרט, אַ נייעם זאַג און אַן אידעאַלן אינהאַלט. אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען ישראל איז נאָך געווען יונג און די וועלט אויך אַזוי, האָט דאָס אייביקע אידישע פאָלק דעמאָלט געגעבן דער וועלט, די ביבל, אָט דעם תנ"ך, וואָס וועט לעבן אייביק און וועט אייביק זיין אַ מקור פאַר גערעכטיקייט, ערלעכקייט און שלום. אָבער אויך איצט, וועט ישראל סבא, וואָס האָט באַנייט זיינע כוחות און איז אויפגעשטאַנען פון לאַנגען גלות, יונג און פול מיט לעבן, געבן דער מידער און קראַנקער וועלט, אַ נייעם אינהאַלט אין לעבן. ישראל וועט געבן דער וועלט אַ נייע ביבל, אַ ניי וואָרט פון גרויסן ווערט. די נבואה וואָס איז אַמאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן וועט צוריק באַנייט ווערן. „עתידה הנבואה לחזור לישראל" — די נבואה וועט צוריק קומען צום אידישן פאָלק און די וועלט וועט נאָך פיל הערן און שטוינען. ישראל איז דער אַלטער לערער פון די פעלקער און כאָטש אין לאַנגן גרויסן גלות, האָבן די תלמידים געשלאָגן איבער די הענט פון גרויסן לערער, וועט אָבער ישראל צוליב דעם נישט אויפהערן צו זאָגן צו זיי ווייטער זיין וואָרט און עס וועט נאָך זיין אַזוי ווי דער נביא האָט געזאָגט: „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים".

# ביבליאָגראַפיע

## די ביבלישע עפּאָכע

*Kaminka, A.*, Le Prophète Isaïe, Paris (1915)
*Brigg, C. A.*, General introduction to the study of the Holy Scriptures
*Driver, S. R.*, Introduction to the literature of the Old Testament
*Gray, G. B.*, A critical introduction to the literature of the Old Testament
*Peake, A. S.*, A commentary on the Bible
*Fowler, H. T.*, A History of the literature of Ancient Israel
*Grant, E.*, The Haverford symposium on archeology and the Bible
*Bewer, Julius A.*, The literature of the Old Testament
*Sakheim, A.*, Die Judische Element in der Welt-literature
*Doleschutz, E. Von*, The influence of the Bible on the Civilization
*Brothero*, The Psalms in human life
*Margolis, Max L.*, The Hebrew Scriptures in the making
*Ryle*, Canon of the Old Testament
*Browne, L.*, The graphic Bible
*Kaplan, J. H.*, Psychology of Prophecy (1908)
*Wunsche, August*, Die Schönheit der Bibel (1906)
*Huhn, E.*, Die Messianischen Veissagungen des Israelitisch-Judischen Volkes (1899)
*Duhn, B.*, Kommentator uber Jesaiah, Tubingen (1902)
*Cheyne, Th. K.*, Introduction to the book of Isaiah, London (1895)
*Steinnagel, C.*, Einleitung in das Alte Testament, Tubingen (1912)
*Kittel, R.*, Geschichte des Volkes Israel
*Cornill, C. H.*, Der Israelitische Prophetismus (1896)
*Wellhausen*, Israelitische und Judische Geschichte (1914)
דר. יוסף קלוזנר -- הנביאים, ירושלים (1954).
ל. בן־זאב — מבוא אל מקראי קודש, ווין (תק״מ).
נחמן קרוכמל — מורה נבוכי הזמן.
און אויך די ווערק פון די ביבל־קריטיקער ווי: י. אסטרוק; פראנץ דעליטש; דילמאַנן; נעלדעקע; שרעדער; הענגטענבערג; וואַטקע; קעניג; מאַרטי; נאָוואַק; קאוטזש; בודדע; רענטהאלעט; הויפט; קאַרפּענטער; ה. פּ. סמיטה און פיל אַנדערע.

## די תלמודישע עפּאָכע I און II

*Bruel, J.*, מבוא המשנה
*Braunschweiger*, Die Lehre der Mushnah
*Frankl, Z.*, דרכי המשנה
*Bacher*, Agada d. Tannaiten
*Graetz*, Geschichte der Juden

*Hoffman, D.,* Zur Einleitung in die Halachischen Midraschim
*Jost,* Geschichte des Judentums und seiner Sekten
*Moore, G. F.,* Judaism I and II
*Schuerer, E.,* Geschichte des Judischen Volkes in Zeitalter Jesu Christi
*Strack,* Einleitung in Talmud und Midrasch
*Dalman,* Arbeit und Sitte in Palestine
*Kraus,* Talmudische Archeologie
*Gudeman,* Erziehungswesen der Juden
*Lurie, M.,* Studien zur Geschichte der Wirtschaftlichen und Sozialen Verhaltnisse in Israel—Judischen Reiche
*Josephus,* Antiquities
*Josephus,* War
*Josephus,* Again Apion
*Goldman, F.,* Der Olbau in Palestina zur Zeit der Mischnah
*Weber, W.,* Untersuchungen zur Geschichte des Kaisers Hadrianus
*Eusebius,* Historia Ecclesiae
*Gressman, H.,* Der Ursprung der Israelitisch-Judischen Eschatologie (1905)
*Scheftelow, J.,* Die Alt-Persische Religion und das Judentum (1920)
זאב יעבץ — תולדות ישראל.
אהרן היימאַן — תולדות התנאים והאמוראים.
י. ה. ווייס — דור דור ודורשיו, ברלין (תרפ"ד).
וויטקינד — חוט המשולש.
י. קלוזנר — הרעיון המשיחי בישראל, תל־אביב.

## די פילאָזאָפישע עפּאָכע | און II

*Munk, S.,* Melamges de Philosophie Juive et Arabe (1859)
*Eisler,* Vorlesungen uber die Judischen Philosophen des Mittelalters (1870)
*Neumark, D.,* Geschichte der Judischen Philosophen des Mittelalters
*Husik, I.,* History of mediaeval Jewish Philosophy (1916)
*Smiedl,* Studien uber Judischen, insbesonders Judisch-Arabisheb Religions-Philosophie (1869)
*Guttmann, J.,* Die Judische Religions-Philosophie des Mittelalters (1930)
*Schreiner,* Der "Kalam" in Judischer Literatur (1895)
*Guttman, J.,* Die Philosophie des Salomo ibn Gabirol (1889)
*Wittman,* Die Stellung Avencebrols (ibn Gabirols) in der Entwicklung der Arabischen Philosophie (1905)
*Kaufman, D.,* Die Theologie des Bachia ibn Pakuda (1874)
*Wolfson, H. A.,* Crescas' critique of Aristotle (1929)
*Tanzer,* Die Religions-Philosophie Josef Albo's nach seinem Werk "Ikkarim," systeatisch dargestellt und erlautert (1896)
*Sellin, E.,* Mose und seine Bedeutung fur die Israelitisch-Judischen Religions-Geschichte (1922)

# רעגיסטער פון נעמען

## (אינדעקס)

(די נעמען פון די אבות, די נביאים און די שפּעטער פון תלמוד אַזוי ווי זיי קומען פאַר זייער אָפט אויף די זייטן פון בוך, זיינען זיי דעריבער נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער רשימה)


## א

אַבו איסא — II 135
איסאיסטן — II 135
אברהם בר׳ חייא (אברהם דזשודעאוס) — II 176
אבן עזרא, אברהם — I 31; II 143, 185—193
אבן עזרא, משה — II 143, 185—193
אברבנאל, יצחק, דאָן — I 31; II 260—270
אַבו מאסנור, שמואל — II 201
אברהם גומבינער — II 283
אַבולעפיא, אברהם — II 229— 235
אהרן קאַרלינער — II 404
אהרן ברכיה די מאדעראָ — II 403
אהרן ברכיה די מאדענאָ — II 403
אחד העם — II 389, 395
איבן תיבון, שמואל — II 160, 211
איבן גיאַטילא, משה — I 53
איבן דזשאַסאָס, יצחק — I 53
איד הקדוש — II 406
אייזענשטיין, יהודה — II 145
אַלבו, יוסף — I 31; II 254—259
אלעזר בן נתן — II 282
אַלפאַס, יצחק — II 211
אלמקמץ, דוד — II 273
אליעזר הקליר — II 192
אליעזר אסקארי — II 402
אליעזר בן גרשון חפץ — II 404
איבן אל ראַשיד — II 165
אלימלך פון ליזענסק — II 406
אלכסנדר משה לפידות — II 406
אלשיך, משה — II 403
אשר לעמלין — II 286
אשר בן יחיאל (רא״ש) — II 282
אַריסטאָטעל — II 163, 170

## ב

בחיי אבן פאַקודא — I 31; II 143, 171
בן גבירול, שלמה — I 31; II 143, 177, 184
בן אשר — II 139
בן נפתלי — II 139
בירנבוים, נתן — II 370
בעלי המסורה — I 54
בעלי התוספות — I 22
ברייער, יצחק II 370
בערנע, לודוויג — II 370
בערגסאָן, אַנרי — II 379

## ג

גאונים — II 134, 135
גייגער, אברהם — I 12, 174; II 349, 350, 414
גיקטאַליאַ יוסף בן אברהם — II 266
גערּאנדע, זכריה הלוי — II 211
גער־דינאַסטיע — II 406

## ד

דוד איבן זימרא — II 402
דוד בר׳ שמואל (טורי זהב) — II 283
דוד אבן יחיא — II 285
דוד הראובני — II 287
דוד קמחי — II 285
דונש בן תמים — II 273, 285
דניאל אלמא — II 404
דע ליאן, משה — II 267, 268
דילמאַן — I 54
דעליטש, פראַנץ — I 54

## ה

האומס, דזשאַן האַינס — II 411
האַלדהיים, שמואל — I 12; II 350
הירש, שמואל — II 364, 365

הירש, שמשון רפאל — II 366—373
היינע, היינריך 371, 372
הערץ, הענריעטע — II 370
העגעל, פרידריך — II 342
הערפּאַרד, טרייוואוס — I 267
העס, משה — II 382—388
הערצל, טעאָדאָר — 396—401

ו

וואולגאַטע — I 193
וואָלף, קריסטיאַן — II 319
וויס, אייזיק מאיר — II 351
וויטאַל, חיים — II 402
וועלהויזן — I 54

ז

זוהר — I 48 ; II 266—271
זוהר הרקיע — I 16

ח

חוזה פון לובלין — II 406
חזקיה דע סילוא (פרי חדש) — II 283
חיים הכהן — II 403
חיות, צבי הירש — II 340, 341
חננאל, רבינו — I 27

ט

טעהאדאס — II 286

י

יאַקאָבסאָן, ישראל — II 348
יאָסט, יצחק מרדכי — II 353
ילקוט — I 42
יאָזון שמעון — I 10
יאָזעפוס — I 274, 301
יודגאָן — II 136
יהודה הלוי — I 31 ; II 136, 143, 194—201
יהודה בן נתן — II 279
יהודה חיוג — II 285
יהודה אבן בלעם — II 285
יוסף זרקי — II 285
יונה אבן גנאח — II 285
יוסף כספּי — II 285
יצחק אבוהב — II 292
יעקב פראַנק — II 287
ישראל בנימין באַסאַני — II 404
ישראל נגאַרא — II 402
ישראל בעל שם טוב (בעש״ט) II 326—338
יצחק גיקטיליא — II 285
יעקב בר׳ מאיר (רבינו תם) — II 279
יצחק בר׳ אשר (הריב״א) — II 279
יצחק בר׳ אבא מרי — II 282
ישעיה מטראני — II 282
יצחק בן ששת (ריב״ש) — II 282
יעקב יוסף מפּולנאה — II 406
יעקב יוסף, רב הכולל פון ניו־יאָרק — II 407
יוסף ידידיה קאַרמי — II 403
ישראל בר׳ יוסף אלנקוה (מחבר „מנורת המאור״) — II 407
יעקב בר׳ יצחק אשכנזי (מחבר „צאינה וראינה״) — II 407
יצחק לוריא (האר״י) — II 403

כ

כרמולי — II 206
„כרתי ופלתי״ פון ר׳ יונתן אייבעשיץ — II 283

ל

לוי בן אברהם — II 236
לוי בן גרשון (רלב״ג) — II 236—247
לוי יצחק פון באַרדיטשעוו — II 406
לעווין, רחל — II 370
לייבניץ, גאָטפריד ווילהעלם — II 319
לעסינג, אפרים — II 315

מ

מאיר איסערליש (רמ״א) II 283
מאיר בר׳ ברוך (מהר״ם מרוטענבורג) — II 282
מאיר בר׳ שמואל מרומרוג — 279
מאַרטיראָלאָגיום ראָמאַנאָרום — I 36
מאַרקס, קאַרל — I 6 ; II 373
מור, פוט דזשאָרדזש — I 1
מאַלטער, צבי — II 161
מונק, שלמה — II 181, 206
מינכהויזען פאָן — II 85
מנחם דע לאָנסאָנאָ — II 403
מנשה בן ישראל — II 293
מענדעלסאָן, משה — II 309—325
מענדעלסאָן, דאָראָטעאָ — II 370
מעזריטשער מגיד — II 406

מונקאַטש־דינאַסטיע — II 406
מענדעלע קאַצקער — II 406
משה זכותא II 404
מרדכי בן הלל („מרדכי") — II 282
משה רבקש (באר הגולה) II 283
נחמן בראַסלאַווער — II 406

## נ

נעלדעקע — I 54
נפתלי פון אַמשטערדאַם — II 407

## ס

סאָקראַטעס — I 163
סוויפט, יאָנאַטאַן — II 85
סאַדיגור־דינאַסטיע — II 406
סמאָלענסקין, פרץ — II 324
סעדיה גאון — I 27 ; II 155—170
ספר יצירה — I 22

## פּ

פאַלקיירא, שם טוב בן יוסף — II 181
פּאַפּסט ניקאָלאַי III — I 234
פּאַפּסט מאַרטין IV — II 234
פּאַפּסט בענעדיקט XIII — II 249
פּאַפּסט קלעמענס V — II 238—244
פּלאַטאָן — I 305 ; II 163, 170
פילאָן — I 274
פּאַרמשטעכער, שלמה — II 361
פרידלענדער, דוד — II 347
פרי מגדים — II 283
פראַנקל, זכריה — II 353
פנחס מקאָריץ — II 406

## צ

צונץ, לעאָפּאָלד — II341, 353

## ק

קאָוטזש — I 54
קיטעל — I 54
קאַראַאימער I 23 ; II 137, 138
קאָהען, הערמאַן — II 374, 375
קאַנט, עמנואל — II 317
קרעסקאַס, חסדאי — II 248—253
קצות החושן — II 283
קראָכמאַל, נחמן — II 339—344
קלויזנער, יוסף — I 4

## ר

רמב"ם (רבנו משה בן מיימון) — I 15, 29, 95 ; II 143, 147, 202—218
רמב"ן (ר' משה בן נחמן) — I 15 ; II 143, 219—228
רמח"ל (ר' משה חיים לוצאטאָ) — I 23
ראב"ד (ר' אברהם בן דוד) — II 211, 273, 282
ר"ן (רבנו נסים) — II 278
ראָזענצוויג, פראַנץ — II 377
ריזשינער דינאַסטיע — II 406

## ש

שטיינהיים, לודוויג — II 359
שטיינטהאַל, חיים — II 363, 366
שמחה בונם פון פשיסכא — II 406
שמחה זיסל פון קעלם — II 406
שניאור זלמן פון ליאַדי — II 406
שפתי כהן (ש"ך) — II 283
שלמה בן אדרת (רשב"א) — II 236, 282
שמשון בן צדיק — II 282
שבתי צבי — II 287
שאול מאָרטייראָ — II 294
שאַדגאַן — II 136
שפּינאָזאָ, ברוך — I 142 ; II 155, 291—308
שמואל הנגיד — II 178
שלמה שולמי — II 236

## ת

תרגום יונתן — II 211.

# תקון טעות

באַנד I

זייט 63, 2טע שורה. — דאַרף זיין: דער רמב״ם איז נפטר געוואָרן אין יאָר 4427 (1204).

זייט 63, 24טע שורה — פעלט שורה: און 103 יאָר אונטער דער הערשאַפט פון הורדוס און זיין פאַמיליע.

זייט 197 — פעלט שורה: די צייט פון די תנאים.

## אָנערקענונג און דאַנקזאַגונג

צו די אַרויסגעבער פון דער

**יוניווערסעל דזשואיש ענציקלאָפּעדיע**

און צו איר רעדאַקטאָר

**מר. לואיס ראָטענבערג**

פאַר דערלויבן אונז צו באַנוצן זיך מיט אַ טייל פון זייערע בילדער און אילוסטראַציעס. יישר כח!